STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06476

# IN DEM DOR FUN HURBN UN GEULE

Nahum Goldmann

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# אין דעם דור
# פון
# חורבן און גאולה

ד״ר נחום גאָלדמאַן

# אין דעם דור פֿון חורבן און גאולה

פֿאַרבאַנד ביכער־פֿאַרלאַג
געגרינדעט פֿון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פֿאַרבאַנד

1964 ניו־יאָרק תשכ״ה

# IN DEM DOR FUN CHURBAN UN GEULA

## In the Generation of Destruction and Regeneration

By NAHUM GOLDMANN

געדרוקט ביי די ברידער שולזינגער

*Printed in the U.S.A. by*
SHULSINGER BROS., INC.

253

# אינהאַלט

אַ בריוו אַנשטאָט אַ הקדמה........................ זלמן שזר VII
עטלעכע באַמערקונגען..........................אהרן אַלפּערין XI
קורצע ביאָגראַפיע פון דר. נחום גאָלדמאַן.......................... XIII

## אויפן וועג צו דער אידישער מדינה

דאָס אידישע פאָלק אויף דער פּאָליטישער וועלט־אַרענע.......... 3
ציוניזם און די אידישע אַגענטור.................... 11
ציוניסטישע אינערן־און אויסערן־פּאָליטיק.................. 13
אַ פריי פאָלק און אַ מלוכה־פאָלק.................. 15
אַ אידישע מלוכה אין אַ טייל פון ארץ־ישראל.............. 17
פאַרוואָס טיילונגס־פּלאַן ?.................. 21
טיילונגס־פּלאַן — די איינציקע מעגלעכע לייזונג.............. 34
מיינע ערשטע ווערטער צו בעווינען.................. 38

## מדינה און פאָלק

נאָך דער גרינדונג פון מדינת ישראל.................. 41
אין דער שעה פון סכנה.................. 58
וואָס איז איצט ציוניזם ?.................. 68
די צוקונפט פון ציוניזם.................. 91
די באַדייטונג פון גלות.................. 107

## וועלט און וועלט־אידנטום

ווען דער שטורם האָט זיך אַנגערוקט.................. 111
אין די טראַגישע יאָרן.................. 119
צומאָרגנס נאָכן חורבן.................. 127
ערב דער היסטאָרישער אַנטשיידונג.................. 140
צומאָרגנס נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון מדינת ישראל.............. 147
וועלט־אידנטום אין דער נאָך־מלחמה׳דיקער תקופה.............. 163
די אידישע וועלט אין 1936 און אין 1961.................. 186
די לעבנסוויטיקע שותפות.................. 202

## פיגורן פון אַ גרויסן דור

טעאָדאָר הערצל.................. 205
חיים ווייצמאַן.................. 226

אַלבערט איינשטיין . . . . . . . . . . 233
יוסף שפּרינצאַק . . . . . . . . . . 239

## אידן און דייטשן

דירעקטע אידיש־דייטשע פאַרהאַנדלונגען . . . . . . . . . . 251
ביים אויפדעקן דעם דענקמאָל אין בערגען־בעלזען . . . . . . . . . . 261
קיינמאָל ניט פאַרגעסן ! . . . . . . . . . . 269
אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ אין ליכט פון דער אידישער געשיכטע . . . . 270

## קיום און המשך אין אַ געענדערטער צייט

פאַר דער רעטונג פון אונזער יונגן דור . . . . . . . . . . 281
דער יונגער דור אין ישראל און זיין באַציאונג צום וועלט־אידנטום . . . . . . . . 296
אַמעריקאַנער אידנטום נאָכן אידישן חורבן אין אייראָפּע . . . . . . . . . . 303
סך־הכול און אויספירן פון 50 יאָר . . . . . . . . . . 312
פאַרגאַנגענהייט, קעגנוואַרט, צוקונפט . . . . . . . . . . 316

# אַ בריוו צום אַרויסגעבער

(אַנשטאָט אַ הקדמה)

## פון זלמן שזר

אַ דאַנק אייך פאַר אייער גוט-געמיינטער איינלאַדונג צו באַגלייטן די ערשטע זאַמלונג אויסגעוויילטע רעדעס פון מיין לאַנגיאָריקן פריינט, דעם איצטיקן פּרעזידענט פון אונזער ציוניסטישער וועלט-אָרגאַניזאַציע, ד״ר נחום גאָלדמאַן, מיט עטלעכע באַמערקונגען. ווייס איך, אַז איך בין ניט קיין מאדים אויף אַזאַ אויפגאַבע. צווישן אַלע מיינע געזעלשאַפטלעכע חטאים, איז די זינד פון שרייבן הקדמות צו ספרים כמעט ווי ניטאָ. און אוודאי ווייסן מיר ביידע, אַז, אייגנטלעך, נויטיקט זיך גאָר ניט, ניט דער מחבר פון די רעדעס און ניט די זאַמלונג אַליין, וואָס איר האָט מיט אַזוי פיל אַריינטראַכטונג אויסגעקליבן פון די אומצייליקע שריפטן, אין קיין שום רעקאָמענדירנדיקע פירושים. איך וויל אייך נאָר זאָגן אַ האַרציקן יישר כח וואָס איר האָט צוגעטראָגן צום אידישן לעזער אַזאַ געהויבענע מתנה צום זיבעציקסטן געבוירנטאָג פון אונזער ליבן און חשובן אויטאָר.

מיינער אַ קלוגער חבר האָט אַמאָל איינגעטיילט אונזער גייסטיקע משפחה אין בעל-פה׳ניקעס און שבכתב׳ניקעס. ד. ה. אין אַזעלכע, וועמענס הויפּט-כח אַנטפּלעקט זיך בעיקר ווען זיי שטייען אויפן באַלעמער און ריידן פאַרן ברייטן עולם, און אין אַזעלכע וואָס קומען צו זייער בולטסטן אויסדרוק נאָר ווען זיי זיינען זיך מתיחד מיט זיך אַליין און מיט זייער שרייבטיש. געדענק איך, אַז אייגנטלעך איז אונזער יובילאַר אויסן געווען צו זיין אַ שבכתב׳ניק און איך וועל מסתמא ניט עובר זיין אויף קיין שום לאו, אויב כ׳וועל אויסזאָגן אַז ער האַלט אויך איצט אין שרייבן זיין ספר הזכרונות. אָבער אונזער געזעלשאַפטלעכע אַנטוויקלונג האָט געצוואונגען אַז ער זאָל ווערן אַ **בעל-פה׳ניק**, און זיינע רעדעס און רעפעראַטן פילן אוים אונזערע קאָנגרעסן און קאָנפערענצן שוין כמעט אַ יובל-יאָרן אויף אַלע קאָנטינענטן פון אונזער וועלט-גלות, און אויך אין מדינת ישראל. און אויף רעדעס גילט

נאָך אַלץ דער אַלטער כּלל אַז „אין אתּה רשאי״ געבן זיי בּכתב, ד. ה. מעגן מעג מען, נאָר עס לאָזט זיך נישט. עטוואָס גייט דערביי פאַרלאָרן דורך דער טראַנספאָרמירונג פון וואָרט אין שריפט.

און די געריידעטע רעדע איז ביי אים ניט נאָר אַ מיטל אַרויסצוברענגען זיינע רעיונות, נאָר דער עיקר — אַ כּלי־זיין אויף אויסצופעכטן זיינע גײַסטיקע מלחמות. אַ שטרייטער איז ער כּל־ימיו פאַר אידישן רענעסאַנס און מענטשלעכער גערעכטיקייט. און ער שטרייט יאָרנלאַנג פאַר דער גרויסער אידעע צו פאַראייניקן אַלע אידישע כּחות אין איין ראַם, כּדי צוזאַמען צו פאַרטיידיקן די אידישע צוקונפט.

אין דעם אַלטן אוצר פון אידישע טיטולן, אינעם אַנהויב פון אונזער גלות־לעבן, איז פאַראַן אַ געהויבענע אויסצייכענונג וואָס רופט זיך: מדברנא דאומתיה. עס האָט אין זיך אַ מין שפּילערישע פאַרבינדונג פון פירערשאַפט און רעדנערשאַפט צוזאַמען, אַ מין קעגנזייטיקע אָפּהענגיקייט און שטענדיקע דערגענצונג; פירער ווייל רעדנער, און רעדנער מיטן כּח פון פירער־אויטאָריטעט. אַזוי קענען מיר אים אַלע יאָרן, סיי אין ציוניזם און סיי אין דער קאָנגרעס־באַוועגונג, און אַזוי אין אַלע געזעלשאַפטלעכע קאָמבינאַציעס וואָס זיינען אויסן צונויפצוזאַמלען די אידישע רעפּרעזענטאַנץ. דאָ דערשיינט אים דאָס איינדרוקספולע ריידן ווי דאָס וויכטיקסטע געווער: ריידן כּדי איבערצורייִדן קעגנער, כּדי אויסצורייִדן די פירושים, כּדי אַרומצורייִדן די הויפּט־מאָטיוון, און דער עיקר כּדי צו דעררייִדן־זיך צו אַ תּכלית, און דער תּכלית איז צוזאַמענריידן זיך און דערשיינען ווי איין געאייניקטער פראָנט אויף וויפיל ס'איז נאָר מעגלעך און ווייל דאָס פאָלק איז אַזוי צעשפּרייט איבער שבעת ימים און פאַרטיילט אין זיבן מאָל זיבן אָרגאַניזאַציעס — מוז מען האָבן דערצו אַ באַזונדערע בּאַגאַבונג. אי חכמה, אי טאַלאַנט, אי געניטקייט, און באַהאַוונטקייט און בויגזאַמקייט — אָט די אַלע און אַנדערע מעלות מיט וועלכע עס צייכנט זיך אויס אָט דער רעדנערישער פירער.

אין אייער קליינער זאַמלונג — קליין, ווייל אומצייליק זיינען זיינע רעדעס, רעפעראַטן און אַרטיקלען אין פאַרשידענע לשונות — איז אייך געלונגען צו ברענגען שליסל־רעדעס אין די וויכטיקסטע הויפּט־מאָמענטן פונעם אידישן גורל אין אונזער דור. דעריבער איז עס געוואָרן אַ מין קאָנדענסירטער וועגווייזער אין די הויפּט־עטאַפּן

פון זיינע געזעלשאַפטלעכע אַנטשיידונגען. און ס'איז גוט וואָס איר האָט עס צוגעטראָגן צום אידישן לייענער, סיי כדי צו געדענקען און אָפּצושאַצן, און סיי כדי צו וויסן און אָנצוזאָגן אַז מיר שטייען נאָך אין מיטן וועג, אָנזאָגן און אויפצופאָדערן.

וויל איך זיין אַ שותף פון גאַנצן האַרצן צו די פילע ברכות וואָס וועלן זיך טראָגן היינטיקס יאָר, דעם יאָר פון זיין 70טן געבוירנטאָג, סיי פון זיינע נאָענטסטע באַוועגונגס-פריינט און סיי פון דער גאַנצער אידישער געזעלשאַפטלעכקייט. און זאָל אָט די זאַמלשריפט אייערע זיין דערצו אַ שיינע התחלה.

דאָס אידישע פאָלק איז אין משך פון זיין גאַנצער נייער געשיכטע נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזוי רייף פאַר אַ אידייאישער געאייניקייט אַזוי ווי היינט. די גרויסע גייסטיקע מחלוקת'ן וואָס האָבן צעריסן אין די לעצטע דורות אונזער פאָלק, סיי פּאָליטיש און סיי רעליגיעז, סיי שפּראַכלעך און סיי געזעלשאַפטלעך, דערנענטערן זיך צו זייער סינ-טעז. אָבער די אָרגאַניזאַציאָנעלע צעברעקלטקייט איז נאָך היינט פונקט אַזוי שטאַרק ווי געווען, אויב ניט נאָך מער. ווייס איך אַז עס איז ניטאָ פאַר מיין פריינט, דעם יובילאַר, קיין גרעסערע ברכה ווי זוכה צו זיין בקרוב צו ממשות'דיקע דערפאָלגן אויך אויף אָט דעם שווערסטן און אומדאַנקבאַרן און צוקונפטרייכן געביט. און אַזוי ווי דער אויפקום פון דער אידישער מדינה, מיט אירע אויפלויכטונגען און פאַרפליכטונגען זאָגט-אָן די גייסטיקע ווידער-פאַראייניקונג פונעם גאַנצן אידישן פאָלק, אַזוי וועט זי אויך אויסשטראַלן איר ווירקונג אויף דער געזעלשאַפטלעכער צעמענטירונג פון אידן אַרום איר אין גאַר דער וועלט.

# עטלעכע באַמערקונגען

דאָס בוך „אין דעם דור פון חורבן און גאולה״ איז אַ זאַמלונג פון רעדעס, רעפעראַטן, עסייען און אַרטיקלען פון דר. נחום גאָלדמאַן במשך פון אַ צייט פון איבער פערציק יאָר.

דר. נחום גאָלדמאַן איז אַ ציוניסט פון זיין פריעסטער יוגנט, אויפגעוואַקסן אין אַ ציוניסטישער משפחה. זיין ערשטע ציוניסטישע רעדע האָט ער געהאַלטן יונגערהייט, אויף אַ ציוניסטישער פאַרזאַמלונג אין פראַנקפורט. אויך זיין ליטעראַרישע אַרבעט האָט ער אָנגעהויבן גאָר פרי. אין עלטער פון 18 יאָר האָט ער אין 1913 געמאַכט זיין ערשטע נסיעה קיין ארץ־ישראל און זיינע רייזע־איינדרוקן באַשריבן אין אַ בוך, וואָס איז דערשינען אין דייטש: „ארץ ישראל — רייזע־בריוו פון פאַלעסטינע״.

דר. נחום גאָלדמאַן האָט פאַר דער צייט, וואָס ווערט אַרומגענומען אין דעם בוך „אין דעם דור פון חורבן און גאולה״, געהאַלטן הונדערטער רעדעס און רעפעראַטן ביי קאָנגרעסן, אויף אידישע וועלט־קאָנפערענצן, אויף צוזאַמענ־פאָרן און פאַרזאַמלונגען אין אידישע ישובים איבער דער גאָרער וועלט. אין משך פון די יאָרן האָט דר. נחום גאָלד־מאַן אויך פאַרעפנטלעכט אַ גאַנצע רייע אָפּהאַנדלונגען און עסייען וועגן ציוניסטישע און אַלגעמיין־אידישע פּראָבלעמען אין פאַרשידענע צייטשריפטן. אין דעם איינעם באַנד, וואָס ווערט איצט איבערגעגעבן די לייענער, האָט געקאָנט אַריינ־גענומען ווערן נאָר אַ בצמצום׳דיקער אויסוואַל פון דר. נחום גאָלדמאַנ׳ס רעדעס און אַרטיקלען — פון די, וואָס צייכענען־אָן די וויכטיקסטע געשעענישן, אַנטוויקלונגען און מאָמענטן אין ציוניזם און אין לעבן פון אידישן וועלט־פאָלק אין די פאַרגאַנגענע פיר יאָרצענדליקער.

פאַר דעם אויסוואַל און פאַר די באַמערקונגען צו דר. נחום גאָלדמאַנ׳ס פאַרעפנטלעכטע אין דעם בוך רעדעס און אָפּהאַנדלונגען דאַרף די פולע אַחריות צוגעשריבן ווערן צו דעם, וועלכער חתמ׳עט די דאָזיקע שורות.

אהרן אַלפּערין

ניו־יאָרק, אלול תשכ״ד, אויגוסט 1964



# דר. נחום גאָלדמאַן

(קורצע ביאָגראַפיע)

דר. נחום גאָלדמאַן, פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע און פּרעזידענט פון אידישן וועלט־קאָנגרעס, איז געבוירן געוואָרן אין שטעטל ווישניעווע, פּוילן, דעם 10טן יולי 1895. ער איז דערצויגן געוואָרן אין דייטשלאַנד, אין פראַנקפורט־אַם־מאַין, און האָט שטודירט אין די אוניווערזיטעטן אין היידעלבערג, מאַרבורג און בערלין.

דר. נחום גאָלדמאַן איז אויפגעוואַקסן אין אַ ציוניסטישער משפּחה. זיין פאָטער, אַ שריפטשטעלער און משכיל, וועלכער האָט רעדאַגירט די צייטשריפט „פראַנקפורטער איזראַעליטישעס פאַמיליענבלאַט", איז געווען אַ דעלעגאַט צו די ערשטע ציוניסטישע קאָנגרעסן. אין 1913 איז דר. גאָלדמאַן צום ערשטן מאָל געפאָרן אויף אַ באַזוך אין ארץ־ישראל, וואו ער איז פאַרבליבן עטלעכע חדשים. זיין רייזע האָט ער באַשריבן אין אַ בוך, וואָס איז דערשינען אין דייטש: „ארץ־ישראל, רייזע־בריוו פון פּאַלעסטינע".

אין 1922 האָט דר. גאָלדמאַן געגרינדעט דעם פאַרלאַג „אשכול", וואָס האָט אַרויסגעגעבן די „ענציקלאָפּעדיאַ יודאַאיקאַ". צען בענד פון דער ענציקלאָפּעדיע זיינען דערשינען אין דער דייטשער שפּראַך און צוויי אין העברעאיש, ביזן אָנקומען פון היטלער־רעזשים, ווען דער פאַרלאַג איז געווען געצוואונגען אָפּצושטעלן זיין טעטיקייט.

אין 1927 איז דר. גאָלדמאַן געוויילט געוואָרן אַלס מיטגליד פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט. ער איז געווען אַ מיטגליד פון דער פּאָליטישער קאָמיסיע פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט פאַרהאַנדלט מיט דער ענגלישער רעגירונג פון פּרעמיער דזשיימס מעקדאָנאַלד נאָכן פאַרעפנטלעכן דאָס „ווייס־בוך" פון פּאַספילד'ן. אין 1933 איז דר. גאָלדמאַן געוואָרן פאַרטרעטנדיקער פאָרזיצער פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט.

אין 1935 איז דר. גאָלדמאַן געוויילט געוואָרן אַלס מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע און איז געוואָרן דער פאַרטרעטער פון דער אידישער אַגענטור פאַר ארץ־ישראל ביי דער פעלקער־ליגע אין זשענעווע. אויף די ציוניסטישע קאָנגרעסן אין 1937, 1939 און 1946 איז דר. גאָלדמאַן ווידערגעוויילט געוואָרן אַלס מיטגליד פון

דער ציוניסטישער וועלט־עקזעקוטיווע. אין 1941 האָט דר. גאָלדמאַן זיך באַזעצט אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

אין 1932 האָט דר. נחום גאָלדמאַן איבערגענומען אויף זיך די אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן דעם אידישן וועלט־קאָנגרעס, וואָס איז זיך צונויפגעקומען צו זיין גרינדונגס־פאַרזאַמלונג אין 1936, אין זשענעווע. נאָכן טויט פון לעאָ מאָצקין, אין 1933, איז דר. גאָלדמאַן געוואָרן זיין נאָכפאָלגער אַלס פּרעזידענט פון קאָמיטעט פון די אידישע דעלעגאַציעס אין פּאַריז. ווען דער אידישער וועלט־קאָנגרעס איז געגרינדעט געוואָרן, אין 1936, איז דר. גאָלדמאַן געווילט געוואָרן אַלס פאָרזיצער פון דער עקזעקוטיווע. אין מאַי 1949 איז דר. גאָלד־מאַן באַשטימט געוואָרן אַלס צייטווייליקער פּרעזידענט פון אידישן וועלט־קאָנגרעס, ביז צו דער נאָענסטער אַלגעמיינער סעסיע. ביי דער דריטער פּלענאַרער סעסיע פון אידישן וועלט־קאָנגרעס, אין 1953, איז דר. גאָלדמאַן געווילט געוואָרן אַלס פּרעזידענט פון אידישן וועלט־קאָנגרעס.

ביי דער פּלענאַרער סעסיע פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אין מאַי 1949, אין ירושלים, איז דר. גאָלדמאַן געווילט געוואָרן אַלס פאָרזיצער פון דער אַמעריקאַנער סעקציע פון דער אידישער אַגענטור.

דר. גאָלדמאַן איז געווען פּרעזידענט פון 23טן ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס האָט זיך פאַרזאַמלט אין אויגוסט 1951 אין ירושלים. ביים דעם קאָנגרעס איז ער געווילט געוואָרן אַלס איינער פון די צוויי פאָרזיצער פון דער עקזע־קוטיווע פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע און פון דער אידישער אַגענטור פאַר ארץ־ישראל.

דר. גאָלדמאַן איז פּרעזידענט פון דער קאָנפערענץ פאַר אידישע מאַ־טעריעלע תביעות צו דייטשלאַנד, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין יאָר 1951 אויף זיין איניציאַטיוו פאַר באַקומען פון דער דייטשער רעגירונג די „שלומים״־געלטער. ער איז אויך פאָרזיצער פון קאָמיטעט פאַר די אידישע מאַטעריעלע תביעות צו עסטרייך.

אין יאָר 1958 האָט דר. גאָלדמאַן געשאַפן די וועלט־קאָנפערענץ פון די אידישע אָרגאַניזאַציעס („קאָזשאָ״), אין וועלכער עס באַטייליקן זיך: אַלע אָפּטיילונגען פון אידישן וועלט־קאָנגרעס; „בני ברית״; „באָרד אָוו דעפּיו־טיס״ פון ענגלישע אידן; אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס; קאַנאַדער אידי־שער קאָנגרעס; רעפּרעזענטאַטיווער ראַט פון אידן אין פראַנקרייך („קריף״); רעפּרעזענטאַנץ פון אַרגענטינער אידישע אָרגאַניזאַציעס („דאַיאַ״); עקזע־קוטיוו־ראַט פון אויסטראַלישן אידנטום; אידישער אַרבעטער־קאָמיטעט; און

דרום־אַפריקאַנער אידישע „באָרד אָוו דעפּיוטיס”. די אידישע אַגענטור פאַר ישראל נעמט אָנטייל אַלס באַאָבאַכטער. דר. נחום גאָלדמאַן איז פּאָרזיצער פון דער וועלט־קאָנפערענץ פון די אידישע אָרגאַניזאַציעס.

ביים 24טן ציוניסטישן קאָנגרעס, אין אַפּריל 1956 אין ירושלים, איז דר. נחום גאָלדמאַן געוויילט געוואָרן אַלס פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. און ביים 25טן ציוניסטישן קאָנגרעס, אין יאַנואַר 1961 אין ירושלים, איז דר. גאָלדמאַן ווידער געוויילט געוואָרן אַלס פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע.

# אויפן וועג
# צו דער
# אידישער מדינה

נאָך דער פאַרעפנטלעכונג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע אין 1917 און נאָך דער באַשטעטיקונג פון ענגלישן מאַנדאַט איבער ארץ־ישראל אויף דער קאָנפערענץ פון די אַליאירטע מלוכות אין סאַן רעמאָ, אין 1920, האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע תקופה אין אידישן היימלאַנד, וואָס האָט זיך אָפּגעשלאָסן מיט דעם היסטאָרישן אַקט פון דער פּראָקלאַמירונג פון מדינת ישראל, דעם 14־טן מאַי 1948 — ה׳ אייר תש״ח.

דר. נחום גאָלדמאַן האָט שוין אין די ערשטע יאָרן פון דער תקופה געהערט צו דער פירערשאַפט פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג, גענומען אַ פּראָמינענטן אָנטייל אין די ציוניסטישע קאָנגרעסן און ווערנדיק געוויילט אַלס מיטגליד פון די צענטראַלע קערפּערשאַפטן פון דער וועלט־אָרגאַניזאַציע.

דר. גאָלדמאַנ׳ס אַרטיקלען און רעדעס וואָס ווערן דאָ געבראַכט אילוסטרירן די הויפּט־מאָמענטן פון ציוניסטישן פּאָליטישן קאַמף אונטערן מאַנדאַט־רעזשים אין ארץ־ישראל — אויפן וועג צו דער אידישער מדינה.

א. א.

# דאָס אידישע פאָלק אויף דער פּאָליטישער וועלט־אַרענע

(אויסצוגן פון דריי אַרטיקלען, געדרוקט אין די „פרייע ציוניסטישע בלעטער", דערשינען אין היידעלבערג, דייטשלאַנד, אין 1921)

## ציוניסטישע פּאָליטיק פאַר און נאָך סאַן רעמאָ

(„פרייע ציוניסטישע בלעטער", ערשטער נומער, יאַנואַר 1921)

אין דעם טאָג, ווען אין סאַן־רעמאָ איז באַשטעטיקט געוואָרן דער ענגלישער מאַנדאַט איבער ארץ־ישראל, איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן דאָס קאַפּיטל פון דער ציוניסטישער פּאָליטיק פון די מלחמה־יאָרן. דער טאָג פון סאַן־רעמאָ ווערט געפייערט דורכן אידישן פאָלק אַלס אַ היסטאָרישע דאַטע, אַלס דער אָנהויב פון אַ נייער עפּאָכע אין אונזער געשיכטע. צי דאָס איז אַזוי, אָדער ניט — איז בכל־אופן וויכטיק זיך אָפּצו־שטעלן אויף אַ וויילע און מאַכן דעם סך־הכול פון דער ציוניסטישער פּאָליטיק אין די לעצטע יאָרן, פון וועלכער סאַן־רעמאָ איז דער רעזולטאַט.

פּאָליטיק, זאָגט מען, דאַרף געאורטיילט ווערן לויט אירע דערפאָלגן. דאָס איז פאַלש. פּאָליטיק איז ניט נאָר אַרבעט פאַר אַ צוועק, ניט בלויז אַקטיוויטעט פאַר אַ באַשטימטן ציל. פּאָליטיק איז אויך האַלטונג, שטעלונג, אויסדרוק פון אַן אינערלעכער איבערצייגונג. פּאָליטיק איז פיזיאָנאָמיע. די נשמה פון אַ פאָלק דריקט זיך אויס אין פּאָליטיק. עס איז די כאַראַקטעריסטיק פון אַ גרויסן מענטשן, פון אַ גרויס פאָלק צו באַטראַכטן זיין האַלטונג פאַר וויכטיקער, ווי זיינע דערפאָלגן; צוצוגעבן זיינע מיטלען מער חשיבות, ווי דעם צוועק. די צילן און צוועקן פון מענטשן זיינען כמעט שטענדיק די זעלבע. ערשט אין דעם אויסוואַל פון די מיטלען אַנטשיידעט זיך דער ניוואָ פון דעם מענטשן, ווי פון אַ פאָלק.

אין דעם ליכט פון די דאָזיקע באַטראַכטונגען דאַרף מען פּרוואָוון אויס־צוגעפינען די פיזיאָנאָמיע פון דער ציוניסטישער פּאָליטיק אין די לעצטע יאָרן. איך האָב מורא, אַז אַזאַ פּרוואָוו וועט זיך ניט איינגעבן. אומזיסט וועט מען זוכן די שטריכן פון אַזאַ אייגנטימלעכער, ספּעציעלער פיזיאָנאָמיע. זי איז אינגאַנצן די זעלבע, ווי די פּאָליטיק פון אַנדערע אייראָפּעאישע פעלקער. זי פּאַסט זיך אינגאַנצן אַריין, מיט אירע פאָרמען און מעטאָדן, אין דעם

סיסטעם פון דער אייראָפּעאישער פּאָליטיק. זי איז ריין־דיפּלאָמאַטישע פּאָליטיק.

פאַראַן אַ באַרעכטיקטער צווייפל, צי מען זאָל זיך באַציִען פּאָזיטיוו צו אַזאַ פּאָליטיק. מיר, אידן, האָבן אַלס פאָלק ניט געוואוסט פון קיין נאַציאָנאַלער פּאָליטיק זינט צוויי טויזנט יאָר. אונז האָט געפעלט די מעגלעכקייט זיך אויסצודריקן דורך דעם דאָזיקן מיטל, אָנצונעמען אַ שטעלונג צו ענינים און געשעענישן פון טאָג און פון דער געשיכטע. דער ציוניזם האָט אַלס די שטאַרקסטע פון זיינע פאָדערונגען אַרויסגעהויבן דעם פּאָסטולאַט צו קענען פירן אַן אייגענע נאַציאָנאַלע אידישע פּאָליטיק. אין די לעצטע יאָרן איז אונז צום ערשטן מאָל געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט דאָס צו טאָן. צום ערשטן מאָל האָבן מיר באַקומען די באַדינגונגען פאַר פירן אַ פּאָליטיק אין נאָמען פון פאָלק, אַ נאַציאָנאַלע פּאָליטיק; צו רעדן און געהערט צו ווערן; אַרויסצושטעלן פאָדערונגען און זען, אַז די פאָדערונגען זאָלן דערפילט ווערן. עס איז ניט קיין שטאַרקער לויב פאַר אונז, אַז מיר האָבן מיט דער דאָזיקער מעגלעכקייט זיך באַנוצט נאָר דערפאַר, בכדי איבערצונעמען די אַלטע טראַדיציאָנעלע פאָרמען פון דער אייראָפּעאישער דיפּלאָמאַטיע.

צוויי טויזנט יאָר זיינען מיר געזעסן אין דעם טעמפּן ווינקל פון דער געשיכטע. ווי שטאַרק האָבן מיר פיינט געהאַט די ברוטאַלע פּאָליטיק פון די אייראָפּעאישע פעלקער! מיר זיינען אַנטלאָפן פון דעם אייראָפּעאישן אימפּעריאַליזם און פון זיין גרענעצלאָזן יאָגן זיך נאָך מאַכט. אונזער אַריינקומען אין דער פּאָליטישער אַרענע איז געווען דער ערשטער פּרואוו צו באַווייזן דעםביישפּיל, אַז מיר ווילן עס מאַכן אַנדערש; צו דעמאָנסטרירן, אַז מיר מיינען ערנסט מיט אונזער קריטיק, מיט אונזער פאָדערונג צו שטעלן גייסט איבער מאַכט, די אידייע איבער צוועקמעסיקייט. אָבער ווען מען שטעלט אַוועק אונזער ציוניסטישע פּאָליטיק אַנטקעגן דער אַלגעמיינער אייראָפּעאישער פּאָליטיק, דאַרף מען זיך שטאַרק פרעגן, צי מיר האָבן אויסגעהאַלטן דעם דאָזיקן ערשטן פּרואוו. איך האָב מורא, אַז ווער עס איז ערלעך, וועט מוזן זאָגן, אַז ניין.

ווען דאָס אידישע פאָלק איז אין דער איצטיקער צייט פון גרויסע רעוואָלוציאָנערע אַנטשיידונגען און פון דעם אומגעהויערן קריזיס אין דעם אייראָפּעאישן פּאָליטישן סיסטעם אַרויפגעקומען אויף דער פּאָליטישער אַרענע — וואו אַנדערש האָט ער געדאַרפט פאַרנעמען זיין אָרט, אויב ניט אויף דער זייט פון די פאָרטרעטער פון דער נייער אָרדענונג, פון די אָנזאָגער פון נייעם מאָרגן, פון די וואָרטפירער פון דער נייער אייראָפּע? ווי די רעוואָלוציאָנערן

פון דער געשיכטע אַזוי לאַנג, ווי מיר זיינען געווען אין דער אָפּאָזיציע; אַזוי לאַנג ווי מיר זיינען געווען די אַרויסגעשטויסענע, די צוריקגעוואָרפענע, די פאַרפאָלגטע — זאָלן מיר אין דעם מאָמענט, ווען מיר קריגן דעם צוטריט צו דער אַלגעמיינער פּאָליטישער אַרענע, זיך אָנשליסן גלייך אין די וועלכע זיינען די פאַרמעגלעכע, די באַזיצער און וועלכע פאַרטיידיקן די אַלטע פּרינציפּן פון דער רעאַקציע? איז באמת אונזער רעוואָלוציאָנערע האַלטונג געווען נאָר אַ פּראָטעסט, נאָר אַ רעזולטאַט דערפון, וואָס מיר זיינען געשטאַנען אין אַ זייט? האָבן מיר באמת געלויבט דעם גייסט נאָר דערפאַר, ווייל מיר זיינען געווען הונגעריק נאָך ברויט?

מיר האָבן אָנגענומען דאָס אייראָפּעאישע פּאָליטישע סיסטעם, אַזוי ווי עס איז איצט, בעת מיר פלעגן תמיד רעדן וועגן גאולה און משיח׳ס צייטן. און אין דעם ליגט אַ גרויסע געפאַר. אין אַ פּאָלעמיק קעגן דעם שטאַנדפּונקט, וואָס ווערט דאָ אויסגעדריקט, האָט מען געזאָגט, אַז מיר האָבן געשלאָסן אַ געשעפט מיט ענגלאַנד און דאַרפן דעריבער מאַכן קאָנצעסיעס. יעדעס געשעפט שטיצט זיך אויפן קעגנזייטיקן נאָכגעבן. זייער ריכטיק. געשעפטן דאַרף מען מאַכן. און עסקים שטיצן זיך טאַקע אויף קעגנזייטיקע קאָנצעסיעס. אַלץ איז אמת. אָבער אַ געשעפט רופט מען ניט אָן גאולה. ביים אָפּשליסן אַ גוטן מסחר מאַכט מען ניט קיין שהחיינו. און אַ שותף צו אַ געשעפט, ווען אַפילו מען פאַרדינט פון אים אַ סך, רופט מען ניט אָן משיח.

***

אַזוי זעט אויס דאָס בילד פון דער איצטיקער סיטואַציע, בנוגע דער ווירקונג פון דער ציוניסטישער פּאָליטיק אויפן אידישן פאָלק און אויף זיין אינערלעכער פּאָליטיזירונג. מיט ניט ווייניקער שווערע קאָנסעקווענצן האָט אונזער איצטיקע פּאָליטיק זיך אָפּגערופן אויף דעם צווייטן הויפּט־עלעמענט פון ציוניזם — אויף ארץ־ישראל.

ארץ־ישראל איז דער ציל פון יעדער ציוניסטישער פּאָליטיק. פון ארץ־ישראל נעמט זי איר קראַפט און לעגיטימיטעט. ארץ־ישראל איז די העכסטע קריטעריע פאַר דער אָפּשאַצונג און באַאורטיילונג פון אונזער פּאָליטיק, אין איר גאַנצקייט און אין יעדן באַזונדערן אַקט. מוז מען זיך דעריבער מאַכן קלאָר, וואָס ארץ־ישראל באַדייט פאַר אונז. קודם־כל און אין דער ערשטער רייע איז ארץ־ישראל נאַטירלעך די טעריטאָריע, דאָס לאַנד, דאָס פאָטער־לאַנד. אָבער צי זיינען דען אַלע אין ציוניזם נישט איינשטימיק וועגן דעם, אַז ארץ־ישראל באַדייט פאַר אונז עפּעס מער, ווי טעריטאָריע? אָט וועגן

דעם פאַרנעם און וועגן דעם כאַראַקטער פון דעם „עפּעס מער״ גייט־אָן דער קאַמף אין אונזער באַוועגונג. מיר ווילן אויפבויען אין ארץ־ישראל אַ בעסער, שענער, אַנשטענדיקער לעבן, ווי עס איז אונזער עקזיסטענץ אין גלות. מיר האָפן דאָרט צו פאַרווירקלעכן באַשטימטע אידעאַלן, רעאַליזירן באַשטימטע פאָדערונגען. אויך דאָ גיט אונז די פאַרגאַנגענהייט גרויסע אָנווייזונגען און ריכט־ליניעס. ציון איז געווען אַן אידעאַלער באַגריף און איז אַזוי געבליבן פאַר אונז אַלעמען. איך זאָג ניט, אַז דאָס איז דער אַנטשיידנדיקער עלעמענט אין אונזער ארץ־ישראל־ציל. איך זאָג ניט, אַז אַן דעם זאָלן מיר ניט שטרעבן צו ארץ־ישראל. אָבער מיר ווילן דאָך אַלע צונויפשמעלצןביידע עלעמענטן: דאָס טעריטאָריאַלע ארץ־ישראל מיט דעם אידעאַלן ציון.

וועט מען פרעגן: וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט דעם אופן פון אונזער פּאָליטיק? אונזער פּאָליטיק דאַרף אונז צוריקגעבן דאָס לאַנד. דערנאָך וועט עס זיין אונזער אויפגאַבע אויפצובויען דאָרט אונזער לעבן לויט אונזער אייגענעם ווילן. אַזוי טראַכטן די מערסטע צווישן אונז. ווי שלעכט, ווי צו־ראַציאָנאַליסטיש, און ווי אויך פּאָליטיש פאַלש איז דער דאָזיקער אופן פון טראַכטן!

דאָס אָפּטיילן דעם צוועק פון די מיטלען, דעם ציל פון דעם וועג, די אידייע פון דער פאָרם פון איר פאַרווירקלעכונג איז לאָגיש דערלויבט און אויך נויטיק. אָבער אין דער אמת'ער רעאַליטעט איז דאָס פאַלש און אומ־מעגלעך. דאָ פאַראייניקן זיך ביידע עלעמענטן. רעאַליטעט איז די סינטעזע פון ביידע און דאָס קעגנזייטיקע איינשליסן פון איינעם דעם צווייטן.

צי פאַרשטייט מען די באַדייטונג דערפון, אַז אונזער פּאָליטיק מוז אויך האָבן אַ ווירקונג אויף דער אויספאָרמירונג און געשטאַלטונג פון אונזער לעבן אין ארץ־ישראל? עס איז אַן אַבסורד צו זאָגן: עס איז גאַנץ גלייכ־גילטיק וויאַזוי מיר וועלן קריגן ארץ־ישראל. נאָכדעם, ווי מיר וועלן שוין האָבן דאָס לאַנד, וועלן מיר עס אויפבויען און אויספאָרמירן לויט אונזער אייגענעם ווילן. ניין און ניין! דער אופן, ווי אַזוי מיר וועלן באַקומען ארץ־ישראל, בינדט אונז, פאַרפליכטעט אונז, באַשטימט און אַנטשיידעט שוין איצט וועגן דער פאָרם פון שפּעטערדיקן אויפבוי. שוין איצט און דאָ ווערט ארץ־ישראל געבויט. יעדער אַקט, וואָס ווערט אונטערגענומען צו קריגן ארץ־ישראל; יעדער שריט, וואָס ווערט געטאָן; יעדע האַנדלונג אונזערע אַנטשיידעט וועגן דעם אופן און כאַראַקטער פון דער קומענדיקער אידישער געזעלשאַפט אין ארץ־ישראל. דאָס לייגט אַרויף אַן אומגעהויערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט אויף אונזער פּאָליטיק. און דעריבער איז עס ניט קיין פּאָליטיק בלויז פון

היינטיקן טאָג, וואָס מיר קענען פירן, ווען אַפילו אַזאַ פּאָליטיק קען אונז ברענגען ארץ־ישראל.

פון די ביידע שטאַנדפּונקטן — סיי בנוגע דעם אידישן פאָלק און סיי וואָס איז שייך די צוקונפט פון ארץ־ישראל — איז דעריבער אונזער פּאָליטיק אַ געפערלעכע, און די לאַגע, אין וועלכער זי האָט אונז אַריינגעפירט, איז אַ ניט־נאַטירלעכע. זי איז דיפּלאָמאַטישע פּאָליטיק, געשעפטס־פּאָליטיק, אָבער ניט דער אויסדרוק פון דער אינערלעכער האַלטונג פון פאָלק. די דאָזיקע פּאָליטיק מוז דעריבער אַרויסרופן אונזער קריטיק, פּראָטעסט און קאַמף.

## אין קאַמף פאַרן כאַראַקטער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג

(„פרייע ציוניסטישע בלעטער", צווייטער נומער, אַפּריל 1921)

דער קומענדיקער ציוניסטישער קאָנגרעס האָט פאַר זיין וויכטיקסטער אויפגאַבע צוריקצוגעבן דער ציוניסטישער באַוועגונג דאָס באַוואוסטזיין, אַז דער הויפּט־שטיצפּונקט און דער תוך פון איר אַרבעט געפינען זיך ביי די ברייטסטע מאַסן פון די ציוניסטן; אַז דאָס ריין־פּאָליטישע דאַרף זיין בלויז אַ מיטל, אָבער קיינמאָל ניט דאָס אַנטשיידנדיקע און צענטראַלע פון אונזערע אויפגאַבן. דער קומענדיקער קאָנגרעס קען אַראָפּפירן דעם ציוניזם פון זיין פאַלשן וועג פון ריין־דיפּלאָמאַטישער איינשטעלונג, אויף וועלכן ער איז געגאַנגען אין די לעצטע יאָרן, און אים פאַרוואַנדלען צוריק אין דער גרויסער נאַציאָנאַל־קולטורעלער פאָלקס־באַוועגונג, וואָס ער איז פריער געווען.

דער קומענדיקער קאָנגרעס וועט דאַרפן אַנטשיידן, וואָס פאַר אַ כאַראַקטער די ציוניסטישע באַוועגונג זאָל האָבן אין דער צוקונפט: צי זי זאָל בלייבן אַ דעמאָקראַטישע, ראַדיקאַל־נאַציאָנאַלע פאָלקס־באַוועגונג, — ווי זי איז געווען ביז איצט, אָדער האָט לכל־הפּחות געוואָלט זיין, — אָדער זאָל אומגעוואַנדלט ווערן אין אַ פּראַקטישער, פּלוטאָקראַטישער און פילאַנטראָפּישער קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפט. דער גאַנצער קאָנפליקט מיט דער פירער־שאַפט פון אַמעריקאַנער ציוניזם באַשטייט אַרום דעם דאָזיקן פּראָבלעם. און די מערסטע שפּאַלטונגען און חלוקי־דעות אויך אין אייראָפּעאישן ציוניזם זיינען אַרויסגעקומען איבער דער דאָזיקער גורל־פראַגע.

דער ענטפער אויף דער פראַגע וועט זיין אַנטשיידנדיק פאַר דער גאַנצער צוקונפט פון ציוניזם. און דער ענטפער מוז זיין אַ קלאָרער: אַזוי, אָדער אַזוי,

אָן שום קאָמפּראָמיסן. דער זיג פון אָפיציעלן אַמעריקאַנער שטאַנדפּונקט וועט באַדייטן דעם סוף פון ביז־איצטיקן ציוניזם און די שאַפונג פון אַ נייעם. עס גייט באמת וועגן זיין אָדער ניט־זיין פון דער באַוועגונג אין איר ביז־איצטיקער פאָרם.

מיר מוזן אויך דאָ באַזיצן דעם כוח פון גלויבן, פון בטחון, וואָס כאַראַק־טעריזירט די אמת־אידעאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע פאָלקס־באַוועגונגען, וועלכע יאָגן זיך ניט נאָך קליינע גיכע דערפאָלגן, נאָר האָבן פאַר זיך תמיד זייערע גרויסע צילן. נאָר מיט אַזאַ גלויבן קען מען דערציען מענטשן, מאַסן און פעלקער. נאָר מיט דעם דאָזיקן גלויבן קען מען איצט דעם ציוניזם באַנייען און אויפפרישן. מיטן כוח פון דאָזיקן גלויבן וועט דער ציוניזם אַרויסקומען זיגרייך פון זיין איצטיקן קריזיס און בלייבן די רעוואָלוציאָנערע פאָלקס־באַוועגונג פון גרויסן היסטאָרישן פאָרמאַט.

## צי האָבן מיר עפּעס געלערנט?

(„פרייע ציוניסטישע בלעטער", דריטער נומער, יולי 1921)

...ווען עס איז געקומען סאַן רעמאָ (די קאָנפערענץ אין 1920, אויף וועלכער די אַליאירטע מלוכות האָבן באַשטעטיקט דעם ענגלישן מאַנדאַט איבער ארץ־ישראל), איז עס געווען אַ רעטונג, נישט נאָר פּאָליטיש און דיפּלאָמאַטיש, נאָר אויך אינערלעך פאַר דעם באַוואוסטזיין פון די מערסטע ציוניסטן. די געפאַר פון אַ צוזאַמענברוך האָט אויסגעזען צו זיין באַזייטיקט.

צי האָבן מיר אָבער פון יענעם קריטישן מאָמענט עפּעס געלערנט? קוים איז ער פאַרביי, האָבן מיר ווייטער געהאַנדלט אַזוי, ווי עס וואָלט קיינמאָל גאָרניט געשען. ביז עס איז אויסגעבראָכן אַ נייער שטורם: די מאַי־אומרוען אין יפו.

די ווירקונג איז געווען נאָך שטאַרקער, ווי ביים ערשטן מאָל. דער־שלאָגנקייט, פאַרצווייפלונג, אָפּהענטיקייט. עס האָט אויסגעזען אַזוי, ווי דער ישוב אין ארץ־ישראל וואָלט פּלוצלונג אַנטדעקט די עקזיסטענץ פון דער אַראַבער־פראַגע. אין דעם דאָקומענטירט זיך דער אומסאָלידער, דער קאָניונקטור־מעסיקער כאַראַקטער פון אונזער פּאָליטיק. אין משך פון יאָרן האָבן מיר אין דער פּאָליטשער ספערע געהאַנדלט מיט אומגעהויערער ענערגיע און געשעפטס־פּראַקטיק. מיר האָבן ביוראָס, אַגענטורן, סעקרעטאַריאַטן. מיר זיינען אומעטום און כסדר אין אַקציע. אָבער דאָס וויכטיקסטע, דאָס עלע־

מענטאַרסטע פון אַלע פּאָליטיש־סאָציאַלע פּראָבלעמען; דאָס פּראָבלעם, וואָס איז אַמנאָענטסטן און וואָס מען קען אָנטאָפּן מיט דער האַנט — די אַראַבער־פראַגע, האָבן מיר פאַרזען און פאַרזעען ווייטער.

פאַר אַלע אימפּאָנדעראַביליען אין דער דיפּלאָמאַטיע ווייזן מיר אַרויס זין און פאַרשטענדעניש. פאַר דעם מאַסיווסטן, ברוטאַלסטן און וויכטיקסטן פון אַלע פאַקטישע באַשטאַנד־טיילן פון דעם ארץ־ישראל־פּראָבלעם האָבן מיר ניט קיין פאַרשטענדעניש. וועגן דעם, צי מיר האָבן די סימפּאַטיע פון דעם אָדער יענעם לאָרד, זאָרגן מיר זייער שטאַרק. אָבער וועגן דער באַציאונג צו אונז פון דעם עלעמענט, וואָס איז פאַר אונז וויכטיקער פון אַלע לאָרדן אינאיינעם; וועגן דעם, צי די אַראַבער זיינען צו אונז פיינטלעך אָדער פריינט־לעך, שרעקן זיך פאַר אונז אָדער האָבן צוטרוי צו אונז — ווער מען גייט דאָס אָן? אויב ניט עטלעכע יונגע „בעלי חלומות", וועלכע ווייזן שוין אָן זינט יאָרן אויף דעם דאָזיקן פונדאַמענטאַלן פעלער פון אונזער פּאָליטיק.

די דאָזיקע געציילטע זיינען אפשר די איינציקע, וואָס זיינען ניט איבער־ראַשט געוואָרן פון די געשעענישן אין יפו. אויך זיי זיינען דערשראָקן. אויך זיי טרויערן נאָך די דערמאָרדעטע. אויך זיי ליידן פון דעם באַוואוסטזיין דערפון, וואָס אונזער אַרבעט אין ארץ־ישראל — וועלכע איז אין אירע כוונות די פרידלעכסטע, ווי קוים וועלכע־עס־איז אַנדערע אונטערנעמונג אין דער היינטיקער וועלט, און איז אין אירע צילן פּאָזיטיוו און קאָנסטרוקטיוו־בויענדיק, ווי זעלטן אַן אַנדערער אויפטו אין אונזער צייט, — וואָס אויך אונזער אַרבעט מוז זיך אָנהויבן מיט קאַמף, מאָרד, הריגות.

אויך מיר, די „בעלי חלומות", וואָס קומען צום אויסדרוק אין אָט די „פרייע ציוניסטישע בלעטער" — טרויערן און ליידן. אָבער מיר זיינען ניט איבערראַשט, ווייל מיר האָבן געזען, אַז אַזעלכע געשעענישן רוקן זיך אָן. ווייל אונזער בליק איז ניט געווען איינגאַנצן פאַרנומען מיט די רייך־פּאָליטישע ענינים, אַז מיר זאָלן שוין האָבן פאַרלוירן די פעאיקייט צו זען די מאַסיווע עלעמענטן פון די נאַטירלעכע עטנאָגראַפישע און סאָציאַלע באַדינגונגען אין ארץ־ישראל. ווייל אונזער אויער איז ניט אָנגעשטעלט בלויז צו דער שפּראַך פון די אָפיציעלע דעקלאַראַציעס, אַזוי אַז מיר זאָלן שוין ניט קענען הערן דעם דראָענדיקן געמורמל פון די אַראַבישע פאָלקס־מאַסן.

מיר זיינען ניט געווען איבערראַשט פון דעם, וואָס עס איז געשען אין יפו מצד די אַראַבער. און מיר זיינען אויך ניט געווען איבערראַשט פון דעם, וואָס עס איז באַלד דערנאָך פאָרגעקומען אין ירושלים, אין דער האַנדלונג פון הערבערט סעמיועל'ן און פון דער ענגלישער פאַרוואַלטונג.

וואָס הערבערט סעמיועל האָט געזאָגט און געטאָן, באַדייט ניט קיין פּרינציפּיעלע ענדערונג אין דער ענגלישער פּאָליטיק. ער האָט גערעדט פּאַרזיכטיק. זיינע ווערטער זיינען כמעט אויסשליסלעך געווען געווענדעט אויפן אַדרעס פון די אַראַבער, ווייל זיי זיינען מעכטיקער אין לאַנד, ווי מיר, ווייל זיי ווייזן אַרויס זייער אומצופרידנקייט און פּראָטעסטירן. און מיר האָבן דאָס גאַנצע יאָר זיך פאַרהאַלטן צירלעך־מאַנירלעך. מיר האָבן געשריגן „הידד" און האָבן ניט אַרויסגעבראַכט קיין שום פּאָזיטיוועס, וואָס זאָל אַרויס־רופן צו אונז דעם רעספּעקט פון דער ענגלישער פאַרוואַלטונג. מען קען אויך לייכט אַרויסלייענען פון הערבערט סעמיועל'ס ווערטער, אַז דאָס האָט אים פּערזענלעך אַנטוישט און פאַרשאַפט עגמת־נפש.

פאַרשטייט מען שוין איצט, אַז עס קען ווייטער אַזוי ניט גיין? וועט מען פון דער לעקציע פון די לעצטע יאָרן אַראָפּלערנען מער, ווי פון דעם מוסר־השכל פון די טעג פון סאַן־רעמאָ? זעט מען איצט ניט איין, אַז אַ פאַרזעצונג פון דער ביז־איצטיקער פּאָליטיק קען חרוב מאַכן אונזער באַוועגונג?

# ציוניזם און די אידישע אַגענטור

(פון דער רעדע ביי דער גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג פון דער אידישער אַגענטור,
דעם 12־טן אויגוסט 1929, אין ציריך, שווייץ)

איך נעם דאָס וואָרט צו רעדן אין נאָמען פון אַ גרופּע (ראַדיקאַלע ציוניסטן), וועלכע איז די איינציקע אין ציוניזם, וואָס האָט ביזן לעצטן מאָמענט זיך אַנטקעגנגעשטעלט דער פּאָליטיק, וועלכע האָט דאָ אונז געבראַכט צוזאַמען, און ווען די דאָזיקע פּאָליטיק איז געוואָרן אַ באַשלאָסענער פאַקט, האָט אונזער גרופּע באַשטימט צו קומען באַטייליקן זיך אין דעם ראַט. עס איז די פליכט פון לאָיאַליטעט פון אונזער זייט צו דערקלערן דאָ, אַז פון די טעמים, וועלכע מיר האָבן געהאַט קעגן דער דאָזיקער פּאָליטיק זאָגן מיר זיך ניט אָפּ פון היינט־אויף־מאָרגן. אָבער נאָכדעם, ווי מיר האָבן באַשלאָסן דאָ מיטצואַרבעטן, וועלן מיר עס טאָן מיט דער פולער לאָיאַליטעט און מיט דעם ווילן צו האָבן פאַרטרויען און צו קאָנען האָבן פאַרטרויען.

ווען מיר האָבן געהאַט אונזערע ספקות קעגן דעם דאָזיקן וועג, האָבן זיי זיך ניט באַצויגן אויף דער קאָאָפּעראַציע מיט גרופּעס און פּערזענלעכקייטן, וועלכע מיר זעען דאָ פאַרזאַמלט צו אונזער פרייד. אונזערע צווייפלען זיינען געווען בנוגע די פאָרמען פון דאָזיקן צוזאַמענשלוס, ווייל מיר גלויבן, אַז דער דאָזיקער צוזאַמענשלוס דאַרף געטראָגן ווערן פון אַ גרויסער אידישער פּאָלקס־באַוועגונג אויף דעמאָקראַטישע פּרינציפּן. מיר האָפן, אַז די אַנטוויקלונגען וועלן פירן אויף דעם וועג אויך די אַנדערע דעלעגאַציעס וועלכע מיר האָבן דאָ. מיר גלויבן, אַז עס וועט קומען אַ טאָג, ווען מען וועט מער ניט רעדן וועגן דעם פּרינציפּ פון „פּיפּטי־פיפטי", נאָר ווען די אידן אין אַלע לענדער וועלן זייערע פאָרשטייער פאַר דער דאָזיקער טריבונע און פאַר דער גרויסער באַוועגונג צום אויפבוי פון ארץ־ישאל אויסוויילן אויף אַ גלייכן, דעמאָקראַטישן אופן.

אין אויסגעצייכנטע רעדעס איז דאָ אָנגעוויזן געוואָרן אויף דער באַדייטונג פון דעם מאָמענט, ווען דאָס גאַנצע אַקטיווע פאָלק ישראל איז זיך צונויפגעקומען אונטער דער פאָן פון דער ארץ־ישראל־אידייע. אָבער אַזוי הויך, ווי מיר שטעלן דאָ אַלע דעם געדאַנק פון קאָאָפּעראַציע און פון פאַראייניטהייטלעכן די אידישע אַקטיוויטעט, איז עס אויך נויטיק אין דעם דאָזיקן אַנטשיידנדיקן היסטאָרישן מאָמענט צו וואָרענען קעגן איבערטרייבונגען.

עס איז בויטיק צו וואָרענען קעגן דעם איינדרוק, ווי מיר וואָלטן אין דער צוקונפט ניט מער געהאַט די פולע פרייהייט צו פאַרטרעטן יעדער פאַר זיך זיינע אידייען און איינער מיטן אַנדערן זיי אויסקעמפן. די באַדייטונג פון דער דאָזיקער טריבונע ליגט ניט אין דעם, אַז יעדער זאָל מאַכן אָפּנייגונגען פון זיין פּראָגראַם, נאָר אַז יעדער זאָל האָבן דאָס רעכט און די פליכט צו באַגייסטערן פאַר זיינע אידייען דאָס אידישע פאָלק, די אידישע מאַסן, די אידישע יוגנט.

דעם ענטוזיאַזם ביי דער אידישער יוגנט ווילן מיר קאָנען אויפוועקן און פאַרטיפן נאָר דעמאָלט, ווען מיר וועלן אַלע האָבן דאָס רעכט צו פאַר־טרעטן אונזער אידעאָלאָגיע אויף דעם פולן ראַדיקאַלן אופן, ווייל נאָר די דאָזיקע ראַדיקאַלע אידייען קאָנען באַגייסטערן די יוגנט און די מאַסן. און דעריבער דערקלערן מיר דאָ היינט, אַז מיר וועלן אויך ווייטער זיך איינשטעלן פאַר די אידייען פון אידישן נאַציאָנאַלן רענעסאַנס אין אַלע לענדער און פון אַ סאָווערענער אידישער קאָלעקטיוויטעט אין ארץ־ישראל — פאַר דעם, וואָס מיר רופן־אָן דעם הערצל׳ישן אידנשטאַט, און פאַר אַ בעסערער סאָציאַלער אָרדענונג אין ארץ־ישראל.

דער זין פון אונזער צוזאַמענאַרבעט באַשטייט אין דעם, אַז אַלץ, וואָס מיר האָבן — אונזערע אידייען, אונזערע מיטלען, אונזערע ענערגיעס און אונזערע אינדיווידועלע מעטאָדעס — זאָלן מיר אַריינטראָגן אין דער דאָזי־קער גרויסער קערפּערשאַפט (די אידישע אַגענטור), וועלכע וועט פון היינט אָן אַנטשיידן וועגן דעם אויפבוי פון ארץ־ישראל.

# ציוניסטישע אינערן־ און אויסערן־פּאָליטיק

(אויסצוג פון דער רעדע ביים 17־טן ציוניסטישן קאָנגרעס,
דעם 5־טן יולי 1931, אין באַזעל, שווייץ)

מיר האַלטן ביים איינפירן אין ציוניזם אַ טראַדיציע פון אַ שווערן פעלער, פון דעם פעלער צו באַטראַכטן אונזערע אויסערן־פּאָליטישע פּראָבלעמען קודם־כל פון דעם שטאַנדפונקט פון אונזערע אינערלעך־פּאָליטישע ענינים. מיר קענען טראַכטן וועגן דער ענגלישער פּאָליטיק, וואָס מיר טראַכטן. אָבער לאָמיר זיך אָראָפּלערנען פון ענגלאַנד און פון אַנדערע פאַרגעשריטענע פעלקער, אַז אַ פאָלק מוז זיין פּאָליטיש רייף זיך אויפצוהויבן אין אויסערן־פּאָליטישע פראַגן איבער די אינערלעכע פּאַרטיי־קאַמפן.

מיר דאַרפן זיך אויך זייער היטן פון אַריינברענגען סענטימענטאַלע מאָמענטן אין אונזער פּאָליטיק. מיר האָבן פּאָליטיקער, וועלכע רעדן וועגן ענגלאַנד מיט אַן אומגעהויערן סענטימענט, וועלכער איז שוין איצט ניט באַרעכטיקט. און מיר האָבן פּאָליטיקער, וועלכע זיינען פול מיט אַ ווידער־געפיל קעגן ענגלאַנד. ביידע זאַכן זיינען פאַלש. מיר דאַרפן טראַכטן פּאָליטיש, און נאָר פּאָליטיש. מיר האָבן ניט קיין פאַרדאַכט קעגן ענגלאַנד. מיר האָבן ניט קיין צוטרוי צו ענגלאַנד. מיר האָבן ניט קיין האַס קעגן ענגלאַנד. און מיר האָבן ניט קיין ליבע צו ענגלאַנד. מיר ווילן אַרויסטראָגן אונזער אורטייל וועגן ענגלאַנד פון פאַל צו פאַל, לויט אירע מעשים. די צייטן, ווען אידן זיינען אַריינגעפאַלן אין התפּעלות, ווען מען האָט אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט „ענגלאַנד", זיינען פאַרביי. אָבער לאָמיר ניט אַריינפאַלן אין דעם צווייטן עקסטרעם!

ענגלאַנד איז נאָך אויף יאָרן לאַנג אַן אַנטשיידנדיקער פאַקטאָר פון אונזער פּאָליטיק. לאָמיר דעריבער ניט רעדן וועגן קיין אַנדערער מאַנדאַט־מאַכט, אָדער וועגן אַ לעצטן עקספּערימענט. לאָמיר זיך באַציען צו ענגלאַנד, ווי צו אַ צענטראַלן פאַקטאָר פון אונזער פּאָליטיק, אָבער סקעפּטיש, קיל און ניכטער.

לאָמיר ניט פאַרגעסן וועגן נאָך אַן אַנדערן פאַקטאָר פון אונזער רעאַל־פּאָליטיק: וועגן דער שטימונג און מיינונג פון אידישן פאָלק. דער דאָזיקער פאַקטאָר — דאָס אידישע פאָלק — איז דאָך דער איינציקער קוואַל פון אונזער

מאַכט און פון פּאָליטישער אַרבעטספּעאיקייט. און אים מוז אונזער פּאָליטיק נעמען אין באַטראַכט אין דער ערשטער רייע.

לאָמיר זיך היטן אין דער צוקונפט פון צוויי זאַכן אין אונזער אויסערן־פּאָליטיק, — פון פּאַרטיי־פּאָליטיק און סענטימענטן. לאָמיר זיך אויסלערנען, אַז די שטימונג פון אידישן פאָלק איז דער אַנטשיידנדיקער פאַקטאָר, וועלכן מיר מוזן נעמען אין באַטראַכט, אויך ווען עס וואָלט צייטנווייז געווען באַקווע־מער דאָס ניט צו טאָן.

לאָמיר שאַפן אַ פּירערשאַפט און אַ פּאָליטיק, וואָס זאָל רעפּרעזענטירן די אייניקייט פון פאָלק און פון דער ציוניסטישער שטעלונג.

# אַ פריי פאָלק און אַ מלוכה־פאָלק

(אויסצוג פון דער רעדע ביים 19־טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין לוצערן, שווייץ, דעם 22־טן אויגוסט 1935)

מיר האָבן פיל באַוויזן אין די פערציק יאָר פון דער עקזיסטענץ פון אונזער באַוועגונג. מיר האָבן באַוויזן, אַז מיר שטרעבן צו ווערן אַ פ ר י י פ אָ ל ק; אַז מיר זיינען אַנטשלאָסן צו מאַכן אַ סוף איין מאָל פאַר אַלע מאָל צו דער עקזיסטענץ פון פאַריער; און אַז מיר זיינען גרייט צו קעמפן פאַר אונזערע מענטשלעכע, נאַציאָנאַלע און בירגער־לעכע רעכט. זאָל דאָ נאָכאַמאָל געזאָגט ווערן, אַז מיר האָבן תמיד פאַר־שטאַנען דעם ציוניזם אין דעם זין, אַז דער קאַמף פאַר די רעכט אויף אונזער עקזיסטענץ אויך אין די לענדער, וואו מיר האָבן ניט די אַספּיראַציע צו שאַפן אַ קאָנצענטראַציע פון אונזער קולטור, איז אַ ממשות׳דיקער טייל פון ציוניס־טישן פּראָגראַם.

מיר האָבן באַוויזן פאַר דער וועלט נאָך אַ סך מער. מיר האָבן אָנגעהויבן ניט נאָר אַראָפּצוואַרפן פון זיך די גלות־פּסיכאָלאָגיע, נאָר מיר האָבן גענומען אויף זיך אַ פיל שווערערע אויפגאַבע: צו ווערן אַ ק אָ נ ס ט ר ו ק ט י ו ו ע א ו מ ה פון אַ וואַנדערנדיקן גלות־פאָלק.

עס איז אַ נייער באַוויז פון דער אומדערשעפּלעכער וויטאַליטעט פון אידישן פאָלק, וואָס מען האָט שוין באַטראַכט פאַר האַלב טויט, און וואָס האָט שוין אַליין געהאַט געקוקט אויף זיך ווי האַלב־געשטאָרבן. דאָס אַלץ האָבן מיר באַוויזן. אָבער דעם אַ נ ט ש י י ד נ ד י ק ן ה י ס ט אָ ר י ש ן פּ ר ו א ו ו זיינען מיר נאָך ניט בייגעשטאַנען. מיר האָבן באַוויזן, אַז מיר קענען ברענגען מענטשן קיין ארץ־ישראל; אַז מיר קענען אַנטוויקלען אינדוסטריעס; אַז מיר קענען מאַכן אידן פאַר לאַנדווירטן; אַז מיר קענען בויען הייזער. אָבער מיר האָבן נאָך ניט געגעבן דעם באַוויז, אַז מיר זיינען בכוח צו ווערן אַ מ ל ו כ ה ־ פ אָ ל ק, וואָס שטעלט די געמיינזאַמע אינטערעסן העכער פון די אינטערעסן פון די באַזונדערע גרופּעס.

מען האָט דאָ געזאָגט, אַז די אויגן פון אונזער גאַנץ פאָלק זיינען געווענדעט אויף אונז. דאָס איז איצט באמת שוין ניט מער קיין פראַזע. דער מיליאָן שקלים, וואָס מיר פאַרטרעטן היינט, איז ניט בלויז אַ ציפער. הינטער דעם שטייען די אידישעליידן און די אידישע בענקשאַפט פון מיליאָנען אידישע

מענטשן, פאַר וועלכע עס איז פאַראַן נ אָ ר א י י ן ה אָ פ ע נ ו נ ג : ארץ־ישראל. די אידישע מאַסן ווענדן זיך מיט זייערע בליקן צו אונז. די דאָזיקע אידישע מאַסן, פאַר וועמען ארץ־ישראל איז אַ רעאַלע נויטווענדיקייט, האָבן זייער ווייניק פאַרשטענדעניש פאַר די פאַרטיי־דיפערענצן, איבער וועלכע מיר קריגן זיך דאָ אַרום. דעריבער דאַרף זיין די פאָדערונג צו דערגרייכן צו אַ מאַקסימום פון דער קאָנצענטראַציע פון די ציוניסטישע כוחות, בכדי צו קענען אַרויסקריגן פון איר דעם מאַקסימום פון אַקטיוויטעטן. דאָס איז די פאָדערונג פון פאָלק און די פאָדערונג פון דער געשיכטלעכער סיטואַציע, אין וועלכער מיר געפינען זיך.

# אַ אידישע מדינה אין אַ טייל פון ארץ ישראל

(פון דער רעדע ביים צוואַנציקסטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין ציריך, שווייץ,
דעם 9־טן אויגוסט 1937)

אין דער פּאָליטיק, ווי אין לעבן, זיינען פאַראַן געוויסע באַשלוסן, וועלכע ווערן אָנגענומען תיכף, פון ערשטן בליק. ווען דר. ווייצמאַן האָט מיר אין פאַרגאַנגענעם חודש יאַנואַר דערציילט וועגן דעם טיילונגס־פּלאַן פון ארץ־ישראל, האָב איך רעאַגירט אויף אים פּאָזיטיוו פון ערשטן מאָמענט אָן, ניט געקוקט אויף די פיל סכנות, וואָס זיינען דערמיט פאַרבונדן. פאַרוואָס? דער מאַנדאַט, די באַלפור־דעקלאַראַציע, די נאַציאָנאַלע היים — זיי אַלע זיינען פון אָנהויב אָן געווען באַשטימט אויף אַ געוויסער צייט. זיי זיינען געווען די ראַם פאַר אַן איבערגאַנגס־צייט. ווען מיר וואָלטן געהאַט אַ פרייען אויסוואַל, וואָלטן מיר זיכער געזאָגט היינט, אַז די דאָזיקע תקופה דאַרף נאָך אָנהאַלטן צען יאָר, בכדי מיר זאָלן מיט מער זיכערע טריט זיך קאָנען דערנענטערן צום ענד־ציל, די זעלבסט־שטענדיקייט.

צוליב דעם, וואָס די שלום־קאָנפערענץ אין פּאַריז האָט ניט באַשאַפן קיין סטאַבילן סטאַטוס, איז געווען קלאָר, אַז די פּראָוויזאָרישע לאַגע פון מאַנדאַט קאָן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ דויערהאַפטן און באַשטימטן מצב נאָר דעמאָלט, אויב ענגלאַנד וועט זיין גרייט צו פירן אין ארץ־ישראל אַ פּאָליטיק פון אַ שטאַרקער האַנט. אָבער ענגלאַנד איז צו דעם ניט גרייט — ניט דערפאַר ווייל זי קען ניט, נאָר ווייל זי וויל ניט.

עס איז אונז געווען באַשערט, אַז מיר זאָלן איבערגעגעבן ווערן אין די הענט פון אַ מאַנדאַט־רעגירונג, וועלכע איז אמת ניט אַנטיסעמיטיש און ניט אַנטי־ציוניסטיש, אָבער זי איז אַ רעגירונג, וועלכע איז גרייט צו פירן אַ פּאָליטיק פון פשרות. ענגלאַנד פירט זיך אין ארץ־ישראל אַזוי, ווי זי פירט זיך אין דער גאַנצער וועלט. עס ליגט ניט אין אונזערע כוחות, און אויך ניט אין דעם כוח פון דער פעלקער־ליגע אין זשענעווע, צו ענדערן די פּסיכאָלאָגיע פון דער בריטישער אימפּעריע אויף אַזאַ קליינעם שטח ערד, ווי ארץ־ישראל, און אַז זי זאָל זיך פירן אין ארץ־ישראל אַנדערש, ווי זי איז זיך נוהג אין דער באַציאונג צו נאָך פיל אַנדערע לעבנסוויכטיקע פּראָבלעמען. דעריבער איז איצט ניט די צייט צו פאַרוואַנדלען דעם פּראָווי־זאָריום פון מאַנדאַט אין אַ אידישער מדינה אין גאַנץ ארץ־ישראל.

מען קאָן זאָגן, אַז דער לאַגישער אויספיר וואָלט געווען צו געפינען אַן אַנדערע מאַנדאַט־רעגירונג. אָבער עס זעט ניט אויס, אַז מען זאָל דאָס קאָנען דורכפירן, און עס איז אויך נישט פאַראַן קיין שום פּאָליטישע געלעגנהייט צו באַשטימען אויפן אָרט פון ענגלאַנד אַן אַנדערע מאַנדאַט־רעגירונג. שוין צוליב דעם פאַרמעלן טעם אַליין וואָלט נויטיק געווען דערפאַר אַן איינשטימיקער באַשלוס פון דער מאַנדאַטן־קאָמיסיע פון דער פעלקער־ליגע.

אויב אַזוי, בלייבט איבער פאַר אונז נאָר איין אויסגאַנג: צו קומען צו אַ פאַרשטענדיקונג מיט דעם אַראַבישן נאַציאָנאַליזם, וואָס וואַקסט און ווערט גרעסער. אָבער דאָס מיינט אַ בי־נאַציאָנאַלער שטאַט. איך בין ניט קיין קעגנער פון דעם פּרינציפּ פון אַ בי־נאַציאָנאַלן שטאַט. אָבער מען דאַרף זייער ערנסט באַטראַכטן די פראַגע: וואָס איז בעסער פאַר אונז: אַ בי־נאַציאָנאַלער שטאַט אין גאַנץ ארץ־ישראל, אָדער אַ טעריטאָריעלע טיילונג פון לאַנד. מיר דאַרפן אָבער גאָרניט אַריינגיין אין די פיל קאָמפּליקאַציעס פון דער פראַגע, ווייל די אַראַבער זיינען היינט־צו־טאָג פּשוט ניט צוגעגרייט צו דעם פּסיכאָלאָגיש. די לאַגע וואָלט געווען אַן אַנדערע, ווען מיר וואָלטן איצט געלעבט אין דער תקופה פון די יאָרן 1917—1919, אין דער צייט ווען עס איז געשאַפן געוואָרן די פעלקער־ליגע און ווען דער גייסט פון טאָלעראַנץ האָט געהאַט אַ פיל גרעסערע השפּעה אין דער וועלט, ווי היינט־צו־טאָג. אָבער מיר לעבן שוין ניט אין דער דאָזיקער וועלט. די אַראַבער האָבן פאַר דער צייט געלערנט פון אייראָפּע די תורה פון עקסטרעמען און אַגרעסיוון נאַציאָנאַליזם. און היינט־צו־טאָג איז די אידייע וועגן אַ אידיש־אַראַבישער פאַרשטענדיקונג ניט מער ווי אַ אוטאָפּיע. און דעריבער איז פון אונז אַפּגענומען געוואָרן אויך די דאָזיקע מעגלעכקייט.

אָבער ווען האָב איך געזען אַן אַנדערע מעגלעכקייט פאַר דער לייזונג פון דעם פּראָוויזאָרישן צושטאַנד, אמת אַ מעגלעכקייט, פון וועלכער איך בין ניט געווען צופרידן? אין דער צייט, ווען עס איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן אויף דער טאָג־אָרדענונג דער דאָזיקער געוואָגטער טיילונגס־פּלאַן, וואָס אַנטהאַלט אין זיך סכנות. נאָך אַ צייט פריער, פאַר דער קעניגלעכער קאָמיסיע, האָט מען וועגן דעם פּלאַן פאַרהאַנדלט אין די ציוניסטישע קרייזן.

אַלע זיינען מיר איינשטימיק, אַז אויב מיר וועלן אָפּוואַרפן דעם פּלאַן, גייען מיר אַריין אין זייער שווערע יאָרן. אָבער צי גיבן זיך אַלע אָפּ אַ רעכענונג וועגן דער באַדייטונג פון די דאָזיקע שווערע יאָרן — יאָרן אָן אַן עליה קיין ארץ־ישראל? דעריבער זאָג איך, אַז מיר קאָנען ניט וואַרטן. עס וואָלט געווען בעסער, ווען דער טיילונג־פּלאַן וואָלט אַרויסגעבראַכט

געוואָרן ערשט אין צען אָדער אין פופצן יאָר אַרום. אָבער די אַראַבער, וועלכע האָבן געוואוסט, אַז פאַר זיי איז איצט פינף מינוט צו צוועלף, האָבען מקדים געווען דעם פּלאַן אויף צען יאָר. און מיר האָבן ניט קיין מעגלעכקייט צו ענדערן די לאַגע.

דאָס אויפשטעלן אַ אידישע מדינה אין אַ טייל פון ארץ־ישראל איז אַן ענין, וואָס איז פאַרבונדן מיט גרויסע סכנות. און איך פאַרשטיי זייער גוט דעם גייסט פון די ציוניסטן, פאַר וועלכע דאָס ווערק פון בנין הארץ איז דער אינהאַלט פון זייער לעבן. דער איצטיקער טיילונגס־פּלאַן איז פאַר זיי אַ שפּרונג אין דער פינסטערניש. און זיי האַלטן זיך אָן מיט די נעגל אָן אַ מער זיכערער זאַך — אין מאַנדאַט, אין דער אינטערנאַציאָנאַלער שוץ, אין דער פעלקער ליגע און אין אַמעריקע. אָבער יעדער גרויסער היסטאָרישער שריט איז פאַרבונדן מיט אַזעלכע סכנות. דער ציוניזם אַליין אין געווען אַ ריזיקאַלישער ענין, ווען הערצל איז דערשינען. אויב מען וואָלט דעמאָלט געוואָלט אַרויסגיין פון דעם שטאַנדפּונקט פון די אַסימילאַטאָרן, וואָלטן ז י י דאָך געווען גערעכט. דער ציוניזם האָט פונדאַסניי אַרויסגערופן די פּראָבלעמאַטיק פון אידישן קיום. מיר האָבן געשאַפן דעם ציוניזם און האָבן גענומען אויף זיך דערפאַר די פאַראַנטוואָרטלעכקייט. יעדע פּרייהייטס־באַוועגונג פון אַ פאָלק קאָן ניט אַנטשטיין אָן ריזיקעס. צי זיינען דען ניט פאַראַן קליינע מדינות אין אייראָפּע, וואָס זייער עקזיסטענץ איז ניט באַזונדערס זיכער?

די אַלטערנאַטיווע איז — סטאַגנאַציע. דאָס מיינט אַרויסשטויסן דעם ציוניזם פון אידישן לעבן. אַ מלחמה מיט ענגלאַנד האָט פאַר אונז ניט קיין שום אויסזיכטן. אפשר וועט זיך אונז איינגעבן אין משך פון עטלעכע יאָר צו פאַרגרעסערן די עליה ביז צוועלף אָדער צוואַנציק טויזנט, און אפשר ביז 40 טויזנט נפשות. דאָס וועט ניט געטאָן ווערן אין לאָנדאָן פון שלעכטן ווילן, נאָר ווייל די פּסיכאָלאָגיע פון ענגלאַנד איז היינט אַזעלכע. מיר לעבן ניט אין אַ פּוסטן חלל. מען רעדט דאָ וועגן גערעכטיקייט און אומגערעכטיקייט. אויף דער וועלט ווערט היינט געטאָן אַ סך אומגערעכטיקייט, און לגבי דעם זעט אויס דאָס, וואָס ווערט געטאָן צו אונז, ווי אַ קינדער־שפּיל. די וועלט ענדערט זיך ניט. נאָך אַ סך יאָרן וועט זי זיין אַזוי, ווייל דאָס איז דער צייכן פון דער צייט. מיט דער האָפענונג אויף גערעכטיקייט וועלן מיר ניט דורכברעכן די וואַנט פון ענגלאַנד׳ס גלייכגילטיקייט.

מיר האָבן ניט קיין אַנדערן וועג פאַר זיך, ווי אַריינגיין אין דער ריזיקע. אין יעדן ריזיקאַלישן אויפטו זיינען אויך פאַראַן גרויסע מעגלעכ־

קייטן. אויך אין דער דאָזיקער אידישער מדינה זיינען פאַראַן גרויסע מעג־לעכקייטן. מיט עטלעכע חדשים צוריק האָב איך גערעדט מיט אַ מיניסטער פון אַ לאַנד וועגן דער אידישער מדינה. דער דאָזיקער מיניסטער איז ניט באַזונדערס פּראָ־ציוניסטיש. ער האָט מיך געפרעגט, וויפל מענטשן האָבן מיר בדעה אַריינצוברענגען אין ארץ־ישראל אין משך פון די קומענדיקע צוואַנציק יאָר. איך האָב אים געענטפערט, אַז אַנדערהאַלבן מיליאָן ביז צוויי מיליאָן. דאָ איז ער אויפגעשפּרונגען פון אָרט און געזאָגט: „אויב איר וועט זיין אין לאַנד צוויי מיליאָן אידן, וועט איר דאָך זיין דער שטאַרקסטער פאַקטאָר אין נאָענטן מזרח". דאָס איז געווען די ספּאָנטאַנע רעאַקציע פון אַ מענטשן, וועלכער איז ניט דווקא אונזערער אַ פריינט.

לאָמיר ניט פאַרגעסן, אַז הינטער אונז שטייט דאָס אידישע פאָלק אין דער גאַנצער וועלט. צי איז דאָס נישט אַ גרויסע געלעגנהייט? מיר האָבן קיין אַנדער ברירה ניט, ווי מאַכן דעם שפּרונג. די געשיכטע פון פעלקער, באַזונדערס פון אונזער פאָלק, צייכנט זיך אויס מיט דעם, וואָס אין שווערע לאַגעס געפינט מען דעם אויסגאַנג־פּונקט פאַר שאַפן גרויסע זאַכן. אַזוי איז עס געווען מיט הערצלען. אַזוי איז עס געווען מיט דער באַלפור־דעקלאַ־ראַציע נאָך דער קאַטאַסטראָפע פון וועלט־קריג. אין 1936 האָבן מיר ווידער געהאַט אַ קאַטאַסטראָפע. און דאָס איז ניט געווען דער אַראַבישער טעראָר, נאָר די שטעלונג פון דער בריטישער אימפּעריע צו די דאָזיקע געשעענישן. אויך אין דער דאָזיקער קאַטאַסטראָפע קאָנען מיר געפינען אַן אויסגאַנג פאַר אַ נייער גרויסער און שטאַרקער אַנטוויקלונג.

קומענדיק צום אויספיר, אַז מיר האָבן ניט קיין אַנדערן וועג, זיינען מיר געצוואונגען צו נעמען אויף זיך די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער אַנטשיידונג און קאָנצענטרירן אַלע אונזערע כוחות און אונזער גאַנצן גלויבן פאַר דעם דאָזיקן שפּרונג. פון דער צעפאַלונג פון מאַנדאַט און פון דער קאַטאַסטראָפע אין 1936 — לאָמיר דערגרייכן צו דעם אויסגאַנגס־פּונקט פאַר אַ נייער אַנטפאַלטונג פון גרויסע און שטאַרקע כוחות אין ארץ־ישראל.

# פאַרוואָס טיילונגס־פּלאַן?

(פון דער רעדע ביי דער 32־טער יערלעכער קאָנפערענץ פון דער ציוניסטישער פרויען־אָרגאַניזאַציע „הדסה" אין באָסטאָן, דעם 10־טן נאָוועמבער 1946)

איך גלויב, אַז דער ציוניזם איז געשטעלט געוואָרן היינט־צו־טאָג פאַר דעם גרעסטן קריזיס אין זיין געשיכטע. מיר זיינען געוואוינט צו רעדן וועגן קריזיסן און קריטישע סיטואַציעס. אָבער אַלץ, וואָס מיר האָבן אין דער פאַרגאַנגענהייט אָנגערופן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג „קריזיס", האָט קיין שום באַדייטונג ניט אין פאַרגלייך מיט דער לאַגע, אין וועלכער מיר געפינען זיך איצט. אויב עס איז פאַראַן איין זאַך, וועגן וועלכער אַלע וועלן — ווי איך מיין — זיין איינשטימיק, איז עס, אַז דער סטאַטוס־קוואָ אין ארץ־ישראל, ווי ער עקזיסטירט איצט, קען מער ניט בלייבן. עס איז אַ לאַגע, וואָס דראָט מיט אַן אויפרייס. עס מוז קומען אַן ענדערונג. אָדער די לאַגע מוז ראַדיקאַל פאַרבעסערט ווערן, אָדער אויב ניט — מוז עס קומען צו אַ באַדייטנדיקער פאַרערגערונג.

איך וויל ניט פאַרלירן קיין צייט צו שילדערן דעם איצטיקן צושטאַנד אין ארץ־ישראל, — אַ צושטאַנד, אין וועלכן פאַקטיש קען קיין איין איד ניט אַריינקומען אין לאַנד; ווען אידישע אימיגראַנטן ווערן אַוועקגעפירט קיין ציפּערן; ווען דאָס לאַנד איז אונטער אַ מין פּאָליצייאישער אָדער מיליטערישער הערשאַפט, פאַר וועלכער עס זיינען פאַראַן ווייניק פּאַראַלעלן, און אפשר אינגאַנצן ניט, אין דער היינטיקער וועלט; אַ סיטואַציע, אין וועלכער יעדער איד קען אין יעדן מאָמענט אַרעסטירט ווערן, אָן אַ געריכטס־פאַרהאַנדלונג, אָן אַ באַשולדיקונג, און קען געהאַלטן ווערן אין אַ לאַגער יאָרן־לאַנג; ווען מיטגלידער פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע קענען אַרעסטירט ווערן היינט און באַפרייט ווערן מאָרגן, אָן אַ גאַראַנטיע אַז זיי וועלן איבערמאָרגן ווידעראַמאָל ניט אַרעסטירט ווערן. דאָס מיינט, אַז די ממשות'דיקע אַרבעט פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אין ארץ־ישראל איז געוואָרן אוממעגלעך. און אויב די דאָזיקע לאַגע וועט אָנהאַלטן, וועלן מיר מוזן זיך פאַרוואַנדלען אין אַ גלות־רעגירונג. אַזאַ לאַגע קען ניט אָנהאַלטן אַ סך לענגער — אָדער מיר וועלן דורכברעכן די דאָזיקע פאַר'כישוף'טע ראָד, אָדער די לאַגע וועט זיך נאָך מער פאַרערגערן און וועט פירן צו אַן אָפענעם קאַמף צווישן דער אידישער ארץ־ישראל און דעם מאַנדאַט־רעזשים, אינאיינעם

מיט אַן אָפענעם קאַמף צווישן וועלט־אידנטום און דער בריטישער אימפּעריע איבער דער גאָרער וועלט.

ווען איך זאָג „קאַמף", וויל איך וועגן דעם רעדן דאָ גאַנץ אָפן. מיר וועלן סיי־ווי־סיי דאַרפן דיסקוטירן דעם דאָזיקן ענין ביים ציוניסטישן קאָנגרעס, און איך זע ניט קיין נויטווענדיקייט פאַר באַטראַכטן די דאָזיקע פראַגע געהיים, אַזוי לאַנג ווי מיר באַהאַנדלען זי פון פּרינציפּיעלן שטאַנדפּונקט. אַ קאַמף צווישן דער אידישער ארץ־ישראל און דעם מאַנדאַט־רעזשים קען מיינען אַ קאַמף (ווי ניט־אידן פאַרשטייען אין אַלגעמיין דאָס דאָזיקע וואָרט) דורך שיסן און מיליטערישע שלאַכטן. איך געהער ניט צו די, וועלכע פאַרלייקענען אין פּרינציפּ דאָס רעכט פון די אידן אין ארץ־ישראל אַנטקעגנצושטעלן זיך מיט פיזישע מיטלען קעגן אַ רעזשים, וועלכן סיי זיי און סיי מיר באַטראַכטן פאַר אַן אומלעגאַלן און פאַר אַן אומגילטיקן פון דעם שטאַנדפּונקט פון געזעצלעכקייט און מאָראַל. אויב די אידן אין ארץ־ישראל — און מיר צוזאַמען מיט זיי — וועלן קומען צו דעם אויספיר, אַז עס איז ניטאָ וואָס צו האָפן פון דעם דאָזיקן רעזשים; אַז דער דאָזיקער רעזשים האָט ענדגילטיק זיך אַנטשלאָסן צו ליקווידירן דעם ציוניזם; אַז עס איז ניטאָ קיין שום אויסזיכט צו דערגרייכן קיין שום פאַרשטענדיקונג מיט דעם רעזשים — דעמאָלט לייקן איך ניט אין פּרינציפּ דאָס רעכט פון דעם ישוב צו רעוואָלטירן קעגן דעם דאָזיקן רעזשים און צו טאָן אַלץ, וואָס ליגט אין אונזערע כוחות, צו צווינגען דעם רעזשים, אַז ער זאָל זיך צוריקציען פון ארץ־ישראל.

אָבער דאָס איז נאָר מיט דעם באַדינג, אַז מיר וועלן קומען צו דעם דאָזיקן אויספיר אין אַ געמיינזאַמער באַראַטונג און דורך דעם באַשלוס פון אַלע פאַראַנטוואָרטלעכע קערפּערשאַפטן פון דער באַוועגונג — וואָס מיינט פון דעם ציוניסטישן קאָנגרעס, פון אַקציאָנס־קאָמיטעט און פון דער עקזעקוטיווע.

פון אַ פּרינציפּיעלן שטאַנדפּונקט מיין איך ניט, אַז ציוניסטן דאַרפן זאָגן: „אונטער קיין שום אומשטענדן האָבן מיר ניט קיין רעכט צו רעוואָלטירן". דאָס איז אַ רעכט, וואָס עס האָט יעדעס פאָלק. און ציוניסטן האָבן געלערנט דעם אידישן פאָלק, אַז סוף־כל־סוף וועלן מיר ניט דולדן קיין אומלעגאַלע און אוממאָראַלישע געזעצן, קיין פיינטלעכע דעקרעטן און פּאָליצייאישע אונטערדריקונגען.

דעריבער זאָג איך, אַז עס קען זיין — און קיינער איז איצט ניט אין דער לאַגע פאָרויסצוזאָגן, צי מיר וועלן ווערן געצוואונגען צו אַזאַ פּאָזיציע, אָדער ניט — אַז די בריטישע רעגירונג וועט אונז צווינגען דערצו. און

דעמאָלט וועלן מיר דאַרפן טאָן אַלץ צו מאַכן אַ סוף צו דער איצטיקער סיטואַציע דורך אַ באַוואָפנטן קאַמף און הערצאָישע מיטלען. אָבער דער ציוניזם און דער ישוב וועלן דאַרפן גוט דורכטראַכטן, איידער מיר וועלן ענדגילטיק אָננעמען אַזאַ באַשלוס.

***

איידער מיר נעמען־אָן אַזאַ באַשלוס, דאַרפן מיר מאַכן יעדן פּרואוו — צי די אויסזיכטן זיינען פּופציק פּראָצענט, אָדער איין פּראָצענט — בכדי צו ענדערן די איצטיקע לאַגע מיט נאָרמאַלע פּאָליטישע מיטלען.

אויב מיר הויבן־אָן צו טראַכטן וועגן דעם — און איך באַמי זיך צו רעדן וועגן דעם אַזוי קיל, ווי איך קען נאָר — מוזן מיר זיך פרעגן: וואָס איז דאָס פּאָליטישע פּראָגראַם, וואָס זיינען די פּאָליטישע מיטלען, מיט וועלכע מען וואָלט געקענט מאַכן אַ סוף צו דער איצטיקער סיטואַציע? וואָס וואָלטן מיר געקענט זאָגן צו די ענגלענדער, אָדער צו די אַמעריקאַנער, אויב זיי ווילן אונז העלפן, אָדער צו וועלכער־עס־איז אַנדערער מלוכה, וועלכע וועט זיין גרייט אונז צו העלפן, ווען די פראַגע וועט קומען פאַר דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער אויף איין אופן אָדער אַן אַנדערן, ווייל זי וועט מוזן אַהין אָנשפאַרן? וואָס פאַר אַ פּראָגראַם האָבן מיר, אַז מיר זאָלן קענען זאָגן צו אונזערע פריינט: דאָס איז דער אויסוועג פון דער איצטיקער אוממעגלעכער לאַגע?

עס איז פאַראַן דאָס, וואָס איז אָנגערופן געוואָרן דאָס קלאַסישע פּראָגראַם פון ציוניזם, דאָס בילטמאָר־פּראָגראַם. איך בין איינער פון די, וואָס איז צוזאַמען מיט אַנדערע פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער פאָרמולירונג פון בילטמאָר־פּראָגראַם. און איך זאָג, אַז די פאָרמולירונג פון דאָזיקן פּראָגראַם איז געווען אַ קלוגער און שטאַטסמענערישער אַקט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. די צייט איז געקומען, און מיר האָבן געדאַרפט אַרויסגיין צו אידן און צו ניט־אידן און זיי זאָגן: מיר ווילן מער ניט קיין מאַנדאַט־רעזשים אין ארץ־ישראל, אַ בריטישן צי ניט קיין בריטישן. וואָס מיר דאַרפן האָבן איז: אויטאָנאָמיע, אַן אייגענע רעגירונג און מלוכה'שאַפט.

פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן מיר דערגרייכט צו אַ פונקט אין אונזער אַנטוויקלונג אין ארץ־ישראל, ווען מיר האָבן פשוט שוין ניט געקענט מער אַנגיין מיט אונזער אַרבעט אונטער אַ פרעמדן רעזשים. דאָס איז ניט בלויז דערפאַר, ווייל אַלע שכנות'דיקע מלוכות זיינען געוואָרן אומאָפּהענגיק, און עס איז אַ באַליידיקונג פאַר דעם ישוב אין ארץ־ישראל צו ווערן רעגירט

ווייטער דורך אַן אויסלענדישן רעזשים. דאָס איז דערפאַר, ווייל פון דעם שטאַנדפּונקט פון אַריינברענגען אידן אין ארץ־ישראל אין אַ גרויסער צאָל און פאַר אַנטוויקלען ווייטער דאָס לאַנד האָבן מיר דערגרייכט צו אַ פּונקט, וואו מיר קענען מער ניט אָנגיין מיט דער אַרבעט אונטער דער בריטישער אַדמיניסטראַציע. מיר האָבן דערגרייכט צו דעם פּונקט, וואו מיר נויטיקן זיך אין אַן אייגענעם רעגירונגס־כוח.

וואָס אַ פּריוואַטע אָגענטור האָט געקענט דערגרייכן, האָבן מיר דערגרייכט אין די לעצטע צוואַנציק אָדער פינף און צוואַנציק יאָר. און אויף וואָסערן געביט איר ווילט איצט ווייטער בויען און אָנגיין מיט דער אַרבעט אין ארץ־ישראל — אין דער אינדוסטריע, לאַנדווירטשאַפט, אויפשטעלן נייע ישובים, באַוואַסערונג, אַנטוויקלונג, אימיגראַציע — ווערט איר אומעטום און אין אַלעם געשטערט דורך דער בריטישער רעגירונג.

און דעריבער — נאָכדעם, ווי מיר האָבן פאַר זיך אַליין און פאַר דער וועלט, זינט דער באַלפור־דעקלאַראַציע, געוויזן, אַז מיר זיינען פעאיק אַליין אָנצופירן מיט אונזערע ענינים; אַז דער גרויסער עקספּערימענט, וואָס ווערט אָנגערופן ציוניזם, איז דערפאָלגרייך — געוויס האָבן מיר געקענט מער דער־גרייכן, אָבער דאָס איז אַן אַנדערער ענין — אַז מיר האָבן אויפגעבויט אין ארץ־ישראל אַ ישוב פון איבער זעקס הונדערט טויזנט אידן און האָבן פאַקטיש געשאַפן אַ אידישע מדינה, אַן די אַטריבוטן און אַנערקענונג פון אַ אידישער מדינה, — איז געקומען די צייט צו זאָגן דער וועלט, אַז די דאָזיקע איבערגאַנגס־תקופה, וועלכע ווערט אָנגערופן דער מאַנדאַט איבער ארץ־ישראל, וואָס האָט געמיינט צו געבן אונז דעם שאַנס צו בויען די אידישע נאַציאָנאַלע היים, איז פאַרענדיקט. און איצט ווילן מיר האָבן אַן אייגענע רעגירונג. מיר ווילן ווערן אַ אידישע מדינה.

און ווען מיר האָבן פאָרמולירט דאָס בילטמאָר־פּראָגראַם, האָבן מיר ניט דיסקוטירט די פראַגע, צי דאָס דאַרף זיין פאַר גאַנץ ארץ־ישראל, אָדער פאַר אַ טייל פון ארץ־ישראל. ווייל עס איז געווען אַ באַרעכטיקטע אויסזיכט, אַז נאָך דער מלחמה, נאָכן נצחון פון די דעמאָקראַטישע מלוכות און נאָך דער טראַגעדיע פון אידישן פאָלק אין אייראָפּע, וועלן די דעמאָקראַטיעס אונז געבן די מעגלעכקייט אַריינצוברענגען אין לאַנד, לאָמיר זאָגן, אַ האַלבן מיליאָן אידן אין משך פון עטלעכע יאָר.

אַ טייל פון מיינע קאָלעגן האָבן גע'חלומ'ט וועגן צוויי, דריי מיליאָן אידן אין דריי יאָר. אָבער לאָמיר זאָגן: אַ האַלבן מיליאָן אידן אין דריי יאָר. דעמאָלט וואָלטן מיר געוואָרן אַ מערהייט אין ארץ־ישראל און געפאָדערט

אומאָפּהענגיקייט פאַר גאַנץ ארץ־ישראל מיט אַ אידישער מערהייט, וואָס איז די דעפיניציע פון אַ אידישער מדינה.

די דערפאַרונג האָט אָבער באַוויזן, אַז אונזער האָפענונג איז געווען אַן אילוזאָרישע. ניט בלויז האָבן מיר ניט באַקומען די דערלויבעניש אַריינצו־ברענגען אַ האַלבן מיליאָן, אָדער אָפּילו 250,000 אידן, נאָר איר ווייסט, ווי מיר האַלטן איצט מיט דער עליה קיין ארץ־ישראל. מיר זיינען איצט ווייטער פון אַ אידישער מערהייט אין ארץ־ישראל, ווי מיר זיינען געווען מיט פינף, זעקס אָדער צען יאָר צוריק, ווייל דער נאַטירלעכער צוּוואוקס פון די אַראַ־בער איז גרעסער פון דער אידישער איינוואַנדערונג. און דעריבער, אויב מיר זאָגן היינט, אַז מיר פאַרלאַנגען גאַנץ ארץ־ישראל אַלס אַ אידישע מדינה, מוזן מיר נעמען אין באַטראַכט די מעגלעכקייטן. אויך איך וויל האָבן גאַנץ ארץ־ישראל. מיינט איר, אַז מען דאַרף זיין אַ גרויסער אַראַטאָר, אָדער אַ גרויסער שטאַטסמאַן צו באַווייזן, אַז אַ גאַנצער קוכן איז בעסער פון אַ האַלבן? מיין קליינער זיבן־יאָריקער זון ווייסט דאָס שוין! אַ גאַנצער קוכן איז בעסער פון אַ האַלבן, און צוויי־דריטל זיינען בעסער פון פינף און צוואַנציק פּראָצענט. יעדער איינער וואָלט געוואָלט האָבן גאַנץ ארץ־ישראל. אָבער די פראַגע באַשטייט ניט אין דעם, ווער עס וויל, אָדער וויל ניט. ווען מיר האָבן מיט צען אָדער פופצן יאָר צוריק געשטימט קעגן דער רעוויזיאָניסטישער רעזאָ־לוציע, וואָס האָט פאַרלאַנגט גאַנץ ארץ־ישראל, אָפּילו אויף ביידע זייטן פון ירדן, איז ניט געווען קיין איין ציוניסט, וועלכער וואָלט עס ניט גענומען, ווען מיר וואָלטן עס געקענט קריגן. אָבער מיר האָבן געפילט, אַז עס איז ניט שטאַטסמעניש, ניט פּאָליטיש. עס וואָלט געמיינט בלויז אַ רעזאָלוציע, וועלכע וואָלט געבראַכט אַ סך שאָדן אונזער קאָנקרעטער אַרבעט אין ארץ־ישראל, אין יענער צייט.

די פראַגע איז ניט, צי מיר ווילן, אָדער ווילן ניט. די פראַגע באַשטייט אין דעם, ווי אַזוי עס צו קריגן. ווען איר זאָגט היינט־צו־טאָג, אַז איר פאַר־לאַנגט גאַנץ ארץ־ישראל, דאַרפט איר דערקלערן, ווי אַזוי איר וועט דאָרט קריגן די מערהייט. און איך בין גרייט צו דיסקוטירן וועגן די מעגלעכקייטן. איך פאַרשטיי די פּאָזיציע פון „השומר הצעיר" און פון סיעה ב׳ — גרויסע ציוניסטישע פּאַטריאָטן, וועמענס מאָטיוון איך וועל קיינמאָל ניט חושד זיין, ווען אָפּילו זיי זיינען קעגן אונזער פּראָגראַם. זיי זאָגן: וואָס איז די איילעניש? פאַרוואָס מוזט איר האָבן אַ מדינה, וואָס איז די קולמינאַציע פון ציוניזם, דווקא היינט? וואַרט פינף, צען יאָר. ברענגט אַריין נאָך אידן אין לאַנד. וועלן מיר דערגרייכן אַ מערהייט און ווערן דעמאָלט אומאָפּהענגיק.

איך, אַלס אַן אַזוי־גערופענער חסיד פון דעם טיילונגס־פּלאַן פון ארץ־ישראל, וואָלט געקענט אָננעמען דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט. אויך איך וואָלט געקענט וואַרטן פינף, צען יאָר צו האָבן אַ אידישע מדינה, אידישע מלוכה־שאַפט, ווען איך וואָלט געקענט ווערן איבערצייגט, אַז על פי שכל איז פאַראַן אַן אויסזיכט — איך פאַרלאַנג ניט קיין גאַראַנטיעס, ווייל עס איז ניטאָ אַזאַ זאַך, ווי גאַראַנטיעס אין פּאָליטיק — אַז מיר זאָלן ווערן אַ מערהייט אין פינף אָדער אין צען יאָר אַרום, אַנשטאָט דעם אַז מיר זאָלן געשטעלט ווערן אין אַ שוואַכערער פּאָזיציע. אויב מיר קענען ניט האָבן גאַנץ ארץ־ישראל היינט־צו־טאָג אַלס אַ אידישע מדינה — און איר קענט נישט קומען איצט אַפילו צו אונזערע פריינט און זיי זאָגן, אַז זיי זאָלן איבערגעבן די מאַכט אין גאַנץ ארץ־ישראל צו אַ אידישער מינדערהייט — דאַן פרעג איך די, וועלכע זיינען קעגן דער קאָמפּראָמיס־לייזונג פון אַ אידישער מדינה אין דעם טייל פון לאַנד, וואו מיר קענען זי גלייך שאַפן: ווי אַזוי וועט איר דערגרייכן אַ מערהייט?

עס זיינען פאַראַן צוויי אָדער דריי מעגלעכקייטן, טעאָרעטיש. איינע איז, אַז די ענגלענדער זאָלן אָנהאַלטן ווייטער דעם מאַנדאַט, און מיר וועלן צוזאָגן צו זיין גוט און פיין, אויב זיי וועלן דערפילן די פאַרפליכטונגען פון מאַנדאַט און אונז געבן יעדעס יאָר 100,000 עליה־סערטיפיקאַטן. אַן דעם איז ניט פאַראַן קיין אויסזיכט אויף אַ מערהייט אין דער צוקונפט, וואָס מיר קענען פּאַרויסזען. אויב עמעצער דערוואַרט, אַז די ענגלענדער וועלן דאָס טאָן, מוז ער זיין מער ווי נאַאיוו. און די משונה׳דיקסטע זאַך איז, וואָס די, וועלכע זיינען קעגן דעם טיילונגס־פּלאַן, געהערן געוויינלעך צו די צווישן אונז, וואָס זיינען אַמשטאַרקסטן אַנטי־בריטיש. דערוואַרטן זיי, אַז די ענגלענדער וועלן אין די נאָענטסטע צען יאָר איינפירן אַ רעזשים פון אמת׳ער לאָיאַליטעט צום מאַנדאַט, קעמפנדיק קעגן די אַראַבער יאָר־פאַר־יאָר, בכדי אָנצוהאַלטן אַ גרויסע אידישע איינוואַנדערונג אין ארץ־ישראל און עפענען דאָס לאַנד פאַר אַן אַנטוויקלונג אין אַ ברייטן פאַרנעם מיט דער הילף פון זייער רעזשים?

איך מיין, אַז יעדער איינער, וועלכער האָט געזען ווי די ענגלענדער פירן זיך אויף אין ארץ־ישראל אין די לעצטע צען יאָר, וועט פאַרשטיין, אַז דאָס איז אַ האָפענונגסלאָזער פאַרשלאַג. די ענגלענדער וועלן קיינמאָל ניט אויספירן דעם מאַנדאַט אין דעם זין, ווי ער איז זיי געגעבן געוואָרן. און דאָס איז געווען די סיבה, פאַרוואָס זיי האָבן אַזוי עקשנות׳דיק אָפּגעזאָגט פּרעזידענט טרומאַנ׳ס פאַרלאַנג וועגן אַן אימיגראַציע פון 100,000 אידן אין איין יאָר.

דעריבער זאָג איך, אַז צו האָפן, אַז די ענגלענדער וועלן זיך צוריקקערן

צו אַ מאַנדאַט־רעזשים אין ארץ־ישראל, אין דעם זין פון מאַנדאַט, און וועלן אונז געבן עליה־סערטיפיקאַטן אין אַ גרויסער צאָל, איז פולשטענדיק אומ־רעאַליסטיש.

מען קען זאָגן: גייט צו דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער און פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל אונז געבן אַן אַנדערע מאַנדאַט־מאַכט. איך בין ניט אַזוי לייכט גרייט צו נעמען דעם דאָזיקן שאַנס. נחום סאָקאָלאָוו פלעגט זאָגן: אַ „גוי", וועלכן איר קענט, איז תמיד בעסער פון אַ „גוי", וועמען איר קענט ניט. נאָך פינף און צוואַנציק יאָר זאָלן מיר אָנהויבן מיט אַן אַנדערער מאַנדאַט־רעגירונג? מיינט איר, אַז אַמעריקע וועט נעמען דעם מאַנדאַט. איך בין ניט אַזוי זיכער, ווי אַזוי אַמעריקע וואָלט זיך אויפגעפירט, און צי זי וואָלט געווען אַזוי נייטראַל. עס וואָלט געדויערט יאָרן. די פּראָ־צעדור פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער איז אַ שרעקלעך קאָמפּליצירטע. אויסער דעם האָט אויך ענגלאַנד דאָס רעכט פון וועטאָ אין דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער, ניט בלויז רוסלאַנד. אויב אַ מערהייט מיטגלידער־מלוכות וועלן זיך פאַרשטענדיקן וועגן אַ לייזונג, וואָס קען שטעלן אין געפאַר די ענגלענדער, וועלן זיי וועטאָאירן דעם באַשלוס. ארץ־ישראל קען באַטראַכט ווערן אַלס אַ זיכערקייטס־טעריטאָריע, ווייל דאָס לאַנד איז דער שליסל צו איינער פון די אַממייסטן סטראַטעגישע געגנטן. און דאָס קען ברענגען די פראַגע פאַר דעם זיכערקייטס־ראַט פון דער אָרגאַ־ניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער.

אַלץ וואָס מען קען פאַרויסזאָגן — און אַזוי מיינען טאַקע אַ סך — איז אַ פאַראייניקטע „טראַסטישיפּ" (אַפּוטרופּסות) פון עטלעכע פון די גרויס־מאַכטן, וואָס וועלן פאַרוואַלטן מיט ארץ־ישראל. און אין אַזאַ פאַל דאַרף איך זאָגן: זאָל אונז גאָט אָפּהיטן! דאָס וואָלט געמיינט אַ בערלין אין ארץ־ישראל. אַ פּערמאַנענטער קריזיס. דריי אָדער פיר גרויסמאַכטן וואָלטן תמיד געדאַרפט זוכן איינשטימיקייט. און מיר וואָלטן געוואָרן אַ שפּילצייג פון מאַכט־פּאָליטיק צווישן פיר גרויסע מלוכות אין דער דאָזיקער קאָמפּליצירטער און סטראַטעגיש־וויכטיקער געגנט פון נאָענטן מזרח. מיר וואָלטן ניט געהאַט קיין שום מעגלעכקייט פאַר טאָן ממשות'דיקע, גרויסע קאָנסטרוקטיווע אַרבעט אין לאַנד. פון אַלע מעגלעכע רעזשימען אין ארץ־ישראל וואָלט דאָס געווען דאָס ערגסטע.

דעריבער זאָג איך, אַז אַזוי לאַנג, ווי עס קען ניט באַוויזן ווערן, אַז עס איז פאַראַן אַן אַנדערער אויסוועג — אַ מין איבערגאַנגס־רעזשים, וואָס וואָלט אָפּגעלייגט די ענדגילטיקע לייזונג וועגן דעם סטאַטוס פון ארץ־ישראל און

וואָלט אונז גאַראַנטירט אויף אַ שכל'דיקן אופן די אויסזיכט צו באַקומען אַ מערהייט אין ארץ־ישראל — אויב דאָס קען ניט געטאָן ווערן, איז ניט פאַראַן קיין אַנדערער וועג, ווי צו זאָגן צו די ענגלענדער, און צו די אַמעריקאַנער, און צו דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער, צו אידן און צו ניט־אידן: מיר ווילן מער ניט האָבן קיין „טראַסטישיפּס" און קיין פרעמדע רעזשימען אין ארץ־ישראל. מיר דאַרפן האָבן מלוכה'שאַפט. מיר מוזן ראַטע־ווען אַ מיליאָן אידן אין די נאָענטסטע עטלעכע יאָר.

איך האָב נאָך ניט באַהאַנדלט דעם דאָזיקן אַספּעקט פון אונזער פּראָבלעם. ציוניזם איז ניט קיין משיח'ישע באַוועגונג. ציוניזם איז אַ פּראַקטישע און רעאַליסטישע באַוועגונג, וואָס איר גאַנצע מאָראַלישע קראַפט שטיצט זיך אויף דעם פאַקט, אַז מיר האָבן געזאָגט צו דער וועלט: מיר זיינען גרייט צו לייזן די אידן־פראַגע אין אונזער צייט. צו וואַרטן אויף אַ אידישער מדינה אין גאַנץ ארץ־ישראל, ווי אַזוי דאָס זאָל ניט געשען, ווי אַזוי דאָס זאָל ניט קומען, דורך עפּעס אַ נס — דאָס איז געווען די משיח'ישע האָפענונג פון אידן אין משך פון לאַנגע יאָרהונדערטער. אָבער דער ציוניזם איז געקומען און האָט דערקלערט: מיר ווילן דערגרייכן די דאָזיקע לייזונג אין אונזער דור, אָדער אין קומענדיקן דור.

עס זיינען פאַראַן 250,000 אידן, וועלכע מאַטערן זיך אין די לאַגערן. עס זיינען דאָ 100,000 אידן אין מזרח־אייראָפּע, וועלכע דאַרפן אַוועקפאָרן פון דאָרט. ווי לאַנג קענט איר זיי זאָגן, אַז זיי זאָלן נאָך וואַרטן? אויב איר קענט גאָרניט טאָן, קענט איר ניט, אָבער לכל־הפחות זענט איר מאָראַליש פאַר־פליכטעט, אַלס אַ באַוועגונג וואָס האָט פאַרזיכערט רעטונג און די לייזונג פון דעם פּראָבלעם, צו טאָן עפּעס, בכדי צו דערפירן צו אַ לייזונג, וואָס זאָל עפענען פאַר זיי די טויערן פון ארץ־ישראל מאָרגן און איבערמאָרגן.

דעריבער זאָג איך, אַז אויב מען קומט צום אויספיר, אַז דאָס ווייטערדיקע אָנהאַלטן דעם בריטישן מאַנדאַט מיינט אויפן בעסטן אופן אַ קליינע אידישע עליה — מיר קענען זאָגן פון 1,500, אַנדערע מיינען 4,000, אָבער וועט דאָס לייזן אונזער פּראָבלעם? — און אויב אַן אַנדערער מאַנדאַט־רעזשים אין ארץ־ישראל באַדייט אָפּשלעפּן די פראַגע אויף יאָרן; אויב, פון דער אַנדערער זייט, האָבן מיר ניט קיין מערהייט אין גאַנץ ארץ־ישראל און קענען ניט לויט די דעמאָקראַטישע פּרינציפּן פאָדערן דאָס גאַנצע לאַנד פאַר אונז אַליין — דעמאָלט דאַרפן מיר קומען מיט אַן אַלטערנאַטיוון פאָרשלאָג. מיר מוזן זאָגן צו דער וועלט: מיר פאַרלאַנגען די אידישע מדינה היינט, מאָרגן. אויב מיר קענען ניט האָבן, אונטער דער נאָרמאַלער דעמאָקראַטישער פּראָצעדור, די

אידישע מדינה אין גאַנצן לאַנד, זיינען מיר גרייט זי אָנצונעמען אין דעם גרויסן טייל פֿון לאַנד, וואו מיר זיינען איצט אַ מערהייט, און וואוהין מיר קענען גליך אַריינברענגען הונדערטער טויזנטער אידן. באַזונדערס דאַרפֿן מיר אַזוי דערקלערן אויך דערפֿאַר, ווייל דער טייל פֿון דער טעריטאָריע, וואָס וועט אַריבערגיין צו די אַראַבער, איז סיי־ווי־סיי ניט די געגנט, אין וועלכער מיר וואָלטן באַזעצט אידן אין די נאָענטסטע פֿינף אָדער צען יאָר, אויב איר פֿרעגט אונזערע עקאָנאָמישע עקספּערטן. דער בעסטער באַווייז דערפֿאַר איז, אַז אין די לעצטע דרייסיק אָדער פֿערציק יאָר האָבן מיר פּאַקטיש ניט אויפֿגעשטעלט דאָרט קיין ישובים. די געגנט איז געדיכט באַפֿעלקערט דורך אַראַבער, אָדער עס איז אַ באַרגיקע טעריטאָריע. און עס זיינען פֿאַראַן נאָך אַלערליי אַנדערע סיבות.

דאָס זיינען געווען די מאָטיוון, וועלכע האָבן באַוואויגן די עקזעקוטיווע פֿון דער אידישער אַגענטור אַרויסצוקומען מיט דעם פֿאָרשלאָג וועגן אַ לעבנספֿעאיקער אידישער מדינה אין אַ געהעריקן טייל פֿון ארץ־ישראל. דאָס איז אַ באַשלוס, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן ניט מיט קיין קליינער מערהייט, און ניט מיט קיין צופֿעליקער מערהייט, נאָר מיט צוועלף שטימען קעגן איינער. לאָמיך איצט דיסקוטירן עטלעכע פֿון די קריטישע אַרויסטריטן קעגן דעם באַשלוס.

איינער פֿון די הויפּט־אַרגומענטן קעגן דעם באַשלוס איז קודם־כל, אַז ער איז ניט קאָנסטיטוציאָנעל, אַז די עקזעקוטיווע האָט ניט געהאַט קיין רעכט אַזוי צו האַנדלען. די דאָזיקע פֿראַגע איז אויפֿגעהויבן געוואָרן אין דער עקזעקוטיווע דורך איין מיטגליד, אָבער זיין מיינונג איז אָפּגעוואָרפֿן געוואָרן מיט אַ גרויסער מערהייט, ווייל עס איז פֿאַראַן אַ רעזאָלוציע פֿון אַ ציוניסטישן קאָנגרעס (פֿון 1937), וואָס באַפֿולמעכטיקט די עקזעקוטיווע צו פֿאַרהאַנדלען אויף דער באַזע פֿון דעם טיילונגס־פּלאַן. די דאָזיקע רעזאָלוציע איז קיינמאָל ניט אָפּגעשאַפֿן געוואָרן, און די עקזעקוטיווע האָלט, אַז זי האָט דאָס רעכט צו פֿאַרהאַנדלען אויפֿן יסוד פֿון אַזאַ סכעמע.

פֿאַראַן נאָך אַ פּונקט, אַרום וועלכן עס ווערט געמאַכט אַ גרויסער טומל. מענטשן זאָגן, אַז דער טיילונגס־פּלאַן איז אָנגענומבאַר, אָבער ניט מיר דאַרפֿן אים פֿאָרשלאָגן. מיר האָבן געדאַרפֿט וואַרטן, ביז אַנדערע וועלן אים פֿאָר־שלאָגן. פּערזענלעך פֿיל איך, אַז דער חילוק צווישן די צוויי מיינונגען איז זייער אַ קליינער. דאָך גיב איך צו, אַז עס איז פֿאַראַן אַן אונטערשיד. אָבער אויב עמעצער מיינט, אַז דורך סוגעסטירן אָדער פֿאָרשלאָגן דעם טיילונגס־פּלאַן זיינען מיר ענדגילטיק און ניט אָפּרופֿבאַר געבונדן צו אים, האָט ער

אַן אַבסאָלוטן טעות. קודם־כל האָבן מיר שוין צען מאָל אינפאָרמירט די ענגלענדער, אַז דאָס איז אַ קאָמפּראָמיס. אויב אַ קאָמפּראָמיס ווערט אָנגענומען, איז ער אָנגענומען. אויב ער ווערט אָפּגעוואָרפן דורך דעם אַנדערן צד, בינדט ער ניט דעם צד, וועלכער האָט אים פאָרגעשלאָגן. אויב אונזער פאָרשלאָג וועט אָפּגעוואָרפן ווערן, און דורך עפּעס אַ נס וועלן מיר אין פינף יאָר אַרום דערגרייכן אַ אידישע מערהייט — הגם איך זע עס ניט — דאַן וועט דער ציוניזם ניט זיין געבונדן מיט דעם טיילונגס־פּלאַן. דעריבער זאָג איך, אַז אַן אונטערשיד איז פאַראַן, אויב מיר זיינען די, וועלכע נעמען די איניציאַטיוו. אָבער מען דאַרף ניט איבערטרייבן דעם אונטערשיד.

איך וויל אויך דערקלערן, פאַרוואָס דער דאָזיקער אַרגומענט האָט ניט קיין באַדייטונג אין פּראַקטישער פּאָליטיק. מיר זיינען היינט־צו־טאָג ניט אין דער לאַגע צו זיצן און וואַרטן, ביז די ענגלענדער וועלן אונז פאָרשלאָגן אַ טיילונגס־סכעמע. קודם־כל וועלן זיי עס קיינמאָל ניט פאָרשלאָגן. די אַראַבער געפינען זיך אין דעם צושטאַנד, אַז זיי קענען זיצן און וואַרטן, וויל דער סטאַטוס־קוואָ אין ארץ־ישראל איז גינסטיק פאַר זיי. אויב עס גייט פאַרביי אַ יאָר און אידן קומען ניט אַריין אין לאַנד, ווערן זיי שטאַרקער. אָבער מיר מוזן ברעכן דעם דאָזיקן קריטישן מצב. מיר מוזן געפינען אַן אויסוועג פון דער דאָזיקער לאַגע. מיר קענען ניט טאָלערירן דעם סטאַטוס־קוואָ אין ארץ־ישראל. מיר זיינען אין אַ צושטאַנד, אין וועלכן מיר מוזן נעמען די איניציאַטיוו און ענדערן די לאַגע, מיט פרידלעכע מיטלען אָדער אויף אַן אַנדערן וועג.

ניטאָ קיין שום אויסזיכט, אַז די ענגלענדער זאָלן פאָרשלאָגן אַ טיילונגס־פּלאַן. מיר וועלן מוזן פירן אַ שווערן פּאָליטישן קאַמף צו האָבן אַ דרוק אויף די ענגלענדער, אַז זיי זאָלן אָננעמען דעם פּלאַן, און זיי האַלטן נאָך גאַנץ וויט דערפון. דעריבער וואָלט לויט מיין מיינונג געווען פּאָליטיש אומפאַראַנטוואָרטלעך און נאַאיוו צו זיצן רואיק און זאָגן, אַז מיר ווילן האָבן גאַנץ ארץ־ישראל

מען זאָגט אויך: וואָס האָט איר דערגרייכט מיט דעם דאָזיקן פאָרשלאָג? איר האָט שוין דערקלערט, אַז איר זענט גרייט אָפּצוגעבן אַ טייל פון ארץ־ישראל, און איר זענט נאָך ניט געקומען צו קיין פאַרשטענדיקונג מיט דער בריטישער רעגירונג.

קודם־כל וויל איך זאָגן, אַז לויט מיין באַשיידענער מיינונג איז דאָס געווען אַ מוטיקער אַקט פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע. מיר האָבן געוואוסט, אַז מיר וועלן דערפאַר קריטיקירט ווערן, און איך פאַרשטיי די קריטיק.

איך האָב ניט קיין פאַראיבל אויף דער קריטיק, אויב זי איז ניט אַנגעווענדעט אויף אַ פּערזענלעכן אופן. איך פאַרשטיי די טראַגעדיע פון די אידן, וועלכע זיינען געצוואונגען ווידעראַמאָל אָפּצוגעבן אַ טייל פון לאַנד נאָכדעם, ווי מען האָט שוין אָוועקגענומען עבר הירדן. איך פאַרשטיי דאָס און איך פאַרשטיי געוויסע אידן, וועלכע ווערן אַזוי שטאַרק מיטגעריסן מיט דער דאָזיקער פאַרביטערונג, אַז זיי זיינען ניט בכוח צו האַנדלען לויטן קאַלטן שכל און וואַרפן־אָפּ דעם טיילונגס־פּלאַן. איך וואָלט ניט געזאָגט, אַז אַ ציוניסט, וועלכער וואַרפט־אָפּ אויף אַ ציוניסטישן קאָנגרעס דעם טיילונגס־פּלאַן איז אַ שלעכטער ציוניסט.

אָבער לויט מיין מיינונג האָט דער דאָזיקער מוטיקער אַקט פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע — מוטיק פון אַן אינערלעכן שטאַנדפּונקט, ווייל מיר האָבן געוואוסט, אַז ער וועט ניט מאַכן לייכטער אונזער לעבן — שוין דערגרייכט געוויסע רעזולטאַטן. צום ערשטן מאָל האָבן מיר באַקומען די קאָנקרעטע אַמעריקאַנער שטיצע פאַר אַ באַשטימטער ציוניסטישער פּאָליטישער ליניע. קיינער קען ניט באַווייזן, וואָס עס וואָלט געשען, ווען עס וואָלט פּאַסירט עפּעס אַנדערש. אָבער די, וועלכע קענען די אידישע לאַגע, ווייסן — ווי איך בין זיכער אין דעם — אַז אויב מיר וואָלטן ניט אַרויסגעקומען מיט אונזער פאָרשלאַג וועגן אַ לייזונג, וואָלט אַמעריקע בכלל זיך צוריקגעצויגן פון דעם ארץ־ישראל־פּראָבלעם. דר. סטיפען ווייז און איך האָבן געהאַט אַ זייער לאַנגן און אָפנהאַרציקן געשפּרעך אין פּאַריז מיטן אַמעריקאַנער אויסערן־מיניסטער (סעקרעטערי אָוו סטייט), בוירנס. און ער האָט אונז געזאָגט: מיר קענען שוין מער גאָרניט טאָן. מיר האָבן געפּרוּווט טאָן דאָס בעסטע. מיר האָבן זיך באַמיט צו באַקומען די 100,000 אימיגראַציע־סערטיפיקאַטן, און האָבן ניט געקראָגן. מיר האָבן געפּרוּווט צו באַווירקן מאָריסאָנ׳ען, אַז ער זאָל קומען דאָ פאַרהאַנדלען, און ער האָט געזאָגט: איר קענט דאָס ניט פּועל׳ן. וואָס נאָך דערוואַרט איר פון אונז צו טאָן? מיר וועלן זיך דאַרפן צוריקציען פון דעם גאַנצן ארץ־ישראל־פּראָבלעם.

דעמאָלט וואָלטן מיר פאַרבליבן אַליין מיטן בריטישן קאָלאָניען־מיניסטעריום און מיט די אַראַבער, און מיר וואָלטן אַריינגעפאַלן אין אַ שרעקלעכער פּאָליטישער לאַגע.

דער בריוו פון מר. בוירנס צו דר. ווייז׳ן, די פאַרזיכערונג, אַז דער גאַנצער סטייט־דעפּאַרטמענט און די אויסערן־דינסט וועלן דורכפירן די פּאָליטישע ליניע פון טיילונגס־פּלאַן; דער דאָזיקער פאַקט, אַז צום ערשטן מאָל — אין מיין באַשיידענער מיינונג — איז אַמעריקע איבערן האַלז אַריינ־

געטאָן אין דעם ארץ־ישראל׳דיקן ענין, איז אַ רעזולטאַט פון דעם באַשלוס פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע. דעריבער זאָג איך, אַז די מיינונג, אַז דער דאָזיקער באַשלוס פון דער עקזעקוטיווע האָט אונז דערוויל גאָרניט געבראַכט, איז אַ פאַלשע מיינונג. דער באַשלוס האָט אונז געוואונען די קאָנקרעטע, רעאַליסטישע שטיצע פון אַמעריקע פאַר דער דאָזיקער פּאָליטישער ליניע. מיר וואָלטן קיינמאָל ניט גע׳פּועל׳ט ביי אַמעריקע, אַז זי זאָל באַשטיין אויף דעם, אַז מיר דאַרפן האָבן גאַנץ ארץ־ישראל אָן דעם, אַז אידן זיינען דאָרט אַ מערהייט.

און מען הויבט אָן צו פאַרשטיין אין לאָנדאָן, אַז אַמעריקע האָט זיך זייער ערנסט פאַראינטערעסירט מיטן ארץ־ישראל־פּראָבלעם. איך, און אַ סך פון אונז, האָבן געזאָגט זינט יאָרן, אַז דער דעצידירנדיקער פאַקטאָר, וועלכן מיר האָבן, איז אַמעריקע. ווייצמאַן האָט אַמאָל געזאָגט, אַז די צווייטע באַלפור־דעקלאַראַציע וועט דאַרפן קומען פון וואַשינגטאָן. דאָס קען זיין אַביסל איבער־טריבן — יעדע שיינע פאָרמולע איז תמיד איבערטריבן, בכדי צו מאַכן אַן איינדרוק מוזט איר איבערטרייבן — אָבער עס איז פאַראַן אין דעם אַ סך אמת. אויב אַמעריקע וועט אונז ניט שטיצן, מיין איך, אַז מיר וועלן פאַקטיש ניט האָבן קיין שום אויסזיכט צו דערגרייכן וואָס־עס־איז ביי די ענגלענדער. מיט דער אַמעריקאַנער הילף, רעכן איך, האָבן מיר אַן אויסזיכט. קיין שום זאַך איז היינט־צו־טאָג ניט מער וויכטיק און נויטיק פאַר ענגלאַנד און איר פּאָליטיק, ווי אַנהאַלטן ענגע באַציאונגען מיט אַמעריקע.

ווען אַמעריקע וועט ווירקלעך שפּילן איר ראָלע, קענען מיר דערגרייכן צו אַ לייזונג, וואָס וועט ברענגען אַ גרויסן טאָג אין דער אידישער געשיכטע. דאָס וועט מיינען, אַז מיר וועלן גלייך האָבן אַ פרייע עליה אין אונזער טייל פון ארץ־ישראל. מיר וועלן תיכף האָבן די מעגלעכקייט צו ליקווידירן די לאַגערן פון דער שארית הפליטה. נאָך אַ טראַנזיט־תקופה פון אַ יאָר אָדער צוויי יאָר וועלן מיר אַנערקענט ווערן אַלס אַ מדינה דורך ענגלאַנד און אַמעריקע. און דאַן וועלן מיר זיך ווענדן צו דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער וועגן ווערן אַנגענומען אַלס אַ מיטגליד. מיר וועלן האָבן אַ סטאַטוס און וועלן באַזיצן אונזער אייגענע מדינה אין אַ טייל פון ארץ־ישראל.

נאַטירלעך וועלן מיר ניט אָננעמען סתם יעדן מין פון אַ טיילונגס־פּלאַן. איך דאַרף אייך ניט זאָגן, אַז אויב זיי וועלן אונז געבן בלויז פתח־תקוה און תל־אָביב, וועלן מיר ניט פאַרהאַנדלען וועגן אַזאַ פּלאַן. זיי ווייסן עס, זיי ווייסן אַלע פּרטים. זיי קענען דעם מינימום פון אונזערע פאָדערונגען, און דער מינימום פון אונזערע טעריטאָריעלע פאָדערונגען איז אַזעלכער, אַז

מיר זאָלן קענען אַריינבברענגען מיליאָנען אידן. מיר וועלן האָבן די מעג־לעכקייט צו באַוואָסערן דעם נגב. און דער נגב וועט דאַרפן זיין אַ טייל פון דער אידישער מדינה. אין דער הינזיכט וועלן ניט זיין קיין שוועריקייטן מיט די אַראַבער. עס זיינען ניטאָ קיין אַראַבער אין נגב. אויב מיר וועלן עס דערגרייכן, בין איך זיכער, אַז די גאַנצע דיסקוסיע וועגן טיילונגס־פּלאַן וועט פאַרשווינדן אין משך פון עטלעכע טעג. און עס וועט זיין אַ גרויסער טאָג פאַר די אידן אין ארץ־ישראל און איבער דער גאַנצער וועלט, ווען מיר וועלן פּטור ווערן פון אַזאַ אַדמיניסטראַציע, וועלכע עקזיסטירט איצט אין ארץ־ישראל.

איך בין איבערצייגט, אַז עס איז ניט פאַראַן אין אונזערע טעג קיין אַנדערע לייזונג, ווי דער טיילונגס־פּלאַן.

# טיילונגס־פּלאַן — די איינציקע מעגלעכע לייזונג

(פון דער רעדע ביים 22־טן ציוניסטישן קאָנגרעס, אין באַזעל, שווייץ, דעם 12־טן דעצעמבער 1946)

לויט מיין מיינונג, איז די ערשטע אויפ־גאַבע פון קאָנגרעס צו זען די ווירקלעכקייט. מיר זיינען ניט קיין פּראָפּאַ־גאַנדע־באַוועגונג, נאָר „אַ מדינה אונטערוועגס".

איך בין געוואָרן דער סימבאָל און דאָס שרעק־בילד פון טיילונגס־פּלאַן. אָבער אין פּאַריז (ביי דער סעסיע פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע) זיינען געזעסן מיט מיר נאָך צוואַנציק אידן. און אַלע האָבן מיר געזאָגט, אַז מיר זיינען גרייט צו פאַרהאַנדלען וועגן אויפשטעלן אַ „לעבנספעאיקע מדינה אין אַן אַנטשפּרעכנדיקן טייל פון ארץ־ישראל". זיינען מיר דען געקומען צו דעם מיט אַ לייכט האַרץ? צו וואָס די לאַנגע רעדעס, וועלכע ווילן באַווייזן, אַז מיר האָבן אַ רעכט אויף גאַנץ ארץ־ישראל? מיר האָבן דאָך געהאַט דאָס רעכט אויף גאַנץ ארץ־ישראל און אויך אויפן עבר־הירדן, און מען האָט אונז געצוואונגען — ווער עס וויל קאָן זאָגן, אַז מען האָט באַנוצט שאַנטאַזש קעגן אונז — מוותר צו זיין אויפן דאָזיקן רעכט. צי האָט מען דאָס געטאָן מיט אַ לייכט האַרץ? עס איז לחלוטין ניט נויטיק צו באַווייזן, אַז גאַנץ ארץ־ישראל איז בעסער פון אַ העלפט, אָדער פון אַ דריטל, אָדער פון דריי פערטל. גאַנץ ארץ־ישראל איז בעסער ניט נאָר טאָפּלט, נאָר הונ־דערט מאָל אַזויפיל. ווער ווייסט דאָס ניט?

צי האָבן מיר דען גערעדט וועגן דעם טיילונגס־פּלאַן מיט אַ יאָר צוריק? אין קריגס־צייט האָבן מיר פאָרמולירט דאָס בילטמאָר־פּראָגראַם. איך גע־הער צו די זעקס־זיבן חברים פון דער קאָמיסיע, וועלכע האָבן אויסגעאַרבעט דאָס דאָזיקע פּראָגראַם, וואָס איך באַטראַכט ווי אַ גרויסן פּאָליטישן אויפטו. דער ציוניזם איז אַרויסגעקומען מיט דער פאָדערונג צו מאַכן אַ סוף צו דעם מאַנדאַט און אויפשטעלן אַן אומאָפּהענגיקע אידישע מדינה. אין דעם מאָמענט, ווען מיר האָבן פאָרמולירט דאָס בילטמאָר־פּראָגראַם, האָבן מיר געהאַט אַ גרונט צו גלויבן, אַז אויב די דעמאָקראַטיעס וועלן זיגן, וועלן זיי אונז דערמעגלעכן אַריינצוברענגען קיין ארץ־ישראל אין אַ יאָר־צוויי אַ האַלבן מיליאָן אידן. עס זיינען געווען חברים, וועלכע האָבן געגלויבט, אַז מיר וועלן קאָנען אַריינ־ברענגען צוויי־דריי מיליאָן אידן. אָבער איך, דער סקעפּטיקער, דער מענטש

פון קאַלטן חשבון, האָב געמיינט, אַז מיר וועלן קאָנען אַריינברענגען לכל־הפחות אַ האַלבן מיליאָן אידן. און וואָס האָט זיך אַרויסגעשטעלט? די לאַגע אין ארץ־ישראל האָט זיך אַנטוויקלט אַזויווי זי האָט זיך אַנטוויקלט. צי האָבן מיר פאַרלאַנגט דעם טיילונגס־פּלאַן אין דעם יאָר נאָך דער מלחמה? מיר האָבן דאַן פאַרלאַנגט הונדערט טויזנט סערטיפיקאַטן. דער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן (טרומאַן), וועלכער האָט אַ גרעסערן איינפלוס אויף דער ענגלישער רעגירונג ווי די אידישע אַגענטור, האָט דערקלערט פיר־פינף מאָל עפנטלעך, און פיל מאָל ניט־עפנטלעך, אַז ער פאַרלאַנגט פון ענגלאַנד צו געבן אונז הונדערט טויזנט סערטיפיקאַטן. ווען עס איז באַשטימט געוואָרן די ענגליש־אַמעריקאַנער פאָרשונגס־קאָמיסיע, האָבן די ענגלענדער זיך פאַרפליכטעט — בכל־אופן מאָראַליש, אויב ניט פאָרמעל — אָנצונעמען די רעקאָמענדאַציעס פון דער קאָמיסיע. די קאָמיסיע האָט איינשטימיק רעקאָמענדירט, אַז מען זאָל אונז געבן הונדערט טויזנט סער־טיפיקאַטן. און די ענגלענדער האָבן געבראָכן זייער פאַרפליכטונג, זייער צוזאָג.

ניט נאָר אונזערע קעגנער אין ענגלישן קאַבינעט שטיצן ניט אונזער פאָדערונג וועגן הונדערט טויזנט סערטיפיקאַטן. מיר האָבן גערעדט מיט אונזערע פריינט אין קאַבינעט, און זיי זאָגן: מיר וועלן קעמפן פאַרן ציוניזם, פאַר אַ אידישער מדינה, אָבער ניט פאַר הונדערט טויזנט סערטיפיקאַטן, ווייל דאָס וועט פירן צו אַ קאָנפליקט מיט די אַראַבער, ניט לייזנדיק קיין שום זאַך. די אידן וועלן אויסנוצן די דאָזיקע הונדערט טויזנט סערטיפיקאַטן, און וועלן דערנאָך פאָדערן נאָך הונדערט טויזנט. אונזערע פריינט זאָגן אונז: „מיר זיינען ניט גרייט פאַר אַ קאָנפליקט אָן אַ סוף".

איך וויל פרעגן: וואָס קאָן מען טאָן, בכדי אָנצוהאַלטן די עליה אין שאָטן פון ענגלישן מאַנדאַט? מיט וועלכן כוח וועלן מיר צווינגען ענגלאַנד, אַז זי זאָל דערפילן אונזער ווילן? פאַראַן צווישן אונז אַזעלכע, וועלכע ווילן האָבן אַן אַנדער „טראַסטישיפּ" (אַפּוטרופסות) איבער ארץ־ישראל. און איך בין גרייט איך צו זאָגן, אויפן יסוד פון מיין קענען די לאַגע אין דער אָר־גאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער, אַז ווי שווער עס איז געווען די לאַגע אין זשענעווע (ביי דער פריערדיקער פעלקער־ליגע) אין די צייטן פון מאַנדאַט, איז זי נאָך געווען אַ אידעאַלע אין פאַרגלייך מיט דעם מצב, אין וועלכן מיר קאָנען זיך געפינען, אויב עס וועט אויף אונז אַרויפגעלייגט ווערן איצט אַ נייע „טראַסטישיפּ".

צו דער פראַגע וועגן טעראָר. פּרינציפּיעל אָנערקען איך דאָס רעכט פון אַ פאָלק זיך צו פאַרטיידיקן — אויב דאָס איז זיין לעצטע ברירה. מיר האָבן

דערצויגן דאָס אידישע פאָלק זיך ניט אונטערצוגעבן אין דעם לעצטן, אַנט־שיידנדיקן קאַמף. אָבער איך בין קעגן אַ פאַנאַטישן און בלינדן טעראָר, וואָס פאַרפעלט זיין ציל. און איך זע וואָס עס וועט זיין: אויב די דאַזיקע לאַגע וועט אָנהאַלטן נאָך אַ יאָר, וועלן אידן ניט אַריינקומען אין לאַנד, די שיפן וועלן פאַרטריבן ווערן און די שפּאַנונג וועט פאַרשטאַרקט ווערן. עס וועט זיין אַ טעראָר — און איר זאָלט זיך ניט פאַרלאָזן אויף דעם, אַז די ענג־לענדער וועלן ניט טאָן דאָס, וואָס זיי קאָנען טאָן.

און דעריבער דאַרפן די קעגנער פון דעם טיילונגס־פּלאַן גוט אָפּוועגן די אַלע טעמים. און ביז זיי וועלן ניט געבן קיין קלאָרן ענטפער אויף דעם, מאַכט ניט קיין איינדרוק אויף מיר די קעגנערשאַפט צום טיילונגס־פּלאַן. איך פאַרשטיי זייער גוט די מאָטיוון פון דער קעגנערשאַפט. גלויבט מיר, אַז איך וואָלט אויך געקאָנט האַלטן אַ שאַרפע רעדע קעגן טיילונגס־פּלאַן. אָבער וואָס איז דער נוצן דערפון, אויב מען ווייזט ניט אָן אויף קיין אַנדערן וועג?

מען האָט דאָ גערעדט וועגן דעם, אַז מען דאַרף זיך אָפּהאַלטן פון קפיצת־הדרך. אָבער קפיצת־הדרך איז אונז מיט געוואַלד אַנגעצוואונגען געוואָרן. ניט מיר האָבן דערצו דערפירט. ניט פאַראַן איצט קיין מער שעד־לעכער וועג פאַרן ציוניזם, ווי די שיטה פון וואַרטן. ווען מען זאָגט אונז: „דער מאָמענט איז ניט קיין פּאַסנדיקער, אויף קיין פשרות וועלן מיר ניט איינגיין, לאָמיר וואַרטן כשירחיב" — איז מיין מיינונג, אַז דאָס איז אין אַ שאַרפער סתירה צו דער עצם־אידייע פון ציוניזם. דער ציוניזם איז ניט קיין משיח'ישע באַוועגונג. דער עיקר פון ציוניזם איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מיר האָבן דערקלערט: „מיר ווילן ניט מער וואַרטן!" מיר זיינען דער דור, וועלכער האָט באַשלאָסן צו פאַרווירקלעכן אונזער שטרעבונג, וועלכער האָט גענומען אויף זיך צו לייזן גלייך די אידן־פראַגע. און די אידן־פראַגע איז איצט אַ דרינגנדיקערע, ווי זי איז ווען־עס־איז געווען, איבער דעם מצב אין אייראָפּע, און דערפאַר ווייל אידן זיצן אין די לאַגערן. מיר דאַרפן טאָן אַלץ, און אויב דער צושטאַנד פאָדערט, דאַרפן מיר אויך איינגיין אויף טראַגישע פשרות און פירן אַ פּאָליטיק, וועלכע האָט באַשטימטע אויסזיכטן פאַר קאָנען לייזן די אידן־פראַגע אין אונזער צייט.

מיר האָבן פאַר זיך אַ דרינגנדיק פּראָבלעם. דער סטאַטוס קוואָ קאָן ניט בלייבן אויף אייביק, ניט אין ארץ־ישראל און ניט אין אייראָפּע. אָדער די לאַגע וועט ווערן בעסער, אָדער זי וועט ווערן ערגער. אויב עס וועט ווייטער אַזוי אָנגיין אין ארץ־ישראל אַזויווי איצט, וועט מוזן קומען צו אַ

קראַך. מיר דאַרפן דאָס וויסן און דאַרפן פּרואוון צו טאָן אַלץ, וואָס מיר קאָנען, אַפילו אויב מיר דאַרפן איינגיין אויף גרויסע פּשרות און טאָן זאַכן, וואָס עס איז זייער שווער פאַר יעדן איינעם פון אונז — ווען די לאַגע וועט דאָס פאָדערן. מיר דאַרפן געפינען דעם מוט אין זיך אַליין אויפצובויען אַ באַזע, פון וועלכער מיר זאָלן קאָנען דורכברעכן אַלע שטערונגען, אַרויס־גיין פון קלעם און עפענען די טויערן פון ארץ־ישראל, אויב ניט פון גאַנץ ארץ־ישראל, איז פון דעם גרעסטן טייל פון לאַנד — עפענען די טויערן פאַר אַ באַלדיקער גרויסער עליה פון אידן און לייגן דעם יסוד פאַר דער באַפרייאונג פון פרעמדער הערשאַפט, בכדי מיר זאָלן זיצן אין דעם גרעסטן טייל פון לאַנד און ניט זיין אָפּהענגיק פון אַ קאָלאָניאַלן רעזשים; בכדי מיר זאָלן זיין אַ פאָלק מיט אַ זעלבסטשטענדיקן סטאַטוס, אַ פאָלק מיט כבוד און אַ ממשות׳דיקער פּאָליטישער פאַקטאָר אין דער וועלט.

## מיינע ערשטע ווערטער צו בעווינען

„אין די ערשטע עטלעכע מינוט פון מיין ערשטן געשפרעך, וואָס איך האָב געהאַט מיט בעווינ׳ען, האָב איך אים געזאָגט: „מר. בעווין, איינער פון די הויפּט־פאַקטן פון דער לאַגע אין ארץ־ישראל, וואָס איר דאַרפט פאַרשטיין, איז — אַז מיר האָבן דערצויגן אַ דור פון אידן אין ארץ־ישראל, וואָס קאָן טאָן צוויי זאַכן: זיי קאָנען בויען, אָדער צעשטערן. איין זאַך קאָנען זיי נ י ט טאָן און וועלן ניט טאָן: דאָס איז צו זיין רואיק און זען, ווי אידן ווערן פאַרטריבן פון די ברעגן פון ארץ־ישראל און געשיקט קיין ציפּערן. במשך פון פופציק יאָר איז די גאַנצע ליידנשאַפט און די גאַנצע איבערגעגעבנקייט פון דעם אידישן דור אין ארץ־ישראל — וואָס איז היינט־צו־טאָג דער גרעסטער כוח, וועלכן מיר פאַרמאָגן אין דעם אַרסענאַל פון קאַמף פון אידישן פאָלק פאַר זיין צוקונפט — געווען געווידמעט דער אַרבעט פון בויען; און מיר האָבן אויפגעבויט אין ארץ־ישראל אַ בנין, וואָס איז, ווי איך מיין, איינע פון די ווייניקע גרויסע קאָנסטרוקטיווע דערגרייכונגען פון דער מענטשהייט אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. אויב מען וועט דעם דאָזיקן דור ניט לאָזן ווייטער בויען; אויב מען וועט ניט דערלויבן די אידן צו קומען קיין ארץ־ישראל; אויב אידן וועלן ניט קאָנען קויפן לאַנד, ווייל די רעגירונג וועט ניט לאָזן; און אויב יעדער שריט, וואָס דער דאָזיקער אידישער דור וויל אונטערנעמען פאַר אויסברייטערן זיין קאָנסטרוקטיווע אַרבעט, וועט געשטערט ווערן דורך דעם בריטישן פלאָט און דורך דער בריטישער אַרמיי — איז עס אומפאַרמיידלעך, צי מיר וועלן מסכים זיין מיט דעם, צי ניט — און איך בין איינער פון די, וואָס וועל געבן מיין צושטימונג — אַז די דאָזיקן אידן זאָלן מיט זייערע ריזיקע כוחות און שטאַרקער איבערגעגעבנקייט זיך אַוועקלאָזן אין דער ריכטונג פון דעסטרוקטיווע קאַנאַלן, און אַז זיי זאָלן אָנהויבן צו באַקעמפן דעם דאָזיקן רעזשים, וואָס פאַרווערט זיי צו בויען די אידישע נאַציאָנאַלע היים פאַרן אידישן פאָלק".

(פון דער רעדע ביי דער קאָנפערענץ פון דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער פרויען־אָרגאַניזאַציע „הדסה", דעם 10־טן נאָוועמבער 1946, אין באָסטאָן)

# מדינה

# און פאָלק

אין די רעדעס, וואָס ווערן געבראַכט אין דעם אָפּטייל, נעמט דר. גאָלדמאַן דאָס וואָרט אַלס פירער פון דער ציוניס־טישער וועלט־באַוועגונג — זינט 1951 אַלס איינער פון די צוויי פּאָרזיצער פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, און זינט 1956 — אַלס פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָר־גאַניזאַציע.

אין די רעדעס קומט צום אויסדרוק די גאַנצע רייע פון פּראָבלעמען, וואָס זיינען אַרויסגערופן געוואָרן נאָך דער ווי־דעראויפריכטונג פון דער אידישער מדינה — סיי אין מדינת ישראל גופא, סיי אין ציוניזם, סיי אין דער לאַגע פון וועלט־אידנטום און סיי אין די באַציאונגען צווישן אידישן פאָלק און דער אידישער מדינה.

אין אַ געוויסער מאָס ווערן די פּראָבלעמען אויך באַ־האַנדלט אין ווייטערדיקן, דריטן טייל פון דעם בוך: „וועלט און וועלט־אידנטום".

א. א.

# נאָך דער גרינדונג פון מדינת ישראל

(פון דער רעדע ביי דער דערעפענונג פון 23־טן ציוניסטישן קאָנגרעס,
אין ירושלים, דעם 14־טן אויגוסט 1951)

איצט, ווען דער ציוניזם האָט פאַרווירקלעכט זיין ערשטן ציל, גרינדנדיק מדינת ישראל, איז דאָס שווערע פּראָבלעם, פאַר וועלכן מיר שטייען, ווי אַזוי צו רעגולירן די באַציאונגען צווישן דעם אידישן פאָלק אין גאָר דער וועלט און דער מדינה, ווי אַזוי צו מאָביליזירן דעם גרעסטן אָנשטרענג פון אידישן פאָלק, כדי צוזאַמען מיט דער מדינה צו פאַרווירקלעכן דעם ציוניסטישן אידעאַל אין זיין גאַנצן פאַרנעם און שפע.

ציוניזם, ווי איך פאַרשטיי אים, האָט זיך געשטעלט פיר צילן:

א) צו גרינדן אַ אידישע מדינה;

ב) צו באַנוצן זיך מיט דער דאָזיקער מדינה, כדי צו פאַרווירקלעכן דעם וואונדערבאַרן פּראָצעס פון קיבוץ גלויות און צו קאָנצענטרירן, אויב נישט דאָס גאַנצע אידישע פאָלק, איז ווייניקסטנס אַ קענטיקן טייל פון אים, עטלעכע מיליאָן אידן, אין מדינת ישראל;

ג) צו מאַכן די דאָזיקע מדינה פאַר אַ אידישע נישט בלויז אין אויבערפלעכלעכן זין. דער בלויזער פיזישער פאַקט, אַז דער רוב איינוואוינער פון דער מדינה וועלן זיין אידן, איז נישט געווען דער איינציקער ציוניסטישער קריטעריום בנוגע דער אידישקייט פון דער מדינה. די וויזיע פון ציוניזם איז געווען — אַ מדינה אַלס קאָנקרעטער לעבעדיקער אויסדרוק פון די גרויסע אידעאַלן פון אידישער קולטור און געשיכטע, אַז דאָס אידישע פאָלק זאָל נישט דאַרפן זיך מער באַשרענקען אויף ביכער, קונסט און מוזיק, כדי אויסצודריקן זיין גייסטיקן מהות. אַדאַנק דער מדינה זאָל דאָס אידישע פאָלק קענען בייטראָגן צו דער קולטור אויף דעם ווירקזאַמסטן אופן — שמידנדיק נייע לעבנס־פאַרמען, שאַפנדיק אַ נייע געזעלשאַפט, פורעמענדיק אַ נייע ווירקלעכקייט.

ד) דער פערטער ציל פון ציוניזם איז געווען צו זיכערן די איינקייט פון אידישן פאָלק, כל־זמן עס איז נאָך נישט אינגאַנצן קאָנצענטרירט אין זיין

אייגענעם לאַנד, און אויפצוהאַלטן אַ אידיש לעבן און אידישע ווערטן אומעטום, וואו אידן זאָלן זיך נישט געפינען.

מען מוז נישט געני קענען די לאַגע אין ישראל און פון אידישן פאָלק אין אַלגעמיין, כדי פעסצושטעלן, אַז קיין איינער פון די דערמאָנטע ציוניס־טישע צילן איז נאָך נישט אינגאַנצן רעאַליזירט געוואָרן. עס איז נאָך נישט געשלאָסן געוואָרן קיין פרידן מיט די אַראַבער, און אַ טייל פון זיי האַלטן נאָך אין דראָען ישראל מיט אַ „צווייטער רונדע״. די פּראָבלעמען פון דער ישראל׳דיקער טעריטאָריע און אירע גרענעצן, פון ירושלים אַלס הויפּט־שטאָט, דאָס פּראָבלעם פון די אַראַבישע פּליטים — זיי אַלע זיינען נאָך ווייט פון אַ וועלכן־ניט־איז הסכם. די עקאָנאָמישע שוועריקייטן פון ישראל, וואָס זיינען אַרויסגערופן געוואָרן, בעיקר און הויפּטזאַכלעך, דורך ישראל׳ס איינציק־אַרטיקער פּאָליטיק פון אומבאַשרענקטער עליה, זיינען אונז אַלעמען גוט באַקאַנט. די גרויסע סאָציאַלע און מענטשלעכע פּראָמעסטונג פון צוזאַמענ־שמעלצן עולים פון צענדליקער לענדער, פון פאַרשידענע קולטורן און סביבות אין איין פאָלק, אין איין האָמאָגענער געזעלשאַפט, דערשרעקט אין איר גרויס.

באַטראַכטן מיר דעם ציוניזם אַפילו בלויז אויבערפלעכלעך און פון אַ קורצן מרחק און רעדוצירן זיין פילאָזאָפיע צו אַ פּאָליטישן פּראָגראַם, וואָס באַצוועקט בלויז די גרינדונג פון אַ מדינה, זיינען מיר נאָך אויך ווייט פון האָבן דערגרייכט אונזער ציל. איך האָב אָפּט געזאָגט, אַז די אידן דאַרפן לערנען פון דער געשיכטע, אַז עס איז אָפּט אַ סך שווערער און עס פאָדערט זיך מער געדולד, אויסדויער און איבערגעגעבנקייט איינצוהאַלטן און קאָנ־סאָלידירן אַ מדינה, ווי אויפצושטעלן אַ מדינה. אַ מדינה קען געגרינדעט ווערן דורך אויסערגעוויינלעכע העראָאישע פּאָליטישע אָדער מיליטערישע טאַטן. דער אַקט פון מדינה־גרינדונג אַלס אַזעלכער איז נישט קיין גאַראַנטיע פאַר דער צוקונפט, פאַרן גורל און עקזיסטענץ פון דער מדינה. עס וואָלט געווען אַ זייער שווערע שולד מצד דער ציוניסטישער באַוועגונג, וועלכע האָט זיך געשטעלט אַלס ציל צו גרינדן אַ אידישע מדינה, איבערצורייסן איר אָנשטרענג איידער די דאָזיקע מדינה איז ווירקלעך זיכער, אינערלעך קאָנסאָלידירט, נישט באַדראָט דורך אויסערלעכע שונאים, אַרויס פון יעדער סכנה און אימשטאַנד אין יעדער היניזכט צו שטיין אויף אייגענע פיס. קיין שום מדינה האָט עס נישט דערגרייכט אין משך פון עטלעכע יאָר. ביי איניקע פון די מעכטיקסטע מאָדערנע מדינות האָט עס געדויערט אַ סך צענדליקער יאָרן, ביז זיי האָבן דערגרייכט אַזאַ מין זיכערקייט. עס איז נישטאָ קיין וויכטיקערע און אַנטשיידנדיקערע זאַך פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג

און פאַרן אידישן פאָלק אַלס גאַנצע, ווי צו באַנעמען און פאַרשטיין דעם פשוט׳ן אמת, אַז די באַוועגונג וועט נאָך יאָרן־לאַנג מוזן פאַרזעצן אירע העראָאישע באַמיאונגען כדי גובר צו זיין די אַלע סכנות, וואָס באַדראָען ספּעציעל אַ יונגע מדינה ווי ישראל, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין איינעם פון די געשפּאַנטסטע און שווערסטע מאָמענטן פון דער וועלט־געשיכטע און ליגט געאָגראַפיש אין איינעם פון די עמפּינדלעכסטע מיטלפּונקטן פון דער היינטיקער וועלט.

וואָס אַנבאַלאַנגט דעם צווייטן ציוניסטישן ציל, די פאַרווירקלעכונג פון קיבוץ גלויות, ווייסן מיר דאָך, אַז מיר זיינען ערשט ביים אַנהויב.

נישט קוקנדיק אויף די קאָלאָסאַלע דערגרייכונגען פון דער ישראל־רעגירונג און אידישער אַגענטור אויף דעם דאָזיקן געביט, איז דער רוב פון די פאַרפלאָנטערטע עקאָנאָמישע פּראָבלעמען, וואָס זיינען אַרויסגערופן געוואָרן דורך דער מאַסן־עליה, נאָך נישט געלייזט געוואָרן. עס ווען אין די נאָענטסטע עטלעכע יאָר נויטיק זיין אַסטראָנאָמישע געלט־סומען, כדי די דאָזיקע פּראָבלעמען גובר צו זיין, כדי ווירקלעך איינצוגלידערן די נייע עולים, צו פאַרוואָרצלען זיי אין לאַנד, צו געבן זיי די מכשירים און די מיטלען און די געהעריקע דערציאונג, כדי צו פאַרוואַנדלען זיי אין אַן עקאָנאָמישן און פינאַנציעלן אַקטיוו פאַר דער מדינה. וועט אונז חלילה נישט געלינגען צו מאַכן דעם נויטיקן אָנשטרענג און צו מאָביליזירן די נויטיקע געלט־מיטלען, קען דאָס לאַנד צוזאַמענברעכן ראַנגלענדיק זיך מיטן דאָזיקן פּראָבלעם. צי מוז איך זיך אַריינלאָזן אין אַן אויפקלערונג, אַז דער ישוב אין ישראל קען נישט טראָגן אַליין די גאַנצע לאַסט, און אַז עס איז די מאָראַלישע פליכט פון גאַנצן אידישן פאָלק אָנטייל צו נעמען אין דעם דאָזיקן איינציקאַרטיקן אָנשטרענג פון מדינת ישראל, שאַפנדיק מינדעסטנס די פינאַנציעלע מיטלען, וואָס זיינען נויטיק, כדי צו העלפן דער מדינה גובר צו זיין דעם שטאַרקן פינאַנציעלן קריזיס, וועלכן זי האָט באַוואוסטזיניק גענומען אויף זיך, צוליב דער פּאָליטיק פון מאַסן־עליה?

אָבער ווען איך רעד וועגן פּראָצעס פון קיבוץ גלויות אַלס דעם צווייטן און וויט נאָכנישט־דערגרייכטן ציל פון ציוניזם, טראַכט איך נישט נאָר וועגן די עקאָנאָמישע און פינאַנציעלע פּראָבלעמען, וואָס דער דאָזיקער פּראָצעס ברענגט מיט זיך. דערמיט איז פאַרבונדן נאָך אַ פּראָבלעם, וואָס איז נאָך נישט אַזוי בולט אין איצטיקן מאָמענט, וואָס וועט אָבער אפשר זיין פון אַנטשיידנדיקער וויכטיקייט שוין מאָרגן אָדער איבערמאָרגן, און האָט אַ היס־טאָרישע באַדייטונג פאַר די אַלע, וואָס זאָרגן זיך פאַרן „רעזאָן ד׳עטר“ און

צוקונפט פון ציוניזם. דאָס איז דאָס פּראָבלעם פון פאַרזעצן דעם שטראָם פון מענטשן־כוח, אָן וועלכן עס איז נישט מעגלעך דער קיבוץ־גלויות־פּראָצעס. אין צוויי־דריי יאָר אַרום וועט אָפּגעשלאָסן ווערן די מאַסן־עליה פון די לענדער, וואו אידן ווערן פאַרפאָלגט, אָדער קענען זיך נישט עקאָנאָמיש צופּאַסן און פירן אָן אייגן גייסטיק לעבן. און וואָס דאַן? צי קען דאָס באַדייטן דעם סוף פון דעם פּראָצעס? צי וועט דער ציוניסטישער ציל פון קיבוץ־גלויות פאַרווירקלעכט ווערן, ווען 2,00,000 אידן וועלן זיך באַזעצן אין דעם דאָזיקן לאַנד און 9,000,000 אָדער 10,000,000 אידן וועלן בלייבן אויסערהאַלב ישראל? נישט אַריינלאָזנדיק זיך אין אַ פילאָזאָפישער דיסקוסיע איבער שלילת התפוצות — נישט באַרירנדיק די פּראַגע, צי באַדייט אָדער באַדייט נישט דער ציוניזם די קאָנצענטרירונג פון אַלע אידן אין ישראל, בין איך זיכער, אַז יעדער, וואָס האַלט זיך פאַר אַ ציוניסט, וועט מסכים זיין, אַז אַ פינפטל אָדער זעקסטל פון אידישן פאָלק אין ישראל, וועט זיין אַ גרויסע דערגרייכונג אָן־און־פאַר־זיך; עס וועט אָבער נאָך נישט הייסן, אַז די ציוניסטישע וויזיע איז פאַרווירקלעכט געוואָרן, און אַז דאָס אידישע פּראָבלעם איז געלייזט געוואָרן.

וואָס איך וויל דאָ זאָגן איז, אַז אין עטלעכע יאָר אַרום וועט דער ציוניזם שטיין פאַר זיין אַנטשיידנדיקן עקזאַמען — פון דערציען אידן, און באַזונדערס אידישע יוגנט, צו עליה קיין ישראל פון לענדער, וואו עס איז נישטאָ קיין מוז, קיין אָביעקטיווער צוואַנג צו עמיגרירן קיין ישראל. דאָס וועט זיין דער העכסטער מאָראַלישער עקזאַמען פון ציוניזם. אויב די ציוניסטישע באַוועגונג וועט נישט האָבן קיין צוטרוי און גלויבן אין איר פעאיקייט צו דערפילן די דאָזיקע אויפגאַבע, אָדער נאָך ערגער, אויב עס וועט איר פעלן דער מוט אונטערצונעמען זיך צו דערפילן די פאַרפליכטונג, וועט זי פאַרלירן אַן עיקר־דיקן טייל פון איר היסטאָרישן „רעזאָן ד'עטר". די אַנטשיידנדיקע פּאָזיציע פון ציוניזם אין אידישן לעבן, וועלכע אונטערשיידט אים פון אַלע אַנדערע פּראָ־ישראל'דיקע אָרגאַניזאַציעס, ליגט אין זיין פונדאַמענטאַלער באַציאונג כלפּי קיבוץ גלויות און אין דעם מוט פון זיינע פירער צו אונטערנעמען די דאָזיקע שווערע אויפגאַבע.

ענג פאַרבונדן מיטן דאָזיקן פּראָבלעם איז די גרויסע אויפגאַבע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג צו העברעאיזירן די גלות־לענדער. אַלס אַ צוגרייטונג פאַר דער עליה קיין ישראל, ווי אויך אַלס אַ מיטל צו פאַרשטאַרקן דעם קשר צווישן דעם אידישן פאָלק און מדינת ישראל איז דאָס קענען העברעאיש דער ערשטער עלעמענטאַרער באַדינג. אָן העברעאיש קען נישט געשאַפן ווערן קיין ווירקלעך אינטימער קאָנטאַקט מיט ישראל. אָרגאַניזירן העברעאישע

דערציאונג, ספּעציעל פאַר דער יוגנט אין די אידישע קיבוצים אין די גלות־לענדער — אַ זאַך וואָס האָט שטענדיק געהערט צו די הייליקע אויפגאַבן פון ציוניזם — איז איצט איינע פון זיינע ערשטע פליכטן. עס איז דעריבער קלאָר, אַז דער דאָזיקער צווייטער פונדאַמענטאַלער ציל פון ציוניזם — קיבוץ גלויות — איז ערשט אַריינגעגאַנגען אין דעם פאַרווירקלעכונגס־עטאַפּ, און אַז עס וועלן נאָך פאַריבער יאָרן און צענדליקער יאָרן איידער עס וועט דער־גרייכט ווערן אַ גרויסע קאָנצענטראַציע פון דעם אידישן פאָלק אין ישראל און איידער דער פּראָצעס פון קיבוץ גלויות וועט זיך ווירקלעך דערנענטערן צו זיין אָפּשלוס.

עטלעכע ווערטער וועגן דריטן ציוניסטישן ציל. אונטער „אידישע מדינה" האָבן מיר פאַרשטאַנען אַ מדינה, וואָס איז אידיש אויך לויט איר כאַראַקטער, וואָס היט אָפּ די היסטאָרישע קאָנטינואיטעט פון דער גרויסער אידישער פאַר־גאַנגענהייט, וואָס נעמט איבער און שטרעבט צו די גרויסע אידעאַלן פון תנ"ך און פון די נביאים, פון די טרוימער און וויזיאָנערן פון דער אידישער געשיכטע, און וואָס זעצט נישט בלויז פאַר זיי צו פּרעדיקן און פּראָקלאַמירן, נאָר גיט זיי אויך בלוט און פלייש און רעאַליזירט זיי אין דער לעבעדיקער ווירקלעכקייט פון לאַנד.

מ'קען פאַרשטיין און אויסטייטשן די דאָזיקע אידעאַלן אויף אַ פאַרשי־דענעם אופן; עס זיינען פאַראַן פאַרשידענע אויפפאַסונגען וועגן דעם, ווי דאָס אידישע לעבן דאָ דאַרף זיין געפורעמט און אָרגאַניזירט. אָבער די בעסטע ציוניסטן האָבן שטענדיק געשטרעבט צו עפּעס מערער, ווי בלויז אַן אייגענע מדינה. זיי האָבן געהאַט אַ סך גרעסערע גייסטיקע אַמביציעס, און נישט שטאָלצירנדיק מיט זיי און נישט פּראָקלאַמירנדיק קיין מיסיע פאַרן אידישן פאָלק, האָבן די דאָזיקע פּיאָנערן זיך פאַרנומען צו שאַפן אַ נייע און בעסערע געזעלשאַפט, נייע מאַסשטאַבן פאַר סאָציאַלע באַציאונגען, אַ בעסערע אָפּשאַצונג פון ווערטן. זיי האָבן דאָס געטאָן אין דער טיפסטער האָפענונג צו שאַפן עפּעס נייעס, נישט בלויז איבערזעצנדיק פרעמדע לאָזונגען. זיי האָבן געהאָפט צו קענען ווייזן דער גאַנצער וועלט די גרויסקייט פון אידישן גייסט נישט בלויז ווי ער איז אויסגעדריקט אין ביכער, נאָר אין דער ווירק־לעכקייט פון דער נייער געזעלשאַפט.

דער דאָזיקער כאַראַקטער פון ישוב, דער פּראָגרעסיווער, קאָנסטרוקטי־ווער. אידעאַליסטישער, חלוצישער כאַראַקטער, איז, איך באַדויער עס צו זאָגן, לעצטנס צוריקגעשטויסן געוואָרן אין הינטערגרונט. איך מאַך קיינעם נישט קיין פאָרוואורפן. אין אָנבליק פון דער גרויסער און מייסטנס אָפּגע־

שטאַנענער און נישט־צוגעגרייטער עליה, שטייענדיק אונטער דעם דרינגנדיקן צוואַנג צו מאַכן צוערשט דאָס וויכטיקסטע, צו פּראָקלאַמירן די מדינה, צו פאַרטיידיקן זי קעגן אַגרעסאָרן, צו שאַפן איר אַדמיניסטראַטיוון אַפּאַראַט, צו באַהערשן דעם קאָלאָסאַלן פּראָצעס פון מאַסן־עליה, איז דער דאָזיקער אַספּעקט פון ציוניזם אומפאַרמיידלעך אַראָפּגעשטויסן געוואָרן אין הינטערגרונט. איך האָף, אַז עס איז בלויז צייטווייליק. אויב דער ציוניזם דאַרף זיך אָפּזאָגן פון דעם דאָזיקן אַספּעקט, וועט ער פאַרלירן איינע פון זיינע ווערטפולסטע און — אין בעסטן זין פון וואָרט — איינע פון זיינע גרעסטע אַמביציעזע אַספּיראַציעס. איך האָף, אַז דער ציוניזם וועט זיך קיינמאָל נישט באַגנוגענען בלויז מיט דעם, וואָס ער האָט צוגעגעבן נאָך אַ קליינע מדינה צו דער שוין עקזיסטירנדיקער גרויסער צאָל פון קליינע מדינות, הגם, זייענדיק מיין גאַנץ לעבן אַ פּאָליטישער ציוניסט, בין איך דער לעצטער צו אונטערשעצן די גרויסע וויכטיקייט פון האָבן אַ אידישע מדינה און פון פּרוּוון צו זיכערן די פיזישע צוקונפט און עקזיסטענץ פון אידישן פאָלק. דער ציוניזם מוז ווייטער זיין אַמביציעז און דאַרף זיך נישט אָפּזאָגן פון זיין פאַרלאַנג און ציל צו פורעמען אַ נייע און בעסערע געזעלשאַפט אין מדינת ישראל. ער טאָר נישט איבערנעמען און איבערפלאַנצן אין ישראל אַלע געוואוינהייטן און לעבנס־פאָרמען פון גלות־אידנטום. ער מוז אויפבויען אַ נייע געזעלשאַפט, וואָס איז באַזירט אויף די אידעאַלן פון סאָציאַלער גערעכטיקייט, און מוז פּרוּוון געפינען אַן אייגענע לייזונג פאַר די סאָציאַלע פּראָבלעמען פון אונזער צייט, וואָס צעטיילן די וועלט און באַדראָען די מענטשלעכע קולטור.

אייניקע פון די עיקר׳דיקע מיספאַרשטענדענישן און חילוקי־דעות צווישן ציוניסטישע שטרעמונגען זיינען אַרויסגערופן געוואָרן דורך דעם דאָזיקן אַספּעקט פון ציוניזם. נישט אַריינגייענדיק איצט אין אַ וויכוח איבער די דאָזיקע חילוקי־דעות, האָף איך טיף, אַז דער רוב פון דער באַוועגונג וועט ווייטער הויך האַלטן די פאָן פון סאָציאַלן, מאָראַליש־חלוצישן ציוניזם, און וועט זיך נישט באַפרידיקן מיט אַ מינימאַלן נאַציאָנאַל־פּאָליטישן אויסטייטש פון דער ציוניסטישער אידייע. אויב מיר וועלן מסכים זיין, אַז אויך דאָס איז אַ ציוניסטישער הויפּט־ציל, וועלן מיר מוזן מסכים זיין, אַז מיר זיינען זייער ווייט פון זיין פאַרווירקלעכונג, היינט ווייטער, ווי עס דוכט זיך אָפּט־מאָל, ווי מיט צען אָדער פופצן יאָר צוריק. איך געהער נישט צו די יעניקע, וואָס האָבן מורא, אַז די נישט־געקליבענע, נישט־צוגעגרייטע מאַסן־עליה מאַכט אוממעגלעך די דערגרייכונג פונעם דאָזיקן טייל פון די ציוניסטישע אַספּיראַציעס, און אַז מ׳וועט די דאָזיקע נייע עולים נישט קענען דערציען

פאַר איינגלידערונג אין אַזאַ געזעלשאַפט, ווי מיר האָבן זי זיך פאָרגעשטעלט אין אונזער וויזיע. די נישט-סעלעקטירטע עליה האָט געמאַכט די אויפגאַבע אַ סך שווערער, אָבער זי האָט זי אויך געמאַכט אַ סך לווינענדיקער. די דאָזיקע סאָציאַלע קאָנצעפּציע פון ציוניזם האָט אָבער קיינמאָל נישט געשטרעבט אויפצושטעלן אַ מין ווי אין אַ לאַבאָראַטאָריע־געמאַכטע פּעלערלאָזע געזעל־שאַפט, אַ קולטורעלן און גייסטיקן צענטער. קלאַסישער ציוניזם איז געווען און בלייבט אַ קאָמבינאַציע פון ביידע אַספּעקטן: ער האָט געהאָפט אויף אַ מאַסן־עליה און אַ קאָנצעפּציע פון מיליאָנען אידן אין זיין מדינה, ער איז אָבער גלייכצייטיק געווען אַנטשלאָסן צו פורעמען די אַלע מאַסן נייע עולים אין אַ נייער און בעסערער געזעלשאַפטס־פאָרם. אָבער, וואָס גרעסער עס איז דער עליה־שטראָם, אַלץ שווערער ווערט די דאָזיקע אויפגאַבע, אַלץ לענגער וועט זי דויערן. אין דער דאָזיקער היגזיכט קען קיינער נישט באַ־הויפּטן, אַז מיר זיינען נאָענט צו דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניסטישן ציל.

איצט דערלויבט מיר זיך אָפּצושטעלן אויף אַ קורצער ווילע אויפן פערטן ציוניסטישן ציל. איינהאַלטן די אייניקייט פון אידישן פאָלק איז שטענדיק געווען איינער פון די גרונט־צילן פון דער אידישער געשיכטע. מיר האָבן איבערגעלעבט הונדערטער יאָרן פאַרפאָלגונגען און צעשטרויאונג, ווייל עס איז אונז געלונגען איינצוהאַלטן די אייניקייט פון אונזער פאָלק. עס עקזיסטירט נישט קיין גרעסערע דערגרייכונג פון דעם נאַציאָנאַלן גייסט פון אידישן פאָלק, ווי דאָס דאָזיקע וואונדער, וואָס איז כמעט איינציקאַרטיק אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. כל־זמן גרויסע טיילן פון אידישן פאָלק וועלן לעבן צעשטרויט איבער דער גאַנצער וועלט, וועט די דאָזיקע אויפגאַבע בלייבן איינע פון די פונדאַמענטאַלסטע אין אידישן לעבן; די דערפילונג פון דער אויפגאַבע איז היינט שווערער, ווי זי איז געווען בעכטן און אייערנעכטן צוליב צוויי סיבות: אַן אויסערלעכער און אַן אינערלעכער. די אויסערלעכע נעמט זיך פון דער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע, אין וועלכער מיר לעבן.

מיר לעבן אין אַ וועלט, אין וועלכער שטאַרקע פּאָליטישע קאָנפליקטן צווישן קאָלאָסאַלע מאַכטן זיינען ענג פאַרבונדן מיט גרויסע סאָציאַלע קאָנ־פליקטן. יעדע מלחמה ביים היינטיקן טאָג נעמט אַרום די גאַנצע מענטשהייט. דאָס, וואָס געשעט אין אַרגענטינע רירט אָן כינע, און וואָס עס געשעט אין דרום־אַפריקע, גייט שטאַרק אָן קאַנאַדע. הונדערטער מיליאָנען מענטשן געפינען זיך אין באַוועגונג און אויפטרייסלונג. עס איז נישט נאָר אַ קאָנפליקט צווישן גיגאַנטישע מאַכטן, עס איז אַ קאָנפליקט צווישן קלאַסן. הונדערטער מיליאָנען פויערן אין אינדיע, קוליס אין כינע, זיינען נישט מער צופרידן מיט

זייער אַלטן גורל, אַ וואַקסנדיקער ווידערשטאַנד פילט זיך אין אַפריקע. די דאָזיקע מענטשן פאַרלאַנגען אַ נייע פאַרטיילונג פון דעם רייכטום פון דער וועלט. זיי פאָדערן אַ פּלאַץ אונטער דער זון. דער באַזיץ און רייכטום פון דער וועלט מוזן פונדאַסנאַל פאַרטיילט ווערן צווישן מדינות און סאָציאַלע קלאַסן. אַזאַ אַרומנעמענדיקער און געוואַלטיקער פּראָצעס האָט נישט זיין גלייכן אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט און קען נישט אָפּגעשלאָסן ווערן אין עטלעכע יאָר, אָדער געלייזט ווערן אויף אַ דיפּלאָמאַטישער קאָנפערענץ.

די צעטיילונג פון דער וועלט אין צוויי וועלטן איז אַ דערשיינונג, וואָס קען נישט פאַריבערגיין אין אַ יאָר אָדער צוויי, און די בעסטע האָפענונג, וואָס אַן אָפּטימיסט קען היינט האָבן, איז, אַז די קאַלטע מלחמה וועט נאָך אָנהאַלטן אַ לאַנגע צייט, ווייל אויף איר אָרט קען קומען אַ ווירקלעכע מלחמה מיט אַלע אירע גרוילן. איך רעד וועגן דעם, ווייל עס איז קלאָר, אַז דאָס רירט אָן פונדאַמענטאַל די אידישע לאַגע אין דער וועלט. עס וואָלט אונז שווער געטראָפן, אַפילו ווען דאָס גאַנצע אידישע פאָלק וואָלט געלעבט אין ישראל. עס טרעפט דאָס אידישע פאָלק נאָך שווערער, ווייל די אידן זיינען צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט. און ווייל עס האָט שטענדיק עקזיסטירט און עס וועט שטענדיק עקזיסטירן איין גורל פאַרן גאַנצן אידישן פאָלק, איז דער אידישער איזאָלאַציאָניזם דער לעכערלעכסטער פון אַלע איזאָלאַציאָניזמען. דער גורל פון גאַנצן אידישן פאָלק ווערט אָנגערירט דורך אַלץ, וואָס עס זאָל נישט געשען מיט אַ וועלכן־ניט־איז טייל פון אידישן פאָלק, וואו־ניט־איז אין דער וועלט.

דער דאָזיקער אומבאַשטרייטבאַרער אמת מאַכט די אידישע לאַגע זייער אומזיכער און וואַקלדיק אַפילו ביים איצטיקן מאָמענט, ווען עס איז נישטאָ קיין היטלער און עס ווערן נישט געמאַכט קיין גרויסע פּאָגראָמען. אונזער פאָלק ווערט לייכט פאַרפירט און אויף אַ טראַגישן אופן אַראָפּגעפירט פון וועג אַדאַנק זיין נאַטירלעכן אָפּטימיזם, ספּעציעל אין צייטן, ווען אַלץ דוכט זיך צו זיין רואיק אויפן אויבערפלאַך. אַפילו אין באַדראָטע זאָנעס לעבן אידן אין אַ רעלאַטיווער זיכערקייט, אין אַ גן־עדן פון נאַראָנים, אומבאַזאָרגט, און דאָס איז אי קורצזיכטיק און אי געפערלעך. מיר האָבן אָפּט געמאַכט דעם פעלער נישט צו זען אַ געפאַר ביז די מילשטיינער האָבן אונז אָנגעהויבן צו צעמאָלן. דער טראַגישער ביישפּיל איז די האַלטונג פון אונזער פאָלק אין די לעצטע יאָרן איידער די נאַציס האָבן איבערגענומען די מאַכט און אַפילו נאָך אין דער ערשטער צייט פון נאַצי־רעזשים. אַ סך אידן האָבן היינט

דאָס געפיל, אַז היות די נאַציס זיינען באַזיגט געוואָרן און היטלער איז באַגאַנ־גען זעלבסטמאָרד, היות די נאַצישע אימפּעריע איז פאַרניכטעט געוואָרן און די דעמאָקראַטיעס האָבן געוואונען די מלחמה, און היות עס איז געגרינדעט געוואָרן די אידישע מדינה, איז איצט אַלץ אין אָרדענונג מיט דער אידישער לאַגע אין דער וועלט. דער ציוניזם איז שטענדיק אַריינגעדרונגען ביז צו די וואָרצלען פון אידישן פּראָבלעם, אַנאַליזירנדיק די אידישע לאַגע מיט וויזיע און מוט, הגם פיל האָבן זיין אַנאַליז אָפּגעוואָרפן און האָבן אונז באַשולדיקט, אַז מיר זיינען די נביאים פון חורבן. עס איז היינט די פליכט פון ציוניזם אויפ־מערקזאַם צו מאַכן דאָס אידישע פאָלק אויף די געפאַרן און שוואַכקייט פון זיין לאַגע.

עס איז אַן אַקסיאָמע אין דער אידישער געשיכטע, אַז אידן קענען לעבן אין פרידן נאָר אין אַ ציוויליזירטער פרידלעכער וועלט. מיר לעבן היינט אין אַ וועלט, וואָס איז צעריסן אין צוויי טיילן, וואָס איז אויפגעטרייסלט ביז צו די וואָרצלען דורך קאָנפליקטן און שפּאַנונגען. עס איז אַ ברוטאַלע וועלט, אַן אַכזריות׳דיקע וועלט, און אין אַזאַ וועלט איז יעדעס קליינע פאָלק באַדראָאַט, און קיין איין פאָלק איז נישט באַדראָאַט מער, ווי אונזער פאָלק, וואָס זיינע כמעט 90 פּראָצענט זיינען נאָך צעשפּרייט איבער דער גאָרער וועלט, בילדנדיק מינדערהייטן־אינזלען. אַ תקופה ווי אונזערע האָדוועט כל מיני עקסטרעמע באַוועגונגען פון טאָטאַליטאַרע רעזשימען און דעמאַגאָגישע לאָזונגען. עס איז די צווייטע אַקסיאָמע פון דער אידישער געשיכטע, אַז מאָנאָליטישע רעזשימען באַדראָען אונזער גייסטיקע עקזיסטענץ אַלס אידן, און רעאַקציאָנערע און פאַשיסטישע רעזשימען ברענגען אין געפאַר די פיזישע עקזיסטענץ פון אידישע ישובים.

אַפילו נישט פּרוּוונדיק צו אַנאַליזירן די אידישע לאַגע אין די פאַרשי־דענע לענדער און טיילן פון ערד־קוגל, קען מען מיט זיכערקייט זאָגן, אַז מיליאָנען אידן לעבן ביים היינטיקן טאָג אין באַדינגונגען, וואָס זיינען אַזוי פול מיט אויפרייס־שטאָף, אַז זיי קענען יעדן טאָג אויפוואַכן און זיך געפינען פיזיש באַדראָאַט, אָדער, אין בעסטן פאַל, באַרויבט פון זייערע רעכט. פיל אַנדערע לעבן אין באַדינגונגען, וואָס גיבן אפשר אַ פיזישע זיכערקייט, זיי זיינען אָבער טראָץ דעם פאַר׳משפּט צום גייסטיקן אונטערגאַנג. אַזעלכע תקופות, ווען עס ווערן געשליידערט גרויסע רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען, צייכענען זיך אויך אויס, באַזונדערס אין קלענערע לענדער, מיט אַ וואַקסנ־דיקער טענדענץ ביי די אידן צו אַסימילירן זיך און אויסצובאַהאַלטן זיך. אַ טייל פון אונזערע יוגנטלעכע פאַלט אַריין אין די הענט פון רעוואָלוציאָנערן,

וועלכע ציען זיי נאָך זיך; אַנדערע ווידער, פול מיט פחד אונטער אייניקע פון די דאָזיקע רעזשימען, האַנדלען אומהעראָאיש און פּרוּוון אַנטלויפן פון אידישן גורל, אַלס אַ מיטל פון זעלבסטשוץ. אַזעלכע צייטן ברענגען מיט זיך דעם וואוקס פון אַנטיסעמיטיזם אין פאַרשידענע טיילן פון דער וועלט, ווייל אין אומסטאַבילע צייטן זוכן מענטשן אַ שעיר לעזאזל, און ווער דען אויסער אידן איז דער קלאַסישער שעיר לעזאזל פון דער געשיכטע?

אויסער דעם, לאָמיר נישט פאַרגעסן וועגן דער געפאַר פון אַ ווידער־אויפפלאַקערונג פון נאַציזם. די נאַציסטישע אימפּעריע איז פאַרניכטעט געוואָרן, אָבער דער נאַציזם און פאַשיזם — נישט. איך האָב נישט קיין מורא פאַרן היינטיקן דייטשלאַנד, אָבער ווער ווייסט, ווי עס וועט אויסזען דאָס דייטשלאַנד פון מאָרגן. עס זיינען נאָך פאַראַן אַ סך בייזע כוחות אין דייטש־לאַנד, וועלכע קענען אין איין שיינעם טאָג ווידער שנעל פאַרוואַנדלען דאָס לאַנד אין אַן אינטערנאַציאָנאַלן צענטער פון אַנטיסעמיטיזם. אונזער דור, וועלכער האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף די וואָרענונגען בנוגע דעם נאַציזם מיט צוואַנציק און פופצן יאָר צוריק, טאָר נישט נאָך אַמאָל פאַרכאַפּט ווערן פון די געפאַר־מעגלעכקייטן, ניט האַבנדיק זיך אָפּגעגעבן פריער קיין חשבון וועגן זיי.

איינצוהאַלטן די אייניקייט פון אונזער פאָלק אין דער איצטיקער וועלט־לאַגע איז שווערער, ווי ווען־עס־איז פריער. אין די לעצטע יאָרן נאָך דער מלחמה האָבן מיר פאַרלוירן אַ ווייטערדיקע ריי פון אידישע קיבוצים צוליב דעם קאַראַנטין, וואָס איז אויף זיי אַרויפגעלייגט געוואָרן דורך זייערע רעגי־רונגען. עס איז אונז נישט דערלויבט קיין שום קאָנטאַקט מיט זיי; זיי ווערן גייסטיק פאַרניכטעט און נישט צוגעלאָזן אַריינצוטראָגן זייער ביטראַג צום אידישן לעבן. מיר זיינען גאָט צו דאַנקען אין דער לאַגע אַריינצונעמען אַ גרויסע צאָל פון זיי קיין ישראל, אָבער, ווי איר ווייסט, ווערט אונז נישט געגעבן קיין געלעגנהייט זיי אויפצונעמען.

אויסער דער דאָזיקער אויסערלעכער, אָביעקטיווער וועלט־לאַגע, וועלכע מאַכט די אידישע עקזיסטענץ און אייניקייט וואָס ווייטער אַלץ אומזיכערער, איז נאָך פאַראַן אַן אינערלעכער עלעמענט פון דעם אויפקום פון דער אידישער מדינה, וועגן וועלכן איך וויל דאָ אָפן רעדן. איך דאַרף נישט דערציילן אַ ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס עס באַדייט פאַר אונזער דור די שאַפונג פון מדינת ישראל. אָבער, ווען עמעצער גלויבט, אַז דער דאָזיקער פאַקט אַליין האָט געלייזט אַלע וויכטיקסטע אידישע פּראָבלעמען, האָט ער אַ גרויסן טעות. אין אַ סך הינזיכטן האָט די מדינה געמאַכט אייניקע פון אונזערע פּראָבלעמען

נאָך קאָמפּליצירטער, אָבער דאָס איז אַ פּרייז, וועלכן עס לוינט זיך צו צאָלן. די מדינה האָט געוויס צוגעגעבן אַ נייעם אַספּעקט דעם פּראָבלעם פון איינ־האַלטן די איינִיקייט פון אונזער פאָלק.

איך נעם נישט אָן די נבואה פון יענע ציוניסטישע טעאָרעטיקער, וואָס זיינען געווען איבערצייגט, אַז די שאַפונג פון אַ אידישער מדינה וועט צערייסן דאָס אידישע פאָלק און וועט אין משך פון אַ קורצער צייט פאַקטיש שאַפן צוויי אידישע פעלקער: דעם נאָרמאַלן איד, וואָס לעבט אין זיין מדינה, און דעם גלות־איד, וואָס אַנטלויפט פון אידישן לעבן אויס מורא, אַז מ׳וועט אים אידענטיפיצירן מיט דער דאָזיקער מדינה. אָבער, הגם איך וואָקל זיך אָנצו־נעמען די דאָזיקע נבואה, זאָג איך ניט, אַז דאָס קען ניט געשען. לאָזט איבער דאָס אידישע לעבן אָן אַן אָנפירונג, לאָזט עס איבער פאַר אַזוי־גערופענער נאַטירלעכער אַנטוויקלונג, הערט אויף צו שווימען קעגן דעם שטראָם און זיך אַנטקעגנשטעלן דער נאַטירלעכער טענדענץ צו זיין אומבאַזאָרגט — און דער מרחק צווישן די לענדער פון אידישער צעשפּרייטקייט און מדינת ישראל קען גרעסער ווערן. עס איז דעריבער די עיקר׳דיקע אויפגאַבע פון ציוניזם נאָך אויף אַ לאַנגער צייט, כל־זמן דער פּראָצעס פון קיבוץ גלויות איז נאָך נישט אָפּגעשלאָסן, צו איינהאַלטן די איינִיקייט פון אַלע טיילן פון אידישן פאָלק, צו שטאַרקן דעם קשר צווישן די אידישע ישובים אין די גלות־לענדער און ישראל, צו פאַרטיפן און שטאַרקן די קעגנזייטיקע באַציאונגען, אויס־צוטוישן ווערטן, צו זען, אַז די אידן אין די גלות־לענדער זאָלן בלייבן ישראל־געשטימט, אָבער לאָזט מיך זיין גאַנץ אָפנהאַרציק — צו זען אויך, אַז ישראל זאָל בלייבן גלות־באַוואוסטזיניק. עס איז פּונקט אַזוי געפערלעך פאַר די אידן אין די גלות־לענדער צו פאַרגעסן וועגן מדינת ישראל און ניט צו זען אין איר זייער גרעסטע געמיינזאַמע אונטערנעמונג, זייער נאַטירלעכן גייסטיקן און מאָראַלישן צענטער, ווי עס איז פאַר די אידן אין ישראל געפערלעך צו גלויבן, אַז דאָס אידישע לעבן, אַזוי ווי עס איז ביים היינטיקן טאָג, הויבט זיך אָן און ענדיקט זיך אין ישראל, און צו ווערן גלייכגילטיק לגבי די אידישע פּראָב־לעמען אין די גלות־לענדער און אַנצואווערן זייער פאַראַנטוואָרטלעכקייט כלפּי די אַנדערע אידישע ישובים. אין דער דאָזיקער הינזיכט האָט דער ציוניזם די אויפגאַבע צו ציוניזירן ביידע — דעם גלות און ישראל, באַזונדערס, ישראל פון דער איצטיקער מאַסן־עליה.

אויב איך בין גערעכט, ווען איך זאָג, אַז קיין איינציקער פון די דאָזיקע פיר ציוניסטישע צילן איז נאָך נישט פולשטענדיק פאַרווירקלעכט געוואָרן, דערוועקט זיך די פראַגע, ווער וועט עס פאַרווירקלעכן? עס איז קלאָר, און

קיינער האָט עס נישט געזאָגט מיט מער באַטאָנונג, ווי די פאַראַנטוואָרטלעכע ישראל׳דיקע פירער, אַז ישראל אַליין קען דאָס נישט טאָן, און אַז פאַר דער ווייטערדיקער פאַרווירקלעכונג פון די ציוניסטישע צילן איז נויטיק די פול־קאָמע צוזאַמענאַרבעט פון אידישן פאָלק. עס איז נישט נאָר אַ פראַגע פון די פינאַנציעלע מיטלען פון אידישן פאָלק, אַן וועלכע די עקאָנאָמישע פאַרווירק־לעכונג פון דער אויפגאַבע איז נישט מעגלעך. אַפילו ווען מ׳זאָל אָננעמען, אַז ישראל וואָלט פינאַנציעל און עקאָנאָמיש געווען אין דער לאַגע צו פאַר־ציכטן אויף דער פינאַנציעלער הילף פון די אידן אין דער גאַנצער וועלט, וואָלט עס פאַרן אידישן פאָלק געווען אַ פראַגע פון פרינציפּ, אַ מאָראַלישע פליכט צו בלייבן אַ שותף אין דעם אויפבוי פון מדינת ישראל און צו באַטייליקן זיך אין דער פאַראַנטוואָרטונג פאַר איר.

עס איז נישטאָ קיין פאַלשערע און געפערלעכערע זאַך פאַר דער ציוניס־טישער באַוועגונג, ווי צו באַטראַכטן די דאָזיקע שותפות און צוזאַמענאַרבעט אַלס צדקה, אָדער, באַנוצנדיק זיך מיטן אויסדרוק, וואָס איז, צום באַדויערן, אַזוי פּאָפּולער אין אַמעריקע, אַלס פילאַנטראָפּיע. גרויסע היסטאָרישע אויפ־גאַבן ווערן נישט דערפילט, לענדער ווערן נישט אויפגעבויט, פעלקער ווערן נישט ווידערגעבוירן מיט מיטלען פון צדקה און פילאַנטראָפּיע. עס וועט זיין פאַלש סיי פאַר די אידן אין די גלות־לענדער, סיי פאַר די ישראל׳דיקע בירגער, צו באַטראַכטן די דאָזיקע צוזאַמענאַרבעט אַלס צדקה און פילאַנטראָ־פּיע. עס איז אַ שותפות, אַ געמיינזאַמע פאַראַנטוואָרטונג, די פאַרווירקלעכונג פון אַ געמיינזאַמען גורל און די אידן אין די גלות־לענדער מוזן דערצויגן ווערן, זיי זאָלן באַשטיין דערויף צו האָבן אַ חלק אין דער דאָזיקער פּריווילעגיע און רעכט צו טיילן די פאַראַנטוואָרטונג.

ישראל מוז וויסן, אַז ווי גרויס עס זאָל נישט זיין אין כמות און אין איכות די צוזאַמענאַרבעט, וואָס זי באַקומט פון די אידן אין די גלות־לענדער, גיט זי זיי צוריק אומענדלעך מער ווי דאָס, וואָס זי קען ווען־עס־איז באַקומען פון זיי. נעמט צו ביי דעם גלות זיין באַטייליקונג אין דער דאָזיקער גרויסער היסטאָרישער אונטערנעמונג, און דאָס אידישע לעבן אין די גלות־לענדער וועט פאַרלירן זיין רומפּולן און קאָנסטרוקטיוון אינהאַלט און דאָס אידישע לעבן דאָרט וועט ווערן קינדיש, אַפּאַטיש, טרויעריק. עס וועט זיין אַ פאַר־ברעכן ווען־עס־איז אָפּצוזאָגן די אידן מחוץ ישראל די פּריווילעגיע און דאָס רעכט צו באַטייליקן זיך אין די דאָזיקע היסטאָרישע אויפגאַבן.

ווי זאָל אָרגאַניזירט ווערן די דאָזיקע צוזאַמענאַרבעט צווישן ישראל און דעם אידישן פאָלק אויסערהאַלב ישראל? דאָס איז אַ פּראָבלעם, וואָס מיר

האָבן באַהאַנדלט אין משך פון די לעצטע עטלעכע יאָר און וועגן וועלכן עס זיינען געווען און זיינען נאָך מסתמא פאַראַן מיינונגס־פאַרשידנהייטן, און וועלכן דער קאָנגרעס, וואו עס באַטייליקן זיך אַלע פאַראַנטוואָרטלעכע ישראל־דיקע פירער, דאַרף אויף דעם אָדער יענעם אופן לייזן.

עס עקזיסטירט אַ לאָגישער און סענטימענטאַלער צוגאַנג צום דאָזיקן פּראָבלעם: אייניקע זאָגן, אַז היות דער רוב איז היינט אינטערעסירט אין מדינת ישראל און וויל זיך באַטייליקן אין איר אויפבוי, איז נישט נויטיק קיין ספּעציעלע אָרגאַניזאַציע און ספּעציעלע ראַם פאַר דער שותפות צווישן ישראל און דעם אידישן פאָלק, און אַז עס קען זיין אַ דירעקטע פּערמאַנענטע פאַרבינדונג צווישן דער מדינה און דעם פאָלק. עס קלינגט איינפאַך און לאָגיש, אָבער איך בין איבערצייגט, אַז אין דער ווירקלעכקייט באַדייט עס ביט פיל און לייזט נישט דעם פּראָבלעם. אַ פאָלק אַלס אַזעלכעס איז אַ דעזאָרגאַניזירטע קערפּערשאַפט. עס איז כאַאָטיש, באַוועגט פון עמאָציעס, ענטוזיאַזם און אַנטוישונג. עס קען דערגרייכן גרויסע זאַכן, נאָר אויב עס איז אָרגאַניזירט. אַ פאָלק קען נישט האַנדלען אָן אַ קאָלעקטיווער אַנפירערשאַפט דורך פּאַרטייען, און אינדיווידועלער אַנפירערשאַפט דורך פּערזענלעכקייטן. צו זאָגן, דעריבער, אַז מדינת ישראל וועט האָבן דירעקטע באַציאונגען מיטן אידישן פאָלק האָט נישט קיין שום זין. עס וועט שאַפן אַ כאַאָס; עס וועט מאַכן אַלץ אָפּהענגיק פון צייטווייליקע עמאָציעס.

מען דאַרף נישט אָננעמען, אַז דער ענטוזיאַזם פון די ערשטע יאָרן נאָכן מדינה־אויפקום וועט בלייבן אַ פּערמאַנענטער. די דערפאַרונג פון דעם לעצטן יאָר אָדער צוויי האָט שוין באַוויזן, ווי לייכט די אַזוי־גערופענע לאָקאַלע אינטערעסן קענען געווינען איבערמאַכט איבער דעם ענטוזיאַזם פאַר ישראל. אַ פאָלק נויטיקט זיך אין אָרגאַניזירטע גרופּעס, וואָס ווייסן וואָס זיי ווילן, וואָס באַגייסטערן דאָס פאָלק, פירן אים און דיריגירן זיין גוטן ווילן, זיינע אינטערעסן, זיין איבערגעגעבנקייט און זיינע פעאיקייטן אין פּאָזיטיווע ריכטונגען. ווי קליין די ציוניסטישע באַוועגונג איז יאָרן־לאַנג געווען, נישט רעפּרעזענטירנדיק קיינמאָל אָרגאַניזאַציאָנעל דעם רוב פון דעם פאָלק — צי וואָלט דען דאָס אידישע פאָלק געקענט ווען־עס־איז אויפבויען ארץ־ישראל און שאַפן די מדינה אָן דער ציוניסטישער באַוועגונג? אויב מ'איז מסכים מיט דעם דאָזיקן פּונקט, מוז מען אויך מסכים זיין מיט דעם, אַז פאַר דער מאָביליזירונג פון דעם אָנשטרענג פון פאָלק וועט נויטיק זיין אַן אָרגאַניזאַציע כּל־זמן די ציוניסטישע צילן זיינען נאָך נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן. און אויב אַזאַ מין אָרגאַניזאַציע, אַזאַ אַנפירערשאַפט איז נויטיק, וועט דאָך זיכער זיין

קליגער אַנצופאַרטרויען די אויפגאַבע דער ציוניסטישער באַוועגונג, אַנשטאָט צו שאַפן אַ נייע אָרגאַניזאַציע, ווי זי זאָל נישט הייסן. עס וועט נויטיק זיין אַ קאָלאָסאַלער אָנשטרענג כדי צו שאַפן אַ נייע אָרגאַניזאַציע און עס וועט אפשר דערפון גאָרנישט אַרויסקומען. איך האָף דעריבער, אַז מיר זיינען היינט אַלע איבערצייגט, אַז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע מוז פאַרזעצן איר פונדאַמענטאַלע ראָלע פון מאָביליזירן און קאָאָרדינירן די אָנשטרענגונגען פון אידישן פאָלק אין זיין שותפות מיט ישראל פאַר דער פולער פאַרווירקלעכונג פון דער ציוניסטישער וויזיע.

צו דעם צוועק זיינען נויטיק צוויי באַדינגונגען:

1. די מדינה מוז העלפן דער באַוועגונג.

2. די באַוועגונג מוז זיך פאַרפליכטן באַדינגונגסלאָז צו העלפן דער מדינה.

איך וויל זאָגן עטלעכע ווערטער וועגןביידע באַדינגונגען. די ציוניסטישע באַוועגונג קען נישט דערפילן איר אויפגאַבע אָן דער פולער מיטבאַטייליקונג מצד מדינת ישראל. עס איז נישט נאָר בלויז אַ פראַגע פון פּרעסטידזש, הגם איך בין מודה אָן פאַרלעגנהייט, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג זאָרגט זיך מיט רעכט וועגן איר פּרעסטיזש און מוז האָבן אַ חלק אין דעם גרויסן רום פון מדינת ישראל. עס איז אויך אַ פראַגע פון ריין־פּראַקטישער נויטווענדיקייט. ווי קען די ציוניסטישע באַוועגונג מאָביליזירן די באַמיאונגען פון אידישן פאָלק און אַריינטראָגן איר בייטראָג צום אויפבוי פון לאַנד, אויב זי האָט נישט קיין פולמאַכט פון דער מדינת ישראל און איז נישט אָנערקענט דורך דער מדינה אַלס די אַגענטור, וואָס קאָאָרדינירט אַלע אָרגאַניזירטע אידישע באַמיאונגען צו הילף דעם ישראל־אויפבוי?

אייניקע קענען באַטראַכטן אַלס לאָגיש, צו רעדן וועגן אַ ציוניסטישער באַוועגונג, וואָס איז פונקט אַזוי סואווערען, ווי די מדינה, אָדער באַזיצט אַפילו, טעאָרעטיש, נאָך אַ גרעסערע סואווערעניטעט ווי די מדינה. דאָס איז אָבער זינלאָז און דאָן־קישאָטיש אין דער לעבנס־ווירקלעכקייט. אויב מיר פאַרלאַנגען אַ סטאַטוס פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג אין ישראל און רופן צו צוזאַמענאַרבעט צווישן מדינת ישראל און דער ציוניסטישער באַוועגונג אויף אַלע געביטן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער מאָביליזירונג פון אידישן פאָלק פאַר ישראל, איז עס צוליב דעם, ווייל אַזאַ סטאַטוס איז נויטיק פאַר דער מאָראַלישער אויטאָריטעט פון דער באַוועגונג און פאַר דער דורכפירונג פון איר טעגלעכער אַרבעט. עס איז נישט קיין באַשרענקונג, נישט יורידיש

און נישט מאָראַליש, פון דער סואווערעניטעט פון דער מדינה, אויב זי גיט דער ציוניסטישער באַוועגונג אַזאַ מין פולמאַכט און סטאַטוס.

אַ סואווערענע מדינה קען געבן געוויסע רעכט אָרגאַניזאַציעס און קאָלעקטיווע קערפּערשאַפטן, אויב זי האַלט, אַז עס ליגט אין דעם אינטערעס פון דער מדינה. אַזוי לאַנג, ווי די דאָזיקע רעכט ווערן געגעבן פּריוויליק, און אַזוי לאַנג, ווי די מדינה רעזערווירט זיך דאָס רעכט זיי צוריקצוציען, אויב זי באַשליסט עס, ליגט נישט אין דעם די מינדסטע באַשרענקונג אָדער איבערשרייטונג פון איר סואווערעניטעט. די פּראַקטישע דערפאַרונג פון די לעצטע עטלעכע יאָר האָט באַוויזן, ווי נויטיק עס איז צו געבן רעכט און אַ סטאַטוס, כדי צו פאַרמיידן אַ כאַאָס און פאַרפּלאָנטערטע קאָנפליקטן, באַזונדערס אויפן געביט פון געלט־זאַמלען. די מדינה מוז דאַנקבאַר זיין פאַר דער דאָזיקער פאָדערונג און באַגריסן אַ רעגולירונג, ביי וועלכער זי האָט צו טאָן מיט איין קערפּערשאַפט, וואָס רעפּרעזענטירט דאָס אידישע פאָלק, און דאַרף נישט קומען צו קיין הסכם מיט צאָלרייכע גרופּעס.

אָבער נישט וויניקער וויכטיק איז דער צווייטער באַדינג. אַ ציוניסטישע באַוועגונג איז אומדענקבאַר, אויב זי איז נישט געבויט אויפן פּרינציפּ פון באַדינגונגסלאָזער הילף פאַר ישראל. אַ ציוניסטישע באַוועגונג קען נישט שטיין אין קאָנפליקט מיט מדינת ישראל, און אַ מדינה איז רעפּרעזענטירט דורך איר רעגירונג אַזוי לאַנג, ווי די דאָזיקע רעגירונג געניסט פון דעם צוטרוי פון דער מערהייט פון דער באַפעלקערונג. דאָס באַדייט נישט, אַז ציוניסטן מחוץ ישראל טאָרן נישט אַרויסזאָגן קיין מיינונגען אָדער קריטיקירן די אַנטוויקלונג פון ישראל, זיך אָננעמען פאַר וועלכן־ניט־איז צד און העלפן ענלעך־געזינטע גרופּעס אין ישראל. פון דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט איז די עקזיסטענץ פון ציוניסטישע פּאַרטייען באַרעכטיקט אפילו אין די גלות־לענדער, אָבער די באַוועגונג אַלס אַזעלכע, אויב זי וויל רעפּרעזענטירן דאָס אידישע פאָלק אין אירע באַציאונגען מיט ישראל, מוז באַזירן איר פּאָליטיק און איר טעטיקייט אויף באַדינגונגסלאָזער הילף פאַר מדינת ישראל אַזוי ווי זי איז. זי קען זיך אָפיציעל נישט אַריינמישן אין דעם ישראל׳דיקן פּאָליטישן לעבן.

טעאָרעטיש גענומען קען אַמאָל אין ישראל עקזיסטירן אַ רעגירונג, מיט וועלכער די מערהייט פון אידישן פאָלק אָדער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג קען נישט וועלן צוזאַמענאַרבעטן. דאַן מוז די ציוניסטישע באַוועגונג איבעררייסן איר טעטיקייט, ווייל אויך דאַן קען זי אָפיציעל זיך ניט אַריינמישן אין ישראל׳דיקן פּאָליטישן לעבן.

עס איז אַ טעות צו זאָגן, ווי ס'האָבן אייניקע דערקלערט, אַז אויב די ציוניסטן אין די גלות־לענדער טאָרן זיך ניט אַריינמישן אין דער אינערלעכער פּאָליטיק פון ישראל, טאָר ישראל זיך ניט אַריינמישן אין דער פּאָליטיק פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. מדינת ישראל און איר רעגירונג אַלס אַזעלכע דאַרפן זיך זיכער נישט אַריינמישן, אָבער די ישראל־בירגער, וועלכע זיינען ציוניסטן, גלייכבאַרעכטיקטע מיטגלידער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, האָבן די זעלבע רעכט, ווי די ניט־ישראל'דיקע מיטגלידער פון דער באַוועגונג, צו מישן זיך אין דער ציוניסטישער פּאָליטיק. עס איז נישטאָ קיין פּאַראַלעל צווישן ישראל און דער ציוניסטישער באַוועגונג אין דער דאָזיקער הינזיכט. דער ציוניזם נעמט אַרום ציוניסטן אין די גלות־לענדער און אין ישראל; מדינת ישראל נעמט אַרום בלויז די ישראל'דיקע בירגער.

איך וויל נאָך באַמערקן, אַז איצט, ווען מיר באַקומען פולמאַכט אָדער אַ סטאַטוס, קענען מיר זיך נישט דערלויבן דעם לוקסוס פון אָרגאַניזאַציאָנעלער עקסקלוזיווקייט. די צאָל אידן, וואָס זיינען ווירקלעך פּאַראינטערעסירט אין ישראל און ווילן צוזאַמענאַרבעטן, איז אַ סך גרעסער, ווי די צאָל אָרגאַניזירטע ציוניסטן. עס איז לעבנס־וויכטיק פאַר דער באַוועגונג צו געפינען אַ וועג, ווי זיי אַלע צו מאָביליזירן און געבן זיי אַ געלעגנהייט צו באַטייליקן זיך, אָדער דורך אַריינציען זיי דירעקט אין דער באַוועגונג, אָדער דורך אויס־אַרבעטן געוויסע פאָרמען פאַר דער צוזאַמענאַרבעט מיט זיי. עס איז ביים היינטיקן טאָג נישטאָ קיין וויכטיקערע זאַך פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג, ווי צו עפענען די טויערן און דערלויבן אַ מאַסן־אַריינטריט אין אירע רייען. עס איז ביי אונז פאַראַן אַ טענדענץ אָפּצוהיטן די ציוניסטישע באַוועגונג אַלס אַן עקסקלוזיוון קלוב, וואָס נעמט נישט אָן קיין נייע מיטגלידער. מען האַלט די דערגרייכונגען אין דער פאַרגאַנגענהייט פאַר אַ וויכטיקערן פּרוואו־שטיין פאַר דער אָנפירערשאַפט, ווי די איצטיקע צוזאַמענאַרבעט און לייסטונגס־פעאיקייט. אויך דאָס איז אַ טיפּישער סימפּטאָם פון אַלט ווערן און אונטער־גאַנג. דער הויפּט־אויספּרואוו פאַר ווירקלעכער פירערשאַפט איז די קעגנוואַר־טיקע איבערגעגעבנקייט און לייסטונגס־פעאיקייט. די באַוועגונג און אירע צאָלרייכע גרופּעס דאַרפן נישט נאָר זיין אָפן, נאָר פאַרקערט, זיי דאַרפן זוכן און דערמונטערן נייע אָנהענגער פון ציוניזם, וועלכע, איך בין זיכער, געפינען זיך אין אַ גרויסער צאָל אומעטום אין דער וועלט.

אויב מיר וועלן זיך אויף דעם דאָזיקן קאָנגרעס קאָנצענטרירן אויף אונזערע פליכטן, פאַרלאַנגענדיק גלייכצייטיק באַשטימטע רעכט; אויב עס וועט אונז ווערן באַוואוסט, אַז אונזערע אויפגאַבן זיינען איצט אפשר אַ סך שווערער,

ווי די אויפגאַבן, וואָס מיר האָבן דערפילט אין די יאָרן, וואָס האָבן געפירט צו דער שאַפונג פון דער מדינה; אויב מיר וועלן גובר זיין פּאַרטייאישע חילוקי־דעות — דאַן וועט דער קאָנגרעס אָנגעפירט ווערן דורך דעם באַוואוסטזיין, אַז מיר לעבן אין אַ צייט פון גרויסע אויפגאַבן. איך האָף און בין איבערצייגט, אַז דער איצטיקער קאָנגרעס, דער ערשטער אין ירושלים, דער ערשטער אין דער סאָוועראַנער מדינת ישראל, וועט ווירקלעך זיין אַן ערשטער קאָנגרעס, וואָס דערעפנט די צווייטע תקופה אין דער געשיכטע פון ציוניזם; די תקופה, וואָס וועט אונז נאָך יאָרן פון אָנשטרענג און איבערגעגעבנקייט, פירן צו אַפילו נאָך גרעסערע דערגרייכונגען, ווי אין דער ערשטער תקופה, און צו אַ פולער פאַרווירקלעכונג פון דער ציוניסטישער וויזיע.

# אין דער שעה פון סכנה

(פון דער רעדע ביי דער דערעפענונג פון 24־טן ציוניסטישן קאָנגרעס,
אין ירושלים, דעם 24־טן אַפּריל 1956)

ווען דער 23־טער ציוניסטישער קאָנ־גרעס איז געשלאָסן געוואָרן מיט פינף יאָר צוריק, האָבן מיר אַלע געהאָפט, אַז בעת מיר וועלן קומען צום נאָענטסטן קאָנגרעס, וועלן מיר געפינען מדינת ישראל אַ מער באַרואיקטע, ווי דעמאָלט. וויניקע פון צווישן אונז האָבן דאָן געטראַכט, אַז זיי וועלן געפינען ישראל באַלאַסטעט מיט שווערע און ערנסטע פּראָבלעמען, אַרומגערינגלט מיט סכנות, און אַז מיר וועלן קומען צו אַ לאַגע, אין וועלכער אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען, און די עקזעקוטיווע מיט זיי, האָבן זיך געזען געצוואונגען צואיילן דעם טערמין פון קאָנגרעס, ווייל עס איז אַ שעת חירום פאַר מדינת ישראל.

מיר האָבן זיך דאָ פאַרזאַמלט צו באַראַטן זיך, ווי אַזוי מיר זאָלן זיך באַשעפטיקן מיט דעם קריזיס און צו מאָביליזירן, אויף וויפיל מיר זיינען דאָס בכוח צו טאָן, דאָס אידישע פאָלק פאַר די טעג, וואָס קומען אָן. מיר דאַרפן קודם־כל באַטראַכטן דעם כאַראַקטער פון דעם קריזיס.

איך מיין ניט, אַז דער טשעכיש־עגיפּטישער אָפּמאַך וועגן וואָפן, מיט אַלע זיינע געפערלעכע קאָנסעקווענצן, זאָל זיין דער הויפּט־יסוד פון דעם קריזיס. איך וואָג צו זאָגן, אַז ווען אַפילו עס וואָלט ניט געווען דער אָפּמאַך, וועלכער האָט צוגעגעבן דעם קריזיס אַזאַ דראַמאַטישקייט און דרינגלעכקייט פון אַ נאָענטער געפאַר, וואָלט דער פּאָליטישער קריזיס געמוזט איין טאָג קומען. ווילאַנג די באַציאונגען צווישן ישראל און אירע אַראַבישע שכנים זיינען ניט קיין נאָרמאַלע; ווילאַנג די וואָפנשטילשטאַנד־אָפּמאַכן זיינען דאָס איינציקע, וואָס טיילט אָפּ ישראל און אירע שכנים פון אַ ממשות׳דיקער מלחמה, איז על כל פּנים קלאָר, אַז דער פּאָטענציעלער פּאָליטישער קריזיס עקזיסטירט און האָלט־אָן די אַלע יאָרן.

דעריבער מיין איך, אַז ווען אַפילו דער טשעכיש־עגיפּטישער וואָפן־אָפּמאַך וואָלט ניט געווען, וואָלט אַזאַ שאַרפער קריזיס געמוזט קומען. און דער דראַמאַטישער אַריינטריט פון סאָוועט־רוסלאַנד אין מיטעלן מזרח, דורך דעם דאָזיקן כלומר׳שט געוויינלעכן האַנדלס־אָפּמאַך, האָט צוגעאיילט דעם קריזיס, האָט אים צוגעגעבן אַ מער דראַמאַטישן כאַראַקטער און מער געפאַר.

דאָס אַלץ האָב איך געזאָגט, ניט בכדי צו זוכן אַ טעאָרעטישן אַנאַליז פון דער פּאָליטישער לאַגע, נאָר בכדי צו זאָגן פון אָט דער הויכער בימה אין אידישן לעבן צו דער ציוניסטישער באַוועגונג און צום אידישן פאָלק, מיט אונזער גאַנצער השפּעה, וואָס דערגרייכט צו אים, אַז מיר דאַרפן זיין גרייט פאַר אַ לענגערן קריזיס, איידער מיר וועלן זען, אַז די עקזיסטירנדיקע שפּאַנונג אין מיטעלן מזרח וועט ווערן קלענער און שוואַכער.

איבער דעם דאָזיקן קריזיס שטעלן זיך היינט־צו־טאָג צוויי אויפגאַבן, מיט וועלכע מיר און די גאַנצע וועלט דאַרפן זיך פאַרנעמען. דערלויבט מיר צו זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן די צוויי אויפגאַבן. וואָס איז שייך די דרינגנ־דיקע אויפגאַבע צו פאַרהיטן פון אַ מלחמה אין נאָענטן מזרח, זיינען פאַראַן צוויי וועגן. איין וועג איז איינצוהאַלטן דעם באַלאַנס פון די כוחות. צוליב דעם דאָזיקן זייער פּשוט׳ן טעם האָט ישראל זינט חדשים, ווען עס איז באַקאַנט געוואָרן וועגן דער איבערמאַכט פון דער באַוואָפענונג פון די אַראַבער דורך דעם קאָמוניסטישן בלאָק, פאַרלאַנגט און פאַרלאַנגט נאָך איצט אַ באַשטימטן מינימום פאַרטיידיקונגס־געווער פון דער גאַנצער וועלט און באַזונדערס פון די מערב־מלוכות. אַלע ווייסן מיר, אַז מיט אייניקע וויכטיקע אויסנאַמען, האָט די מערב־וועלט ביז איצט זיך אָפּגעזאָגט צו געבן ישראל דאָס פאַר־לאַנגטע געווער. מיר אַלע, באַזונדערס די, וועלכע קומען פון די טיילן פון דער פרייער וועלט, קענען די פאַרשידענע תירוצים און מאָטיוון, וואָס די מערב־מלוכות באַנוצן פאַר אָפּשטופּן דעם באַשלוס וועגן ישראל׳ס פאַרלאַנג. איך וועל זאָגן, אַז הינטער דעם אַלעם איז סוף־כל־סוף ניט פאַראַן עפּעס אַנדערש, ווי דער קלאַסישער מאָטיוו פון „אַפּיזמענט״. מען רעכנט, אַז מען וועט קאָנען „אַפּיזן״ דעם פּאָטענציעלן אַגרעסאָר דורך דעם, וואָס מען וועט זיך צו אים חנפ׳ענען און פאַרשטאַרקן זיין כוח פון טאָג צו טאָג. אָפטמאָל קען מען ווערן פאַרצווייפלט צו זען, ווי אונזער דור פון דער מענטשהייט האָט שוין פאַרגעסן די טראַגישע לעקציע, וואָס ער אַליין האָט אויף זיך געלערנט. אַזאַ האַנדלונג מיינט צוגעבן מוט די עקסטרעמיסטן און אַגרעסאָרס אין דער אַראַבישער וועלט. און דערפאַר וועלן מיר, די זין פון אידישן פאָלק, און מיט אונז צוזאַמען מיליאָנען ניט־אידישע פריינט פון ישראל אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן און אַנדערע לענדער, אויפהויבן אונזער שטים, וואָס וועט זיך כסדר פאַרשטאַרקן. און מיר וועלן ניט אויפהערן צו מאָנען און באַאיינ־פלוסן די עפנטלעכע מיינונג, ביז די דאָזיקע עלעמענטאַרע פאָדערונג פון ישראל וועט דערפילט ווערן.

פאַראַן נאָך אַן אַנדערער קלאַסישער וועג צו פאַרהיטן פון דער סכנה פון אַ מלחמה אין אַ באַשטימטער געגנט. אויף דעם דאָזיקן וועג קאָנען גיין בלויז די גרויסע מלוכות פון דער וועלט דורך אַרויסגעבן אַ קלאָרע דער־קלערונג, אַז זיי וועלן ניט טאָלערירן קיין שום אַגרעסיע. מיר לעבן אין אַ וועלט, אין וועלכער עס איז פּאַקטיש אוממעגלעך אַנצוהויבן אַ מלחמה אָן דעם, אַז איינע פון די גרויסע מלוכות זאָל אָננעמען צו דעם אַן אַגרעסיווע שטעלונג. אויב די גרויסע מלוכות פון דער וועלט וואָלטן דערקלערט אָן שום צווייפל, אַז זיי זיינען פעסט באַשלאָסן אָפּצוהיטן סטאַביליטעט אין נאָענטן מזרח, אַז זיי וועלן ניט דערלויבן, אַז וויכטיקע פּראָבלעמען אין דעם ראַיאָן זאָלן געלייזט ווערן דורך אַגרעסיע־אַקטן און מלחמה, מיין איך, אַז מיר וואָלטן געקענט זיין מער רואיק און האָפן אויף אַ שטאַרקערער באַרואיקונג אין דער צוקונפט. און ווידעראַמאָל, צו אונזער אומגליק, האָבן די גרויסע מלוכות פון דער וועלט זיך ניט באַנוצט מיט דעם דאָזיקן מיטל, וואָס ליגט אין זייערע הענט.

***

איך וויל זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן דעם גרעסטן פּראָבלעם, וואָס מיר האָבן פאַר אונז. אויב אַפילו מיר וועלן מצליח זיין און קיין פּאַקטישע מלחמה וועט ניט זיין אין דער געגנט אין דער נאָענטער צוקונפט — וועט דער עצם קריזיס נאָך בלייבן אָן אַ לייזונג. כל־זמן עס וועלן ניט דערגרייכט ווערן קיין אמת׳ער שלום און ווירקלעך סטאַבילע באַדינגונגען צווישן ישראל און די אַראַבישע מדינות. דאָס פּראָבלעם צווישן ישראל און די אַראַבער איז לויט מיין מיינונג — און איך קוק אויף דעם פון אַ מער אינטערנאַציאָנאַלן שטאַנד־פּונקט — קודם־כל אַ פּסיכאָלאָגיש פּראָבלעם. און אין דעם ליגט די גאַנצע שוועריקייט. די פּאַקטישע ענינים, וואָס צעשיידן ישראל און אירע שכנים און וועלכע מען האָט נאָך ניט געלייזט — זיינען די פראַגן וועגן די אַראַבישע פליכטלינגען, אָנצייכענען די גרענעצן און ירושלים. צו געפינען אַ לייזונג פאַר די דאָזיקע ענינים איז ניט איבער די כוחות. אַ סך מער פאַרפּלאָנטערטע פּראָבלעמען זיינען געלייזט געוואָרן אין די פאַרגאַנגענע צען יאָר. וואָס עס שטייט אין וועג צווישן דער מעגלעכקייט פון אַ לייזונג און דער פּאַקטישער לאַגע איז דער עקשנות׳דיקער אָפּזאָג פון די אַראַבישע מלוכות צו באַטראַכטן די מעגלעכקייט פון אַ לייזונג. דער עקשנות׳דיקער אַראַבישער אָפּזאָג צו אָנערקענען די ווידעראויפלעבונג פון מדינת ישראל אַלס אַ סוּווערענער און גלייכבאַרעכטיקטער מיטגליד אין דער משפחה פון די פעלקער פון נאָענטן מזרח, די אַטמאָספערע פון שנאה און פאַרדאַכט אין דער אַראַבישער וועלט —

און פון דעם באַרעכטיקטן אומצוטרוי און פאַרדאַכט אין ישראל — דאָס איז עס, וואָס מאַכט אין איצטיקן מאָמענט אוממעגלעך יעדן פּרואוו פון אַן אָביעקטיווער איינאָרדענונג און לייזונג.

פיר פאַקטאָרן ווירקן אין יעדן פּרואוו צו דערפירן צו סטאַבילע באַציאונגען צווישן ישראל און דער אַראַבישער וועלט און אַריינצונעמען ישראל אין דער משפחה פון די פעלקער פון נאָענטן מזרח. און איך נעם זיך דאָס רעכט צו מאַכן אַ צאָל באַמערקונגען וועגן די דאָזיקע פיר פאַקטאָרן, וואָס באַשטימען די צוקונפט פון דעם ראַיאָן אין דער וועלט. זיי זיינען: ישראל, די אַראַבישע וועלט, די עפנטלעכע מיינונג פון דער וועלט און דאָס אידישע פאָלק.

עס איז ניט מעגלעך פאַר אַ ציוניסט און פאַר אַ אידן, וועלכער קומט פון חוץ לארץ — און איך בין זיכער, אַז איך זאָג דאָס אין נאָמען פון אַלע דעלעגאַטן און געסט צו דעם קאָנגרעס פון חוץ לארץ — ניט אויסצודריקן ביי דער דערעפענונג פון קאָנגרעס אונזער באַוואונדערונג פאַר דעם שטאַרקן מוט, זעלבסטבאַוואוסטזיין און שאַפונגס־כוח פון דער קליינער אידישער מדינה, ווי זי האָט עס אַנטפּלעקט באַזונדערס אין די לעצטע חדשים. ישראל, און ניט בלויז די אַכט־יעריקע מדינה, נאָר דער ישוב אין אַלע פופציק־זעכציק יאָר פון זיין אַנטוויקלונג — אַ קורצע תקופה לגבי דעם, וואָס איז דאָ אויפגעטאָן געוואָרן — האָט באַוויזן צו שאַפן עפּעס אַזעלכעס, וואָס איז העכער פון די אידייען אין דער ליטעראַטור. פאַקטיש האָט ישראל געשאַפן אַ נייעם טיפּ אידן, אַ קעמפערישן אידן, מיט זעלבסטבאַוואוסטזיין. אַלע זיינען מיר אונטער דעם שטאַרקן איינדרוק פון דער באַגעגעניש פּנים אל פּנים מיט דעם יונגען נייעם אידישן דור, נאָך די דורות פון לעבן אין געטאָ און קיום אין גלות. און דעריבער — און איך זאָג דאָס אין נאָמען פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און ווי אַ זון פון אידישן פאָלק — באַוואונדערן מיר נאָך פיל מאָל מער ישראל׳ס טיפע שטרעבונג נאָך שלום, ניט געקוקט אויף די טאָג־טעגלעכע אַראַבישע פּראָוואָקאַציעס, — די שטרעבונג נאָך שלום, וואָס דער הויפּט פון דער ישראל־רעגירונג האָט אויסגעדריקט פיל מאָל אין דער כנסת און היינט אין אָוונט דאָ, ביים קאָנגרעס. איך האַלט פאַר מיין פליכט צו זאָגן אים אין נאָמען פון דער ציוניסטישער באַוועגונג — און איך קען דאָס אויך זאָגן אין נאָמען פון דער מערהייט פון אידישן פאָלק — אַז פאַר דער דאָזיקער שטאַרקער שטרעבונג זיינער נאָך שלום, האָט ער די שטיצע פון דער איבערוועגנדיקער מערהייט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און פון אידישן פאָלק אין דער וועלט.

אָבער דער דאָזיקער ענין איז, ווי באַקאַנט, ניט אָפּהענגיק בלויז פון דעם ווילן פון איין צד. אין די קומענדיקע חדשים און יאָרן וועט ישראל געשטעלט ווערן פאַר דעם העכסטן נסיון אין איר פּאָליטיק. אין די פאַר־גאַנגענע אַכט יאָר האָט ישראל זיך דערוואָרבן אַ זייער גוטן נאָמען אין די ענינים פון פּאָליטיק און דיפּלאָמאַטיע. אָבער מיט אַלע אירע דערגרייכונגען האָט זי נאָך פאַר זיך אין דער צוקונפט דעם העכסטן נסיון. אין די נאָענטסטע חדשים און יאָרן וועט ישראל דאַרפן פאַראייניקן מידות, סגולות און פעאי־קייטן, וועלכע לאָזן זיך ניט לייכט פאַראייניקן. ישראל וועט דאַרפן פאַראייניקן דעם העכסטן זעלבסטבאַוואוסטזיין מיט דער גרעסטער פאָרזיכטיקייט, הויכע גבורה מיט טיפער חכמה, שטאַרקן מוט מיט טיפער פאַרשטענדעניש, די פעסטע אַנטשלאָסנקייט צו באַשיצן זיך מיט דער פלעקסיביליטעט צו דערפירן צו אַ שלום. איך בין זיכער, אַז ישראל וועטביישטיין דעם נסיון.

און עטלעכע באַמערקונגען וועגן דעם ענין פון די אַראַבער. וואָס איך וויל זאָגן דאָ, וועט אפשר אויסזען ביי אַ טייל פון אונז, פון פּאָליטישן שטאַנד־פּונקט, ווי אַ דאָן־קישאָטישער חלום. אָבער דער ציוניזם מיט 50־60 יאָר צוריק האָט אויך אויסגעזען ווי אַ דאָן־קישאָט־ישער חלום. און אָט דער דאָן־קישאָטישער חלום איז געוואָרן אַ ווירקלעכקייט אין לעבן פון מדינת ישראל היינט־צו־טאָג.

מיט אַ סך פעלקער האָבן מיר זיך באַגעגנט אויף אונזער היסטאָרישן וועג. מיט אַ סך פעלקער האָבן מיר געהאַט גרויסע קריגערייען, צוזאַמענ־שטויסן, מלחמות. מיט דעם אַראַבישן פאָלק איז אונזער באַגעגעניש אין דער פאַרגאַנגענהייט, פון היסטאָרישן שטאַנדפּונקט, געווען איינע פון די בעסטע, פון די גליקלעכסטע. אין די אַראַבישע לענדער זיינען מיר גע׳רודפ׳ט געוואָרן ווייניקער, ווי אין די קריסטלעכע לענדער. און מיר האָבן געהאַט תקופות פון צוזאַמענאַרבעט און פון קעגנזייטיקער פאַר׳שטענדעניש. און דערפאַר זאָג איך, אַז אין אונזער געשיכטע האָבן מיר געהאַט זייער ווייניק אַזעלכע טראַגישע סכסוכים, ווי דעם סכסוך צווישן אונז און דער אַראַבישער וועלט זינט צענדליקער יאָרן, זינט דער מאָדערנער ציוניזם האָט אָנגעהויבן זיין די פירנדיקע און אַנטשיידנדיקע באַוועגונג אין אידישן לעבן. דער ציוניזם האָט קיינמאָל ניט געהאַט קיין מער טיפערע שטרעבונג, ווי צו ברענגען דאָס אידישע פאָלק אויף דעם אָרט, בכדי צו זיין אַ גוטער שכן מיט אַלע פעלקער פון נאָענטן מזרח און ווירקן צוזאַמען מיט אונז פאַר דער אַנטוויקלונג פון אָט דעם ברייטן ראַיאָן פון דער וועלט, וואָס איז אין דער פאַרגאַנגענהייט געווען אַ גרויסער קולטור־צענטער. אונזער טיפסטע שטרעבונג איז געווען

ניט צו מאַכן קיין דעראָבערונגען אין מיטעלן מזרח, נאָר דערוועגן צוריק אַ קליינטשיקן טייל פון אים, דעם טייל, וואו עס איז געשטאַנען אונזער וויג, וואו מיר האָבן באַשאַפן אונזערע גרויסע אייביקע ווערטן; וואו מיר זיינען דערגאַנגען צו אונזערע גרעסטע דערגרייכונגען, און מיט וועלכן מיר זיינען פאַרבונדן אַ סך, אַ סך לענגער, ווי די אַראַבישע פעלקער.

און עס איז ניט פאַראַן אין דעם קיין שום שאָדן אָדער סכנה פאַר די גרויסע און ברייטע אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן, וואָס זיינען אָפן פאַר די אַראַבער אין די ריזיקע לענדער, וועלכע געפינען זיך אין זייערע הענט. אָבער פאַר אונז איז דאָס צוריקקומען אַהער אין דעם לאַנד אַ פראַגע פון לעבן און טויט. די גרויסע וועלט האָט דאָס פאַרשטאַנען ערשט נאָכדעם, ווי מיר האָבן באַצאָלט מיט זעקס מיליאָן נפשות פאַר דער טראַגעדיע פון זיין אַ היימלאָזן פאָלק. די אַראַבער האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו פאַרשטיין די דאָזיקע טיפע שטרעבונג אונזערע און האָבן אָפּגעשטויסן אונזער האַנט, וואָס איז אויסגעשטרעקט נאָך שלום און וואָס שטרעבט צו דער מעגלעכקייט, אַז מיר זאָלן זיצן צוזאַמען אין דער געגנט אין פרידן און אין פריינטשאַפט, בכדי צו געפינען דעם וועג צו בויען דאָ צוזאַמען אַ נייע וועלט. זיי האָבן מלחמה געהאַלטן קעגן אונז פון ערשטן מאָמענט. די מערסטע פון זייערע פירער — אַ חוץ אייניקע, וועלכע זיינען אַן אויסנאַם — האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו ווירקן אין גייסט פון קעגנזייטיקער פאַרשטענדעניש, פון היסטאָרישער אידלקייט דורך מוותר זיין — אויב עס איז פאַראַן אין דעם אַ מוותר זיין — אויף אַ קליין שטיקל פון זייערע גרויסע און ברייטע לענדער, בכדי צו געבן דעם קליינעם פאָלק, וואָס איז געפייניקט געוואָרן צוויי טויזנט יאָר איבער זיין היימלאָזיקייט, אַן אָרט צו זיין אַ פאָלק אין זיין אייגענעם לאַנד. לעבן מיר דאָך אין אַ וועלט פון סאָציאַלער גערעכטיקייט. און עס איז דאָך פאַראַן סאָציאַל׳ע גערעכטיקייט אויך צווישן פאָלק און פאָלק.

און אָט איז געקומען דער באַשלוס פון די פאַראייניקטע פעלקער. דער העכסטער טריבונאַל פון דער מענטשהייט האָט אַרויסגעטראָגן זיין פסק־דין מיט אַ מערהייט פון איבער צוויי־דריטל שטימען. האָבן מיר געהאָט דאָס רעכט צו האָפן, אַז די אַראַבער, אַפילו ווען זיי האָבן דאָס ניט געטאָן פון זיך אַליין, וועלן אָננעמען דעם פסק־דין פון דעם העכסטן טריבונאַל אין דער ציוויליזירטער וועלט. אָבער זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו טאָן, און אַנשטאָט אָננעמען דעם באַשלוס, זיינען זיי אַרויסגעגאַנגען אין אַ מלחמה קעגן אונז. ישראל איז אַרויסגעקומען זיגרייך פון דער מלחמה. האָט מען ווידער געקענט האָפן, אַז די אַראַבער וועלן שלום מאַכן מיט דעם פאַקט,

אַז זייער פּאַרזוך צו צעשטערן ישראל האָט זיך ניט איינגעגעבן. אָבער שוין אַכט יאָר, ווי זיי זאָגן זיך אָפּ אָנצונעמען דעם פּסק־דין פון די פאַראייניקטע פעלקער אין זייער פאַר'עקשנ'טער שטעלונג פון שנאה און צעשטערן — די שטעלונג וואָס באַדראָט דעם שלום אין מיטעלן מזרח און אין דער וועלט. ניט קוקנדיק אויף דעם האָלטן ישראל און דאָס אידישע פאָלק אויסגעשטרעקט די האַנט נאָך שלום. אָבער עס איז נויטיק, אַז עס זאָל דאָ ניט זיין קיין מיספאַרשטענדעניש. דאָס אויסשטרעקן די האַנט נאָך שלום איז ניט קיין סימן פון שוואַכקייט. און זאָלן די אַראַבישע פירער ניט מיינען, אַז דאָס אידישע פאָלק אין די תפוצות וועט מיד ווערן צו שטיצן ישראל.

מיר אַלע, ציוניסטן און ניט־ציוניסטן, וועלן ווייטער באַשיצן ישראל, אָבער מיר וועלן אויף קיין איין מאָמענט ניט אויפהערן צו דערקלערן, אַז מיר שטרעבן צו דער שעה, ווען די פירער פון דער אַראַבישער וועלט וועלן אָנהויבן פאַרשטיין, ווי סטעריל, נעגאַטיוו און צעשטעריש עס איז זייער עקשנות'דיקער אָפּזאָג אָנצונעמען דעם פאַקט פון דעם קיום פון ישראל. דער נאָענטער מזרח מאַכט איצט דורך אַ גרויסע תקופה פון אויפלעבונג. און איך מיין, אַז עס איז ניט קיין צופאַל, אַז עס איז פאַראַן אַ טיפע באַדייטונג אין דעם, וואָס כמעט אין דער זעלבער תקופה, ווען די אַראַבער האָבן אָנגעהויבן קעמפן פאַר זייער פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט, האָט די ציוניסטישע באַוועגונג זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען, און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער צוריק־קער פון אידישן פאָלק אין דעם ראַיאָן. מיר האָבן קיינמאָל ניט געקוקט ענגהאַרציק אויף דער אַראַבישער פרייהייטס־באַוועגונג. מיר האָבן קיינמאָל ניט מקנא געווען זייערע וואונדערלעכע דערגרייכונגען, ווען זיי האָבן אין משך פון די לעצטע צוואַנציק־דרייסיק יאָר אויפגעשטעלט איין מדינה נאָך דער אַנדערער, אָן דעם אַז זיי זאָלן האָבן מקריב געווען אַפילו דעם מיני־מאַלסטן טייל פון די קרבנות, וועלכע מיר האָבן מקריב געווען, ביז עס איז ווידער אויפגעשטאַנען די אידישע מדינה. איז עס דאָן־קישאָטיש און נאַאיוו צו האָפן, אַז עס איז ניט ווייט דער טאָג, ווען די אַראַבישע פירער, לכל־הפחות אַ טייל פון זיי, וועלן אויפהערן מקנא צו זיין דער איינציקער דער־גרייכונג פון אידישן פאָלק דורך אויפשטעלן מדינת ישראל אין אַ טייל פון אַלטן ארץ־ישראל, און זיי וועלן אויפהערן די דאָזיקע געפערלעכע און מיאוס'ע קריגעריי? ווייל דאָס, וואָס איז היינט־צו־טאָג אַ קריגעריי מיט ישראל, קען זיך אַנטוויקלען מאָרגן, און אַנטוויקלט זיך שוין, אין אַ היסטאָ־רישן קאָנפליקט מיט דעם אידישן פאָלק און דער גאַנצער וועלט.

און עס איז נויטיק, אַז פון דער בימה פון דעם קאָנגרעס זאָל געזאָגט

ווערן צו אַלע פעלקער פון דער וועלט, אַז אין דער שעה, ווען די פּאַר־אייניקטע פעלקער האָבן באַשלאָסן צוריקאויפצושטעלן די אידישע מדינה אין ארץ־ישראל, ווען דער מזרח און מערב האָבן זיך פאַראייניקט פאַר דעם — וואָס איז געווען איינער פון די ווייניקע דערהויבענע מאָמענטן אין דער געשיכטע פון די פאַראייניקטע פעלקער — אין דער דאָזיקער שעה איז עס ניט געווען בעיקר אַ פּאָליטישער באַשלוס, אַ באַשלוס וואָס זאָל זיך שטיצן אויף פּאָליטיק פון קראַפט. עס איז געווען אַ גרויסער היסטאָרישער און מאָראַלישער באַשלוס. דאָס האָט געמיינט באַצאָלן אַ קליינעם טייל פון דעם גרויסן ערן־חוב, פון דעם טראַגישן חוב, וואָס די וועלט איז שולדיק געווען דעם אידישן פאָלק — די וועלט, וואָס האָט צוגעזען דאָס אומברענגען זעקס מיליאָן אידן און האָט געקענט פאַרהיטן דערפון, ווען זי וואָלט עס געוואָלט מיטן גאַנצן האַרצן; די וועלט, וואָס האָט אַ חוץ אויסדריקן פלאַטאָנישן מיט־געפיל, ניט גערירט מיט קיין פינגער, בכדי צו פאַרהיטן פון דער גרעסטער טראַגעדיע אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, האָט געהאַט געוויסנס־ביסן און האָט אָנגענומען דעם באַשלוס — ניט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן צו דערגרייכן אַ מערהייט פון צוויי דריטל שטימען — ווידעראויפצושטעלן די אידישע מדינה. דעריבער זאָג איך, אַז דער אידישער דור, וועלכער האָט צוגעזען די טראַגעדיע אין די צייטן פון היטלער׳ן, און האָט זיך אָבער אויך דערוואַרט די פאַרווירקלעכונג פון דעם אידישן חלום דורכן ווידעראויפשטעלן מדינת ישראל — האָט דאָס רעכט צו האָפן, אַז די גרויסע וועלט אין מזרח און אין מערב, וועט זיך ווידער פאַרשטענדיקן, בכדי צו פאַרזיכערן דעם שלום פון ישראל און וועט ניט דערלאָזן, אַז יענע שרעקלעכע געשעענישן זאָלן זיך איבער׳חזר׳ן. פון דער דאָזיקער טריבונע רופן מיר די פעלקער פון דער וועלט, אַז זיי זאָלן ניט בלייבן גלייכגילטיק און זאָלן ניט דערלאָזן, אַז עס זאָל זיך אַנטוויקלען אַ לאַגע, אין וועלכער עס וועט ווערן שפּעט זיך אַריינ־צומישן, בכדי צו פאַרהיטן פון אַן אומגליק.

***

און איצט, עטלעכע באַמערקונגען צו אונז אַליין, דעם אידישן פאָלק.

מדינת ישראל איז ווידער אויפגעשטאַנען אין איינער פון די קריטישסטע עפּאָכעס אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, ווען אַ סך עלטערע און גרעסערע מדינות, וועלכע האָבן היינטער זיך הונדערטער יאָרן פון קיום, ציטערן פון דער זאָרג פאַר זייער צוקונפט. און ישראל געפינט זיך אין איינעם פון די עמפּינדלעכסטע פּונקטן פון דער וועלט. זי איז ניט קיין מדינה ערגעץ־וואו אין אַ דזשאָנגל אין אַזיע אָדער אַפריקע. זי געפינט זיך אין דעם

צענטראַלן טייל פון נאָענטן מזרח, גרענעצט זיך מיט דריי יבשות, אַ לאַנד וואָס אַרום אים שטורעמען אַלע קעגנזייטיקע שטראָמען פון דער אינטער־נאַציאָנאַלער פּאָליטיק און פון אינטערנאַציאָנאַלן שפּיל פון די כוחות. דעריי־בער, זאָג איך, דאַרף דאָס אידישע פאָלק, דאַרפן מיר אַלע זיך אַנגורטן פאַר אַ נייער, גרויסער און לענגערער פּאָליטישער אָנשטרענגונג. מיר מוזן זיין גרייט צו העלפן ישראל, אויב עס וועט זיין נויטיק אין פאַל פון אַ מלחמה, חלילה. און אויב אַ מלחמה וועט אויסגעמיטן ווערן, לאָמיר ניט מיינען, אַז דער קריזיס איז שוין פאַרביי. פּאָליטישע געפאַרן פון אַלערליי מינים קענען נאָך באַדראָען ישראל אין די נאָענטסטע עטלעכע יאָר. און בכדי ישראל זאָל קענען גובר זיין די דאָזיקע סכנות, וועלן מיר זיך נויטיקן לכל־הפּחות אין דער מאָס פון הילף און שוץ מצד דעם אידישן פאָלק אין דער וועלט, ווי מיר האָבן זיך גענויטיקט אין דער צייט, ווען מיר האָבן געקעמפט אין דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער פאַר דעם רעכט ווידער־אויפצושטעלן מדינת ישראל. מיר דאַרפן פון דער דאָזיקער טריבונע אַרויס־געבן אַ רוף צום אידישן פאָלק, אַז ער זאָל מאָביליזירן אַלע זיינע כוחות אויף אַ וועג, וואָס האָט ניט זיין גלייכן אין דער פאַרגאַנגענהייט, אויף אַ פיל ברייטערן וועג, ווי מיר זיינען געווען געוואוינט צו גיין ביז איצט, פון אַלע שטאַנדפּונקטן — ווירטשאַפטלעכן, פינאַנציעלן, פּאָליטישן, און אַפילו אין מאָביליזירן מענטשלעכע כוחות, אויב מיר וועלן דערצו ווערן אויפגעפאָדערט.

מיר טרעפן זיך היינט אין אַ שעה פון קריזיס. אָבער דאָס וואָרט קריזיס האָט אַ באַשטימטע באַדייטונג. און איך זאָג דאָס ניט, בכדי צו פאַרענדיקן מיט טרייסט־ווערטער. אַ מענטש, וואָס איז קראַנק געוואָרן, מוז אַמאָל דורכגיין אַ קריזיס, בכדי צו ווערן געזונט. אַנדערש קען ער ניט צוריקקומען צו זיינע כוחות. אַ קריזיס קען זיך ענדיקן מיטן טויט פון פון קראַנקן. אָבער עס איז אויך דאָ די מעגלעכקייט, אַז דער קריזיס זאָל זיין דאָס געצוואונגענע מיטל צו ווערן געהיילט. די דאָזיקע באַדייטונג איז לויט מיין מיינונג אויך ריכטיק לגבי אַ שווערן קריזיס אין לעבן פון אַ פאָלק. דאָס איז צום ערשטן מאָל, וואָס איך זע אויף דער צווייטער זייט פון האָריזאָנט דעם ממשות'דיקן און אָביעקטיוון וועג פאַר אַ לייזונג פון דער פראַגע פון די ישראל־אַראַבישע באַציאונגען. און דאָס איז דערפאַר, ווייל עס איז שוין מער ניט קיין פראַגע, וואָס אינטערעסירט אונז אַליין, אָדער בלויז די אַראַבער, נאָר עס איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַן ערשטראַנגיק פּראָבלעם פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער וועלט.

איך פאַרענדיק מיט דעם גלויבן, אַז מיר האָבן צום ערשטן מאָל אַ רעאַלן

יסוד צו האָפן — אויב מיר וועלן נאָר זיין שטאַרק, פּאַראייניקט און וועלן מאַכן אַלע בויטיקע אָנשטרענגונגען — אַז עס וועט ניט זיין וויט דער טאָג, ווען די ישראל־אַראַבישע באַציאונגען וועלן רעגולירט ווערן. און דאַן וועט ישראל, צוזאַמען מיט די אַראַבישע מדינות פון דעם ראַיאָן, זיין איינער פון די גרויסע בויער פון נאָענטן מזרח, פון וואַנען מיר זיינען געקומען און וואוהין מיר ווילן — לויט דער אמת׳ער באַדייטונג פון ציוניזם — זיך צוריקקערן און פאַרזעצן די געהויבענע טראַדיציע פון אונזער געשיכטע.

# וואָס איז איצט ציוניזם?

(אויסצוגן פון דער רעדע ביי דער דערעפענונג פון 25־טן ציוניסטישן קאָנגרעס,
אין ירושלים, דעם 27־טן דעצעמבער 1960)

אין די לעצטע יאָרן, און אין אַ געוויסער מאָס אַלע יאָרן זינט מדינת־ישראל איז אַנטשטאַנען, איז אין דער ציוניסטישער באַוועגונג אָנגעגאַנגען אַ גרויסע דיסקוסיע אַרום איר עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג אין אָנבליק פון דער מדינה־עקזיסטענץ. די דיסקוסיע איז געווען וועגן די נייע אויפגאַבן פונעם ציוניזם אין דער נייער ווירקלעכקייט, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך דער גרינדונג פון דער מדינה. איך געהער נישט צו די וועלכע נעגירן די דאָזיקע דיסקוסיע. דאָס איז אַ באַוויז פון לעבן פאַר דער באַוועגונג, וועלכע איז קאָנצענטרירט אַרום אידעאָלאָגיעס און אידעאַלן און באַהאַנדלט כסדר איר פּראָגראַם און אירע צילן. דער דאָזיקער צושטאַנד כאַראַקטעריזירט אונזער באַוועגונג. די ציוניסטישע באַוועגונג איז נישט קיין קלוב אָדער אַ צדקה־אַנשטאַלט, וואו אַלץ פירט זיך רואיק און איינשטימיק. די געשיכטע פון אונזער באַוועגונג איז איבערפולט מיט דיסקוסיעס און די רייד וועגן אַ קריזיס זיינען נישט קיין אויסנאַמס־צושטאַנד, נאָר אַ רעגולערער צושטאַנד.

אויב די דאָזיקע דיסקוסיעס זיינען פון שטענדיק אָן געווען אַ פּערמאַנענטער קען־צייכן אין דער פאַרגאַנגענהייט, איז נאָך דעם מדינה־אויפקום דאָס געוויס אומפאַרמיידלעך. עס איז נאַטירלעך, אַז די אַרומיקע וועלט און אויך מיר גופא זאָלן שטעלן די פראַגע: צי דאַרף נאָך עקזיסטירן די ציוניסטישע באַוועגונג נאָך דעם ווי דער עיקר'דיקער, דראַמאַטישער און רעוואָלוציאָנערסטער ציל פון אונזער פּראָגראַם, די אויפשטעלונג פון אַ אידישער מדינה — איז פאַרווירקלעכט געוואָרן. עס וואָלט געווען אַ שלעכטער באַוויז פאַר אונזער באַוועגונג, ווען מיר וואָלטן פאַרגעזעצט דאָס רוטין־לעבן גלייך ווי עס וואָלט גאָרנישט פאַסירט. דעריבער האַלט איך, אַז עס איז נישטאָ וואָס צו באַדויערן, פאַרוואָס אַזעלכע דיסקוסיעס קומען פאָר.

באַטראַכט מען די פראַגע פון היסטאָרישן אַספּעקט, קען מען זיך לייכט איבערצייגן, אַז אַזאַ קריזיס, ענלעך צו דעם וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט נאָך דעם מדינה־אויפקום, האָבן דורכגעלעבט אַלע רעוואָלוציאָנערע באַוועג־

גונגען אין דער געשיכטע. דער גרויסער עקזאַמען פון יעדער באַוועגונג קומט פאַר דווקא נאָך איר ערשטן נצחון. דווקא אין דער דאָזיקער פאַזע האָבן כמעט אַלע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען געקראַכט, ווייל זייערע טרייע טרעגער האָבן געהאַלטן דעם ערשטן זיג פאַר דעם ענדגילטיקן; זיי האָבן זיך אַזויפיל איבערגענומען מיט זייער ערשטן דערפאָלג, אַז זיי זיינען פאַר־בלענדט געוואָרן. זיי האָבן נישט פאַרגעזעצט זייער קאַמף ביזן סוף און אין דעם רוב פאַלן פאַרלוירן אַפילו די פרוכטן פון זייערע ערשטע נצחונות. וואָלטן די ציוניסטישע באַוועגונג און מדינת־ישראל אויך אַריינגעפאַלן אין אַזאַ פאַרשטענדלעכער פרייד און זעלבסט־צופרידנקייט פון זייער ערשטן נצחון, וואָלטן מיר געליטן פונעם זעלבן טראַגישן גורל, פון וועלכן עס האָבן געליטן אַנדערע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען, וועלכע זיינען נאָך די ערשטע דער־גרייכונגען צעבראָכן געוואָרן, נישט ווייל אַזוי האָט דיווירקלעכקייט דיקטירט, נאָר צוליב מאַנגל אין גלויבן און אין אַ דינאַמישן ווילן צווישן זייערע טרייע טרעגער.

צוליב די אַלע סיבות איז די דאָזיקע גרויסע דיסקוסיע, אויב זי וועט געפירט ווערן פּראָדוקטיוו, גוט פאַר דער באַוועגונג און קען איר ברענגען אַ ברכה, אויב זי וועט פונדאָסניי אויספּרואוון אונזערע אויפגאַבן אין דער אידישער געשיכטע, פונדאָסניי באַטראַכטן אונזערע צילן אין אַנבליק פון דער נייער ווירקלעכקייט, און מען וועט צופּאַסן די סטרוקטור פון דער באַוועגונג און די אַרבעטס־סיסטעמען צו די היינטיקע באַדערפעניש.

איך האָב בדעה צו ווידמען מיין דערעפענונגס־רעדע דער דאָזיקער דיסקוסיע, וועלכע וועט שטיין אין צענטער פון דעם קאָנגרעס.

די טעמע פון מיין רעדע איז: וואָס איז ציוניזם אין יאָר 1960?

איך וויל אונטערשטרייכן, אַז איך שטעל אַוועק די פראַגע „וואָס איז ציוניזם?" און נישט „וואָס איז אַ ציוניסט?"

אין יעדער דיסקוסיע איז זייער וויכטיק, ווי אַזוי מען פאָרמולירט די פראַגע, אויף וועלכער מען זוכט צו קריגן אַן ענטפער. ווען איך בין נאָך געווען אַ סטודענט פון פילאָזאָפיע און לאָגיק, האָב איך געלערנט, אַז אין פילאָזאָפיע איז דער נוסח פון דער פראַגע וויכטיקער ווי די תשובה. אויב מען ווייסט, ווי אַזוי צו פרעגן, קען מען האָפן צו קריגן אַ תשובה, הגם דאָס איז אויך אַמאָל ניט זיכער. אונזער פּראָבלעם איז: „וואָס איז ציוניזם?" און ניט וואָס איז אַ ציוניסט. איך זאָג דאָס דערפאַר, ווייל מיר זיינען אַ פּאָליטישע באַוועגונג. מיר זיינען ניט קיין קלוב, אָדער אַ יוגנט־באַוועגונג.

מיר זײנען אַ פּאָליטישע באַוועגונג, וועלכע וויל ענדערן די לעבנס־באַדינגונגען פון פאָלק. און פאַר יעדער באַוועגונג אַזעלכער איז דער עיקר איר פּראָגראַם.

איך וועל געבן אַ בײַשפּיל פון אַן אַנדערן געביט. עס איז פאַראַן אַ גרויסע ליטעראַטור וועגן דעם פּראָבלעם, וואָס איז סאָציאַליזם, אָבער עס זײַנען ניטאָ קיין ביכער, אין וועלכע מען זאָל פרעגן: „וואָס איז אַ סאָציאַליסט?״ אַ ציוניסט איז אַ איד, וועלכער נעמט־אָן דאָס ציוניסטישע פּראָגראַם. זעלבסט־פאַרשטענדלעך איז זײַער וויכטיק, אַז ער זאָל פאַרווירקלעכן, אָדער אַז ער זאָל פּרואוון פאַרווירקלעכן דאָס פּראָגראַם, אויף וויפיל עס איז אים מעגלעך. עס איז נויטיק, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די באַוועגונג זאָל זאָרגן דערפאַר, אַז עס זאָל זײַן אַ שטרעבונג צו פאַרווירקלעכן, אויף וויפיל עס איז מעגלעך, און אַז די באַוועגונג זאָל זיך ניט באַגנוגענען בלויז מיט אַ פּלאַטאָנישן פּראָג־ראַם. ווייל אַנדערש איז עס פילאָזאָפיע, און ניט קיין געזעלשאַפטלעכע פּאָליטישע באַוועגונג, וועלכע וויל ענדערן און באַשטימען דעם גאַנג פון דער געשיכטע. אָבער דאָס אידעאָלאָגישע פּראָבלעם איז: וואָס איז ציוניזם?

אפשר וועל איך געבן אַ בײַשפּיל פון אַ גאַנץ אַנדערן געביט. רעליגיע האָט אַ פיל גרעסער רעכט צו מאָנען פון אירע אָנגעהעריקע און געטרײַע, ווי דאָס רעכט, וואָס עס האָט אַפילו די אידעאַליסטישסטע פּאָליטישע באַווע־גונג. אידנטום, אידישקייט איז ניט קיין לײַכטע רעליגיע. זי פאָדערט פיל און באַציט זיך שטרענג צו אירע געבאָטן. זי באַגנוגנט זיך ניט מיט תפילות און מיט אויסדריקן אמונה. זי פּרואווט אַרויפליגן איר השפּעה אויף דעם לעבן פון אידן פון אינדערפרי ביז אין אָוונט. אָבער אַפילו די פאַנאַטישסטע פירער פון דער אידישער רעליגיע האָבן קיינמאָל זיך ניט אַרויסגעזאָגט קעגן דעם גרונט־פּרינציפּ, אַז „ישראל אַף על פּי שחטא — ישראל הוא״. אַ איד קען ניט מקיים זײַן קיין שום מצוה און זײַן זײַער אַ שלעכטער איד פון דעם רעליגיעזן שטאַנדפּונקט. אָבער קיינמאָל האָט מען ניט געפּסק׳נט, אַז ער שליסט זיך אַליין מיט דעם אויס פון דער ראַם פון אידישן פאָלק, אָדער פון אידישן דת. אַ ציוניסט, וועלכער פאַרווירקלעכט ניט דאָס ציוניסטישע פּראָגראַם, איז אַ שלעכטער ציוניסט. און בכדי אויסצומײַדן מיספאַרשטענ־דענישן אין אַנהויב פון מײַנע ווערטער, זאָג איך: זעלבסטפאַרשטענדלעך, אויב די גאַנצע באַוועגונג וואָלט באַשטאַנען בלויז פון ציוניסטן, וועלכע שרײַבן אונטער אַ פּלאַטאָניש פּראָגראַם, און ווען עס וואָלט ניט געווען אין דער באַוועגונג קיין אַלגעמיינע שטרעבונג פאַר פאַרווירקלעכונג סײַ פון דעם כלל און סײַ פון די יחידים, וואָלט עס געווען זײַער טרויעריק. אָן דער שטרעבונג צו פאַרווירקלעכן האָט ניט די באַוועגונג קיין ממשות׳דיקן ווערט.

אָבער די אידעאָלאָגישע דיסקוסיע דאַרף זיך קאָנצענטרירן אַרום דער פראַגע: „וואָס איז ציוניזם היינט־צו־טאָג?"

אינעם הונדערטסטן געבוירן־יאָר פון הערצל'ען דערלויבט מיר צו שטעלן די פראַגע: „וואָס איז געווען די באַדייטונג פונעם ציוניזם, ווען די באַוועגונג איז געגרינדעט געוואָרן?"

וואָס פאַראַ שליחות האָט זי געטראָגן צום אידישן פאָלק און צו דער וועלט? אין די פוס־טריט פון איינער פון הערצל'ס גרויסע פאָרמולירונגען, אין וועלכער ער האָט געזאָגט, אַז דער ציוניזם איז אַזאַ גרויסער געדאַנק, אַז מען קען אים אויסדריקן אין איינפאַכע ווערטער, וויל איך אויך פאָרמולירן דעם אינהאַלט פון ציוניזם, נישט אין פילאָזאָפישע טערמינען, נאָר אין איינפאַכע ווערטער. אין אַלע זיינע מאַניפעסטירונגען און ניואַנסן איז דער ציוניזם שטענדיק געווען באַזירט אויף דריי פרינציפן:

ערשטנס — דער ציל איז געווען צו לייזן די אידן־פראַגע. דאָס הייסט, צו זיכערן די ווייטערדיקע עקזיסטענץ פונעם פאָלק, וועלכע איז אָוועקגעשטעלט געוואָרן אין אַ געפאַר צוליב דער נישט־נאָרמאַלער פאָרם פון זיין לעבן אין גלות.

צווייטנס — דער וועג צו לייזן די פראַגע האָט געפירט צו קאָנצענטראַציע פונעם פאָלק אין זיין לאַנד, אין זיין אַלטן היימלאַנד, דורך שאַפן אַ טעריטאָריעלן צענטער פאַר דעם נאַציאָנאַלן לעבן אין ארץ־ישראל.

דריטנס — דער אינסטרומענט מיט וועלכן מען האָט געזאָלט דערגרייכן די לייזונג, איז געווען קודם־כל דאָס פאָלק גופא, וועמען הערצל האָט גערופן, ער זאָל איבערנעמען זיין גורל אין זיינע הענט און באַהערשן זיין צוקונפט.

איך וועל פרואוון אין דעם רעפעראַט צו אַנאַליזירן די איצטיקע לאַגע אין ליכט פון די דריי פרינציפן, וועלכע בילדן דאָס סטאַבילע פראָגראַם פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. איך וועל פרואוון מאַכן דעם חשבון, וואו האַלטן מיר אין אונזער וועלט: וואָס האָבן מיר דערגרייכט און וואָס נישט. איך וועל פרואוון צו אַנאַליזירן די היינטיקע לאַגע אין מדינת ישראל און אויסער איר, כדי מיר זאָלן קענען קומען צו אַ באַשלוס, צי זיינען די דאָזיקע פרינציפן פולשטענדיק אָדער טיילווייז פאַרווירקלעכט געוואָרן. פון די ענטפערס אויף די פראַגן הענגט אויך אָפּ דער ענטפער אויף דער גרונט־פראַגע: צי האָט נאָך די ציוניסטישע באַוועגונג עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג?

איך וועל אָנהויבן דעם אַנאַליז פון באַטראַכטן דעם אינסטרומענט, וועלכער באַצוועקט צו זיכערן די צוקונפט פון אונזער פאָלק — מדינת ישראל. אין 13־טן יאָר פון דער מדינה־עקזיסטענץ מעג זי און מעגן די אַלע, וואָס

האָבן איר געהאָלפן אין די ערשטע פּאַזעס, שטאָלצירן מיט די דערגרייכונגען פון איר אַנטוויקלונג. אָן איבערטרייבונג מעגן מיר באַהויפּטן, אַז אין דער געשיכטע זיינען פאַראַן זייער ווייניק ביישפּילן דערויף, אַז אַ יונגע מדינה אין איר דרייצנטן יאָר, וואָס געפינט זיך אין אַזאַ שווערער און קאָמפּלי־צירטער סביבה און איז געבוירן געוואָרן אין אַזאַ שפּאַנענדיקער עפּאָכע — האָט אַזויפיל דערגרייכט, סיי וואָס נוגע איר סטאַביליזאַציע, סיי וואָס שייך דער פאַרווירקלעכונג פון דעם גרונט־ציל, צו פאַרזיכערן די צוקונפט פונעם פאָלק. די מדינה האָט שוין אָפּגעראַטעוועט דאָס לעבן פון מער פון אַ מיליאָן אידן און האָט זיי דערמעגלעכט אָנצוהויבן אַ ניי לעבן, פאַרזיכערנדיק זיי פריי־הייט און מענטשלעכע ערע. די מדינה איז געוואָרן דער קוואַל פון וועלכן מיליאָנען אידן אין גאַר דער וועלט שעפּן מוט און שטאָלץ. זי האָט געגעבן דעם לעבן פונעם אידישן פּרט און כלל אַ נייעם אינהאַלט, אַ צוועק אין לעבן און זי גיט אים אומאויפהערלעכע גלאָריע. דער גרעסטער טייל פון דער אידישער טעטיקייט און אַקטיווקייט אין גאַר דער וועלט איז פאַרבונדן און קאָנצענטרירט זיך אַרום ישראל. די מדינה הויבט־אָן שאַפן אַן אייגענע אָריגי־נעלע קולטור, געשטיצט אויף דעם, וואָס איז געשאַפן געוואָרן פריער. צוויי מאָל איז די מדינה געשטאַנען אויפן שלאַכטפעלד קעגן אַ גרויסער מערהייט פון שונאים און האָט זיי באַזיגט. די מדינה האָט געוואונען די פאַרערונג פון דער גרויסער מערהייט פון דער ניט־אידישער וועלט און זי פאַרנעמט אַ בכבוד׳יקן פּלאַץ אין דער פעלקער־משפּחה. דאָס אַלץ צו דערגרייכן אין אַזאַ קורצער צייט, שטייענדיק פאַר שווערע געאָגראַפישע און היסטאָרישע באַדינגונגען — איז אַ זאַך מיט וועלכער מען מעג שטאָלצירן.

ניט געקוקט אויף דעם אַלעם, וועט עס זיין אַ געפערלעכע און פאַר־פירנדיקע אילוזיע פאַר ישראל און פאַר דעם אידישן פאָלק, אויב מען וועט אָננעמען אַפילו אויף איין מאָמענט, אַז די הויפּט־פּראָבלעמען, וועלכע וועלן באַשטימען אונזער צוקונפט און גורל, זיינען שוין געלייזט געוואָרן. נישטאָ נאָך קיין שלום צווישן ישראל און אירע אַראַבישע שכנים, און פאָרלויפיק זעט מען נאָכנישט קיין סימנים פון אַזאַ שלום אין דער נאָענטער צוקונפט. מיט עקשנות, וועלכע איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער סעמיטישער ראַסע, ווילן נישט די אַראַבישע פעלקער מאַכן אַפילו דעם לייכטסטן זשעסט און אָנערקענען דעם פאַקט פון דעם קיום פון מדינת ישראל. זיי דראָען מיט אַ „דריטער רונדע״, און ערנסטער פון דער דראָאונג איז דער פאַקט, וואָס זיי באַוואָפענען זיך כסדר און ווערן אונטערשטיצט פולשטענדיק מצד דעם קאָמוניסטישן בלאָק און פון דער גרויסער פאָטענץ פון ראַטנפאַרבאַנד.

צו אונזער פרייד, האָבן די לעצטע יאָרן געבראַכט אַ רעלאַטיווע באַרו־איקונג אויף די גרענעצן, און די פּאָליטישע פראָנטן אויפן מיטעלן מזרח זיינען סטאַביליזירט געוואָרן. אויב איך האָב ניט קיין טעות, זיינען דאָ סימנים, אַז די רעלאַטיווע באַרואיקונג אין מיטעלן מזרח, וויניקסטנס פון פּאָליטישן שטאַנד־פּונקט, דערגייט שוין צום סוף מיטן אָנהויב פון דער נייער אַדמיניסטראַציע אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וועלכע האָט זיך פאַרפּליכטעט צו פירן אַ דינאַמישע און אונטערנעמערישע פּאָליטיק, סיי אין אַמעריקע גופא, סיי אין דער וועלט. דאָס קען ווירקן אויף אַ סך פּאָליטישע פראָנטן, און צווישן זיי אויך אויפן מיטעלן מזרח, וועלכע קענען אָנהויבן צו ברויזן אַדאַנק די פּרואוון צו וועלן מאַכן אַ סוף צו דער נישט־סטאַבילער לאַגע פון מיטעלן מזרח, וועלכע טראָגט אין זיך די שטענדיקע געפאַר פון אַן עקספּלאָזיע, וואָס קען מיטשלעפּן מיט זיך די גאַנצע וועלט. אַט־די פּרואוון מצד דער אַמעריקאַנער אַדמיניסטראַציע קענען זיין אַ ברכה, אָבער גלייכצייטיק אַנטהאַלטן זיי אין זיך אויך גע־פאַרן. אין ליכט פון אַט־די מעגלעכקייטן, דאַרפן מדינת ישראל און דאָס אידישע פאָלק אַרויסווייזן מער וואַכזאַמקייט ווי אין די לעצטע יאָרן און שטיין אויף דער וואַך, כדי אויפצונעמען יעדע געפערלעכע אַנטוויקלונג.

די פּאָליטישע פּראָבלעמען פון מדינת ישראל זיינען נישט מיט אַ סך אַנדערש פון די פּראָבלעמען אויפן עקאָנאָמישן פראָנט. אויך דאָ האָבן מיר אַ וואונדערבאַרן פאַרשריט. ווער עס געדענקט די ישראל־ווירטשאַפט און איר עקאָנאָמישע לאַגע מיט צען און מיט זעקס יאָר צוריק, מוז נתפעל ווערן פון דער קאָלאָסאַלער אַנטוויקלונג. צייטנווייז איז שווער צו גלויבן, אַז דאָס איז דאָס זעלבע לאַנד וואָס מיט זעקס יאָר צוריק. אָבער אויך אויף דעם געביט וועט עס זיין אַ זעלבסט־אילוזיע אָנצונעמען, אַז די ישראל־עקאָנאָמיק האָט שוין געלייזט די צענטראַלע פּראָבלעמען און אַז זי דערנענטערט זיך שנעל צו אַ פולער אויסבאַלאַנסירונג. דער דעפיציט אינעם בודזשעט פון פרעמדער וואַלוטע, די דיסקרעפּאַנץ צווישן די הכנסות און די הוצאות זיינען נישט קלענער געוואָרן אין פאַרגלייך מיט די פאַריקע יאָרן. דאַקעגן עטלעכע פון די הויפּט־קוואַלן פון דרויסנדיקע מיטלען, ווי למשל, די שילומים פון דייטשלאַנד האַלטן ביים פאַרענדיקט ווערן און די אַמעריקאַנער הילף ווייזט אַרויס אַ קלאָרע טענדענץ באַשרענקט צו ווערן.

מיר דאַרפן אויך וואָרענען וואָס נוגע דער פינאַנציעלער הילף פון אידישע קוואַלן. אין די אידישע קהילות אַנטוויקלט זיך אַ נייע ריכטונג אין באַציאונג צו ישראל, וועלכע איז אַ רעזולטאַט פון דעם העכערן לעבנס־סטאַנדאַרט און פון דער אויסגעבעסערטער עקאָנאָמישער לאַגע אין ישראל. דאָס בילד פון

ישראל, ווי עס שטעלט זיך פאַר די אויגן פון די אידן אין די גלות־לענדער, און באַזונדערס אין אַמעריקע, וועלכע איז דער הויפּט־קוואַל פון אידישער פינאַנציעלער הילף, ענדערט זיך שנעל. ישראל איז שוין היינט נישט מער אַ מדינה, וואָס געפינט זיך אונטער פערמאַנענטע באַדראָאונגען, וואָס לעבט אין קריטישע צושטאַנדן און געפינט זיך אונטער דער לאַסט פון קאָלאָסאַלע אויסגאַבן פאַר איר זיכערקייט און פאַר אַריינגעמען מאַסן אָרעמע עולים. אַנשטאָט דעם באַקומט זיך אַ בילד פון ישראל, וואָס לעבט אַ גוט לעבן, געניסט פון אַ שפע און גיט אַפילו הילף פאַר אַ סך אַנדערע ווייניק־אַנטוויקלטע לענדער. — אַגב, דאָס איז איינער פון די געלונגנסטע און פּראָדוקטיווסטע שריט כדי צו באַשטימען דעם פּלאַץ פון ישראל אין דער פעלקער־משפּחה, — און אַזוי אַרום ציט זיך צוריק דאָס געפיל פון דרינגלעכקייט און פאַרצוג לגבי דער הילף פאַר ישראל. מער ווי שטענדיק וועט מען איצט דאַרפן איבערצייגן די אידן אין ישראל און אין די גלות־לענדער, אַז זיי זאָלן ריכטיק זען די אמת׳ע לאַגע פון דער מדינה. מען דאַרף זיי לערנען זיך איינצוקוקן אויך הינטער דעם שיינעם פּראַנט, כדי זיי זאָלן זען די טיפקייט פון די פּראָבלעמען וואָס שטייען פאַר אונז און זאָלן אַרויסווייזן די ריכטיקע אחריות קעגנאיבער די געפאַרן, וואָס דראָען דער מדינה. מיר דאַרפן זיך קלאָר מאַכן, אַז עס איז נאָכנישט געקומען די צייט זיך אָפּצורוען און מיינען, אַז די אַרבעט איז שוין פאַרענדיקט. עס וועט זיין געפערלעך פאַר ישראל גופא און פאַר דעם אידישן פאָלק, אויב מען וועט אַנטוויקלען אַ געפיל, אַז די סטאַבילקייט פון דער מדינה און איר זיכערקייט זיינען שוין גאַראַנטירט.

עס עקזיסטירט נאָך אַ פאַקטאָר, וועלכער דעצידירט מער לגבי דער זיכערקייט פון דער מדינה און דער לייזונג פון אירע עקאָנאָמישע פּראָבלעמען. איך האָב דאָ אין זינען דעם נומערישן פאַרנעם פון דעם פאָלק, וואָס לעבט אין ציון. נישט דאָ איז דער פּלאַץ אויפצואוועקן די דיסקוסיע איבער דעם גורל פונעם אידישן גלות און אַוועקצושטעלן פונדאַסניי די פראַגע, צי באַצוועקט דער ציוניזם די פולשטענדיקע ליקווידאַציע פונעם גלות, אָדער נישט. אונזער באַוועגונג איז אַ פּאָליטישע און זי וויל שאַפן אַווירקלעכקייט און פאַקטן. ווען די ציוניסטישע באַוועגונג האָט פּראָקלאַמירט, אַז די אויפשטעלונג פון דער מדינה און די טעריטאָריעלע לייזונג פון דער אידן־פראַגע זיינען דער איינציקער וועג צו זיכערן דעם קיום פון דעם פאָלק, איז דאַן ניט געזאָגט געוואָרן, וועלכער טייל פונעם פאָלק דאַרף זיך קאָנצענטרירן אינעם היימלאַנד, כדי צו זיכערן זיין צוקונפט. אָבער סיי די מינימאַליסטן און סיי די

מאַקסימאַליסטן, די וואָס זעען פאָרויס די ליקווידאַציע פון אידישער עקזיס־טענץ אין גלות, און די אַנדערע וועלכע מיינען, אַז די תפוצה איז אַ כאַראַק־טעריסטישער באַשטאַנד־טייל פון אונזער היסטאָרישן גורל — וועלן מסכים זיין, אַז דער ציל פון ציוניזם איז נאָך ווייט פון פאַרווירקלעכונג, כל־זמן וויניקער פון אַ פינפטל פונעם פאָלק לעבן אינעם היימלאַנד, לכל־הפחות וועלן נאָך מיליאָנען אידן דאַרפן עולה זיין אין לאַנד און זיך באַזעצן, כדי מיר זאָלן קענען רעדן וועגן אַ ציוניסטישער טעריטאָריעלער לייזונג פון דער אידן־פראַגע.

איך האָב גערעדט קורץ וועגן דעם פּראָבלעם פון אומזיכערקייט, וועגן די פּאָליטישע געפאַרן, וועגן די ווירטשאַפטלעכע פראַגן. איך בין זיכער, אַז די לייזונג פון די אַלע פראַגן איז אָפּהענגיק פון דעם פאָרשריט אויפן געביט פון דער פאַרמערונג פון דער באַפעלקערונג פון לאַנד און פון אַ ריזיקער פאַרגרעסערונג פון דער באַפעלקערונג אין משך פון דער צייט. ווער ווייס, וויפיל צייט דאָס וועט פאָדערן. וואָס מער מיר וועלן עס קענען צואיילן, אַלץ בעסער וועט דאָס זיין פאַר דעם קיום פון דער מדינה אין אַלע היני־זיכטן. אָבער אַלץ איז אָפּהענגיק פון דער לייזונג פון דאָזיקן צענטראַלן פּראָבלעם. דערפאַר בין איך מסכים מיט די אַלע וועלכע ווילן, אַז דער דאָזיקער קאָנגרעס זאָל זיין אַ קאָנגרעס פון עליה. דאָס הייסט, אַז דאָס דאָזיקע פּראָבלעם זאָל שטיין אין צענטער פון די פאַרהאַנדלונגען און פּלענער. מיר דאַרפן זיך אָבער מאַכן דעם חשבון הנפש און וויסן, אַז דאָס איז זייער אַ שווער פּראָבלעם.

די עליה פון דריטן מיליאָן וועט לויט מיין מיינונג זיין אַ סך שווערער פון דער עליה פון דעם מיליאָן, וואָס מיר האָבן געבראַכט אַהער זינט דער גרינדונג פון דער מדינה. וואָס אַ העלפט פון זיי איז געזעסן אויף צוגעגרייטע וואַליזעס און האָט געוואַרט אויף דעם רוף, וואָס וועט זיך דערהערן פון ישראל: „קומט!" די צווייטע העלפט איז געקומען פון לענדער, וואו זיי האָבן געלעבט פאַרשקלאַפט, זיינען געווען דיסקרימינירט און האָבן אַ סך געליטן; און אויך זייער פרומע אידן, וועלכע זיינען געקומען אין לאַנד ניט בלויז געצוואונגען פון אָביעקטיווע סיבות, נאָר צוליב אַ טיפער רעליגיעזער שטרעבונג, ווי תימנים, צפון־אַפריקאַנער אידן און אַנדערע, פאַר וועמען ישראל איז געווען דער חלום. דעם דאָזיקן ערשטן מיליאָן איז ניט געווען באַזונדערס שווער צו באַוועגן דערצו, אַז ער זאָל עולה זיין קיין ישראל. דאָס פּראָבלעם איז באַשטאַנען אין איינאָרדענען זיי. מער אָדער וויניקער האָבן מיר געלערנט, ווי אַזוי צו לייזן דאָס דאָזיקע פּראָבלעם, הגם נאָך ניט

איינגאַנצן. עס זיינען נאָך פאַראַן מעברות. עס זיינען נאָך פאַראַן ישובים, וועלכע זיינען נאָך ניט ווירטשאַפטלעך קאָנסאָלידירט. מיר האָבן נאָך ניט פאַרענדיקט דאָס איינאָרדענען דעם דאָזיקן מיליאָן עולים, אָבער די וועגן, די מעטאָדן פון איינאָרדענען האָבן מיר מער אָדער ווייניקער געלערנט בנוגע דער דאָזיקער מאַסן־עליה.

עס קען זיין, אַז מיר וועלן האָבן מזל, און אַזעלכע לענדער, ווי די מדינות פון מזרח־אייראָפּע און צפון־אַפריקע וועלן געבן אומבאַגרענעצטע מעגלעכ־קייטן פאַר עליה. אָבער אין דעם מאָמענט רעד איך ניט וועגן דעם. איך רעד וועגן דער באַזע פון סטאַטוס־קוואָ, הגם איך בין זיכער, אַז עס וועט קומען אַ טאָג און עס וועט זיך אָנהויבן אַן נייע עליה פון די לענדער, וואו עס איז ניט פאַראַן קיין באַלדיקער אָביעקטיווער מוז פאַר די אידן אַוועקצו־פאָרן פון דאָרט. און אויב אַוועקצופאָרן — איז עולה זיין דווקא קיין ארץ־ישראל. דאָס זיינען עולים, וועלכע דאַרפן קומען דווקא פון זייער ווילן צו לעבן אַ פול אידיש לעבן און צו פאַרבינדן זייער אידישן גורל מיט דעם גורל פון מדינת ישראל. אין דער גאַנצער געשיכטע פון ציוניזם איז די עליה פון דעם טיפּ, פון דער קאַטעגאָריע, ניט געווען באַזונדערס לייכט. עס איז ניט פאַראַן עפּעס מער דערהויבענעס, עפּעס אַזעלכעס וואָס זאָל זיין שענער און פאַרשאַפן מער רום דעם ציוניזם, ווי די חלוצ׳ישע באַוועגונג. אָבער ווען מיר זאָלן מאַכן דעם חשבון פון דער פּראָפּאָרציע פון דער אמת׳ער חלוצ׳ישער עליה אין די צוויי מיליאָן, וועלכע לעבן היינט־צו־טאָג אין פאָטער־לאַנד, וועלן מיר געפינען, אַז דער טייל פון דער דאָזיקער עליה איז אַ קליינער. די סיסטעמען פון איינאָרדענונג זיינען אַנדערע. און מיר דאַרפן זיך צוגעוואוינען סיי צו דעם טיפּ עליה און סיי צו די סיסטעמען פון איינ־אָרדענען זיך אין באַדינגונגען, וועלכע האָבן זיך געענדערט, אויב מיר ווילן דערגרייכן צו אַ באַדייטנדיקער עליה פון די פרייע לענדער, צו דער עליה פון אידן, וועלכע קומען פון זייער גוטן ווילן.

איך זאָג דאָס, בכדי מיר זאָלן זיך אַליין ניט פאַרפירן אויף דעם געביט, הגם איך בין זיכער, אַז מיר זיינען בכוח גובר צו זיין די שוועריקייטן און פאַרווירקלעכן די דאָזיקע שווערע ציוניסטישע שטרעבונג. היינט־צו־טאָג איז פאַראַן די מדינה מיט איר גאַנצער צוציאונגס־קראַפט. דאָס איז אַ נייע ווירקלעכקייט, וואָס איז אינגאַנצן אַנדערש פון דעם ישוב, וועלכער איז געווען אין דער מאַנדאַט־תקופה. עס איז ניט נויטיק, אַז איך זאָל באַטאָנען, אַז די צוציאונגס־קראַפט פון מדינת ישראל שטייגט אַ סך אַריבער די צוציאונגס־קראַפט פון מאַנדאַט־ישוב. מען קען דעריבער איבערקומען די שוועריקייטן.

און איך בין זיכער, אַז עס איז מעגלעך צו אַנטוויקלען אַ לאַגע, אין וועלכער עס זאָלן אין אַהויב עולה זיין טויזנטער אידן און דערנאָך צענדליקער טויזנטער אידן. אָבער מיר דאַרפן פאַרשטיין, אַז מיר דאַרפן זיך צוגעוואוינען צו אַן אַנדערער ווירקלעכקייט, צו אַנדערע סיסטעמען, צו אַן אַנדערן גערדאַנ־קען־גאַנג סיי בנוגע דער עליה און סיי בנוגע איר איינאָרדענען זיך אין לאַנד. אוןביידע ענינים זיינען געבונדן איינער מיטן אַנדערן.

אַ טייל פון דער פריערדיקער עליה, וואָס איז געקומען אין לאַנד, איז געקו־מען אַהער, אפשר ניט זייענדיק זיכער, אַז זי וועט זיך איינאָרדענען. די דאָזיקע נייע עליה וועט דאַרפן וויסן פריער, וואָס עס וועלן זיין די סיסטעמען פון איינאָרדענען זיך. דערצו וועט זיך פאָדערן אַ ריזיקע אָנשטרענגונג. מיר אַליין וועלן דאָס ניט קענען טאָן אָן דער מדינה. דער צענטראַלער פאַקטאָר דאַרף זיין די מדינה. אָבער זי דאַרף האָבן די הילף פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, צוליב אַלע טעמים. און צו מיינע חברים, ציוניסטן וויל איך זאָגן, אַז אין דעם גאַנצן קאָסמאָס פון ציוניסטישע טעטיקייטן — פאָליטישע הילף, געלט־שטיצע, אינוועסטירונגען — איז דאָס די אַממייסטן ריין־ציוניס־טישע טעטיקייט, די וויכטיקסטע, די קלאַסישסטע און די ציוניסטישסטע טעטיקייט. אַלע אַנדערע אויפגאַבן טוען מיר בשותפות מיט אַנדערע. אַ סך וועלן אפשר זאָגן, אַז מיר טוען דאָס אַ ביסל מיט אַ גרעסערן ברען, הגם עס קען זיין, אַז דאָס איז ניט תמיד אַזוי. אָבער אין פרינציפּ זיינען מיר אין די אַנדערע טעטיקייטן שותפים מיט אַלערליי אידישע קיבוצים, קהילות און אָרגאַניזאַציעס. אָבער די דאָזיקע טעטיקייט — פון עליה — איז בלויז אונזערע, אויב מיר זיינען גרייט און קענען דאָס טאָן. דאָס איז די איינציקע ציוניסטישע טעטיקייט, די קלאַסישע ריין־ציוניסטישע אויפגאַבע אין דער דאָזיקער תקופה פון מדינת ישראל.

אויב איך וואָלט געוואָלט רעזומירן דעם דאָזיקן אַנאַליז פון דעם מצב אין דער מדינה פון דעם צוגאַנג פון אונזער פּראָבלעם, וואָלט איך געזאָגט, אַז נאָך אַלע אונזערע דערגרייכונגען האָבן מיר באַוויזן דורכצוגיין אַ האַלבן וועג צו אונזער ציל. אָבער ווי וועט זיין צו אונז און צום אידישן פאָלק, אויב מיר וועלן בלייבן אויף דעם ערשטן האַלבן וועג. דעמאָלט וועלן מיר פאַרלירן אויך די רעזולטאַטן פון ערשטן האַלבן וועג. מיר דאַרפן ממשיך זיין און וויסן, אַז די צווייטע העלפט וועט אוודאי ניט זיין לייכטער פון דער ערשטער העלפט.

***

איצט וועל איך אַריבערגיין צום ציוניסטישן ציל: קיום העם און די

לאַגע אין גלות. די אידן־פראַגע — ווי מען האָט עס גערופן אין הערצל׳ס צייטן און שפּעטער — האָט תמיד געהאַט צוויי אַספּעקטן: אַן אויסערלעכן און אַן אינערלעכן. דער אויסערלעכער אַספּעקט איז געווען: סכנות פון דרויסן, אַנטיסעמיטיזם, רדיפות, דיסקרימינאַציעס, פּאָגראָמען; דער אינער־לעכער אַספּעקט איז געווען: אַסימילאַציע, דאָס פּראָבלעם פון אידישן קיום און המשך. אויך היינט האָט די אידן־פראַגע צוויי אַספּעקטן. דערפאַר, ווייל די ציוניסטישע ליזונג, די טעריטאָריאַלע קאָנצענטראַציע, איז נאָך ניט פול־קאָם פאַרווירקלעכט געוואָרן, עקזיסטירט נאָך די אידן־פראַגע אין דער וועלט. און עס איז אַן אילוזיע צו טראַכטן היינט, אַז דורכן אויפשטיין פון דער מדינה איז די אידן־פראַגע געלייזט געוואָרן. אָבער עס איז פאַראַן אַן ענדערונג אין דער באַטאָנונג פון דעם כאַראַקטער פון דער אידן־פראַגע.

מיט אַ יאָר צוריק האָט דאָס אַרגענטינער אידנטום געפייערט זיין הונדערט־יאָריקן יובל, און מען האָט מיך מכבד געווען מיט אַן איינלאַדונג, אַז איך זאָל זיין דער הויפּט־רעדנער ביי דער אָפיציעלער פייערונג אין בוענאָס־איירעס. דער ערשטער קליינער בית־הכנסת איז דאָרט געגרינדעט געוואָרן מיט הונדערט יאָר צוריק, בערך אין דער צייט ווען טעאָדאָר הערצל איז געבוירן געוואָרן. האָב איך אויסגעקליבן אַלס טעמע פאַר מיין רעפעראַט די פראַגע: ווען אַ רעדנער מיט הונדערט יאָר צוריק וואָלט געדאַרפט אַנאַ־ליזירן די לאַגע פונעם אידנטום, ווי איך טו עס דעם אָוונט, צי וואָלט זיין אַנאַליז געווען אַנדערש פון מיינעם? ער וואָלט זיך געוויס ביטער באַקלאָגט אויף פּאָגראָמען און רדיפות, אויף פּאָליטישער און עקאָנאָמישער דיסקרי־מינאַציע אין צאַרישן רוסלאַנד, אין רומעניע און וואָלט אויסגעדריקט זיינע זאָרגן צוליב דעם פיזישן גורל, וואָס דערוואַרט אים און זיינע קינדער. אָט־די אַלע אויסערלעכע פּראָבלעמען פונעם אידישן לעבן וואָלטן געווען די צענטראַלע טעמע פון זיין אַנאַליז. דערפאַר אָבער האָט ער נישט גע־דאַרפט אויסדריקן קיין שום זאָרג אָדער צווייפל, טאָמער וועלן זיינע קינדער זיך דערווייטערן פון אידנטום. אַזאַ געפאַר וואָלט אים גאָרנישט איינגעפאַלן. נאָכדעם ווי די אידן האָבן געפירט אַ געטאָ־לעבן אינעם אידישן שטעטל אין מזרח־אייראָפּע, איז עס געווען גאַנץ נאַטירלעך, אַז דער יונגער דור וועט בלייבן טריי דעם אידנטום. אין אַנדערע ווערטער — דאָס גרונט־פּראָבלעם פון יענער תקופה איז געווען קודם־כל די אויסערלעכע געפאַר, נישט די אינערלעכע.

דער דאָזיקער צושטאַנד האָט זיך ראַדיקאַל געענדערט, ווייניקסטנס פאַרלויפיק. עס וועט זיין איבערגעטריבן צו באַהויפּטן, אַז עס עקזיסטירן

מער נישט קיין אויסערלעכע געפאַרן. ווער עס האָט אַזוי געמיינט, האָט מיט אַ יאָר צוריק געזען זיין טעות, ווען איבער דער וועלט האָט זיך צעבושעוועט די עפּידעמיע פון די נאַצישע סימבאָלן, וועלכע מען האָט אָנגעצייכנט אין בערך 40 מדינות. דער אַנטיסעמיטיזם איז נישט פאַרשוואונדן; און וואָס מערער אונזער דור דערוויטערט זיך פון דער נאַצישער עפּאָכע, אין דער זעלבער מאָס לעבן אויף אַלץ מערער נעאָ־נאַצישע און נעאָ־פאַשיסטישע באַוועגונגען, הגם אין דעם מאָמענט שטעלן זיי נאָך נישט פאָר מיט זיך קיין ממשות׳דיקע געפאַר. אויסער דעם, האָט זיך פונדאַסניי באַשטעטיקט דאָס אַלטע געזעץ פונעם אידישן גלות, אַז דאָרט וואו עס קומט פאָר אַ פּאָליטישע איבערקערעניש, אָדער אַן עקאָנאָמישער קריזיס, איז די אידישע מינדערהייט דער ערשטער קרבן וואָס ליידט דערפון. דעם דאָזיקן פּראָצעס זעען מיר אין די לעצטע וואָכן אין אַ ריי נישט־סטאַבילע לענדער, וועלכע שטייען אויף דער שוועל פון עקספּלאָזיע איבער אינערלעכע נישט־געלייזטע פּראָבלעמען. אין די דאָזיקע לענדער זיינען נאָך מיט עטלעכע יאָר צוריק געווען אידישע קהילות, וואָס האָבן זיך געפילט שטאַרק זיכער, אין עקאָנאָמישן וואוילזיין און האָבן נישט געזאָרגט פאַרן מאָרגנדיקן טאָג. ווען מען וואָלט מיט פינף אָדער מיט דריי יאָר צוריק געקומען צו די אידן און געזאָגט צו זיי: „איר וועט דאַרפן פאַרן קיין ישראל, ניט פון אייער גוטן ווילן, און אפשר איז עס אַ גוטער פּלאַן אַרויסצופאַרן באַצייטנס" — וואָלטן זיי געלאַכט און זיך באַליידיקט. היינט זיצן זיי אויף די וואַליזעס, ניט טעאָרעטיש נאָר פּראַקטיש, און מאַכן פּלענער, וואוהין צו פאָרן.

און אין דער ניט־סטאַבילער לאַגע אין דער וועלט, אין דער לאַגע פון אַ סאָציאַלער איבערקערעניש אין פיל לענדער, פון אַן איבערקערעניש, ווען פיל לענדער קומען אונטערן קאָמוניסטישן איינפלוס — אָדער פון אַן אַנדערער איבערקערעניש — אין אַזאַ לאַגע האָב איך מורא, אַז אין צוגאָב צו די לענ־דער, וואָס זיינען שוין איצט אַזעלכע, וועלן אין דער נאָענטער צוקונפט זיין נאָך לענדער פון דער קאַטעגאָריע.

מען קען ניט אינגאַנצן מבטל מאַכן די אויסערלעכע זייט פון דער אידן־פראַגע און זאָגן: עס וועט זיך איינאָרדענען. אמת, אין די מערסטע לענדער האָבן אידן גלייכבאַרעכטיקונג. אָבער דער עיקר פון דעם פּראָבלעם, די הויפּט־באַטאָנונג איז אַריבער אויף דער אינערלעכער לאַגע. און די דאָזיקע לאַגע איז איצט אַ סך שווערער, ווי זי איז געווען מיט הונדערט יאָר צוריק. מען דאַרף דאָ ניט באַזונדערס באַטאָנען, אַז אין דעם קאַמף פאַר גלייכ־באַרעכטיקונג, פאַר עמאַנציפּאַציע, האָבן מיר מער אָדער ווייניקער געזיגט.

כמעט אין אַלע לענדער פון דער וועלט האָבן אידן גלייכבאַרעכטיקונג, אין אַלע טעאָרעטיש, אין די מערסטע פּאַקטיש, מיט עטלעכע אויסנאַמען. פאַר די אידן האָבן אין 19־טן יאָרהונדערט און אין דער ערשטער העלפט פון 20־טן יאָרהונדערט זיך געעפנט אַלערליי מעגלעכקייטן פון ווירטשאַפטלעכע קאַריערעס, און זיי האָבן זיך באַנוצט מיט דער געלעגנהייט. דאָס איז זייער רשות און זייער רעכט. די ווירטשאַפטלעכע לאַגע פון אידישן פאָלק הײַנט־צו־טאָג קען מען ניט פאַרגלייכן מיט דער לאַגע פון פופציק יאָר צוריק, ניט רעדנדיק וועגן דער לאַגע מיט הונדערט יאָר צוריק. דער דאָזיקער קאַמף איז מער אָדער ווייניקער פאַרענדיקט.

אָבער די צווייטע זייט פון דער מטבע איז, אַז מיר זײַנען אַרויסגעגאַנגען פון דעם אָפּגעזונדערטן לעבן, פון אונזער באַזונדערער וועלט, פון אונזער „שטעטל", פון אונזער געטאָ. עס וואָלט געווען אַ שטות צו זאָגן: לאָמיר צוריקגיין אַהין. עס איז ניט פאַראַן קיין צוריקגאַנג אין דער געשיכטע. עס זײַנען פאַראַן בלויז פּראָגרעס און ענדערונגען. אפילו ווען מען וואָלט דאָס געוואָלט, וואָלט עס געווען אַן אַבסורד צו זאָגן: לאָמיר זיך שאַפן אַ געטאָ אין דעם מאָדערנעם לעבן פון הײַנט.

איך וויל ניט אַרײַנגיין אַ סך אין אַלגעמיינע באַהאַנדלונגען. אָבער עטלעכע ווערטער דאַרף איך פונדעסטוועגן זאָגן. מיר לעבן אין אַ היסטאָרישער תקופה, ווען עס איז גרויס די סכנה פאַר דער עקזיסטענץ פון אַלע מינדערהייטן אַ סך מער, ווי זי איז געווען אין וועלכער עס איז אַנדערער עפּאָכע אין דער געשיכטע. דאָס איז די עפּאָכע פון דער סטאַנדאַרטיזאַציע אין דער וועלט דורך דער מאָדערנער קאָמוניקאַציע. דאָס איז די עפּאָכע פון דער אָמניפּאָטענץ פון דער מדינה, וואָס איז אין די הענט פון דער מערהייט, וואָס מישט זיך אַרײַן אויף אַלע געביטן פון לעבן. דאָס איז די עפּאָכע, אין וועלכער עס איז זייער שווער צו זײַן אַ נאָן־קאָנפאָרמיסט, צו לעבן אַ באַזונדער לעבן אויף וועלכן עס איז געביט פון קולטור־שטאַנדפונקט. און אויב מיר האָבן מצליח געווען צו זיגן אין דעם קאַמף פאַר גלייכבאַרעכטיקונג, דאַרפן מיר וויסן קלאָר, אַז מיר האָבן נאָך ניט געזיגט אויף דער צווייטער זייט פון דער עמאַנציפּאַציע, אַז מיר זאָלן האָבן דאָס רעכט צו זײַן ניט בלויז גלייכבאַרעכטיקטע בירגער, נאָר אויך קענען לעבן אַ אידיש לעבן. עס זײַנען פאַראַן עטלעכע לענדער אין דער וועלט, וואו עס איז פּאַקטיש ניט פאַראַן קיין מעגלעכקייט פאַר דער אידישער מינדערהייט צו לעבן ווי אידן.

און דאָ וויל איך מאַכן עטלעכע באַמערקונגען וועגן דעם וויכטיקסטן לאַנד אין דער הינזיכט, וועגן דעם לאַנד וואו עס איז פאַראַן אַ אידישע

באַפעלקערונג, וואָס איז אין דער צאָל די וויכטיקסטע נאָך דער אידישער באַפעלקערונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. איך רעד וועגן סאָוועט־רוסלאַנד. עס איז ניט מעגלעך צו רעדן וועגן דער אידן־פּראָגע פון דער דאָזיקער טריבונע, ניט רעדנדיק אויך וועגן דער צווייטער זייט פון דעם פּראָבלעם. און בכדי אויסצומיידן מיספאַרשטענדענישן און פאַרדרייאונגען אין דעם ענין, וויל איך באַמערקן: דאָס אידישע פאָלק איז ניט אַנטי־סאָוועטיש. דאָס איז ניט אונזער ענין אַלס פאָלק. יעדער איד קען זיין פּראָ־סאָוועטיש, אָדער אַנטי־סאָוועטיש. יעדע אידישע אָרגאַניזאַציע און יעדער אידישער קיבוץ אין אַ לאַנד קען אָננעמען אַן אייגענע שטעלונג אין דער באַציאונג צוםווירטשאַפטלעכן, פּאָליטישן אָדער סאָציאַלן רעזשים. דאָס אידישע פאָלק איז אין זיין טבע אַ נייטראַל פאָלק. ער האָט איין ענין אין אַלע רעזשימען, אַז מען זאָל אים געבן דאָס רעכט צו זיין גלייכבאַרעכטיקטע בירגער און צו לעבן אַלס אידן. און יעדער פאַרזוך פון די סאָוועטן, אָדער פון די סאָוועטישע פריינט צו באַשולדיקן אונז, וועלכע פאָדערן דאָס רעכט פאַר די אידן אין רוסלאַנד צו לעבן ווי אידן, אַז עס איז אין דעם פאַראַן עפּעס אַ מין קאַמף, אַנגריף און מלחמה קעגן די סאָוועטן — איז אַ פעלשונג.

ווען איך מאַך די דאָזיקע באַמערקונגען, באַשולדיק איך ניט סאָוועט־רוסלאַנד אין אַנטיסעמיטיזם. אַנטיסעמיטיזם איז אַ קרימינעל פאַרברעכן לויט דער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע. עס איז פאַראַן אַנטיסעמיטיזם אין רוסלאַנד, ווי עס איז פאַראַן אין פיל אַנדערע לענדער, און איך ווייס ניט, צי ווייניקער אָדער מער אין פאַרגלייך מיט אַנדערע לענדער. אָבער ניט דאָס איז די פּראָגע. דאָס פּראָבלעם באַשטייט ניט אין דעם מאַנגל פון גלייכבאַרעכטיקונג פאַר די אידן אין סאָוועט־רוסלאַנד. זיי האָבן גלייכבאַרעכטיקונג. פיל פון זיי פאַרנעמען וויכטיקע פּאָזיציעס אין לעבן פון רוסלאַנד. דאָס פּראָבלעם באַשטייט אין דעם, אַז עס האָט ניט קיין רעכט די אידישע מינדערהייט אין רוסלאַנד, וואָס איז אָנערקענט אין דער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע אויך ווי אַ נאַציאָנאַלע מינדערהייט און ניט בלויז ווי אַ רעליגיע. דאָס איז פאַר־רעגיסטרירט אין דעם פּאַספּאָרט פון דעם אידן. פאַקטיש האָט ניט דער איד אין רוסלאַנד דאָס רעכט צו לעבן אַ אידיש לעבן. ניטאָ קיין שום אידישע אָרגאַניזאַציעס, קיין אידישע קהילות. עס איז פאַראַן אַ באַשיידענע צאָל בתי־כנסת, וואָס זיינען אַ טראָפּן אין ים לגבי דער באַפעלקערונג פון דריי מיליאָן נפשות. ניט פאַראַן קיין ליטעראַטור אין אידיש און ניט קיין ליטעראַטור אין העברעאיש. ניטאָ קיין דערלויבעניש און קיין מעגלעכקייט צו פאַרבינדן זיך מיט אידן אין אויסלאַנד. עס איז דאָ אַ לאַגע, וואָס צווינגט זיי, אויב זיי

ווער̈לן זיין אַזוי אונטערגעוואָרפן אַ לאַנגע צייט, צו אַסימילירן זיך און צו פאַרשווינדן אַלס אַ אידישע מינדערהייט.

און דאָ דאַרף איך באַצייכענען איינע פון די שענסטע דערשיינונגען אין אונזער געשיכטע, די געשיכטע פון אַן עם קשה־עורף, וואָס איז ניט געקוקט אויף דעם, אַז ער געפינט זיך אונטער אַזאַ רעזשים שוין צענדליקער יאָרן, זיינען נאָך פאַראַן אין סאָוועט־רוסלאַנד הונדערטער טויזנטער אידן, אויב ניט מער, וועלכע זיינען געטריי זייער אידישקייט, וועלכע ווילן זיין פאַר־בונדן מיטן אידישן פאָלק, וועלכע ווילן בייטראָגן זייערביישטייער צום לעבן פון אידישן פאָלק און זיינע שאַפונגען. און אויב מיר קענען שטאָלצירן מיט דער עקשנות פון אונזער פאָלק, דאַרפן מיר קודם־כל שטאָלצירן און זיך באַרימען מיט דער עקשנות און מיט דעם ווילן פון דער דאָזיקער פאַרוואָגל־טער אידישער מינדערהייט אין רוסלאַנד.

די דאָזיקע לאַגע איז אַן אָפענע דיסקרימינאַציע לגבי דער אידישער מינדערהייט, ניט פון דעם שטאַנדפונקט פון גלייכבאַרעכטיקונג, נאָר פון דעם שטאַנדפונקט פון אַן אָנערקענטער מינדערהייט. אַלע אַנדערע מינדערהייטן, סיי רעליגיעזע און סיי נאַציאָנאַלע, האָבן רעכט, וואָס עס האָט ניט די אידישע מינדערהייט. די פּראַוואָסלאַוונע, מוסולמענישע רעליגיעס האָבן שטאַרקע אָרגאַניזאַציעס. זיי האָבן די מעגלעכקייט צו פאַרבינדן זיך מיט זייערע גלויבנס־ברידער אין אויסלאַנד. די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן האָבן זייערע אייגענע שולן, זייער אייגענע ליטעראַטור, זייערע אייגענע צייטונגען. די אידן האָבן ניט. דער מאָטיוו, וואָס ווערט געגעבן — און איך לייקן ניט, אַז עס איז פאַראַן עפּעס אין דעם מאָטיוו — איז, אַז די אידן זיינען ניט קאָנ־צענטרירט אין טעריטאָריעלן זין, און אַז די רעכט פון די מינדערהייטן אין רוסלאַנד זיינען באַזירט אויף טעריטאָריעלער קאָנצענטראַציע. מען האָט פאַר־געלייגט די אידן צו קאָנצענטרירן זיך טעריטאָריעל אין בירא־בידזשאַן, און זיי האָבן זיך מיט דעם ניט באַנוצט. איך זאָג ניט, אַז עס איז גאָרניט פאַראַן אין דעם מאָטיוו, אָבער דאָך איז ער אינגאַנצן ניט ריכטיק, ווייל עס זיינען פאַראַן אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, וועלכע זיינען ניט טערי־טאָריעל קאָנצענטרירט, ווי צום ביישפּיל די דייטשע מינדערהייט אין רוס־לאַנד, וואָס אַ טייל פון איר האָט פאַרראַטן רוסלאַנד אין צייט פון דער נאַצישער אָפענסיווע, און מען האָט ביי זיי גענומען אָפּגענומען די רעכט. היינט האָט מען דער דייטשער מינדערהייט צוריקגעגעבן זייערע רעכט, און זיי האָבן זייערע אייגענע שולן און צייטונגען. און פאַראַן נאָך אַזעלכע מינדערהייטן.

אָבער לאָמיר אָננעמען, אַז עס זיינען ניט געווען קיין אַנדערע מינדער־

הייטן אַזעלכע, צי באַרעכטיקט דער דאָזיקער מאָטיוו דעם קולטור־טויט־אורטייל קעגן דער אידישער מינדערהייט אין רוסלאַנד? און איך זאָג פון דער דאָזיקער טריבונע: מיר זיינען ניט אַנטי־סאָוועטיש. ניט פאַראַן קיין פאָלק, וואָס זאָל זיין מער פאַראינטערעסירט ווי מיר אין קאָ־עקזיס־טענץ, אין סטאַבילע באַציאונגען און אין שלום אין דער וועלט. אָבער אין דער זעלבער צייט זאָג איך — און איך בין זיכער, אַז איך רעד אין אייער אַלעמענס נאָמען — אַז מיר וועלן נישט אויפהערן אונזערע פאָדע־רונגען און אַקציעס, אונזערע פאָדערונגען, אַז עס זאָלן דער אידישער מינדערהייט געגעבן ווערן לכל־הפחות די זעלבע רעכט, וואָס עס האָבן די אַנדערע מינדערהייטן. און אפשר וועלן מיר באַמערקן מיט גרויס צופרידנקייט, אַז אין די לעצטע יאָרן פאַרמערט זיך כסדר די צאָל ניט־אידישע אָרגאַני־זאַציעס, פערזענלעכקייטן און פירער, בדרך־כלל ליבעראַלן, פּראָגרעסיווע און צווישן זיי פּראָ־סאָוועטישע, וועלכע הויבן־אויף זייער שטים און פאָדערן די דאָזיקע רעכט פאַר דער אידישער מינדערהייט. איך וויל אויך באַמערקן — בכדי ניט צו זיין איינזייטיק — אַז עס זיינען פאַראַן עטלעכע אַנדייטונגען, עטלעכע התחלות פון פאַרבעסערונגען אין דער לאַגע. אָבער זיי זיינען ווי אַ טראָפּן אין ים. זיי ענדערן נאָך ניט די עיקר־לאַגע. און כל־זמן דאָס אידנטום אין רוסלאַנד, דאָס שעפערישסטע אידנטום אין דער אידישער געשיכטע פון די לעצטע יאָרהונדערטער, כל־זמן דאָס דאָזיקע אידנטום וועט ניט האָבן דאָס רעכט צו לעבן ווי אידן, ווי אַ פאָלק, ווי אַ נאַציאָנאַלע מינ־דערהייט, אָרגאַניזירן זיך, אויסדריקן זיך פריי, פאַרבינדן זיך מיטן אידישן פאָלק; כל־זמן מען וועט זיי ניט דערלויבן צו באַציען זיך צו מדינת ישראל ווי צו עפּעס, וואָס איז געבונדן מיט זיי; כל־זמן מען וועט זיי ניט געבן די מעגלעכקייט צו פאַרבינדן זיך מיט זייערע משפּחות און מיט קרובים, וואָס זיי האָבן אין ישראל, און מען וועט זיי ניט געבן די מעגלעכקייט צו פאַר־אייניקן זיך מיט זיי — וועלן מיר ניט אויפהערן אונזערע פאָדערונגען אין דער עפנטלעכקייט. און איך בין זיכער — און דאָס איז ניט קיין דאָן־קישאָטיזם — אַז דער איצטיקער דור אונזערער, אויב עס וועט נאָר ניט זיין קיין וועלט־מלחמה — ווייל דעמאָלט קען מען ניט רעדן וועגן קיין שום זיכערער זאַך — אַז דער דאָזיקער דור אונזערער, וועלכער האָט געזען דאָס ווידעראויפשטיין פון מדינת ישראל, וועט זוכה זיין צו דערוואַרטן זיך דעם טאָג, ווען די אידישע מינדערהייט אין רוסלאַנד וועט ווידעראַמאָל האָבן די מעגלעכקייט צו לעבן ווי אידן. און עס איז ניט נויטיק צו זאָגן, אַז דער דאָזיקער טאָג וועט זיין אַ טאָג פון אַ גרויסער שמחה און אַ גליקלעכער טאָג אין אונזער לעבן.

**
*

אָבער עס וואָלט ניט געווען ריכטיק, אויב איך וואָלט ניט באַמערקט, אַז דאָס דאָזיקע פּראָבלעם עקזיסטירט ניט בלויז אין רוסלאַנד. עס זיינען פאַראַן לענדער, וואָס גייען־אָן אַלס דעמאָקראַטישע, און וואו אויך דאָרט פאַרשטייט מען ניט די פאָדערונג פון דער אידישער מינדערהייט צו לעבן אַ אידיש לעבן מחוץ דער רעליגיעזער בית־הכנסת. עס זיינען פאַראַן יונגע און נייע דעמאָקראַטישע לענדער, וואו עס הערשט עפּעס אַן עלעמענטאַרע פּרימיטיווע קאָנצעפּציע פון דעמאָקראַטיע, ווי די וועלכע האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט בעת דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע אין דעם באַרימטן זאָג: „צו אידן אַלס מענטשן אַלע רעכט, צו אידן אַלס פאָלק קיין שום רעכט ניט". פאַראַן עפּעס אַ קאָנצעפּציע, וועלכע זאָגט, אַז דערפאַר וואָס די אידן, וועל־כע זיינען פריער געווען פאַרשקלאַפט, האָבן גלייכבאַרעכטיקונג, דאַרפן זיי זיך צונויפמישן מיט דער מערהייט, און אָפּזאָגן זיך פון זייער לעבן אַלס מינדערהייט, אין צוגאָב צו זייער טייל און צו זייער באַטייליקונג אין דעם לעבן פון פאָלק, וואָס איז די מערהייט אין דעם לאַנד. אַזאַ קאָנצעפּציע פון עמאַנציפּאַציע איז אַן אַבסאָלוטע פעלשונג. אויב אַ איד מוז באַצאָלן פאַר גלייכבאַרעכטיקונג דעם פּרייז פון אויפהערן צו זיין אַ איד — האָט ער דאָך ניט קיין גלייכבאַרעכטיקונג, האָט ער דאָך גאָרניט פון דער דאָזיקער גלייכ־באַרעכטיקונג. גלייכבאַרעכטיקונג מיינט, אַז ניט געקוקט אויף דעם, וואָס ער איז אַ איד — אָדער אַן אַנדערע מינדערהייט, דאָס איז ניט בלויז אונזערער אַן ענין — האָט ער דאָס רעכט צו לעבן זיין לעבן, ווי אַ טייל פון דער מערהייט אין דעם לאַנד, אָבער אין צוגאָב צו דעם האָט ער נאָך דאָס רעכט צו לעבן זיין לעבן ווי אַ מינדערהייט.

אין דעם זין איז דער קאַמף פאַר דער עמאַנציפּאַציע נאָך ניט פאַר־ענדיקט. און דאָס אידישע פאָלק, וואָס איז אין 19־טן יאָרהונדערט געווען דער חלוץ אין דעם קאַמף פאַר גלייכבאַרעכטיקונג און האָט זי דערגרייכט אויך פאַר אַנדערע מינדערהייטן — זיי אָנערקענען דאָס און שאַצן עס אָפּ — דאַרף זיין אין 20־טן יאָרהונדערט גרייט צו קעמפן פאַר דער אַנדערער זייט פון דער עמאַנציפּאַציע. איך האָב אַמאָל געזאָגט, אַז אין 19־טן יאָרהונדערט האָבן מיר געקעמפט פאַר דעם רעכט צו זיין גלייך, היינט דאַרפן מיר קעמפן פאַר דעם רעכט צו זיין אַנדערש. בלויז אין די דאָזיקע צוויי זייטן דריקט זיך אויס דער פולער זין פון עמאַנציפּאַציע. און אויב דאָס איז וויכטיק פאַר יעדער אַנדערער מינדערהייט, איז עס פיל מאָל מער וויכטיק פאַר אונז. און כל־זמן דער רוב פון אונזער פאָלק לעבט אין גלות איז עס פאַר אונז אַ

לעבנסנויטוועגדיקייט. אַנדערע פעלקער, וואָס זייערע גרויסע איבערוועגנדיקע מערהייט לעבט אין זייערע לענדער, ליידן אַ שאָדן, ווען זיי פאַרלירן זייערע מינדערהייטן, אָבער עס איז ניט קיין סכנה פאַר זייער עקזיסטענץ. ביי אונז איז פאַראַן אַ לאַגע, און ווער וויס וויפל יאָרן זי וועט נאָך דויערן, אַז די מערהייט פון פאָלק לעבט נאָך מחוץ פון זיין פאָטערלאַנד אין לעבנס־באַדינ־גונגען פון מינדערהייטן. און כל־זמן דער סאָציאָלאָגישער צוזאַמענשטעל פון אידישן פאָלק איז אַזעלכער, און מיר האָבן נאָך ניט באַוויזן אים צו ענדערן, ווי איך האָב שוין אָנגעדייט, איז דער דאָזיקער קאַמף פאַר אונז לעבנסנויטיק. אַנדערש האָבן מיר ניט קיין צוקונפט.

די לאַגע איז שווער היינט־צו־טאָג, ווייל די קוואַלן, פון וועלכע מיר האָבן געשעפּט אונזער אידיש לעבן, זיינען זייער אָפּגעשוואַכט געוואָרן. קיין שום פאָלק — און קיין שום מינדערהייט — קען ניט אָנהאַלטן זיין לעבן, אויב ער האָט ניט פאַר זיך קיין אַרויסרוף, אויף וועלכן ער מוז רעאַגירן. הונדערטער יאָרן האָבן מיר געלעבט מיט דעם אַרויסרוף, וואָס איז געקומען פון דרויסן. עס זיינען געווען רדיפות, אַנטיסעמיטיזם, נאַציזם, פּאָגראָמען. דאָס האָט געשטאַרקט דאָס אידישע געפיל צווישן פאָלק. אויסער דעם האָט עקזיסטירט דער גרויסער קוואַל פון דער אידישער רעליגיע, די רעליגיע וואָס איז ניט געווען בלויז פאַר איין מאָל אין יאָר, אָדער איין מאָל אין וואָך, נאָר וואָס האָט באַשטימט דאָס אויסזען פון דעם לעבן פון אידן פון איינ־דערפרי ביז אין אָוונט, פון „שחרית" ביז זאָגן „קריאת שמע" פאַרן שלאָפן. דער ערשטער אַרויסרוף איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן. ניטאָ מער קיין אַנטי־סעמיטיזם, ווי ער איז געווען אין די צאַרישע צייטן. די אידישע רעליגיע — און איך זאָג דאָס מיט צער — איז אַ סך מער אָפּגעשוואַכט געוואָרן און הערשט ניט היינט אויף דער מערהייט פון פאָלק, ווי זי האָט געהערשט אַמאָל. דאָס גרויסע פּראָבלעם איז צו געפינען נייע לעבנס־קוואַלן פאַר דעם קיום פון אידן.

און לאָמיר ניט מיינען, אַז דער היינטיקער דור איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אונז. אונזער היינטיקער דערוואַקסענער דור איז אַן אויסנאַם. דאָס איז אַ דור, וואָס איז דורכגעגאַנגען צוויי ריזיקע איבערלעבענישן — דעם היט־לעריזם, און להבדיל אלף אלפי הבדלות — די ווידעראויפריכטונג פון דער אידישער מדינה. דער דאָזיקער דור איז געוואָרן מער אידיש דורך דער נאַצישער טראַגעדיע. זעקס מיליאָן אידן זיינען אויסגע'הרג'עט געוואָרן פאַר זיינע אויגן, און ער האָט זיי ניט געקענט ראַטעווען. די דאָזיקע טראַגעדיע, וועלכע האָט אומגעבראַכט מיליאָנען אידן, האָט אַנדערע מיליאָנען געמאַכט

פאַר בעסערע אידן אין אַ מער גרינטלעכן זין. און באַלד נאָכדעם איז געקומען די פאַרווירקלעכונג פון דעם חלום וועגן דער אידישער מדינה, מיט דעם גאַנצן שטאָלץ מיט דער גאַנצער הערלעכקייט. דאָס איז געווען אַ ריזיקער קוואַל פון באַנייען דאָס אידישע געפיל און דאָס אידישע באַוואוסטזיין.

אָבער די צוויי איבערלעבענישן וועלן מער זיך ניט איבער׳חזר׳ן. איך האָף, אַז קיין נאַציש לאַנד וועט שוין מער ניט אויפשטיין. און אַ צווייטע אידישע מדינה דאַרף שוין מער ניט אויפשטיין. זי עקזיסטירט שוין. און עס וועט קומען אַ דור, ביי וועמען דאָס געדענקען די היטלערישע עפּאָכע וועט שוין ניט זיין אַזוי שטאַרק. אפשר וועלן זיי וועגן דעם הערן פון זייערע עלטערן. אָבער דער דריטער דור וועט שוין וועגן דעם אויך ניט הערן פון די עלטערן. ער וועט וועגן דעם בלויז קענען לייענען אין די געשיכטע־ביכער.

און אָט איז דאָ די אידישע מדינה מיט איר פּאַרלאַמענט, מיט אַמבאַ־סאַדאָרן, ווי אַלע מדינות. וואָס איז דאָ פאַראַן צו חידוש׳ן זיך אויף דעם? דאָס איז שוין נאַטירלעך. און די פראַגע וועגן דעם קיום פון אידישן פאָלק אין די תפוצות, איז ניט דאָס פּראָבלעם פון איצטיקן דור. דער אונטערשיד צווישן אַ פּאָליטיקער און אַ שטאַטסמאַן איז דער, וואָס דער פּאָליטיקער באַשעפטיקט זיך בלויז מיט די פראַגן פון היינט, און דער שטאַטסמאַן זאָרגט פאַר דעם, וואָס וועט זיין מאָרגן, איבערמאָרגן, אין דער צוקונפט. פאַר דעם דאָזיקן נייעם דור דאַרף מען געפינען פּאָזיטיווע קוואַלן: די אידישע געשיכטע, די שותפות פון אונזער אייגנאַרטיקן פאָלקס־גורל, און דער עיקר — דער קשר מיט דעם צענטער אין ארץ־ישראל. אַן דער דאָזיקער שותפות, אַן דער יניקה פון דעם נייעם צענטער, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין מדינת ישראל, אין אַלע באַגריפן, זיינען לויט מיין מיינונג ניט פאַראַן קיין סך אויסזיכטן פאַר דעם קיום פון אידישן פאָלק אין גלות אויף אַ לאַנגער צייט, ניט אויף די קומענדיקע צען יאָר, נאָר אויף אַ לאַנגער צייט.

און בכדי צו זיכערן דעם קיום, זיינען קודם־כל פאַראַן צוויי שיטות. איינע — איז העברעאישער חינוך, די העברעאיזירונג פון די אידישע קהילות. דאָס איז דער פאַרבאַנדינג צו קענען די געשיכטע פון אידישן פאָלק און צו שאַפן דעם קשר מיט מדינת ישראל. ווי אַזוי קענען די אידישע מינדערהייטן געניסן פון די אוצרות, וועלכע ווערן געשאַפן אין מדינת ישראל, אויב זיי האָבן ניט די בשותפות׳דיקע שפּראַך? עס זיינען פאַראַן פיל פעלקער, פיל מינדערהייטן, וואָס האָבן צוויי שפּראַכן. כמעט יעדער שווייצאַריער באַהערשט לכל־הפּחות צוויי שפּראַכן. אויך קאַנאַדער רעדן צוויי שפּראַכן. און דאָס

אידישע פאָלק איז ניט אַזוי ווייניק אינטעליגענט, אַז ער זאָל ניט קענען לערנען לכל־הפחות די העברעאישע שפּראַך אין צוגאָב צו דער שפּראַך פון דעם פאָלק, צווישן וועלכן ער לעבט. איך ווייס, אַז עס איז ניט קיין לייכטע אויפגאַבע אויפצושטעלן אַ נעץ פון אמת'ע העברעאישע לערן־אַנשטאַלטן. דאָס איז אַ ריזיק פינאַנציעל פּראָבלעם. דאָס איז אַ פראַגע פון מענטשן־מאַטעריאַל. אָבער דאָס אַלץ איז ניט קיין מאָטיוו, אַז מען זאָל דאָס ניט טאָן, אויב מען ווייס, אַז דערפון איז אָפּהענגיק דער קיום פון פאָלק.

אַלס רעזולטאַט דערפון דאַרף קומען אַן ענדערונג אין אידישן געזעל־שאַפטלעכן לעבן. עס זיינען געווען צענדליקער יאָרן, ווען צדקה און פילאַנט־ראָפּיע זיינען געווען דאָס פּראָבלעם נומער 1. עס איז געקומען די צייט, אַז עס זאָל מער ניט זיין דאָס פּראָבלעם נומער 1. עס זיינען נאָך פאַראַן אָרעמע אידן. עס זיינען נאָך פאַראַן אידן, וועלכע ליידן. אָבער צי זיינען דען ניט פאַראַן אַמעריקאַנער, ענגלענדער, וועלכע ליידן? דאָס פּראָבלעם נומער 1 פון אידישן פאָלק אין גלות איז דער העברעאישער חינוך.

און דאָס צווייטע איז — עליה. איך רעד איצט ניט וועגן דער עליה פון דעם שטאַנדפּונקט פון די באַדערפעונישן פון דער מדינה, נאָר פון דעם שטאַנדפּונקט פון די באַדערפעונישן פון גלות. מיט אַלעם, וואָס עס ווערט געטאָן, מיט די ביישטייערונגען און אינוועסטירונגען, און אַפילו מיט דעם אידישן חינוך, איז ניטאָ עפּעס אַנדערש, וואָס זאָל פאַרבינדן מער די אידן און די אידישע קהילות מיט דעם צענטער אין מדינת ישראל, ווי דער פאַקט, אַז יעדע אידישע משפּחה זאָל לכל־הפחות האָבן איינעם פון זיך אין מדינת ישראל. אויב פון איין משפּחה, פון צען אָדער צוואַנציק מענטשן, גע־פינט זיך עמעצער פון זיי אין לאַנד, איז פאַראַן צווישן זיי אַ פיל טיפערער קשר מיט מדינת ישראל. דאָס, וואָס דער איינער וואוינט אין ישראל, אינטע־רעסירט די גאַנצע משפּחה. און די משפּחה איז די באַזע פון אידישן קאָלעק־טיוון לעבן אין גלות. ניט פאַראַן עפּעס אַנדערש, וואָס פאַרבינדט אַזוי שטאַרק, ווי אַז איין זון, אַ ברודער אָדער שוועסטער, איין אייניקל זאָלן זיין אין מדינת ישראל. דעמאָלט וועט די גאַנצע משפּחה זיין פאַרבונדן מיט מדינת ישראל.

די צענטראַלע פּאָזיציע פון מדינת ישראל אין לעבן פון אידישן פאָלק — דאָס איז דאָס צענטראַלע פּראָבלעם פון פאָלק. איך ווייס, אַז דאָס איז אַ שווערער ענין. עס זיינען ניט פאַראַן קיין פּרעצעדענטן פאַר אַזאַ לאַגע. עס איז ניט פאַראַן אַפילו קיין איין פאָלק אין דער וועלט, וואָס זאָל זיך דאַרפן קאָנצענטרירן אַרום זיין פאָטערלאַנד, ווען בלויז אַ קלענער טייל פון דעם פאָלק לעבט אין דעם פאָטערלאַנד. דערפאַר האָבן מיר ניט פון וועמען צו

לערנען. מיר קענען ניט לערנען פון אַנדערע פעלקער, ווי אַזוי דאָס צו טאָן. און די אויפגאַבע פון אונזער דור וועט זיין צו לערנען די דאָזיקע שיטות, צו טאָן דאָס דורך העברעאישן חינוך, דורך עליה, און דורך אַנדערע סיס־טעמען. אָבער דער צענטראַלער פונקט איז די צענטראַלע פּאָזיציע פון מדינת ישראל אין אידישן לעבן, סיי אין קאָלעקטיוון און סיי אין אינדיווי־דועלן זין.

פאַרן פאַרענדיקן מיין רעדע וויל איך מאַכן נאָך איין באַמערקונג. אַמאָל טראַכט איך, אַז די גאַנצע שוועריקייט אַנצוהאַלטן היינט־צו־טאָג דעם מעמד אין אידישן לעבן איז בעיקר אַ פּסיכאָלאָגישע. איך וויל דערקלערן מיינע ווערטער. דאָס איז חל סיי אויפן גלות און סיי אויף דער מדינה. דאָס פּראָב־לעם באַשטייט אין דעם, אַז מען זאָל לעבן מיט אַ ניט־נאָרמאַלער פּסיכאָלאָגיע אין אַ לאַגע, וועלכע זעט אויס צו זיין נאָרמאַל. אין דער מדינה איז פאַראַן אַ גרויסער טייל פון דער באַפעלקערונג, וואָס מיינט נאָך יאָרן פון רו און רעלאַטיווער זיכערקייט, אַז אַלץ איז שוין בסדר. „מיר זיינען אַ מדינה, ווי אַלע מדינות, און מען קען זיך אָפּרוען, לעבן אַ נאָרמאַל לעבן, אָן גבורה, אָן באַזונדערע אָנשטרענגונגען". און פון דער צווייטער זייט איז אין גלות פאַראַן דאָס געפיל, אַז עס איז שוין ניטאָ קיין היטלער, ניט פאַראַן קיין אַנטיסעמיטיזם, ניטאָ קיין פּאָגראָמען, פאַראַן אַ לעבן פון שפע — איך וויל וועגן דעם ניט רעדן — עס איז דאָ מדינת ישראל. די פאָן פון ישראל פלאַטערט אויף יעדן אָרט. עס זיינען פאַראַן ישראל־אַמבאַסאַדאָרן. מיר זיינען אַ פאָלק ווי אַלע פעלקער. אַלץ איז רואיק, זיכער, און מען קען זיך אַ ביסל אָפּרוען. איך פאַרשטיי די דאָזיקע שטרעבונג ביי דעם דור, וואָס איז גע־גאַנגען פון טראַגעדיע צו טראַגעדיע. און וועלכער נאָך דור אין דער אידישער געשיכטע האָט דורכגעמאַכט אַזעלכע אויפשיטערנדיקע איבערלעבענישן, אויך פּאָזיטיווע, אָבער בעיקר נעגאַטיווע — איז פאַראַן אַ בענקשאַפט צוריקצוקערן זיך צו אַ נאָרמאַל לעבן.

דאָס איז די גרויסע סכנה אין לעבן פון אונזער פאָלק. איך וואָלט געוועזן גליקלעך, ווען מיר וואָלטן געקענט לעבן אַ נאָרמאַל לעבן, ווען די אָביעקטיווע לאַגע וואָלט געווען אַ נאָרמאַלע. אָבער אַ פאָלק, וואָס לעבט אין אַן אָביעקטיוון אומנאָרמאַלן צושטאַנד, ניט סטאַבילן און ניט רעגולירטן, אויב ער רעאַגירט אויף דעם מיט דער פּסיכאָלאָגיע פון אַ נאָרמאַל פאָלק, ברענגט ער אויף זיך אומגליק און צעשטערונג. דאָס איז גילטיק אויך בנוגע אַנדערע פעלקער. אויב נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה וואָלטן די פעלקער זיך ניט אַנטוואָפנט — אַפילו ניט בנוגע זייערע פיזישע וואָפן, נאָר גייסטיקע —

וואָלט די אַנטוויקלונג געווען אַן אַנדערע. דער צווייטער וועלט־קריג וואָלט אפשר ניט אויסגעבראָכן. דער נאַציזם וואָלט זיך ניט אַנטוויקלט, ווי ער האָט זיך אַנטוויקלט, און מער מיליאָנען אידן וואָלטן היינט געלעבט אין דער וועלט.

די פסיכאָלאָגיע פון נאָרמאַליטעט אין ישראל איז אַ סכנה אין דער צייט, ווען עס איז ניטאָ קיין שלום און קיין סטאַביליטעט. די פסיכאָלאָגיע פון נאָרמאַליטעט ביים אידישן פאָלק — וואָס האָט בדרך כלל אַ נייגונג זיך צו אַנטוואָפּענען — איז נאָך מער געפערלעך. און אויב עס איז פאַראַן אַן אויפגאַבע פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג, באַשטייט זי אין אויפשטורעמען דאָס פאָלק, ניט לאָזן אים צו־רו, שטערן זיין אינערלעכע שלווה. איך ווייס, אַז דאָס איז ניט פּאָפּולער. אָבער אַלע מנהיגים אין דער אידישער געשיכטע — און אויב די ציוניסטישע באַוועגונג האָט אַן אויפגאַבע, איז עס צו זיין די קאָלעקטיווע פירערשאַפט פון פאָלק — האָבן אויפגעשטורעמט דאָס פאָלק, אַלע מנהיגים, אָנהויבנדיק פון די גרעסטע, פון די נביאים. וואו וואָלט היינט געווען דאָס אידישע פאָלק, ווען עס קומען ניט די מנהיגים און שטורעמען ניט אויף דאָס פאָלק, ווייל אידן האָבן תמיד געוואָלט לעבן אַזוי, ווי אַלע וואָלט געווען נאָרמאַל? אָבער כל־זמן עס איז נאָך ניט פאַראַן די דאָזיקע סטאַביליטעט ביים פאָלק, טאָר ער ניט לעבן מיט דעם געפיל פון נאָרמאַליטעט.

מיין אויספיר איז, אַז דאָס פּראָגראַם פון דער ציוניסטישער באַוועגונג איז נאָך ווייט פון צו זיין פאַרווירקלעכט, ניט בנוגע דער מדינה און געוויס ניט בנוגע דעם גלות. כל־זמן די מערהייט פון פאָלק לעבט אין גלות, זיינען מיר — לויט מיין מיינונג — אין היסטאָרישן זין ניט דורכגעגאַנגען אַפילו קיין האַלבן וועג. און אויב מען וועט פרעגן: צי האָט נאָך די ציוניסטישע באַוועגונג אויפגאַבן? ענטפער איך: פאַראַן אויפגאַבן אויף דורות, ניט בלויז פאַר אונזער דור. דאָס פּראָבלעם איז ניט, צי דער ציוניזם איז נאָך נויטיק. דאָס פּראָבלעם איז, צי די ציוניסטישע באַוועגונג איז נאָך מעגליך; צי די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע, אַזוי ווי זי איז, איז נאָך מסוגל צו דערפילן די דאָזיקע אויפגאַבן. און ביי מיר איז ניט פאַראַן קיין שום ספק, אַז אויב די ציוניסטישע באַוועגונג — די אָדער יעדע אַנדערע באַוועגונג — וועט ניט ווייטער עקזיסטירן אין לעבן פון אידישן פאָלק, וועלן אויך די רעזולטאַטן פון דעם האַלבן וועג ניט קענען אָנגעהאַלטן ווערן. דאָס גאַנצע פּראָבלעם באַשטייט אין דעם, ווי אַזוי צו דערפילן די דאָזיקע אויפגאַבן, און ווי אַזוי איינצואָרדענען די ענינים פון דער אָרגאַניזאַציע, וועלכע רעפּרעזענטירט די ציוניסטישע אידייע — און עס איז ניט פאַראַן קיין שום אַנדערע אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל רעפּ־

רעזונענטירן, אָדער קענען רעפּרעזענטירן די ציוניסטישע אידייע. אין דער ווירקלעכקייט האַנדלט זיך עס וועגן דעם, ווי אַזוי די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע וועט דערפילן די אויפגאַבן, וואָס זאָלן פירן צו דער פאַרווירקלעכונג פון דער ציוניסטישער אידייע.

עס זיינען פאַראַן צוויי גרינטלעכע באַדינגונגען דערפאַר. איין באַדינג איז — די שותפות׳דיקע באַטייליקונג פון דער מדינה. אָן דעם קען מען ניט דורכפירן דעם ענין. מען קען ניט אַרבעטן בשותפות מיט דער מדינה, אויב די מדינה וויל עס ניט. מען קען אַפילו ניט קאָנצענטרירן דאָס אידישע פאָלק אַרום דער מדינה דורך אַן אָרגאַניזאַציע אָדער דורך אַנדערע שיטות, וועלכע די מדינה וויל ניט, אָדער שטיצט זיי ניט. און צווייטנס — דאָס איז שוין אָפּהענגיק פון אונז, אָבער איין באַדינג איז געבונדן מיטן צווייטן — די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע דאַרף זיין פעאיק זיך צוצופּאַסן צו די היינטיקע אויפגאַבן, צו דער נייער לאַגע, נאָכדעם ווי עטלעכע פון אונזערע אויפגאַבן פון נעכטן זיינען אַריבערגעגאַנגען צו דער מדינה, און נייע אויפגאַבן שטייען היינט אויף דער טאָג־אָרדענונג אין לעבן פון אידישן פאָלק. צו ענדערן די סיטעמען, ענדערן דעם פּרצוף פון דער באַוועגונג, דעם צוזאַמענשטעל פון דער באַוועגונג, אַריינברענגען נייע קערפּערשאַפטן, וואָס זיינען נעכטן געווען דרויסן און היינט קענען זיי זיין אינווייניק — דאָס איז, לויט מיין מיינונג, דאָס פּראָבלעם. דאָס מאַכן מעגלעך, אַז די באַוועגונג זאָל זיך פאַרנעמען מיט חינוך, מיט עליה, מיט אָרגאַניזירן דאָס פאָלק אַרום זיין איינציקן נאַטירלעכן צענטער — דאָס איז אָפּהענגיק פון אונז. דער ערשטער באַדינג איז אָפּהענגיק פון מדינת ישראל.

און איך האָף, אַז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע וועט זיך קענען צופּאַסן צו די נייע אויפגאַבן. זי וועט קענען באַנייען אירע וועגן און אירע אַרבעטס־מעטאָדן, און גובר זיין דעם פּאַרטייען־סיסטעם, אויסברייטערן די ראַם, מוותר זיין אויף די פּאַרטיקולאַרע אינטערעסן אין דער באַוועגונג; באַווייזן דעם גוטן ווילן, סאָלידאַריטעט און מוט לגבי די נייע אויפגאַבן. אויב מיר וועלן מצליח זיין אין דעם, וועלן מיר קענען זיך צופּאַסן צו די נייע אויפגאַבן און אַריינגיין אין דעם צווייטן קאַפּיטל, וואָס איז ניט ווייניקער גרויס און הערלעך פון דעם ערשטן קאַפּיטל, וועלכער האָט אונז דערפירט צום ווידער־אויפשטעלן די מדינה. דאָס איז אָפּהענגיק פון אונז. אויף דעם קאָנגרעס, וועלכער שטייט אין צייכן פון הונדערטסטן געבורטסטאָג פון הערצל׳ן, דער־לויבט מיר צו פאַרענדיקן מיט דעם, וואָס ער האָט געזאָגט: „אויב איר ווילט, איז עס ניט קיין לעגענדע!“

# די צוקונפט פון ציוניזם

(פון דער רעדע ביי דער דערעפענונג פון דער סעסיע פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט
אין ירושלים, דעם 16־טן מערץ 1964)

די הויפּט־אויפגאַבע פון דער איצטי־קער סעסיע פון אַקציאָנס־קאָמיטעט איז צוצוגרייטן דעם קומענדיקן ציוניס־טישן קאָנגרעס, דעם קלימאַט אַרום אים און קלאָר צו מאַכן די צענטראַלע פּראָבלעמען, פאַר וועלכע דער קאָנגרעס וועט פּרואוון צו געפינען אַ לייזונג.

איך וויל אָנווייזן אויף די הויפּט־פּראָבלעמען, מיט וועלכע דער קאָנגרעס וועט זיך דאַרפן פאַרנעמען און וועלכע שיינען מיר צו זיין דעציזירנדיק פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג היינט־צו־טאָג.

עס איז אוממעגלעך צו אַנאַליזירן די ציוניסטישע פּראָבלעמען נישט אָנהויבנדיק פון דער דעציזירנדיקער היסטאָרישער ראָלע, וועלכע די ציוניס־טישע באַוועגונג שפּילט אין אידישן לעבן אַלע יאָרן און וועלכע באַרעכטיקט איר עקזיסטענץ. די ראָלע איז פון שטענדיק אָן געווען באַזירט אויף אונזער אַנאַליז פון דער אידישער לאַגע אין דער וועלט. די ציוניסטישע באַוועגונג באַדינט נישט קיין אַבסאָלוטע אידעאַלן; זי איז אַ היסטאָרישע באַוועגונג און איז אַנטשטאַנען, כדי צו לייזן געוויסע פּראָבלעמען פון אַ געוויסער עפּאָכע אין אונזער געשיכטע. אַזוי לאַנג ווי די דאָזיקע פּראָבלעמען זיינען נישט פולשטענדיק געלייזט געוואָרן, האָט די באַוועגונג די מאָראַלישע רעכט ווייטער צו עקזיסטירן. יעדער פּרואוו צו ענטפערן אויף דער פראַגע בנוגע דער עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג פון דער באַוועגונג אין אַ היסטאָרישן מאָמענט, מוז דעריבער זיך שטיצן אויפן אַנאַליז פון דער אידישער לאַגע אין דעם געגעבענעם מאָמענט.

דער בעסטער וועג צו ענטפערן אויף דער פראַגע בנוגע דער לאַגע פון אונזער פאָלק אין דעם מאָמענט, איז דורך פאַרגלייכן דעם איצטיקן צושטאַנד מיט דער לאַגע זיבעציק יאָר צוריק, ווען די באַוועגונג איז אַנטשטאַנען.

וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער אידישער לאַגע דעמאָלט, ווען הערצל האָט צונויפגערופן דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס? וועלכע געפאַרן האָבן באַדראָט דעם אידישן קיום, ווען די ציוניסטישע באַוועגונג האָט אויף זיך גענומען אויסצוגעפינען אַ וועג ווי אַזוי גובר־צו־זיין די געפאַרן און צו זיכערן אונזער עקזיסטענץ?

דעמאָלט האָבן דריי געפאַרן באַדראָט דעם אידישן קיום:

1) דער אַנטיסעמיטיזם און די פּאָליטישע אומגלייכהייט פון אַ קענטיקן טייל פון אידישן פאָלק אין צאַרישן רוסלאַנד, אין רומעניע און אין אַ סך אַנדערע וועלט־טיילן.

2) די עקאָנאָמישע נויט פון מיליאָנען אידן, וואָס האָט זיי נישט דער־מעגלעכט זיך אויסצוהאַלטן בכבוד.

3) די געפאַר פון אַסימילאַציע, וואָס האָט באַדראָט די אידישע קהילות אין מערב־אייראָפּע, וועלכע האָבן דערגרייכט גלייכבאַרעכטיקונג און האָבן עקזיסטירט ווי מינדערהייטן אין זייערע לענדער.

אין אַנבליק פון די געפאַרן האָט דער ציוניזם גע׳טענה׳ט, אַז די איינציקע ראַציאָנעלע לייזונג וועט זיין — די גרינדונג פון אַ אידישער נאַציאָנאַלער היים, וואָס וועט געבן יעדן איד אַ מעגלעכקייט צו לעבן אין כבוד און גלייכהייט, וועט שאַפן אַ געזונט עקאָנאָמיש לעבן און אַ דאַנק דער אידישער מערהייט און דעם פולקאָמען אידישן לעבן, וועט באַזייטיקט ווערן די געפאַר פון אַסימילאַציע, און עס וועט געזיכערט ווערן די עקזיסטענץ פון אַ אידישער ציוויליזאַציע.

די שאַרפסטע פון די דריי דערמאָנטע געפאַרן איז אַפילו לויט דעמאָל־טיקער אויפפאַסונג געווען די געפאַר פון אַסימילאַציע. ווי ציוניסטן האָבן מיר געוואוסט, אַז די דרויסנדיקע געפאַרן, מעג עס זיין פּאָליטישער אַנטי־סעמיטיזם אָדער עקאָנאָמישע דיסקרימינאַציע, קענען שווער מאַכן דאָס לעבן פונעם אידישן יחיד, זיי קענען אָבער נישט אויף לאַנג אויסשטעלן אונזער עצם קיום אויף אַ געפאַר. אין משך פון הונדערטער יאָרן האָבן מיר אַנטוויקלט ספּעציעלע סיסטעמען, ווי אַזוי נישט אומגעבראַכט צו ווערן דורך געפאַרן פון דרויסן. מיר האָבן אויך געוואוסט, אַז כל־זמן אונזער אינערלעכער אידישער פראָנט איז געווען באַשיצט, זיינען מיר פריי פון דער זאָרג פאַר אונזער צוקונפט.

ווען מיט זיבעציק יאָר צוריק איז אַנטשטאַנען די ציוניסטישע באַוועגונג, איז טאַקע דער אינערלעכער פראָנט פונעם גרעסטן טייל אין אונזער פאָלק געווען פעסט און מער־וויניקער זיכער. די מיליאָנען אידן, וואָס האָבן געלעבט אין דעם תחום המושב פון צאַרישן רוסלאַנד, האָבן געפירט אַ סעפּאַראַט לעבן אין שטעטל אָדער אין די גרויסע שטעט און האָבן אַנטוויקלט אַ שאַפערישע העברעאישע און אידישע קולטור, האָבן באַגרינדעט זייער לעבן אויף די געזעצן פון דער אידישער רעליגיע. די אַלע קהילות אין מזרח־אייראָפּע אָדער אין די אַראַבישע לענדער האָבן אין יענער צייט געפירט אַ

צעמענטירט אינערלעך אידיש לעבן. מיר האָבן אויך מורא געהאַט, און מיט רעכט, אַז ווען די טענדענץ פון באַפרייאונג וועט שטאַרקער ווערן, וועט דער אינערלעכער פראָנט לאַנג נישט אָנהאַלטן און מען האָט געדאַרפט שאַפן נאָרמאַלע באַדינגונגען אין אַ אידישער נאַציאָנאַלער היים אָדער אין אַ אידישער מדינה, ווי הערצל האָט עס פאָרמולירט, כדי צו גאַראַנטירן אונזער נאַציאָנאַלע, רעליגיעזע און קולטורעלע אידענטיטעט.

אויב מיר פאַרגלייכן די היינטיקע אידישע לאַגע מיט דער לאַגע פון זיבעציק יאָר צוריק, דאַרפן מיר גלייך פעסטשטעלן, אַז זי האָט זיך ראַדיקאַל געענדערט. פון די דריי דערמאָנטע הויפּט־פּראָבלעמען האָבן צוויי פאַרלוירן זייער וויכטיקייט. אין דער גאַנצער וועלט זיינען אידן גלייכבאַרעכטיקט און אינטעגרירט אינעם לעבן פון די אַרומיקע מדינות. אַזוי איז עס אין מערב און אויך אין מזרח, אין דער פרייער וועלט און אויך אין קאָמוניסטישן רעזשים. כאָטש דער אַנטיסעמיטיזם בושעוועט נאָך אין אַ סך וועלט־טיילן, האָט ער אַ סך פאַרלוירן פון זיין וויכטיקייט, אויב מען פאַרגלייכט אים מיטן אַנטי־סעמיטיזם אין צאַרישן רוסלאַנד אָדער אין רומעניע פון גאָגאַ, שוין ניט דערמאָנענדיק די באַרבאַרישע פאָרם אין די יאָרן פון נאַציזם. די היינטיקע רעשטלעך פונעם אַנטיסעמיטיזם בילדן נישט קיין צענטראַל־אידיש פּראָבלעם. דאָס איז אין אַ גלייכער מאָס אַ פראַגע פון דעמאָקראַטיע און פרייהייט פאַר נישט־אידן, אין דער זעלבער מאָס ווי זי איז פאַר אונז.

וואָס שייך דער עקאָנאָמישער נויט, האָט זי אויך פאַרלוירן איר פּריאָ־ריטעט אין אידישן לעבן. דער גרויסער טייל פונעם אידישן פאָלק לעבט אין נאָרמאַלע עקאָנאָמישע באַדינגונגען, אַ סך פון זיי פירן אַ לעבן פון שפע, און אַפילו די אידן אין מזרח־אייראָפּע ליידן נישט פון עקאָנאָמישער דחקות.

וואָס איז נוגע די לייזונג, וועלכע מיר האָבן פּראָקלאַמירט מיט 70 יאָר צוריק — גרינדונג פון אַ אידישער מדינה, עקזיסטירט זי שוין און די מדינה ווערט פון חודש צו חודש מערער אויסקריסטאַליזירט. זי איז אָנערקענט דורך דער מערהייט פעלקער פון דער וועלט און דורך אַ סך פון זיי פאַרערט און רעספּעקטירט. מיטן אויסנאַם פון דער סכנה מצד די שכנות׳דיקע אַראַבישע לענדער — און ס׳איז ניט גרינגצושעצן די פּאָטענציעלע געפאַרן איבער די אומ־נאָרמאַלע באַציאונגען מיט זיי — איז די עקזיסטענץ פון דער מדינה געזיכערט און דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, אַריינגעבראַכט אַ רעוואָלוציאָנערע ענדערונג אויך אין אונזער לאַגע ווי אַ פאָלק.

אָבער וואָס שייך דער דריטער געפאַר — אַסימילאַציע און צעפאַלונג — איז זי פילפאַכיק געשטיגן און איז אַ סך, אַ סך שאַרפער ווי מיט זיבעציק

יאָר צוריק. דווקא דערפאַר, ווייל לגבי אַ גרויסן טייל פון פאָלק זיינען די עקאָנאָמישע באַדינגונגען נאָרמאַליזירט געוואָרן, האָבן די קיום־באַדינגונגען, וואָס האָבן געווירקט מיט זיבעציק יאָר צוריק, פאַרלוירן זייער השפעה און עס איז אומגעהויער געוואָקסן די גלייכגילטיקייט לגבי דעם אונטערגאַנג פון אונזער ספּעציפישער אידענטיטעט.

עס איז דעריבער נישט קיין פּאַראַדאָקס צו באַהויפּטן, אַז טראָץ אַלע פּאָזיטיווע ענדערונגען, וואָס זיינען אַריינגעטראָטן אין דער אידישער לאַגע — בירגערלעכע גלייכבאַרעכטיקונג, עקאָנאָמישער שפע, אויפקום פון מדינת ישראל — איז די אידן־פראַגע היינט־צו־טאָג, ד. ה. די פראַגע פון אויפהאַלטן דאָס אידישע פאָלק, אַ סך שווערער און האַרבער געוואָרן, ווי אין יענער צייט, ווען דער ציוניזם האָט געבראַכט זיין רעוואָלוציאָנערע בשורה צום אידישן פאָלק. כל־זמן די מערהייט פונעם פאָלק וועט נישט קאָנצענטרירט ווערן אין ישראל, איז די געפאַר פאַר אונזער צוקונפט דעציזירנדיק וויכטיק כדי צו פאַרשטיין די אידישע פּראָבלעמען און די צילן פון דער היינטיקער ציוניס־טישער באַוועגונג.

די הויפּט־סיבה פון אונזער שוואַכקייט אויפן אינערלעכן פראָנט ליגט נישט נאָר אין דעם, וואָס מיר האָבן באַקומען פּאָליטישע און עקאָנאָמישע גלייכהייט. זי שטעקט אינעם אַלגעמיינעם כאַראַקטער פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, וואָס צייכנט זיך אויס מיט אומטאָלעראַנץ, שפּאַנונג, אומסטאַ־בילקייט און גרויסע אידעאָלאָגישע, סאָציאַלע און פּאָליטישע קאַמפן. דאָס איז אַ געפערלעכער יאָרהונדערט פאַר מינדערהייטן און גרופּן, וואָס ווילן זיך נישט אונטערוואַרפן דער מערהייט און ווילן נישט פאַרלירן זייער ספּעציפישן כאַראַקטער. דער דראַמאַטישסטער ביישפּיל פאַר דער קריטישער לאַגע פון מינדערהייטן אין דער היינטיקער תקופה איז דאָס אידנטום פון ראַטנפאַרבאַנד, וואו מען לאָזט נישט אַ אידישער קהילה פון איבער דריי מיליאָן נפשות, איינע פון די שעפערישסטע קהילות אין דער אידישער געשיכטע, אויפצוהאַלטן איר באַזונדערן כאַראַקטער, איר רעליגיעזן, קולטורעלן און נאַציאָנאַלן שטייגער.

איך וויל זיך קאָנצענטרירן אויף די סימפּטאָמען פון די געפערלעכע טענדענצן, ווי זיי האָבן זיך שוין באַוויזן אויף אַ סך געביטן פון אידישן לעבן.

דער ערשטער סימפּטאָם איז די געפאַר פאַר אידישער איינִיקייט, וועלכע מערקט זיך ביי אַ סך טיילן אין אידישן לעבן. די איבערצייגונג, אַז אין גאָר דער וועלט עקזיסטירט אַן אייגנאַרטיקער יש, וואָס הייסט אידיש פאָלק, איז אומבאַדינגט נויטווענדיק פאַרן אידישן קיום. די אידישע געשיכטע האָט

באַוויזן, אַז יעדעס מאָל און אומעטום, ווען אַ טייל פונעם פאָלק האָט פאַר־לוירן זיין פּראַקטישן אָדער פּסיכאָלאָגישן קאָנטאַקט מיטן איבעריקן פאָלק, האָט ער לאַנג נישט געקענט אָנהאַלטן און איז אונטערגעגאַנגען. אידישע אָפּגעזונדערטקייט איז דער שונא פון אידישן קיום. מיר זעען אָבער היינט אַ סך שוועריקייטן ביים פאַרווירקלעכן דעם פּרינציפּ פון אידישער אַחדות. פאַראַן לענדער, וואו צוליב עקסטרעמען מלוכה׳שן נאַציאָנאַליזם, האָט דער בירגער אָדער די גרופּע נישט קיין רעכט צו געהערן צו אינטערנאַציאָנאַלע אידישע און ניט־אידישע אָרגאַניזאַציעס. פאַראַן לענדער, וואו די עפנטלעכע מיינונג און די רעגירונגען באַטראַכטן פאַר נישט־לאָיאַל ווען אידישע קהילות נעמען אָנטייל אין אידישע אַלוועלטלעכע צוזאַמענפאָרן. פאַראַן גרויסע קהילות — די וויכטיקסטע אין די פאַראייניקטע שטאַטן — וואו די מערהייט אידן איז נישט גרייט אָנצונעמען דעם פּרינציפּ פון אַ פאַראייניקטער אידישער אינטערנאַציאָנאַלער טעטיקייט אומעטום וואו זי איז נויטיק, און די דאָזיקע מערהייט שליסט זיך ניט אָן צו אידישע אַלוועלטלעכע אָרגאַניזאַציעס.

צו אונזער פרייד, זיינען מיר אין די לעצטע דרייסיק יאָר אַביסל פאָרויס־געגאַנגען וואָס שייך רעפּרעזענטאַטיווע אָרגאַניזאַציעס פון אידישע טערי־טאָריעלע קהילות אַלס אַן אַריינפיר צו אַן אינטערנאַציאָנאַלער אָרגאַניזירונג פון אידישן פאָלק. אויף דעם געביט איז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע געווען דער פּיאָנער.

אָבער אַלץ, וואָס מיר האָבן דערגרייכט, איז ווייט נישט פאַרענדיקט. כל־זמן דאָס אַמעריקאַנער אידנטום פאַרמאָגט נישט קיין פאַראייניקטע רעפּרע־זענטאַנץ, וואָס זאָל קענען אויפטרעטן אין זיין נאָמען. זינט מיר האָבן געלאָזט אויפלייזן די אַמעריקאַנער אידישע קאָנפערענץ, זעען מיר נישט אַפילו קיין אויפריכטיקן פּרוּוו פונדאַסניי צו שאַפן אַ רעפּרעזענטאַטיווע קערפּער־שאַפט און אַ סך גרופּן אינעם אַמעריקאַנער אידנטום האָבן אַנטוויקלט אַ געפערלעכע אידעאָלאָגיע, לויט וועלכער אַזאַ קערפּערשאַפט איז נישט אַמע־ריקאַניש, נישט דעמאָקראַטיש און נישט געוואונטשן.

אייניקע באַמערקונגען וועגן צווייטן סימפּטאָם. פאַראַן ערנסטע טענ־דענצן פון באַוואוסטזיניקער אָדער נישט־באַוואוסטזיניקער שטרעבונג צו אַסימילאַציע, אַ שטרעבונג צוצופּאַסן דעם כאַראַקטער פון אידישן פאָלק צו אַנדערע, בעיקר רעליגיעזע מינדערהייטן. דער צוגאַנג צו דער פראַגע פון רעליגיע אין אידישן לעבן שטיצט זיך אויף צוויי פאַרשידענע יסודות. אַ פּער־זענלעך אינדיווידועלער יסוד, וואָס פאָדערט נישט קיין שום באַשלוס מצד אַ קאָלעקטיווער קערפּערשאַפט. רעליגיע איז אַ פראַגע פון אמונה און בטחון און מען קען זי נישט אַרויפצווינגען אויף וועמען־עס־איז. לויט דער אויפ־

פאַסונג געהערט עס צו יעדן איינצלנעם איד, ער זאָל אַליין באַשליסן צי ער איז רעליגיעז און זאָל האַנדלען אויף זיין אייגענער אַחריות.

פאַראַן אָבער אַ צווייטער יסוד, וואָס רירט אָן דעם גאַנצן אידישן פאָלק, וועלכער איז אָן אייגנאַרטיקער היסטאָרישער יש. לויט דעם צוגאַנג, זיינען אידן אַ פאָלק, אַ רעליגיע, אַ ראַסע און אַ טרעגער פון אַ באַזונדערער ציוויליזאַציע, און אַלע ניט־אידישע טערמינען קענען נישט ווי געהעריק דעפינירן די ספּעציפישע דערשיינונג וואָס הייסט: דאָס אידישע פאָלק אין דער געשיכטע. עס וואָלט געווען אַ פולשטענדיקע פעלשונג פון אונזער געשיכטע, ווען עמעצער וואָלט געפּרואווט אַנולירן דעם רעליגיעזן עלעמענט אין אונזער סטרוקטור. דאָס איז נישט קיין פראַגע וועגן סתם אינדיווידועלער אמונה, לגבי וועלכער יעדער איינער האָט דאָס רעכט צו האָבן זיין פילאָזאָפיע. ס'איז קלאָר, אַז אונזער גאַנצע געשיכטע, פון אברהם אבינו ביז היינט, וועט נישט פאַרשטאַנען ווערן, אויב מיר וועלן פּרואוון זי צו פאָרמולירן בלויז אַלס אַ נאַציאָנאַלע גרופּע. דאָס אידישע פאָלק וואָלט נישט אויסגעהאַלטן הונדערטער יאָרן גלות אָן דער אידישער רעליגיע, וועלכע איז געווען דער הויפּט־פאַקטאָר, וואָס האָט אָרגאַניזירט דאָס לעבן פון יעדן איד און האָט געגעבן דעם אידישן פאָלק, לויט דער וואונדערבאַרער דעפיניציע פון היינריך היינע, דאָס „וואַנדערנדיקע הימלאַנד", ווי היינריך היינע האָט זיך אויסגעדריקט וועגן אונזער תורה.

כ'וויל דאָ נישט נעמען קיין שטעלונג צו דער פראַגע פון רעליגיע אין ישראל, אָבער פונקט ווי מען קען נישט פאַרשטיין די אידישע געשיכטע דורך באַזייטיקן דעם עלעמענט פון אידישער רעליגיע, אַזוי וועלן מיר נישט קענען באַגרייפן די קעגנוואַרט און די צוקונפט, אויב מיר וועלן איגנאָרירן דעם דאָזיקן וויטאַלן עלעמענט. דאָס זעלבע איז אוממעגלעך צו באַזייטיקן די צענטראַלע וויכטיקייט פון דער העברעאישער שפּראַך אַלס באַזע פאַר אונזער קולטור. דערמיט וואָס איך אונטערשטרייך די אידישע רעליגיע, האָב איך נישט בדעה צו פאַרמינערן די אַנדערע יסודות און צו באַשרענקען דאָס אידישע לעבן בלויז אַרום דער רעליגיעזער אויפפאַסונג. דער בית־הכנסת קען נישט זיין דער איינציקער הויפּט־זייל פון אידישן קיום און שאַפן אַ מין אידישע קירכע פּאַראַלעל צו דער פּראָטעסטאַנטישער און קאַטוילישער קירכע. אַזאַ פּרואוו איז אַ געפערלעכע פעלשונג פון אונזער געשיכטע און פון אונזער באַזונדערן כאַראַקטער. אָבער אַזעלכע טענדענצן עקזיסטירן באַזונדערס אין די פאַראייניקטע שטאַטן און דאָס איז איינער פון די אַסימילאַציע־סימפּטאָמען, נישט מצד דעם יחיד, נאָר פונעם כלל־אַספּעקט, ווייל דאָס איז אַ פּרואוו

צוצופאַסן דעם כאַראַקטער פון אידישן פאָלק צו די אַנדערע עקזיסטירנדיקע מינדערהייטן.

און וועגן דעם דריטן סימפּטאָם — אונזער היינטיקער יאָרהונדערט איז אַרומגענומען מיט אַן אַטמאָספערע פון פאַרערונג צו דער מדינה, מיט אַן אידעאָלאָגיע פון אַן עקסטרעמער נאַציאָנאַליסטישער מדינה. דאָס דערמאָנט די קאַפּיטולאַציע פון מיטלאַלטער צום פּרינציפּ „ווער עס הערשט איבער דער מדינה — צו דעם געהערט דאָס פאָלק". דעריבער האָבן אַ סך אידן מורא זיך איינצושטעלן פאַר דעם ספּעציפישן כאַראַקטער פון אונזער פאָלק, וואָס באַשטייט פון דריי יסודות: ער איז אַן אינטערנאַציאָנאַל פאָלק; איז עמאָציאָנעל, רעליגיעז און אינטעלעקטועל פאַרבונדן מיט ארץ־ישראל; און היסטאָריש גענומען, איז ער איינע פון די ניט־אידענטיפיצירנדיקע גרופּן אין דער וועלט־געשיכטע.

די באַציאונג פון אידישן פאָלק צו ארץ־ישראל איז אַלעמאָל געווען איינגנאַרטיק. ארץ־ישראל איז שטענדיק געווען מערער ווי סתם אַן אור־שפּרינגלעך היימלאַנד. זי איז געווען אי אַ רעליגיעזער אי אַ גייסטיקער צענטער. אידן אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקלען פון גלות האָבן געהאַט אַ מיסטישע באַציאונג צום דאָזיקן לאַנד. ס'איז נישט ווי געהעריק צו פאַרשטיין די אידישע געשיכטע אָן דער באַזונדערער פאַרבינדונג, וועלכע שטייט אַ סך העכער פון יעדער פּאָליטישער לאָיאַליטעט און באַזירט אויף דער צענטראַ־לער ראָלע וואָס ארץ־ישראל האָט געשפּילט אין די טרוימען, וויזיעס און באַוואוסטזיין פון אונזער פאָלק.

אַ סך ניט־אידישע וויכטיקע פּאָליטיקער פאַרשטייען נישט דעם ספּע־ציפישן כאַראַקטער פון דער באַציאונג צווישן אידן און ישראל. דאָ נישט לאַנג האָבן מיר עס געזען אין אַמעריקע. פאַר זיי איז ישראל סתם אַ פרעמדע מדינה, און אויב אידישע בירגער פון זייערע לענדער ווייזן אַרויס לאָיאַליטעט צו ישראל, איז עס ביי זיי אַ מין טאָפּלטע לאָיאַליטעט, וואָס ווידערשפּרעכט דער לאָיאַליטעט צו זייער מדינה. לאָמיר דעם ענין נישט גרינגשעצן. נישט נאָר דער אַמעריקאַנער אידישער קאָמיטעט איז דורכגענומען מיט אַזאַ אויפ־פאַסונג; זיי רעדן כאָטש אָפן וועגן דעם. פאַראַן אָבער אַ סך אידן, ביי וועמען טיף אין האַרצן זיינען פאַראַן ספקות לגבי דער שטאַרקערער פאַרבינדונג מיט ישראל צוליב דער מורא, אַז דורכדעם וועט די לאָיאַליטעט צו זייער וואוינלאַנד אויסזען צווייפלהאַפטיק.

איך בין אַ פּרינציפּיעלער אָנהענגער פון אַ פּילזייטיקער לאָיאַליטעט. די אויפפאַסונג, אַז איין לאָיאַליטעט אַנולירט די אַלע אַנדערע, איז אַ פּרייסישע

אויפפאַסונג, און איר קלאַסישע פאָרם איז דער נאַציזם. נאָר דער נאַציזם האָט געוואָגט צו פאָדערן עקסקלוסיווע לאָיאַליטעט צום דייטשישן רייך אויפן חשבון פון אַלע אַנדערע לאָיאַליטעטן צו עלטערן, צו קרובים, צום קלאַס, צו דער קירכע א. אַ. וו. צום באַדויערן, מערקן זיך אַזעלכע טענדענצן אַפילו אין דעמאָקראַטישע מדינות, וואו די לאָיאַליטעט צו דער אייגענער מדינה איז דעצידירנדיק. דאָס אַנטהאַלט אַ דראָאונג און אַ געפאַר פאַר אַלע מינאָריטעטן, אַ דראָאונג פאַר אמת׳ער פרייהייט און פאַר דעם רעכט פון דעם יחיד צו בלייבן טריי אַנדערע גרופן. וואָס רייכער און אַנטוויקלטער עס איז די קולטור, אַלץ מער געביטן זיינען פאַראַן, צו וועלכע דער מענטש דאַרף זיין לאָיאַל און טריי. קאַמפן קענען שטענדיק פאָרקומען, מען קען אָבער נישט לייזן אַ קאַמף צווישן צוויי געפילן דורך מקריב־זיין איין געפיל אויפן חשבון פונעם צווייטן.

מיר דאַרפן פאָדערן רעכט צו זיין פאַרבונדן מיט ישראל, נישט ווי נדבנים און פילאַנטראָפן, נישט ווי סימפּאַטיקער און פריינט, נאָר ווי שותפים מיטן פאָלק אין ישראל אין דער אַחריות פאַרן אויפבוי פון דעם נייעם צענטער פון אידישן לעבן, אַן וועלכן אונזער צוקונפט וועט זיין צווייפלהאַפט און אָן אויסזיכט.

מיר דאַרפן קעמפן פאַר דעם רעכט צו זיין אַ טייל פון אַ וועלט־פאָלק, זיין פאַרקניפּט און פאַרבונדן מיט ישראל און אויך קעמפן פאַר אונזערע מענטשלעכע אידעאַלן, ווי מיר האָבן עס געטאָן אין אונזער גאַנצער געשיכטע און נישט אָננעמען דעם סטאַטוס־קוואָ אין דער וועלט אין סאָציאַלער ווי אין מאָראַלישער הינזיכט. מיר דאַרפן צוריקקערן זיך צו אונזער קלאַסישער פּאָזיציע ווי אַן אייגנאַרטיק פאָלק אין דער וועלט.

אין שיין פון די אויסגערעכנטע סימפּטאָמען, וואָס באַדראָען אונזער עקזיסטענץ, האָב איך אומדירעקט געפּרואווט געבן אַן ענטפער אויף דער פראַגע — וואָס איז די עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג און דער ציל פון דער ציוניסטישער באַוועגונג היינט, ווען עס עקזיסטירט מדינת ישראל? איר גרויסע היסטאָרישע פליכט איז — צו זיין דער פּיאָנער וואָס קעמפט קעגן די דערמאָנטע געפאַרן און דער כוח וואָס אינספּירירט דאָס אידישע לעבן. אינעם גלאַנץ־פּעריאָד פון דער ציוניסטישער באַוועגונג האָבן מיר זיך נישט באַגנוגנט מיט דער פאָדערונג פון אַ נאַציאָנאַל־אידישער היים און מיט אָרגאַ־ניזירן עליה און אויפבויען ארץ־ישראל. אין דער זעלבער מאָס זיינען מיר גע־ווען טעטיק און האָבן אינספּירירט, באַזונדערס אין מזרח־ און אין צענטראַל־אייראָפּע, דעם קאַמף פאַר אידישן קיום אין גלות, די פאַרטיידיקונג פון אונ־

זערע רעכט, די אַנטוויקלונג פון אידישער קולטור און דעם קאַמף קעגן אַסימילאַציע.

נאָר אין דעם נאַצי־פּעריאָד און אין די ערשטע יאָרן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה זיינען מיר געווען געצוואונגען צו פאַרנאַכלעסיקן עטלעכע פון די דערמאָנטע אויפגאַבן און זיך קאָנצענטרירן אויפן קאַמף קעגן דער מער־דערישער געפאַר מצד די נאַצים און שפּעטער אויף דעם קאַמף פאַר אַ אידי־שער מדינה. אין די ערשטע צען יאָר, ווען די מדינה איז נאָך געווען ווייט פון קאָנסאָלידאַציע און האָט נאָך געזאָרגט פאַר איר טאָג־טעגלעכער עקזיס־טענץ, איז עס געווען נאַטירלעך און זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אונזערע באַמיאונגען זיינען געגאַנגען קודם־כל אין דער ריכטונג פון העלפן איר זיך פאַרפעסטיקן. דערפאַר האָבן מיר באַצאָלט דעם פּרייז פון פאַרנאַכלעסיקן אונזער אַרבעט אין גלות און צוליב דעם האָבן מיר פאַרלוירן די פירנדיקע פּאָזיציע, וואָס מיר האָבן געהאַט אין אידישן לעבן, און באַזונדערס אין אַמעריקע.

פאַראַן לענדער, וואו עס איז נישט אַזוי געווען, וואו די ציוניסטישע באַוועגונג איז נאָך היינט דער פירנדיקער פאַקטאָר, נישט נאָר וואָס שייך הילף פאַר ישראל, נאָר אויך אין דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט אין דער אידישער קהילה. אָבער דאָס אידישע לעבן אין דער וועלט ווערט היינט כאַראַקטעריזירט דורך דעם אַמעריקאַנער אידנטום. די שוואַכקייט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אינעם אַמעריקאַנער אידנטום איז דאָס שוואַכסטע רינגעלע אין דער וועלט־באַוועגונג. דעריבער איז נישטאָ היינט קיין מער דרינגענדיקע אויפגאַבע פאַר אונזער צוקונפט אַלס אַ באַוועגונג, ווי צוריק צו געווינען אונזער פירנדיקע פּאָזיציע אינעם אַמעריקאַנער אידנטום, וועלכע מיר האָבן געהאַט אין די גרויסע טעג פונעם פּאָליטישן קאַמף פאַר אַ אידישער מדינה. עס איז געקומען דער מאָמענט אַריבערצופירן דעם אַקצענט פון דער עקסקלוסיווער אַרבעט לטובת ישראל צום קאַמף פאַר זיכערן דעם אידישן קיום אין אַלע אַנדערע ערטער אין דער וועלט.

נישטאָ קיין גרעסערער באַווייז פאַר דעם קאָלאָסאַלן פּראָגרעס אין ישראל אין די 15 יאָר פון איר עקזיסטענץ, ווי דער פאַקט, וואָס מיר קענען זיך דערלויבן אַזוי צו טראַכטן. דאָס הייסט נישט, אַז ישראל קען פאַרציכטן אויף דער קאָאָפּעראַציע מצד דעם גלות. זי קען עס נישט טאָן, כל־זמן זי איז נישט פּאָליטיש פאַרפעסטיקט, מיליטעריש זיכער און עקאָנאָמיש אַליין־אויסהאַלטנדיק. זי וועט אויך קיינמאָל נישט קענען אויפגעבן די צוזאַמענ־אַרבעט פונעם גלות לטובת די אידישע קהילות חוץ ישראל. צו אונזער גליק,

איז ישראל היינט געווען שטאַרק און די פּריינטשאַפט מצד דער גרויסער מערהייט פון דעם אידישן פאָלק, וואָס איז גרייט צו שטיין אויף איר זייט אין פאַל פון נויט, איז געווען שטאַרק, כדי צו דערלויבן דער ציוניסטישער באַוועגונג איבערצובייטן די אַקצענטירונג, צו ענדערן אירע פּריאָריטעטן און זיך ווענדן אין דער נאָענטער צוקונפט צו דער אַרבעט אין גלות, נישט פאַרציכטנדיק אויף איר טעטיקייט לטובת ישראל, אויף איר באַמיאונג פאַר עליה, קליטה און קאָלאָניזאַציע.

מיר דאַרפן קעמפן מיט דער ניט־אידישער וועלט, און אַפילו אינעווייניק אין דער אידישער קהילה, פאַר דעם רעכט פאַרצוזעצן די גרויסע ליניעס פון אונזער היסטאָרישן קיום, אויפצוהאַלטן אונזער כאַראַקטער טראָץ דער צעוואָרפנקייט, צו שטיין אין אַן ענגען קאָנטאַקט מיט דעם ישראל'דיקן קול־טורעלן, מאָראַלישן, אינטעלעקטועלן און רעליגיעזן צענטער, צו לעבן ווי אַן אָפּגעזונדערטע מינדערהייט, וועלכע אידענטיפיצירט זיך נישט מיט דער מערהייט אין וועלכן־ניט־איז לאַנד און אונטער וועלכן־ניט־איז רעזשים. מיר דאַרפן ריכטן דאָס אידישע פאָלק אין דעם קאַמף פאַר די ספּעציפישע רעכט צו בלייבן דאָס זעלבע אידישע פאָלק, ווי ער איז געווען זינט טויזנטער יאָרן, ווי אַ פאָלק, וואָס איז פאַראייניקט און גרופּירט אַרום זיין שאַפערישן צענטער אין ישראל. דער קאַמף וועט אַפילו זיין שווערער ווי דאָס געווינען די שטיצע פון דער מערהייט פאַר דעם ציוניסטישן געדאַנק בנוגע אַ נאַציאָנאַל־אידישער היים, ווי אַ לייזונג פון דער אידן־פראַגע.

די פאַרווירקלעכונג פון דער דאָזיקער פּאָליטיק פון קאָנצענטרירן זיך אַרום ראַטעווען דעם אידישן גלות און אים פאַרבינדן מיט ישראל, וועט זיין אָפּהענגיק, נישט נאָר פון ריכטיקן פאַרשטיין די דאָזיקע קאָנצעפּציע, נאָר נישט ווייניקער פון עטלעכע באַדינגונגען, אָן וועלכע די דאָזיקע אויפגאָבע וועט נישט קענען רעאַליזירט ווערן.

דער ערשטער באַדינג איז — פולע קאָאָפּעראַציע מיט ישראל. ביי אַ גרויסן טייל פון דעם אידישן פאָלק האָט זיך געשאַפן אַ געפיל, צוליב אַנגע־דייטעטע סיבות, אַז ישראל האַלט נישט די ציוניסטישע באַוועגונג פאַר נויט־ווענדיק כדי צו פאַרווירקלעכן דעם ציוניסטישן אידעאַל. מען קען דאָך נישט זיין פּויפּסטלעכער פונעם פּויפּסט און מערער פראָ־ישראל'דיק ווי ישראל גופא. יאָרן־לאַנג האָבן נישט נאָר די בולט'סטע פירער פון ישראל, נאָר אויך אַ גרויסער טייל פון דער עפנטלעכער מיינונג פון דער מדינה, פון דער יוגנט און פּרעסע, געמאַכט דעם איינדרוק, אַז ישראל וויל אַפילו נישט האָבן קיין

שטאַרקע ציוניסטישע באַוועגונג. מיר האָבן געפּרוּאווט גובר־זיין דאָס דאָזיקע געפיל דורך דעם געזעץ וועגן סטאַטוס פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און מיט דער הילף פון דער „אמנה". טראָץ דעם, וואָס די „אמנה" איז מער־ווייניקער פאַרווירקלעכט געוואָרן, וואָס איז נוגע דער טאָג־טעגלעכער פּראַקטישער קאָאָפּעראַציע צווישן דער אַגענטור און דער ישראל־רעגירונג, איז דאָך דער גייסט פון דעם געזעץ און פון דער „אמנה" געבליבן אויפן פּאַפּיר. מען קען פאַרווירקלעכן אַ געזעץ מיט אַלע זיינע פּונקטן און גלייכצייטיק שטאַרק אָנרירן די אידעאָלאָגיע, וועלכע איז די באַזע פון דעם געזעץ. עס דאַרף זיין קלאָר, אַז אָן אַן אויפריכטיקער, פיל־באַדייטנדיקער און פעסטער קאָאָפּעראַציע מצד ישראל, וועט די ציוניסטישע באַוועגונג נישט קענען טרוימען, זי זאָל ווען־עס־איז ווערן דער פאַקטאָר, וואָס פירט אָן מיטן אידישן לעבן.

דער פּרעסטיזש און די אויטאָריטעט פון ישראל איז אַזוי גרויס אַפילו צווישן די אַזוי־גערופענע ניט־ציוניסטן, אַז אַ ציוניסטישע באַוועגונג, וואָס געניסט נישט פון דער פולער מדינה־אונטערשטיצונג, וועט נישט קענען האָבן קיין דערפאָלג. און ס'איז געווען גענוג איין ביישפּיל: יאָרן־לאַנג האָב איך געפּרוּאווט אָנצושליסן וויכטיקע אידישע אָרגאַניזאַציעס צו דער ציוניסטישער באַוועגונג אויף אַ קאָלעקטיווער באַזע. דאָס איז געלונגען אין לאַטיין־אַמעריקע און טיילווייז אין איראָפּע, אָבער אין דעם דעצידירנדיקן לאַנד, אין די פאַראייניקטע שטאַטן, דאַרפן מיר פאַרנאָטירן אַ דורכפאַל. דערצו זיינען געווען אַ סך סיבות: דער איזאָלאַציאָניסטישער כאַראַקטער פון אַ גרויסן טייל פונעם אַמעריקאַנער אידנטום, די „אינסטיטוציאָנעלישקייט" פון אַמעריקאַנער אידישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע שטעלן אַוועק זייער אינטערעס העכער פון אַלעם; די רייכקייט פון דער אַמעריקאַנער אידישער קהילה, וואָס צווינגט איר נישט צו קאָאָפּערירן מיט אַנדערע. אָבער די נעגאַטיווסטע פון אַלע סיבות איז געווען דאָס געפיל ביי די אָרגאַניזאַציעס, אַז זייער לאָיאַלקייט כלפּי ישראל פאָדערט נישט זיך אָנצושליסן צו דער ציוניסטישער באַוועגונג, און אַז זיי קענען אויך אָן דעם ווייטער אַרבעטן לטובת ישראל, אָן שום קאָנטאַקט מיט דער ציוניסטישער באַוועגונג.

דער ערשטער באַדינג פאַר דער נייער גלות־פּאָליטיק פונעם ציוניזם איז דעריבער די איבערצייגונג, וואָס ישראל דאַרף ווייזן דעם גלות, אַז זי קוקט אויף דער ציוניסטישער באַוועגונג ווי אויף דעם אויסגעקליבענעם הויפּט־אינסטרומענט פאַר דעם קאַמף קעגן די אַסימילאַציע־געפאַרן; פאַר זיכערן די אידישקייט פון יונגן דור; פאַר אָרגאַניזירן די צוזאַמענאַרבעט

מיט ישראל אויפן געביט פון עליה. דאָס איז געווען דער עיקר־געדאַנק פונעם סטאַטוס־גענעץ.

דער צווייטער באַדינג איז דער גייסט פון דער באַוועגונג. געוויס זיינען אָרגאַניזאַציאָנעלע סטרוקטורן און קאָנסטיטוציאָנעלע באַשטימונגען וויכטיק פאַר אַ באַוועגונג, אָבער נישט דעצידירנדיק. דעם גורל פון אַ פריוויליקער אידעאַליסטישער באַוועגונג ווי אונזערע באַשטימט איר גייסט. גרויסע באַוועגונגען אָדער פעלקער דערגייען צו זייער סוף דורך זעלבסטמאָרד, נאָכדעם ווי זיי פאַרלירן דעם גלויבן אין זייער ראָלע, די איבערצייגונג, אַז זיי האָבן היסטאָרישע עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג און נאָכדעם ווי זיי פאַרלירן דעם מוט צו קעמפן פאַר דעם דאָזיקן גלויבן קעגן יעדער שטערונג. אינעם לעצטן יאָר־צענדליק האָבן מיר דעם גייסט פאַרלוירן אין אַ גרויסער מאָס און מיר דאַרפן אים באַנייען. מיר דאַרפן אָנהויבן צו זיין איבערצייגט, אַז אונזער ראָלע אינעם איצטיקן פעריאָד פון דער אידישער געשיכטע איז נישט ווייניקער וויכטיק און דעצידירנדיק, ווי זי איז געווען מיט 70 יאָר צוריק. באַזונדערס אין אַמעריקע דאַרף די ציוניסטישע באַוועגונג זיך באַפרייען פון איר מינדער־ווערטיקייטס־קאָמפּלעקס און אויסברייטערן אירע טעטיקייטס־ראַמען. מיר זיינען נישט געוואָרן אַ דעצידירנדיקער פאַקטאָר אינעם אינערלעכן אידישן לעבן אין אַמעריקע, ווייל ווען די ציוניסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע איז אַריינגעטראָטן אין איר דעצידירנדיקער סטאַדיע, אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז זי געווען קאָנצענטרירט אַרום דעם קאַמף פאַר אַ אידישער מדינה. די גרויסע היסטאָרישע ראָלע האָט דער אַמעריקאַנער ציוניזם דערפילט אונטער דער פירער־שאַפט פונעם גרויסן און מוטיקן אידישן פירער דר. אבא הלל סילווער ז״ל. אָבער דאָס אידיש־אַמעריקאַנער לעבן האָט זיך אַנטוויקלט אָן דער ראָלע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. עס זיינען אויפגעקומען הונדערטער אינסטיטוציעס, און דאָס אַמעריקאַנער דינאַמישע און רייכע אידנטום האָט אַנטוויקלט גרויסע אונטערנעמונגען, אין וועלכע די ציוניסטישע באַוועגונג האָט נישט פאַרנומען קיין צענטראַלע פּאָזיציע.

די ענדערונג פון דער ריכטונג און אַקצענטירונג אין אונזער טעטיקייט איז באַזונדערס וויכטיק פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע, וועלכע דאַרף זיין מער פּרעטענסיאָנעל, ווי זי איז היינט. דער באַקאַנטער זאָג פונעם גרויסן אייראָפּעאישן דיכטער „בלויז גאָרנישטן זיינען באַשיידן״ איז גילטיק לגבי באַוועגונגען מערער ווי לגבי יחידים. די ציוניסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער מוז ווערן די פּיאָנערין אין קאַמף

פאַר אָרגאַניזירן רעפּרעזענטאַטיווע אידישע קהילות, פאַראייניקן זיי אין דער ראַם פון אידישע וועלט־אָרגאַניזאַציעס, ווי למשל דער אידישער וועלט־קאָנגרעס; אָנפירן מיט אידישע קהילות און מיטן געביט פון אידישער דערציִאונג; דערוועקן העברעאיש און דערמוטיקן יעדע פאָרם פון אידישער שאַפונג, און צולעצט נישט פאַרגעסן — זייער מיטאַרבעט אין די רעליגיעזע פאָרמען פונעם אָרגאַניזירטן אידישן לעבן.

דער דריטער און לעצטער באַדינג איז — עקשנות ביים קלאַמערן זיך אָן אונזערע אידעאַלן און אָן די באַגריפן פונעם צוקונפטיקן אידישן לעבן. מיר דאַרפן אַרויסווייזן עלאַסטישקייט וואָס שייך אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען, אָבער נישט וואָס שייך אידעאַלן. די ערגסטע אַנטוויקלונג אין די לעצטע יאָרן דריקט זיך אויס אין דעם, אַז וואָס געפאַלענער מיר זיינען געוואָרן אין אונזער גייסט, אַלץ קאָנסערוואַטיווער האָבן מיר זיך געהאַלטן ביי אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען. מיר האָבן נישט געוואָלט זיך צופּאַסן צו די נייע באַדינגונגען. מיר זיינען גרייט געווען צו פאַרראַטן די אידעאַלן, אָבער מוטיק צו פאַרטיידיקן פאַרעלטערטע אָרגאַניזאַציאָנעלע סיסטעמען. נייע צייטן פאָדערן נייע פאָרמען, און די ציוניסטישע באַוועגונג, וועלכע וויל זיין דער סעלעקטיווער אינסטרומענט פאַר לייזן דאָס אידישע פּראָבלעם, דאַרף זיין ביז גאָר עלאַסטיש, כדי זיך צוצופּאַסן פונדאַסניי צו דער נייער אינערלעכער סטרוקטור פון אידישן לעבן נאָך דער וועלט־מלחמה.

די עלאַסטישקייט ווערט געפאָדערט אויך כלפּי דעם אינערלעכן בוי פון דער באַוועגונג — פאַרטייען, שקל, אַלטע מנהגים און אויך אין אונזער באַציאונג מיט אָרגאַניזאַציעס אויסער דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. מיר דאַרפן זיין העפלעך לגבי די אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציעס, קאָאָפּערירן מיט זיי נישט סתם דורך אַ פאָרמעלער ענדערונג אין אונזער קאָנסטיטוציע, ווי מיר האָבן עס געטאָן, נאָר דורך אמת׳ער ברייטהאַרציקייט, נישט קוקן אויף זיי פון אויבן אַראָפּ, ווי אויף נעאָפיטן, נאָר זיי אַרומזוכן, ווי מיר האָבן עס געטאָן אין אַלע סטאַדיעס פון אונזער געשיכטע. מיר דאַרפן פאַרגעסן די אָרגאַניזאַטאָרישע שטאָלץ צוליב דעם, וואָס מיר האָבן די ערשטע געפאָדערט אַ אידישע מדינה, און דאַרפן באַזירן אונזערע באַציאונגען מיט די אַנדערע גרופּן אויף דעם פאַרהייליקטן פּרינציפּ פון אהבת ישראל, ווייסנדיק, אַז מיר דאַרפן זאָרגן פאַר יעדן איד און פאַר יעדער אידישער גרופּע, אַפילו ווען זיי צווייפלען, צי זיי זאָלן זיך אָנשליסן אָדער קאָאָפּערירן מיט אונז.

מיין לעצטע באַמערקונג באַרירט די מעגלעכקייט אויסצופירן אונזער הויפּט־אויפגאַבע. איך האַלט, אַז די אויסזיכטן פאַר דער אויפלעבונג פון

דער באַוועגונג, פאַר עפּענען אַ נײַ שעפערישׁ קאַפּיטל אין אונזער געשיכטע, זײַנען הײַנט בעסערע, ווי ווען־עס־איז נאָך דער מלחמה און נאָכן אויפקום פון מדינת ישראל. איך זאָג עס צוליב צוויי מאָטיוון: אײנער האָט צו טאָן מיטן גלות, דער צווייטער — מיט ישראל.

די פאַרשטענדעניש, אַז דאָס ממשות׳דיקע פּראָבלעם פון אידישן קיום איז אַן אינערלעך און נישט אויסערלעך פּראָבלעם, ווערט הײַנט וואָס מערער פאַרשפּרייט אַפילו צווישן ניט־אויסגעשפּראָכענע ציוניסטן. אויב אײנער פון די פירער פונעם אַמעריקאַנער אידישן קאָמיטעט האָט דאָ נישט לאַנג געקענט זאָגן, אַז די געפאַר פון אַסימילאַציע איז גרעסער ווי די געפאַר פון אַנטי־סעמיטיזם, איז עס פיל־באַדײַטנדיק. וואָס מערער אידישע קהילות הויבן אָן צו פאַרשטיין, אַז דער קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם און די פילאַנטראָפּיע קענען שוין נישט שטיין אין שפּיץ פון זייער זאָרג פאַר אַ אידישן לעבן און אַז אויף זייער אָרט דאַרף קומען די נויטווענדיקע קולטור־דערציערישע אַרבעט און די באַדערפעניש צו העלפן ישראל. דאָס שאַפט אַ מער־געוואונטשענע אַטמאָ־ספערע פאַר אַ באַנײַטער ציוניסטישער אָפּענסיווע, ווי ווען־עס־איז פריער.

די צווייטע סיבה פאַר מײַן אָפּטימיזם איז די ענדערונג, וועלכע הויבט זיך אָן צו מערקן אין ישראל. איך מײַן דערמיט נישט בלויז די רעגירונג און דעם פּרעמיער־מיניסטער. כ׳האָב קײנמאָל נישט אָנגענומען די טעאָריע, אַז אײן מענטש איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער מיספאַרשטענדעניש וואָס שייך דער נויטווענדיקייט צו האָבן אַ שטאַרקע ציוניסטישע באַוועגונג. איך האַלט אָבער, אַז די עפנטלעכע מיינונג אין ישראל און אויך די יוגנט הויבן אָן צו פאַרשטיין, ווי נאַריש און קורצזיכטיק עס איז געווען צו זען אינעם גלות סתם אַ קוואַל פון פינאַנציעלער און צייטנווייז פּאָליטישער הילף; ווי פאַלש עס איז געווען צו טראַכטן, אַז דאָס פאָלק אין ישראל אַליין וועט בויען די מדינה און אַז די אידן אין חוץ־לארץ וועלן זײַן בלויז פרײַנט און סימ־פּאַטיקער. איך פיל, אַז ישראל הויבט אָן צו פאַרשטיין, אַז סיי פונעם געזיכטס־פּונקט פון איר באַגרענעצטן אינטערעס, און סיי פון געזיכטס־פּונקט פון איר היסטאָרישער פליכט אַלס הויפּט־אינסטרומענט, וואָס קען ווירקן אויף דער עקזיסטענץ פונעם פאָלק, דאַרף זי דערפירן צו אַ שותפות־באַציאונג צווישן איר און דעם גלות און זי דאַרף זאָרגן פאַר דער צוקונפט פון די אידישע קהילות אין גלות, פּונקט ווי זיי דאַרפן זאָרגן פאַר דער צוקונפט פון ישראל.

אין דעם געענדערטן קלימאַט, סיי אין ישראל און סיי אין גלות, האָט די ציוניסטישע באַוועגונג גאָר גוטע אויסזיכטן צו ווערן דער הויפּט־פאַקטאָר

אינעם קאַמף קעגן אַסימילאַציע און פאַר זיכערן די אידישע צוקונפט.

איך האָף, אַז די איצטיקע סעסיע פון אַקציאָנס־קאָמיטעט וועט צוגרייטן דעם קומענדיקן קאָנגרעס, וועלכער וועט געבן דאָס גרינע ליכט און אָנצייכענען די סיגנאַלן פאַר דער נייער עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דער באַוועגונג, זייענדיק איבערצייגט, אַז איר אויפגאַבע און די מעגלעכקייט זי צו רעאַליזירן וועט זיין אַזוי גרויס און פיל־באַדייטנדיק, ווי זי איז געווען אין דער פאַר־גאַנגענער עפּאָכע, וועלכע האָט געבראַכט די אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל.

***

(אויסצוג פון דער ענטפער־רעדע אויף דער שלוס־זיצונג פון דער סעסיע פון אַקציאָנס־קאָמיטעט, דעם 23־טן מערץ 1964)

זאָל מיר דערלויבט זיין צו זאָגן עפּעס וועגן דעם פּראָבלעם, וואָס איך האָב דערוועקט אפשר צום ערשטן מאָל אַלס פּרעזידענט פון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע ביי דער דערעפענונגס־זיצונג פון דער סעסיע, און וואָס איך וויל באַרירן בקיצור אויך אויף דער שלוס־זיצונג. דאָס איז דאָס פּראָבלעם פון גרויסער היסטאָ־רישער חשיבות וועגן דעם פּלאַץ פון אידישן דת אינעם אידישן לעבן סיי אין ישראל און סיי אין גלות.

דאָס פּראָבלעם שטייט שוין אַ לאַנגע צייט אויף דער טאָג־אָרדענונג פון דער אידישער געשיכטע און ווערט ממשות'דיקער און דרינגענדיקער זינט דעם אויפקום פון מדינת ישראל. די מדינה איז נישט קיין רעזולטאַט פון פּריווילעקער אָרגאַניזירונג, אין וועלכער יעדער איינער קען האַנדלען ווי אים געפעלט. די מדינה באַזיצט צוואַנג־מיטלען און דעריבער שטעלן מיט זיך פאַר די באַציאונגען צווישן דער מדינה און דת אַ וויכטיק פּראָבלעם סיי פאַר ישראל און סיי פאַרן אידישן פאָלק בכלל. די דאָזיקע באַציאונגען זיינען אין אַ גרויסער מאָס משפיע אויף דער געשטאַלט פון ישראל אין די אויגן פון אידן און ניט־אידן אין דער וועלט. דאָס פּראָבלעם פאַרלאַנגט אַ פאָרזיכטיקע באַהאַנדלונג און אַ טיף געפיל פון אַחריות צוזאַמען מיט אַ סך דרייסטקייט.

עס קען ניט זיין קיין ערגערע זאַך ווי פאַרנאַכלעסיקן דאָס דאָזיקע פּראָבלעם און פאַרזעצן דעם איצטיקן מצב אין אַלע איינצלהייטן. אַזאַ פּאָליטיק איז עלול גורם צו זיין אַ נעגאַטיווע השפּעה אויף אַ גרויסן טייל פון דער יוגנט אויך אין ישראל, און אין רעזולטאַט ברענגען צו אַן אומפאַרמיידלעכן

צוזאַמענשטויס צווישן אידישן דת און אידישער מדינה, צווישן אידישן דת און אַ גרויסן טייל פונעם אידישן פאָלק. דער אינטערעס וואָס עס ווייזן אַרויס אידישע קהילות מחוץ לארץ צום דאָזיקן פּראָבלעם, איז לעגיטים. קיין שום רעליגיעזער מנהיג קען ניט האָבן קיין טענה צו דער דאָזיקער אינטערווענץ. אויב מיר זיינען איין פאָלק און אויף אונז ליגט אַ געמיינזאַמע אַחריות סיי פאַר ישראל און סיי פאַרן גלות־אידנטום, זיינען מיר אָן ספק אויך איין רעליגיעזע גרופּע אויף דער גאַנצער וועלט.

דאָס פּראָבלעם איז אַזוי דעליקאַט, ווייל די אָנגענומענע אַנטשפּאַנונג־מיטלען אין דער פּאָליטיק זיינען ניט גענוג און ניט צוגעפּאַסט צום סיסטעם, מיט וועלכן מען קען קומען צו אַ פאַרשטענדיקונג, ווען עס האַנדלט זיך וועגן רעליגיעזע פראַגן. איך פאַרשטיי די קנאות פון די רעליגיעזע אידן אין ישראל און אין גלות, וועלכע האַלטן זיך ביי זייערע פּרינציפּן און ווילן ניט מאַכן קיין קאָמפּראָמיסן. דאָס עקשנות׳דיקע האַלטן זיך ביי אָט די פּרינציפּן איז אָבער עלול צו פירן, ווי איך האָב שוין געזאָגט, צו אַן אינערלעכער שפּאַלטונג און ריס אינעם פאָלק. דער אידישער דת פּראָפּאַגירט גרויסע הומאַנישע אידעאַלן, און מיר זיינען אַלע מסכים, אַז ער איז ביכולת בייצושטייערן אַ סך פאַרן אידישן לעבן. ער מוז אָבער זיין עלאַסטישער, אַזוי ווי ער איז געווען אין דער גרויסער תקופה פון משנה און תלמוד. די עקשנות׳דיקע האַלטונג פון פיל רעליגיעזע מנהיגים איז אַן אָנדייטונג אויף שוואַכקייט און אומ־זיכערקייט. זיי דאַרפן שעפּן אינספּיראַציע פון דער דרייסטער האַלטונג פון די תנאים און אמוראים און די גאונים אין מיטלאַלטער. עס איז געקומען די צייט אָנצוהויבן אַ קעגנזייטיקן שמועס אין אַ היסטאָרישן פאַרנעם, אויף אַ הויכן גייסטיקן ניוואָ. צווישן די דענקער פון אָרטאָדאָקסישן אידנטום און פאַר־שטייער פון אַנדערע רעליגיעזע אידישן גרופּן. נישט קיין באַשלוסן און אָפּ־שטימונגען, נאָר אַ לעבעדיקער און זאַכלעכער דורכשמועסן זיך, וואָס זאָל דערגענטערן אַלע טיילן פון פאָלק. אַלע רעליגיעזע גרופּן אין אונזער צייט טוען דאָס, ווי דאָס האָט געוויזן דער עקומענישער ראַט פון דער קאַטוילישער קירך.

די ציוניסטישע באַוועגונג, אַלס דער פאַרבינדונגס־אינסטרומענט פון פאָלק און מדינת ישראל, איז עלול צו זיין די פּאַסיקסטע טריבונע, פון וועל־כער עס דאַרף אַרויס דער רוף צו אַזאַ צוזאַמענטרעף צווישן רעליגיעזע און ניט־רעליגיעזע פירער; צו קעגנזייטיקער טאָלעראַנץ און מאַניפעסטירונג פון גוטן ווילן פון איין צד לגבי דעם אַנדערן; צו דערמאָנען דער אָרטאָדאָקסיע דעם וואונדערלעכן אידישן פּרינציפּ, לויט וועלכן אַ איד אַף על פּי שחטא

איז אַ איד, און צו דערמאָנען די ניט־רעליגיעזע קרייזן די גרויסע פּאָזיטיווע אויפגאַבע פון אידישן דת אין דער אידישער געשיכטע, ווי אויך אינעם אַקטועלן אידישן לעבן פון היינט.

## די באַדייטונג פון גלות

„איך דערמאָן זיך — אויב איך מעג ציטירן אַן אומפּאַרגעס־לעכע דערפאַרונג — די דיסקוסיע, וואָס איך האָב אַלס אַ יונגער סטודענט געהאַט מיט אַ גרויסן דייטשן היסטאָריקער, וועלכער איז ניט געווען קיין צו־שטאַרקער אידן־פריינט. ער האָט מיט מיר אַר־גומענטירט, אַז דער פאַקט, וואָס נאָך דעם צוזאַמענברוך פון דער אַמאָליקער אידישער מדינה, אָדער אפילו שוין דאַן ווען מען האָט געפילט, אַז די קאַטאַסטראָפע קומט אָן, איז דאָס אידישע פאָלק אַנטלאָפן אין גלות — ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט — בכדי צו ראַטעווען זיך דאָס לעבן — איז אַ באַווייז פון דעם פּראָלעטאַרישן און שלעכטן כאַראַקטער פון אונזער פאָלק. אַן אַריסטאָקראַטיש פאָלק — האָט ער געזאָגט — שטאָלצירט מיט זיך און בלייבט לאָיאַל צו זיין לאַנד, ווען אפילו זיין מדינה קראַכט. אַזאַ פאָלק פאַלט צוזאַמען מיט דער מדינה. דאָס מיינט טרייהייט — האָט ער ווײַ־טער אַרגומענטירט — און האָט געמאַכט דעם אויספיר, אַז אידן לויפן תמיד אַוועק. זיי האָבן פאַרלאָזן זייער טעריטאָריע, בכדי צו פאַרזיכערן זיך זייער לעבן.

„וואָס איז שייך די פאַקטן איז דער דאָזיקער דייטשער היס־טאָריקער געווען גערעכט. עס איז ניטאָ קיין שום צווייפל אַז ווען די אידן וואָלטן געבליבן אין ארץ־ישראל נאָכדעם ווי די אידישע מלוכה איז דאַן פונאַנדערגעפאַלן און ווען דער גאַנצער מיטעלער מזרח איז אַריין אין אַ תקופה פון שווידערלעכער ירידה און וויס־טעניש, וואָלט היינט־צו־טאָג ניט געווען קיין אידיש פאָלק, פּונקט אַזוי ווי די אַנדערע פעלקער פון מיטעלן מזרח פון יענער עפּאָכע האָבן ניט אויפגעהאַלטן זייער נאַציאָנאַלע אידענטיטעט. וואָס עס איז פאַלש אין דער שטעלונג פון יענעם דייטשן היסטאָריקער, איז געווען דאָס, וואָס ער האָט ניט פאַרשטאַנען די מאָטיוון פון אונזער פאָלק. מיר זיינען ניט אַנטלאָפן — ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט —

איבער פחדנות. אויב דער אידישער יחיד האָט געוואָלט ראַטעווען זיין לעבן, האָט ער געקאָנט ווערן אַ רוימער, אַ קריסט, אָדער אַ מוסולמענער, און ער וואָלט זייער לייכט געלייזט זיין אינדיווידועל פּראָבלעם. מיר זיינען אַנטלאָפן — ווידעראַמאָל ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט — ווייל מיר האָבן געפילט דעם הייליקן חוב זיך אויפצוהאַלטן אַלס פאָלק בכדי צו פאַרווירקלעכן די אידייען וואָס זיינען דער רעזאָן ד'עטר פון אונזער געשיכטע. דאָס איז עס וואָס דער דאָזיקער דייטשער געלערנטער האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין. זיין אידייע פון 'ריטערלעכקייט' און 'טרויע' האָט אים געמאַכט בלינד ניט צו זען די שטעלונג וואָס גיט אונזער גלות־געשיכטע איר גרויסע ווירדע און איינציק־אַרטיקן היסטאָרישן כאַראַקטער.

„דער איד אין געטאָ איז ניט געווען אַזאַ ספּעקטאַקולערער, פאַסצינירנדיקער און דראַמאַטישער העלד, ווי עס איז דער ישראַל־דיקער בחור, וועלכער גייט אויפן שלאַכטפעלד. אָבער איך צווייפל, צי דאָס לעבן פון איד אין געטאָ, אַלס גאַנצעס, האָט זייער אָפּט ניט געפאָדערט און אַרויסגעבראַכט אַזויפיל הערואיזם און מוט, ווי עס פאָדערט זיך אין אַ מלחמה. אין ווירדע און שווייגנדיק האָט דער איד אין געטאָ געליטן נויט, רדיפות און דערנידעריגונגען, טאָג־פאַר־טאָג, אָן דעם אַז זיינע ליידן זאָלן זיין באַגלייט פון גלאָריע, אָן וועלכער עס איז דראַמע, הגם ער וואָלט געקאָנט אַנטלויפן דער־פון זייער לייכט דורך איין אַקט פון שמד און אַסימילאַציע. ער האָט אויפגעהאַלטן די אידענטיטעט פון זיין פאָלק, ביז עס וועלן קומען בעסערע צייטן, ביז משיח וועט קומען, און דאָס אידישע פאָלק וועט ווידער האָבן די מעגלעכקייט צו שאַפן זיין אייגענע רעאַליטעט און פאַרווירקלעכן זיינע אייביקע אידעאַלן אין זיין אייגן לאַנד.

„דעריבער האָט אונזער פאָלק קיינמאָל ניט געשטעלט זיין גורל אויף דער איינער קאָרט פון דער מדינה. אונזער פאָלק האָט שטענדיק אויפגעהאַלטן רעזערוו־פּאָזיציעס. מיר האָבן געפילט, אַז מיר קאָנען ניט ריזיקירן אונזער המשך אַלס פאָלק און דאַרפן טאָן אַלץ, בכדי צו בלייבן לעבן. דאָס דערקלערט, אין מיין באַשיידענער מיינונג, די באַדייטונג פון גלות".

(פון רעפעראַט ביי דער אידעאָלאָגישער קאָנפערענץ
אין ירושלים, 11טן אויגוסט, 1957)

# וועלט

# און

# וועלט־אידענטום

„מיר האָבן תמיד פאַרשטאַנען דעם ציוניזם אין דעם זין, אַז דער קאַמף פאַר די רעכט אויף אונזער עקזיסטענץ אויך אין די לענדער, וואו מיר האָבן ניט די אַספּיראַציע צו שאַפן אַ קאָנצענטראַציע פון אונזער קולטור, איז אַ ממשות׳דיקער טייל פון ציוניסטישן פּראָגראַם" — האָט דר. גאָלדמאַן דער־קלערט אין זיין רעדע ביים 19־טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין לוצערן, שווייץ, אין אויגוסט 1935.

נאָך פריער, אָנהויבנדיק פון 1932, איז דר. נחום גאָלד־מאַן צוגעטראָטן צו אָרגאַניזירן דעם אידישן וועלט־קאָנגרעס, וואָס האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו פאַראייניקן דאָס אידישע פאָלק אין דער וועלט פאַר פאַרטיידיקן די אידישע רעכט אויף עקזיסטענץ אומעטום, וואו זיי ווערן באַדראָט.

דאָס איז געווען אין דעם יאָר, ווען די היטלער־געפאַר האָט זיך גיך אָנגערוקט אויף דייטשלאַנד און אויף גאַנץ אייראָפּע.

נאָך די אָנגעשטרענגטע צוגרייטונגען — און דר. גאָלד־מאַן׳ס פאַרהאַנדלונגען מיט די פאַרשטייער פון צענדליקער אידישע ישובים — איז דער אידישער וועלט־קאָנגרעס געגרינדעט געוואָרן אין 1936.

די דאָ פאַרעפנטלעכטע רעדעס פון דר. נחום גאָלדמאַן — אַלס פּרעזיצער פון דער עקזעקוטיווע פון אידישן וועלט־קאָנגרעס זינט 1936, ציטווייליקער פּרעזידענט זינט 1949 און פּרעזידענט זינט 1953 — באַציען זיך צו די גורל׳דיקע פּראָבלעמען פון דער גאַנצער תקופה פון חורבן און גאולה אין לעבן פון אידישן פאָלק אין דער גאָרער וועלט, אַריינרע־כענענדיק ארץ־ישראל.

א. א.

# ווער דער שטורם האָט זיך אָנגערוקט

## די אידישע לאַגע אין דער וועלט ערב דעם אויסברוך פון צווייטן וועלט־קריג

(פון רעפעראַט ביי דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון אידישן וועלט־קאָנגרעס, דעם 8־טן אויגוסט 1936)

די אַנטשיידנדיקע כאַראַקטעריסטיק פון דער אידישער לאַגע און, היסטאָריש גענומען, אויך פון אידישן גורל אין גלות, באַשטייט אין דעם, אַז די איינצלנע טענדענצן און די באַשטימענדיקע פאַקטאָרן, וואָס לייגן אַרויף זייער חותם אויף דעם דאָזיקן מצב, קומען נישט פון אידישע קוואַלן. מיר זיינען נישט די באַלעבאַטים פון אונזער גורל אין גלות, און דער באַגריף גלות ליגט טאַקע אין דעם דאָזיקן אַנטשיידנדיקן פאַקט. אונזער לאַגע און אונזער שיקזאַל ווערן באַשטימט פון דרויסן. מיר קענען אַרויסווייזן אַ ווידערשטאַנד, מיר קענען מאַכן אָנשטרענגונגען צו פאַרבעסערן אונזער לאַגע, מיר קענען זיך פאַרטיידיקן קעגן אויפגעצוואונגענע אַנטוויקלונגס־טענדענצן. מיר קענען אָבער נישט די דאָזיקע טענדענצן אַרויסרופן, אויב מיר זאָלן זיי וועלן האָבן, און מיר קענען זיי אויך נישט באַזייטיקן, ווען מיר ווילן זיי נישט האָבן.

מיר זיינען אָביעקטן פון די אַנטוויקלונגען, זינט מיר זיינען אַרויסגעקומען פון דער געטאָ־תקופה און זיינען געוואָרן עמאַנציפּירט. אין געטאָ האָבן מיר נאָך באַוויזן דעם היסטאָרישן אויפטו צו זיין, אַלס גלות־פאָלק, דער באַלעבאָס פון אונזער גורל. מיר זיינען געשטאַנען דרויסן פון דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג פון דער אייראָפּעאישער מענטשהייט ביז צום סוף פון 18טן יאָרהונדערט.

זינט מער פון הונדערט יאָר שטייען מיר שוין אינמיטן פון דער אייראָפּעאישער אַנטוויקלונג — און איך באַנוץ די דאָזיקע ערשטע געלעגנהייט צו דערקלערן מיט דער גאַנצער שאַרפקייט און אַנטשיידנקייט, אַז עס איז נישטאָ פאַר אונז מער אין אייראָפּע קיין צוריקקער אין געטאָ. די פרעדיקער פון דער נאַצישער פילאָזאָפיע, וועלכע זיינען גרייט צו פאַרגוואַלטיקן אַלע היסטאָרישע געזעצן אין דער אידן־פראַגע, קענען גלויבן, אַז מען קען אונז צוריק אַריינוואַרפן אין געטאָ, און עס קען אויך זיין, אַז אידן זאָלן אונטער דעם איינפלוס פון דער דאָזיקער פילאָזאָפיע קומען צו דער איבערצייגונג, אַז עס איז מעגלעך אַזאַ פּראָצעס פון צוריקקערן זיך אין געטאָ. דאָס איז אַן אַבסורד. לעבנס־פאָרמען, וואָס די געשיכטע האָט צעשלאָגן, קען מען נישט

מער צוריקשטעלן. פון אַלע לייזונגען פון דער אידן־פראַגע איז די, וואָס וויל די אידן צוריקפירן אין געטאָ, די אומזיניקסטע.

היינט־צו־טאָג איז אוממעגלעך צו אַנאַליזירן די אידישע לאַגע אָן דעם, אַז מען זאָל באַהאַנדלען די אַלגעמיינע גייסטיקע, פּאָליטישע און מאָראַלישע סיטואַציע פון אונזער צייט. אַלץ, וואָס איז איצט אין דער וועלט, טאָטאַלער שטאַט, ראַסן־משוגעת, גוואַלד־פּאָליטיק, אומבאַגרענעצטע מאַכט פון אַ פּאָלי־טישן רעזשים — אַלץ איינס פון וועלכער באַפאַרבונג — איז געווענדעט קעגן אונז. ווייל מיר זיינען אַ מינאָריטעט, ווייל מיר זיינען די שוואַכסטע פון אַלע מינאָריטעטן אומעטום, אין יעדן לאַנד. מיר ליידן נישט בלויז אַלס מינאָריטעט, נאָר אויך אַלס אידן, איבער דער אומנאָרמאַליטעט פון אונזער לאַגע. דאָס פאַרשטאַרקט נאָך אונזער טראַגעדיע. אומעטום, וואו אַ לאַנד הויבט־אָן צו אונטערדריקן מינאָריטעטן, זיינען מיר קודם־כל די קרבנות. און אומעטום, וואו די רעכט פון מענטשן ווערן געטראָטן מיט די פיס, טרעפט דער רעזשים פון רעכטלאָזיקייט קודם־כל אונז. און אומעטום, וואו עס ווערן ביי אָן אויפגעהעצטער, דעמאָראַליזירטער מאַסע געוועקט די ברוטאַלע אינסטינקטן, איז די ערשטע אויסדרוק־פאָרם פון דער דאָזיקער דערשיינונג: „יודאַ פאַרעקע".

די אידישע לאַגע איז היינט אין דער ערשטער רייע אַ רעזולטאַט פון דער אַלגעמיינער וועלט־לאַגע. גאַנצע אידישע ישובים ווערן איבער נאַכט באַרויבט פון זייערע רעכט. מיליאָנען אידן אין מזרח־אייראָפּע ווערןווירט־שאַפטלעך עקספּראָפּריאירט, פּאָליטיש באַרויבט פון אַלע רעכט, פיזיש טעגלעך טעראָריזירט און פאַרגוואַלדיקט אין נאָמען פון די נייע טענדענצן פון דעם טאָטאַלן שטאַט; אין נאָמען פון דער אַלמעכטיקייט פון דעם מלוכה־פאָלק; אין נאָמען פון דער פאַרלייקענונג פון די רעכט פון די מינאָריטעטן; אין נאָמען פון דעם ציניש אָפּלאָכן פון אַלע אידייען פון גלייכהייט און גערעכטי־קייט. דאָרט, וואו עס הויבט זיך אָן אַ באַוועגונג פאַר דעם זיג פון די דאָזיקע טענדענצן, איז דאָס ערשטע שלאַג־וואָרט „אַ טויט די אידן".

דער דאָזיקער פּראָצעס מאַניפעסטירט זיך היינט־צו־טאָג אין דעם אינער־לעכן לעבן פון אַ סך לענדער. מיטן אויסנאַם פון דריטן רייך האָט נאָך ביז איצט קיין שום אייראָפּעאיש לאַנד נישט אָפּגעשאַפט אָפיציעל די אידישע גלייכבאַרעכטיקונג. אָבער וואָס באַדייט גלייכבאַרעכטיקונג, און וואָס באַדייטן קאָנסטיטוציעס, ווען הינטער דעם שטייט נישט קיין מינימום פון ווילן אויפ־צוהאַלטן די רעכטלעכע נאָרמעס, וועלכע מען האָט זיך פאַרפליכטעט צו רעספּעקטירן? אין איין לאַנד נאָכן אַנדערן, אין צענטראַל־ און מזרח־אייראָפּע

ווערט אַנולירט די אידישע גלייכבאַרעכטיקונג. אין צענטראַל־און מזרח־אייראָפּע לעבן היינט מיליאָנען אידן, וועלכע האָבן טאַקע אויפן פּאַפּיר אַלע רעכט, אָבער וועמענס פּאַקטישע רעכטלעכע און פּאָליטישע לאַגע איז אַ ביטערער חוזק פון דער דאָזיקער גלייכבאַרעכטיקונג.

דער סך־הכּול פון דעם אַלעם איז, אַז אין אייראָפּע עקזיסטירט היינט־צו־טאָג אַ אידן־פּראָבלעם, ווי עס איז שוין נישט געווען זינט פיל יאָר־הונדערטער אין אַזאַ מאָס און אין אַזאַ שאַרפקייט. עס זעען שוין איצט אויס ווי אַן אידיליע און ווי אַ גן־עדן יענע צייטן, ווען מיר האָבן זיך פאַרנומען מיט די דעליקאַטע מאָטיוון פון דער אידן־פּראַגע, מיט דער גייסטיקער אידן־נויט, מיט דער טראַגיק פון אידישן גייסטיקן לעבן, מיט די פּסיכאָלאָגישע אויסווירקונגען פון דער אַבנאָרמאַלער אידישער לאַגע אין גלות. היינט איז די אידן־פּראַגע געוואָרן אומענדלעך פיל עלעמענטאַרער און פּרימיטיווער, עס איז שוין היינט נישט מער אַ קאַמף פאַר מינאָריטעטן רעכט. עס איז שוין באַלד נישט מער קיין קאַמף פאַר בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג. עס ווערט אַלץ מער און מער אַ פּרימיטיווע פראַגע פון פיזישער עקזיסטענץ אין עלעמענטאַרן זין פון דעם וואָרט. עקסצעסן קעגן אידן זיינען טעגלעכע דערשיינונגען.

אין האַרץ פון אייראָפּע לעבן היינט־צו־טאָג מיליאָנען אידן אַ לעבן פון אַרויסגעשטויסענע און פאַרפאָלגטע פּאַריאַס. און די וועלט איז נישט גערן צו הערן אונז ריידן וועגן אונזערע ליידן. די וועלט איז באַלאַסטעט מיט אומענדלעך פיל אַנדערע זאָרגן, און אַלץ לעבט אין דער פּאַנישער מורא פאַר דער גרויסער קאַטאַסטראָפע, וועלכע קען מאָרגן אָדער איבער־מאָרגן אויסברעכן. דאָס קען אָבער ניט זיין פאַר אונז קיין גרונד צו שווייגן. אונזער פליכט איז: מיט דער גאַנצער אינטענסיווקייט, אויף וועלכער מיר זיינען פעאיק, און מיט דער פולער באַטאָנונג, וואָס מיר קענען נאָר דער־גרייכן, צו ציען די אויפמערקזאַמקייט פון דער וועלט אויף דער אידן־פּראַגע פון היינט, אויף דעם פאַקט, אַז מיליאָנען מענטשן האָבן שוין נישט מער דעם מינימום פון זייער עקזיסטענץ, און אַז אין צענטער פון אייראָפּע ווערט אין יאָר 1936 באַשאַפן די דאָזיקע נייע קאַסטע פון פּאַריאַס.

זאָל מען אונז נישט זאָגן, אַז עס איז פאַראַן נאָך אַ סך אַנדערע נויט אין דער וועלט. מיר ווייסן וועגן דעם און זיינען ניט ענגהאַרציק. אָבער דער אָרעמסטער פּויער אין אַ ווייט דאָרף אין מזרח־גאַליציע אָדער בעסאַראַביע איז אין אַן אומפאַרגלייכלעך בעסערער לאַגע, ווי אונזערע מאַסן. ער זיצט אויף זיין ערד. ער האָט דאָס באַוואוסטזיין פון אַ היימלאַנד. ער ווערט באַשיצט

פון דעם מאַיאָריטעט־פאָלק, צו וועלכן ער געהערט. אונזערע מאַסן הונגערן, און ווערן נאָך דערצו באַטראַכט אַלס פרעמדע. עס זיינען דאָ אַ סך דערפער און שטעטלעך, פון וואַנען די גאַנצע אידישע באַפעלקערונג ווערט פון היינט אויף מאָרגן אַרויסגעטריבן. און אויב אויך נישט אַלע האָבן דעם ציניזם פון דריטן רייך זיך צו באַרימען טעגלעך מיט די מעלדונגען, אַז דאָס אָדער אַן אַנדער שטעטל איז געוואָרן „יודען־ריין", ווערט אָבער דער זעלבער פּראָצעס דורכגעפירט אין אַנדערע לענדער מיט נישט קיין קלענערער ברוטאַליטעט.

און דאָס טראַגישסטע פון אַט־דער טראַגישער סיטואַציע איז אפשר דאָס, וואָס עס ווערן כסדר שוואַכער די פאַקטאָרן און אינסטאַנצן, וועלכע זיינען ביז איצט געווען די איינציקע, צו וועלכע מיר פלעגן אַפּעלירן. עס ווערט שוואַכער די אַזוי־גערופענע עפנטלעכע מיינונג פון דער וועלט, און עס ווערן שוואַכער די פריע כוחות פון דער וועלט. די דעמאָקראַטיעס געפינען זיך היינט אין אַ דעפענסיווער פּאָזיציע. ווייט און ברייט אין איראָפּע, אויך אין דער איראָפּע פון די ניט־טאָטאַלע מדינות, הערשט היינט אַ שטימונג פון רעזיגנאַציע, פון לעטאַרגיע לגבי דעם שטורם, וועלכער רוקט זיך אָן פון די נייע מאַכט־פאַקטאָרן און אַנטי־פרייהייטלעכע טענדענצן. קיין שום זאַך איז היינט נישט אַזוי זעלטן אין דער וועלט, ווי ציווילער מוט. מוטיק און אַגרעסיוו זיינען היינט נאָר די אימפּעריאַליסטן.

און קיינער פילט נישט די דאָזיקע לאַגע, אַזוי ווי מיר. מען דאַרף היינט האָבן אַן אומדערשיטערלעכן גלויבן אין אונזערע פאָדערונגען און אין דעם קומענדיקן זיג פון די אייביקע רעכטלעכע נאָרמען, בכדי אַלס איד כסדר און ווידעראַמאָל צו אַפּעלירן צום געוויסן פון דער מענטשהייט. מען שעמט זיך אָפט מיט די דאָזיקע אַפּעלירונגען, ווען מען ווייסט מיט וואָס זיי וועלן זיך אויסלאָזן, אָדער — בעסער געזאָגט — זיך נישט אויסלאָזן.

דעריבער איז עס נישט קיין וואונדער, וואָס אַ סך פון אונז זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער דאָזיקער שטימונג. זיינען דען שוין איצט נישט פאַראַן אַזעלכע אידן, וועלכע זיינען פאַרצווייפלט געוואָרן אין דער מאַכט פון דעמאָקראַטיע און פרייהייט און זיינען גרייט אויפצוגעבן אונזער קאַמף? זיינען דען שוין איצט נישט פאַראַן גאַנצע אידישע גרופּעס, וועלכע וואָלטן אַמבעסטן געוואָלט זיך באַהאַלטן ערגעץ־וואו און דורכמאַכן אומבאַמערקט די איצטיקע צייט? זיי זיינען גליקלעך, ווען מען זעט זיי נישט, און זיינען בשום־אופן מער נישט גרייט מיטצומאַכן דעם קאַמף פאַר די רעכט פון אַנדערע אידישע גרופּעס. אויך אין דעם דאָזיקן ערשטן אידישן וועלט־

קאָנגרעס זיינען נישט פאַרטראָטן באַשטימטע טיילן פון אידישן פאָלק — ליגט דען נישט די אַנטשיידנדיקע סיבה אין דער דאָזיקער שטימונג?

אַ סך פון דעם, וואָס איך האָב דאָ געזאָגט וועגן דער אַלגעמיינער כאַראַקטעריסטיק פון אונזער צייט, האָט זיך באַצויגן אין דער ערשטער רייע אויפן דריטן רייך. איך וויל דאָ דערקלערן אָט־וואָס: דער קאַמף קעגן דעם אָנגריף אויף אונזער קיום, וואָס די נאַציִשע דייטשלאַנד האָט אונטערגענומען, וועט פון אונז ווייטער געפירט ווערן, אַזוי לאַנג ווי עס וועט עקזיסטירן דער דאָזיקער רעשים מיט זיין יודען־פּאָליטיק. און עס זיינען נישט מעגלעך פאַר אונז קיין שום קאָמפּראָמיסן מיט דעם דאָזיקן רעזשים. מעגן אַפילו געוויסע דייטשע אידן גלויבן, אַז זיי וועלן ווי־עס־איז דורכשטופּן זיך מיט אַביסל געזיכערטער עקזיסטענץ. מעגן אַפילו געוויסע אידישע גרופּעס אין דייטש־לאַנד גלויבן, אונטערן איינפלוס פון דער דאָרטיקער אַטמאָספערע, אַז זיי וועלן זיך קענען צוריקציען אין אַ נייער אידישער געטאָ. דאָס וועלט־אידנטום קען זיך אין אַזעלכע קאָמפּראָמיסן נישט אַריינלאָזן. דאָרט, וואו די גלייכבאַרעכטיקונג פון איין אידישן ישוב ווערט אָנגערירט, האַנדלט זיך עס נישט מער וועגן אַ טעריטאָריעלער אידן־פּראַגע, נאָר וועגן דער אידן־פּראַגע, וועגן דעם געמיינזאַמען אידישן אינטערעס אין וועלט־מאַסשטאַב. פּונקט אַזוי ווי די מערב־אייראָפּעאישע און אַמעריקאַנער אידן האָבן במשך פון פיל יאָרצענדליקער געקעמפט פאַר דער גלייכבאַרעכטיקונג פון רוסישן אידנטום אונטערן צאַרישן רעזשים און פאַר דער גלייכבאַרעכטיקונג פון רומענישן אידנטום, אַזוי וועלן מיר איצט מוזן פירן דעם קאַמף פאַר דער פולער גלייכבאַרעכטיקונג פון דייטשן אידנטום, ווען אַפילו דער דאָזיקער קאַמף געפעלט נישט געוויסע דייטשע אידן.

איך זאָג דאָס מיט דער פולער אַנטשיידנקייט נישט בלויז דערפאַר, ווייל געוויסע דייטשע אידן ווילן פּראָקלאַמירן אַלס אַ לייזונג דעם צוריקקער אין געטאָ, נאָר אויך דערפאַר, אַז די וועלט זאָל נישט מאַכן קיין טעות וועגן אונזער הילפס־אַקציע פאַר די דייטשע אידן. אויב דאָס וועלט־אידנטום זאַמלט איצט גרויסע געלט־סומעס בכדי צו העלפן די דייטשע אידן, אין דער ערשטער רייע דורך אויסוואַנדערונג, — זאָל קיינער נישט מיינען, אַז מיר וועלן מיט דעם אין פּרינציפּ פאַרלאָזן די אידישע פּאָזיציע אין דייטשלאַנד. און קודם־כל זאָלן אַנדערע מלוכות און רעגירונגען זיך נישט איינריידן, אַז דאָס וועלט־אידנטום איז גרייט צו יעדער צייט צו ליקווידירן אידישע פּאָזיציעס, ווען עס ווערט געגעבן דער סיגנאַל פאַר אָפּנעמען ביי אידן זייערע רעכט אין אַ באַשטימט לאַנד. מיר וועלן נישט אָפּליידיקן קיין שום פּאָזיציעס, ווייל מיר

זיינען היסטאָריש אַריינגעוואַקסן אין די דאָזיקע פּאָזיציעס און האָבן דאָס רעכט זיי צו האַלטן.

אַלס אַ ציוניסט זאָג איך, אַז ווען מיר בויען ארץ־ישראל, טוען מיר עס נישט דערפאַר, ווייל מיר פאַרצווייפלען אין אונזער גלייכבאַרעכטיקונג. ציוניזם באַדייט נישט דאָס מינדסטע מוותר־זיין אויף אונזער גלייכבאַרעכטיקונג. ווייל אויך דאָס שטאַרקסטע אידישע ארץ־ישראל וועט נישט קענען זיין, וואָס עס דאַרף זיין, מיט אַ באַרויבטן פון זיינע רעכט, עקאָנאָמיש אויסגעוואָרצלטן און מאָראַליש דערנידעריקטן פּאַריאַ־אידנטום אין גלות אַלס דעם רוקן־פראָנט. נאָר מיט אַ שטאַרקן גלות־אידנטום אין רוקן וועט דער ישוב אין ארץ־ישראל קענען דערפירן צו דער באַנייאונג פון דער אידישער קולטור, און דערפאַר בויען מיר ארץ־ישראל.

איך מוז — און איך באַדויער, וואָס איך מוז — ריידן דאָ וועגן אַן אַנדערן ספּעציפישן אידן־פּראָבלעם. איך באַדויער עס באַזונדערס, ווייל איך רייד וועגן דעם תיכף נאָכן באַהאַנדלען די אידן־פראַגע אין דייטשלאַנד. איך מיין סאָוועט־רוסלאַנד. פאַראַן היינט־צו־טאָג אַזאַ אַבסורדער און טראַגישער צו־שטאַנד, אַז אין סאָוועט־רוסלאַנד, וואָס באַרימט זיך, אַז זי האָט געשאַפן די פרייעסטע קאָנסטיטוציע אין דער וועלט, זיינען הונדערטער ציוניסטן פאַר־שפּאַרט אין די טורמעס און קאָנצענטראַציע־לאַגערן נאָר דערפאַר, ווייל זיי זיינען ציוניסטן; אַז אין סאָוועט־רוסלאַנד, וואו עס ווערן אויסגעגעבן מיליאָנען רובל פאַר אויפלעבן פאַרגעסענע שפּראַכן פון וועלכע־עס־איז שטאַ־מען אין סיביר אָדער אין טורקעסטאַן, איז די העברעאישע שפראַך און ליטעראַטור פאַקטיש פאַרבאָטן; און אַז אידן אין רוסלאַנד, וועלכע קענען זיך נישט צופּאַסן צו די דאָזיקע באַדינגונגען, באַקומען אַפילו ניט די דערלוי־בעניש אויסצוואַנדערן קיין ארץ־ישראל, אָדער אין אַנדערע לענדער. דאָס איז אַן אַבסורדער צושטאַנד. און ווען מען רעדט וועגן פּרינציפּ, איז עס נאָך מער אַבסורד, וואָס דער קאָמוניזם אין דער וועלט שטעלט זיך אומעטום אַנטקעגן דעם קאַמף פון אידישן פאָלק אין ארץ־ישראל. דורך דעם צווינגט אונז סאָוועט־רוסלאַנד און דער קאָמוניזם אויפצונעמען אַ קאַמף קעגן זיי, וואָס איז נישט נויטיק און וואָס איז פאַר ביידע צדדים זיינלאָז. וועלכע דאָגמע פון מאַרקס׳עס „קאַפּיטאַל״ און וועלכע גרונט־אידייען פון לעניג׳ס „טעאָריע״ צווינגען דעם קאָמוניזם, וועלכער אַנערקענט די נאַציאָנאַלע לעבנס־רעכט פון אַלע מינאָריטעטן און פעלקער, צו באַקעמפן די נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס פון אידישן פאָלק סיי אין רוסלאַנד גופא און סיי מחוץ דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד? דער קאַמף קעגן די סאָוועטן, וועלכן מיר פירן היינט, ווייל ער איז אונז

אויפגעצוואונגען געוואָרן, איז — זאָג איך נאָכאַמאָל — אַ זינלאָזער קאַמף.

נאָך איין וואָרט וועגן דער לאַגע פון די אידן אין די מערב־אייראָפּעאישע און אַמעריקאַנישע לענדער. זי איז צום גליק היינט־צו־טאָג נאָך מער אָדער ווייניקער געזיכערט. דאָרט, וואו די דעמאָקראַטיע האָט זיך אויפגעהאַלטן, איז די אידישע גלייכבאַרעכטיקונג נישט אָנגערירט געוואָרן. און דער עקאָנאָמישער אויפשוואונג פון לענדער, ווי ענגלאַנד און די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע האָט, אויף אַ דערפרייענדיקן אופן, אויך פאַרבעסערט די עקאָנאָמישע לאַגע פון די דאָרטיקע אידישע ישובים. אָבער עס וואָלט געווען צו־לייכטזיניק נישט אָנצואווייזן אויף די פיל סימפּטאָמען פון אַנטי־סעמיטישע באַוועגונגען, וואָס הויבן זיך אָן אויך אין די מערב־אייראָפּעאישע לענדער. די דייטשע פּראָפּאַגאַנדע ווירקט אומעטום. און דאָס דייטשע ביישפּיל ווירקט נאָך ערגער.

דאָס איז דאָס בילד פון דער סיטואַציע. אַ פיל טרויעריקערע בילד, ווי מיר, וועלכע זיינען געוואוינט צו טראַגישע סיטואַציעס, האָבן געקענט פעסט־שטעלן זינט אַ סך יאָרהונדערטער. און מען קען לייכט פאַרצווייפלט ווערן. אָבער מיר ווערן נישט פאַרצווייפלט. נישט נאָר דערפאַר, ווייל אין די זעלבע טראַגישע יאָרן, ווען אונזער לאַגע האָט זיך אומגעהויער פאַרערגערט, איז פאַרווירקלעכט געוואָרן דער וואונדער פון אידישן ארץ־ישראל; ווייל עס איז דאָרט אויפגעשטאַנען אַ ישוב, וועלכער איז גענוג שטאַרק אויסצוהאַלטן דעם אַראַבישן טעראָר; און ווייל דער ישוב וועט, נישט געקוקט אויף די באַשלוסן פון אַלע ענגלישע אויספאָרשונגס־קאָמיסיעס, נאָך ווייטער וואַקסן און זיך באַפעסטיקן, — נאָר אויך דערפאַר, ווייל מיר האָבן נישט אויפגעגעבן אונזער גלויבן אין אַן ענדערונג פון דער וועלט־לאַגע. אונזער געשיכטע, וועלכע האָט אונז געבראַכט אַ סך עגמת־נפש, האָט אונז אויך עפּעס געלערנט. און אפשר דאָס בעסטע און ממשות׳דיקסטע, וואָס זי האָט אונז געלערנט, איז צו האָבן געדולד און אַ לאַנגן אָטעם.

קלינגט עס דאָן־קישאָטיש, ווען איך פאַרענדיק מיט דער דאָזיקער דער־קלערונג פון בטחון? מיר זיינען תמיד געווען די דאָן־קישאָטן פון דער געשיכטע. די רוימער האָבן געלאַכט פון אונז. די אינקוויזיטאָרן האָבן גע־רעכנט, אַז זיי קענען אונז פאַרניכטן. קרייץ־צוגן זיינען געפירט געוואָרן קעגן אונז, און זינט הונדערטער יאָרן האָבן פון אונז געטריבן חוזק די אַזוי־גערופענע מעכטיקע פון דער וועלט. מיר האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו זיין שטאַרקער פון די דאָזיקע מעכטיקע, נישט ווייל מיר זיינען אַ גאָר באַזונדערע ראַסע, אָדער קליגער און שטאַרקער ווי אַנדערע, נאָר ווייל אויף אונזער זייט

איז געווען די גערעכטיקייט. און דערמיט האָבן מיר געהאַט אַ שטאַרקערן פאַרבינדעטן, ווי די טיראַנען האָבן אין זייערע קאַנאָנען, די מאַכטהאָבער אין זייערע פּאָליציי־ביקסן, די העצער אין זייערע ליגנס, און די פאַרלוימדער אין זייער גיפט, וואָס זיי פאַרשפּרייטן. מיר וועלן אויך די דאָזיקע פינסטערע עפּאָכע דורכהאַלטן און איבערלעבן. מיר דאַרפן בלויז נישט פאַרצווייפלען. און מיר מוזן זיך אָרגאַניזירן, בכדי צו פּראָקלאַמירן אונזערע רעכט אויך אין אַ וועלט, וואָס הערט זיך צו צו אונז אין דעם מאָמענט ווייניק. מיר דאַרפן צוזאַמענשליסן אונזערע כוחות פאַר זעלבסטהילף און פאַר מיטהילף אין דעם גרויסן היסטאָרישן קאַמף, וואָס ווערט איצט אויסגעקעמפט. מיר ליידן צוזאַמען מיט דער אידייע פון רעכט און גערעכטיקייט, וואָס ליידט היינט. מיר וועלן זיך דורכרייסן און טריאומפירן צוזאַמען מיט דער אידייע פון רעכט און גערעכטיקייט, וואָס וועט מאָרגן טריאומפירן.

# אין די טראַגישע יאָרן

## אידישע פּראָבלעמען בעת׳ן קריג און נאָך־מלחמה־פּאָדערונגען

(רעדע אויף דער אינטער־אַמעריקאַנער אידישער קאָנפערענץ,
אין באַלטימאָר, נאָוועמבער 1941)

ריידן וועגן דעם אייראָפּעאיש־אידישן פּראָבלעם מיינט אין איצטיקן מאָמענט ריידן וועגן דער צוקונפט פון דעם פּראָבלעם. פון 70 ביז 80 פּראָצענט אייראָפּעאישע אידן זיינען איצט באַהערשט פון נאַצי־דייטשלאַנד, און מיטן מאָמענט, ווען אַ אידישער קיבוץ פאַלט אַריין אין די הענט פון די נאַציס, הערט ער אויף צו זיין אַ פּאָליטישער פאַקטאָר מיט אַן אייגענעם לעבן, און ווערט בלויז אַ געגנשטאַנד פון גגישות און רדיפות.

איך האָב דאָ נישט בדעה צו שילדערן די יסורים און פּיין פון די אייראָפּעאישע אידן אונטער די נאַציס. די גרויס פון דער טראַגעדיע וועט קלאָר ווערן, ווען מיר וועלן זאָגן, אַז פון דריי ביז פיר מיליאָן אידן אין אייראָפּע וועלן אפשר אומקומען אין משך פון דער מלחמה — און דאָס איז נישט קיין גוזמא. אונזער פאָלק וועט זיין צווישן די ערגסטע קרבנות. טעכניש נעמען מיר נישט קיין אַקטיוון אַנטייל אין דער מלחמה און אונזערע מאַרטירער און העלדן שטאַרבן נישט אויף די שלאַכטפעלדער, נאָר אין די געטאָס און קאָנצענטראַציע־לאַגערן פון די נאַצי־פאַרנומענע לענדער. אַט־די זיבן אָדער אַכט מיליאָן אידן אונטער דייטשן יאָך האָבן אין איצטיקן מאָמענט נישט קיין אייגענע פּאָליטישע פּראָבלעמען. זייער איינציקע רעטונג איז — באַפרייט צו ווערן פון דער נאַצישער טיראַניע.

עס איז דאָ בלויז איין אידנטום אין אייראָפּע, וואָס שטעלט פאָר מיט זיך אַ געוויסע פּאָליטישע פּראָבלעם אויך איצט, און דאָס איז דאָס אידנטום פון סאָוועט־רוסלאַנד. די אינטערנאַציאָנאַלע פּאָזיציע פון סאָוועט־רוסלאַנד האָט זיך געביטן מיט איר אַריינגיין אין דער מלחמה, און די ענדערונג דאַרף זיך אויך אָפּרופן אויף דעם סאָוועטיש־אידישן פּראָבלעם. דער תמצית פון דעם פּראָבלעם איז — די פרייהייט פון דעם איינצלנעם אידן. סאָוועט־רוסלאַנד האָט קיינמאָל נִיט דיסקרימינירט קעגן אידן און אַפילו דער פלירט מיטן נאַציזם האָט

זיך נישט אָפּגערופן אויף דער אידישער פּאָליטיק פון די סאָוועטן. די איינציקע פּאָליטיש־אידישע פּראָבלעם אין סאָוועט־רוסלאַנד איז נוגע דעם גייסטיקן לעבן פון דעם אידישן קיבוץ, זיין רעכט צו בלייבן געטריי צו אונזערע געשיכטלעכע טראַדיציעס, צו נוצן העברעאיש, אויפצוהאַלטן קאָנ־טאַקט מיטן וועלט־אידנטום און זיין אָנגעשלאָסן אין ציוניזם. דאָס איז אומ־מעגלעך געווען ביז איצט, און איינע פון די האַרבע אידישע פּראָבלעמען פון די לעצטע 20 יאָר איז געווען — ווי אַזוי דורכצוברעכן די וואַנט פון אָפּזונדערונג און איזאָלאַציע, וואָס די סאָוועטישע רעגירונג האָט אויפגעבויט אַרום רוסישן אידנטום. עס דאַכט זיך, אַז דער ערשטער דורכברוך אין דער וואַנט איז געמאַכט געוואָרן. ווען די סימפּאַטיע פון דער דעמאָקראַטישער וועלט אין דער מלחמה קעגן היטלער־דייטשלאַנד, האָט די סאָוועטישע רעגירונג דערלויבט די רוסישע אידן, ווייניקסטנס אייניקע פון זיי, זיך צו ווענדן מיט אַ רוף צום וועלט־אידנטום. עס איז געקומען אַן ענטפער פון ארץ־ישראל, ענגלאַנד, אַמעריקע, אָבער דאָס איז בלויז אַן אָנהויב. אַלץ דאַרף געטאָן ווערן בכדי מעגלעך צו מאַכן, אַז דאָס וועלט־אידנטום זאָל קומען אין קאָנטאַקט מיטן רוסישן אידנטום און זאָל עס צוריק אַריינברענגען אין אַלגעמיינעם אידישן לעבן.

מיטן אויסנאַם פון אַט דעם ספּעציפישן פּראָבלעם האַנדלט זיך עס בנוגע די אייראָפּעאישע אידן היינט־צו־טאָג, דערהויפּט אין הילפס־אַרבעט און נישט אין פּאָליטישער טעטיקייט. וואָס פאַר אַ פּעולה קענען האָבן טענות צו דער רומענישער, בולגאַרישער און אונגאַרישער רעגירונג, וואָס זיינען פּאַקטיש שיק־אינגלעך פון דייטשלאַנד? וואָס קענען העלפן פּראָטעסטן קעגן די רציחות און פאַרברעכנס, וואָס נאַצי־דייטשלאַנד באַגייט קעגן אידן טאָג־טעגלעך? דאָס איינציקע וואָס מיר קענען טאָן איז — האַלטן די עפנטלעכע מיינונג אינפאָרמירט וועגן אַט דער כסדר׳דיקער סעריע פון רציחות, וואָס האָבן נישט קיין גלייכן אין דער געשיכטע, און זיך פאַרזיכערן מיט דער פאַרדאַמונג פון די רציחות מצד דער דעמאָקראַטישער וועלט.

דעריבער איז דאָס הויפּט־פּראָבלעם פון אייראָפּעאישן אידנטום, פּאָליטיש גענומען, אַ פּראָבלעם פון דער צוקונפט, ווען היטלעריזם וועט אָפּגעשאַפט ווערן און אַ דעמאָקראַטישער נצחון וועט עפענען דעם וועג פאַר דער שאַפונג פון דער נייער וועלט. עס איז צייט, אַז אידישע פירער זאָלן זיך פאַרטראַכטן וועגן דער צוקונפט. נאָך די דערפאַרונגען פון די לעצטע צוואַנציק יאָר דאַרף קיינער נישט טראַכטן, אַז עס וועט זיין גענוג בלויז פאַר די דעמאָקראַטיעס צו געווינען די מלחמה, כדי צו לייזן דאָס אייראָפּעאיש־אידישע פּראָבלעם,

די אַלטע פאָרמולעס פון דעם ווערסאַלער פרידנס־אָפּמאַך קענען נישט אָנגע־ווענדעט ווערן אין דער נייער סיטואַציע נאָך דער מלחמה. יעדער אַספּעקט פון אָט דער סיטואַציע ווערט געפאָרשט און שטודירט פון די בעסטע עקס־פּערטן וואָס מיר פאַרמאָגן. דערפאַר האָבן מיר באַשאַפן דעם „אינסטיטוט פאַר אידישע ענינים” ביים אידישן וועלט־קאָנגרעס.

איך וויל אָנרירן בלויז צוויי פּונקטן פון דעם אייראָפּעאיש־אידישן פּראָב־לעם נאָך דער מלחמה: דעם פּונקט וועגן שאָדן־ערזאַץ און הילף, און דעם צווייטן גרעסערן פּונקט וועגן אמת׳ע גאַראַנטיעס פאַר אידישע רעכט. וועגן די צוויי אַנדערע גרויסע פּראָבלעמען — אידישע עמיגראַציע פון אייראָפּע בכלל און ארץ־ישראל ווי די ענדגילטיקע לייזונג פון דעם אידישן פּראָבלעם — וועלן ריידן אַנדערע ביי דער קאָנפערענץ.

ווען די מלחמה וועט זיך אָפּשטעלן, וועלן מיר האָבן פאַר זיך אַ לאַגע אין אייראָפּע, וואו זעקס־זיבן מיליאָן אידן וועלן בלייבן פּראָסט־פּשוט בעטלער. מיר זיינען אַלעמאָל געווען אַן אָרעם פאָלק, אָבער איך קען נישט נאָך אַ צייט אין אונזער געשיכטע, ווען מיליאָנען אידן זאָלן האָבן געלעבט אין אַזאַ מורא׳דיקן דלות, ווי זיי לעבן היינט אונטער דער נאַצישער הערשאַפט און ווי זיי וועלן בלייבן אויף מאָרגן נאָך דער מלחמה. עס איז ביי זיי צוגענומען געוואָרן אַלץ וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט — זייערע געשעפטן, שטעלעס, געלט און, אין די מערסטע פאַלן, אויך זייערע היימען, מעבל, קליידער — און דאָס וועט זיין די ערשטע זאָרג אַזוי שנעל ווי דער וואַנשטילשטאַנד איז אונטער־געשריבן. מען טאָר זיך נישט איינריידן, אַז דאָס וועט קענען באַזאָרגט ווערן דורך דעם געוויינלעכן מין אידישן רעליף־קאַמפּיין. קיין רעליף־קאַמפּיין, ווי גרויס ער זאָל נישט געפלאַנט ווערן, וועט נישט זיין בכוח צו שאַפן די נויטיקע מיטלען צו שטילן אַפילו אַ קליינעם טייל פון דער מורא׳דיקער נויט. אוודאי וועלן די אידן פון די פרייע לענדער האָבן פאַר זיך אַן אומ־געהויערע אויפגאַבע, וואָס שטייגט איבער אַלץ, וואָס זיי האָבן געטאָן ביז איצט, אין שאַפן שפּייז און קליידער און היימען פאַר די פאַראומגליקטע מיליאָנען אייראָפּעאישע אידן. אָבער דאָס גרעסערע פּראָבלעם פון ווידער־איינשטעלן כאָטש אַ טייל פון זיי אין זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, פון צוריקברענגען צו זייערע פריערדיקע היימען די איצט צונויפגעשפּאַרטע אין די געטאָס, פון העלפן זיי זיך צופּאַסן צו דער נייער אייראָפּע נאָך דער מלחמה — אָט די קאָנסטרוקטיווע אויפגאַבעס וועלן נישט קענען געלייזט ווערן אויף קיין איינעם פון די ביז איצט באַקאַנטע אופנים. דאָס פּראָבלעם וועט זיין אַזוי אומגעהויער גרויס, אַז בלויז אַן אינטערנאַציאָנאַלע אַקציע

מיט דער הילף פון רעגירונגען וועט זיין בכוח עס אויפצונעמען. עס וועט מוזן ווערן אַ טייל פון אַלגעמיינעם אייראָפּעאיש־עקאָנאָמישן פּראָבלעם פון נאָך דער מלחמה — דאָס פּראָבלעם פון אויפבויען דעם חרובן קאָנטינענט און זיין עקאָנאָמיע. ווער וועט דען צווייפלען, אַז מיר האָבן אַ גערעכטע טענה אין דעם זין? אויב עס וועט זיין אַ פאַרגיטיקונג נאָך דער מלחמה, האָבן מיר דאָס ערשטע רעכט אויף אַזאַ פאַרגיטיקונג. אויב עס וועט קיין פאַרגיטיקונג נישט זיין, נאָר אַן אינטערנאַציאָנאַלע סיסטעם פון ווידער־אויפבויען אייראָפּע, האָבן מיר דאָס פולע רעכט צו זיין אַ טייל פון דעם אַלגעמיינעם סיסטעם.

אין משך פון יאָרן, איידער די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן, האָט די דעמאָקראַטישע וועלט זיך צוגעקוקט צו די רדיפות אויף אידן מצד דעם נאַציזם און האָט געשוויגן. דאָס ווינציקסטע וואָס די וועלט־דעמאָקראַטיע איז אונז שולדיק נאָך דער מלחמה איז — העלפן דורך אינטערנאַציאָנאַלע מעטאָדן צוריקלייגן אַ פונדאַמענט פאַר דער עקזיסטענץ פון אייראָפּעאישן אידנטום און געבן אונז אַ געלעגנהייט אָנטייל צו נעמען אין דער גרויסער אַרבעט פון אויפבויען די חרוב'ע אייראָפּעאישע עקאָנאָמיע. אויב אַפילו נישט אַלע מיליאָנען אייראָפּעאישע אידן וועלן זיך קענען ווידער אויפבויען און טיילן פון זיי וועלן מוזן עמיגרירן, וועלן די געבליבענע מיליאָנען האָבן דאָס רעכט צו מאָנען ביי די דעמאָקראַטישע לענדער זייער פּלאַץ אין דער עקאָנאָמישער רעטונג נאָך דער מלחמה.

און איצט — וועגן דעם פּראָבלעם פון צוריק אויפשטעלן די רעכט פון אייראָפּעאישע אידן נאָך דער מלחמה און אַ סיסטעם זיי צו שיצן אין דער צוקונפט. וואָס איך וויל זאָגן, איז מיין רייך־פּערזענלעכע מיינונג און נישט די מיינונג פון וועלכער־עס־איז קערפּערשאַפט פון אידישן וועלט־קאָנגרעס, וועלכער האָט נאָך זיין פּאָליטיק נישט פאָרמולירט. מיר דאַרפן דערוואַרטן די רעזולטאַטן פון די פאָרשונגען פון אונזער שלום־אינסטיטוט, און עס וועט נאָך אַריבער אַ סך צייט ביז מיר וועלן קומען צו באַשטימטע אויספירן. לויט מיין מיינונג איז שוין אָבער איצט צייט אָנצוהויבן ריידן וועגן פרידן, און איך וויל אָפן אויסדריקן מיינע פערזענלעכע מיינונגען, ווי די מיינונגען פון אייניעם, וואָס האָט געטראַכט וועגן דעם פּראָבלעם און איז געווען מיט דעם באַשעפטיקט אין משך פון צען יאָר פּראַקטישער אַרבעט. זאָל דאָס, וואָס איך וויל זאָגן, דינען אַלס באַזע פאַר ווייטערער דיסקוסיע.

די פאָרמולע, וואָס ווערסאַל האָט אַרויסגעבראַכט, איז באַשטאַנען פון צוויי פונקטן: גלייכהייט פון יחידישע און בירגערלעכע רעכט פאַר אידן

אומעטום, און די אַזוי־גערופענע מינדערהייט־רעכט. לויט מיין מיינונג קען אונז די פאָרמולע מער נישט צופרידנשטעלן. גלייכהייט פון יחידישע רעכט איז אַן עלעמענטאַרע זאַך, אָבער ווען די גלייכהייט איז בלויז אַריינגעשריבן אין די געזעצן, פאַרמאָגט זי נישט קיין שום גאַראַנטיעס, ווייל יעדע רעגירונג קען זי בייטן ווען זי וויל. מינדערהייטס־רעכט זיינען זיכער געווען אַ געוואַל־טיקער שריט פאָרויס אין די צייטן פון ווערסאַל, און אויב מיר וועלן קיין בעסערע זאַך נישט קענען צוטראַכטן, וועלן מיר מוזן צוריקגיין צו דעם. אָבער סיי טעאָרעטיש און סיי פּאָליטיש זיינען מינדערהייטס־רעכט — ווי מיר דאַכט זיך — נישט גענוג.

דאָס הויפּט־פּראָבלעם פון גאַראַנטירן אידישע רעכט, סיי די רעכט פון יחידים און אַזוי אויך די רעכט פון די אידישע קיבוצים צו קענען לעבן זייער אייגענעם רעליגיעזן, קולטורעלן און נאַציאָנאַלן לעבן, איז נישט קיין ספּעציפיש אידיש פּראָבלעם. עס איז אַן ענין וואָס רירט אָן מיליאָנען און מיליאָנען מענטשן פון אַנדערע מינדערהייטן און הונדערטער מיליאָנען איינצלנע בירגער. דאָס צענטראַלע פּראָבלעם נאָך דער מלחמה, דאַכט מיר, וועט זיין דאָס פּראָבלעם פון דער סאָוועראַנער מלוכה — פון אָפּשאַפן די סאָוועראַנע מלוכה און איינשטעלן אַן אינטערנאַציאָנאַלע אויטאָריטעט מיט מאַכט צו האַנדלען און מאַכט צו צווינגען. אויב די צוואַנציק יאָר צווישן דער ערשטער און צווייטער וועלט־מלחמה האָבן עפּעס באַוויזן, האָבן זיי באַוויזן, אַז קיין אינטערנאַציאָנאַלע אָרדענונג און קיין זיכערקייט פון אינערלעכער פרייהייט איז נישט מעגלעך און נישט גאַראַנטירט, אַזוי לאַנג ווי עס עקזיסטירן סאָוועראַנע מלוכות מיטן רעכט צו פאַרלעצן אינטערנאַציאָנאַלע געזעצן בנוגע אַנדערע און פאַרלעצן בירגערלעכע און יחידישע רעכט אין זייערע אייגענע גרענעצן. און אויב די וועלט זאָל נישט צוריקגיין צו אַ תקופה פון כסדר־דיקע מלחמות, וואָס דאָס מיינט אַ תקופה פון גרינטלעכן חורבן, מוז די תקופה פון סאָוועראַנע מלוכות זיך ענדיקן.

מיר געפינען זיך אויפן זעלבן שיידוועג פון היסטאָרישער אַנטוויקלונג ווי עס האָט זיך געפונען דער מיטלאַלטער, ווען עס איז געשאַפן געוואָרן דער באַגריף פון אַ מלוכה מיט ברייטערע רעכט און מער מאַכט, ווי די מעכטיקע אַריסטאָקראַטן, פרייע שטעט, קירכן און אַנדערע מאַכט־גרופּעס. עס איז געווען אַ צייט, ווען די מלוכה האָט נישט פאַרמאָגט דאָס רעכט צו גאַראַנטירן די פרייהייט פון אירע בירגער און די מעכטיקע אַריסטאָקראַטן זיינען נישט גרייט געווען צו שענקען דער מלוכה אַזאַ רעכט. די היסטאָרישע אַנטוויקלונג האָט געמאַכט אַ סוף צו אָט דעם צושטאַנד פון איבערלעכער

אַנאַרכיע און האָט געשאַפן די מאָדערנע מלוכה, וואָס האָט די רעכט צו גאַראַנטירן גלייכהייט פאַרן געזעץ און שוץ פאַר יעדן איינצלנעם בירגער.

איצט דאַרף די מענטשהייט מאַכן אַ צווייטן שריט פאָרויס, און שניידן אויך די סאָוועראַנע מאַכט פון דער מלוכה גופא, וואָס נעמט זיך דאָס רעכט צו פאַרלעצן יעדן געזעץ וואָס דאַרף רעגולירן אירע באַציאונגען צו אירע אייגענע בירגער, אָדער צו אַנדערע פעלקער. נישט בלויז אידישע רעכט זיינען פאַרלעצט געוואָרן טאָג־נאָך־טאָג אין די לעצטע 20 יאָר. מיר זיינען בלויז געווען, ווי אַלעמאָל, דער קלאַסישער מוסטער פאַר דעם אַלגעמיינעם נוסח. אַ סך אַנדערע גרופּעס בירגער זיינען פאַרפאָלגט געוואָרן און געשטעלט געוואָרן אויסערן געזעץ, און אַזוי לאַנג ווי עס איז נישט באַשאַפן געוואָרן קיין אינטערנאַציאָנאַלע „מאַגנאַ קאַרטאַ", וואָס זאָל אַרויפצווינגען אויף די מלוכות באַשטימטע געזעצן; אַזוי לאַנג ווי עס איז נישטאָ קיין אינטערנאַציאָנאַלע מאַכט מיטן רעכט און כוח צו באַשטראָפן מלוכות פאַר זייערע פאַרלעצונגען פון די געזעצן, — איז נישטאָ קיין אמת'ע גאַראַנטיע פאַר אָרדענונג און פרידן צווישן די פאַרשידענע לענדער, און נישט פאַר די רעכט און פרייהייט פון די בירגער אין יעדן לאַנד גופא. לויט מיין מיינונג איז דאָס אונזער העכסטע אויפגאַבע — צו פאַראייניקן אַלע פּראָגרעסיווע כוחות אין דער וועלט אין דער פאָדערונג און קאַמף פאַר אַזאַ „מאַגנאַ קאַרטאַ".

די „מאַגנאַ קאַרטאַ" דאַרף גאַראַנטירן אומעטום מענטשן־רעכט פאַר אַלע יחידים און אַלע באַזונדערע גרופּעס יחידים — רעליגיעזע, עטנישע, שפּראַכלעכע, נאַציאָנאַלע גרופּעס. די „מאַגנאַ קאַרטאַ" דאַרף באַוואַכט ווערן פון אַן אינטערנאַציאָנאַלן טריבונאַל, פאַר וועלכן דער יחיד און די גרופּעס זאָלן זיך קענען באַקלאָגן, — אַ טריבונאַל מיט מאַכט אַרויפצוצווינגען זיינע באַשלוסן אויף ווידערשפּעניקע מלוכות. אַזאַ סיסטעם איז, לויט מיין מיינונג, מער געוואונטשן ווי דאָס סיסטעם פון די אַזוי־גערופענע מינדערהייטס־רעכט, וואָס טראָגט אין זיך אַ געדאַנק, וועלכן איך וויל נישט צולאָזן, — דעם געדאַנק, אַז די מלוכה געהערט אין דער אמת'ן צו דער מערהייט — און די מינדערהייט איז בלויז בבחינת געסט פון דער מערהייט. אָט־דער גאַנצער באַגריף, אַז די מערהייט איז דער אייגנטימער פון דער מלוכה, איז לויט מיין מיינונג אַ פאַלשער און רעאַקציאָנערער באַגריף. אַ מלוכה געהערט צו די וואָס וואוינען דאָרט, צו אַלע בירגער וואָס האָבן זי געבויט. די פראַגע וועגן רעליגיעזער, עטנישער און שפּראַכלעכער פאַרשידנקייט דאַרף נישט פאַרמינדערן די פולע רעכט פון די אָדער יענע בירגער זיך צו האַלטן ווי די אייגנטימער פון דער מלוכה.

איך ווייס אַלע שוועריקייטן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט איינשטעלן אַזאַ סיסטעם פון אינטערנאַציאָנאַלן קאָנטראָל, און איך ווייס אויך זייער וואויל, אַז אין אָנהויב וועט עס נישט פונקציאָנירן גלאַט און פּערפעקט. אָבער דאָס זעלביקע איז אויך געווען מיט דער סיסטעם פון מינדערהייטס־שוץ. זי האָט אויך נישט פונקציאָנירט נאָך אַ קורצער ווילע און זי וועט אויך נישט פונקציאָנירן אין דער צוקונפט, אויב עס וועט נישט זיין קיין אינטערנאַציאָנאַלער בית־דין מיט דער מאַכט צו האַנדלען און צווינגען, און אויב די רעגירונגען, וואָס באַטייליקן זיך אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן בית־דין, וועלן ווייטער האָבן די מאַכט וואָס זיי האָבן געהאַט אין אַלטן פעלקער־בונד צו קענען וועטאָאירן יעדן באַשלוס פון דער אינטערנאַציאָנאַלער קערפּערשאַפט.

דער קומענדיקער שלום וועט זיין אַ רעוואָלוציאָנערער שלום. אויב ער וועט נישט אָפּשאַפן אַ סך פון די פאַרוואָרצלטע באַגריפן, וועט אויך די צווייטע מלחמה זיין בלויז אַן איבערגאַנג־מלחמה אין אַ סעריע נייע, וואָס וועלן ברענגען צו אַ פולשטענדיקן חורבן פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע. די טראַגעדיע מיטן ווערסאַלער שלום־אָפּמאַך איז געווען, וואָס ער האָט אַלץ דורכגעפירט פּשרה׳דיק, מיט האַלבע מיטלען. ער האָט באַשאַפן אַ פעלקער־בונד, וואָס איז געווען אַ גלענצנדיקע אידייע — די גרעסטע פּאָליטישע אידייע אין יאָרהונדערטער — אָבער ער האָט נישט געהאַט דעם מוט צו גרינדן אַ פעלקער־בונד מיט אמת׳ער מאַכט צו צווינגען נישט־נאָכגעבנדיקע און ווידער־שפּעניקע מלוכות. ער האָט געשאַפן אַ סיסטעם פון מינדערהייט־שוץ, אַ גרויסע און פּראָגרעסיווע אידייע, אָבער ווידעראַמאָל האָט ער נישט באַשאַפן קיין טריבונאַל, וואָס זאָל אַכטונג געבן אויף דער איינפירונג און דורכפירונג פון דער סיסטעם. און די לעצטע צוואַנציק יאָר האָבן באַוויזן, אַז געווינען אַ מלחמה מיינט גאָרנישט, אויב מען פאַרלירט דעם שלום, און איך גלויב, אַז די מענטשהייט האָט געלערנט אָט די לעקציע און דעריבער דאַרפן מיר טראַכטן אין מער ראַדיקאַלע און רעוואָלוציאָנערע טערמינען, ווי מיר האָבן געטראַכט ביז איצט. איך זע נישט קיין העכערע און נאָבעלערע אויפגאַבע פאַר אידן, ווי צו ווערן דער אַוואַנגאַרד פון אַ באַוועגונג, וואָס זאָל ברענגען מיט זיך דעם גרעסטן שריט פאָרויס אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט — די אָפּשאַפונג פון דער סואווערענער מלוכה, די שאַפונג פון אַן אינטערנאַציאָנאַלער קאָנסטיטוציע, גאַראַנטיעס פאַר אַלע בירגער און גרופּעס און איינשטעלונג פון אַן אינטערנאַציאָנאַלער מאַכט, וואָס זאָל קענען רעגולירן באַציאונגען צווישן מלוכות.

אויב די „מאַגנאַ קאַרטאַ“ זאָל איינגעשטעלט ווערן, וואָלט אויך געלייזט

געוואָרן דאָס פּראָבלעם פון אונזערע רעכט אין די לענדער פון אייראָפּע און אין אַנדערע לענדער, און קיין באַזונדערע סיסטעם פון מינדערהייטס־רעכט וואָלט נישט בויטיק געווען. אויב אָבער אַזאַ סיסטעם וועט נישט געשאַפן ווערן, וועלן מיר זיכער מוזן באַשטיין אויף וועלכער־נישט־איז פאָרם פון מינדערהייטס־שוץ, און מיר דאַרפן זיך גרייטן דערצו. אָבער ווען מיר נעמען טראַכטן וועגן אונזערע נאָך־מלחמה־פּראָבלעמען, לאָמיר צוגיין צו זיי מיט מוט און פּאַרנעם, גרייט צו פאַרלאַנגען דעם מאַקסימום, ווייל די איצטיקע מלחמה מיט אירע מורא׳דיקע קרבנות וועט זיין אַן אומזיסטע, אויב זי זאָל נישט ברענגען קיין ראַדיקאַלע ענדערונגען. מיר, די גרעסטע קרבנות פון די סאָווערענע מלוכות; מיר, וועמענס רעכט עס זיינען פאַרלעצט געוואָרן מער ווי די רעכט פון יעדן אַנדערן פאָלק אָדער גרופּע — מיר האָבן זיכער דאָס רעכט און דעם חוב צו זיין אין די ערשטע רייען פון די, וואָס וועלן מאָנען און קעמפן פאַר אַ ברייטער, ראַדיקאַלער ענדערונג אין דעם פּאָליטישן צוזאַמענשטעל פון דער וועלט און פאַר אַ סיסטעם, וואָס זאָל באמת באַשיצן די פרייהייט, גלייכהייט און רעכט פון יעדן איינעם אין דער וועלט.

# צומאַרגנס נאָכן חורבן

(פון דער רעדע ביי דער דערעפענונג פון דער אידישער וועלט־קאָנפערענץ אין אַטלאַנטיק סיטי, פּאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, דעם 26־טן נאָוועמבער 1944. די קאָנפערענץ איז גערופן געוואָרן דורכן אידישן וועלט־קאָנגרעס)

אַלע באַריכטן באַווייזן, אַז אונזערע ערגסטע פּאָרויסזעאונגען זיינען איבערגעשטיגן געוואָרן דורך דעם, וואָס איז ווירקלעך געשען. מיר שטייען פאַר דעם שוידערלעכן פאַקט, וועלכער איז שוין איצט אויסער יעדן צווייפל, אַז די גרויסע מערהייט פון אייראָפּעאישן אידנטום איז אויסגעמאָרדעט געוואָרן. אָבער קיינער פון אונז איז נאָך נישט בכוח אָפּצושאַצן די באַדייטונג פון דעם פאַקט, וואָס איז גרעסער, ווי וועלכע עס איז געשעעניש אין די פילע יאָרהונדערטער פון דער אידישער געשיכטע. אונטערן באַוואוסטזיין טראַכטן מיר נאָך אַלע וועגן אייראָפּעאישן אידנטום אַזוי, ווי עס איז געווען. די מענטשלעכע פאַרשטעלונג איז אומפעאיק צו באַגרייפן די פולע באַדייטונג פון דער אויסראָטונג פון אַ פּאָר מיליאָנען מענטשן. און די שוידערלעכקייט ליגט נישט בלויז אין דעם פאַקט, וואָס מיליאָנען אידן לעבן נישט מער; דאָס וואָס עס איז היסטאָריש נאָך מער וויכטיק איז, אַז צוזאַמען מיט די אומגעקומענע אידן זיינען חרוב געוואָרן די קהילות, וועלכע זיי האָבן אויפגעבויט, די צענטערס, וואָס זיי האָבן געגרינדעט, די טראַדיציעס, וועלכע זיי האָבן אָפּגעהיט, און די קולטורעלע ווערטן, וואָס זיי האָבן געשאַפן.

איך זאָג, אַז עס וועט נעמען יאָרן און יאָרן ביז מיר וועלן אָנהויבן פאַרשטיין, וואָס די דאָזיקע אָפּשוואַכונג פון אונזער פּאָזיציע אין דער וועלט — דורך דעם פאַרלוסט פון די מיליאָנען אידן, צעשטערונג פון אידישן אייגנטום, דורך דער פאַרניכטונג פון די גרעסטע צענטערס פון אידישן קולטורעלן לעבן אין גלות — וועט באַדייטן פאַר דער גאַנצער סטרוקטור, פאַר אַלע אויסזיכטן און מעגלעכקייטן פון דעם צוקונפטיקן אידישן לעבן נאָך דער מלחמה.

איך בין זיכער, אַז דער טאָג וועט קומען, ווען עס וועט אויפשטיין אַ נייער ביאַליק און ער וועט באַזינגען, אויב איר קענט דאָס אָנרופן אַ געזאַנג, און ער וועט אָנשרייבן די גרויסע אומשטערבלעכע פּאָעמע וועגן דער טראַ־

געדיע פון די יאָרן, וואָס אין פאַרגלייך מיט זיי פאַרנעמט קישענעוו אַ קליינעם אָרט.

די צייט איז געקומען צו מאַכן אַן איבערזיכט איבער דער אומגעהויערקייט פון דער קאַטאַסטראָפע און צו ריידן מיט דער פולער אויפריכטיקייט און קוראַזש וועגן דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר איר.

***

קודם־כל, אַ פּאָר ווערטער וועגן דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. עס וואָלט געווען זייער לייכט, צו־לייכט און צו־איינפאַך פאַר אונז און פאַר דער ניט־אידישער וועלט, אַרויפצולייגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט אויף היטלער'ן און דערביי בלייבן שטיין. אָבער דאָס שעפּט נישט אויס דאָס פּראָבלעם. די מאָראַלישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט דאַרף נישט אַרויפגעלייגט ווערן אויף היט־לער'ן און אויף נאַצי־דייטשלאַנד. זיי זיינען אונטער יעדער מדרגה פון מאָראַלישער אַחריות. מיר ריידן דאָ וועגן אַ פאָלק, וואָס האָט זיך אַליין דעגראַדירט צו דער שטופע פון חיות אין מענטשלעכן געשטאַלט. דיסקוטירן מאָראַלישע פראַגן מיט די נאַציס איז אַ באַליידיקונג פאַר דעם, וואָס פּרוּווט דאָס צו טאָן. אין אַ מאָראַלישן זין זיינען זיי נישט די פאַראַנטוואָרטלעכע. אויב אַ משוגענער הונט בייסט אייך, פאַרניכטעט איר אים, אָבער איר מאַכט אויך פאַראַנטוואָרטלעך דעם אייגנטימער פון דעם הונט, וועלכער האָט אים געדאַרפט היטן. אין דעם פאַל, איז דער אַדרעס פאַר דער מאָראַלישער פאַראַנטוואָרטלעכקייט נישט נאַצי־דייטשלאַנד און נישט די גענגסטערס אָדער חיות, ווי היטלער און זיינע נאָכפאָלגער — נאָר די גאַנצע דעמאָקראַטישע וועלט פון אונזער צייט.

דאָס איז אַ פראַגע פון גרויסער פּאָליטישער און מאָראַלישער באַדייטונג, און דערפאַר הויב איך אָן דערמיט אַלץ וואָס איך האָב צו זאָגן, און איך וועל ריידן וועגן דעם מיט דער פולער אויפריכטיקייט. איך באַטראַכט דאָס פאַר אַן ענין פון גרויסער פּאָליטישער און מאָראַלישער באַדייטונג, אַז דאָס אידישע פאָלק אין דער גאַנצער וועלט דאַרף האָבן די פעסטקייט און דעם קוראַזש אַרויפצולייגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט אויף די, צו וועלכע זי געהערט.

היטלער איז נישט אַראָפּגעפאַלן פון מאַרס, אָדער פון אַן אַנדערער פּלאַנעטע אויף אונזער ערד און האָט אָנגעהויבן פאַרניכטן אידן. אַלע האָבן מיר דורכגעלעבט די דאָזיקע טראַגעדיע. עס האָט גענומען היטלער'ן צען יאָר צוצוגרייטן זיין אויסראָטונגס־פּאָליטיק, און אין פאַרלויף פון די צען יאָר האָבן מיר כסדר געהאַלטן אין איין וואָרענען די דעמאָקראַטישע וועלט וועגן דער אָנקומענדיקער קאַטאַסטראָפע. עס זיינען פאַראַן פיל פאַרשטייער

פון אידישן פאָלק, וועלכע קענען דערציילן וועגן די צאָלרייכע געשפּרעכן, פאַרהאַנדלונגען, מעמאָראַנדומס און עפּנטלעכע אַרויסטריטן, וואו זיי האָבן געוואָרנט די פירער פון דעמאָקראַטישע פעלקער, פאַר דער ספּעציעלער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס פאַלט אויף זיי פאַר דער פאַרניכטונג פון די אידן אין אייראָפּע.

די גאַנצע דערשיינונג פון היטלעריזם ליגט אין דער שטעלונג פון די דעמאָקראַטיעס. די דאָזיקע צווייטע וועלט־מלחמה איז נישט געווען קיין נויטווענדיקייט, וואָס זאָל האָבן דיקטירט געוואָרן דורך נאַטירלעכע אָדער היסטאָרישע געזעצן. אויב די פירער פון די דעמאָקראַטישע פעלקער אין די לעצטע צען יאָר וואָלטן געהאַט אַביסל מער פּשוט׳ע פאַרנונפט — און וואָס איז נאָך מער וויכטיק, אַביסל מער מאָראַלישן קוראַזש און אַ געפיל פון סאָלידאַריטעט — וואָלט די דאָזיקע צווייטע וועלט־מלחמה מיט איר גאַנצער טראַגעדיע פאַר די פעלקער, וואָס זיינען פאַרמישט אין דעם קריג, געווען כמעט אומגויטיק און וואָלט לייכט, איך ווידערהאָל, לייכט, געקענט אויס־געמיטן ווערן.

אויב עס איז אַמאָל געווען אַ תקופה אין דער געשיכטע, ווען די שטראָף פאַר דעם מאַנגל אין מענטשלעכער סאָלידאַריטעט און מאָראַלישער פעסט־קייט איז געפאַלן אויף דעם דור, וואָס איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך דערפאַר, איז עס אונזער דור. מיליאָנען לעבנס זיינען אומגעבראַכט געוואָרן איבער דעם, וואָס רעגירונגען און פעלקער זיינען געווען גלייכגילטיק צו דער געפאַר פון נאַציזם, און וואָס יעדעס פאָלק האָט געטראַכט, אַז עס וועט אַליין אויסמיידן די סכנה, לאָזנדיק אַנדערע ליידן.

און דאָס, וואָס איז ריכטיק אין אַלגעמיין, איז דאָפּלט אמת בנוגע אונז. דער נאַציזם האָט נישט אָנגעהויבן זיין אַנטי־אידישע פּאָליטיק מיט הרג׳ענען אידן. צען יאָר זיינען פאַרלאָפן זינט דער אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע און די נירנבערגער געזעצן ביז די טויט־קאַמערן פון מאַידאַנעק און טרעב־לינקע. די דעמאָקראַטיעס קענען נישט זאָגן, אַז זיי זיינען נישט געוואָרנט געוואָרן. מיר האָבן כסדר, זינט 1933, איינגע׳טענה׳ט מיט די גרויסע דע־מאָקראַטיעס, אַז זיי זאָלן אָדער אָפּשטעלן היטלער׳ס פאַרפאָלגונגען קעגן אידן, אָדער לכל־הפּחות דערמעגלעכן די אידן אַרויסצוקומען פון נאַצי־דייטשלאַנד, ווי לאַנג עס איז נאָך געווען צייט. די מערסטע פון די דעמאָקראַטישע פירער האָבן באַטראַכט אונזערע וואָרענונגען פאַר איבערטרייבונגען פון פּאַניק־איבערגעשראָקענע אידן. ווען מיר האָבן זיי געבעטן צו אינטערווענירן אין דייטשלאַנד, איז דער ענטפער געווען, אַז אַנטי־אידישע פּאָליטיק איז אַן

אינערלעכע פראַגע פון אַ לאַנד, און אַז די סואווערענע רעכט פון יעדן לאַנד פאַרווערן אַנדערע לענדער זיך אַריינצומישן וועגן דעם. ווען מיר האָבן פאַרלאַנגט עפענען די טירן פון אַנדערע לענדער, ספּעציעל פון ארץ־ישראל, האָט מען אונז געענטפערט, אַז אימיגראַציע־פּאָליטיק איז אַן אינערלעכער ענין פון אַ סואווערענער מלוכה. און ענגלאַנד׳ס אַפּיזמענט־פּאָליטיק בנוגע די אַראַבער, האָט געפירט די ענגלענדער צו פאַרמאַכן די טויערן פון ארץ־ישראל אין אַ צייט, ווען דאָס האַלטן זיי אָפן איז געווען מער וויכטיק ווי ווען עס איז פריער. אַפילו בעת דער מלחמה, ווען די ידיעות וועגן די מאַסן־רציחות, — וועלכע זיינען אין אָנהויב געשטעלט געוואָרן אונטער אַ צווייפל דורך די רעגירונגען, אָבער זיינען שפּעטער באַשטעטיקט געוואָרן דורך זייערע אייגענע פאַרשטייער, — האָבן אָנגעהויבן דערגרייכן צו אונז, און מיר האָבן פאַרלאַנגט אַ דרייסטע און אַנטשלאָסענע האַנדלונג צו ראַטעווען הונדערטער טויזנטער אידן, איז דער ענטפער געווען: רוטינע מעטאָדן, ביוראָקראַטיע, און דאָס אָפּוואַרפן די מיטלען, וואָס מיר און אַנדערע אידישע אָרגאַניזאַציעס האָבן פאָרגעלייגט.

אונז אַלעמען איז באַקאַנט די געשיכטע, וואָס מען רופט אָן רעטונגס־אַרבעט — אַ געשיכטע פון דורכגעלאָזענע געלעגנהייטן און וועגן זאַכן, וואָס אויב זיי זיינען געטאָן געוואָרן, זיינען זיי געטאָן געוואָרן צו־שפּעט און נישט גענוג. דאָס איז אַ געשיכטע, וואָס קען מאַכן פאַרלירן דעם גלויבן אין דער מענטשהייט און אין דעמאָקראַטיע. דאָס איז נישט דערפאַר, ווייל דאָ זאָל נישט האָבן געווען דער גוטער ווילן צו ראַטעווען אידן. מיר באַשולדיקן נישט די פירער פון די גרויסע דעמאָקראַטישע פעלקער אין דעם מאַנגל פון סימפּאַטיע אָדער ווילן צו העלפן. אָבער זייער ווילן איז נישט געווען אַנטשפּרעכנדיק צו דער אומגעהויערקייט פון דער טראַגעדיע. זייערע באַמי־אונגען האָבן זיך אַלעמאָל אויסגעלאָזן מיט שוועריקייטן, וועלכע זיינען אַנט־שטאַנען צוליב רוטינע פּראָצעדורן און ביוראָקראַטיע, וואָס איז נאָך געוואַקסן אין דער צייט פון קריג. שטעלט אייך פאָר, אַז די ענגלענדער וואָלטן נאָך דאַנקוירק געדאַרפט באַקומען אַ דערלויבעניש פון פיר אָדער פינף דעפּאַרט־מענטן, בכדי צו שיקן שיפן צו ראַטעווען די רעשטלעך פון זייער אַרמיי. וואָס דאָס ענגלישע פאָלק האָט געטאָן אין די העראָאישע טעג פון דאַנקוירק איז געווען, נישט צו רעכענען זיך מיט די ביוראָקראַטישע פאַרשריפטן. יעדער איינער, וואָס האָט געקענט, האָט גענומען אַ שיף און איז געקומען ראַטעווען די אַרמיי. די אידן זיינען אין די אַלע יאָרן געווען אין אַ דאַנקוירק־פּאָזיציע, אָבער קיינמאָל זיינען אויף קיין איין מאָמענט נישט אָפּגעלאָזן

געוואָרן די ביוראָקראַטישע אָדער רוטינע מעטאָדן, בכדי אַריבערצוגיין צו אַ גיכער רעטונגס־אַקציע מיט אַנטשלאָסענע מיטלען. דערפאַר זאָגן מיר צו דער וועלט, אַז דער אַדרעס פאַר אונזערע קלאָגעס און אונזערע פאָדערונגען, אונזער פאַרביטערונג און אונזער האָפענונג — איז נישט נאַצי־דייטשלאַנד.

נאַצי־דייטשלאַנד מוז צעשטערט ווערן. אָבער נאָך דעם האָבן מיר נישט מיט איר קיין שום רעכענונג צו רעגולירן, ווייל מאָראַלישע און פּאָליטישע טעמים קענען נישט אָנגעווענדעט ווערן בנוגע אַ רעזשים, וואָס טראָגט אַזאַ מערדערישן כאַראַקטער. אונזער אַדרעס זיינען די דעמאָקראַטישע פעלקער, פאַר וועלכע עס עקזיסטירן מאָראַלישע געזעצן און פאַרשריפטן פון אַנשטענ־דיקייט. זיי זיינען אין אַ היסטאָרישן זין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער דאָזיקער אומפאַרגלייכלעכער קאַטאַסטראָפע און זיי האָבן די פאַרפליכטונג צו פאַר־ריכטן דאָס, וואָס לאָזט זיך נאָך פאַרריכטן, און פאַרהיטן, אַז אַזאַ קאַטאַסטראָפע זאָל מען קיינמאָל ניט קענען פאַרקומען.

***

וואָס מיינט דאָס אין קאָנקרעטע באַגריפן? די אידישע רעכט מוזן צוריקגעשטעלט ווערן אומעטום, וואו זיי זיינען אָפּגעשאַפט געוואָרן. זיי מוזן צוריקגעשטעלט ווערן רעטראָאַקטיוו, ווי די דאָזיקע געשפענסטער־תקופה וואָלט אינגאַנצן נישט געווען. מיר ווייסן, אַז עס איז אוממעגלעך אָפּצומעקן אַלע עפעקטן פון דער דאָזיקער תקופה. עס איז נישטאָ אַזאַ זאַך, ווי פאַרגעסן אַ היסטאָרישע דערשיינונג. אין פאַרלויף פון אַ סך צענדליקער, אויב נישט הונדערטער, יאָרן וועט די וועלט ליידן פון די רעזולטאַטן פון דער דאָזיקער באַרבאַרישער ערע, אָבער לכל־הפחות דאַרפן לעגאַל די געזעצן און פאַר־שריפטן פון דער דאָזיקער תקופה אַנולירט ווערן, אַרויסגעריסן ווערן פון דעם רעקאָרד פון דער געשיכטע, און די אידישע רעכט, ווי זיי האָבן עקזיס־טירט פריער, דאַרפן צוריקגעשטעלט ווערן.

אויף ווי ווייט דאָס איז מעגלעך, דאַרף צוריקגעשטעלט ווערן דאָס אידישע אייגנטום. איך גיי דאָ נישט אַריין אין פּרטים פון דעם קאָמפּליצירטן פּראָב־לעם. איך מאַך נאָר אָן איבערזיכט וועגן די הויפּט־פּונקטן פון אַ פּראָגראַם. מיר ווייסן, אַז אַ סך פון דעם אידישן פאַרמעגן, סיי פּריוואַטן און סיי געזעל־שאַפטלעכן, וואָס איז צעשטערט געוואָרן דורך די נאַציס, קען נישט מער צוריקגעשטעלט ווערן. אָבער דער פּרינציפּ, אַז דאָס אידישע פאַרמעגן מוז צוריקגעשטעלט ווערן אומעטום, וואו דאָס איז מעגלעך, דאַרף באַטראַכט ווערן אַלס הייליק. און ווידער אַמאָל באַטאָן איך, אַז אונזער הויפּט־אַדרעס,

ווען מיר שטעלן די דאָזיקע פאָדערונג, איז נישט נאַצי־דייטשלאַנד. נאַטירלעך מוז גע׳גנב׳עט און צוגערויבט אידיש פאַרמעגן צוריקגעגעבן ווערן אומעטום, וואו דאָס איז מעגלעך. אָבער די, וואָס זיינען הויפּטזעכלעך פאַראַנטוואָרט־לעך פאַר צוריקשטעלן דאָס אידישע אייגנטום, זיינען די דעמאָקראַטישע רעגירונגען. און מיר הערן שוין פון די באַפרייטע לענדער, אַז די, וועלכע האָבן פּראָפיטירט פון דעם רויב, שטעלן זיך אַנטקעגן דעם, מ׳זאָל צוריק־געבן די אידישע פאַרמעגנס. איז עס צופיל צו זאָגן, אַז די מאָס, אין וועלכער די דעמאָקראַטישע רעגירונגען, וואָס האָבן זיך צוריק איינגעאָרדנט אין די באַפרייטע לענדער, וועלן באַקעמפן דעם ווידערשטאַנד פון אָט־די פאַראינ־טערעסירטע צו פאַרהאַלטן ווייטער די צוגע׳גנב׳עטע אידישע פאַרמעגנס און נישט צוריקגעבן זיי צו די געזעצלעכע אייגנטימער — וועט זיין אַ פּראָבע פון דער ערלעכקייט פון דעמאָקראַטישן כאַראַקטער פון די רעגירונגען? דערקלערונגען און הבטחות אַליין וועלן נישט גענוגנבען. אפשר מער ווי יעדעס אַנדער פאָלק אין דער וועלט, זיינען מיר, אידן, אין די לעצטע צען יאָר געוואָרן מיד און מאָט פון אָט־די פּלאַטאָנישע צוזאָגן און סימפּאַטיע־אויסדרוקן. דאָס, וואָס מיר צוזאַמען מיט אַנדערע פעלקער דערוואַרטן היינט־צו־טאָג, זיינען מעשים און אַקציעס.

ווען איך רייד וועגן צוריקשטעלן דאָס אידישע פאַרמעגן, מיין איך נישט נאָר דאָס פאַרמעגן פון די יחידים, וועלכע זיינען געבליבן לעבן. די מערהייט באַזיצער פון צוגערויבטן אידישן אייגנטום לעבן נישט מער. איז נאָך פאַראַן עפּעס אַ גערעכטערע זאַך, ווי צו פאָדערן לכל־הפחות, אַז דאָס אידישע פאָלק אַלס אַ גאַנצע זאָל באַטראַכט ווערן פאַר דעם יורש פון די פון זיינע קינדער, וואָס זיינען אויסגעמאָרדעט געוואָרן? עס וואָלט געמיינט מאַכן אַ בלוטיקן שפּאָס פון דער טראַגעדיע, ווען ניט־אידישע יחידים, ניט־אידישע געמיינדעס און רעגירונגען זאָלן ווערן די יורשים פון די פאַרמעגנס, וואָס אויב נישט געזעצלעך אין דעם שטרענגען זין פון דעם וואָרט, איז געוויס מאָראַליש געהערן זיי צו דער אידישער געמיינשאַפט, און דאַרפן באַנוצט ווערן פאַר אויפבויען צוריק דאָס אידישע לעבן און די אידישע צוקונפט.

אַ גרויסער מאָראַלישער פּרינציפּ איז פאַרוויקלט אין די אַלע פּראָב־לעמען, וועלכע זעען אויס צו האָבן צו טאָן נאָר מיט מאַטעריעלע ענינים. דער אופן, אויף וועלכן דאָס דאָזיקע פּראָבלעם וועט רעגולירט ווערן, וועט זיין דער אמת׳ער פּרואוו פון דעם גוטן ווילן פון די דעמאָקראַטיעס צו פאַר־ריכטן אַ טייל פון זייערע עוולות, וואָס זיי זיינען באַגאַנגען, און דערפילן אַ טייל פון זייער פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

און איצט — דאָס פּראָבלעם וועגן ווידעראויפבוי פון די פאַרבליבענע אידן אין די אייראָפּעאישע לענדער.

ווידער אַמאָל וועל איך מיט דער גאַנצער אויפריכטיקייט פעסטשטעלן דעם פּרינציפּ, וועלכער איז לויט מיין באַשיידענער מיינונג געווען ריכ־טיק אויך אין די לעצטע צוואַנציק יאָר פון אונזער אידישן לעבן, אָבער וועלכער וועט אין דער נאָך־מלחמה־תקופה האָבן די גרעסטע באַדייטונג פאַר דער צוקונפט פון אונזער פאָלק. דער דאָזיקער פּרינציפּ איז, אַז די פינאַנסיעלע לאַסט, די פליכט פאַר אידישער רעליף און רעהאַביליטאַציע קען נישט אין דער צוקונפט באַטראַכט ווערן אַלס אַן אויסשליסלעך אידישע. עס וואָלט געווען סיי עקאָנאָמיש אוממעגלעך און סיי מאָראַליש ניט אויסגע־האַלטן אַרויפצולייגן אויף דעם אידישן כלל די לאַסט פאַר דער עקאָנאָמישער און סאָציאַלער רעהאַביליטאַציע פון אייראָפּעאישן אידנטום.

מיר ווייסן, אַז עס זיינען פאַראַן געוויסע באַדייטנדיקע אידישע אָרגאַ־ניזאַציעס, וועלכע שלעפּן זיך נאָך אַלץ נאָך די אַלט־מאָדישע פּרינציפּן און וואַקלען זיך אויפצופאָדערן די רעגירונגען און אינטערנאַציאָנאַלע אַגענטורן צו געבן פינאַנסיעלע שטיצע פאַר דעם אידישן ווידעראויפבוי.

מיר, וועלכע ריכטן זיך נישט מיט אַזעלכע טעמים, מוזן קומען צו די רעגירונגען פון דער וועלט און זאָגן זיי מיט דער פולער אויפריכטיקייט, אַז מיר זיינען באַרעכטיקט צו באַקומען אינטערנאַציאָנאַלע הילף, לכל־הפחות פונקט אַזוי פיל, ווי אַלע אַנדערע אייראָפּעאישע פעלקער וועלן זי באַקומען. דאָס מיינט נישט, אַז מיר באַטראַכטן זיך אַליין פאַר פריי פון ברענגען אונזערע אייגענעביישטייערונגען. אָבער מיר אַליין קענען זיך נישט קיין עצה געבן מיט דעם פּראָבלעם. אין זיין אומגעהויערקייט און קאָמפּליצירטקייט שטייגט דאָס אַריבער די מיטלען און פאָנדן פון פּריוואַטן אידישן רעליף. אַלץ, וואָס די אידישע רעליף־אָרגאַניזאַציעס וועלן ביישטייערן, וועט זיין נאָר אַ צוגאָב. דעם הויפּט־טייל וועלן מוזן צושטעלן די זעלבע רעגירונגס־אַגענטורן, וואָס וועלן העלפן אייראָפּע און אַזיע נאָך דער מלחמה.

איך וויל זאָגן נאָך אַ פּאָר ווערטער וועגן נאָך אַ פאָדערונג, וועלכע האָט גאָרנישט צו טאָן מיט עקאָנאָמישע אָדער פינאַנסיעלע פראַגן, אָבער וואָס האָט אַן אומגעהויערע היסטאָרישע באַדייטונג. איך מיין די פראַגע וועגן שטראָף פאַר די פאַרברעכנס, וואָס זיינען באַגאַנגען געוואָרן קעגן אידן. די דאָזיקע פראַגע דרינגט אַריין מאָראַליש טיף אין דעם אַלגעמיינעם פּראָבלעם וועגן באַשטראָפן די קריגס־פאַרברעכער. דאָס איז נישט קיין ענין פון נקמה. מיר ווייסן זייער גוט, אַז קיין איין דערמאָרדעטער איד וועט נישט

געמאַכט ווערן צוריק לעבעדיק, און אַז קיין איין צעשטערטע אידישע פּאָזיציע וועט נישט צוריק אויפגעשטעלט ווערן דורך אַרויסטראָגן די שטראָף. אָבער אויב אין משך פון די לעצטע יאָרן האָט די מענטשהייט נישט געלערנט, אַז די מאָראַלישע טעמים זיינען לעבנס־נויטווענדיק פאַר דער עקזיסטענץ פון די פעלקער, און אַז אַ געוויסער מינימום פון גערעכטיקייט אין אינטער־נאַציאָנאַלע ענינים איז אומבאַדינגט נויטיק פאַר דעם המשך פון דער מענטש־לעכער ראַסע — דאַן זיינען אַלע ליידן פון אונזער דור געווען אומזיסט. דאָס געבן אַ ביישפּיל פאַר די קומענדיקע דורות און לערנען די וועלט, אַז אַזעלכע פאַרברעכנס, וואָס זיינען באַגאַנגען געוואָרן פון די נאַציס און זייערע פאַרבינדעטע, קענען נישט בלייבן אומבאַשטראָפט — איז אַ נויטווענדיקער באַדינג פאַר צוריקשטעלן די מאָראַלישע גלייכגעוויכט פון דער קומענדיקער נייער וועלט. מיר זיינען זייער צופרידן צו פאַרצייכענען, אַז די פירער פון די פאַראייניקטע פעלקער האָבן איניקע מאָל פּראָקלאַמירט דעם דאָזיקן פּרינציפּ און זייער אַנטשלאָסנקייט אים דורכצופירן. אויב די פאַרעלטערטע באַשטימונגען און באַגריפן פון דעם אַזוי־גערופענעם אינטערנאַציאָנאַלן געזעץ זיינען אַ שטערונג פאַר דער פולער און שטרענגער דורכפירונג פון דעם פּרינציפּ, דאַן מוזן זיי געענדערט ווערן. אויב די עקזיסטירנדיקע געזעצן זיינען אין קאָנפליקט מיט די עלעמענטאַרע פאָרשריפטן פון מאָראַל, קענען זיי מער נישט בלייבן קיין געזעצן. עס איז פאַראַן אַ ווירקלעכע געפאַר, אַז ווען אַפילו דער פּרינציפּ פון באַשטראָפן די קריגס־פאַרברעכער וועט דורכגעפירט ווערן, וועלן אַ סך פון די שוידערלעכע פאַרברעכנס, וואָס זיינען באַגאַנגען געוואָרן ספּעציעל קעגן אידן, בלייבן אומבאַשטראָפט. מיר וועלן נישט רוען אַזוי לאַנג, ווי די דאָזיקע געפאַר וועט עקזיסטירן. מיר וועלן נישט אויפהערן צו בעטן און פאָדערן, אַז בעת עס וועט געמאַכט ווערן דער חשבון מיט די נאַצי־פאַרברעכער, זאָל מען נישט פאַרקוקן די אידישע טענות. דאָס שטיין אויף דער וואַך און אָפּהיטן, אַז אויך אין דער דאָזיקער הינזיכט זאָלן מיר נישט זיין אַ פאַרגעסן פאָלק, וועט זיין — ווי עס איז ביז איצט געווען — איינע פון די הויפּט־אויפגאַבן פון אידישן וועלט־קאָנגרעס. מיר האָפן צו באַקומען די שטיצע פון אַלע אָנשטענדיקע מענטשן און אַלע פירער פון די פאַראייניקטע פעלקער, ווען אַפילו דאָס וואָלט געמיינט, אַז מען דאַרף באַזייטיקן געוויסע פאַרעלטערטע לעגאַלע באַגריפן.

***

די אַלע פאָדערונגען, וועלכע איך האָב דאָ נאָר־וואָס אויסגערעכנט, זיינען נישט קיין ספּעציפיש אידישע. דאָס זיינען פאָדערונגען, וועלכע ווערן

אויף אַן אַנדערן אופן און אין אַנדערע פֿאַרמולירונגען געשטעלט דורך פיל אַנדערע פֿעלקער. זיי צילן נישט מער ווי אַנצואווענדן בנוגע דעם אידישן לעבן און דער אידישער צוקונפֿט דעם אַלגעמיינעם פּרינציפּ פון גלייכהייט. נישט נאָר אונזערע רעכט דאַרפֿן צוריקגעשטעלט ווערן. די רעכט פון אַלע אַנדערע פֿעלקער, וועלכע זיינען צעשטערט געוואָרן פון די נאַציס, דאַרפֿן צוריקגעשטעלט ווערן, און צווישן זיי אויך אונזערע רעכט. נישט נאָר אונזער אייגנטום דאַרף צוריקגעגעבן ווערן, נאָר אויך די פֿאַרמעגנס, וואָס זיינען צוגערויבט געוואָרן דורך די נאַציס פון אַלע זייערע קעגנער, צווישן זיי אויך אונזער פֿאַרמעגן. אין אַלץ וואָס מיר פֿאָדערן, האָבן מיר אין זינען איין פּרינציפּ, אַז דאָס, וואָס עס ווערט געגעבן אַנדערע פֿעלקער, דאַרף אויך אונז געגעבן ווערן. מיר פֿאַרלאַנגען נישט מער, אָבער אויך נישט ווייניקער.

אָבער אויב אַפילו דאָס אַלץ וועט אונז געגעבן ווערן, איז דאָס פּראָבלעם נאָך נישט געלייזט. די לעצטע צען יאָר האָבן באַוויזן, אויב עס איז נויטיק אַזאַ באַווייז, אַז אַפילו אין אַ וועלט אָן נאַציזם איז די אידישע פּאָזיציע נישט נאָרמאַל. עס איז געווען אַנטיסעמיטיזם פֿריער, פֿאַר די נאַציס, און מיר זיינען נישט אַזוי נאַאיוו צו גלויבן, אַז היטלער׳ס מפּלה מיינט דעם סוף פון אַנטיסעמיטיזם. היטלער האָט נישט געשאַפֿן דאָס אידישע פּראָבלעם; ער האָט דאָס מיסגעברויכט, און האָט דאָס עקספּלואַטירט אויף אַ טייוולאַנישן וועג.

דאָס אידישע פּראָבלעם איז די היימלאָזיקייט פון אידישן פֿאָלק. מיר וועלן זיך נישט אַריינלאָזן אין אידעאָלאָגיעס. אָבער ריידנדיק רעאַליסטיש וועגן דעם, קען מען פֿעסטשטעלן, אַז אויב אַ אידישע ארץ־ישראל וואָלט פֿולשטענדיק אויפֿגעבויט געוואָרן מיט צען אָדער מיט פֿופֿצן יאָר צוריק; אויב עס וואָלט געווען אַ אידישע מלוכה אין ארץ־ישראל, בעת היטלער האָט זיך באַוויזן אויפֿן האָריזאָנט און איז געקומען צו דער מאַכט; אַ אידישע מלוכה און אַ לאַנד, וואָס וואָלט געקענט עפֿענען די טויערן פֿאַר אַלע אידן, וואָס האָבן געדאַרפֿט אַהינקומען צו אַנטלויפֿן פון דער געפֿאַר — וואָלט אַזאַ טראַגעדיע נישט פּאַסירט. יעדער איינער פֿאַרשטייט דאָס. דאָס איז עלעמענ־טאַר. איצט, ווען די לעבנס פון מיליאָנען האָבן באַוויזן דער וועלט, וואָס עס מיינט דאָס אידישע פּראָבלעם, דאַרפֿן מיר נישט היינט־צו־טאָג לערנען ציוניזם אָדער לייענען הערצל׳ען און פּינסקער׳ן. עס איז בלויז גענוג צו געדענקען די מיליאָנען אידן אין אייראָפּע, וועלכע זיינען אומגעבראַכט גע־וואָרן איבער דער היימלאָזיקייט פון אידישן פֿאָלק.

צי דאַרפֿן מיר וואַרטן אויף אַ צווייטער לעקציע פון דעם מין און באַצאָלן

מיט נאָך מיליאָנען אידישע לעבנס, איידער דאָס דאָזיקע פּראָבלעם וועט געלייזט ווערן ראַדיקאַל און פונדאַמענטאַל? אויב עס איז אַמאָל געווען אַ מאָמענט, ווען דאָס אידישע פאָלק איז געווען באַרעכטיקט צו פאָדערן איין מאָל פאַר אַלע מאָל אַ לייזונג, וואָס זאָל מאַכן אַ סוף צו דעם אורשפּרונג פון דעם פּראָבלעם און שאַפן לעבנס־באַדינגונגען פאַר אונזער פאָלק, וואָס זאָלן מאַכן אוממעגלעך די ווידערהאָלונג פון אַזאַ טראַגעדיע — דאָן איז איצט דער מאָמענט. און קיין שום פּראָגראַם פון אידישע פאָדערונגען האָט נישט קיין זין און קיין היסטאָרישע באַדייטונג, אויב עס קולמינירט זיך נישט אין דער פאָדערונג וועגן אַ אידישער קאָמאָנוועלט אין ארץ־ישראל.

עס איז פאַראַן אַ גרויסע צאָל אידן אין אייראָפּע, וועלכע, אויב אַפילו אַלץ זאָל געטאָן ווערן, קענען זיי נישט צוריקגעשטעלט ווערן אין נאָרמאַלע פּאָזיציעס ביי דער צע׳גזל׳טער ווירטשאַפט אין אייראָפּעאישן לעבן. דער אַנטיסעמיטישער סם, וואָס איז פאַרשפּרייט געוואָרן דורך נאַצי־דייטשלאַנד צען יאָר, וועט ליידער בלייבן אין גרויסע טיילן פון אייראָפּע נאָך אויף פיל יאָרן. און צי האָבן נישט אידן אין אייראָפּע, נאָך דעם אַלעם, וואָס זיי האָבן זיך אָנגעליטן, דאָס רעכט אָפּצוזאָגן זיך, אַז מען זאָל זיי צוריקשיקן אין די אַלטע וואוין־לענדער? דאָס רעכט אָפּצוואַרפן יעדן אַזעלכן פאָרשלאָג, וואָס זאָל זיי צווינגען אָנצוהויבן אַ ניי לעבן דאָרט, וואו זייערע קינדער זיינען פאַר׳סמ׳ט געוואָרן און זייערע עלטערן זיינען דער׳הרג׳עט געוואָרן? ווער האָט דאָס מאָראַלישע רעכט צו צווינגען מענער און פרויען ווידער אויפצובויען זייערע לעבנס אויף די קברים פון זייערע קרובים און פאַמיליעס? מירריידן דאָ נישט לטובת אַ געצוואונגענער עוואַקואַציע פון אייראָפּעאישן אידנטום. די וואָס ווילן בלייבן אין אייראָפּע, האָבן אַ רעכט צו בלייבן און ווערן צוריקגעשטעלט אין זייער פריערדיקן סטאַטוס. אָבער עס וועלן זיין אַ סך, וואָס וועלן אָפּוואַרפן די דאָזיקע לייזונג, און דער מינימום, וואָס מען קען טאָן פאַר זיי, איז צו געבן זיי דאָס רעכט אָנצוהויבן אַ ניי לעבן אין זייער אייגן לאַנד, וואו — וואָס עס זאָל נישט געשען — קען דאָרט נישט פאָרקומען אַזאַ קאַטאַסטראָפע. דעריבער איז די פאָדערונג וועגן אויפבויען ארץ־ישראל אַלס אַ אידישע קאָמאָנוועלט נישט מער אַן אַזוי־גערופענע ציוניסטישע פאָדערונג. זי איז אַריבערגעשטיגן די גרענעצן פון פּאַרטיי־ציוניזם. די איבערוועגנדיקע מערהייט פון די אידן אין דער גאַנצער וועלט פאָדערט די דאָזיקע גרינטלעכע לייזונג פון אידישן פּראָבלעם. און אויב עס איז פאַראַן וועלכע עס איז רעאַלע אַנטשעדיקונג, וואָס די דעמאָקראַטישע וועלט איז אונז שולדיק פאַר דער טראַגעדיע אין לעצטן יאָרצענדליק —

קען עס געטאָן ווערן דורך שאַפן אַ אידישע קאָמאָנוועלט, דורך געבן אונז דאָס רעכט און די הילף זי אויפצובויען.

די טויטע קענען מער נישט געמאַכט ווערן לעבעדיק. די באַזע, אויף וועלכער עס האָט זיך געשטיצט דאָס אידישע לעבן אין אייראָפּע, קען נישט ווערן צוריקגעשטעלט. אָבער איין אַנטשעדיקונג קען אונז געגעבן ווערן: דאָס שאַפן אַזעלכע באַדינגונגען, וואָס זאָלן דערמעגלעכן די אידן צו לעבן אַלס אַ נאָרמאַל פאָלק — דאָס שאַפן אַ אידיש היימלאַנד אין פולן זין פון דעם וואָרט; אַן אָרט, וואו יעדער איד פון אייראָפּע און אַנדערשוואו, וואָס וויל אַהינגיין אָדער איז געצוואונגען אַהינצוקומען, זאָל דאָרט אויפגענומען ווערן און געפינען אַ מקום־מקלט.

מען קען נישט שטאַרקער באַליידיקן דעם ציוניזם, ווי אים פאָרצוואואַרפן, אַז ער איז דעזאינטערעסירט אין אידישן לעבן אין אַנדערע לענדער, ווי אייניקע האָבן דאָס געטאָן. קיין שום אידישער קיבוץ האָט ניט געטאָן מער צו ראַטעווען דאָס אידישע לעבן אין אייראָפּע, ווי דאָס ארץ־ישראל׳דיקע אידנטום האָט דאָס געטאָן. ציוניזם איז טיף פאַראינטערעסירט אין שטאַרקע אידישע קיבוצים איבער דער גאָרער וועלט, אַלס אַ נאַטירלעך הינטערלאַנד און אַלס אַ קוואַל פון מענטשלעכע כוחות פאַר אימיגראַציע. עס איז ניט קיין צופאַל, אַז אין אַלע אַנדערע לענדער פון דער וועלט זיינען די ציוניסטן געווען שטענדיק צווישן די הויפּט־טוער פאַר אויפלעבן די אידישע קולטור און אָרגאַניזירן די אידישע קיבוצים אין גלות. דאָס, וואָס מיר פאַרלאַנגען פאַר די אידן אין גלות, איז אַנצוואווענדן די נאָרמאַלע, עלעמענטאַרע באַשטימונגען און פּרינציפּן בנוגע דעם אידישן פאָלק. דאָס, וואָס מיר פאַרלאַנגען אין ארץ־ישראל, איז אַ ספּעציפישע לייזונג פאַר דעם ספּעציפיש־אידישן פּראָבלעם, וואָס האָט עקזיסטירט זינט יאָרהונדערטער. די פאָדערונג וועגן אַ אידישער קאָמאָנוועלט שליסט נישט אויס אונזערע תביעות וועגן אידישער גלייכבאַרעכטיקונג אומעטום. אָבער די פאָדערונג וועגן גלייכע רעכט פאַר אידן אין אַלע לענדער, מאַכט נישט איבערפליסיק אונזער תביעה וועגן ארץ־ישראל אַלס אַ אידישע קאָמאָנוועלט.

***

פאַר פיל יאָרהונדערטער איז נישט געווען אַזאַ דור אין אידישן לעבן, וואָס זאָל זיין באַלאַסטעט מיט אַזאַ גרויסער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, ווי אונזער דור. מיר זיינען געווען עדי ראיה פון דער גרעסטער טראַגעדיע אין דער געשיכטע און זיינען געווען אומפעאיק זי צו פאַרהיטן. אונזער גרעסטע סכנה וואָלט געווען, ווען מיר וואָלטן פאַרצווייפלט, און עס איז לייכט פאַר

אַ אידן צו פאַרצווייפלען היינט־צו־טאָג. מיר מוזן זיך צוריקקערן צו די קוואַלן פון אידישן גלויבן, בכדי נישט צו פאַרלירן די האָפענונג. עס איז לייכט פאַר אַ אידן אין די היינטיקע טעג צו ווערן ציניש און פאַרלירן דעם גלויבן אין אַלע מאָראַלישע ווערטן נאָך דעם, ווי מיר ווייסן, אַז מיליאָנען אידן זיינען אויסגעמאָרדעט געוואָרן אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, און די וועלט האָט זיך אויף דעם קוים אַרומגעקוקט. דער אמת׳ער זיג פון היטלער׳ן וואָלט אָבער געווען, ווען ער וואָלט באַוויזן צו דערגרייכן, אַז די פאַרבליבענע אידן זאָלן פאַרלירן זייער גלויבן אין דער מענטשהייט און אין דער אידישער צוקונפט, און זאָלן ווערן גלייכגילטיק צו אונזער קאַמף פאַר פאַרזעצן אונזער קיום.

אין דעם גרויסן היסטאָרישן דועל צווישן נאַציזם און דעם אידישן פאָלק, וועט דאָס אידישע פאָלק אַלס אַ פאָלק נישט צעשטערט ווערן אַזוי לאַנג, ווי לאַנג אידן וועלן נישט אויפגעבן זייער האָפענונג. איך גלויב באמת, אַז אויב די שארית־הפליטה פון אידנטום וועט נישט פאַרלירן דעם גלויבן און דעם מוט, דעמאָלט איז, נישט געקוקט אויף דעם אַלעם וואָס איז געשען, אונזער צוקונפט נישט ערנסט באַדראָט. עס איז געווען איינער פון די גרעסטע נסים פון אידישער זעלבסט־דערהאַלטונג און פון דעם טיפן אידישן נאַציאָנאַלן אינסטינקט, מיט וואָס עס דערקלערט זיך דער המשך פון אונזער פאָלקס קיום — וואָס גראַד אַ דור אָדער צוויי דורות פאַר דער היטלער־קאַטאַסטראָפע האָבן מיר אָנגעהויבן לייגן דעם יסוד פון אידישן ארץ־ישראל. קיינער פון אונז וואָלט ניט געגלויבט, אַז נאַציזם איז מעגלעך אין אונזער צייט. אָבער ווי עס זאָל ניט זיין, האָט אונזער פאָלק געפילט, אַז ער דאַרף שאַפן נייע יסודות פאַר זיין צוקונפט. און פונקט ווי מיט פיל הונדערטער יאָרן צוריק, איידער מיר זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון ארץ־ישראל, האָבן מיר אין צייט צוגעגרייט גרויסע אידישע צענטערס אין גלות, אַזוי האָבן מיר איבערגעקערט דעם פּראָצעס און אָנגעהויבן בויען אַ היים, איידער עס האָט זיך אָנגערוקט אויף אונז די גרעסטע פון אַלע קאַטאַסטראָפעס אין אונזער געשיכטע.

אָן אַ אידישן ארץ־ישראל וואָלט אונזער צוקונפט אַלס פאָלק געווען מער ווי באַדראָט. מיט אַ אידישן ארץ־ישראל — און איך זאָג דאָס אונטער דעם פרישן איינדרוק פון מיין באַזוך אין דעם לאַנד — דאַרפן מיר נישט מורא האָבן. אין דעם גרויסן קאַמף צווישן נאַציזם און אונזער פאָלק וועלן מיר סוף־כל־סוף זיין די זיגער, ווען אַפילו מיר וועלן באַצאָלן דערפאַר מיט אַ פערטל אָדער אַ דריטל פון אונזער פאָלק. אָבער דער ענדגילטיקער באַשלוס וועגן אונזער צוקונפט איז אָפּהענגיק פון אונז, און נישט פון די

דעמאָקראַטישע פעלקער און זייערע גרויסע פירער, וועגן וועלכע איך גלויב, אַז זיי זיינען באמת אונזערע פריינט.

דער ווילן פון דער שארית־הפליטה פון אונזער פאָלק פאַרצוזעצן אונזער נאַציאָנאַלן קיום, מוז טריאומפירן איבער דער פאַרניכטונג פון מיליאָנען פון אונזערע ברידער. אָבער מיר מוזן קאָמפּענסירן אונזערע פאַרלוסטן דורך אַ גרעסערער איבערגעבנקייט און דורך נעמען אויף זיך אַ שווערערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. די אידישע קיבוצים אין דער מערב־העמיספּערע, וועלכע האָבן פאַרנומען צווייטראַנגיקע פּאָזיציעס אין אונזער געשיכטע און האָבן געשפּילט די ראָלע פון רעזערוו־אַרמייען, וועלן דאַרפן אַרויסמאַרשירן פאַרויס אין די פראָנט־ליניעס. פון דער פולער און ענגער קאָאָפּעראַציע פון די אידישע קיבוצים אין דער מערב־העמיספּערע וועט זיין אָפּהענגיק אין אַ גרויסער מאָס די צוקונפט פון אונזער פאָלק.

אַן אומגעהויערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף אונזער דור. עס וועט זיין אָפּהענגיק פון אונז, צי אין די נאָענטסטע פאַר יאָר וועלן געלייגט ווערן די יסודות פאַר אַ נייער און גרויסער אידישער צוקונפט, אָדער די טראַגעדיע פון דעם אייראָפּעאישן אידנטום וועט באַציי־כענען דעם אָנהויב פון אַ תקופה פון פונאַנדערפאַל און דעזאינטעגראַציע פון אידישן פאָלק. בײדע זיינען רעאַלע מעגלעכקייטן. דער באַשלוס, וועלכע פון זיי עס זאָל ווערן אַווירקלעכקייט, ליגט אין אונזערע הענט. מיר זיינען אפשר דער טראַגישסטער דור אין דער אידישער געשיכטע — אַ דור, וואָס איין העלפט פון אים איז פאַר׳משפּט צו זען, ווי די אַנדערע העלפט ווערט פאַרניכטעט, און קען איר נישט העלפן. אָבער דאָס איז נאָך נישט דער ענדגילטיקער סוף. דער טראַגישסטער פון אַלע אונזערע דורות קען נאָך אַלץ ווערן איינער פון די געבענטשטסטע, אויב ער וועט אויספירן זיין ראָלע, וועלכע די אידישע געשיכטע רופט אים צו שפּילן, און אויב ער וועט דער־פילן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט אַרויסצופירן אונזער אומגליקלעך פאָלק פון דער טראַגישער פאַרגאַנגענהייט דורך אַן אומבאַשטימטער קעגנוואַרט צו אַ נייער און בעסערער צוקונפט.

# ערב דער היסטאָרישער אָנטשיידונג

(רעדע ביי דער דערעפענונג פון דער ערשטער לאַטיין־אַמעריקאַנער קאָנפערענץ
פון אידישן וועלט־קאָנגרעס אין בוענאָס־איירעס, דעם 29־טן יוני 1947)

מיט זעקס יאָר צוריק בין איך גע־שטאַנען אויף דער זעלבער טריבונע און פאַר אייך גערעדט. מיר זיינען דעמאָלט געווען אין אָנהויב פון דער מלחמה. מיר האָבן נישט געקענט באַגרייפן, וואָס דער קאַטאַקליזם וועט ברענגען פאַרן אידישן פאָלק. מיר האָבן זיך נאָך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון וועגן דער פאַרשטייענדיקער קאַטאַסטראָפע. איך האָב געהאַט דעם מוט צו זאָגן נביאות וועגן דעם אומ־גליק, וואָס רוקט זיך אָן אויף אונזער פאָלק. געוואָרנט די פרעסע נישט צו נעמען אַזוי לייכט די געשעענישן. דער אידישער וועלט־קאָנגרעס האָט גע־וואָלט ראַטעווען, אָבער נישט געהאַט די שטיצע פון דער געזעלשאַפט. מיר זיינען געווען פול מיט דאגות וועגן דעם גורל פון די אידן אין אייראָפּע און נישט געפונען דעם נויטיקן אָפּקלאַנג אין דעם מאָמענט, ווען עס איז מעגלעך געווען עפּעס צו טאָן, עפּעס צו ראַטעווען. עס איז געקומען די קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט דערפירט צום אונטערגאַנג פון זעקס מיליאָן אידן. היינט שטיי איך ווידער אויף אָט־דער טריבונע נישט כדי צו זאָגן נביאות, נאָר כדי צו מאַכן אַ סך־הכול און אַן אַנאַליז נאָך דער שרעקלעכער קאַטאַסטראָפע.

די מלחמה האָט זיך געענדיקט מיט צוויי יאָר צוריק. קיינער ווייס נישט ווער עס האָט געזיגט: די זיגער צי די באַזיגטע. מיר, וואָס האָבן זיך באַטיי־ליקט אין דער דאָזיקער מלחמה מער ווי וועלכע עס איז אַנדער פאָלק, ווייסן נאָך נישט, צי מיר געהערן צו די באַזיגטע אָדער צו די זיגער. אונזער מלחמה, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן אין 1933, איז נאָך נישט פאַרענדיקט. מיר קענען נאָך נישט וויסן, וואו מיר געהערן. מיר האָבן פאַרלוירן אַ דריטל פון פאָלק, און וואָס עס הייסט פאַרלירן אַ דריטל קען מען זיך ערשט געבן רעכענונג. ווען מען פאַרט אַרום, אַזוי ווי איך, איבער ישובים. איך זאָג אייך, אַז קיין שום פאַנטאַזיע איז נישט בכוח זיך פאָרצושטעלן, וואָס עס מיינט אונזער פאַרלוסט און וואָס פאַר אַ באַדייט די אויסראָטונג פון דעם דריטל וועט האָבן אויף לאַנגע דורות. מען דאַרף באַגרייפן, אַז עס איז נישט קיין דריטל פון פאָלק בלויז אין צאָל; עס איז ד אָ ס דריטל, דאָס בעסטע, דאָס געטרייעסטע פון אונזער פאָלק. די וואַרשע, די ווילנע, די ביאַליסטאָק א. אַ. וואָס זיינען געווען,

לאָזן זיך מער נישט אויסבויען. אויב זיי זאָלן אויפשטיין תחית־המתים, וועט מער נישט זיין די מעגלעכקייט זיי צוריק אויפצובויען. מיר זיינען אַרויס־געקומען פון דער מלחמה צופיל צעבראָכן. חוץ דעם ווערן אַזעלכע צענטערס נישט געבויט דורך פּלענער אָדער רעוואָלוציעס. דורות לאַנגע האָבן זיי געבויט און באַרייכערט מיט שעפערישקייט אָט־די דאָזיקע גייסטיקע צענטערס. מיר ציילן היינט זעקס מיליאָן אידן אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט. קיינער קען זיך אָבער נישט מאַכן קיין אילוזיע, אַז זיי קענען דערזעצן דעם אונטער־גאַנג פון די זעקס מיליאָן אייראָפּעאישע אידן. מען בויט אינסטיטוציעס, שולן, מען זאַמלט פאַר זיי הילף, מען בויט אַפילו ישיבות — אַ ברכה דאַרף קומען אויף די בויערס פון אונזערע ישובים אין אַמעריקע. מיר און וואָלאָזשין וועלן אָבער נישט צוריק אויפגעבויט ווערן. דאָרט איז געווען אַן אייגענע אידישע ציוויליזאַציע, וואָס האָט אַרויסגעדרונגען פון דער גייסטיקייט און אייגנאַרט פון אידישן לעבן. עס איז געווען די סביבה, וואָס איז דורך יאָרהונדערטער אויפגעשטעלט געוואָרן. דאָס קען מען אין איין דור נישט אויפשטעלן צוריק.

אויב עס וועט אונז נישט געלינגען צו נאָרמאַליזירן אונזער לעבן, ווייס איך נישט, וויאַזוי וועלן מיר אַרויסקומען נאָך אַ נייעם קאַטאַקליזם, וואָס איז נישט אוממעגלעך אין אַנבליק פון די נייע געשאַפענע קאָמפּליקאַציעס נאָך דעם שלום־אָפּמאַך. און נישט בלויז ווייל מיר זיינען געוואָרן שוואַכער, נאָר אויך דערפאַר, וואָס די וועלט איז געוואָרן ערגער. מיר לעבן אין 20טן יאָרהונדערט, אין דעם ברוטאַלן יאָרהונדערט, וואָס איז אַ ביטערער יאָר־הונדערט פאַר מינאָריטעטן. עס איז נישט דער ליבעראַלער און ראַציאָנאַ־ליסטישער 19טער יאָרהונדערט, וואו עס איז נאָך אָפּגעהיט געוואָרן דער יחיד און די מאָראַל. מיר לעבן איצט אין אַ ברוטאַלער צייט, אין אַ וועלט פון מאַכט און ברוטאַליטעט. אין אַזאַ וועלט, וואָס איידער מען האָט נאָך אונטער־געשריבן דעם שלום־אָפּמאַך, רעדט מען שוין וועגן אַ נייער מלחמה — אין אַזאַ וועלט קענען מיר, דאָס אידישע פאָלק, זיך נישט באַזירן אויף הומאַ־ניטעט. מיר קענען אָבער די וועלט נישט בייטן. מיר קענען נאָר — און מיר מוזן — שאַפן פאַר אונז אַ מאַכט־פּאָליטישע עקזיסטענץ. דאָס קען דערגרייכט ווערן דורך עטאַבלירן אַ אידישע מלוכה.

ציוניזם איז היינט נישט מער אַ פראַגע נאָר פאַר ציוניסטן; עס איז אַ פּראָבלעם פאַר אַלע אידן. מיר מוזן איינגיין אויף קאָנצעסיעס און איינשטעלן אַ מלוכה־לעבן. מיר קענען מער נישט וואַרטן, אויך די אַראַבער ווילן נישט וואַרטן. ענגלאַנד איז יאָ גרייט צו וואַרטן, אָבער האַלטן פאַרמאַכט די טויערן

פון ארץ־ישראל פאַר אידישער אימיגראַציע. איך האָב רעספעקט פאַר די אידן, וואָס מיינען, אַז מען דאַרף וואַרטן אויפן קץ און באַקומען גאַנץ ארץ־ישראל. איך האָב רעספעקט פאַר זייער ציוניזם, אָבער נישט פאַר זייער פּאָליטישער אינטעליגענץ. מיר טאָרן נישט פאַרגעסן, אַז די וועלט וויל זיך מער מיט אונז נישט פאַרנעמען. אויב זי פאַרנעמט זיך איצט מיטן אידישן פּראָבלעם איז כדי פּטור צו ווערן פון דעם פּראָבלעם. דערפאַר איז נויטיק, אַז מיר זאָלן באַלד באַקומען אַ מלוכה־אויטאָריטעט אין דער וועלט דורך באַקומען דעם סטאַטוס פון אַ אידישער מדינה אין ארץ־ישראל, אַפילו אויב מען דאַרף מאַכן קאָמפּראָמיסן און קאָנצעסיעס, ווען מען דאַרף עס טאָן.

די אַראַבער זיינען פאַרטראָטן איצט אין דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער דורך זעקס מוסולמענישע מלוכות, און מיר מוזן זיך נאָך אַרומדרייען אין די קולואַרן פון די פּאַרלאַמענטן און קאָנגרעסן. עס איז דאָ אַ גוטער שאַנס צו עטאַבלירן דעם סטאַטוס פון אַ אידישער מלוכה אין ארץ־ישראל. דאָס איז איצט אַ זאַך פון אַלע שיכטן פון פאָלק, איבער־הויפּט נאָך דער דערקלערונג וואָס סאָוועט־רוסלאַנד האָט געמאַכט בנוגע איר שטעלונג צו ארץ־ישראל. מען דאַרף אַלץ טאָן, כדי אין דער קורצסטער צייט צו באַקומען מלוכה־רעכט אין ארץ־ישראל. פאַר דעם דאַרפן געמאַכט ווערן אַלע אָנשטרענגונגען.

וואָס שייך ענגלאַנד קענען מיר זאָגן, אַז מיר האָבן פאַרענדיקט די קאָאָפּעראַציע מיט איר. איך באַדויער די אַנטי־ענגלישע שטימונגען ביי די אידן. מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז דאָס ענגלישע פאָלק איז אַ גרויס פאָלק און איז געווען דער וויכטיקסטער פאַקטאָר אין דער מפּלה פון נאַציזם, שוין אָפּגע־רעדט דערפון, אַז אַ סך אידן זיינען דורך ענגלאַנד געראַטעוועט געוואָרן. מיר האָבן געזוכט אָנצוהאַלטן די קאָאָפּעראַציע מיט גרויס־בריטאַניע, אַפילו גע־מאַכט קאָנצעסיעס, אָבער עס איז ניט געלונגען. דאָס קאַפּיטל איז דעריבער געשלאָסן. מען דאַרף אָבער געדענקען, אַז אָט־די דאָזיקע קאָאָפּעראַציע איז ניט אָפּהענגיק פון די סימפּאַטיעס פון די מענער, וועלכע שטייען איצט ביי דער רעגירונג, הגם אַ געוויסע באַדייטונג האָט עס אויך. עס זיינען אָבער, אין תוך גענומען, פאַראַן פיל עלטערע סיבות, און דאָס זיינען:

א) ענגלאַנד פון 1947 איז נישט דאָס ענגלאַנד פון 1918. דעמאָלט איז ענגלאַנד געווען אַ מעכטיקע אימפּעריע און האָט זיך געקענט פאַרגינען נישט מורא צו האָבן פאַר די אַראַבער. עס איז אויך געווען די אידעאַליסטישע ווילסאָן־עפּאָכע. קליינע פעלקער זיינען באַפרייט געוואָרן און קיין שום פאָלק האָט נישט געוואַגט צו זיין קעגן ציוניזם, וואָס איז אויסגעדריקט געוואָרן אין

דער באַלפור־דעקלאַראַציע. עס איז געווען אַ פּאָליטיק פאַרבונדן מיט הומאַ־ניטאַריזם און וויזיע. היינט איז ענגלאַנד אין ירידה און קעמפט פאַר איר עקזיסטענץ. איך גלויב, אַז זי קען זיך איצט נישט דערלויבן צו פירן אַ פּאָליטיק קעגן די אַראַבער. דאָס איז, אַגב, די סיבה פאַרוואָס זי האָט גע־בראַכט דאָס פּאַלעסטינע־פּראָבלעם צו דער „יו־ען". גרויס־בריטאַניע האָט מער נישט קיין קוראַזש און וויל נישט האָבן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט צו טראָגן די דאָזיקע שווערע פּראָבלעם אויף זיך אַליין. ענגלאַנד איז אָבער אַ גרויס פאָלק און וועט פון דעם שווערן געראַנגל פאַר עקזיסטענץ סוף־כל־סוף אַרויס זיגרייך. די לאַגע איז אָבער דערווייל אַזוי, אַז אונזער מיטאַרבעט מיט ענגלאַנד איז ווייטער אוממעגלעך. דערצו העלפט נאָך צו, וואָס אין דער איצטיקער ברוטאַלער און ציניש‌ער וועלט שפּילן די קליינע פעלקער קיין ראָלע נישט. עס האָט זיך דעריבער געשאַפן פאַרן ציוניזם און פאַרן אידישן פאָלק בכלל אַ שווערע און אומגינציקע אַטמאָספערע.

ב) אַ צווייטע, נישט ווייניק וויכטיקערע סיבה איז, וואָס דער ציוניזם איז היינט נישט דער, ווי ער איז געווען מיט קנאַפּע צוויי צענדליק יאָר צוריק, ווען עס איז געגעבן געוואָרן די באַלפור־דעקלאַראַציע. דעמאָלט איז דער ציוניזם געווען אין די אויגן פון די פעלקער אַ טרוים. ארץ־ישראל האָט פאַרמאָגט 56 טויזנט אידן און איז געווען אַ קליין לענדל, וואָס האָט נישט געשפּילט קיין ראָלע. היינט איז ציוניזם שוין נישט מער קיין ענין פאַר וויזיאָנערן און טרוימער. ארץ־ישראל מיט די בערך 700,000 אידן, וואָס געפי־נען זיך איצט דאָרט, איז געוואָרן אַ רעאַלער פּאָליטישער כוח. די אידן האָבן נישט נאָר געענדערט דעם כאַראַקטער פון ארץ־ישראל און עס פאַרוואַנדלט פון אַ וויסט לאַנד אין אַ לאַנד פון אַגראַר־ווירטשאַפט און אינדוסטריע, נאָר האָבן אויך באַאיינפלוסט דעם גאַנצן נאָענטן מזרח.

מיר זיינען היינט די שטאַרקסטע ווירטשאַפטלעכע פּאָטענץ אין גאַנצן נאָענטן מזרח. צום ציוניזם באַציט מען זיך שוין נישט ווי מען האָט זיך צו אים אַמאָל באַצויגן — ווי צו אַ קינד. דער ציוניזם איז אויפגעוואַקסן, איז דעריבער די באַציאונג צו אים ווי צו אַ גרויסן — אַ ברוטאַלע. מען באַציט זיך היינט נישט מער צו דער פראַגע מיט דער ליבע צו דער ביבל און מען פאַרבינדט נישט ציוניזם מיט נביאים. פאַר ענגלאַנד שטייט היינט אַ רעאַל־פּאָליטישע פראַגע: לוינט זיך יאָ, אָדער נישט אויפצושטעלן אַ אידישע מלוכה? עס איז אַ פראַגע פון אַ סטראַטעגישער באַזע. געניטע מלחמה־סטראַטעגן האָבן דערקלערט, אַז די אַנטשיידנדיקע שלאַכט האָט זיך אָפּגע־שפּילט אין אַלאַמעין, וואָס האָט דעצידירט די מפּלה פון היטלער'ן. די

פעטראָל־רעזערוון זיינען דאָרט הונדערט מאָל גרעסער ווי אין צפון־ און צענטראַל־אַמעריקע צוזאַמען. דעריבער איז די פראַגע פון עטאַבלירן אַ אידי־שע מלוכה אין ארץ־ישראל אַ מאַכט־פּאָליטישע פראַגע, פאַר וועלכער עס וועט גיין אַ ביטערער געראַנגל. ארץ־ישראל איז היינט מער נישט עפּעס אַ פּאַרוואָרפענע קאָלאָניע, נאָר אַן ערנסטע פּראָבלעם אין דער וועלט־פּאָליטיק. דעריבער איז דאָס איינשטעלן פון אַ מלוכה־באַזע קאָמפּליצירטער און פאַר־וויקלטער געוואָרן.

איך האָב געשמועסט מיטן ענגלישן אויסערן־מיניסטער, ערנסט בעווין. ער האָט מיר געזאָגט: „דו פאַרלאַנגסט פון מיר דעם שליסל צו דער טיר פון דעם וויכטיקסטן סטראַטעגישן שטח אויף דער וועלט". ארץ־ישראל איז היינט אַ צענטראַלער פּונקט אויף דער וועלט. מיר האָבן אין די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר באַוויזן, אַז מיר קענען עפּעס שאַפן. עס איז קלאָר, אַז מיר וועלן ווערן אַ דעצידירנדיקער כוח אויפן נאָענטן מזרח. דעריבער וועט ענגלאַנד לאַנג טראַכטן און איבערטראַכטן, איידער זי וועט זיך אַנטשליסן אונז איבערצוגעבן די מאַכט פון אַ אידישער מלוכה אין ארץ־ישראל. ווען ארץ־ישראל זאָל היינט האָבן 56.000 אידן און נישט קיין קאַרגע 700.000, ווער ווייס צי עס וואָלט געלוינט די גאַנצע אַנשטרענגונג, און צי מיר וואָלטן די אַנשטרענגונג בכלל געקענט מאַכן. היינט קען מען אונז שוין נישט פאַרבייגיין. מיר זיינען געוואָרן אַ כוח, מיט וועלכן מען מוז זיך רעכענען. מיר קענען אונזער קאַמף נישט פאַרלירן, סיידן די וועלט וועט זיך באַנוצן מיט היטלעריסטישע מעטאָדן. דעריבער מוזן מיר אונזער כוח און ענערגיע האַלטן געאייניקט און זיי נישט פאַרטאַכלעווען. דעריבער איז טעראָר אַ פאַר־ברעכן, ווייל ער ווירקט זיך אויס קעגן ישוב. מיר מוזן בלייבן פעסט אין אונזערע פאָדערונגען. עס זיינען איצט דאָ גוטע שאַנסן צו באַקומען אַ סטאַטוס פון אַ מלוכה אין ארץ־ישראל, מיט רעכט צו אַרבעטן און אַנטוויקלען לאַנד־ווירטשאַפט און אינדוסטריע אויף דער באַזע פון אַ שטאַטלעכן לעבן. די גרעסטע סכנה ליגט אין דער האַלטונג פון אונזער פאָלק. מען דאַרף זיך נישט לאָזן אַריינטרייבן אין אַ געפערלעכער פּאַניק און היסטעריע, און מיר האָבן אַ מעגלעכקייט אַרויסצוקומען בקרוב מיט אַ מלוכה׳שער פּאָזיציע און גרויסער קאָלאָניזאַציע־עקספּאַנסיע אין ארץ־ישראל.

אויב אַן ציוניזם און אידישער מלוכה אין ארץ־ישראל איז נישטאָ קיין לייזונג פאַרן אידישן פאָלק, איז נאָך אָבער מיטן איינשטעלן פון אַ אידישער מדינה־מאַכט אין ארץ־ישראל נישט געלייזט געוואָרן דאָס גאַנצע אידישע פּראָבלעם, ווייל אַ גרויסער טייל פון אידישן פאָלק וועט בלייבן אין גלות.

עס איז נישט פאַראַן קיין קעגנזאַץ צווישן אַ פּולבלוטיקן ציוניזם און אַ אידיש לעבן אין פאַרשידענע לענדער אויף דער וועלט. ארץ־ישראל, ווי אַ אידישע מלוכה, וועט נאָך לאַנג האָבן נויטיק אַ אידישן הינטערלאַנד. אָבער דאָס הינטערלאַנד מוז זיין געאייניקט און צוגעגרייט פאַר יעדער עווענטואַ־ליטעט. דאָס פּראָבלעם פון אידן אין גלות איז דעריבער אַ פּאָליטישע פּראָבלעם, וואָס איז נוגע אַלע אידישע ישובים אָן אויסנאַם. מען זאָל נישט מיינען, אַז עס איז איצט בלויז אַ פראַגע פון אייראָפּעאישן אידנטום, וואָס מען דאַרף אים העלפן. עס איז אַן אילוזיע צו טראַכטן אַזוי. מיר לעבן אין אַ ברוטאַלער וועלט, וואו מען קען זיך מער נישט מאַכן קיין שום אילוזיעס, אַז מען איז דייטשע אידן, רוסישע אידן, אָדער גאָר אַמעריקאַנער אידן. מען האָט זיך געקענט איבערצייגן, אַז אויך דער אַטלאַנטיק איז נישט געווען קיין גרענעץ אין דער לעצטער מלחמה. עס קומט נאָך צו די פראַגע פון אַ וועלט־צעטיילונג. עס איז אַ סכנה פון אַן אַנטשטייאונג פון צווי וועלטן — אַ רוסישע און אַנגלאָזאַקסישע. מיר זיינען אַפילו אין אַזאַ צעטיילונג איין פאָלק איבער אַלע אידעאָלאָגישע און שפּראַכלעכע דיפערענצירונגען. עס איז היינט נישטאָ דער רעליגיעזער צובונד, וואָס איז געווען אַ גאַראַנטיע פאַר דער אידישער איינהייטלעכקייט. היינט טוט עס דער אידישער וועלט־קאָנגרעס. עס איז דער אויסדרוק פון דעם עלעמענטאַרן ווילן פון דער אידישער גע־שיכטע: די איינהייט פון גאַנצן אידישן פאָלק. מיט עלף יאָר צוריק איז געלייגט געוואָרן דער יסוד פאַרן שאַפן די אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל אָרגאַני־זירן און האַלטן געאייניקט אַלע אידישע ישובים אויף דער וועלט. אויב מיט עלף יאָר צוריק איז אויפגעשוואומען די פראַגע פון אַזאַ אָרגאַניזאַציע, ווי דער אידישער וועלט־קאָנגרעס, איז היינט די דאָזיקע רעפּרעזענטאַנץ־אָרגאַ־ניזאַציע פון אידנטום אַ סך, אַ סך וויכטיקער, ווי מיט עלף יאָר צוריק.

דאָס אייראָפּעאישע אידנטום, די שארית־הפליטה, וואָס האָט זיך איינ־געאָרדנט אין די פאַרשידענע לענדער, איז היינט מער ווי ווען־עס־איז גענויגט צום וועלט־קאָנגרעס. עס איז נישט בלויז צוליב דער אָרבעט, וואָס דער אידישער וועלט־קאָנגרעס האָט געטאָן, נאָר ווייל זיי פילן זיך נענטער און האָבן אַ נויטווענדיקייט צו זיין געאייניקט. עס איז אַפילו געלונגען אַריינ־צוברענגען אין וועלט־קאָנגרעס טיילן פון מזרח־אייראָפּעאישן אידנטום, וואָס געפינען זיך אין די לענדער פון רוסישער אַפּוטרופּסות. מיר וועלן מאַכן אַ „שהחיינו", ווען די פאַרטרעטער פון דעם ראַטנפאַרבאַנדישן אידנטום וועלן זיצן אין אידישן וועלט־קאָנגרעס.

עס איז איצט מער ווי שטענדיק נויטיק אויפצוהאַלטן די איינהייטלעכקייט

פון אידישן פאָלק. דאָס איז די אַרבעט פון אידישן וועלט־קאָנגרעס. עס איז ווייניק אָפּצוגעבן זיך מיט הילף. קיין שום ישוב קען נישט עקזיסטירן אויף רעליף, כאָטש עס איז נויטיק הילף אין אַן איבערגאַנגס־צייט. דאָס הויפּט־פּראָבלעם באַשטייט אָבער אין פאַרפעסטיקן די פּאָליטישע באַזע פון די אידישע קיבוצים אין די פאַרשידענע לענדער פון זייער צעזייטקייט. דאָס צוריקבאַקומען די פאַרמעגנס פון די אידן, וועלכע האָבן געליטן אין דער מלחמה און ביי וועמען די פאַרמעגנס זיינען צוגערויבט געוואָרן, האָט אַ גרעסערן באַדייט ווי וועלכע־עס־איז דורכגעפירטע רעליף־אַקציע, און עס איז דאָך נישט קיין הילפס־אַקציע, נאָר פּאָליטיק.

כדי מיר זאָלן קענען נאַרמאַליזירן די אידישע לאַגע זיינען נויטיק: אַ שטאַרקע אידישע מלוכה אין ארץ־ישראל און אַ שטאַרקע פאַראייניקטע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע אין גלות. אויב מיר וועלן דאָס דערפילן, וועלן מיר, פאַר וועמען די מלחמה האָט זיך אָנגעפאַנגען אין 1933 און איז נאָך נישט פאַרענדיקט אין 1947, אַרויסקומען די זיגערס קעגן אַלע קאַטאַסטראָ־פעס. מיר געהערן צום דור, וואָס האָט דורכגעמאַכט די גרעסטע טראַ־געדיע, נישט נאָר ווייל מען האָט אויסגעהרג׳עט מיליאָנען אידן, נאָר ווייל מיר האָבן עס געמוזט צוקוקן און גאָרנישט געקענט טאָן. מיר קענען נאָך ווערן איינער פון די גליקלעכסטע דורות פון דער אידישער געשיכטע, ווייל מיר קענען נאָך האָבן דעם זכות צו לייגן די שטאַרקסטע פונדאַמענטן פאַר אַ באַנייטן אידישן פאָלק אין אַ אידישער מדינה אין ארץ־ישראל.

# צומאָרגנס נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון מדינת ישראל

(רעדע ביי דער צווייטער סעסיע פון אידישן וועלט־קאָנגרעס, אין מאָנטרעי, שווייץ, דעם 27־טן יוני 1948)

ס'איז כמעט 16 יאָר זינט עס איז מיר אויסגעקומען צו האַלטן איינע פון די רעדעס וועגן דער לאַגע פון אידישן פאָלק אויף דער וועלט אויף דער צוגרייטונגס־קאָנפערענץ פון אידישן וועלט־קאָנגרעס אין זומער 1932, אין זשענעווע. אין די ווייטערדיקע צוגרייטונג־קאָנפערענצן און אויף דער סעסיע פון אידישן וועלט־קאָנגרעס אין 1936 האָב איך געגעבן ענלעכע איבערבליקן איבער דער אידישער לאַגע. דאָס לעצטע מאָל האָב איך עס געטאָן אויף דער קאָנפערענץ פון אידישן וועלט־קאָנגרעס אין אַטלאַנטיק־סיטי, אין 1944.

די 16 יאָר זינט מיין ערשטן איבערבליק זיינען געווען עדות פון אויסער־געוויינלעכע, פונדאַמענטאַלע און וויטגייענדיקע ענדערונגען אין אידישן לעבן און אין דער לאַגע פון אידישן פאָלק. עס האָט קיינמאָל ניט פּאַסירט אין דער לאַנגער געשיכטע פון אונזער פאָלק, אַז אַזאַ קורצע תקופה — 10 אָדער 15 יאָר — זאָל זיין אַן עדות פון אַזוינע שרעקלעכע און טראַגישע און גלייכ־ציטיק הערראָאישע און דערהויבענע געשעענישן. די דאָזיקע קורצע תקופה איז געווען אַן עדות פון דער גרעסטער טראַגעדיע אין דער אידישער געשיכטע, די פאַרניכטונג פון איבער אַ דריטל פון אונזער פאָלק דורך די נאַצישע באַרבאַרן און זייערע פאַרבינדעטע. אין דער דאָזיקער תקופה איז ווידער פאַרווירקלעכט געוואָרן דער טרוים פון פיל דורות: די פּראָקלאַמירונג און גרונדלייגונג פון אידישן שטאַט אין ארץ־ישראל — מדינת ישראל.

דאָס זיינען צוויי רעוואָלוציאָנערע געשעענישן: איינע איז דער קלימאַקס פון דער טראַגעדיע פון גלות און די אַנדערע דער אָנהויב פון דער פאַרווירק־לעכונג פון דעם הייליקסטן אידעאַל פון אונזער פאָלק. נאַטירלעך זיינען די דאָזיקע צוויי געשעענישן די צוויי הויפּט־פאַקטאָרן, וועלכע אַנטשיידן די לאַגע פון אידן אין דער וועלט ביים היינטיקן טאָג. די דאָזיקע ביידע געשעע־נישן זיינען פון אַזאַ וויטגייענדיקער וויכטיקייט און פון אַזאַ כאַראַקטער, אַז עס מוז נעמען יאָרן, אפשר גאַנצע דורות, ביז מיר וועלן קענען אָפּשאַצן זייער פולן זין און זייערע קאָנסעקווענצן פאַר אונזער פאָלק כלפּי פנים און

כלפי חוץ. מיר זיינען צו נאָענט צו די דאָזיקע געשעענישן און דעריבער קענען מיר נאָר אָנהויבן פאַרשטיין זייער באַדייטונג. מיר קענען נאָר פּרוּוון זיך דערגרונטעווען צו זייער היסטאָרישער באַדייטונג פאַר אונזער דור און פאַר די קומענדיקע דורות און מאַכן אַן אָנהויב מיט דער צופּאַסונג פון אידישן לעבן און מיט דער אידישער פּאָליטיק צו די דאָזיקע צוויי איבער־וועלטיקנדיקע פאַקטאָרן. ס׳איז ניט פאַראַן היינט קיין פּראָבלעם אין אידישן לעבן, וועלכע איז ניט באַווירקט דירעקט אָדער אומדירעקט אויף דעם ראַדיקאַלן אופן דורך די דאָזיקע צוויי פאַקטאָרן. ס׳איז כמעט ניט פאַראַן קיין פּראָבלעם, וועלכע איז ניט אונטער זייער איינפלוס שוין היינט־צו־טאָג.

זינט דער פּראָקלאַמירונג פון מדינת ישראל איז די דאָזיקע סעסיע די ערשטע גרויסע אינטערנאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג פון אידן, וועלכע קומט זיך צונויף אונטערן איינפלוס פון היסטאָרישן אַקט אין תל־אָביב דעם 14טן מאַי, 1948. ס׳איז מיין גורל צו מאַכן איינע פון די ערשטע פּרוּוון צו דיסקוטירן אידישע פּראָבלעמען אין דער ליכט פון דעם דאָזיקן היסטאָרישן אַקט. איך בין מזהיר, אַז דאָס וואָס איך וועל זאָגן וועט האָבן אַלע אומפאַרמיידלעכע חסרונות פון אַן ערשטן פּרוּוו צו דיסקוטירן דאָס סאַמע שווערסטע און דעליקאַטסטע פּראָבלעם אין אידישן לעבן.

איך האַלט, אַז מען דאַרף קיינעם פון די אָנוועזנדיקע ניט דערמאָנען, אַז די דערמאָנטע צוויי געשעענישן — די אויסראָטונג פון זעקס מיליאָן אידן און אויפשטעלונג פון מדינת ישראל — זיינען די בעסטע באַשטעטיקונג פון דער אַנאַליזע פון דער אידישער לאַגע וועלכע עס האָבן אַנטוויקלט די גרינדער פון מאָדערנעם ציוניזם. מיינע אייגענע פריערדיקע איבערזיכטן זיינען געווען באַזירט אויף דער דאָזיקער אַנאַליזע. היינט איז זי אָנגענומען, ניט נאָר פון ציוניסטן, נאָר אויך פון דער געוואַלטיקער מערהייט פון אידישן פאָלק. די דאָזיקע אַנאַליזע איז באַזירט אויף דער הנחה, אַז די לאַגע פון אידן אין דער וועלט מוז בלייבן אומנאָרמאַל און טראַגיש כל־זמן אידן בלייבן צעשפּרייט אין גלות, כל־זמן מיר האָבן ניט קיין צענטער פון אונזער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ, כל־זמן עס איז נישט פאַראַן אויף דער וועלט אַ פּלאַץ, וועלכן מיר קענען רופן אונזער אייגנס, און וואו מיר קענען לעבן אַ פול לעבן לויט אונזערע אייגענע מנהגים „ככל העמים״, כל־זמן מיר זיינען ניט אָנערקענט אַלס אומאָפּהענגיקע מדינה גלייך מיט אַלע אַנדערע אומאָפּהענגיקע מדינות.

די שרעקלעכע טראַגעדיע פון היטלער׳ס יאָרצענדליק האָט געוואָרפן אַ מורא׳דיקן אָבער דורכדרינגלעכן שיין אויף דער אומנאָרמאַליטעט פון אידישן לעבן. אַפילו די סאַמע פּעסימיסטישע אַנאַליטיקער פון דער אידישער לאַגע

אין גלות האָבן נישט געקענט זען אַזוי קלאָר די קאַטאַסטראָפע, ווי מיר זעען זי היינט. אויב דאָס אידישע פאָלק וואָלט געהאַט דעם מוט און די פאַנטאַזיע פאָרויסצוזען, אַפילו אַלס אומוואָרשיינלעכסטע מעגלעכקייט, די פאַרניכטונג פון זעקס מיליאָן אידן, וואָלטן מיר אפשר אָנגענומען שריט דאָס צו פאַרמיידן רעכטצייטיק; דאָס פאָלק וואָלט אפשר דאַן צוגעהערט זיך צו די וואָרענונגען, וועלכע אַ טייל ווייטזיכטיקע אידישע פירער האָבן געמאַכט; עס וואָלט אפשר אָרגאַניזירט דעם קאַמף קעגן היטלעריזם איידער ס׳איז געוואָרן צו־שפעט, ווען דער קאָפּ פון דער הידרע איז נאָך געווען גענוג שוואַך אים אָפּצוהאַקן אָן דער קאַטאַסטראָפע פון אַ וועלט־מלחמה. דאָך, מען וואָלט אפשר געדאַרפט האָבן די מענטאַליטעט פון אַ נאַצי, זיך פאָרצושטעלן קאָנ־צענטראַציע־לאַגערן און גאַז־קאַמערן איידער מיר האָבן זיי געזען. מעגלעך, אַז ס׳איז געווען נישט נאָר מאַנגל אין מוט און פאַנטאַזיע, נאָר אויך די איינ־געבוירענע אָנשטענדיקייט און טיפער גלויבן אין מענטשן — דאָס וואָס אַ דייטשער פילאָזאָף האָט אָנגערופן „דער פאַרשאָלטענער אָפּטימיזם פון אידן״ — וואָס האָט געשטערט די אידישע מאַסן און אַ סך אידישע פירער פון צוגעבן, אַפילו פאַר זיך אַליין, אַז אַזעלכע קאַטאַסטראָפעס קענען זיך פאַרלויפן.

אין אַ קלענערער אָדער גרעסערער מאָס זיינען מיר אַלע פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם: עס איז געווען די טראַגישע קורצזיכטיקייט פון אַ פאָלק, וואָס איז געוואוינט געוואָרן צו אַן אומנאָרמאַלער לאַגע און וואָס האָט געקענט רעאַגירן נאָר מיט די אַלטע און אָנגענומענע מיטלען אין אָנבליק פון אַ קאַטאַסטראָפע פון אַן אויסערגעוויינלעכן כאַראַקטער און פאַרנעם. וויכטיקער איידער אַ חשבון־הנפש פון אונזערע פעלערן אין דער פאַרגאַנגענהייט איז צוצופאַסן אונזער צוקונפט צו די געוואַלטיקע רעזולטאַטן פון דער גרעסטער קאַטאַסטראָפע אין דער אידישער געשיכטע.

די פאַרניכטונג פון איבער אַ דריטל פון אידישן פאָלק האָט קודם־כל רעדוצירט אונזער מענטשן־מאַטעריאַל אין אַ מאָס, וואָס איז אומפאַרגלייכלעך אין דער מענטשלעכער געשיכטע, חוץ אפשר אין די פינסטערע און באַר־באַרישע תקופות, ווען קליינע שבטים און פעלקער זיינען אויסגעשאָכטן געוואָרן דורך זייערע באַרבאַרישע באַזיגער. עס איז גאָרנישט פשוט צו זאָגן, אַז מיר האָבן פאַרלוירן זעקס מיליאָן אידן. מען מוז מאַכן אַ געוואַלטיקע אָנשטרענגונג בכדי צו האָבן אַ ריכטיקן באַגריף פון די דאָזיקע ווערטער. נאָר אַ דאַנק דער מערקווירדיקער לעבנס־פעאיקייט פון אונזער פאָלק, אונזער עקשנות, אונזער לעבנס־ווילן האָט די דאָזיקע מאַסן־שחיטה ניט דערפירט צו דער פולשטענדיקער צעפאַלונג פון אידישן פאָלק אַלס אַ פאָלק.

אויב עס איז פאַראַן איין פונק פון נחמה אין דער דאָזיקער שרעקלעכער געשיכטע, איז עס דער וואונדערבאַרער באַוויז פון אידישער לעבנס־פעאיקייט און אַנטשלאָסנקייט איבערצולעבן אַלע פּרואוון אונז צו פאַרניכטן. אויב אידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן און אַנדערע לענדער זיינען היינט מער באַוואוסט־זיניק פון זייער אידישער צוגעהעריקייט און זייערע אידישע פליכטן, איידער זיי זיינען געווען פריער, איז עס אין אַ גרויסער מאָס אַ דאַנק דעם מוסר־השכל פון דער טראַגעדיע, וועלכע איז זיך פאַרלאָפן פאַר זייערע אייגענע אויגן און וועלכע זיי זיינען געווען אַנמעכטיק צו פאַרמיידן. אַן אַנדערער מערק־ווירדיקער באַוויז פון אונזער ווילן צו לעבן איז פאַראַן אין די לאַגערן פאַר די היימלאָזע. היטלער האָט פאַרניכטעט מיליאָנען יחידים, אָבער עס איז אים ניט געלונגען צו פאַרניכטן דאָס אידישע פאָלק. ער האָט ניט געבראָכן אונזער ווילן צו לעבן און האָט ניט געקענט געבן קיין טויט־קלאַפּ דער נשמה און דעם גייסט פון אידנטום. פון אַ וויטערן היסטאָרישן אויסבליק איז ער דורכ־געפאַלן. עם ישראל חי!

אָבער מיר זיינען אַ סך שוואַכער ניט נאָר אין צאָל. היטלער האָט ניט נאָר פאַרניכטעט זעקס מיליאָן אידישע מענער, פרויען און קינדער; ער האָט אויך פאַרניכטעט די וויכטיקסטע צענטערן פון אידישן לעבן אין אייראָפּע. די גרויסע קולטורעלע און רעליגיעזע אידישע צענטערן פון גלות: וואַרשע, ווילנע, טעלז וואָלאָזשין, לוואָוו, קראָקע, ברעסלוי און בערלין, יאַסי און בודאַפּעסט (צו דערמאָנען נאָר עטלעכע) — זיינען ניט געווען נאָר שטעט פון גרויסע צאָלן אידן; זיי זיינען געווען מקורות פון אידישער קולטור און טראַדיציע און ציוויליזאַציע, פון רעליגיע און ליטעראַטור, פון די וויכ־טיקסטע פּאָליטישע באַוועגונגען אין אידנטום; זיי זיינען געווען די קוואַלן פון כמעט אַלע קאָנסטרוקטיווע און שעפערישע אידייען אין אידישן לעבן אין די פאַרגאַנגענע דורות. נאָכמער מעלאַנכאָלישער איז דער געדאַנק, אַז אַזעלכע צענטערן קענען קיינמאָל מער ניט אויפגעבויט ווערן פונדאַסניי. עס האָט גענומען דורות פון אידן און יאָרהונדערטער פון שעפערישן אידישן געדאַנק און פון אידישער פלייס אויפצובויען די דאָזיקע צענטערן. ס'איז קלאָר, אַז עס איז נישט פאַראַן קיין רעאַלע מעגלעכקייט פון איבערבויען — לכל־הפחות אין אונזער דור און אין קומענדיקן דור — עפּעס ענלעכס צו די קאָלאָסאַלע גייסטיקע דערגרייכונגען פון אידן אין די דאָזיקע לענדער פריער פאַר דער נאַצישער שחיטה.

די פאַרניכטונג פון די דאָזיקע צענטערן איז געווען — ווי אוממענטשלעך דאָס זאָל נישט קלינגען — מער אַ קלאַפּ פאַר אונזער עקזיסטענץ אַלס פאָלק,

איידער די פאַרניכטונג פון אַזויפיל מיליאָנען פון אונזערע ברידער. די דאָזיקע צענטערן קענען ניט איבערגעבויט ווערן דאָרט, וואו זיי זיינען געווען און איך צווייפל צי זיי קענען איבערגעפלאַנצט ווערן אין אַנדערע לענדער אין גלות.

אין גלות פון מערב׳דיקן קאָנטינענט איז פאַראַן אַ גרויסע ווידער־אויפלעבונג ניט נאָר פון אידישער באַוואוסטזיניקייט, נאָר אויך פון אַ געוויסער מאָס פון אידישער שעפערישקייט. מען מוז טאָן אַלץ בכדי צו שטאַרקן און דערמוטיקן די דאָזיקע שעפערישע טענדענצן. אָבער אַמעריקאַנער אידן קענען קיינמאָל ניט פאַרנעמען דעם פלאַץ פון פוילישן אידנטום; אַרגענטינער אידן קענען ניט פאַרבייטן די ליטווישע אידן. גייסטיקע שעפערישקייט איז אָפּ־הענגיק נישט נאָר פון ווילן צו שאַפן. עס איז אַ היסטאָרישער פּראָצעס, וועלכער נעמט אַרום די באַמיאונגען פון פיל דורות. ס׳איז אַ לאַנגע קייט פון טראַדיציע, פון המשך, און דאָס אַלץ צוזאַמען שאַפט אַ ספּעציעלן „קלי־מאַט״, וועלכער עקזיסטירט נישט און קען נישט עקזיסטירן אין אידישע קיבוצים אין מערב. איך זאָג דעריבער, אַז לכל־הפּחות פאַר אַ ריי קומענדיקע דורות איז נישט פאַראַן קיין שאַנס אויפצובויען פונדאַסנייַ אונזערע מאָראַלישע און גייסטיקע קוואַלן, ווי זיי זיינען געווען. מיר מוזן בויען נייע צענטערן, אָבער מיר מוזן פון אָנהויב אָן פאַרשטיין זייער אומפאַרמיידלעכע באַגרע־נעצטקייט.

איך באַטאָן דעם דאָזיקן פּונקט בכדי צו אונטערשטרייכן — אויב עס בכלל נויטיק — די גרויסע געפאַרן וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט די דער־מאָנטע פאַקטן. די פאַרניכטונג פון 6 מיליאָן אידן פון קליינעם אידישן פאָלק איז אַ גרויסע געפאַר פאַר אונזער עקזיסטענץ — אַ געפאַר פאַר אונזער פעאיקייט זיך אויפצוהאַלטן אַלס אַ פאָלק. אין גלות איז די שטענדיקע געפאַר געווען די צעשפּרייטונג און צעפאַלונג. וואָס מער מיר זיינען געווען צעזייט און צעשפּרייט, אַלץ שווערער איז געווען אויפצוהאַלטן אונזער סאָלידאַריטעט אַלס אידן און אונזער איינקייט אַלס אַ פאָלק. פינף קליינע קיבוצים קענען אויפטאָן אַ סך ווייניקער ווי איין גרויסער קיבוץ. די פאַרניכטונג פון מעכטיקע און וויכטיקע אידישע קיבוצים אין פוילן, אונגאַרן, רומעניע, ליטע און דייטש־לאַנד האָט דעריבער פאַרגרעסערט די געפאַר פאַר אונזער עקזיסטענץ. צום גליק האָט די אידישע געשיכטע אונז געגעבן אין נייעם גרויסן אידישן קיבוץ, וועלכער איז אויפגעבויט געוואָרן אין די לעצטע פאַר דורות — אַמעריקאַנער אידנטום. פונדעסטוועגן איז די פאַרהיטונג פון אונזער נאַציאָנאַלן כאַראַקטער אַ סך שווערער היינט, איידער עס איז געווען פריער, פאַר היטלער׳ן.

עס איז פאַראַן אַן עלעמענט אין דער וועלט־לאַגע, וועלכער פאַרגרע־

סערט אונזער געפאַר. מיר לעבן אין רעוואָלוציאָנערע צייטן. נייע אידייען רייסן זיך אומעטום צו געפינען אַ קאָנקרעטן אויסדרוק. ניט זאָגנדיק קיין מיינונג וועגן כאַראַקטער פון די פאַרשידענע שטרייטנדיקע טעאָריעס און סיסטעמען, איז אָבער קלאָר פאַר יעדן פאַרנינפטיקן באַאָבאַכטער, אַז מיר גייען צו אַ תקופה פון אידעאָלאָגישע און פּאָליטישע קאָנפליקטן און איבער־קערענישן, כאָטש מיר האָפן, אַז אַ הייסער קריג וועט פאַרמיטן ווערן. וואָס פאַר אַ מיינונג מיר זאָלן ניט האָבן וועגן די פאַרשידענע אידעאָלאָגיעס, איז אָבער קלאָר, אַז מיר לעבן ניט און מיר וועלן אין דער נאָענטער צוקונפט ניט לעבן אין אַ סטאַבילער וועלט. מעגלעך, אַז די צוויי וועלט־מלחמות זיינען נאָר געווען דער אויסדרוק פון רעוואָלוציאָנערע ענדערונגען אין דער וועלט. די נאָענטסטע תקופה וועט זיין אַ תקופה פון וואַקלונגען, קאָנפליקטן, נייע אידייען — פּאָליטישע, עקאָנאָמישע, סאָציאַלע, קולטורעלע, רעליגיעזע — וועלכע וועלן אומוואַרפן דעם סטאַטוס־קוואָ און ברענגען נייע אַנטוויקלונגען.

אַלס מענטשן און בירגער פון דער וועלט קענען מיר באַגריסן די נייע אַנטוויקלונגען, אָדער מורא האָבן פאַר זיי. אַלס אידן מוזן מיר איינזען די געפאַרן, וועלכע זיי אַנטהאַלטן פאַרן אידישן פאָלק. אויב איך וויל דאָ אָנ־מערקן דריי אַזעלכע געפאַרן, איז עס נישט בכדי צו עצה'ן אידן צו שטיין מן הצד פון די געשעענישן אויף דער וועלט: אַלס יורשים פון אַן אַלטער ציוויליזאַציע — אייניקלעך פון די נביאים — דאַרפן מיר מאַכן אונזער בייטראָג צוזאַמען מיט אַנדערע פעלקער פון דער וועלט. איך אונטערשטרייך די דריי געפאַרן בכדי מיר זאָלן אָננעמען מיטלען צו רעדוצירן זייער פאַרנעם.

איין געפאַר איז פאַראַנקערט אין דעם פאַקט, אַז בעת די וועלט איז אין אַ תקופה פון אומסטאַביליטעט, קאָנפליקט, שטרייט און כאַאָס, זיינען מינדער־הייטן די ערשטע קרבנות — און קיינער איז ניט אַזוי אויסגעשטעלט אויף דער געפאַר, ווי אידן. אין קאַמף קעגן נייע אידייען מוזן די רעאַקציאָנערן — די פאַרטיידיקער פון דער פאַרגאַנגענהייט — געפינען אַ שעיר לעזאזל; און ווער איז נאָך אַזוי פּאַסיק פאַר דער דאָזיקער ראָלע ווי אידן, דער קלאַ־סישער שעיר לעזאזל. אין אַזאַ אומסטאַבילער צייט, ווי אונזערע, איז אַנטיסע־מיטיזם כמעט זיכער צו ווערן אַ שטענדיקע כאַראַקטעריסטיק אין דער נאָענטער צוקונפט.

אַנטיסעמיטיזם איז שטענדיק געווען און איז היינט מער ווי אַלעמאָל אַן אַלגעמיינע פּאָליטישע דערשיינונג. עס איז איינע פון די פּאָפּולערסטע מאַסקעס פון רעאַקציאָנערן, נאַציס און פאַשיסטן אומעטום, איינער פון די שאַרפסטע וואָפן פון אַלע אַגרעסיווע באַוועגונגען. מען דאַרף דעריבער

באַקעמפן אַנטיסעמיטיזם מיט פּאָליטישע מעטאָדן: קודם־כל אַ געמיינזאַמע אַקציע, אַ קאָאָרדינאַציע פון אַלע באַמיאונגען; און צווייטנס, דורך זוכן די הילף פון אַלע פּראָגרעסיווע עלעמענטן. אַנטיסעמיטיזם קען קיינמאָל נישט באַקעמפט ווערן ווי געהעריק, אויב עס ווערט באַטראַכט אַלס אַ ריין־אידיש פּראָבלעם. עס איז פיל מער אַ פּראָבלעם פון דער וועלט־פּאָליטיק, און קען דעריבער עפעקטיוו באַקעמפט ווערן נאָר מיט דער הילף פון אַלע דעמאָקראַטישע, ליבעראַלע און פּראָגרעסיווע כוחות אין דער וועלט. נאָר אויף אַזאַ וועג איז פאַראַן אַ שאַנס צו פאַרמיידן אין דער צוקונפט נייע קאַטאַסטראָפעס.

אַ ווייטעדדיקע קאָנסעקווענץ פון דער וועלט־לאַגע פאַר אונזער פאָלק איז דער פאַקט, וואָס רעוואָלוציאָנערע טענדענצן און גרויסע פּאָליטישע און מאָראַלישע באַוועגונגען אין דער וועלט ציען צו אידישע יוגנט און אידישע אינטעליגענץ. זיי דערוואַרבן די סימפּאַטיע און איבערגעבנקייט פון גרויסע צאָלן אידן. מיר שעמען זיך ניט מיט דעם. להיפוך, אַלס פאָלק זיינען מיר שטענדיק געווען שטאָלץ אויף אונזער ביישטייער צום לעבן און צום געדאַנקענגאַנג פון דער ציוויליזירטער וועלט. אויב עס איז פאַראַן עפּעס אייגנאַרטיקס אין לעבן פון אונזער פאָלק, אויב עס איז פאַראַן אַ אידיש פּראָבלעם, וועלכע איז אומפאַרגלייכלעך מיט די פּראָבלעמען פון אַנדערע פעלקער, איז עס טיילוויז דערפאַר, ווייל מיר האָבן געשפּילט אַן אייגנאַרטיקע ראָלע אין פאַרשידענע היסטאָרישע באַוועגונגען — אַ ראָלע, וועלכע איז גרעסער איידער אונזערע צאָלן און פּאָליטישע מאַכט וואָלטן אונז געדאַרפט דערלויבן צו שפּילן. דאָס אידישע פאָלק האָט ניט די כוונה זיך צוריקצוציען אין אַ פרייוויליקער געטאָ אין גלות, אָדער זיך אָפּצוזאָגן פון זיין פעאיקייט אָדער ווילן צו שפּילן אַ ראָלע אין די גרויסע באַוועגונגען, וועלכע שטרעבן אויפצובויען אַ בעסערע וועלט און צו דערגרייכן אַ העכערע מדרגה פון סאָציאַלער און פּאָליטישער גלייכהייט.

אָבער דער פאַקט, אַז די דאָזיקע טענדענצן האָבן אַזאַ גרויסע צוציאונגסקראַפט פאַר פיל פון די בעסטע זין פון אונזער פאָלק, דאַרף ניט אָפּוועגדן אונזער אויפמערקזאַמקייט פון דער שוועריקייט, וועלכע דער דאָזיקער פאַקט שאַפט פאַר אונז אַלס פאָלק איינצוהאַלטן אונזער נאַציאָנאַלע אידענטיטעט. כמעט אַלע ביישטייערן צו אַזעלכע אַנטוויקלונגען — חוץ דעם ביישטראָג וועלכן דער אידנשטאַט וועט נאָך מאַכן (און איינע פון די וויכטיקסטע באַרעכטיקונגען פאַר דער עקזיסטענץ פון דער אידישער מדינה איז די דאָזיקע געלעגנהייט צו מאַכן אונזער ביישטראָג) — ווערן געמאַכט דורך אונז ניט אַלס אידן, נאָר אַלס מיטגלידער פון באַוועגונגען. וואָס גרעסער די צוציאונגס־קראַפט, דער

כוח און גלאַנץ פון אַזעלכע אידייען, אַלץ מעכטיקער איז זייער ווירקונג אויף דער איבערגעבנקייט און וויזיע פון טיילן פון אונזער פאָלק, אַלץ לייכטער איז עס פאַר די דאָזיקע טיילן צו ווערן פאַרשוואומען אין גרויסן שטראָם און צו פאַרלירן זייער פאַרבינדונג מיטן אידישן פאָלק און אַפילו זייער אידענטיטעט אַלס אידן. איינע פון די גרעסטע פּראָבלעמען אין אידישן לעבן איז — ווי אַזוי צו פאַרשטאַרקן די פאַרבינדונג פון אַזעלכע אידן מיטן פאָלק און אין דער זעלבער צייט נישט אויפצוגעבן זייער באַרעכטיקטן וואונטש אָנטייל צו נעמען אין אויפבוי פון אַ בעסערער וועלט. כל־זמן דער גרעסטער טייל פון אונזער פאָלק לעבט נאָך אַלץ אין גלות (און דאָס איז באַשטימט נוגע אונז און אונזערע קינדער), וועט דאָס דאָזיקע פּראָבלעם בלייבן איינע פון די גרויסע מאָראַלישע פּראָבלעמען אין אונזער לעבן. עס איז נישטאָ קיין לייכטע לייזונג פאַרן דאָזיקן פּראָבלעם און קיין אַלגעמיינע פאָרמולען, אָבער מען דאַרף עס כסדר האָבן אין זינען בכדי צו דערקענען די געפאַר און צו פאַרשטיין די שוועריקייטן, וועלכע עס שאַפט פאַר אונז.

דאָ וואָלט איך וועלן מאַכן נאָך איין באַמערקונג און איך האָף, אַז מען וועט מיר נישט שלעכט פאַרשטיין. איינער פון די טראַגישע רעזולטאַטן פון דעם דאָזיקן כאַראַקטעריסטישן אַספּעקט פון אונזער צייט איז די אומגליקלעכע טענדענץ פון דער וועלט זיך צו שפּאַלטן אין צווייען. איך נעם נישט קיין שטעלונג צו דער שפּאַלטונג און עס איז נישט די אויפגאַבע פון אידישן וועלט־קאָנגרעס צו נעמען אַ שטעלונג. מיר זיינען באַזאָרגט איבער די טראַגישע רעזולטאַטן פון דער שפּאַלטונג פאַר אידן אַלס אַ פאָלק. און איך האָב מורא, אַז די דאָזיקע שפּאַלטונג וועט נאָך אָנהאַלטן אַ געוויסע צייט. עס איז קיינמאָל נישט געווען לייכט צו בויען איין וועלט. עס איז פיל שווערער ווי ווען־נישט־איז אין היינטיקע צעשויבערטע צייטן. מיר דאַרפן זיין רעאַליסטן און זיך רעכענען מיט דער מעגלעכקייט, אַז די שפּאַלטונג וועט זיך ציען און אַפילו פאַרטיפן איבער אַ לאַנגער תקופה. מיר זיינען טיף פאַראינטערעסירט איבערצוקומען די שפּאַלטונג. קיין פאָלק אויף דער וועלט איז נישט אַזוי בלוטיק פאַראינטע־רעסירט אין אַ פאַראייניקטער וועלט — ווי עס האָט פאַרויסגעזען דער טשאַר־טער פון די פאַראייניקטע פעלקער — ווי דאָס אידישע פאָלק איז. נאָך אַלעמען זיינען מיר די שטענדיקע קרבנות פון יעדן קאָנפליקט. אָבער די שפּאַלטונג איז אַ פאַקט, און כל־זמן זי איז נישט פאַרהיילט, איז פאַראַן אַ שטענדיקע געפאַר פון אַ שפּאַלטונג אין אונזער אייגענעם פאָלק. אַזאַ אַנטוויקלונג וואָלט געווען פאַר אונז די גרעסטע קאַטאַסטראָפע; זי וואָלט געבראַכט דעם סוף פון אידישער צוזאַמענאַרבעט, אידישער סאָלידאַריטעט

און אידישע קאָלעקטיווע אַקציעס פאַרן גאַנצן פאָלק. מיר זיינען ניצול געוואָרן אַלס אַ פאָלק טאַקע ווייל מיר האָבן ביז איצט באַוויזן דעם נס פון אָפּהיטן אונזער סאָלידאַריטעט און אידענטיטעט, טראָץ אַלע צעשטערערישע טענדענצן פון גלות־גרענעצן, פאַרשידענע פּאָליטישע פאַרבינדונגען, פאַרשידענע שפּראַכן, קולטורעלע אָריענטאַציעס, סאָציאַלע טעאָריעס, אידעאָלאָגישע איבערצייגונגען — ווייל די דאָזיקע שווערקייטן זיינען ניט געווען גענוג שטאַרק צו צערייסן די איינגעבוירענע סאָלידאַריטעט פון אידן אויף דער גאַנצער וועלט — זייער געפיל פון געהערן צו איין פאָלק.

עס איז אומוויכטיק אין דער באַציאונג ווי אַזוי מיר דעפינירן אונזער אידישע אידענטיטעט. די אידעאָלאָגישע דיסקוסיעס צי מיר זיינען אַ נאַציע אָדער אַ פאָלק, אַ רעליגיע אָדער אַ ראַסע, אַ געמיינזאַמער קיבוץ אָדער אַ קולטורעלע איינהייט — זיינען אינטערעסאַנטע טעמעס פאַר דענקער און וויכוחים־קלובן. זיי באַרירן ניט די וואָרצלען פון דעם ענין — דעם פאַקט פון אידישער סאָלידאַריטעט און אידישן געפיל פון געהערן צו איין קאָלעקטיוו, וועלכער הייסט דאָס אידישע פאָלק. אויב צו דעם זאָל קומען אַ סוף וועט קומען אַ סוף צו אונזער עקזיסטענץ אַלס אַ פאָלק אין גלות. דעריבער בין איך אַזוי פאַרזאָרגט וועגן דער געפאַר פאַר אונז פון אַ צעטייל־טער וועלט. עס איז אַ סימן פון אידישער לעבנס־פעאיקייט און אַ לויב פאַר אידישער שטאַטסמענישקייט, אַז עס איז אונז איצט געלונגען איבערצוקומען די דאָזיקע געפאַר. צווישן אַלע צופרידנשטעליקע מאָמענטן אויף דער איצ־טיקער צווייטער סעסיע פון אידישן וועלט־קאָנגרעס איז כדאי אַרויסצוהויבן דעם פאַקט, אַז מיר האָבן דאָ פאַרטרעטער פון ביידע העלפטן פון דער וועלט: צום ערשטן מאָל זינט 1939, און אין מיטן פון געטומל און געשריי וועגן אַ קאַלטן קריג, טרעפן זיך דאָ אידן פון אַלע מזרח־אייראָפּעאישע לענדער, פון אַלע אַנגלאָ־זאַקסישע לענדער און אידן פון אַלע לענדער, וועלכע ליגן צווישן די דאָזיקע ביידע האַלבע וועלטן. איך וויל דאָ זאָגן, ווי טיף מיר באַדויערן, וואָס דער גרויסער אידישער קיבוץ פון סאָוועט־רוסלאַנד איז ניט פאַרטראָטן.

די איינקייט איז אונזער גרעסטע ירושה פון פאַרגאַנגענע דורות, דער רעזולטאַט פון גרויסן נס פון אידישער עקזיסטענץ במשך פון 2000 יאָר גלות, אַ ירושה וועלכע אונזער דור מוז האַלטן טייער און אַנטוויקלען. אויב מיר באַשעדיקן די דאָזיקע ירושה און שפּאַלטן אונזער פאָלק, וועלן מיר געבן אַ טויט־קלאַפּ זיך אַליין און זיין דער ערשטער דור צו פאַרראַטן די שטאָלצע דערגרייכונג פון אונזערע עלטערן. נאָך דער לעצטער טראַגעדיע מוזן מיר מער ווי אַלעמאָל שליסן אונזערע רייען און טאָן אַלץ, אידעאָלאָגיש

און אָרגאַניזאַציאָנעל, צו שטאַרקן און דעמאָנסטרירן אונזער איינִיקייט אַלס אַ פאָלק.

***

איך קום איצט צום צווייטן גרויסן פאַקט פון דער לעצטער תקופה — וואָס איז ניט ווייניקער וויכטיק אין זיין פּאָזיטיוון אַספּעקט, ווי דער היטלער־יאָרצענדליק איז אין זיין נעגאַטיוון אַספּעקט — אַ פאַקט, וועלכן אידן האָבן אויסגעטרוימט און אויפגעכאָוועט במשך פון לאַנגע דורות, אָבער רעאַליזירט מיט דראַמאַטישער געשווינדקייט. דער דאָזיקער פאַקט איז אַזוי נאָענט צו אונזערע טעג, אַז עס איז שווער צו רעדן וועגן אים אָן עמאָציע און נאָך שווערער אָפּצושאַצן זיין באַדייטונג, זיין זין און זיינע קאָנסעקווענצן פאַרן אידישן לעבן. די אויפשטעלונג פון מדינת ישראל באַדייט דער אָנהויב פון דער נאָרמאַליזאַציע פון אונזער עקזיסטענץ אַלס אַ פאָלק. עס ברענגט אָבער ניט דעם באַלדיקן סוף פון אידישן פּראָבלעם. עס זיינען ניט פאַראַן קיין ניסים אין דער געשיכטע. היסטאָרישע פּראָצעסן נעמען זייער צייט. די פּראָקלאַמירונג פון מדינת ישראל ברענגט ניט דעם סוף פון גלות און איך וואָלט זיך געוואונטשן, אַז היינטיקע צייטן, ווען מיר זיינען עדות פון גרויסע אַנטוויקלונגען און ענדערונגען, זאָלן מיר זיין בכוח צו רעדוצירן די אידעאָלאָגישע וויכוחים, אויף וועלכע מיר זיינען גרויסע מייסטערס.

איך זאָג דאָס אַלס מיין ערשטע באַמערקונג וועגן פּראָבלעם, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער גרינדונג פון מדינת ישראל, בכדי צו וואָרענען די סעסיע, זי זאָל זיך ניט אַריינלאָזן אין אומנוציקע וויכוחים צווישן ציוניסטן און ניט־ציוניסטן; צווישן די, וועלכע האָבן אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צום גלות און די, וועלכע וואַרפן דעם גלות אָפּ. די וועלכע זיינען מחייב דעם גלות לייקענען היינט ניט אָפּ די נויטווענדיקייט און די פאַרנינפטיקייט פון האָבן אַ אידישע מדינה אין ארץ־ישראל; די וועלכע פאַרניינען דעם גלות און וואַרפן אים אָפּ דאַרפן פאַרשטיין, אַז עס איז ניט אָפּהענגיק פון זייער ווילן אָפּצושאַפן דעם גלות אין די קומענדיקע דורות. וואָס עס וועט געשען נאָכדעם, קענען מיר רואיק איבערלאָזן צו אונזערע קינדער און קינדס־קינדער. כאָטש איך לייקן נישט אָפּ, אַז אונזער צוגאַנג צו דער אידעאָלאָגיע פון גלות קען האָבן אַ געוויסע שייכות מיט די פּראַקטישע פּראָבלעמען און פּאָליטיק, וויל איך ניט איבערשעצן די וויכטיקייט פון דעם דאָזיקן צוגאַנג. איך בין איבערצייגט, אַז אויף אַ פּראַקטישן יסוד וועט ניט זיין שווער אויסצואַרבעטן אַ בשותפות־דיקע ליניע פון אונזער פּאָליטיק.

עס איז אַ פאַקט, אַז פאַר אַ לאַנגער צייט אין דער צוקונפט וועט די

מערהייט פון אונזער פאָלק בלייבן אין גלות. עס איז אויך אַ פאַקט, אַז אידן מחוץ פון מדינת ישראל וועלן אויך להבא בלייבן לאָיאַלע בירגער פון זייערע מדינות און עס איז אין די אינטערעסן פון אונזער פאָלק, ווי אויך פון ישראל, קלאָר צו מאַכן אויף ווי ווייט מעגלעך דאָס וואָס עס איז שטענדיק קלאָר געזאָגט געוואָרן איידער די אידישע מדינה איז אויפגעשטעלט געוואָרן: אַז די אידישע מדינה וועט באַשטיין פון בירגער, ווי יעדער אַנדערער נאָרמאַלער שטאַט, און אַז אידן מחוץ פון דער מדינה, ניט אירע בירגער, וועלן ניט האָבן קיין פּאָליטישע צוגעהעריקייט צום אידישן שטאַט. צו דער אויסגעטראַכטער גע־שיכטע פון דאָפּלטער לאָיאַליטעט, וועלכע מאַנכע רעאַקציאָנערע ניט־ציוניסטן — וואָס האָבן גאָרנישט געלערנט און גאָרנישט פאַרגעסן — פּרוּוון אַרויס־הויבן אין געוויסע לענדער, דאַרף געמאַכט ווערן אַ סוף פון ערשטן מאָמענט. עס זיינען פאַראַן פיל ענלעכע און פּאַראַלעלע פאַלן צו דער לאַגע פון אידן מחוץ פון מדינת ישראל און זייער באַציאונג צו איר; עס זיינען פאַראַן מיליאָנען אירלענדער אין אַמעריקע, מיליאָנען פּאָליאַקן, מיליאָנען איטאַליע־נער. זיי האָבן נישט קיין פּראָבלעם פון דאָפּלטער לאָיאַליטעט — און מיר אויך ניט.

אָבער אין דער זעלבער צייט איז נאַטירלעך — און יעדער אַנשטענדיקער ניט־איד וועט עס פאַרשטיין — אַז אידן אין דער גאַנצער וועלט וועלן האָבן אַ ספּעציעלן סענטימענט און אַ גייסטיקע פאַרבינדונג מיט ישראל; וועלן העלפן דער אידישער מדינה פינאַנציעל און מאָראַליש; וועלן טאָן אַלצדינג צו דער־מוטיקן איר אַנטוויקלונג; וועלן העלפן צוגרייטן אידן צו גיין קיין ישראל און צו לעבן דאָרטן. אידן אומעטום וועלן נאַטירלעך באַטראַכטן מדינת ישראל אַלס דעם גייסטיקן און קולטורעלן צענטער פון אידישן לעבן און וועלן זיין אין אַ גרויסער מאָס באַאיינפלוסט פון ישראל׳ס גייסטיקע דערגרייכונגען. פאַר דעם זיינען פאַראַן, ווי געזאָגט, פיל פּרעצעדענטן צווישן אַנדערע פעלקער און ס׳איז ניט קיין ספּעציפיש אידיש פּראָבלעם.

עס איז ניט פאַראַן קיין ווידערשפּרוך צווישן מדינת ישראל פון איין זייט, און דער זיכערונג פון אידישע רעכט און פּאָזיציעס און פּערפּעסטיקונג פון אידישן לעבן אין גלות, פון דער אַנדערער זייט. די טעאָריע פון מאַנכע ניט־ציוניסטן, אַז ציוניזם וויל אָפּווישן דעם גלות, איז שטענדיק געווען אַן אומזין — אַ נאַרישע און בייזוויליקע מיסקאַנצעפּציע. מדינת ישראל דאַרף האָבן אַ שטאַרקן אידישן גלות, פּונקט אַזוי ווי דער אידישער גלות דאַרף האָבן מדינת ישראל. דער גרויסער רעזערוו פאַר דער שטיצע פון מדינת ישראל וועט במשך פון די קומענדיקע יאָרן זיין אַ שטאַרק און געאייניקט

אידנטום אין גלות, גרייט צו שטיצן ישראל מאָראַליש, מאַטעריעל, גייסטיק און פּראַקטיש.

די עקזיסטענץ פון מדינת ישראל וועט אין דער זעלבער צייט אונז באַפרייען פון פיל גלות־פּראָבלעמען און אין משך פון דער ווייטערדיקער צוקונפט געבן אַ לייזונג פאַר די פּראָבלעמען פון אידישער מיגראַציע, פאַר־פאָלגונגען פון אידן א. אַ. וו. נאָך וויכטיקער איז, וואָס מדינת ישראל וועט געבן דעם אידישן פאָלק אַ שטים צווישן די פעלקער פון דער וועלט און מאַכן אַ סוף צו דער אַנאָנימיטעט פון אידישער עקזיסטענץ — דאָס וואָס פינסקער האָט אָנגערופן „די שאָטן־עקזיסטענץ פון אונזער פאָלק". מיר וועלן אַ פאָלק מיט פעלקער גלייך. די וועלט זעט צום ערשטן מאָל (צו דערמאָנען נאָר איין ביישפּיל) אידן קעמפן אַלס אידן, און איך דערלויב זיך צו זאָגן — און אין דעם זין בין איך זיכער, אַז איך רעד ניט נאָר אַלס ציוניסט אין ענגען זין פון וואָרט — אַז קיין זאַך האָט ניט אַזויפיל דערהויבן דעם אידישן פּרעסטיזש און דעם רעספּעקט פאַר אונזער פאָלק אין די לעצטע צוויי טויזנט יאָר, ווי די דערשיינונג פון אַ אידישער אַרמיי, וועלכע פאַרטיידיקט אידישע טעריטאָריע און אידישן כבוד אונטער איר אייגענער פאָן.

די אויפשטעלונג פון מדינת ישראל וועט ברענגען מיט זיך פיל ענדע־רונגען — אָרגאַניזאַציאָנעלע און אידעאָלאָגישע — אין לעבן פון אידן. מען וועט דאַרפן געפינען אַ נייע דעפיניציע פאַר ציוניזם. אין די לעצטע יאָרן איז ציוניזם געוואָרן אַן ענין פון לעבנס־וויכטיקייט פאַר דער געוואַלטיקער מערהייט פון אידן, צי זיי קויפן אַ שקל אָדער ניט. די עקזיסטענץ, די צוקונפט און דערפאָלג פון ישראל זיינען און וועלן בלייבן דער ענין פון דער געוואַל־טיקער מערהייט פון אידן. וואָס הייסט זיין אַ ציוניסט אונטער די נייע באַדינגונגען? איך זאָג ניט, אַז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע זאָל אויפגעלייזט ווערן. במשך פון אַ לאַנגער צייט אין דער צוקונפט וועט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע זיך דאַרפן פאַרנעמען מיט וויכטיקע ענינים — פינאַנציעלע הילף פאַר ישראל, צוגרייטונג פון אימיגראַנטן, אויסבילדונג פון חלוצים און די מאָביליזאַציע פון פאָלק צו שטיצן די אידישע מדינה, ווי אויך ענלעכע פּראָבלעמען. עס איז די אויפגאַבע פון די געהעריקע ציוניסטישע אינסטאַנצן, פון אַקציאָנס־קאָמיטעט און קומענדיקן ציוניסטישן קאָנגרעס, צו דעפינירן די באַציאונגען צווישן דער רעגירונג פון ישראל און דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע; באַשטימען דעם אומפאַנג און די טעטיקייטן פון דער רעאָרגאַ־ניזירטער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע; צו באַשליסן וועגן וויכטיקן פּראָבלעם,

ווי אַזוי אַמאָליקע ניט־ציוניסטן, וועלכע ווילן מאַכן זייער בייטראַג, זאָלן היינט אַריינגעצויגן ווערן אין דער אַרבעט.

דאָס זיינען פּראָבלעמען, וועלכע קענען אונז אינטערעסירן, אָבער וועלכע קענען נאָר אַנטשידן ווערן דורך די געהעריקע ציוניסטישע אָרגאַנען. וואָס עס איז וויכטיקער פאַר אונז דאָ, איז די מעגלעכקייט וועלכע ישראל וועט האָבן צו העלפן אונז אין אידישן וועלט־קאָנגרעס אין דער פאַרטיידיקונג פון אידישע פּאָזיציעס. אין דער צוקונפט, ווען עס וועלן אַנטשטיין אידישע פּראָבלעמען, וועלכע וועלן פאָדערן שריט פון די פאַראייניקטע פעלקער, וועט זיין אַן אָפיציעלער פאַרטרעטער פון ישראל ביים באַראַטונגס־טיש, גרייט צו רעדן און האַנדלען פאַר אונז. אָבער, ווידער אַמאָל, מיר דאַרפן ניט באַטראַכטן ישראל אַלס דעם פאָרמעלן פאַרטרעטער פון אידישע געמיינדעס אין גלות. ישראל קען עס ניט זיין. די אידישע מדינה קען עס ניט זיין אין אירע אייגענע אינטערעסן, ווי אויך אין די אינטערעסן פון די דאָזיקע געמיינדעס גופא. אַזוי ווי אידן אין גלות וועלן זיין באַרעכטיקט צו זוכן מאָראַלישע שטיצע פון ישראל אָן אַ פּאָליטישער פאַרבינדונג מיט דער אידישער מדינה, אַזוי וועט די מדינה זיין באַרעכטיקט צו געבן מאָראַלישע שטיצע צו באַרעכטיקטע אָנקלאַגעס און פאָדערונגען פון אידישע געמיינדעס אין גלות, אָדער צו אַלגעמיינע פאָדערונגען פון אידישן פאָלק. אָבער כל־זמן אידן אין גלות האָבן ניט קיין פּאָליטישע פאַרבינדונג מיט ישראל, איז קלאָר, אַז ישראל קען ניט האַנדלען אַלס זייער פאַרטרעטער.

פון דעם ווערט קלאָר, אַז עס איז ניט פאַראַן קיין ווידערשפּרוך צווישן ישראל און אונזערע נאַטירלעכע פליכטן צו שטיצן די אידישע מדינה, און דער נויטווענדיקייט פאַר אַן אָרגאַניזאַציע פון וועלט־אידנטום צו פאַרטרעטן אידישע קיבוצים ווען ס'איז נויטיק, און דאָס אידישע פאָלק, ווען מען וועט דאַרפן. די צוקונפט פון אידן אין גלות און די צוקונפט פון ישראל פאָדערן ענגע באַציאונגען, צוטרוי, קעגנזייטיקע הילף און צוזאַמענאַרבעט צווישןביידע טיילן; אָבער אין דער זעלבער צייט וועלן זיי זיין פאַרשידענע באַגריפן. מדינת ישראל וועט פאַרטרעטן אירע בירגער און רעדן פאַר זיי, און דער אידישער וועלט־קאָנגרעס וועט פאַרטרעטן דאָס אידישע פאָלק און רעדן פאַר אים — אויף ווי ווייט דער אידישער וועלט־קאָנגרעס וועט זיין באַפולמעכטיקט דאָס צו טאָן.

⁂

דאָס פירט מיך צו די מסקנות פון מיינע באַמערקונגען. די אַנאַליזע פון דער טראַגעדיע פון אידישן לעבן אין די לעצטע 15 יאָר און די דאָזיקע

אָפּשאַצונג פון דער גרעסטער שעפערישער דערגרייכונג אין אידישן לעבן — די אויפשטעלונג פון מדינת ישראל — פירן צו דער זעלבער מסקנה: די נויטווענדיקייט אויפצוהאַלטן און צו פאַרשטאַרקן אַן אָרגאַניזם, וועלכער וועט אויסדריקן די אייניקייט פון אידישן פאָלק און וועט קענען רעדן און האַנדלען פאַרן פאָלק. דער אידישער וועלט־קאָנגרעס האָט ניט בדעה צו רעפּרעזענ־טירן, און נאָך ווייניקער צו שאַפן, אַ אידיש פּאָליטיש פאָלק אין גלות. אויף ווי ווייט אידן זיינען אַ פאָלק אין לעגאַלן און פּאָליטישן זין פון דעם באַגריף, איז דאָס דאָזיקע פאָלק פאַרטראָטן דורך די אידישע בירגער פון מדינת ישראל. ווי איך האָב פריער געזאָגט, די דעפיניציע „וואָס איז אַ איד" איז אומוויכטיק פאַרן אידישן וועלט־קאָנגרעס. וואָס מיר זאָלן ניט זיין אין ליכט פון טעאָרעטישע דעפיניציעס (פערזענלעך גלויב איך, און האָב שטענדיק געגלויבט, אַז עס איז ניט פאַראַן קיין ניט־העברעאישער באַגריף, וועלכער קען דעפינירן די קאָלעקטיווע אייניקייט, וועלכע הייסט אידיש פאָלק), איז וויכטיק צו אָנערקענען, אַז די אייניקייט, וועלכע הייסט אידיש פאָלק, האָט דאָס רעכט און די פליכט זיך צו אָרגאַניזירן פאַר געמיינזאַמער טעטיקייט, און דאָס צו מאַכן עפנטלעך. וואו איז עס געזאָגט געוואָרן, אַז נאָר פעלקער האָבן אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס? זיינען דען ניט פאַראַן קיין אינטער־נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס פון קירכן, סאָציאַלע גרופּן, פּראָפעסיאָנעלע פאַר־איינען, שרייבערס און אַנדערע מינים קאָלעקטיווע קערפּערשאַפטן, וועלכע זיינען באַזירט אויף פּראָפעסיאָנעלע, סאָציאַלע אָדער געמיינזאַמע אינטערעסן? אויב מיר אָנערקענען, אַז עס זיינען פאַראַן געמיינזאַמע פּראָבלעמען פאַר אַלע אידן אויף דער וועלט, וועלכע קענען אַמבעסטן באַהאַנדלט ווערן דורך אַ געמיינזאַמען צוגאַנג, צוזאַמענאַרבעט און קאָאָרדינאַציע, דאַן איז די עקזיס־טענץ פון אידישן וועלט־קאָנגרעס פולשטענדיק באַרעכטיקט — בעצם אַבסאָ־לוט נויטווענדיק.

איך וויל ניט אין דער דאָזיקער דערעפענונגס־רעדע אַריינגיין אין וויכוחים וועגן אַ קאָנקרעטער פּראָגראַם און פּרטים פון אויפגאַבן, וועלכע דערוואַרטן דעם אידישן וועלט־קאָנגרעס. איך בין זיכער, אַז אַלע וועלן מסכים זיין, אַז דער אידישער וועלט־קאָנגרעס מוז זיך קאָנצענטרירן אויף צוויי הויפּט־פּראָבלעמען: פּאָליטישע אַרבעט צו זיכערן אידישע פּאָזיציעס און דעם סטאַטוס פון אידישע קיבוצים אויף דער גאַנצער וועלט, ספּעציעל אין אַנבליק פון די גרויסע געפאַרן, וועלכע לויערן אויף אונז; צווייטנס, קולטורעלע אַרבעט. עס איז נויטיק מער ווי ווען־ניט־איז צו שאַפן אַ קאָאָרדינירטע פּראָגראַם פון קאָנסטרוקטיווער טעטיקייט, אויפצובויען פונדאַמענטן אידישע

קולטורעלע אינסטיטוציעס, צו דערציען אידישע קינדער מיט וויסן פון אידישן עבר און רעספעקט פאַר אידישע טראַדיציעס און פאַר די גרויסע היסטאָרישע ווערטן און קולטורעלע דערגרייכונגען פון אידישן פאָלק. דאָס דאָזיקע פּראָבלעם איז אַזוי וויכטיק, און אַזוי שווער, אַז מען קען עס ניט איבער־לאָזן צו די באַזונדערע קיבוצים, כאָטש זיי וועלן דאַרפן אַליין מאַכן דעם גרעסטן ביטראָג. ספּעציעל די קלענערע קיבוצים קענען ניט איבערגעלאָזן ווערן אַליין מיט אַזאַ אויפגאַבע — ניט בלויז פינאַנציעל, נאָר אויך גייסטיק דאַרפן זיי האָבן הילף. ניט ווייניקער וויכטיק איז צו קאָאָרדינירן אין ברייטע שטריכן די טעטיקייטן אויף די דאָזיקע געביטן אין די פאַרשידענע לענדער לויט אַ געמיינזאַמער פּראָגראַם, אין וועלכער אַלע טיילן און גרופּן אין אידישן לעבן קענען צוזאַמענאַרבעטן. פאַרשידענע גרופּן און פּאַרטייען און קיבוצים מעגן האָבן פאַרשידנאַרטיקע מיינונגען וועגן אידישקייט און יודאַ־איזם, אָבער עס איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט פאַר אַ געמיינזאַמער פּראָגראַם, אויב מיר נעמען אין חשבון, אַז דער יסוד איז די גאַנצקייט פון דער אידישער קולטור אין דער פאַרגאַנגענהייט, פון וועלכער מיר דאַרפן נישט פאַרלירן קיין איין טייל, נאָר זי אָפּהיטן אַלס גאַנצע פאַר די קומענדיקע דורות.

אין דער היינטיקער וועלט פון אידעאָלאָגישע קאָנפליקטן, מיט זייער שטאַרקן אַפּיל פאַר יונגע מענטשן, איז נויטיקער ווי ווען־ניט־איז צו פאַר־שטאַרקן דעם אידישן באַוואוסטזיין — ניט בלויז פּאָליטיש און סענטימענטאַל, נאָר אויך קולטורעל און גייסטיק. מיר קענען עס מאַכן דורך געבן אונזער יוגנט אַ מעגלעכקייט צו וויסן וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט געשאַפן אין זיין לאַנגער געשיכטע — דורך געבן אַ זין פאַר זייער אידישן באַוואוסטזיין. מיר זיינען שטענדיק געווען שטאָלץ אויף דעם, אַז זיין אַ איד האָט באַדייט עפּעס מער ווי אַ סענטימענט וועגן דעם; אַז זיין אַ איד האָט געמיינט לערנען און וויסן. אָן אידישן וויסן אין אַלע זיינע פאָרמען וואָלט דאָס אידישע פאָלק זיך צעפאַלן מיט דורות צוריק און פאַרשוואונדן פון אויבערפלאַך פון דער ערד. כאָטש די מעגלעכקייטן פאַר אידישן וויסן זיינען היינט אַנדערע, ווי אין די פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער, מוזן מיר דאָך טאָן אַלץ בכדי צו דערמוטיקן אידן, ספּעציעל יונגע אידן, ניט בלויז מיט עמאָציעס פון שטאָלץ און איבער־געגעבנהייט, נאָר אויך מיט וויסן, אָן וועלכן די סענטימענטן קענען ניט האָבן קיין ווערצלען.

וואָס שייך די פּאָליטישע אַרבעט, נאָך די טראַגישע לעקציעס פון דער לעצטער תקופה, מוז דאָס אידישע פאָלק אָנהויבן פאַרשטיין, אַז דאָס פּראָבלעם פון זיין עקזיסטענץ איז קודם־כל פּאָליטיש און דאַרף באַהאַנדלט ווערן פּאָלי־

טיש. הילף איז אַ גרויסע זאַך און מוז פאַרגעזעצט ווערן כל־זמן מען דאַרף זי; אָבער הילף איז נאָר אַ סוראָגאַט פאַר פּאָליטישער טעטיקייט. די הילף מוז אויך קאָאָרדינירט ווערן מיט אַנדערע אַספּעקטן און באַהאַנדלט ווערן מיט פּאָליטישע מעטאָדן. מען וועט דאַרפן האָבן מער רעגירונגס־הילף איידער אין דער פאַרגאַנגענהייט. מיר זיינען די הויפּט־קרבנות פון דער נאַצישער אַגרעסיע און די דעמאָקראַטישע וועלט איז אונז שולדיק איר הילף אין פאַרריכטן כאָטש אַ טייל פון שאָדן און אין ווידער־אויפשטעלן דאָס אידישע לעבן. די דאָגמאַטישע אונטערשידן צווישן הילף, אַרבעט און פּאָליטישער טעטיקייט האָבן אין די היינטיקע טעג פאַרלוירן זייער זין. אינטערנאַציאָנאַלע קערפּערשאַפטן אין דער ראָם פון דער יו־ען מאַכן זייער בייטראָג. מען דאַרף פירן פאַרהאַנדלונגען מיט רעגירונגען און זיכערן זייער הילף; מען דאַרף באַקומען מעגלעכקייטן פאַר דער הילף־אַרבעט. ווער קען זאָגן, אַז דאָס איז נאָר הילף־אַרבעט און נעמט ניט אַרום קיין פּאָליטישע טעטיקייט?

אָבער אַפילו נאָך דעם אַלעם, נאָך דעם ווי אידישע הילף־אַרבעט וועט אָרגאַניזירט ווערן (זי מוז אָרגאַניזירט ווערן) איז נאָך דאָס פּראָבלעם פון אידן אין גלות ניט געלייזט. אונזער קאַמף פאַר עקזיסטענץ איז אַ פּאָליטישער קאַמף. עס איז דער קאַמף פון אַ פאָלק. דער דאָזיקער קאַמף מוז געפירט ווערן און אָרגאַניזירט ווערן מיט פּאָליטישע מעטאָדן. צו דער מורא פון געוויסע אידישע גרופּן פאַר פּאָליטישער טעטיקייט מוז געמאַכט ווערן אַ סוף איינמאָל פאַר אַלעמאָל. פּונקט אַזוי, ווי די וועלט האָט געלערנט צו באַוואונדערן אונז און די אידן אין ארץ־ישראל, וועלכע האָבן אויפגעשטעלט זייער מדינה און קעמפן פאַר איר, פּונקט אַזוי וועט די וועלט רעספּעקטירן דאָס אידישע פאָלק, אויב עס וועט זיין גרייט צו קעמפן פאַר זיינע פּאָזיציעס, פאַר די פּאָזיציעס אומעטום וואו אידן לעבן און האָבן אַ רעכט צו לעבן.

# וועלט־אידנטום אין דער נאָך־מלחמה׳דיקער תקופה

(רעדע ביי דער דריטער סעסיע פון אידישן וועלט־קאָנגרעס,
אין אויגוסט 1953)

איך פיל, אַז די ערשטע ווערטער ביי דער דערעפענונג פון דער דריטער סעסיע פון אידישן וועלט־קאָנגרעס דאַרפן זיין געווידמעט דעם מענטש, וועלכער האָט באַדאַרפט אַצינד שטיין פאַר אייך אַנשטאָט מיר און האַלטן די דערעפענונגס־רעדע. ווי טיף וואָלטן איר און איך געוואָלט, אַז דאָס זאָל זיין אַזוי. ווי איר פאַרשטייט אַלע, באַציי איך זיך צו דעם גרינדער און ערשטן פרעזידענט פון אידישן וועלט־קאָנגרעס, דר. סטיפן וויז, דעם אומפאַרגעסלעכן און העכסט־דינאַמישן אידישן פירער פון אונזער דור. ער האָט משפיע געווען אויפן אידישן לעבן אומעטום אין דער גאַרער וועלט, ווי ווייניק אַנדערע האָבן דאָס געטאָן. זיין אינטערעס איז געווען אוניווערסאַל און אַזוי איז אויך געווען זיין ווירקונג. ס׳איז נישט געווען קיין אידישע פּראָבלעם, אין וועלכן ער האָט נישט גענומען קיין אינטערעס און ווען ער האָט גענומען אַן אינטערעס אין אַ פּראָבלעם, האָט ער דאָס געטאָן מיט אַן ענערגיע, מיט אַ ליידנשאַפט און מיט אַ דינאַמיזם, וואָס האָבן אים כאַראַקטעריזירט מער פון יעדן אַנדערן אידישן פירער פון אונזער צייט.

ציוניזם און אידישע גלות־פּראָבלעמען, רעליגיעזע און סאָציאַלע ענינים, אידישע קולטור און אידישע פילאַנטראָפּיע, די באַציאונגען צווישן אידן און אַנדערע פעלקער — ס׳איז נישט געווען קיין איין געביט פון אידישן לעבן און אידישן געדאַנק, פון וועלכן ער איז ניט געווען טיף אַדורכגעדרונגען. און אומעטום האָט ער איבערגעלאָזן אַ דויערנדיקע און אומפאַרגעסלעכע השפּעה.

ער פעלט אונז, ער פעלט די אַלע, וועלכע האָבן געהאַט, ווי איך, דעם זכות צו זיין נאָענט צו אים און וואָס האָבן געקענט זיך רימען צו געהערן צו זיינע חברים. ער פעלט אונז יעדן טאָג פונדאָסניי: כסדר ווען עס אַנטשטייט אַ שווערע סיטואַציע, כסדר ווען אַ פּראָבלעם ווערט קאָמפּליצירט, ווען עס דאַרף געמאַכט ווערן אַ וויכטיקער באַשלוס, אָדער אָנגענומען ווערן אַ פּאָלי־טישע ליניע, דעמאָלט פרעג איך זיך: וואָס וואָלט ער געטאָן אין דאָזיקן מצב.

עס איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז ער איז געווען דער גרינדער און ערשטער פּרעזידענט פון אידישן וועלט־קאָנגרעס, פּונקט ווי די געשיכטע וואָלט אים

אויסגעקליבן פאַר דעם. די אייניקייט פון אידישן פאָלק, די קאָאָרדינירונג פון אַלע טיילן פון אונזער אומה פאַר דער בשותפות׳דיקער אַרבעט און פאַר דער לייזונג פון די געמיינזאַמע פּראָבלעמען, איז געווען דער אידעאָלאָגישער יסוד פון זיין קאָנצעפּציע פון אידישן לעבן און פון זיין צוגאַנג צו אידישע פּראָבלעמען.

זייענדיק דער אוניווערסאַלסטער פון אַלע אידישע פירערס פון אונזער צייט, האָט ער אומפאַרמיידלעך באַדאַרפט אָננעמען די אידייע פון אידישן וועלט־קאָנגרעס, וואָס זאָל אויסדריקן און רעאַליזירן די אידישע אייניקייט און צונויפנעמען די צעשפּרייטע טיילן פון אונזער פאָלק פאַר אַ געמיינזאַמער אַקציע. ס׳איז בדרך־כלל שווער צו באַצייכענען דעם גענויען אָנטייל פון אַ פירער אין די דערגרייכונגען פון זיין דור. אָבער וואָס אָנבאַלאַנגט סטיפן וויז׳ס דאָזיקער דערגרייכונג, די שאַפונג פון אידישן וועלט־קאָנגרעס, קען געזאָגט ווערן מיט אַן אַבסאָלוטער גענויקייט, אַז זיין איניציאַטיוו און זיין וויזיע זיינען געווען דעציזידירנדיק. ער האָט מיך צוגעצויגן צו דער דאָזיקער באַוועגונג, ווי אַלע אַנדערע פון זיינע פריינט און מיטאַרבעטער — אַ סך פון זיי זיינען, צו אונזער גרעסטן צער, נישטאָ מער מיט אונז — וועלכע האָבן געגרינדעט דעם אידישן וועלט־קאָנגרעס אונטער זיין פירונג נאָך יאָרן פון מי און צוגרייטונג. סטיפן וויז האָט נישט באַדאַרפט ווערן אויסגעקליבן אַלס דער ערשטער פּרעזידענט פון קאָנגרעס; ער איז געווען באַשטימט פאַר דער דאָזיקער פּאָזיציע אויף אַ נאַטירלעכן אופן. היינט, ווען מיר זיינען דאָ פאַר־זאַמלט דאָס ערשטע מאָל אָן אים, ווערט אונז פעלן זיין טעמפּעראַמענט, זיין ליידנשאַפט, זיין וויזיע און די אַלע אייגנשאַפטן פון זיין איינגעבוירענער נאַטירלעכער פירערשאַפט, וועלכע ער האָט פאַרמאָגט, ווי ווייניק אַנדערע, אין יעדן מאָמענט, אין יעדער רגע. מער פון אַלץ וויל איך דערמאָנען די יעניקע אייגנשאַפטן, וואָס האָבן אים, לויט מיין מיינונג, כאַראַקטעריזירט אַמשטאַרקסטן און וואָס האָבן אים געגעבן אַן איינציקאַרטיקע שטעלונג צווישן די אַנדערע גרויסע אידישע פירערס פון זיין תקופה. איך מיין מיט דעם זיין אומבאַגרענעצטע און אומאויסשעפּלעכע ליבע פאַר אַלץ, וואָס איז אידיש.

מענטשן ווערן פירערס פון זייער פאָלק צוליב פאַרשידענע מאָטיוון — צוליב זייער טיפער אמונה אין געוויסע אידייען, וועלכע זיי ווילן רעאַליזירן; אַנדערע ווידער צוליב דעם נאַטירלעכן דראַנג צו מאַניפעסטירן און רעאַליזירן זייערע טאַלאַנטן און אייגנשאַפטן פון פירערשאַפט; נאָך אַנדערע צוליב דער תאווה נאָך מאַכט, אָדער צוליב סיבות פון איטלקייט און דעם פאַרלאַנג צו שאַפן אַ רעפּוטאַציע פאַר זיך אַליין. די טיפע וואָרצלען ביי דר. וויז׳ן, פון

וועלכע ער האָט געשעפּט זיין אומבאַצוואונגענע ענערגיע, זיין אומאויסשעפּ־לעכע אַרבעט־פעאיקייט און זיין גרויסע ליידנשאַפט, האָבן אַרויסגעדרונגען פון דער גוטסקייט פון זיין האַרץ, פון זיין ליבע פאַר מענטשן בכלל און פאַר יעדן פּרט. דאָס איז די סיבה, פאַרוואָס קיין שום אידיש פּראָבלעם און קיין איין אידישער אינטערעס זיינען ניט געווען פרעמד פאַר אים. אומעטום וואו אַ איד, אַ יחיד אָדער אַ כלל, איז געווען אין נויט, איז ווייז געווען גרייט צו העלפן.

אין אַ פּעריאָד פון דער מענטשלעכער געשיכטע, וועלכער איז אפשר ברוטאַלער און אַכזריות׳דיקער פון וועלכער־ניט־איז אַנדערער תקופה, פול מיט שפּאַנונג, מיט ביטערקייט און מיט שנאה, מיט חשד און פאַרמעסטונג, איז די דאָזיקע געשטאַלט פון אַ גרויסן אידישן פירער, געטריבן פון גוטסקייט, פון ליבע און ליידנשאַפט צו העלפן, פאַסצינירנדיקער און באַאיינדרוקנדיקער ווי אין וועלכער־עס־איז אַנדערער צייט. און די גרעסטע אָנערקענונג, וואָס מיר — די וואָס זיינען ממשיך זיין ווערק — קענען געבן זיין אָנדענק און זיין איינציקאַרטיקער פּערזענלעכקייט, איז צו לאָזן אָט־די בולט׳ע אייגנשאַפט זיינע, זיין גייסט פון פריינטשאַפט און ליבע און סאָלידאַריטעט מיט יעדן איד און יעדן מענטש, משפּיע זיין אויף אונזערע מעשים און ביים פירן אונזער פּאָליטישע אַרבעט.

***

דער צוועק פון דער דאָזיקער דערעפענונגס־רעדע איז צו געבן אַן איבערבליק איבער די פינף יאָר, וואָס זיינען פאַרגאַנגען זינט אונזער לעצטער סעסיע אין מאָנטרעי; צו מאַכן אַ סך־הכל פון אידישן מצב אין דער וועלט, ווי עס פירט זיך אויף אַלע אונזערע פאַרזאַמלונגען; און אָנצואווייזן אויף די עיקר׳דיקע פּראָבלעמען, וואָס נויטיקן זיך אין אַ לייזונג.

דאָס אידישע פאָלק, ווי אַלע אַנדערע פעלקער פון דער וועלט, לעבט נאָך אין די באַדינגונגען פון דער נאָך־מלחמה׳דיקער תקופה (לאָמיר האָפן און תפילה טאָן, אַז די צוקונפטיקע היסטאָריקער וועלן באַצייכענען אָט־די תקופה ווי אַ נאָך־מלחמה׳דיקע און ניט ווי אַן ערב־מלחמה׳דיקע). די צווייטע וועלט־מלחמה מיט איר רעוואָלוציאָנערן עפעקט אויף אַלע פעלקער פון דער וועלט, און מיט איר ווייטגייענדסטער און רעוואָלוציאָנערער ווירקונג אויף דעם גורל פון אונז אידן, מער ווי פאַר וועלכער ניט איז אַנדערער גרופּע, האָט גורם געווען אַזעלכע ראַדיקאַלע און פונדאַמענטאַלע אויפטרייסלונגען אין דער וועלט, אַז קיין גרופּע, קיין פאָלק און קיין לאַנד האָבן נאָך נישט באַוויזן צו לייזן די פּראָבלעמען, וואָס זיי האָבן גע׳ירשנ׳ט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

אין דער געשיכטע איז אַ מלחמה אַזוי לאַנג נישט געוואונען אָדער ליקווידירט, ווי לאַנג אַן אמת'ער שלום איז נאָך נישט דערגרייכט געוואָרן. און אַזוי לאַנג, ווי די פּראָבלעמען, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן דורך דער צווייטער וועלט־מלחמה, וועלן נישט געלייזט ווערן אויף אַ קאָנסטרוקטיוון און האַרמאָנישן אופן, וועלן מיר אַלע נאָך לעבן אין דער דאָזיקער נאָך־מלחמה־דיקער תקופה.

פאַר אונז, פאַרן אידישן פאָלק, האָט די מלחמה געבראַכט מער ראַדיקאַלע שינויים, ווי פאַר וועלכער־נישט־איז אַנדערער אומה. קיין איינער פון די מלחמה־פירנדיקע צדדים, ווי פיל ער זאָל נישט האָבן געצאָלט און געליטן אין דער מלחמה, האָט נישט געליטן און נישט געצאָלט אַזוי פיל ווי מיר. מיר האָבן פאַרלוירן אַ דריטל פונעם פאָלק; די גרעסטע צענטערס פון אידישן לעבן און אידישער קולטור זיינען צעשטערט געוואָרן. אָבער גלייכצייטיק האָט די מלחמה געשאַפן די באַדינגונגען און געלעגנהייט פאַר דער רעאַליזירונג פון די דורות־אַלטע האָפענונגען און חלומות פון אונזער פאָלק — די שאַפונג פון אַ אידישער מדינה. עס איז דעריבער נאַטירלעך אַז מיר זיינען ווייניקער פעאיק פון אַנדערע גרופּעס צו ליקווידירן אָדער צו לייזן די פּראָבלעמען, וואָס די מלחמה האָט געשאַפן.

ווען מיר זיינען זיך צונויפגעקומען מיט פינף יאָר צוריק, האָבן מיר נישט געזען די דאָזיקע אַלע פּראָבלעמען אין זייער גאַנצער קלאָרקייט. מיר זיינען נאָך געווען צו־נאָענט צום סוף פון דער מלחמה, צו־טיף און צו־עמאָציאָנעל פאַרקניפּט מיט דער טראַגעדיע פונעם אייראָפּעאישן אידנטום, בכדי צו קענען ווערן דורכגעדרונגען מיט דער פרייד פון דעמאָקראַטישן נצחון איבערן נאַציזם און פאַשיזם, און מיטן שטאָלץ און מיט דער אויפטרייסלענ־דיקער איבערלעבונג פון דער שאַפונג פון מדינת ישראל. זינט דעמאָלט האָבן מיר געוואונען אַ גרעסערע דיסטאַנץ. די עמאָציעס האָבן זיך באַרואיקט. מיר זיינען ניכטערער אין אָפּשאַצן הן די טראַגעדיע און הן דעם נצחון, דאָס נעגאַטיווע און דאָס פּאָזיטיווע. מיר זיינען געוואָרן מער באַקאַנט מיט די טאָג־טעגלעכע, פּראַקטיש־פּראָזאַאישע אַספּעקטן פון די אַלע פּראָבלעמען, וואָס די מלחמה האָט אַרויסגערופן. און דעריבער קענען מיר זיך איצט באַשעפטיקן מיט זיי ראַציאָנעלער און קאָנסטרוקטיווער, ווי דאָס איז געווען מעגלעך אין דער גרויסער עמאָציאָנעלער אַטמאָספערע מיט פינף יאָר צוריק.

די צוויי בולט'ע פאַקטן, וואָס כאַראַקטעריזירן די ווירקונג פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אויף דער פּאָזיציע פון אידישן פאָלק און וואָס וועלן אויך בלייבן די עיקר'דיקע גורמים צו באַהערשן דאָס אידישע לעבן און די

אידישע פּאָליטיק פאַר פיל יאָרן, אויב נישט אויף דורות, זיינען, פון איין זייט, די טראַגעדיע, געשאַפן דורכן נאַציזם, און פון דער צווייטער זייט, די אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל. אונזער אויפגאַבע, די אויפגאַבע פון דער שארית הפליטה נאָך דער קאַטאַסטראָפע און דער נאַצישער עפּאָכע, איז צו ליקווידירן, אויף ווי ווייט מעגלעך, דעם שאָדן, וואָס די נאַציס האָבן אונז אָנגעטאָן, און אויפבויען פונדאַסנייַ, אויף ווי ווייט מיר קענען, דאָס אידישע לעבן און זיינע ווערטן פון איין זייט און צו קאָנסאָלידירן מדינת ישראל, צו שטאַרקן איר זיכערקייט און פעאיקייט, פון דער צווייטער זייט. אויב אונזער דור וועט האָבן דערגרייכט די דאָזיקע צוויי אויפגאַבעס — די באַנייאונג פון אידישן לעבן אויף די חורבות פון דער נאַצי־עפּאָכע, דאָס אומקערן, אויף ווי ווייט מעגלעך, פונעם גערויבטן פאַרמעגן, דאָס צוטרעטן צו אַ נייעם באַגינען נאָך דעם חורבן; און איבערגעבן די קומענדיקע דורות אַ מדינת ישראל, וואָס קען זיך אַליין אויסהאַלטן און זייןווירקלעך אומאָפּהענגיק און געזיכערט — דעמאָלט וועלן מיר באמת האָבן דערפילט די פליכט, וואָס די געשיכטע האָט אַרויפגעלייגט אויף אונז.

איך וועל זיך ראשית פאַרנעמען מיטן ערשטן גרויסן פּראָבלעם, אָדער מיט דער קאַטעגאָריע פון פּראָבלעמען, וואָס באַציען זיך צו דער ווירקונג פון דער וועלט־מלחמה און צו דעם פּרואוו, צו מאַכן אַ נייעם אָנהויב נאָכן שרעקלעכן קלאַפּ, וואָס דאָס אידישע פאָלק ווי אַ גאַנצע האָט באַקומען פון דער נאַצי־עפּאָכע.

אונזער ערשטע עלעמענטאַרע אויפגאַבע איז געווען צו אונטערנעמען די נויטיקע הומאַניטאַרע שריט פאַר רעהאַביליטירן די שארית הפליטה פון נאַציזם און פאַרזיכערן פאַר זיי די סאַמע נויטווענדיקייטן פון לעבן. צו דעם איז געקומען די אויפגאַבע צו ראַטעווען, אויף ווי ווייט מעגלעך, די מאַטעריעלע פאַרמעגנס, וואָס אידן האָבן פאַרלוירן אין דער נאַצי־עפּאָכע אַלס יחידים און ווי אַ פאָלק. גלייך נאָך דער מלחמה האָבן מיר געדאַרפט אָנהויבן זוכן אַ לייזונג פאַר די פּראָבלעמען פון ווידעראומקערונג און ווידערגוטמאַכונג. עס איז איינע פון די גרעסטע היסטאָרישע דערגרייכונגען פון אידישן וועלט־קאָנגרעס, פאַר וועלכע ער קען פאַרלאַנגען שבחים פאַר זיך אַליין, אַז שוין בעת דער מלחמה און גלייך נאָך דעם, האָבן מיר אַנטוויקלט אַ פּראָגראַם פון ווידעראומקערונג און ווידערגוטמאַכונג אויף אונזערע קאָנפערענצן אין באַלטימאָר און אַטלאַנטיק־סיטי.

מיר האָבן פּראָקלאַמירט דעם פּרינציפּ, אַז אַ פּרעצעדענט אין דער געשיכטע, אַז אויך אַ פאָלק, וואָס איז יורידיש און פאָרמעל נישט געווען

קיין מלחמה־פירנדיקער צד, ווי דאָס אידישע פאָלק, אָבער וואָס איז געוואָרן צום גרויסן טייל צעשטערט, גע׳רודפ׳ט און געשעדיקט, האָט דאָס רעכט צו פאַרלאַנגען ווידעראומקערונג פון דעם, וואָס איז געבליבן פון זיין פאַרמעגן.
די פאָרמולן, וואָס מיר האָבן אויפגעשטעלט, זיינען געווען ניי, די פאָדערונגען האָבן אויסגעזען צו זיין רעוואָלוציאָנער. אינטערנאַציאָנאַלע און מלוכה׳שע געזעצן האָבן נישט פאָרויסגעזען אונזערע פאָדערונגען. איך בין גליקלעך צו זאָגן, אַז אַלע גרעסערע אידישע אָרגאַניזאַציעס האָבן אָנגענומען נאָך דער מלחמה, מער אָדער ווייניקער, די זעלבע ליניע און זיינען געווען פאַראייניקט, פאַר דער בשותפות׳דיקער אַקציע, צו פאַרווירקלעכן דאָס דאָזיקע פּראָגראַם פון ווידעראומקערונג און ווידערגוטמאַכונג.

מיר האָבן ראשית־כל געדאַרפט איבערצייגן די פאַרבינדעטע גרויס־מאַכטן אין דער גערעכטיקייט פון אונזערע פאָדערונגען, און מיר האָבן אין אַ באַדייטנדיקער מאָס מצליח געווען אין אַלע לענדער, מיטן אויסנאַם פון די מזרח־איראָפּעאישע מלוכות און סאָוועט־רוסלאַנד, וועלכע האָבן זיך אָפּגע־זאָגט צו אָנערקענען דאָס דאָזיקע פּראָגראַם אָדער אים דורכצופירן. אָרגאַ־ניזאַציעס ווי די „דזשואיש רעסטיטיושאָן סוקסעסער אָרגאַניזיישאָן" אין דער אַמעריקאַנער אָקופּאַציע־זאָנע פון דייטשלאַנד, „די בריטיש טראָסט קאָרפּאָ־ריישן" אין דער ענגלישער און אַן ענלעכע אָרגאַניזאַציע אין דער פראַנצויזי־שער זאָנע פון דייטשלאַנד זיינען געווען דער ערשטער אָנהויב פון פאַרווירק־לעכן דאָס פּראָגראַם פון אומקערן דאָס גערויבטע אידישע פאַר־מעגן.

אויף דער שלום־קאָנפערענץ פון פּאַריז מיט די מזרח־איראָפּעאישע מדינות, רומעניע און אונגאַרן, האָבן מיר אַפילו מצליח געווען, מיט דער טעאָרעטישער הבטחה פון סאָוועט־רוסלאַנד, צו באַאיינפלוסן די דאָזיקע מדינות, צו נעמען אויף זיך די התחייבות פון ווידעראומקערן די אידישע פאַרמעגנס.
צום באַדויערן איז די דאָזיקע התחייבות קיינמאָל נישט רעאַליזירט געוואָרן, און זיי זיינען געבליבן איינע פון די פאַרלוירענע תביעות, ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די קאַלטע מלחמה. אָבער דער אמת׳ער נסיון פאַר דעם דאָזיקן פּראָגראַם איז געווען די האַנדלונג פון דער ניי־קאָנסטיטואירטער פעדעראַלער רעפּובליק פון דייטשלאַנד. פיל פון אונז האָבן פאַרשטאַנען, אַז נאָר פאַר־האַנדלענדיק דירעקט מיט דייטשלאַנד, און באַקומענדיק סאַטיספאַקציע פון דייטשלאַנד, וועלן מיר קענען דורכפירן די עיקר׳דיקע טיילן פון אונזערע פאָדערונגען. דאָ האָבן עטלעכע קאָלעגן פון דער לייטונג פונעם אידישן וועלט־קאָנגרעס געשפּילט אַ דעצידירנדיקע ראָלע און בעיקר דר. בארו,

וועלכער האָט דורכגעבראָכן דעם וועג מיט זיין גרויסער עקשנות, אַפּט איינער אַליין, בכדי אָנצוקניפּן די ערשטע קאָנטאַקטן מיט דייטשלאַנד, וואָס האָבן שפּעטער געפירט צום אָנהויב פון די אָפיציעלע פאַרהאַנדלונגען און פון זייער דערפאָלגרייכן אָפּשלוס.

דער פאַקט, אַז מיר האָבן מצליח געווען אינעם דאָזיקן גרויסן נסיון, קען נישט ווערן איבערגעשאַצט אין זיין וויכטיקייט. עס האַנדלט זיך נישט בלויז וועגן דער מאַטעריעלער באַדייטונג פונעם לוקסעמבורגער הסכם, גע׳חתמ׳עט צווישן דער פעדעראַלער רעפּובליק פון דייטשלאַנד, פון איין זייט, און פון מדינת ישראל און דער קאָנפערענץ פון אידישע פאָדערונגען צו דייטשלאַנד, פון דער צווייטער זייט, וואָס באַצייכנט די דאָזיקע דערגרייכונג — הגם יעדער איינער פאַרשטייט, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר פאַר ישראל די ליפערונג פון סחורות אינעם ווערט פון 820,000,000 דאָלאַר און וואָס עס באַדייט פאַרן אידישן לעבן מחוץ ישראל די סומע פון 107 מיליאָן דאָלאַר, וואָס איז פאַרויס־געזען פאַר הילף אין די תפוצות. אָבער היסטאָריש גערעדט, איז דער מאַטעריעלער און פינאַנציעלער אַספּעקט, דער אַמווייניקסטן אַנטשיידנדיקער. דער אמת׳ער היסטאָרישער באַדייט פונעם לוקסעמבורגער הסכם, וואָס איז אַ פּרעצעדענט אָן אַ פּאַראַלעל אין דער געשיכטע — דער פּרעצעדענט פון אַ הסכם צווישן אַ פאָלק אָן וועלכער נישט איז פאָרמעלער פּאָזיציע אַלס מלחמה־פירנדיקער צד און זיין שונא פון נעכטן — ליגט אינעם היסטאָרישן און מאָראַלישן אַספּעקט. היסטאָריש געזען, ווייזט ער אַביישפּיל און שאַפט אַ פּרעצעדענט פאַר דער צוקונפט, אַז יחידים און מינאָריטעטן, וואָס זיינען גע׳רודפ׳ט געוואָרן פון אַן אוממאָראַלישן און ברוטאַלן רעזשים, האָבן דאָס רעכט צו פאָדערן ווידערגוטמאַכונג, ווידעראומקערונג און אַנטשעדיקונג.

דער פאַקט, אַז די פעדעראַלע רעפּובליק פון דייטשלאַנד אונטער דער פירערשאַפט פון איר ווייטזיכטיקן און מוטיקן קאַנצלער, דר. אַדענויער, האָט אָנערקענט די דאָזיקע פאָדערונג, נישט זייענדיק געצוואונגען דערצו פון זיגרייכע אַרמייען, נאָר אויפן סמך פון מאָראַלישן געפיל צו געבן אַנטשעדיקונג, און בלויז אויפן גרונט פון רעכענען זיך מיט דער אויפגעקלערטער עפנטלעכער מיינונג — רעדט לטובת דער פירערשאַפט פון מערב־דייטשלאַנד, און פון דער מאַיאָריטעט פון דייטשן פאָלק פון מערב־דייטשלאַנד רעפּרעזענטירט דורך דער רעגירונג און דורך דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. דער דאָזיקער פאַקט ווייזט אַ ביישפּיל, וועלכער וועט, איך האָף, אין דער צוקונפט נישט דאַרפן נאָכגעפאָלגט ווערן, ווייל אַזעלכע פאַרברעכנס וועלן שוין האָפנטלעך נישט מער באַגאַנגען ווערן, אָבער דער דאָזיקער ביישפּיל שטעלט־

אויף אַ ווייטגייענדיקן פּרעצעדענט פאַר עווענטועלע ענלעכע סיטואַציעס אין דער צוקונפט.

איר דערמאָנט זיך דאָך אַלע אָן די ביטערע עמאָציאָנעלע דיסקוסיעס, וואָס זיינען פאָרגעקומען, איידער מיר האָבן אָנגעהויבן צו פאַרהאַנדלען מיט דייטשלאַנד. איך בין געווען איינער פון די אַמביטערסטן אַטאַקירטע אין דער דאָזיקער דיסקוסיע, אָבער נישט געקוקט אויף דעם האָב איך אַלעמאָל פאַר־שטאַנען און אָפּגעשאַצט די ערנסטקייט פון די מאָטיוון פון די יעניקע, וואָס האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט די דירעקטע פאַרהאַנדלונגען מיט דייטשלאַנד, כל־זמן די דאָזיקע מאָטיוון זיינען געווען עכט און נישט קיין דעמאַגאָגישער פּרעטעקסט פאַר אַנדערע פּאָליטישע אויסרעכענונגען. אָבער נישט געקוקט אויף מיין רעספּעקט פאַר דער ערנסטקייט פון דער דאָזיקער אָפּאָזיציע, האָב איך אַלעמאָל געהאַלטן, אַז איר יסוד איז אַ פאַלשע אויפפאַסונג פון דער מאָראַל אין עפנטלעכן לעבן.

צו פאַרהאַנדלען מיט אַ דייטשער רעגירונג, בכדי צו רעאַליזירן דעם פּראָגראַם פון ווידעראומקערונג און אַנטשעדיקונג, איז נישט בלויז געווען אַ סתם מאָראַלישע, נאָר די העכסטע מאָראַלישע פליכט פון דער אידישער פירערשאַפט. ניט מסכים זיין אויף צו פאָדערן אָדער צוריקבאַקומען דאָס, אויף וואָס אַ פאָלק האָט אַ רעכט, נאָר דערפאַר ווייל דאָס איז פאַרבונדן מיט רעדן און פאַרהאַנדלען מיטן אַמאָליקן שונא, איז אַ פאַרשטענדלעכע שטעלונג פאַר אַ פאָלק פון די געטאָס, וואָס האָט קיינמאָל נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו פירן אַזעלכע פאַרהאַנדלונגען און האָט געדאַרפט ראַטעווען זיין זעלבסט־רעספּעקט דורך איינרעדן זיך, אַז ער איז צו־שטאָלץ צו רעדן צו זיינע אונטערדריקערס. צום גליק איז פאַראַן אַ אידישע מדינה און ס'איז פאַראַן אַ אידיש פאָלק, וואָס קעמפט זינט צענדליקער יאָרן פאַר זיינע פּאָליטישע רעכט און איז מוטיק און שטאַרק גענוג, צו לאָזן הערן זיינע פּאָליטישע פאָדערונגען. אַזאַ פאָלק דאַרף האַנדלען ווי אַנדערע פּאָליטיש־רייפע פעלקער און דאַרף באַשטיין אויף אומקערן אים דאָס, וואָס האָט צו אים געהערט.

ווי איך האָב געזאָגט, איז עס געווען די מאָראַלישע פליכט פון דער אידישער פירערשאַפט, נישט נאָכצוגעבן אַזעלכע פּאָפּולערע געפילן און צו פּרואוון צוריקבאַקומען פון די דייטשן, וואָס עס האָט זיך געלאָזט צוריק־באַקומען, נאָך דער תקופה פון צעשטערונג. דער פאַקט, אַז די מאַיאָריטעט פון ישראל און פון די אידישע אָרגאַניזאַציעס אין דער גאָרער וועלט, האָבנדיק זיך אָרגאַניזירט פאַרן דאָזיקן צוועק אין דער קאָנפערענץ פאַר פאָדערונגען צו דייטשלאַנד, האָט איבערוועגנדיק אָנערקענט די דאָזיקע פּאָליטיק, איז

דער באַפרידיקנדיקסטער פּרואוו פון פּאָליטישער רייפקייט אין דער פירונג פון עפנטלעכע אידישע ענינים אין אונזער תקופה.

דער הסכם, וואָס איז גע׳חתמ׳עט געוואָרן אין לוקסעמבורג, וועט פאַר־בלייבן, אַ חוץ זיין היינטיקן נוצן פאַר ישראל און פאַר די אידישע קרבנות פון די נאַצישע רדיפות, איינע פון די גרעסטע דערגרייכונגען פון אונזער דור, וואָס איז געמאַכט געוואָרן דורך בשותפות׳דיקע אָנשטרענגונגען מיט דער פולסטער צוזאַמענאַרבעט פון די פאַרשידענע קהילות און אָרגאַניזאַציעס. מיט דער דאָזיקער דערגרייכונג וועלן מיר האָבן געהאָלפן נישט בלויז ישראל און דעם אידישן פאָלק, נאָר אויך — איך נעם זיך די פרייהייט דאָס צו זאָגן — דעם ענין פון אַלע גע׳רודפ׳טע גרופּעס, דעם ענין פון גערעכטיקייט און מענטשלעכקייט.

פּראָגעס פון ווידעראָומקערונג זיינען אויך באַהאַנדלט געוואָרן מיט אַנדערע רעגירונגען, אָבער, ווי שוין געזאָגט, האָבן מיר נישט מצליח געווען אין די מזרח׳דיקע לענדער, וואו דער גאַנצער פּרינציפּ פון ווידעראָומקערונג און ווידערגוטמאַכונג איז נישט אָנערקענט פון די רעגירונגען, אַפילו נישט פון די, וואָס האָבן אין די שלום־אָפּמאַכן אָנגענומען די פאָרמעלע התחייבות צו אַקצעפּטירן און צו פאַרווירקלעכן דעם דאָזיקן פּרינציפּ. אין די איצטיקע באַדינגונגען זיינען מיר הילפסלאָז צו טאָן עפּעס קאָנקרעט, אָבער דאָס באַדייט נישט, אַז מיר אָנולירן אונזערע פאָדערונגען. מיר זיינען אַ פאָלק פון אַ לאַנגן זכרון און גרויסער עקשנות. מיר האָבן אויפגעהאַלטן פאָדערונגען פאַר צענדליקער און הונדערטער יאָרן, וואַרטנדיק אויף אַ געלעגנהייט צו באַקומען סאַטיספאַקציע. מיר בלייבן ביי אונזערע פאָדערונגען און וועלן ממשיך זיין אַזוי לגבי די לענדער פון מזרח־איראָפּע. מיר וועלן באַשטיין אויף דעם מיט עקשנות ביזן מאָמענט, ווען ס׳וועט זיין מעגלעך דאָס צו טאָן.

באַשעפטיקנדיק זיך מיט דער אויפגאַבע צו ליקווידירן די רעזולטאַטן פון דער נאַצישער עפּאָכע פון דער וועלט־מלחמה, קענען מיר פאַרצייכענען נאָך אַ הויפּט־דערפאָלג. מיר האָבן פאַקטיש ליקווידירט דאָס פּראָבלעם פון די די־פּי׳ס, וואָס איז געווען די העכסט־טראַגישע ירושה פון דער מלחמה. דער רוב פון די די־פּי׳ס זיינען היינט אין ישראל און אַ סך פון זיי זיינען אין אַנדערע לענדער. דער גרעסטער טייל פון די די־פּי׳ס האָט אָנגעהויבן אַ ניי לעבן. און די באַמיאונגען פון „דזשאָינט״ און פון אַנדערע אידישע אָרגאַניזאַציעס אין גלות, ווי די גרויסע אַרבעט וואָס איז אויסגעפירט געוואָרן דורך דער אידישער אַגענטור פאַר ישראל, און דורך אַנדערע אידישע אָרגאַ־ניזאַציעס, וועלן פאַרצייכנט ווערן פאַר דער אייביקייט, ווי אַ גרויסע מאָני־

פעסטאַציע פון דער אידישער אייניקייט און פונעם אידישן ווילן, ממשיך צו זיין אונזער קיום.

***

אַצינד וויל איך איבערגיין צו דעם פיל־וויכטיקערן פּראָבלעם פון באַנייען דאָס אידישע לעבן נאָך דער טראַגעדיע און דער צעשטערונג פון דער היטלער־עפּאָכע. דאָ מוז איך זיך ראשית פאַרנעמען מיטן אַלגעמיינעם מצב פון אונזער פאָלק אין דער איצטיקער וועלט־סיטואַציע, ווי ער האָט זיך אַנטוויקלט אַלס אַ רעזולטאַט פון דער וועלט־מלחמה. דער דאָזיקער מצב אין די לעצטע עטלעכע יאָר איז כאַראַקטעריזירט דורך דעם, וואָס ווערט געוויינלעך אויס־געדריקט דורך דער באַצייכענונג „קאַלטע מלחמה". די דאָזיקע קאַלטע מלחמה איז אַן אויסדרוק פון אַ שפּאַנונג אין דער וועלט, פון אַ וועלט־סיטואַציע, וואָס איז פול מיט קאָנפליקטן, קעגנזאַצן, ביטערקייט און שנאה, פאַר וועלכע ס'זיינען פאַראַן ווייניק אָדער אינגאַנצן ניט קיין פּאַראַלעלן אין דער וועלט־געשיכטע. דער היינטיקער מצב פון דער קאַלטער מלחמה איז כאַראַקטעריזירט דורך דעם נייעם פאַקט, וואָס ער נעמט אַרום די גאַנצע וועלט. ס'איז קיינמאָל נישט געווען אַזאַ צייט אין דער געשיכטע, ווען אַלע טיילן פון דער מענטשהייט זיינען געווען פאַרפּלאָנטערט אין די גלייכע קאָנ־פליקטן און שפּאַנונגען, ווייל ס'איז קיינמאָל נישט געווען אַזאַ צייט, ווען די וועלט איז טעכניש געווען איין וועלט. וואָס איז עס אָנגעגאַנגען אין פריער־דיקע יאָרהונדערטער כינע אָדער אינדיע, אויב אייראָפּעאישע מלוכות האָבן געפירט מלחמה און פאַרקערט? היינט זיינען מיר טעכניש איין וועלט. דאָס, וואָס קומט פאָר אין קאָרייע, באַרירט יעדן יחיד אומעטום אין דער וועלט. די קאָנפליקטן פון אונזער תקופה גייען אָן אַלע טיילן פון דער מענטשהייט. זיי זיינען נישט קיין פּשוט'ע מאַכט־פּאָליטישע סכסוכים צווישן פעלקער; זיי זיינען אַפילו נישט קיין סאָציאַלע קאָנפליקטן צווישן קלאַסן. מיר לעבן אין אַ צייט, ווען אַלע ראַסן, פעלקער און קלאַסן אין דער וועלט שטרעבן צו אַ נייער חלוקה פון די רייכטימער און פון דער מאַכט אין דער וועלט. פיר הונדערט מיליאָן כינעזער, דריי הונדערט מיליאָן אין אינדיע, אַפריקע, די אַראַבישע מלוכות — זיי אַלע זיינען אינעם אויפמאַרש; זיי זיינען נישט מער צופרידן מיט דעם, וואָס זיי האָבן געהאַט און ווילן מער. דער דאָזיקער סאָציאַלער קאָנפליקט, מיט זיינע אינטערעסן, קעגנזאַצן און אידעאָלאָגיעס, איז פאַרבונדן מיט די נאַציאָנאַלע מאַכט־פּאָליטישע סתירות און קאָנפליקטן צווישן די גרויסמאַכטן. דער דאָזיקער דאָפּלטער אַספּעקט פון דער שפּאַנונג אין אונזער צייט פאַרביטערט אַזוי אַרום דעם מצב. יעדע מלחמה וועט זיין

אין דער צוקונפט הן אַן אויסערלעכע און הן אַן אינערלעכע סאָציאַלע מלחמה.

ווען מען פאַרשטייט דעם דאָזיקן סאָציאַלן כאַראַקטער פון אונזער תקופה, וועט מען אויך באַנעמען, אַז די דאָזיקע קאָנפליקטן קענען נישט געלייזט ווערן דורך אַ נאָרמאַלער דיפּלאָמאַטישער רוטינע. ס׳וועט געדויערן אַ לאַנגע צייט צו לייזן די פּראָבלעמען אַן דער קאַטאַסטראָפע פון אַן אמת׳ער מלחמה, וואָס וואָלט נישט באַדײַט אַ לייזונג, נאָר די צעשטערונג פון אונזער ציוויליזאַציע. דערפאַר דאַרפן מיר אַלע זיין גרייט אויף אַ לאַנגער תקופה פון שפּאַנונג און קאָנפליקטן, וועלכע קענען אַ ביסל פאַרמינערט ווערן דורך קאָנפערענצן, צוזאַמענטרעפן פון פּרעזידענטן און אויסערן־מיניסטאָרן און דורך פאַרזאַמלונגען פון די פאַראייניקטע פעלקער. זיכער זיינען זיי אַלע לטובת דעם ענין, אָבער קיינער קען ניט דערוואַרטן פון דיפּלאָמאַטן אָדער שטאַטסמענער, אַפילו פון די וויכטיקסטע, צו לייזן אין עטלעכע וואָכן אָדער מאָנאַטן קאָנפליקטן און פּראָבלעמען פון אַזאַ גלאָבאַלן פאַרנעם, וואָס זיינען פאַרוואָרצלט אין די שטאַרקסטע עמאָציאָנעלע אינטערעסן, פּרעסטיזש, אַמביציעס און מאַכט־גײַעג.

ס׳איז וועזנטלעך פאַר יעדן איינעם, וואָס וויל אַנאַליזירן דעם אידישן מצב פון היינט, צו אָנערקענען די דאָזיקע בּרוטאַלע און טראַגישע פאַקטן אין זייער פולן באַדײַט. מיר זיינען אַ פאָלק, וואָס איז לייכט גענויגט ניט צו זען די פאַקטן, ווען זיי זיינען אומבאַקוועם. דער איינגעבוירענער אָפּטימיזם פון אונזער ראַסע, וועלכער האָט אונז געהאָלפן איבערצולעבן די יאָרהונדערטער פון רדיפות, האָט אויך אַ נעגאַטיוון אַספּעקט. פעלקער צאָלן נישט בלויז פאַר זייערע חסרונות, נאָר אויך פאַר זייערע מעלות, און דער נעגאַטיווער אַספּעקט פון אידישן אָפּטימיזם איז אונזער נטיה צו טרייסטן זיך מיט גוטע וואונטשן, בכדי צו אַנטרינען פון די ברוטאַלע פאַקטן פונעם לעבן, צו פאַרלאָזן זיך אויף מיסטישע כוחות און צו לעבן אין אַ פאַרנאַרטן גן־עדן. אונזער דור איז געווען אַן עדות פון דעם טראַגישן ביישפּיל פון דאָזיקן געפערלעכן אָפּטימיזם.

אין די יאָרן איידער היטלער איז געקומען צו דער מאַכט און אַפילו אין די ערשטע יאָרן פון זיין הערשאַפט, בעת דייטשלאַנד איז נאָך געווען שוואַך און האָט נאָר־וואָס געפּרוווט געפינען איר וועג, האָט אַ גרויסער טייל, אויב נישט דער רוב פון אידישן פאָלק, זיך אָפּגעזאָגט צו קוקן די געשעענישן גלייך אין די אויגן. אויף עטלעכע פון די וועלט־קאָנפערענצן, וואָס זיינען פאָרגעקומען פאַרן ערשטן אידישן וועלט־קאָנגרעס אין 1936, אין די יאָרן 1932, 33 און 34, האָבן דר. וויז, איך און נאָך אַנדערע געוואָרנט דאָס אידישע

פאָלק און האָבן אויפגעפאָדערט צו מאָביליזירן אַלע אונזערע כוחות צו באַ־קעמפן דעם נאַציזם און צו פּרואוון ראַטעווען די דייטשע און אייראָפּעאישע אידן. אָבער ס'איז נישט פיל געטאָן געוואָרן אַרום דעם. דער חטא פון פּאַסיווקייט איז, ווייזט אויס, די גרעסטע היסטאָרישע באַשולדיקונג קעגן אונזער דור.

לאָמיר נישט באַגיין אַן ענלעכן חטא און בויען אונזער צוקונפט אויף גוטע וואונטשן. דער איינדרוק, אַז ס'עקזיסטירט נישט מער קיין אידיש פּראָבלעם און אַז אידישע רעכט און פּאָזיציעס זיינען גאַראַנטירט און זיכער, נאָר צוליב דעם וואָס די נאַציס זיינען באַזיגט און די דעמאָקראַטיעס האָבן געוואונען, איז אַ געפערלעכע אילוזיע. די וועלט־סיטואַציע פון דער קאַלטער מלחמה, וואָס באַדראָט דאָס לעבן פון יעדן פאָלק, אַפילו די מעכטיקסטע צווישן זיי, באַדראָט אונזער צוקונפט און אונזער פּאָזיציע מער ווי אַלע אַנדערע. אַזוי לאַנג, ווי אונזער אומה לעבט צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט און אומעטום ווי אַ מיעוט — חוץ אין ישראל — אָפּהענגיק פונעם ווילן פונעם רוב, זיינען מיר כסדר באַדראָט פון אַ סיטואַציע, ווי די איצטיקע, מער ווי יעדע אַנדערע גרופּע.

די קאַלטע מלחמה באַדראָט אונזער לעבן בעיקר צוליב צוויי סיבות. ראשית, דערלאָזט זי נישט צו אַ סטאַבילער לאַגע אין דער וועלט. אין ניט־סטאַבילע צייטן, אין אַ וועלט, וואָס איז צעריסן דורך ליידנשאַפטלעכע עמאָציעס פון שנאה און קנאה, זיינען מיר דער נאַטירלעכער ערשטער קרבן, דער אייביקער "שעיר לעזאזל". אַ תקופה ווי די איצטיקע איז אַ נאַטירלעכער באָדן פאַר אַלע מינים פון עקסטרעמע און דעמאַגאָגישע לאָזונגען. אין אַזעלכע צייטן לויפן די מענטשן לייכט נאָך פאַרשידענע כישוף־מאַכערס, נאָך דעמאַ־גאָגן און דיקטאַטאָרן. זיי פאַרלירן זייערע גוטע נאַטירלעכע אינסטינקטן און לאָזן זיך לייכט פאַרפירן דורך דעמאַגאָגן. טאָטאַליטאַרע רעזשימען זיינען נאָך פעסטונגען אין פאַרשידענע טיילן פון דער וועלט. די דאָזיקע עקסטרעמע באַוועגונגען דאַרפן נישט אַלעמאָל, און אויך נישט לויט זייער דעפיניציע, זיין אַנטיסעמיטיש. אָבער זיי שאַפן דעם נאַטירלעכן קלימאַט קעגן די שוואַכע, קעגן מיעוטים, זיי גראָבן אונטער דעם רעספּעקט פאַרן יחיד, זיי פאַראַכטן טאָלעראַנץ און צעשטערן די אַטמאָספערע, אין וועלכער אַ פאָלק, ווי מיר, זאָל קענען רואיק לעבן. אַזוי לאַנג, ווי די דאָזיקע וועלט־סיטואַציע וועט דויערן, וועט נישט זיין קיין זיכערקייט פאַר אונזער פאָלק; די יעניקע, וואָס זעען די פאַקטן און פילן די אַחריות פאַר אונזער צוקונפט, דאַרפן ממשיך זיין צו שטיין אויף דער וואַך און אויפפאָדערן דאָס פאָלק צו וואַכזאַמקייט

קעגן די סכנות און צו מאָביליזירן זייערע כוחות בכדי צו באַקעמפן די דאָזיקע סכנות.

ס'איז דאָ נאָך אַ צווייטער רעזולטאַט פון דער לאַגע פון דער קאַלטער מלחמה, וועלכער ווירקט זיך אויס אויף אונזער אינערלעכער פּאָזיציע. די קאַלטע מלחמה האָט צעטיילט דאָס אידישע פאָלק. די מזרח־איראָפּעאישע אידן זיינען אָפּגעריסן פון אונזער טייל פון אידישן פאָלק. זיי זיינען נישט מיט אונז. זיי האָבן נישט די מעגלעכקייט מיטצואַרבעטן מיט אונז און צו באַטראַכטן מיט אונז געמיינזאַמע פּראָבלעמען. קיין איינציקע אידישע אָרגאַניזאַציע האָט נישט געטאָן מער און האָט נישט שטאַרקער זיך באַמיט צו באַקעמפן די דאָזיקע צעטיילונג, ווי דער אידישער וועלט־קאָנגרעס.

נאָך מיט פינף יאָר צוריק האָבן מיר געהאַט מיט אונז פאַרשידענע גרופּעס פון די דאָזיקע לענדער. מיר האָבן מיט זיי דיסקוטירט, מיר האָבן געהאַט מיט זיי מיינונגס־פאַרשידנהייטן אין פאַרשידענע פראַגן, אָבער זיי זיינען געווען מיט אונז. מיר זיינען געווען שטאָלץ, אַז ס'איז אונז געלונגען צו פאַראייניקן די אידן פון מערב־ און מזרח־איראָפּע מיט די אידן פון אַמעריקע.

היינט זיינען די דאָזיקע מזרח־איראָפּעאישע קהילות נישטאָ מער מיט אונז. מיר האָבן געפּרואווט צו האָבן אייניקע פון זייערע פאַרשטייערס דאָ מיט אונז, אָבער ס'איז אונז נישט געלונגען. מיר קענען נישט רעדן מיט זיי, און מיר האָבן נישט קיין באַזע, אויף וועלכער מיר וואָלטן געקענט קומען צו אַ פאַרשטענדעניש, נישט רעדנדיק פון אַ הסכם. דער דאָזיקער ריס פון דער אידישער וועלט איז אַן אומגליק פון גרעסטן פאַרנעם. די אחדות פון אידישן פאָלק איז דער פונדאַמענטאַלער תנאי פאַרן אידישן המשך. אויב עס איז נאָך פאַראַן אַ אידיש פאָלק אין דער וועלט, איז דאָס בעיקר אַ דאַנק דער דאָזיקער גרעסטער מאַניפעסטירונג פון אידישן געניוס, וועלכן עס איז געלונגען צו פאַרהיטן די אחדות פונעם פאָלק, ווי אַן אידייע און ווי אַ רעאַליטעט, במשך פון די יאָרהונדערטער פון דער צעשפּרייטקייט. דאָס איז געווען בעיקר צו פאַרדאַנקען דער אידישער רעליגיע אין די פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער; אין אונזער צייט האָט געהאָלפן דער מאָדערנער ציוניזם און אַנדערע באַוועגונגען איינצוהאַלטן די דאָזיקע אחדות. דער אידישער וועלט־קאָנגרעס איז בעיקר אַ מאַניפעסטאַציע פונעם ווילן צו רעאַליזירן אידישע אחדות דורך אַקציע. אַצינד געפינען מיר זיך דאָס ערשטע מאָל אין אַ סיטואַציע, ווען מיליאָנען אידן האָבן נישט קיין מעגלעכקייט צו קאָנטאַקטירן זייערע ברידער. דאָס באַדראָט ראשית־כל זיי אַליין, זייער מעגלעכקייט ממשיך צו

זיין זייער אייגענעם לעבן ווי אידן, הן רעליגיעז, הן קולטורעל און סאָציאַל. אָבער עס שוואַכט אָפּ און באַדראָט אויך די אַנדערע טיילן פונעם פאָלק.

אויב עס איז נאָך פאַרבליבן אַ האָפענונג — און מיר פאַרלירן זי נישט, די דאָזיקע האָפענונג — אַריבערצוקומען דעם דאָזיקן ריס, איז זי פאַרבונדן מיט די האָפענונגען פון אַזוי פיל אידן און ניט־אידן אויף אַ פאַרקלענערונג פון דער שפּאַנונג אין דער וועלט; אויף אַ סיסטעם, אַפילו אַ צייטווייליקן, פון אַן אָרדנטלעכער קאָ־עקזיסטענץ פון בײדע וועלטן מיט אַ געוויסער מעג־לעכקייט פון צוזאַמענאַרבעט פאַר לייזן עטלעכע פון די פונדאַמענטאַלסטע און לעבנס־וויכטיקסטע פּראָבלעמען פון אונזער צייט. אויב אַזאַ פּראָגראַם וועט קענען דערגרייכט ווערן, וועלן מיר אויך קענען האָפן, אַז די אידישע קהילות אין מזרח־אייראָפּע וועט ווידער דערלויבט זיין זיך אַנצושליסן אָן אונז און זיך טיילן מיט אונז אין די בשותּפות׳דיקע פּראָבלעמען פון אונזער לעבן.

אַזוי לאַנג, ווי די דאָזיקע האָפענונגען וועלן נישט דערפילט ווערן, וועלן שטענדיק וואַקסן די סכנות פאַר אונז. ווי אַזוי דער קאָמוניזם האָט זיך אויס־געווירקט אינעם אידישן לעבן פון די קהילות פון מזרח־אייראָפּע, איז גוט באַקאַנט. עס האָט נישט צו טאָן מיט אַנטיסעמיטיזם אין וואולגאַרן זין. אָבער אַנטיסעמיטיזם באַדייט נישט נאָר די באַדראָאונג פון די אידן אין פשוטן פיזישן זין; צו קענען לעבן ווי אידן באַדייט צו האָבן דאָס רעכט און די פרייהייט פון אָפּהיטן אונזער ספּעציפישן כאַראַקטער ווי אַ פאָלק, פון אַנטוויק־לען און אָפּהיטן די קולטורעלע, רעליגיעזע און גייסטיקע ווערטן פון אונזער ציוויליזאַציע. די אידן אין מזרח־אייראָפּע קענען דאָס נישט טאָן אין דער נויטיקער מאָס, היות די אידישע שולן זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן, אידישע רעליגיע ווערט מער און מער די ירושה פון אַלטן דור, ציוניזם איז געוואָרן אַריינגעלייגט אין חרם, און אַ יונגער אידישער דור וואַקסט אויס, וועלכער איז עלול צו פאַרלירן אַלע פאַרבינדונגען מיטן אידישן עבר, מיטן אידישן הווה און מיטן אידישן עתיד. אין דער דאָזיקער באַציאונג זיינען די אידישע קהילות אין סאָוועט־רוסלאַנד אַפילו אין אַן ערגערן מצב ווי אַנדערע גרופּעס אין מזרח־אייראָפּע. אין סאָוועט־רוסלאַנד עקזיסטירט נישט קיין אָרגאַניזאַציע פון די אידישע קהילות, אַפילו נישט אויף אַ ריין־רעליגיעזער באַזע, ווי עס איז דער פאַל מיט אַנדערע רעליגיעזע גרופּעס. און איינע פון אונזערע פאָדערונגען איז, אַז עס זאָל דערלויבט ווערן די דאָרטיקע אידישע קהילות צו פירן זייער אייגן לעבן, אויך אין די ראַמען פונעם אַלגעמיינעם סאָציאַלן רעזשים פון די דאָזיקע לענדער. ווי אַ אידיש פאָלק, האָבן מיר דאָס רעכט

אויף קענען לעבן ווי אידן און דערציען אונזערע קינדער ווי אידן, אין יעדן טייל פון דער וועלט און אין די ראַמען פון יעדן סיסטעם אין דער וועלט.

אַצינד וויל איך זיך פאַרנעמען מיטן צווייטן גרויסן פאַקט, וואָס כאַראַקטעריזירט און באַהערשט די אידישע סיטואַציע פון נאָך דער מלחמה: די שאַפונג פון מדינת ישראל.

היינט, פינף יאָר נאָך דער שאַפונג פון דער מדינה, זיינען מיר אין אַ פיל בעסערן מצב אַפּצושאַצן דעם באַדייט און די ווירקונג פון דאָזיקן פאַקט, ווי מיר האָבן דאָס געקענט טאָן דעמאָלט, בעת דער צווייטער סעסיע, עטלעכע חדשים נאָך דער גרויסער געשעעניש, און מיר קענען אַצינד אונטערפירן אַ סך־הכול פון דעם וואָס איז דערגרייכט געוואָרן, און וואָס עס דאַרף נאָך געטאָן ווערן.

איך האַלט, אַז מען קען מיט זיכערקייט זאָגן, אַז דריי צילן זיינען דערגרייכט געוואָרן דורך דער שאַפונג פון ישראל.

1. דאָס אידישע פאָלק האָט געוואונען אמת׳ע גלייכהייט צווישן אַנדערע פעלקער פון דער וועלט, האָבנדיק זיין אייגענע מדינה, וואָס איז אַנערקענט אַלס סואווערען און גלייך. דאָס ערשטע מאָל זינט צוויי טויזנט יאָר איז דערהערט געוואָרן די שטימע פון אַ אידישער מדינה צווישן די פעלקער פון דער וועלט. הגם ישראל רעפּרעזענטירט רעכטלעך און פאָרמעל נאָר אירע אייגענע בירגער און ניט דאָס אידישע פאָלק אַלס גאַנצע, איז עס דאָך קלאָר, אַז אַלץ וואָס ישראל טוט האָט אַ שייכות צום גאַנצן אידישן פאָלק. זינט עס איז פאַראַן אַ אידישע מדינה האָט די באַציאונג צו די אידן אין דער וועלט אַדורכגעמאַכט אַ גרויסע ענדערונג. ישראל האָט געשטאַרקט די אידישע ווירדע און אונזער זעלבסטרעספּעקט, ווי קיין צווייטע דערגרייכונג אָדער אויפטו אין דער אידישער געשיכטע, פון די לעצטע צוויי טויזנט יאָר, און האָט אַזוי אַרום געביטן די פּאָזיציע פון דער אידישער אומה צווישן די פעלקער פון דער וועלט.

2. דער צווייטער גרויסער ציל, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן מיט דער שאַפונג פון דער מדינה איז דאָס, וואָס עס האָט באַזייטיקט איין מאָל פאַר אַלע מאָל דאָס דורות־אַלטע טראַגישע פּראָבלעם פון דער אידישער היימלאָזיקייט. אומעטום וואו אידן זיינען פאַרפאָלגט, אָדער וואו זייער לעבן ווערט אומדערטרעגלעך; אומעטום וואו אידן באַשליסן פרייוויליק צו לעבן אַ פול אידיש לעבן — איז דאָ מדינת ישראל און איז גרייט זיי אויפצונעמען. דער פונדאַמענטאַלער געזעץ פון ישראל, וואָס גיט יעדן איד דאָס רעכט

עולה צו זיין, דריקט אויס דעם סוף פון אידישער היימלאָזיקייט אויף אַ דראַמאַטישן און לעגאַלן אופן.

3. די דריטע גרויסע דערגרייכונג פון דער מדינה איז געווען די שאַפונג פון אַ נייעם באַדן פאַר אידישער קאָלעקטיווער ווירקזאַמקייט, אויף וועלכן דאָס אידישע פאָלק אַלס קאָלעקטיווע גרופּע קען אויספאָרמירן זיין אייגן לעבן, שאַפן זיין אייגענע ציוויליזאַציע און באַשטימען זיין אייגענע שליחות.

גלייכצייטיק וואָלט עס אָבער געווען נישט ריכטיק צו פאַרשווייגן אַלע שוועריקייטן, וואָס די שאַפונג פון דער מדינה האָט געבראַכט מיט זיך און צו פאַרמאַכן די אויגן אויף די אומגעלייזטע פּראָבלעמען, עטלעכע פון זיי גאָר נייע אין אונזער לעבן, וועלכע זיינען אַנטשטאַנען אַלס רעזולטאַט פון דער שאַפונג פון דער מדינה, און וועלכע וועלן דאַרפן געלייזט ווערן, איידער די אויסקריסטאַליזירונג פון דער מדינה וועט זיין אַ געשעענער פאַקט. ווי איך האָב שוין אַמאָל געזאָגט, האָט די אַנטשטייאונג פון דער אידישער מדינה געמאַכט דאָס אידישע לעבן אין דער גאַרער וועלט אינהאַלטסרייכער און ווירדיקער, אָבער זי האָט זיכער נישט געמאַכט דאָס אידישע לעבן לייכטער און וויניקער קאָמפּליצירט.

די הויפּט־פּראָבלעמען וואָס די עקזיסטענץ פון מדינת ישראל האָט גע־שאַפן פאַר דער גאַנצער אידישער אומה און וועלכע אונזער דור דאַרף זיין גרייט צו לייזן, זיינען בעיקר:

ראשית איז דאָ די גרויסע אויפגאַבע פון קאָנסאָלידירן די מדינה. עס איז געווען איינע פון די פאַרשטענדלעכע, אָבער נישט וויניקער געפערלעכע אילוזיעס פון אידישן פאָלק אין און מחוץ ישראל, ווען מען האָט געמיינט, אין די ערשטע חדשים און יאָרן נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון דער מדינה, אַז דער קאַמף פאַר דער אידישער מדינה איז ענדגילטיק געוואונען. נאָר אַ פאָלק, וואָס איז במשך פון צוויי טויזנט יאָר נישט געוואוינט געווען צו טראַכטן אין באַגריפן פון מלוכה־שאַפט און צו קענען די פּראָבלעמען פון אַ מלוכה־לעבן, האָט געקענט זיין אַזוי נאַאיוו צו טראַכטן — ווי פיל פון אונז האָבן דאָס געטאָן — אַז נאָכדעם ווי די מדינה איז פּראָקלאַמירט געוואָרן און האָט אויפגעשטעלט איר אַפּאַראַט, האָט אַ רעגירונג און אַ פּאַרלאַמענט, אַ ביוראָ־קראַטיע און אַן אַדמיניסטראַציע, איז אַנערקענט פון די פעלקער פון דער וועלט און האָט אַפילו געוואונען די ערשטע מלחמה, — איז דער עיקר פּראָבלעם פון איר באַשאַפן שוין ענדגילטיק געלייזט. אַפילו אַן אויבערפלעכלעכע קענטעניש פון דער געשיכטע לערנט אונז, אַז עס איז אייך זאַך צו שאַפן אַ מדינה און אַ צווייטע — זי צו קאָנסאָלידירן און אויפצוהאַלטן.

די געשיכטע איז פול מיט קורצטערמיניקע תקופות פון מדינות, וואָס זיינען געשאַפן און פאַרשוואונדן געוואָרן. אַפילו אונזער תקופה איז רייך אין אַזעלכע ביישפילן. על פי רוב איז עס שווערער און פאַרלאַנגט אַ פיל גרעסערע צייט און מי צו קאָנסאָלידירן אַ מדינה, איידער זי צו פראָקלאַמירן אין אַ דראַמאַטישן קאַמף. ווער עס קען די אינערלעכע לאַגע פון ישראל ווייס, אַז די מדינה איז נאָך ווייט פון זיין קאָנסאָלידירט. קיין איינער ניט פון די וויטאַלע פראָבלעמען: דאָס פראָבלעם פון שלום מיט דער אַראַבישער וועלט, און די אינטעגראַציע פון ישראל אין דער משפחה פון די פעלקער אין נאָענטן מזרח; דאָס ווירטשאַפטלעכע פראָבלעם פון דערגרייכן אַ געוויסע מאָס פון זעלבסטשטענדיקער עקאָנאָמיע, וועלכע איז נישט אומבאַדינגט אָנגעוויזן אויף הילף פון דרויסן, און דאָס סאָציאַלע פראָבלעם פון אויספורעמען אַ פאָלק פון די פאַרשידענע אידישע עדות מיט זייערע ספּעציפישע מענטאַליטעטן, שפּראַכן און טראַדיציעס — קיין איינער פון די דאָזיקע דריי הויפּט־פּראָבלעמען, פון וועלכע דער קיום און עתיד פון ישראל איז אָפּהענגיק — איז נאָך נישט געלייזט געוואָרן. די דאָזיקע לייזונג וועט פאַרלאַנגען יאָרן, אויב נישט יאָרצענדליקער. און אויב איין זאַך איז קלאָר געוואָרן, איז דאָס דער אמת, אַז אָן דער צוזאַמענאַרבעט פון אידישן פאָלק אַלס אַ גאַנצע, וועט קיין איינס פון די פּראָבלעמען נישט געלייזט ווערן; און בעיקר נישט די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אויפגאַבע, וואָס איז אין פיל הינזיכטן שווערער און פאַרלאַנגט מער אָנשטרענגונגען, ווי דער דראַמאַטישער פּאָליטישער קאַמף פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון דעם מלוכה־אידעאַל.

אַזוי לאַנג ווי די גרויסע מערהייט פון אידישן פאָלק וועט דאָס נישט פאַרשטיין און וועט נישט זיין גרייט צו מאַכן די דאָזיקע עקשנות'דיקע, לאַנגדויערנדיקע אָנשטרענגונג צו העלפן דער מדינה, אין דער תקופה פון איר באַגינען, איז עס שווער פאַרויסצוזען, ווי אַזוי די מדינה וועט אַליין גובר זיין די דאָזיקע אומפאַרמיידלעכע שוועריקייטן פון יעדער יונגער מדינה; טאָפּלט און דרייפאַכיק שווער פאַר ישראל, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין איינער פון די שווערסטע מאָמענטן פון דער וועלט־געשיכטע, געפינט זיך אויף איינעם פון די עמפּינדלעכסטע מקומות פון דער וועלט און איז באַלאַסטעט מיט אויפנעמען הונדערטער טויזנטער נייע עולים. פאַר פיל ווייטערדיקע יאָרן וועט די הילף פאַר ישראל, אָדער בעסער געזאָגט די פולע צוזאַמענאַרבעט מיטן פאָלק פון ישראל, פאַר דער קאָנסאָלידירונג פון דער מדינה אויף אַלע שטחים, בלייבן דאָס הויפּט־פּראָבלעם אויפן סדר־היום פון אידישן לעבן. די דאָזיקע צוזאַמענאַרבעט און הילף וועלן דאַרפן געפינען זייער

אויסדרוק אין פיל מער פאַרמעז, ווי נאָר פינאַנציעלעביישטייערונגען, וועלכע ווייזן אויס צו זיין אין איצטיקן מאָמענט דער ערשטער הילף־פּראָנט פאַר ישראל. דער דאָזיקער עלעמענטאַרער פאַקט, וואָס איז פון אַנהויב נישט קלאָר פאַרשטאַנען געוואָרן, נישט פון די אידן מחוץ ישראל און נישט פון ישראל אַליין, פירט מיך איצט צו דעם צווייטן פּראָבלעם, וואָס איז אַנטשטאַנען מיט דער שאַפונג פון דער מדינה און פאַרלאַנגט אַ לייזונג, נעמלעך דאָס פּראָבלעם פון כסדר׳דיקע קאָנטאַקטן צווישן ישראל און דעם אַנדערן טייל פון אידישן פאָלק.

דאָס איז אַן איינציקאַרטיק פּראָבלעם, ווייל עס איז נישטא פאַראַן קיין צווייטע מדינה אין דער וועלט, פון וועלכער כמעט ניינציק פּראָצענט פון פאָלק לעבט מחוץ איר. ביי פיל פעלקער, וועלכע האָבן מדינות, זיינען אויך טיילן פון פאָלק צעזייט און צעשפּרייט געוואָרן, אַזוי צו זאָגן, מחוץ זייערע מדינות, אָבער אין די אַלע פאַלן שטעלט מיט זיך פאַר די דאָזיקע צעשפּרייטונג אַן אומבאַדייטנדיקן מיעוט. ביי אונז איז עס גראָד דער היפוך פון דעם. די לייזונג פון דאָזיקן פּראָבלעם דאַרף ווערן געזוכט אויף צוויי אופנים: 1) די עליה קיין ישראל, 2) דער אויפבוי פון פאַרמען און מעטאָדן פאַר אַ פערמאַנענטער פאַרבינדונג צווישן דער אידישער אומה און ישראל.

עס איז קלאָר, אַז די עליה קיין ישראל וועט דאַרפן פאַרגעזעצט ווערן אויך אין דער צוקונפט. אָבער אַפילו נישט אַריינגייענדיק אין דער דיסקוסיע וועגן אָפּוואַרפן אָדער אָנערקענען דעם גלות, איז עס דאָך קלאָר, אַז ישראל וועט דאַרפן אַריינגעמען נאָך פיל אידן בכדי צו עקזיסטירן און לעבן. פונעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט איז און וועט זיין דאָס רעכט אויף עמיגראַציע פון אַלע לענדער איינע פון די פונדאַמענטאַלסטע פּריווילעגיעס, פאַר וועלכע דאָס אידישע פאָלק וועט דאַרפן קעמפן אין דער צוקונפט. אין פיל טיילן פון דער וועלט, בעיקר אין מזרח־אייראָפּע, וועט מען דאַרפן אויסקעמפן דאָס דאָזיקע רעכט ביי רעגירונגען, וואָס זיינען אין פּרינציפּ נישט מסכים אויף עמיגראַציע פון זייערע לענדער.

אין אַנדערע טיילן פון דער וועלט דאַרף דאָס דאָזיקע רעכט, ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט קלינגען, אויסגעקעמפט ווערן ביי אידן אַליין. עס זיינען נאָך פאַראַן אידישע גרופּעס, וואָס זיינען פריינט פון ישראל און זיינען גרייט צו געבן זייער ביישטייערונג פאַר דער קאָנסאָלידירונג פון דער מדינה, זיינען באַזאָרגט וועגן איר צוקונפט, און דאָך גלויבן זיי אַלץ, אַז דער רוף צו די אידן, עולה צו זיין קיין ישראל און צו באַאיינפלוסן אָדער דערציען די אידישע יוגנט, אַז זי זאָל האָבן דעם וואונטש צו לעבן אַ פולן לעבן אין

ישראל — איז אין סתירה צו דער לאָיאַליטעט און טריישאַפט צו די לענדער, אין וועלכע זיי לעבן. וואָס גיכער די דאָזיקע פאַלשע אויפפאַסונג וועט אויס־געמעקט ווערן פון אידישן לעבן, אַלץ בעסער. אויב די פרייהייט פון יחיד באַדייט בכלל עפּעס, נעמט עס נאַטירלעך אַרום די פרייהייט פון יעדן אידן און ניט־אידן אויסצוקלייבן דאָס לאַנד, וואו ער וויל לעבן. עס זיינען פאַראַן מיליאָנען ניט־אידן, וועלכע ווילן עמיגרירן פון אייראָפּעאישע לענדער; צי זיינען זיי דערפאַר נישט לאָיאַל צו זייערע לענדער? עטלעכע פון די דאָזיקע לענדער העלפן אַפילו די דאָזיקע בירגער צו געפינען עמיגראַציע־לענדער. גרויסע נייע מלוכות וואָלטן קיינמאָל ניט אַנטשטאַנען, אויב גרופּעס און יחידים וואָלטן נישט געהאַט רעכט צו עמיגרירן.

דאָס רעכט אויף עמיגראַציע וואָלט געדאַרפט זיין איינע פון די פונ־דאַמענטאַלע פּריווילעגיעס פון מענטשן אין אַן אַנשטענדיקער וועלט. אין די מערסטע פאַלן באַשטייט די שוועריקייט אין געפינען אַ לאַנד פון איינוואַנ־דערונג. אין אונזער פאַל עקזיסטירט נישט דאָס דאָזיקע פּראָבלעם. ישראל איז גרייט זיי אופצונעמען. פאַרוואָס זאָלן אידן מורא האָבן, אַז יעדער פּרואוו צו אונטערשטרייכן ישראל׳ס נויטווענדיקייט צו האָבן מער אידן, ספּעציעל עולים פון דער מערב־דיקער וועלט, שטייט אין וועלכער ניט איז סתירה צו דער נאַטירלעכער לאָיאַליטעט און טריישאַפט פון די אידישע בירגערס צו זייערע לענדער?

אָבער אויב אַפילו די דאָזיקע שוועריקייט וועט מער נישט עקזיסטירן און פיל מער עולים וועלן קומען אין נאָענטן עתיד קיין ישראל, פון אַלע טיילן פון דער וועלט, וועט די באַציאונג צווישן מדינת ישראל און פאָלק ישראל פאַרבלייבן דאָס צענטראַלע פּראָבלעם אין אונזער לעבן. פאַר אַ ווייט פאַרויסזעענדיקער צוקונפט וועט אַ גרויסער טייל, אויב נישט דער רוב פון אידישן פאָלק, בלייבן מחוץ ישראל, און דאָס רופט אַרויס דאָס גרעסטע פּראָבלעם, וואָס די אַנטשטייאונג פון דער מדינה האָט געשאַפן — די סכנה פון אַ ריס צווישן דיביידע טיילן פון פאָלק — אַ תהום וואָס טיילט זיי אָפּ איינעם פון צווייטן. אויב דאָס וואָלט געשען, וואָלט די שאַפונג פון דער מדינה געווען זייער אַ צווייפלהאַפטע דערגרייכונג, וויל דאָס וואָלט באַדייט די צעשטערונג פון דער אחדות פון אידישן פאָלק. עס וואָלט באַדייט אַ חורבן פאַר די אידן פון דער וועלט און אַן אומגליק פאַר ישראל. די איינציקאַרטיקע באַדייטונג פון ישראל ליגט אין דעם, וואָס עס האָט הינטער זיך דעם דאָזיקן איינציקאַרטיקן גרויס־קליינעם פאָלק, וואָס הייסט אידן.

כל־זמן דאָס גאַנצע אידישע פאָלק וועט אונטערשטיצן ישראל, וועט ישראל

זיין נאָך פיל מער ווי אַ קליין לאַנד מיט איין מיליאָן, אַנדערטהאַלב, צוויי אָדער דריי מיליאָן איינוואוינער. נעם אַוועק ישראל פון דער אידישער אומה, מאַך אַ דויערנדיקן און ענדגילטיקן ריס צווישן זיי — און אַלץ, וואָס ישראל קען דערגרייכן, איז — צו בלייבן אַ קליינע מדינה, אַרומגענומען פון אַן אַראַבישן אָקעאַן, פירנדיק אַ געפערלעכן און אומזיכערן לעבן. פון דער צווייטער זייט וואָלט דאָס אָפּרייסן זיך פון ישראל באַדייט פאַרן אידישן פאָלק דעם חורבן פון איינעם פון די שטאַרקסטע קוואַלן פונעם קולטורעלן און גייסטיקן המשך, וואָס איז נאָך פאַרבליבן פאַר אונזער פאָלק, בעיקר נאָך דער מאוים׳דיקער צעשטערונג פון די גרויסע צענטערס פון אידישער קולטור אין צענטראַל־ און מזרח־אייראָפּע. דערפאַר איז קיין זאַך ניט אַזוי וויכטיק פאַרן אידישן פאָלק און פאַר ישראל, ווי ניט צו דערלאָזן די אַנטוויקלונג פון דאָזיקן ריס, וואָס איז עלול צו וואַקסן און זיך צו אַנטוויקלען אַזוי לאַנג, ווי קיין זאַך וועט ניט געטאָן ווערן קעגן דעם און די נאַרמאַלע טענדענצן פון לעבן וועלן איבערגעלאָזט ווערן צו זיך אַליין. עס איז דערפאַר וויכטיק, אַז הן דאָס אידישע פאָלק מחוץ ישראל און הן דאָס פאָלק אין ישראל זאָל קלאָר זען דאָס דאָזיקע פּראָבלעם, ווייל דער ערשטער תנאי פאַר דער לייזונג פון אַ פּראָבלעם איז עס צו פאַרשטיין און צו באַנעמען זיין באַדייטונג.

די ערשטע און פּשוט׳סטע אויפגאַבע איז, ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן די אידן פאַר זייער צוזאַמענאַרבעט מיט ישראל. די גרויסע מערהייט פונעם פאָלק שטייט אַצינד געשלאָסן הינטער דער מדינה, און פיל פון די, וואָס האָבן אַמאָל באַקעמפט די אידייע פון אַ אידישער מדינה, זיינען היינט ערנסט און אויפריכטיק גרייט צו אַקצעפּטירן דעם פאַקט פון איר עקזיסטענץ. זיי זיינען ניט אַלע ציוניסטן אין אָרגאַניזאַציאָנעלן זין און פיל פון זיי זאָגן זיך אָפּ צו ווערן מיטגלידער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. עס האָט קיין זין ניט צו זאָגן: איר מוזט זיך אַנשליסן אָן דער ציוניסטישער באַוועגונג. ניט די מדינה און ניט דאָס אידישע פאָלק קענען זיך דערלויבן אָפּצוואַרפן די הילף פון די, וואָס ווילן ניט ווערן ציוניסטן אין אָרגאַניזאַציאָנעלן זין, צוליב אַזאַ אָדער אַנדערער סיבה, אַ באַרעכטיקטע אָדער ניט. עס דאַרף געפונען ווערן אַ וועג, ווי אויף אַן אָרגאַניזאַטאָרישן אופן צו געבן אַ פּאַסיקן פּלאַץ פאַר די יעניקע גרופּעס און קהילות, וואָס ווילן העלפן דער מדינה, בכדי זיי זאָלן קענען מאַכן זייער צושטייער און קענען טראָגן די געמיינזאַמע אַחריות. דער עיקר איז צו פאַרגרעסערן זייערע אַחריותן. מיר קענען פאַר־גרעסערן זייער אונטערשטיצונג נאָר אין דער מאָס, ווי מיר וועלן זיי צווינגען צו אַקצעפּטירן און צו טראָגן גרעסערע לאַסטן. דעריבער איז דאָס דאָזיקע

פּראָבלעם, וואָס איז בדרך־כלל באַקאַנט אונטערן נאָמען פון „פּאַרגרעסערן די אידישע אַגענטור”, געוואָרן שטאַרק אַקטועל און דרינגנדיק.

ס'איז פאַראַן אַ צווייטער אַספּעקט, וואָס מען דאַרף נעמען אין אַכט. די באַציאונג פון ישראל צום אידישן פאָלק קען נישט זיין אַ באַציאונג, וואָס גייט נאָר אין איין ריכטונג. זי קען נישט אויפגעפאַסט און אָרגאַניזירט ווערן אויפן יסוד, אַז אַלץ וואָס דאַרף געטאָן ווערן אין דער דאָזיקער הינזיכט, איז צו האַלטן, אַז די אידן פון גלות דאַרפן בלויז ממשיך זיין זייער הילף פאַר ישראל. עס זיינען פאַראַן פיל מענטשן אין ישראל, וועלכע — איך האָב מורא דאָס צו זאָגן — זיינען נוטה צו זען דאָס דאָזיקע פּראָבלעם אויף אַזאַ עגאָ־צענטרישן און באַגרענעצטן אופן, בעיקר צווישן דער ישראל'דיקער יוגנט, וואָס האָט קיינמאָל נישט געפילט דעם טעם פון אידישן גלות, און ווערט פרעמד צום אידישן לעבן און זיינע פּראָבלעמען מחוץ ישראל. אַ באַציאונג צווישן צוויי טיילן פון אַ פאָלק דאַרף אַלעמאָל גיין אין צוויי ריכטונגען, דאַרף זיין אַ באַציאונג פון קעגנזייטיקער הילף און צוזאַמענאַרבעט. די אידישע קהילות מחוץ ישראל האָבן אויך זייערע אייגענע פּראָבלעמען, זייער וויכטיקע און ממשות'דיקע פּראָבלעמען, צו דערציען אַ אידישע יוגנט אין גלות, צו אַנטוויקלען אידישע קולטורעלע ווערטן, צו אָרגאַניזירן אידישע קהילות, צו קעמפן קעגן אַנטיסעמיטיזם, צו פאַרטיידיקן אידישע רעכט. דאָס זיינען לעבנס־וויכטיקע אידישע אויפגאַבן, און אָפטמאָל דוכט זיך אויס די לאָקאַלע קהילות, אַז דאָס זיינען נאָך וויכטיקערע פּראָבלעמען, ווי צו העלפן ישראל. קיין זאַך וואָלט נישט געווען קאַטאַסטראָפאַלער, ווי צו דערלאָזן צו אַ קאָנפליקט צווישן די דאָזיקע אויפגאַבן פון איין זייט, און די נויטן פון ישראל פון דער צווייטער זייט. עס דאַרף געפונען ווערן אַ קעגנזייטיקע פאַרשטענדיקונג כדי די אידישע קהילות און גרופּעס מחוץ ישראל זאָלן באַנעמען, אַז זייער צוקונפט, ווערדע און זייער קיום זיינען פאַרקניפּט מיט דער צוקונפט און מיטן קיום פון ישראל; און כדי מדינת ישראל זאָל פאַרשטיין, אַז זי דאַרף העלפן דעם אידישן פאָלק ממשיך צו זיין זיין לעבן, הגם אַ גרויסער טייל פון אים וועט זיך נישט באַזעצן אין ישראל, און אַז די צוקונפט פון ישראל איז אָפּהענגיק פון מאַטעריעלן און גייסטיקן וואוילזיין פון דער אידישער אומה ווי אַ גאַנצקייט. דער אידי־שער גלות דאַרף ווערן ישראל'דיק געשטימט. אָבער ישראל דאַרף אויך ווערן גלות־באַוואוסטזיניק, אָדער בעסער געזאָגט,ביידע דאַרפן ווערן אידיש־באַוואוסטזיניק און דאַרפן נעמען פאַר זייער הויפּט־פּרינציפּ דאָס פולשטענדיקע בילד פון פאָלק ווי אַ גאַנצע, מיט זיינע נויטן, אינטערעסן און אידעאַלן. עס איז אַ פונדאַמענטאַלער טעות צו באַטראַכטן מדינת ישראל ווי דעם איינציקן

צענטער פון אידישן לעבן און צו האַלטן די אידן אין די תפוצות פאַר נישט מער ווי אַ פערמאַנענטן קוואַל פון מאַטעריעלער הכנסה פאַר ישראל.

נאָר אויפן יסוד פון אַזאַ קעגנזייטיקער פאַרבינדונג און פון קעגנזייטיקן נוצן, וואו דער גלות העלפט בויען ישראל און ישראל העלפט צו שטאַרקן דאָס אידישע לעבן אין די תפוצות, פון אַ כסדר'דיקער קעגנזייטיקער השפעה פון אידייען און שעפערישע ווערטן צווישן די צוויי טיילן פון פאָלק, וועט די דאָזיקע באַציאונג געשאַפן ווערן אויף אַ קאָנסטרוקטיוון אופן. ווי איך האָב שוין געזאָגט, וועט עס דויערן לאַנג גענוג אויסצואַרבעטן פאַר דעם די אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען, און עס וועט זיין איינער פון די גרויסע פרואוון פון שטאַטסמאַנשאַפט פאַר דער גאונות פון אונזער פאָלק, אויסצואַרבעטן די דאָזיקע פאָרמען, ווייל עס זיינען נישט פאַראַן פאַר זיי קיין פרעצעדענטן און קיין מוסטערן. אָבער ווי נאָר מיר וועלן האָבן באַנומען דאָ און דאָרטן דאָס פּראָבלעם און געמאַכט די ערשטע טריט אין דער אמת'ער ריכטונג, וועט דער גייסט פון אונזער פאָלק, וואָס האָט אויך געלייזט דאָס פיל־שווערערע פּראָבלעם, פון געפינען די מעטאָדן אָפּצוהיטן די אַחדות פון פאָלק דורך יאָרהונדערטער פון רדיפות און געטאָ־לעבן, זיין שעפעריש גענוג צו אַנטוויקלען און צו פאַרווירקלעכן די פאָרמען און מעטאָדן, וואָס וועלן לייזן אויך דאָס פּראָבלעם פון אָפּהיטן די אַחדות פון פאָלק נאָך דער שאַפונג פון מדינת ישראל.

מיר דאַרפן מאַכן אַ געמיינזאַמע אָנשטרענגונג, גוטצומאַכן, אויף ווי ווייט מיר קענען, די שוידערלעכע פאַרלוסטן, וואָס מיר האָבן געליטן אין דער היטלער־עפּאָכע. מיר האָבן פאַרלוירן די גרעסטע צענטערן פון אידישער חכמה און קולטור. איך גלויב נישט, אַז מיר וועלן זיי קענען אויפבויען אויפדאָסניי אין די פאַרבליבענע טיילן פון די אידישע תפוצות. בעיקר וועט קענען ישראל — נאָך דעם ווי זי וועט זיך באַפרייען פון די עלעמענטאַרע סאָציאַלע פּראָבלעמען אין שייכות מיט איר קאָנסאָלידאַציע — אויפריכטן דעם דאָזיקן קוואַל פון אידישן גייסטיקן לעבן, וואָס איז חרוב געוואָרן אין אייראָפּע. אָבער אין דער זעלביקער צייט דאַרף אַלץ געטאָן ווערן, בכדי צו שטאַרקן דאָס אידישע לעבן אין די תפוצות.

מיר דאַרפן זאָרגן וועגן דער צוקונפט פון אידישע קהילות אין דער גאַרער וועלט, און מיר דאַרפן זאָרגן וועגן דער צוקונפט פון מדינת ישראל. אינאיינעם מיט דער דאָזיקער גייסטיקער כוונה פון זאָרג און דאגה גייט אָבער אונזער אמונה אין אונזער כוח און פעאיקייט צו באַקעמפן די סכנה און איבערצולעבן, און דאָס איז אַלעמאָל געווען דער אמת'ער יסוד פון דעם איינציקאַרטיקן עפּאָס פון אידישן המשך. אָבער אמונה אַליין קען נישט העלפן.

זי דאַרף ווערן פאַרווירקלעכט אין מעשים און רעאַליטעטן. דער תלמוד׳ישער געזעץ, אַז קיינער האָט נישט דאָס רעכט זיך צו פאַרלאָזן אויף ניסים, איז איינער פון די גליקלעכסטע אמתן, דערוואָרבן פון אַ פאָלק אין ליידן און טראַגעדיע. דער דעצידירנדיקער פראָנט פון אונזער פאָלק איז אַלעמאָל געווען דער אינעווייניקסטער פראָנט. אונזערע פריינט האָבן אונז קיינמאָל נישט געראַטעוועט און אונזערע שונאים האָבן אונז קיינמאָל נישט צעשטערט, כל־זמן מיר זיינען געווען גרייט צו קעמפן און זיך אַנטקעגנצושטעלן.

אין דער היטלער־עפּאָכע זיינען מיר איבערראַשט געוואָרן פון אַ שונא, וואָס האָט אונז אָנגעטראָפן אין אַ גרויסער מאָס נישט צוגעגרייט, און דעריבער איז אונזער טראַגעדיע אין אַזאַ פאַרנעם געווען מעגלעך. זאָל דער דאָזיקער דור פון אידן, וואָס האָט געמוזט לעבנען דעם טראַגישן קאַפּיטל פון דער אידישער געשיכטע, לכל־הפחות אַראָפּלערנען פון אים פאַר דעם פרייז, וואָס מיר האָבן געצאָלט, און זיך צוגרייטן צו באַוואַכן זיין אַחדות, צו מאָביליזירן זיינע כוחות, צו קאָאָרדינירן זיינע באַמיאונגען און צו באַנייען די אמונה פון זיינע אבות, באַנייענדיק מיט דעם, דורך מעשים און אָנשטרענגונגען, אונזערע דורות־אַלטע אַנטשלאָסנקייט איבערצולעבן און איבערצוגעבן די שטאָלצע ירושה פון העראָאישע יאָרהונדערטער פון טראַגעדיע און ליידן צו די קומענדיקע אידישע דורות פאַר אַ בעסערער צוקונפט, פאַר זיי און פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

# די אידישע וועלט אין 1936 און אין 1961

(רעדע ביי דער פייערונג פון 25־יעריקן יובילײ פון דער גרינדונג פון אידישן וועלט־קאָנגרעס, ביי דער סעסיע פון דער וועלט־עקזעקוטיווע, דעם 23־טן אויגוסט 1961, אין זשענעווע, שווייץ)

דאָס ערשטע וואָרט אויף דער דאָזיקער זיצונג, וואָס פייערט די גרינדונג פונעם אידישן וועלט־קאָנגרעס מיט 25 יאָר צוריק, דאַרף זיין אַ יזכור־וואָרט פאַר די מיליאָנען פון אונזערע אידישע ברידער, וואָס זיינען על־פי־רוב געווען רעפּרעזענטירט דורך זייערע דעלע־גאַטן ביי דער גרינדונגס־זיצונג פונעם קאָנגרעס און זיינען אויסגעמאָרדעט געוואָרן דורך די נאַציס. די פון אייך, וואָס האָבן אָנטייל־גענומען אין דער דאָזיקער גרינדונגס־זיצונג, וועלן זיך דערמאָנען די גרויסע און איינדרוק־פולע דעלעגאַציעס פון די דעמאָלטיקע דריי און האַלב מיליאָן אידן פון פוילן, פון דעם מיליאָן אידן פון רומעניע, פון דער גרויסער אידישער קהילה פון אונגאַרן, פון דער וויכטיקער קהילה פון דייטשלאַנד און די קהילות פון טשעכאָסלאָוואַקיע און בולגאַריע. זיי זיינען אַלע כמעט אויסגעמעקט געוואָרן, איבערלאָזנדיק אַ קליינע שארית הפליטה פון די אַמאָליקע מעכטיקע אידישע קיבוצים.

מיר זיינען גליקלעך, וואָס מיר האָבן מיט אונז פאַרטרעטער פון דעם וואָס איז איבערגעבליבן פון דער אידישער קהילה אין דייטשלאַנד און באַ־דויערן טיף, וואָס די איבערגעבליבענע קליינע קהילות פון מזרח־איראָפּע זיינען ניט פאַרטראָטן אינעם אידישן וועלט־קאָנגרעס, ניט געקוקט אויף אונזערע כסדר'דיקע פאַרזוכן צו האָבן זיי מיט אונז. וואָס אַנבאַלאַנגט די איינציקע גרויסע און וויכטיקע אידישע קהילה, וואָס איז איבערגעבליבן נאָך דער קאַטאַסטראָפע, די דריי און אַ האַלב מיליאָן אידן פון ראַטן־פאַרבאַנד, זיינען זיי געצוואונגען צו זיין סעפּאַרירט פון דער גאַנצער אידישער אומה, און זיינען געשטערט אָנצוהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט אונז אָדער אַנדערע אינטער־נאַציאָנאַלע אידישע קערפּערשאַפטן. די דאָזיקע סעפּאַראַציע שטעלט דעריבער פאַר איינעם פון די עיקר'דיקע אידישע פּראָבלעמען, וועלכע איך וועל נאָך דיסקוטירן. דער זכר פון די 6 מיליאָן אידישע קרבנות, וואָס מיר האָבן אָנגעוואוירן אין דער גרעסטער טראַגעדיע פון דער אידישער געשיכטע, וועט פאַרבלייבן אין דעם אָנדענק ניט נאָר פון דעם איצטיקן דור, וואָס איז געווען

אַן עדות פון דעם שרעקלעכן אומגליק, נאָר וועט דערמאָנט ווערן פון אידישן פאָלק אַזוי לאַנג ווי עס וועט זיין באַוואוסטזיניק וועגן זיין געשיכטע.

אַ צווייט וואָרט פון יזכור דאַרף געזאָגט ווערן וועגן יענע אידישע מנהיגים, וואָס האָבן געשאַפן דעם אידישן וועלט־קאָנגרעס, קודם־כל דער מענטש, וואָס האָט מער פון יעדן אַנדערן גע'חלומ'ט און אויסגעפירט די אידייע פון דעם אידישן וועלט־קאָנגרעס, מיין גרויסער און געשעצטער פריינט ראַבאַי סטיפן שמואל וייז. צווישן די אַנדערע אומפאַרגעסלעכעביישטייערער צום אידישן לעבן און צו דער אידישער געשיכטע וועט זיין איניציאַטיוו צו גרינדן דעם אידישן וועלט־קאָנגרעס בלייבן איינע פון די דויערנדיקע און באַמערקונגסווערטסטע, און אויף דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג דאַרפן אַלע פון אונדז אָפּגעבן כבוד צו דער דאָזיקער איינמאָליקער פיגור אינעם לעבן פון אַ דור, אַ מאַן וואָס האָט געליבט דאָס אידישע פאָלק מער פון אַלץ און איז געווען געליבט פון אים ווי וויניקע אַנדערע.

די אייגנטלעכע טעמע פון מיין רעדע ביי אַזעלכע געלעגנהייטן איז צו געבן אַן איבערבליק איבער דעם פערטל יאָרהונדערט, וואָס איז אַוועק זינט דער גרינדונג פון דעם קאָנגרעס און צו פאַרגלייכן דעם מצב פון היינט מיט דער לאַגע אין יאָר 1936, ווען מיר זיינען זיך צונויפגעקומען אין גענף כדי צו גרינדן דעם אידישן וועלט־קאָנגרעס. אונזער געשיכטע איז רייך אין דראַמאַטישע תקופות, אין גרויסע רעוואָלוציאָנערע שינויים, אין „אַרויף" און אין „אַראָפּ", אָבער איך צווייפל, צי עס איז ווען־עס־איז געווען אַ תקופה אין אונזער געשיכטע אַזוי דראַמאַטיש, אַזוי פול מיט שרעקלעכע און גרויסע געשעענישן, מיט מפּלות און נצחון, ווי די דאָזיקע לעצטע 25 יאָר, די תקופה פון דער גרעסטער דעסטרוקטיווער טראַגעדיע אין אונזער געשיכטע, פון איין זייט, און פון די גרעסטע קאָנסטרוקטיווע דערגרייכונגען אין אונזער געשיכטע, פון דער צווייטער זייט — די אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל.

ווען דער אידישער וועלט־קאָנגרעס איז געגרינדעט געוואָרן מיט 25 יאָר צוריק, איז זיין הויפּט־צוועק געווען צו וואָרענען דאָס אידישע פאָלק און די גאַנצע וועלט. דער אידישער וועלט־קאָנגרעס איז געשאַפן געוואָרן אינעם שאָטן פון דער נאַצישער דראָאונג און זיין אויגנבליקלעכער און דרינגנדיקער צוועק איז געווען צו שאַפן אַן אינסטרומענט, וואָס זאָל רעפּרעזענטירן דאָס אידישע פאָלק, באַקעמפן דעם נאַציזם און זיך באַמיען אָפּצוווענדן די שרעקלעכע סכנה פאַר אונזער קיום, וואָס דער נאַציזם האָט געטראָגן אין זיך. ליידער איז אונזער קול־קורא נישט געהערט געוואָרן פונעם רוב פון אונזער פאָלק, וואָס האָט זיך נישט געקענט פאָרשטעלן די מעגלעכקייט פון דער

בעסטיאַלער פּאָליטיק, וואָס די נאַציס האָבן אָנגענומען כלפּי די אידן. דאָס רוב אידן זיינען געווען געצוואונגען צו זען אינעם נאַצי־רעזשים אַ פאַרביי־גייענדיקע תקופה און האָבן זיך דעריבער ניט מאָביליזירט אין אַן אינטער־נאַציאָנאַלער מאָס, כדי צו באַקעמפן די נאַצישע סכנה אין אַ צייט, ווען דער נאַציזם איז נאָך געווען שוואַך. אויב דאָס רוב פון אונזער פאָלק און באַזונדערס די מעכטיקע אידישע קהילה אין די פאַראייניקטע שטאַטן וואָלט ערנסט אויפגענומען אונזער דעמאָלטיקע וואָרענונג, וואָלט איך ניט געזאָגט, אַז צוליב אונז וואָלט געפאַלן דער נאַצישער רעזשים, אין אַנבליק פון דער גלייכ־גילטיקייט און קורצזיכטיקער פשרה־פּאָליטיק פון די מערב׳דיקע דעמאָקראַ־טיעס, אָבער איך בין איבערצייגט, אַז עטלעכע פון די טרויעריקסטע פאָלגן וואָלטן געקענט ווערן אויסגעמיטן, און אַז הונדערט טויזנט אידן, אויב ניט מער, וואָלטן געקענט ווערן געראַטעוועט. אין דער געשיכטע פון אונזער דור, וואָס איז איינמאָליק אין זיין נסיון און אין זיין באַשטימונג, וועט דער דאָזיקער מאַנגל פון אַנטשפּרעכנדיקער רעאַקציע צו דער נאַצישער סכנה, דער דאָזיקער לייכטזיניקער אָפּטימיזם בלייבן איינער פון די נעגאַטיווסטע אַספּעקטן.

איך זאָג דאָס ניט כדי צו קריטיקירן, נאָר כדי היינט, 25 יאָר שפּעטער, צו וואָרענען דעם דאָזיקן דור, אַז ער זאָל זיך נישט אַריינלאָזן אין אַן אומ־באַרעכטיקטן אָפּטימיזם, אין אַ געפערלעכער נויגונג ניט צו נעמען דעם מצב ערנסט און ממשיך צו זיין זיינע שעדלעכע און אומבאַרעכטיקטע אילוזיעס. אַ באַרימטער היסטאָריקער האָט אַמאָל געזאָגט: „איינמאָל צו מאַכן אַ טעות איז אַ פעלער; צו מאַכן דעם זעלבן טעות אַ צווייט מאָל, איז אַ פאַרברעכן".

די דאָזיקע וואָרענונג איז נאָך נויטיקער צוליב דעם, וואָס אויבנאויפיק געזען זיינען ניט פאַראַן קיין סיבות פאַר דאגות. אין יעדער היסטאָרישער סיטואַציע איז די באַציאונג צווישן דער פאַסאַדע און די טיפערע כוחות, וואָס ווירקן אויפן גרונט פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג, איינער פון די גורל׳דיקסטע סימנים און קריטעריען פון דער סיטואַציע. עס איז אַלעמאָל פאַראַן אַ בלויז צווישן דער פאַסאַדע פון געשעענישן, צווישן דעם פאָדער־גרונט פון דער היסטאָרישער סצענע און דעם הינטערגרונט פון דער סיטואַציע. אָבער ווען דער דאָזיקער בלויז ווערט צו־ברייט, ווען דער כאַראַקטער פון דער פאַסאַדע איז צו פאַרשיידן פון די ווירקונגען אין דער טיף און שטייט אַפילו אין אַ סתירה צו זיי, דעמאָלט קענען ניט פאַרמיטן ווערן קאַטאַסטראָ־פעס, אומגליקן און רעוואָלוציאָנערע איבערטרייסלונגען.

מיר לעבן אין אַ געשיכטלעכער תקופה, ווען דער דאָזיקער אונטערשיד איז געוואָרן דערשרעקנדיק גרויס. די פאַסאַדע פון דער וועלט־לאַגע זעט

אויס צו זיין אַזוי גוט ווי זעלטן אין אַן אַנדערער תקופה פון דער מענטש־לעכער געשיכטע. אַ וואַקסנדיקע עשירות, אַ געוואַלטיקער טעכנישער פּראָג־רעס, מער און מער באַקוועמלעכקייט אין די טאָג־טעגלעכע באַדינגונגען פון לעבן ווייזן אַן אויף אַ גליקלעכער און סטאַבילער לאַגע. אָבער אויב עמעצער קוקט זיך צו טיפער צו די אַנאָנימע און וואולקאַנישע כוחות, וואָס ווירקן אין יענע טיפן, וואו די אמת'ע געשיכטע ווערט געשמידט, כאַפּט אים אָן אַ שוידער אין אַנבליק פון דעם בלויז צווישן דער פּאַסאַדע און דעם הינטער־גרונט. דאָרט קומען פאַר געוואַלטיקע עקספּלאָזיווע פּראָצעסן, דאָרט הויבן אָן ביליאָנען מענטשן, וואָס האָבן געלעבט אין דחקות טויזנטער יאָרן, צו פאַרלאַנגען זייער שותפות אין דער עשירות פון דער וועלט. סאָציאַלע סיס־טעמען שטייען איינער אַנטקעגן דעם צווייטן מיטן גאַנצן פאַנאַטיזם פון גענזעלשאַפטלעכע און אינערלעכע געראַנגלען. עס ווערן געשמידט, צוגעגרייט און צונויפגעזאַמלט וואָפן, וואָס, אויב מען זאָל זיי באַנוצן, קענען זיי אויסמעקן אַ גרויסן טייל פונעם מענטשלעכן מין. הן אינערלעכע סאָציאַלע פּראָבלעמען און הן אויסערלעכע פּאָליטישע מאַכט־קאָנפליקטן האָבן זיך קאָמבינירט, כדי צו מאַכן אונזער צייט פאַר דער אָנגעשטרענגטסטער און עקספּלאָזיווסטער תקופה אין דער געשיכטע. און אַזוי ווי די מאָדערנע טעכניק און קאָמוניקאַציע־מיטלען האָבן פּראַקטיש פאַרוואַנדלט אונזער פּלאַנעטע אין איין קליינער וועלט, לעבן מיר אין אַ צייט, ווען יעדער גרעסערער קאָנפליקט מוז גלייך אַרומנעמען די גאַנצע וועלט און ווען די תקופה פון לאָקאַליזירטע קאָנפליקטן איז שוין פאַרביי. אויבנאויפיק לעבן מיר אין אַ פּראָספּערירנדיקער און פריילעכער וועלט, אָבער אין דער אמת'ן טאַנצן מיר אויפן ראַנד פון אַ וואולקאַן, וואָס צוליב דעם פעלער פון אַ פירנדיקן שטאַטסמאַן, צוליב דער פאַלשער קאַלקולאַציע פון אַ קינסטלעך אויפגעבלאָזענער עמאָציע קען במשך פון עטלעכע מינוטן די גאַנצע וועלט אַריינגעשלעפּט ווערן אין אַ קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט ניט איר גלייכן אין דער מענטשלעכער געשיכטע.

אויב דער דאָזיקער קאָנפליקט צווישן דער פּאַסאַדע און צווישן דער טיפקייט איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער וועלט־לאַגע, איז ער דאָפּלט גילטיק פאַר אונזער מצב אַלס אידן. אויבנאויפיק איז נאָך קיינמאָל ניט געווען קיין תקופה אין דער אידישער געשיכטע, וואָס איז געווען אַזוי גוט און גליקלעך, ווי די איצטיקע. דער קאַמף פאַר אידישער עמאַנציפּאַציע און פאַר דער גלייכהייט פון רעכט איז כמעט אויף דער גאַרער וועלט געוואונען געוואָרן, לכל־הפחות אויבנאויפיק, ווי דאָס דריקט זיך אויס אין קאָנסטיטוציעס און אין געזעצן. פּאָליטיש עקזיסטירט ניט כמעט קיין איין איינציקע אידישע

גרופּע, וואָס ווערט אָפיציעל דיסקרימינירט אָדער געניסט ניט פון גלייכע רעכט. די גרויסע געפאַר פאַר דעם אידישן פיזישן קיום, וואָס דער נאַציזם האָט פאַרגעשטעלט, איז געוואָרן אויסגעמיטן מיט דעם קראַך פון דעם נאַצי־רעזשים. עקאָנאָמיש לעבט זיך די אידישע קהילות אין דער גאַרער וועלט בעסער ווי אין וועלכן־עס־איז פריערדיקן יאָרהונדערט. אידישע נויט, וואָס איז אַמאָל געווען דער עיקר׳דיקער, אויב ניט דער הויפּט־פּראָבלעם פון אידישן לעבן, איז געוואָרן אַן אומוויכטיקע פראַגע. צו דעם אַלעם איז דערפילט געוואָרן אונזער חלום פון יאָרהונדערטער, מדינת ישראל איז געשאַפן געוואָרן און ווערט אָנערקענט פונעם רוב פון די פעלקער פון דער וועלט, וואָס אַ סך פון זיי אַקצעפּטירן און באַוואונדערן זי. אויבנאויפיק געקוקט, עקזיסטירט ניט קיין ברענענדיקער פּראָבלעם אין אונזער לעבן, און אונזער צוקונפט ווי אַ פאָלק זעט אויס צו זיין זיכערער און סטאַבילער, ווי אין וועלכער־עס־איז אַנדערער תקופה פון אונזער געשיכטע.

אָבער צו זען אונזער לאַגע אין אַזאַ ליכט — און איך האָב מורא, אַז דאָס רוב פון אונז זעען זי אַזוי — איז אומבאַרעכטיקט און אַזוי געפערלעך, אַז דאָס קען צעשטערן אונזער פאָלק. דער הויפּט־קוואַל פונעם קיום פון אַ פאָלק ליגט אין זיין אייגענעם כוח, און דעריבער איז ניט פאַראַן קיין גרעסערע סכנה פאַר דער צוקונפט פון אַ פאָלק ווי אַ שטעלונג, וואָס איז ניט באַרעכטיקט דורך דער אָביעקטיוו־געגעבענער סיטואַציע, פּונקט ווי אַ פּסיכאָלאָגיע און אַ וועג פון מענטשנס טראַכטן, וואָס שטימט ניט מיט די אָביעקטיווע עלעמענטן פון זיין פּאָזיציע. און דעריבער — אויב עס איז געווען די אויפגאַבע פון דעם אידישן וועלט־קאָנגרעס מיט 25 יאָר צוריק צו זיין אַ וואָרענער צום אידישן פאָלק, איז דאָס געבליבן זיין הויפּט־צוועק אויך ביים היינטיקן טאָג. עס איז נויטווענדיקער און שווערער אויסצופירן די דאָזיקע אויפגאַבע היינט, ווייל די סכנה מיט 25 יאָר צוריק איז געווען פיל דורכזיכטיקער און לייכט אָנצוטאַפּן פאַר יעדן איינעם, וואָס האָט געלייענט נאַצישע ליטעראַטור און האָט זיך צוגעהערט צו נאַצישע רעדעס. היינט ווערן די סכנות, וואָס באַדראָען אונזער צוקונפט, נישט פּראָקלאַמירט אין דער הויך און זיינען אויך נישט אָנצוטאַפּן מיטן אויג. דעריבער ווערן זיי פיל לייכטער פאַרנאַכלעסיקט, ווי מיט 25 יאָר צוריק.

דער ערשטער עלעמענט פון אַ נעגאַטיווער השפעה אויף אונזער לאַגע איז דער דאָזיקער אַלגעמיינער כאַראַקטער פון אונזער תקופה, וואָס איך האָב שוין קורץ כאַראַקטעריזירט. מיר לעבן אין אַ אָנגעשטרענגטער און ברוטאַלער צייט, וואָס פאַרמאָגט מער אומגעלייזטע קאָנפליקטן, ווי וועלכע ניט איז

פריערדיקע תקופה, און וואָס פאַרנעמט זיך מיט פּראָבלעמען פון דימענסיעס, וואָס נעמען אַרום הונדערטער מיליאָנען מענטשן אויף אַלע יבשות פון דער וועלט. אַזאַ תקופה באַדראָט די צוקונפט פון יעדן איינעם פון אונז, און דעריבער וואַרענען אַלע אַחריות׳דיקע מנהיגים פון די פעלקער, אַפילו פון די מעכטיקסטע, זייערע לענדער. אַזאַ תקופה איז אָבער דאָפּלט געפערלך פאַר מיעוטים, פאַר קליינע גרופּעס, און דער רוב פון אונזער פאָלק לעבט ווי מיר ווייסן אין אַזעלכע באַדינגונגען. פאַרוואָס איז געווען דער 19טער יאָרהונדערט, אויב איך מעג פרעגן בשייכות מיט דעם, אַזוי גינסטיק פאַר אונזער פאָלק? עס איז געווען די צייט פון עמאַנציפּאַציע, פון אינטעגרירטע אידישע קהילות אינעם לעבן פון זייערע לענדער. די דאָזיקע צייט האָט געגעבן מיליאָנען אידן גלייכע פּאָליטישע רעכט און גרויסע עקאָנאָמישע מעגלעכקייטן. דאָס האָט פּאַסירט צוליב דעם, וואָס דער 19טער יאָרהונדערט איז געווען, אין תוך גענומען, אַ סטאַבילער יאָרהונדערט. ער איז געווען באַהערשט דורך עטלעכע מערב׳דיקע דעמאָקראַטיעס, וואָס זיינען געווען גוט פאַרפעסטיקט אין זייערע שטאַרקע פּאָזיציעס און וואָס האָבן זיך געקענט דערלויבן צו זיין ליבעראַל און גרויסמוטיק צו מיעוטים, אינעם געפיל פון זייער הערשנדיקער שטעלונג.

אונזער יאָרהונדערט איז זייער אַן אומרואיקער. עס איז ניט פאַראַן כמעט קיין מאַכט, וואָס איז אינגאַנצן זיכער מיט איר פּאָזיציע. יעטוועדער קאָנקורירט און קעמפט מיט יעטוועדן, און יאָרן, אויב ניט צענדליקער יאָרן, וועלן פאַרגיין ביז עס וועט זיך איינשטעלן אַ נייע און ענדגילטיקע פאַר־טיילונג פון דער מאַכט און אַ נייע סטאַבילע תקופה וועט זיך אָנהויבן. איך האָב גרויסע ספיקות, צי אונזער דור, אַפילו די אינגערע צווישן אונז, וועלן דאָס נאָך דערלעבן, ווייל די קאָנפליקטן און אומגעלייזטע פּראָבלעמען פון אונזער דור זיינען אַזוי געוואַלטיק אין זייער גרויסקייט און טיפקייט, אין כמות און אין איכות, אַז דאָס מערסטע וואָס מיר קענען האָפן איז, אַז זיי וועלן ניט עקספּלאָדירן אין אַן אמת׳דיקער מלחמה. צו גלויבן, אַז עטלעכע קאָנפערענצן אָדער אַ ריי פון אונטערהאַנדלונגען קענען לייזן די פּראָבלעמען און סטאַביליזירן די וועלט, איז אַ פּשוטע אילוזיע. דאָס מערסטע וואָס מיר קענען דערוואַרטן איז, אַז פּראָוויזאָרישע וואַפנשטילשטאַנדן קענען ווערן אַראַנזשירט, אַז מלחמות מיט שיסערייען קענען ווערן אויסגעמיטן, און אַז די מענטשהייט וועט האָבן דעם זכות אויסצואַרבעטן אַ נייע סטאַביליטעט אין פרידלעכע קאָנפליקן און שטילער קאָנקורענץ.

אַזאַ תקופה איז לויט איר נאַטור אַכזריות׳דיק, ברוטאַל, האַרט און

אומטאָלעראַנט. עס איז ניט קיין צופאַל, וואָס נאָך אַ יאָרהונדערט פון דעמאָ־קראַטישער אַנטוויקלונג קומען אויף אין דער וועלט וואָס אַ מאָל מער טאָטאַליטאַרע רעזשימען. עס איז נאַטירלעך, וואָס אין אַ תקופה פון שפּאַנונגען און סכּנות אָרגאַניזירן זיך די פעלקער אין אַ מין מיליטערישער פאָרמאַציע, וואו דיסציפּלין איז וויכטיקער פון גרויסמוטיקייט און וואו אַ שטאַרקע פירערשאַפט, באַזונדערס אין די ניט־אַנטוויקלטע לענדער, ווערט כמעט אומפאַרמיידלעך. אויב מען קוקט זיך צו צו דעם נסיון און צו דער געשיכטע פון די דעמאָקראַטיעס אין די לעצטע 25 יאָר, פרעגט מען זיך, צי די געוויינלעכע דעמאָקראַטישע פּראָצעסן זיינען נאָך גוט גענוג, כּדי צו באַהאַנדלען און לייזן די געוואַלטיקע פּראָבלעמען פון אונזער צייט. אין אַזאַ תקופה שטויסן זיך אָן מיעוטים אויף פיל גרעסערע שוועריקייטן און דאַרפן קעמפן מיט פיל גרעסערער אַנטשלאָסנקייט פאַר זייער המשך, ווי אין די תקופות פון סטאַביליטעט, פון ליבעראַליזם און פון גוטמוטיקער טאָלעראַנץ.

אַ צווייטער סימן, וואָס האָט אַ גורל'דיקע באַדייטונג פאַר אונז, איז דער שטאַרקער אויסדרוק פון אַן עקסטרעמען און אַגרעסיוון נאַציאָנאַליזם אין אַ סך טיילן פון דער וועלט. די דאָזיקע דערשיינונג איז איינער פון די גרעסטע פּאַראַדאָקסן פון אונזער צייט. פון דער איינער זייט האָבן מיר טעכניש און וויסנשאַפטלעך דערגרייכט דעם צושטאַנד פון איין וועלט. מיר לעבן אין אַ תקופה, ווען די באַדייטונג פון אַ סאָוועריענער מדינה איז געוואָרן זינלאָז און די פעלקער פון דער וועלט הויבן זיך אָן צו אָרגאַניזירן אין גרעסערע פּאָליטישע, מיליטערישע און עקאָנאָמישע איינסן. פון דער צווייטער זייט איז דער נאַציאָנאַלער פיבער פון פעלקער, וואָס זיינען געווען אונטערדריקט הונדערטער יאָרן, גרעסער ווי ווען ניט איז. כמעט יעדע וואָך אָדער יעדן חודש אַנטשטייען נייע מדינות, נייע פעלקער באַקומען זייער נאַציאָנאַלע אומאָפּהענגיקייט — אַ פּראָצעס, וואָס איז אין זיך אַליין געזונט, אָבער ווערט באַהערשט פון אַן איבערטריבענעם און אַגרעסיוון נאַציאָנאַליזם. לויט מיין מיינונג איז דאָס דער לעצטער אויסברוך פון שטאָטלעכן נאַציאָנאַליזם. ווייזט אויס, אַז עס איז אַן אומפאַרמיידלעכע איבערגאַנגס־תקופה, וואָס די מענטשהייט דאַרף אַדורכגיין, איידער די אויפפאַסונג פון דער סאָוועריענער מדינה וועט זיין פאַרגעסן, און די פעלקער פון דער וועלט וועלן זיין אָרגאַניזירט אין גרעסערע נאַציאָנאַלע פאַראייניקונגען.

אָבער עס איז אַ באַקאַנטער געזעץ פון דער געשיכטע, אַז אידייען און אויפפאַסונגען זיינען אַמשטאַרקסטן און איבערטריבנסטן אין דער לעצ־

טער תקופה פון זייער עקזיסטענץ. קיינמאָל זיינען הערשנדיקע קלאַסן ניט אַזוי אָרגאַנט ווי אין די שעה׳ן פאַר זייער פאַלן. קיינמאָל זיינען די פאַקטאָרן ניט אַזוי אַגרעסיוו ווי אין דעם מאָמענט, ווען זיי ברעכן זיך איין. דאָס זעלבע איז אויך ריכטיק פאַר אידייען. דער דאָזיקער ברוטאַלער, אומטאָלעראַנטער און אַראָגאַנטער נאַציאָנאַליזם פון אַ סך פעלקער וועט זיך אויף דער לעצטער פיבערדיקער סטאַדיע, איידער ער וועט ווערן פאַרביטן דורך טיפערע נאַציאָנאַלע פאָרמען פון אָרגאַניזאַציע, אויב די וועלט וועט ביז דעמאָלט נישט איינפאַלן אונטערן דרוק פונעם דאָזיקן אוממאָראַלישן און איבערטריבענעם שטאַטס־נאַציאָנאַליזם פון אונזערע טעג.

עס וועט אָבער געדויערן אַ געוויסע צייט, ביז די דאָזיקע איבערגאַנגס־תקופה וועט פאַרגיין, און אין דער צווישנצייט שטעלט זי פאַר מיט זיך אַ דאָפּלטע סכנה פאַר מיעוטים, און באַזונדערס פאַר אונז, דעם קלאַסישן מיעוט פון דער וועלט. עס זיינען פאַראַן מדינות, וואָס ווילן נישט אַנערקענען דאָס רעכט פון מיעוטים אויפצוהאַלטן זייער ספּעציפישן כאַראַקטער און וואָס פּרוּוון צווינגען דעם אידישן מיעוט אויפצוגעבן זיין ספּעציפישן, כאַראַקטע־ריסטישן און באַזונדערן קיום — אפשר מיטן אויסנאַם פון זיין ספּעציעלן רעליגיעזן כאַראַקטער — אין דער ראַם פון אַלגעמיינעם לעבן פון דער מערהייט. דאָס איז נוגע עטלעכע גרעסערע מדינות, ווי דעם ראַטן־פאַרבאַנד, וואָס לעבן אונטער טאָטאַליטאַרע רעזשימען, ווי אויך קלענערע מדינות, וואָס האָבן באַקומען זייער אומאָפּהענגיקייט ניט לאַנג און וואָס לעבן, לכל־הפּחות פאָרמעל, אונטער אַ דעמאָקראַטישן רעזשים. בדרך־כלל ווערט די מדינה — און דאָס איז נוגע כמעט אַלע מדינות — אין אונזערע טעג מער און מער אויטאָריטאַטיוו און מישט זיך אַריין אין אַלע שטחים פונעם לעבן, און אַזוי ווי די מדינות געפינען זיך כמעט אומעטום אין די הענט פון דער מאַיאָריטעט, ווערט די סעפּאַראַטע עקזיסטענץ פון די מיעוטים אַלץ שווערער און שווערער. באַקאַנט איז דער פּרינציפּ, וואָס האָט געהערשט לאַנגע יאָרן: ווער עס האָט די מאַכט, האָט די רעליגיע. איך האָב מורא, אַז מיר באַוועגן זיך אין אַ תקופה פון: „ווער עס האָט די מאַכט, דער האָט דאָס פאָלק", אין וועלכער עס אַנטוויקלט זיך אַ פּאַטריאָטיזם און אַ נאַציאָנאַלע לאָיאַליטעט, וואָס פאַר־לאַנגט פון די מיעוטים אויפצוגעבן זייער סעפּאַראַטן כאַראַקטעריסטישן לעבן און זיך אַסימילירן צו דער מערהייט, ווי אַ מין מאָראַלישן חוב, וואָס זיי דאַרפן צאָלן פאַר דער גלייכהייט פון רעכט. למשל, עס זיינען פאַראַן אידן, וואָס גלויבן, אַז סעפּאַראַטע אידישע שולן שטייען אין אַ סתירה צו דער דעמאָקראַטיע און צו זייערע גלייכע רעכט. זיי פאַרגעסן, אַז גלייכע רעכט

באַדייט — דאָס רעכט צו זיין גלייך און צו בלייבן ספּעציפיש, אָן באַצאָלן פאַר דער גלייכהייט מיט מקריב זיין אַ באַזונדערע גאַנצקייט.

באַזונדערס איז איין קאָנסעקווענץ פונעם דאָזיקן אָנגעשטרענגטן כאַראַק־טער פון דער וועלט־מלחמה קאַטאַסטראָפאַל פאַר אונדז. איך מיין דערמיט די קאַלטע מלחמה און די צעטיילונג פון דער וועלט אין צוויי בלאָקן. ווי אַ פאָלק וואָס איז פאַרשפּרייט איבער דער גאַרער וועלט, זיינען מיר פאַר־אינטערעסירט, מער ווי יעדע אַנדערע גרופּע, אינעם גייסט פון אוניווער־סאַליזם, אין דער אידייע פון איין וועלט, אין דער פרייהייט פון קולטורעלער און גייסטיקער קאָמוניקאַציע צווישן אַלע טיילן פון דער וועלט. סעפּאַראַ־טיסטישע נטיות און איזאָלירונגס־פּאָליטיק זיינען אַלעמאָל געווען שעדלעך פאַר אונזער קיום ווי איין פאָלק אין די תפוצות. אָבער עס איז קיינמאָל ניט געווען אַזאַ סכנה, אַלס רעזולטאַט פון דער קאַלטער מלחמה, ווי זי באַשטייט היינט. בערך אַ דריטל פון אונזער פאָלק איז כמעט אינגאַנצן אָפּגעשניטן פונעם רעשט פון דער אומה, באַזונדערס די גרויסע אידישע קהילה אין ראַטן־פאַרבאַנד. עס איז איינער פון די יסודות'דיקע פּרינציפּן פון דער אידישער געשיכטע, אַז פאַר אַ לאַנגער צייט קען קיין שום איזאָלירטע אידישע קהילה, וואָס איז אָפּגעשניטן פונעם רעשט פון דער אומה, ניט אויפהאַלטן איר אידענטיטעט און איבערלעבן. דעריבער איז די דאָזיקע סעפּאַראַציע פונעם סאָוועטישן אידנטום, די דאָזיקע סכנה צו פאַרלירן כמעט דריי מיליאָן פון אונזער פאָלק — וואָס איז געוואָרן פאַרמינערט דורך דער קאַטאַסטראָפע אין דער היטלער־צייט פון 18 ביז 12 מיליאָן — דער פּראָבלעם נומער 1 אין אונזער לעבן, אַ פּראָבלעם וואָס שטעלט מיט זיך פאַר די שרעקלעכסטע סכנה פאַר אונזער צוקונפט.

אָבער חוץ די דאָזיקע נעגאַטיווע און שעדלעכע אַספּעקטן פון דער וועלט־לאַגע, וואָס האָבן זייער וואָרצל אין די סאָציאַלע און פּאָליטישע קאָנ־פליקטן פון אונזער צייט, איז פאַראַן נאָך אַ כאַראַקטעריסטיק פון אונזער וועלט, וואָס האָט ווייניק צו טאָן מיט די דאָזיקע קאָנפליקטן און איז אַפילו זיי סותר, אָבער שטעלט מיט זיך פאַר אַ סכנה פאַר אונזער המשך. דאָס איז נוגע דעם מאַסן־כאַראַקטער פון אונזער ציוויליזאַציע, די נטיה פונעם אוני־פאָרמיזם און פון דער סטאַנדאַרטיזאַציע. ווי איך האָב געזאָגט פריער, איז דאָס איינער פון די פּאַראַדאָקסאַלע פאַקטן פונעם מצב, אַז אין דער צייט, ווען די פּאָליטישע סעפּאַראַטיסטישע און נאַציאָנאַליסטישע טענדענצן זיינען שטאַרקער ווי ווען ניט איז, לכל־הפחות בנוגע דער אויבערפלאַך פון אונזער ציוויליזאַציע — איז, ווייזט אויס, קיינמאָל אין דער געשיכטע ניט געווען,

ווי עס איז איצט, אַ תּקופה פון אַזאַ אוניפאָרמיזם אינעם לעבנס־שטייגער און אין די עלעמענטאַרע טענדענצן און פאָרמען פון אונזער לעבן. מיר לעבן אין אַ ציוויליזאַציע, וואָס באַמיט זיך, ניט געקוקט אויף אַלע סאָציאַלע און פּאָליטישע קאָנפליקטן, אויסצופאָרמען אַן איינהייטלעכן מענטשן־טיפּ און צו ליקווידירן דעם יוצא מן הכלל פונעם אַלגעמיינעם לעבנס־שטייגער. יעדער איינער וויל זיין ווי יעדער צווייטער. עס איז קוים געווען אַ תּקופה, ווען צו זיין אַ יחיד, צו לעבן ווי אַ „נאָן־קאָנפאָרמיסט״, זיך אויסצוטיילן אָדער זיך אַנטקעגן צו שטעלן דעם איינהייטלעכן מאָדוס פון דער עקזיסטענץ, איז געווען אַזוי שווער, ווי היינט. דאָס איז איינע פון די ערנסטע שוואַכקייטן פון אונזער ציוויליזאַציע בדרך־כּלל, און קען ווערן אַ שרעקלעכע סכּנה פאַר אמת׳דיקער קולטור און שעפערישקייט, וואָס זיינען אַלעמאָל געווען באַזירט אויף ניט־קאָנפאָרמיזם און אויפן ווילן צו זיין עפּעס באַזונדערס, צו זיין פאַרשידן פון אַלע אַנדערע און זיך אַנטקעגן צו שטעלן דעם פּראָצעס פון איינגעשלונגען ווערן אינעם אַלגעמיינעם אוניפאָרמיזם.

פאַר אַ מיעוט, ווי מיר זיינען, וואָס מיר זיינען אַלעמאָל געשוואומען קעגן שטראָם און וועמענס גרעסטער זכות איז געווען צו זיין דער קלאַסישער ניט־קאָנפאָרמיסט פון דער געשיכטע און זיך ניט אונטערצוגעבן — ניט געקוקט אויף רדיפות — דעם לעבנס־שטייגער פונעם רוב; פאַר אונז איז דער דאָזיקער קלימאַט פון דער איצטיקער ציוויליזאַציע אַ מקור פון ערנסטער סכּנה, וואָס מאַכט אונזער המשך ווי אַ ספּעציפישער קאָלעקטיוו אַלץ שווערער.

דאָס פירט מיך צו דעם לעצטן געפערלעכן אַספּעקט פון אונזער איצטיקן מצב, וואָס איך וויל דאָ באַרירן בשייכות מיט מיינע אידייען. ווי איך האָב אָפט באַטאָנט אין די לעצטע יאָרן, קען איך ניט קיין אַנדערע תּקופה אין דער געשיכטע, וואו די נטיות צו אַסימילאַציע און צו פולשטענדיקער איינגלידערונג אין דעם לעבן און אין דער קולטור פון דעם רוב, צווישן וועלכן מיר לעבן, זיינען געווען אַזוי שטאַרק און מעכטיק ווי היינט. ניט געקוקט אויף אונזער צעשפּרייטקייט האָבן מיר געלעבט במשך פון יאָרהונדערטער אין אונזער אייגענער וועלט, באַהערשט און געפירט דורך די געזעצן פון דער אידישער רעליגיע, וואָס זיינען געווען פיל מער ווי סתּם רעליגיעזע באַפעלן, נאָר האָבן אַרומגענומען די גאַנצקייט פון אידישן לעבן, הן ווי אַ פאָלק אַלס כּלל און הן פאַר יעדן יחיד. ניט געקוקט אויף אַלע טיפע ניואַנסן, וואָס זיינען אומ־פאַרמיידלעך און נאַטירלעך אין די באַדינגונגען פון אַ גלות־קיום — איז, אַזוי לאַנג, ווי דער רעליגיעזער געזעץ האָט באַשטימט און געפורעמט דאָס לעבן פון אַ אידן, אין תּוך גענומען ניט געווען קיין ראַדיקאַלער אונטערשיד

צווישן דעם איד, וואָס האָט געלעבט אין דער מעלאַ פון צפון־אַפריקע, אינעם געטאָ פון מערב־אייראָפּע אָדער אין דעם שטעטל פון מזרח־אייראָפּע. דאָס אַלץ האָט זיך געענדיקט פאַר דעם רוב אידן. מיר האָבן באַצאָלט פאַר אונזער עמאַנציפּאַציע דורך אויפגעבן אונזער באַזונדערן שטייגער לעבן און האָבן זיך איינגעגלידערט אין די לעבנס־פאָרמען פון דער מערהייט. און דער אומפאַרמיידלעכער פועל־יוצא איז — אַן אַנאָנימער פּראָצעס פון אַסימילאַציע, אַ פאַרלוסט פון דעם ספּעציפישן כאַראַקטער פון אונזער לעבן ווי אַ באַזונדערע גרופּע. מיר האָבן פאַר זיך וואַקסנדיקע שוועריקייטן אָנצוהאַלטן און צו פאַרזיכערן אונזער באַזונדערקייט ווי אַ מיעוט.

די דאָזיקע אינעווייניקסטע סכנה, אינאיינעם מיט די סכנות פון דרויסן, וואָס איך האָב דערמאָנט, מאַכן דעם המשך פון אונז, ווי אַ פאָלק, פאַרפלאָנטערטער און שווערער, ווי ווען ניט איז, באַזונדערס דעמאָלט, ווען איינע פון די סיבות וואָס האָט אונז געהאָלפן אויפצוהאַלטן אונזער סאָלידאַריטעט און אידענטיטעט — די אָפענע געפאַר און די אַטאַקעס פון דרויסן — איז שטאַרק פאַרמינערט געוואָרן לכל־הפחות אין אונזער צייט און ווען קיין אויגנבליקלעכע ברוטאַלע סכנה פאַר אונזער אידישן קיום איז נישט צו דערוואַרטן.

קעגן די דאָזיקע סכנות און דראָאונגען שטייט די געוואַלטיקע פּאָזיטיווע דערגרייכונג פון אונזער דור: דער קיום פון מדינת ישראל. אַן איר און אַן די געוואַלטיקע מעגלעכקייטן וואָס זי קען געבן, ווי אַ נייער מקור און יסוד פאַר אונזער המשך, וואָלט מען אַוודאי זיך מיאש געווען וועגן אונזער צוקונפט. אָבער צוויי באַמערקונגען דאַרפן געמאַכט ווערן, ווען מען דיסקוטירט די ראָלע פון ישראל, ווי דער עיקר׳דיקער פּאָזיטיווער מקור פון האָפענונג און פון המשך.

איינע איז נוגע דעם פּאָליטישן מצב פון ישראל, וואָס איז באַדראָט דורכן מאַנגל פון שלום און איינגלידערונגס־מעגלעכקייט אין דער וועלט פון דעם נאָענטן מזרח, וואו די אידישע מדינה דאַרף לעבן. עס איז נישט מיין אויפגאַבע דאָ צו דיסקוטירן פּראָבלעמען פון דער ישראל׳דיקער אויסערן־פּאָליטיק, אָבער רעדנדיק ווי אַ איד און וועלנדיק באַשטימען ישראל׳ס אַנטשיידנדיקע פּאָזיציע אין דעם באַלאַנס פון אונזער מצב, וואו ישראל איז די גרעסטע רובריק אויף דער זייט פון דעם קרעדיט, וואָלט עס ניט געווען אַחריות׳דיק זיך ניט אָפּצוגעבן אַ דין־וחשבון וועגן דעם, אַז ישראל׳ס המשך איז נאָך ניט זיכער און אַז די אידישע אומה וועט נאָך דאַרפן מאַכן אַ געוואַלטיקע אָנשטרענגונג כדי צו פאַרזיכערן ישראל׳ס צוקונפט. די צווייטע באַמערקונג באַטרעפט די באַציאונג צווישן ישראל און די תפוצות. די דאָזיקע

באַציאונג וועט דאַרפן דורכמאַכן ראַדיקאַלע שינויים, אויב ישראל זאָל טאַקע שפּילן די ראָלע פון דעם וויכטיקסטן מקור פאַר אידישע ווערטן און זיין די הויפּט־פעסטונג פאַר פאַרזיכערן אונזער המשך.

דער על־פּי־רוב עמאַציאַנעלער יחס פון די תפוצות צו ישראל, וואָס גייט אינאיינעם בעיקר מיט עקאָנאָמישער הילף, ווי וויכטיק די דאָזיקע צוויי באַציאונגען זאָלן ניט זיין, איז ווייט ניט גענוג פאַר דעם, וואָס ישראל האָט אין דער אמת'ן באַדאַרפט זיין — און דאָס איז דער צענטער פון לעבן פון אונזער פאָלק. צו שאַפן אַזאַ באַציאונג און צו צעמענטירן זי איז אַ געוואַלטיקע אויפגאַבע אָן אַ פּאַראַלעל אין דער געשיכטע, לכל־הפּחות אין דער געשיכטע פון אַנדערע פעלקער, ווייל זי באַדייט פאַרבינדן דעם רוב פון דער אומה, וואָס לעבט מחוץ איר קאָלעקטיוון צענטער, מיטן דאָזיקן צענטער. עס וועט געדויערן אַ לאַנגע צייט און עס וועט פאַרלאַנגען פיל דערפינדערישקייט און שעפערישע פאַנטאַזיע דאָס צו דערגרייכן. דאָס קען זיכער ניט געטאָן ווערן, אַזוי לאַנג ווי ישראל און די תפוצות וועלן ניט באַגרייפן די אַבסאָלוטע און וויטאַלע נויטווענדיקייט פון אַזאַ פיל טיפערע, פיל יסודות'דיקער און קאָנסטרוקטיווער פאַרבינדונג צווישן די צוויי טיילן פון דער אומה.

פון דעם דאָזיקן אַנאַליז פון אונזער מצב וועט מען פאַרשטיין, אַז דער לייכטזיניקער אָפּטימיזם, וואָס באַהערשט די אידישע קהילות נאָכן סוף פון דער קאַטאַסטראָפע, דאָס געפיל פון זיכערקייט און די סאַטיספאַקציע פון האָבן אויסגעמיטן די טאָטאַלע פאַרניכטונג פון אונזער פאָלק דורך די נאַציס און פון האָבן דערלעבט די אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל, איז ווייט נישט באַרעכטיקט. די צייט איז נאָך ניט געקומען, אַז מען זאָל קענען אויפהערן צו דאגה'נען הן בנוגע דער צוקונפט פון ישראל און נאָך מער בנוגע דער צוקונפט פון די תפוצות. כדי צו גאַראַנטירן זיי ביידע דאַרפן מיר קודם־כל זען די פאַקטן ווי זיי זיינען און ניט אַנטלויפן פון זיי, זיך ניט לאָזן פאַרפירן פון פּאָליטישן און עקאָנאָמישן וואוילטאָג פונעם רוב פון די אידישע קהילות, פונעם פּראָגרעס און פון די דערגרייכונגען פון ישראל, נייערט דערפילן אונטער דער דאָזיקער וואונדערלעכער פאַסאַדע די טיפערע וואָרצלען פון סכנה און ציען די מסקנות פון אַזאַ אַנאַליז, כדי צו לערנען ווי בייצוקומען די נייע געפאַרן.

און עס זיינען פאַראַן אַ ריי מסקנות, וואָס דאַרפן געצויגן ווערן און אויף וועלכע איך וויל אָנווייזן.

ווי אַ אידיש פאָלק דאַרפן מיר קודם־כל טאָן אַלץ, כדי צו פאַרזיכערן דעם וועלט־שלום, צו פאַרמינערן קאָנפליקטן און שפּאַנונגען, צו באַקעמפן

פאַנאַטיזם און אַגרעסיוון נאַציאָנאַליזם און צו שטיין אויף דער זייט פון די אַלע, וואָס זעען די שרעקלעכע סכנה פון אַ וועלט־קאַטאַסטראָפע, וואָס מוז אומפאַרמיידלעך קומען, אויב אונזער דור וועט ניט מצליח זיין איינצופלאַנצן אַ נייעם גייסט פון צוזאַמענלעבן, פון קעגנזייטיקער טאָלעראַנץ און פון גרייטקייט צו קומען צו אַזאַ קאָמפּראָמיס.

מיר דאַרפן זיך געפינען אין די רייען פון די יעניקע, וואָס קעמפן פאַר די רעכט פון מיעוטים אויפצוהאַלטן זייער אידענטיטעט. פונקט אַזוי ווי מיר זיינען געווען אינעם נייַנצענטן יאָרהונדערט צווישן די, וואָס זיינען געווען די חלוצים אינעם געראַנגל פאַר די רעכט פון יחידים און גרופּעס צו זיין גלייך, אַזוי דאַרפן מיר היינט זיין צווישן די חלוצים וואָס קעמפן אין אונזער יאָרהונדערט פאַר די רעכט פון יעדן איינעם צו זיין פאַרשידן.

אַ צווייטע מסקנה פון דעם אַנאַליז פון אונזער מצב איז די וויכטיקייט פון אויפהאַלטן די איינקייט פון אונזער פאָלק, פון באַקעמפן הן די אויסער־לעכע גורמים, וואָס פירן צו סעפּאַראַציע ווי אינעם פאַל פון די סאָוועטישע אידן, ווי אויך אַלע אינערלעכע טענדענצן פון סעפּאַראַטיזם און זעלבסט־איזאָלירונג. אידישע איינקייט איז אומעטום דער הויפּט־באַדינג פאַרן אידישן המשך. אין פריערדיקע צייטן האָבן די כוחות פון דער אידישער רעליגיע אויסגעפירט די דאָזיקע פונקציע. היינט דאַרפן מיר דאָס דורכפירן פּסי־כאָלאָגיש דורך איינפלאַנצן אין דער מחשבה פון יעדן איד דאָס באַוואוסטזיין, אַז ער איז אַ טייל פונעם גאַנצן פאָלק, דורך בייקומען אַלע טענדענצן פון סעפּאַראַטיזם, וואָס זיינען אַקטיוו, און דורך אָרגאַניזירן אַלע אידישע קהילות טעריטאָריעל און דאָס גאַנצע פאָלק אינטערנאַציאָנאַל.

צום גליק איז געמאַכט געוואָרן אַ גרויסער פּראָגרעס במשך פון די 25 יאָר עקזיסטענץ פונעם אידישן וועלט־קאָנגרעס, ווי דאָס ווייזט זיך בולט אַרויס אינעם אינערלעכן מצב פון די אידישע קהילות פון דער וועלט. עס איז אָבער פאַראַן איין גרויסער בלויז אין דער דאָזיקער סיטואַציע, און דאָס איז נוגע דעם מצב פון דער וויכטיקסטער אידישער קהילה אין דער וועלט, נעמליך דאָס אידנטום אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. דאָס איז אַ קהילה, וואָס עס פעלט איר אַן אינערלעכע רעפּרעזענטאַטיווע אָרגאַניזאַציע, און אַזוי אַרום ווערן פאַרשווענדעט מענטשן, געלט און באַמי־אונגען פאַר פאַרשידענע פּאַראַלעלע אַקטיוויטעטן אַפילו דאָרט, וואו עס זיינען ניט פאַראַן קיין דיפערענצן פון פּראָגראַם און פּאָליטיק. דאָס פעלן פון אַזאַ אַרומנעמענדיקער רעפּרעזענטאַטיווער אָרגאַניזאַציע פון אַמעריקאַנער אידנטום שוואַכט אויך אָפּ זיין געפיל פון סאָלידאַריטעט. וואָס אַנבאַלאַנגט די ראָלע

פון די אַמעריקאַנער אידן אין דער גאַנצקייט פון אונזער אידיש לעבן, האָבן זיי אויסגעפירט אַ וויכטיקע שליחות הן בנוגע אַלגעמיינער אידישער פילאַנטראָפּיע און הן בנוגע הילף פאַר ישראל, אָבער זיי דערפילן נאָך ניט זייער גרויסע אַחריות און זייער חוב אויפן געביט פון באַשיצן די רעכט און די פּאָזיציעס פון אידישע קהילות איבער דער גאָרער וועלט און פון דערמוטיקן און שטאַרקן אידישע קולטור־טעטיקייטן אין אַנדערע טיילן פון דער וועלט.

אויב דער אידישער וועלט־קאָנגרעס און זיין פּראָגראַם פון אָרגאַניזירן די אידישע קהילות אין זייערע לענדער און פאַראייניקן זיי אין איין אינטער־נאַציאָנאַלער ראַם איז געווען נויטווענדיק מיט 25 יאָר צוריק, איז דאָס נאָך דאָפּלט נויטווענדיק היינט, על אחת כמה וכמה ווען פיל קהילות אין אייראָפּע זיינען געוואָרן אַזוי קליין איבער דער נאַצישער אויסראָטונג. וואָס אויב זיי וועלן ניט זיין שטאַרק פאַרבונדן מיט דער גאַנצקייט פון אידישן פאָלק, האָבן זיי פּראַקטיש ניט קיין שאַנסן פון המשך.

די לעצטע מסקנה איז נוגע דער איבערשאַצונג פון די פּריאָריטעטן אין אידישן לעבן. במשך פון יאָרהונדערטער איז די ערשטע אויפגאַבע געווען הילף פאַר ליידנדיקע אידן. דאָן איז געקומען אינעם 19טן יאָרהונדערט דער געראַנגל פאַר אידישער עמאַנציפּאַציע, און צום סוף פונעם יאָרהונדערט, ווען די ציוניסטישע באַוועגונג איז אויפגעקומען — די פאָדערונג פון אַ אידיש היימלאַנד. קיינער פון די דאָזיקע פּראָבלעמען האָט ניט היינט די גלייכע דרינגלעכקייט, אָדער דעם גלייכן כאַראַקטער, וואָס זיי האָבן אַמאָל געהאַט. צו העלפן ליידנדיקע אידן איז געוואָרן, ווי איך האָב שוין געזאָגט, אַ צווייט־ראַנגיקער ענין, ווייל דאָס רוב פונעם אידישן פאָלק דאַרף מער ניט האָבן קיין פילאַנטראָפּישע אונטערשטיצונג. דער געראַנגל פאַר גלייכהייט און רעכט איז מער אָדער ווייניקער אַ געוואונענער. מען דאַרף, פאַרשטייט זיך, אומעטום זיין אויף דער וואַך, אַז די דאָזיקע גלייכהייט זאָל טאַקע ווערן ממשות׳דיק, און מען דאַרף באַקעמפן יעדן פאַרזוך צו רעווידירן די דאָזיקע גלייכהייט און צו פאַרשפּרייטן נייעם אַנטיסעמיטיזם, אָבער בדרך־כלל איז דאָס ניט מער קיין צענטראַלע פּראָבלעם פון אונזער לעבן. און וואָס אַנבאַלאַנגט אַ אידישע היים — עקזיסטירט מדינת ישראל און מיר דאַרפן קאָנצענטרירן אונזערע באַמיאונגען, ניט אויף צו באַשאַפן זי, נאָר זי צו קאָנסאָלידירן און צו פאַרזיכערן איר צוקונפט.

במקום די אַלטע פּריאָריטעטן דאַרפן מיר אויפשטעלן אַ נייעם קאָמפּלעקס פון ווערטן און אויפגאַבן. ראשית כל דאַרפן מיר פאַראייניקן דאָס פאָלק און עס אויסלערנען צו באַשיצן, ווי אַ פאַראייניקטע אומה, אירע פּאָזיציעס און

אירע רעכט. דאָס איז וואָס מען רופט אָן פּאָליטישע אַקציע. דאָס מיינט צו האַנדלען פּרעווענטיוו און ניט זיך אַרומצוקוקן ערשט דעמאָלט, ווען די קאַטאַסטראָפע איז שוין געשען, און דעמאָלט ערשט פּאַרזוכן צו העלפן.

די געשיכטע פונעם אידישן וועלט־קאָנגרעס במשך פון די דאָזיקע 25 יאָר איז רייך אין ביישפּילן, ווען עס איז מעגלעך געווען, דורך אַ צייטלעך ריכטיק געפירטער פּאָליטישער אַקציע, אויסצומיידן קאַטאַסטראָפעס און די נויטוועדיקייט פון שפּעטערדיקע הילפס־אַקציעס, הגם בנוגע דעם הויפּט־פּראָבלעם פון נאַציזם איז דאָס פאָלק, צו אונזער גרויסן אומגליק, ניט געווען גרייט צו אונטערנעמען אַזאַ אַקציע.

פּאַראייניקן דאָס פאָלק באַדייט אויך, עס צו אָרגאַניזירן אויף דעמאָקראַ־טישע און רעפּרעזענטאַטישע יסודות, ווייל נאָר דעמאָלט ווען יעדער איד וועט זיך זען ווי אַ טייל און חלק פון אַזאַ געמיינזאַמער אַקציע, וועט דאָס פאָלק זיין רייף און פעאיק אויסצופירן זיינע אויפגאַבן. איינער פון די עיקר־דיקסטע, אויב ניט דער וויכטיקסטער אַספּעקט פון דער דאָזיקער פּאַראייניק־טער אַקציע, צו באַשיצן די רעכט און פּאָזיציעס, וואָס מיר האָבן געוואונען אין אַ לאַנגן און האַרטן קאַמף, איז נאַטירלעך די דאגה פאַר ישראל און די באַשיצונג פון דער מדינה קעגן ערנסטע באַדראָאונגען פון איר המשך.

די צווייטע נייע אויפגאַבע באַשטייט אין דעם, אַז מיר זאָלן באַטראַכטן קולטורעלע און דערציערישע אויפגאַבן, ווי דאָס וויכטיקסטע אינערלעכע פּראָבלעם פון אונזער לעבן. אונזער צוקונפט ווי אַ פאָלק איז ניט מער אָפּהענגיק פון פילאַנטראָפּיע, נאָר פון דערציאונג, ניט פון שפּיטאָלן און זקנים־הייזער, נאָר פון שולן און אויסבילדונג פון דערוואַקסענע. בשייכות מיט דעם וועלן פּאַרטיפטע באַציאונגען מיט מדינת ישראל זיין אַן עיקר'דיקער באַדינג פאַר דער דורכפירונג פון דער דאָזיקער אויפגאַבע. נאָכדעם ווי די גרויסע צענטערס פון אידישער ציוויליזאַציע און תורה אין מזרח־ און צענטראַל־אייראָפּע זיינען צעשטערט געוואָרן און עס זיינען ניט פאַראַן קיין שאַנסן זיי אויפצושטעלן פון דאָס ניי, לכל־הפחות אין אונזער צייט, וועט ישראל דאַרפן ווערן דער הויפּט־מקור פון אַזעלכע ווערטן, פון אינספּיראַציעס און אידייען, וואָס וועלן געבן אַ זין און אַ תוכן פאַר דער אידישקייט פון אונזער יונגן דור.

דער דאָזיקער אַנאַליז און די מסקנות, וואָס דאַרפן פון אים געצויגן ווערן, ווייזן אָן דעם פּראָגראַם און די אויפגאַבן פונעם אידישן וועלט־קאָנגרעס אין דעם נייעם קאַפּיטל פון זיין געשיכטע, אין וועלכן מיר גייען אַריין. לאָזט מיך פאַרענדיקן מיט דער הייסער האָפענונג, אַז דער קאָנגרעס וועט מצליח

זיין אין דעם דאָזיקן נייעם קאַפּיטל נאָך בעסער, ווי דאָס איז געטאָן געוואָרן במשך פון די לעצטע 25 יאָר, ווען מיר האָבן נישט געקענט אויסמיידן די גרעסטע טראַגעדיע אין אונזער געשיכטע. זאָל דאָס אידישע פאָלק זיך צוהערן צו די וואָרענונגען, וואָס פיל פון אונז שרייען אויס ביים היינטיקן טאָג, מער ווי דאָס איז געהערט געוואָרן מיט 25 יאָר צוריק ; זאָל דער נסיון פון דער דאָזיקער גרויסער טראַגעדיע אויף דער איינער זייט און דער שטאָלץ און דאָס גליק וועגן דער שאַפונג פון מדינת ישראל אויף דער צווייטער זייט, זיין אַ נייער קוואַל פון דעם ווילן פון אונזער פאָלק, צו וואַכן איבער דעם וואָס איז דער־גרייכט געוואָרן, אויסצומיידן און בייצוקומען די סכנות וואָס באַדראָען אונזער קיום, אויב ניט פיזיש איז גייסטיק און זאָלן מיר זיין פעאיק אויסצושמידן דורכן אידישן וועלט־קאָנגרעס אַן אינסטרומענט פאַר אונזער פאָלק, וואָס וועט דערמעגלעכן אַריינצוגיין אין דער צוקונפט מיטן בטחון און מיטן ווילן אויפצוהאַלטן דעם אייגנאַרטיקן כאַראַקטער פון אונזער פאָלק פאַר אַלע קומענדיקע דורות.

## די לעבנסנויטיקע שותפות

„מיין פונדאַמענטאַלע פּאָזיציע איז, אַז ישראל איז געווען, איז איצט און וועט דאַרפן זיין די פּאַראייניקטע אונטערנעמונג, די גרעסטע בשותפות׳דיקע אונטערנעמונג פון דעם אידישן קיבוץ, וואָס לעבט אין ישראל, און פון אידישן פּאָלק אין חוץ לארץ, וואָס איך וועל בכיוון אָנרופן גלות.

די באַציאונג צווישן דעם ישוב, וועלכער לעבט אין ישראל, און דעם טייל פון אידישן פּאָלק, וואָס לעבט ניט אין ישראל, דאַרף זיין אַ באַציאונג פון דער פולסטער קאָאָפּעראַציע און שותפות, און ניט פון בויער, וועלכע זיינען בירגער פון ישראל, און פון די וועלכע העלפן און זיינען פריינט פון ישראל. פון דער דאָזיקער שותפות, פון דער דאָזיקער גרעסטער געמיינזאַמער אָנשטרענגונג פון אונזער דור און פון די קומענדיקע אידישע דורות וועלן, לויט מיין מיינונג, זיין אָפּהענגיק סיי דער גורל פון ישראל און סיי דער גורל פון גאַנצן אידישן פּאָלק.

אויב עס וועט זיך אונז ניט איינגעבן צו דערפירן צו דער דאָזיקער שותפות, — וואָס איז אַלס אויפגאַבע איינציקאַרטיק אין דער געשיכטע — קאָן עס זיך אויסלאָזן מיט אַ קאַטאַסטראָפע פאַר מדינת ישראל און פאַרן אידישן פּאָלק. דאָס וואָלט, אין לעצטן סך־הכול, פאַרקריפּלט און צעשטערט די אייגנאַרטיקייט פון אונזער געשיכטע און דעם ספּעציפישן כאַראַקטער פון דער גרויסער עפּאָפּעיע — הערןאָישער און טראַגישער גלייכצייטיק — פון אונזער גורל. אָבער אַ שאַפערישע לייזונג פון דעם פּראָבלעם וועט נאָרמאַליזירן אונזער לעבן און וועט געבן די מעגלעכקייט דער אידישער מדינה און דעם אידישן פּאָלק צו פאַרווירקלעכן דעם טיפסטן זין פון אונזער פאַרגאַנגענהייט און פון אונזער גורל".

(פון דעם רעפעראַט ביי דער אידעאָלאָגישער קאָנפערענץ אין ירושלים, אין אויגוסט 1957, וואָס איז צונויפגערופן געוואָרן דורך דער עקזעקוטיווע פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע)

# פיגורן

# פון

# אַ גרויסן דור

דר. נחום גאָלדמאַן האָט ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן גע־געבן אָפּשאַצונגען וועגן די פּראָמינענטסטע אידישע פּערזענ־לעכקייטן פון דעם גרויסן דור פון אונזער נאַציאָנאַלן רענעסאַנס.

דאָ ווערן געבראַכט בלויז עטלעכע פון די אָפּשאַצונגען, וואָס קענען אָנגערופן ווערן „פּאָרטרעטן אין וואָרט".

א. א.

# טעאָדאָר הערצל

(רעדע צום 50־טן יאָרצייט, ביי דער אָנדענק־פֿאַרזאַמלונג אין באַזעל, שווייץ, אין יולי 1954)

די אויפֿגאַבע פֿון אַן אָפּשאַצונג פֿון טעאָדאָר הערצל צו זיין פֿופֿציקסטן יאָרצייט איז אַ טאָפּלטע. אין אַזאַ אָפּשאַצונג מוז מען פּרובירן צו כאַראַקטעריזירן און באַשטימען טעאָדאָר הערצל׳ס פּערזענלעכקייט און זיין דערשיינונג, לויט ווי מיר זעען זי היינט פֿון אַ דיסטאַנץ פֿון פֿופֿציק יאָר צייט, און אָפּשאַצן זיין אויפֿגאַבע און ווירקונג אין ליכט פֿון אָט דעם האַלבן יאָרהונדערט און אין ליכט פֿון דער איצטיקער לאַגע. מיין אָפּשאַצונג וועט דעריבער באַשטיין פֿון צוויי טיילן. איין טייל וועט זיין געווידמעט טעאָדאָר הערצל׳ען, און דער צווייטער — דער ציוניסטישער באַוועגונג, ווי זי זעט אויס היינט־צו־טאָג נאָך אַ האַלבן יאָרהונדערט פֿון איר עקזיסטענץ.

טעאָדאָר הערצל, אַלס אַ היסטאָרישע דערשיינונג אין דער מאָדערנער אידישער געשיכטע, איז דער הויך־פּונקט פֿונעם אַריינדרינגען פֿון דער מערב־אייראָפּעאישער קולטור אין דער געשיכטע פֿון אידישן פֿאָלק. זיין דערשיינונג און אויפֿטו וואָלטן געווען אומדענקבאַר אָן דעם שוין פֿריערדיקן פּראָצעס פֿון איינזאַפּן די צענטראַלע אידייען פֿון דער מערב־אייראָפּעאישער קולטור דורך אידן אין 19טן יאָרהונדערט. די אידישע געשיכטע איז זינט דעם אָנהויב פֿון 19טן יאָרהונדערט געווען אַנטשיידנדיק באַאיינפֿלוסט דורך דער באַגעגעניש פֿון אידנטום מיט דער מערב־אייראָפּעאישער קולטור, וואָס איז געקומען אַלס פּועל־יוצא פֿון דער אידישער עמאַנציפּאַציע אין לעצטן יאָרהונדערט. אָט־די באַגעגעניש האָט געלייגט דעם חותם אויף דעם גאַנצן גאַנג און אויף דער ריכטונג פֿון אידישן לעבן אין די לעצטע 150 יאָר.

די מייסטע פֿריערדיקע ווירקונגען פֿון דער דאָזיקער באַגעגעניש צווישן מערב־אייראָפּע און דעם אידנטום זיינען פֿון אידישן שטאַנדפּונקט געווען אָדער נעגאַטיוו אָדער אומהאַרמאָניש. די דאָזיקע ווירקונגען האָבן געפֿונען זייער אויסדרוק אין דער אַסימילאַציע אין אירע פֿאַרשידענע פֿאָרמען — פֿון דעם עקסטרעמען רעפֿאָרמיזם ביז צו דער מאָדערניזירטער פֿאָרם פֿון אידישער אָרטאָדאָקסיע, אָדער אין ניט פֿאַרפֿולקאָמטע פֿאַרזוכן צוזאַמענצושמעלצן די אידישע קולטור מיט דער מערב־אייראָפּעאישער קולטור, ווי דאָס האָט זיך

מער־ווייניקער אויסגעדריקט אין דער השכלה־באַוועגונג פון דער העברע־אישער ליטעראַטור.

אַ ווירקלעכע סינטעזע אין שעפערישן זינען פון וואָרט צווישן אידנטום און מערב־אייראָפּע איז צושטאַנד־געקומען ערשט אין מאָדערנעם ציוניזם אין זיין הערצליאַנישער פאָרם. די מאָדערנע ציוניסטישע באַוועגונג, לויט ווי הערצל האָט זי אויפגעפאַסט, פראָקלאַמירט און געגרינדעט, האָט איר ספּעציפישן תמצית אין אָט־דער סינטעזע. זי האָט געגעבן דער אידישער האָפענונג צו ציון און דער בענקשאַפט נאָך אַן אייגן היימלאַנד די אויסדרוקס־פאָרמען פון דער מערב־אייראָפּעאישער קולטור, דהיינו: די מדינה אַלס ענדציל און די מאָדערנע אָרגאַניזאַציע אַלס אינסטרומענט. ערשט דורך אָט־דער סינטעזע איז מעגלעך געווען צו געבן דעם אַלטן טרוים וועגן ציון, וואָס איז ביז דאַן געקומען צום אויסדרוק בלויז אין תפילות, פּאָעזיע, וואונטשן און בענקשאַפטן, דעם כאַראַקטער פון אַ פול־באַוואוסטזיניקער פּאָליטישער באַוועגונג, וואָס האָט דערגרייכט איר ערשטן דעצידירנדיקן נצחון ערשט נאָך אַ תקופה פון פופציק יאָר.

די באַגעגעניש צווישן מערב־אייראָפּע און דעם אידישן פאָלק, וואָס האָט אין פיל היגזיכטן געבראַכט אַ גרויסן שאָדן דער אַנטוויקלונג און דער קאָנטינואיטעט פון אידישן פאָלק, האָט אָבער אין מאָדערנעם ציוניזם געבראַכט אירע פּאָזיטיווע און שעפערישע רעזולטאַטן. אָן די דאָזיקע רעזולטאַטן וואָלט אָט־די באַגעגעניש געוואָרן איינע פון די דעסטרוקטיווע תקופות אין דער אידישער געשיכטע. מיט זיי איז געמאַכט געוואָרן אַ דעצידירנדיקער ביישטייער צו דער זיכערונג פונעם קיום פון פאָלק און צו דער געשטאַלטונג פון זיין צוקונפט. היות ווי טעאָדאָר הערצל איז געווען דער יעניקער, וואָס האָט געגעבן אָט־דער סינטעזע אַ ממשות׳דיקע געשטאַלט און איז געוואָרן איר היסטאָרישער סימבאָל, דאַרף מען באַצייכענען זיין פיגור און זיין אויפטו אַלס דעם הויך־פּונקט פון דער דאָזיקער תקופה אין דער אידישער געשיכטע.

הערצל איז געווען אַ געניאַלער מענטש, מיט אַלע מעלות און שוואַכקייטן פון אַ גאון. עמעצער האָט אַמאָל אַרויסגעזאָגט דעם טיפן געדאַנק, אַז בלויז טאַלאַנטן פאָרמולירן נייע געדאַנקען, בעת גאונים פאָרמולירן שטענדיק אויפּ־דאָס נייַ די אַלטע אייביקע אמת׳ן. אַנדערש געזאָגט — דער מהות פון אַ געניאַלן מענטשן באַשטייט אין זיינע אומגעהויערע פעאיקייטן צו פאַראיינפאַכן אַ סיטואַציע און אַ פּראָבלעם, אין דער פעאיקייט צו רעדוצירן גרויסע פּראָבלעמען צו זייער אייביקן תמצית. פּרטים און איינצלהייטן זיינען אַן ענין פאַר טאַלאַנטן; גאונים זעען די וועלט אין אירע גרויסע, פּערמאַנענטע און אייביקע

באַשטאַנדטיילן. הערצל׳ס אויפפאַסונג פון דער אידנפראַגע, וואָס האָט אים געבראַכט צום ציוניזם, איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַזאַ מין צוגאַנג צו פּראָב־לעמען. מיר, די וועלכע קענען די אַלע קאָמפּליקאַציעס פון דער מאָדערנער אידנפראַגע, קענען צייטנווייז קוים פאַרשטיין, ווי אַזוי עמעצער האָט געקענט זאָגן — וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר הערצל׳ען — אַז די אידנפראַגע איז אייגנטלעך בלויז אַ פּראָבלעם פון טראַנספּאָרטאַציע. עס איז דאָ אַ פאָלק אָן אַ לאַנד, — האָט ער געזאָגט — די אידן; אַ לאַנד אָן אַ פאָלק — ארץ־ישראל. האַנדלט עס זיך דעריבער בלויז אין טראַנספּאָרטירן דעם הימלאָזן פאָלק אין פאָלקלאָזן לאַנד. דאָס איז אַ פאַראיינפאַכונג פונעם פּראָבלעם, וואָס איז אָדער קינדיש אָדער געניאַל. אָפּטמאָל זיינען ביידע אידענטיש. מיר, די היינטיקע, ווייסן נאָך פופציק יאָר דערפאַרונג, אַז ביידע גרונט־באַגריפן פון דער דאָזיקער אויפפאַסונג זיינען אין אַ געוויסער מאָס פאַלש. די אידן, אָדער אַ גרויסער טייל פון די אידן, פילן זיך נישט ווי אַ „פאָלק אָן אַ לאַנד" און ארץ־ישראל איז אין הערצל׳ס צייטן געווויס נישט געווען „אַ לאַנד אָן אַ פאָלק". איך וועל זיך נאָך שפּעטער אָפּשטעלן אויף ביידע טיילן פון הערצל׳ס דעפיניציע. אָבער אָן דער דאָזיקער געניאַלער פאַראיינפאַכונג פון דער קאָמפּליצירטער מאָדערנער אידנפראַגע, אָן אָט־דעם גרויסן מוט, אַנצואַווענדן לגבי דער אידנפראַגע די מעטאָדע פון קאָלומבוס׳עס איי, וואָלט הערצל קיינ־מאָל נישט געווען בכוח זיך צו וואָגן צו שרייבן דעם „אידנשטאַט" און דער מאָדערנער ציוניזם וואָלט קיינמאָל נישט אַנטשטאַנען. דער וואָס באַגרייפט אַ פּראָבלעם אין זיין גאַנצער פילזייטיקייט און קאָמפּליצירטקייט, קען וועגן דעם שרייבן אַן אינטערעסאַנט בוך, אָבער קען קיינמאָל נישט געפינען דעם וועג, ווי אַזוי עס צו לייזן. „דענקען אַלץ", האָט איינמאָל געטע געזאָגט, „העלפט נישט צום דענקען". אָן דעם שפּרונג אין דער טונקלקייט איבער אַלע צווייפלען און שוועריקייטן איז נאָך קיינמאָל נישט אַנטשטאַנען עפּעס גרויסעס אין דער געשיכטע.

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט מיר בן־גוריון געזאָגט אין אַ גע־שפּרעך: „ווער וואָלט עס געוואָגט צו פּראָקלאַמירן מדינת ישראל, ווען מען וואָלט פאַרויסגעזען אַלע שוועריקייטן, וואָס די דאָזיקע טאַט האָט מיט זיך געבראַכט?" ווער וואָלט עס געקענט פאָרמולירן די אויפפאַסונג פון אידנשטאַט אין דער לאַגע, אין וועלכער די וועלט און די אידן האָבן זיך געפונען אין דער צייט, ווען דער „אידנשטאַט" איז דערשינען? ווער וואָלט געוואָגט צו גרינדן די מאָדערנע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, ווען מ׳וואָלט

געקענט פאַרויסזען די אומצייליקע שוועריקייטן, וואָס די פאַרווירקלעכונג פון פּאָליטישן ציוניזם האָט אומפאַרמיידלעך געמוזט שאַפן. בלויז דער, וואָס האָט געהאַט די גאוניאַלע פעאיקייט, ווי טעאָדאָר הערצל, צו פאַראייניקן אויף אַזאַ גרויסאַרטיקן נאַאיוון אופן איינס פון די קאָמפּליצירטסטע פּראָבלעמען פון אונזער יאָרהונדערט, האָט געקענט וואַגן צו מאַכן דעם דאָזיקן שפּרונג, וואָס האָט מיט פופציק יאָר שפּעטער דערפירט צום ווירקלעכן אידנשטאַט.

די דאָזיקע גרויסאַרטיקע פאַראייניקונג פון דעם גרונט־פּראָבלעם האָט נאַטירלעך געהאַט אירע אומפאַרמיידלעכע שוועריקייטן, ווען עס איז געקומען זי צו פאַרווירקלעכן. ביים באַשטימען פּאָליטישע צילן קען מען זיין גאוניאַל. אין דער פּאָליטישער דורכפירונג פון די צילן העלפט די דאָזיקע מעטאָדע זייער ווייניק. די פיל אָביעקטיווע פאַקטן און די אומשטענדן פון דער רעאַלער לאַגע קענען זיך צונויפקומען זייט ביי זייט אין דער אויפפאַסונג, אָבער נישט אין דער דורכפירונגס־מעטאָדע פון דער דאָזיקער אויפפאַסונג.

הערצל האָט פאַרזוכט אָנצואווענדן זיין גאוניאַלע מעטאָדע אויך אין דער דורכפירונג פון זיין אידייע. ער האָט געהאָפט צו באַקומען זיין אידנשטאַט דורך אַ שפּרונג, אַזוי צו זאָגן, דורך געשפּרעכן מיטן סולטאַן, מיטן דייטשן קייזער און מיט אַנדערע הערשער. ער האָט זיך אָבער געמוזט איבערצייגן, אַז די ווירקלעכקייט שטעלט זיך קעגן אַזעלכע ראַדיקאַלע מעטאָדן. אַ גרויסער טייל פון די טראַגישע אַנטוישונגען אין זיין ציוניסטישער קאַריערע שטאַמט פון אָט־דעם וואַקסנדיקן באַוואוסטזיין, אַז די פאַרווירקלעכונג־מעטאָדן פון זיין גאוניאַלער אידייע האָבן געמוזט זיין נישט גאוניאַל, נאָר פּראָזאַאיש און שווער. הערצל האָט נישט געוואָלט פאַרשטיין, אַז זיין גרויסאַרטיקע איינפאַכע אידייע פאַר דער לייזונג פון דער אידנפראַגע האָט געקענט פאַרווירקלעכט ווערן בלויז לאַנגזאַם און דערפאַרונגס־מעסיק: אַ שטיין אויף אַ שטיין, איין הויז נאָך דעם אַנדערן, לאַנגזאַמע איינוואַנדערונג, די גרינדונג פון אינסטיטוציעס — מיט איין וואָרט, יענע גאַנצע מעטאָדע, וואָס דער פּראַקטישער ציוניזם האָט פאָרלאַנגט. צוליב זיין גאוניאַלן צוגאַנג צום פּראָבלעם איז אים געווען שווער און כמעט אוממעגלעך דאָס צו פאַרשטיין און אַקצעפּטירן. דאָס, וואָס הערצל האָט געזען אויף זיין גאוניאַלן שטייגער, האָט געקענט פאַרווירקלעכט ווערן ערשט דורך ווייצמאַנ׳ס ציוניזם פון חלוצים און אַרבעטערשאַפט, פון אומדערמידלעכן, שטילן, טאָג־טעגלעכן אויפבוי. פונדעסטוועגן בלייבט אָבער דער פאַקט, אַז אָן הערצל׳ס גרויסאַרטיגער אידייע, וואָס האָט, אַזוי צו זאָגן, דורכגעשניטן די מאָדערנע אידנפראַגע אין דער מיטן און האָט פאַר איר

געשאַפן אַ פשוט׳ע, פאַר יעדן פאַרשטענדלעכע פאָרמולע, וואָלט דער מאָדערנער ציוניזם נישט אַנטשטאַנען. עס בלייבט דער פאַקט, אַז דער יסוד פון זיין אידייע איז געווען אַ גויטוועדיקייט, וואָס האָט דערמעגלעכט די שווערע, לאַנגזאַמע, פרידלעכע דעראָבערונג פון ארץ־ישראל דורך עליה און אַרבעט.

בלויז אַט־די פאַראייניפאַכנדיקע אויפפאַסונג דערקלערט אויך הערצל׳ס אומגעהויערע ווירקונג און דעם איינפלוס פון זיין אידייע. פעלקער רעאַגירן שטענדיק בלויז אויף פשוט׳ע ראַדיקאַלע אידייען. באַגייסטערונג איז מעגלעך בלויז דאַן, ווען מען זעט נישט די שפּעטערדיקע שוועריקייטן, און אַ שלייער פון בלינדקייט איז דער שטויס פאַרויס פאַר אַלע גרויסע היסטאָרישע טאַטן. דער ציוניסטישער געדאַנק איז נישט געווען קיין נייעס פאַרן אידישן פאָלק. דער דאָזיקער געדאַנק האָט אין פאָלק געלעבט שטאַרקער ווי אין הערצל׳ען, וועלכער איז געקומען צום אידנטום פון דער ניט־אידישער וועלט. אָבער אַט־די פשוט׳ע פאָרם פון טראַנספּאָרטירן דעם „הימלאָזן פאָלק אין פאָלק־לאָזן לאַנד״, פון אַ אידנשטאַט אַלס לייזונג פון דער טראַגישער מאָדערנער אידנפראַגע — דאָס האָט באַגייסטערט דאָס פאָלק, האָט אַנגעצונדן זיין פאַנטאַזיע און האָט נישט ווייניקער געווירקט אויף פיל ניט־אידישע קרייזן און פערזענלעכקייטן. די אידן פון הערצל׳ס דור, צו־אינטעלעקטועל דורך זייער געשיכטע און געוואוינט אַליין צו קאָמפּליצירן פשוט׳ע זאַכן, האָבן דורך הערצל׳ען געלערנט ווי אַזוי צו זען גרויסע פּראָבלעמען. די פּאָלעמיק פון זיינע קעגנער, וואָס האָבן אים פאָרגעוואָרפן די טויזנט שוועריקייטן וואָס שטייען אין וועג, די צווייפלען און די פּראַקטישע מעגלעכקייטן פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון זיין אידייע, האָבן אים נישט געקימערט. די דאָזיקע פּאָלעמיק איז געשטאַנען אויף אַ נידעריקערער ניוואָ אין פאַרגלייך מיט דער הויך פון דער, ווי הערצל האָט געזען די אידנפראַגע און פאָרמולירט איר לייזונג.

עס איז כדאי צו זאָגן אַ וואָרט וועגן די מאָטיוון פון הערצל׳ס ציוניזם, וואָס וואַרפן אויך גלייכצייטיק אַ ליכט אויף זיין אויסערגעוויינלעכער דערשיינונג אין דעם אידישן דור, צו וועלכן ער האָט זיך געווענדט, און אויף דער איינציקאַרטיקער ווירקונג, וואָס ער האָט אויסגעאיבט אויף דעם גייסט און פאַנטאַזיע פון אידישן פאָלק. דאָס וואָס האָט הערצל׳ען געבראַכט צום ציוניזם איז, אין דער ערשטער ריי, געווען נישט מיטלייד מיט די ליידנדיקע אידישע מאַסן, וועלכע ער האָט קוים געקענט, נישט די זאָרג פאַר דער ווייטערדיקער עקזיסטענץ פון דער אידישער קולטור, וואָס איז אים געווען פרעמד, נישט

דער באַוואוסטזיין פון היסטאָרישער קאָנטינואיטעט, וואָס האָט באַוואויגן אַזוינע ווי אחד־העם אָדער פּינסקער, וועלכע האָבן געצויגן זייער יניקה פון דער שפע פון אידישן עבר. הערצל׳ס דעצידירנדיקער מאָטיוו איז געווען די באַליידיקונג פון דער ערע פון אַ שטאָלצן מאַן. ווען ער האָט מיטגעלעבט דעם דרייפוס־פּראָצעס און ווען ער האָט באַגריפן, וואָס עס קען געשען מיט אַ אידישער מינדערהייט אַפילו אין אַזאַ הויך־קולטורעלן לאַנד ווי פראַנקרייך, וואו אידן האָבן גענאָסן פון אַ הונדערט־פּראָצענטיקער עמאַנציפּאַציע, האָט זיך אין אים דערוועקט זיין געפיל פון שטאָלץ אַלס מענטש און אַלס איד, און דאָס האָט אים געמאַכט פאַר אַ ציוניסט. ער האָט מיטגעלעבט די ווירדע־לאָזיקייט און דערנידעריקונג פון אידישער עקזיסטענץ אין גלות, דאָס נישט זיין אין קיין שום פאַל אַ בעל־הבית איבער דער אייגענער צוקונפט, דאָס נישט זיין אין קיין שום פאַל אין דער היים, די אָפּהענגיקייט פון גוטן אָדער שלעכטן ווילן פון די אַרומיקע פעלקער. זיין אומגעהויער שטאַרק געפיל פון שטאָלץ האָט זיך צעבונטעוועט קעגן דעם דאָזיקן צושטאַנד, און אין דעם ליגט די אַנטשיידנדיקע באַגרינדונג פון הערצל׳ס אידייע. דאָס איז געווען בכלל עפּעס נייעס אין אידישן לעבן אין יענער צייט. אַלע אַנדערע אידישע דענקער אָדער פירער, וואָס האָבן געזאָרגט פאַר אידישע פּראָבלעמען און האָבן געזוכט אַ לייזונג פאַר דער אידנפראַגע, זיינען צום גרעסטן טייל געווען באַהערשט דורך אַנדערע מאָטיוון, דורך דעם וויסן וועגן דיליידן פון מיליאָנען פאַרפאָלגטע, דורך דעם זאָרגן פאַר זייער פיזישער און מאַטעריעלער עקזיס־טענץ, אָדער דורך די נאָך טיפערע זאָרגן פאַר דעם ווייטערדיקן קיום פון אידישער קולטור און דער זיכערונג פון אידישע גייסטיקע ווערטן, וואָס זיינען געווען אין אַ געפאַר צוליב דער עמאַנציפּאַציע און אַסימילאַציע. הערצל איז געקומען צום ציוניזם מער פון אינדיווידועלן יסוד, ווי פון קאָלעקטיוון. ער, הערצל דער איד, וועלכער איז פּערזענלעך איבערהויפּט נישט געווען אָנגע־רירט, ווען עס איז געגאַנגען זייער גוט, וועלכער איז פולשטענדיק אָנגע־נומען געוואָרן דורך דער אויסערלעכער וועלט; הערצל דער באַרימטער שריפטשטעלער, דערפאָלגרייכער דראַמאַטורג, דער שמייכלדיקער „סאַלאָן־לייב" — ער האָט זיך דערפילט פּערזענלעך באַליידיקט און געטראָפן דורך דער לאַגע פון אידישן פאָלק. מיט דעם גרויסאַרטיקן מוט פון אַ גאָט־געבענטשטער פירער־נאַטור האָט ער אידענטיפיצירט דאָס פאָלק מיט זיך זעלבסט און האָט באַגריפן, אַז זיין דערנידעריקונג איז גלייכצייטיק די דער־נידעריקונג פון גאַנצן פאָלק, און אַז דער אויסוועג פאַר אים איז צו מאַכן אַ סוף צו דער דערנידעריקטער לאַגע פון פאָלק.

**
*

דר. טעאָדאָר הערצל איז געווען אַ קעניגלעכע דערשיינונג אין מאָדערנעם אידנטום, אַ געבוירענער אַריסטאָקראַט, נאָבל אין בעסטן זין פון וואָרט — אין זיין אויסזען, אין זיין באָרד, אַזוי גוט ווי אין דעם אופן פון זיין דער־שיינען און זיין מקריב זיין זיך. אַלע, וואָס זיינען מיט אים געקומען אין באַרירונג, דערציילן וועגן דעם מעכטיקן איינדרוק, וואָס זיין נאָבעלע פּער־זענלעכקייטן האָט געמאַכט אויף אַנדערע.

הערצל איז זינט הונדערטער יאָרן געווען דער ערשטער איד, וואָס האָט גערעדט מיט קיסרים, מיניסטאָרן און הערשער, נישט ווי אַ שתדלן, נאָר אַלס פאָרטרעטער פון אַ פּרינציפּיעל־גלייכבאַרעכטיקטן פאָלק. דערמיט דערקלערט זיך אויך זיין מעכטיקע ווירקונג אויף אידן און ניט־אידן. די וועלט איז געווען געוואוינט צו קענען קלוגע אידן, דערפאָלגרייכע אידן, אָפּטמאָל מעכטיקע אידן. אָבער פריער, פאַר הערצ׳לען, איז פאַר דער וועלט געווען פרעמד די דער־שיינונג פון אַ שטאָלצן אידן. אין זיין אויפטרעטן האָט ער גובר געווען צוויי־טויזנט יאָר גלות און געטאָ־לעבן.

הערצל האָט גערעדט אַזוי ווי הינטער אים וואָלט שוין געשטאַנען אַ נאָרמאַל פאָלק מיט זיין לאַנד און זיין מדינה. ער האָט אין זיין פּערזאָן פאַר־קערפּערט די ציוניסטישע לייזונג פון דער אידן־פראַגע. ער איז דערשינען פאַר דער וועלט נישט אַלס גרינדער פון אַן אוטאָפּישער, דאָן־קישאָטישער און אַ באַדייטונגסלאָזער אָרגאַניזאַציע, נאָר אַלס דער הערשער אָדער פּאָלי־טישער פירער פון אַ שוין־עקזיסטירנדיקן אידנשטאַט. אויף דעם דאָזיקן אופן האָט ער גובר געווען, פאַר זיך און סימבאָליש אויך פאַרן פאָלק, די דערני־דעריקטע לאַגע פון רעכטלאָזן און היימלאָזן פאָלק. ער האָט גערעדט און אַגיטירט אַזוי, ווי די דאָזיקע לאַגע וואָלט שוין מער איבערהויפּט נישט עקזיסטירט.

אויך דאָס איז אַ סימן פון אַ געניאַלן מענטשן. געניאַליטעט איז נישט בלויז אַ גייסטיקע און אינטעלעקטועלע אייגנשאַפט, ווי מען גלויבט צום גרעסטן טייל, נאָר נישט אין קיין קלענערער מאָס אויך אַן אייגנשאַפט פון ווילן און כאַראַקטער. אַפילו מענטשן וואָס האָבן קיינמאָל גאָרנישט געשאַפן קענען זיין געניאַל אין זייער ווילן. אָט־די פאַרקערפּערונג פון אידעאַל און דאָס גובר זיין די דערנידעריקטע אידישע ווירקלעכקייט, וואָס הערצל האָט דערגרייכט נישט בלויז טעאָרעטיש, נאָר אויך אין דער דערשיינונג פון זיין פּערזענלעכקייט — דאָס פאַרמאָגט אַלע סימנים פון געניאַלן אויפטו. דערמיט

דערקלערט זיך אויך זיין געוואַלדיקע ווירקונג אויף דער פאַנטאַזיע פון די אידן אין זיין צייט, קודם־כל אויף דער פאַנטאַזיע פון די אידישע מאַסן.

דאָס אידישע פאָלק אין געטאָ האָט נישט געוואוסט פון קיין שום אַריס־טאָקראַטיע. דער אַדל אין דאָזיקן אידישן לעבן איז געווען דער אַדל פון גייסט: רבנים, פילאָזאָפן, דיכטער. אָבער אַז אַ איד זאָל אויפטרעטן אויף דער געזעלשאַפטלעכער און פּאָליטישער אַרענע ווי אַן אַריסטאָקראַט אין נאָמען פון אַט־די מאַסן — דאָס איז געווען אַ גאַנץ נייע און איבערוועלטיקנדיקע געשעעניש. און וואָס מער די אידישע מאַסן זיינען געווען באַרויבט פון זייערע רעכט, אַלץ שטאַרקער איז געווען זייער באַגייסטערונג פון אַט־דעם נייעם טיפּ פון אַריסטאָקראַטישן אידישן פירער. דער פאַקט, וואָס ער איז געווען אין גרונט גענומען פרעמד, האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט זיין ווירקונג. דער אַריסטאָקראַט דאַרף זיך קיינמאָל נישט פולשטענדיק אידענטיפיצירן מיט די אַנדערע. ער שטייט אויף אַ העכערער מדרגה. דאָס אידישע פאָלק, וואָס האָט זינט יאָרהונדערטער נישט געקענט אַזאַ טיפּ פון אַ פירער, איז באַווירקט געוואָרן דורך הערצל׳ס דערשיינען מיט אַ דערשיטערנדיקער קראַפט.

בלויז נאָך עטלעכע יאָר איז ער שוין געוואָרן אַ לעגענדע אין פולן זין פון וואָרט. זינט יאָרהונדערטער, געוויס נישט אין דעם לעצטן דור, איז אַ אידישער פירער נישט אַזוי פאַרגעטערט געוואָרן ווי הערצל. איך וועל קיינ־מאָל נישט פאַרגעסן, ווען איך האָב נאָך אַלס קינד געלעבט מיט מיינע עלטערן און עס איז אָנגעקומען די ידיעה וועגן הערצל׳ס טויט, מיט וואָס פאַר אַ דערשיטערנדיקן געוויין איז אויסגעבראָכן מיין מוטער, הגם זי האָט אים קיינמאָל נישט געזען און נישט געקענט. די דאָזיקע פירער־געשטאַלט האָט אַן און פאַר זיך געהאַט אַ באַפרייענדיקע ווירקונג אויף דער נשמה פון אידישן פאָלק. דאָס פאָלק האָט שוין אויך פריער געהאַט זיינע פאַרשפּרעכער, אָבער דאָס זיינען געווען טיפּן פון שתדלנים — רייכע, אָנגעזעענע פּערזאָנען, מיט גוטע פאַרבינדונגען, וואָס האָבן זיך איינגעשטעלט פאַר זייערע אידישע ברידער.

עס זיינען געווען גרויסאַרטיקע פאַרשטייער פון דעם טיפּ שתדלנים, ווי משה מאָנטיפיאָרע אָדער באַראָן גינצבורג. די אידישע מאַסן זיינען זיי געווען דאַנקבאַר און האָבן פאַרערט זייערע נעמען. אָבער די מאַסן האָבן קיינמאָל נישט געפילט, אַז די דאָזיקע פאַרשטייער האָבן גערעדט אין זייער נאָמען. מיט דעם זיכערן אינסטינקט פון אַ פאָלק האָבן די אידישע מאַסן געפילט, אַז די דאָזיקע פאַרשטייער האָבן גערעדט לטובת די אידן, אָבער נישט אין זייער נאָמען. און דאָ איז פּלוצלונג דערשינען אַ מענטש, מיט אַן אימפּאָזאַנטער געשטאַלט, שטאָלץ אין זיין אויפטרעטן, באַצויבערנדיק אויך

פֿאַר ניט־אידישע מאַכטהאָבער, און האָט גערעדט נישט ווי איינער, וואָס האָט זיך געפֿונען אין אַ גליקלעכער לאַגע און ווען עס איז געגאַנגען גאַנץ גוט און האָט זיך בלויז איינגעשטעלט פֿאַר זיינע אָרעמע אידישע ברידער, נאָר האָט גערעדט אין נאָמען פון אידישן פֿאָלק, זייענדיק געשטויסן דורך זיין זעלבסטבאַוואוסטזיין, אַז ער פֿאַרקערפּערט אין זיך זיין פֿאָלק, אַז אַ איד האָט נישט געבעטן נאָר געפֿאָדערט אין נאָמען פון פֿאָלק, נישט געבעטלט נאָר אָנגעקלאָגט — דאָס איז געווען אַ גאַנץ נייע דערשיינונג פֿאַר די אידן פֿון שטעטל, אין געטאָ און אַפילו פֿאַר די עמאַנציפּירטע אידן.

אַזוי ווי הערצל האָט אין זיין אויפטרעטן פון פֿאַרויס אָנגענומען אַלס פֿאַקט די ציוניסטישע לייזונג פון דער אידן־פּראָגע, אַזוי האָט ער אויך געהאָלפן דעם אידישן פֿאָלק פּסיכאָלאָגיש פֿון פֿאָרויס אָנצונעמען אַלס פֿאַקט די נאָרמאַליזירונג פון זיין עקזיסטענץ, צו וועלכער דער ציוניזם האָט געשטרעבט. אַ פירער ווערט געמאַכט פֿאַר אַ פירער דורכן פֿאָלק, וועלכן ער פֿאַרטרעט, אָבער צייטנווייז ווערט אין דער געשיכטע אַ פֿאָלק פֿאַרוואַנדלט אין אַ פֿאָלק דורך דער דערשיינונג פֿון זיין פירער. אין אַט־דעם זין קען מען זאָגן, אַז הערצל האָט פון אידישן פֿאָלק געשאַפֿן איין פּאָליטישע קאָלעקטיוויטעט, איין אַקטיוון, פֿאָדערנדיקן און קעמפנדיקן קאָלעקטיוו. דער דאָזיקער אויפטו צו געבן דעם פֿאָלק דאָס באַוואוסטזיין פון זיין געמיינזאַמקייט און דאָס געפֿיל פֿון אַן אַקטיוו־ווירקנדיקן פֿאָלק — דאָס איז דער גרעסטער שעפערישער אויפטו, וואָס אַ פירער קען פֿאַרווירקלעכן. קיין שום אַנדערע זאַך כאַראַקטעריזירט נישט הערצל׳ס דערשיינונג גרויסאַרטיקער ווי אַט־דער פֿאַקט, וואָס עס איז אים געלונגען צו רעאַליזירן. די מאַגישסטע און גרעסטע דערגרייכונג פון אַלע זיינע אויפטועז איז אפשר דער פֿאַקט, וואָס דורך זיין אויפטרעטן און דערשיינען אין אידישן לעבן האָט ער פֿאַרוואַנדלט דעם צעזייטן, רעכטלאָזן, פּאַסיוון און ליידנדיקן אידישן פֿאָלק אין אַן אַקטיוון און קעמפנדיקן פֿאָלק. אַ אידיש פֿאָלק, וואָס איז אַקטיוו, וואָס פֿאָדערט און קעמפט ווי אַלע אַנדערע פעלקער, איז אַנטשטאַנען אין דער מאָדערנער אידישער געשיכטע ערשט מיט דער דערשיינונג פון טעאָדאָר הערצל. דעם אידנשטאַט האָט ער געזען אין זיין וויזיע און האָט געפֿאָדערט — דאָס אידישע פֿאָלק האָט ער געשאַפֿן און פֿאָרמירט.

***

נאָכדעם ווי מיר האָבן אַנאַליזירט טעאָדאָר הערצל׳ס פּערזענלעכקייט און זיין דערשיינונג, מאַכנדיק די דאָזיקע אָפּשאַצונג פון דער פּערספּעקטיוו פון

אַ האַלבן יאָרהונדערט, וועלן מיר איצט פּרובירן אָפּשאַצן פון זעלבן אויסגאַנגס־פּונקט הערצל׳ס ווערק. וועלכע פון זיינע אידייען זיינען נאָך פופציק יאָר שוין פאַרווירקלעכט געוואָרן און וואָס איז נאָך פאַרבליבן צו פאַרווירקלעכן? די צווייטע פראַגע איז פאַר אונז נאָך פיל וויכטיקער פון דער ערשטער.

אין דער אָפּשאַצונג פון הערצל׳ס פערזענלעכקייט קענען מיר היינט גאָרנישט ענדערן. הערצל׳ס פערזענלעכקייט שטייט פעסט אין איר איינמאָליקער דערשיינונג און איר אָפּשאַצונג קען זיך בלויז ענדערן דורך דער ענדערונג פון היינטיקן אָדער מאָרגנדיקן אָפּשאַצער. אָבער הערצל׳ס ווערק איז עטוואָס, ביי וועלכן אַ סך פון אונז האָבן נישט בלויז מיטגעווירקט, נאָר מיר ווירקן נאָך אַלץ מיט אין דער פולסטער מאָס. דאָס דאָזיקע ווערק איז נאָך נישט פאַרענדיקט — פונקט אַזוי ווי אַלץ וואָס איז געשיכטלעך — און עס איז פון אונז אָפּהענגיק דאָס אַלץ מער און מער צו פאַרפולקאָמען אָדער דאָס צו לאָזן אַלס אַ ברוכטייל פון אַ ווערק.

צו מאַכן דעם אינערלעכן חשבון־הנפש פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, צו האָבן דעם מוט און מאַכן אַ סך־הכול פון דעם דערגרייכטן און נישט־דערגרייכטן, פון די דערפאָלגן און דורכפאַלן, צו האָבן דעם מוט און קוקן דעם אמת אין פּנים און נישט רוען אויף לאָרבער־קראַנצן און זעלבסט־צופרידנקייט — דאָס דאַרף זיין די אַנטשיידנדיקע האַלטונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע היינט־צו־טאָג, אויב זי וויל זיך נישט צערינען און צעפאַלן. עס איז נישטאָ קיין בעסערער מאָמענט און קיין פאַסיקערע געלעגנהייט צו מאַכן אַזאַ חשבון־הנפש — הגם אַ סך פון אָט־דעם חשבון־הנפש קען קלינגען אומאָנגענעם פאַר מאַנכע אויערן — ווי אַ האַלבן יאָרהונדערט נאָכן טויט פונעם גרינדער פון דער באַוועגונג.

די גאַנצע היסטאָרישע גרויסקייט פון הערצל׳ס דערשיינונג און טעטיקייט דריקט זיך אַמ׳בולט׳סטן אויס אין דעם פאַקט, וואָס פופציק יאָר נאָך זיין טויט קענען מאַנכע האָבן דעם איינדרוק — און מאַנכע האָבן דעם איינדרוק — אַז אַלץ וואָס הערצל האָט געוואָלט איז דערגרייכט געוואָרן. מיט עטלעכע און פופציק יאָר צוריק האָט הערצל פּראָקלאַמירט די אוטאָפּישע אידייע פון אידנשטאַט און אַ האַלבן יאָרהונדערט שפּעטער איז דער אידנשטאַט געוואָרן אַ פאַקט. ווען הערצל האָט דאָס פאָרויסגעזאָגט אין זיין טאָגבוך, און ווען ער וואָלט אָט־די נבואה דאָן פאַרעפנטלעכט, וואָלט זי פאַר אַ סך געקלונגען ווי אַ צופיל געוואָגטע דערקלערונג פון אַן אוטאָפּישן אידעאַליסט, וואָס טראָגט זיין אומגעהויער־שטאַרקער זעלבסט־זיכערקייט האָט ער, ווי עס ווייזט אויס, געהאַט אַ פיל קלענערע פעאיקייט צו מאַכן אַ רעאַליסטישן

אַנאַליז פון דערווירקלעכקייט. דער פאַקט, וואָס אַט־די פאַנטאַסטישע אידייע איז פאַרווירקלעכט געוואָרן אין משך פון דעם דאָזיקן האַלבן יאָרהונדערט, האָט ווייניק פאַראַלעלן אין דער געשיכטע פון דער וועלט. דער צייט־אָפּשניט פון פופציק יאָר איז אין היסטאָרישן מאַסשטאַב אַן אויסערגעוויינלעך קורצע צייט פאַר דער רעאַליזירונג פון אַן אידייע, און אויב זי איז בכלל דורכפירבאַר, איז עס בלויז אין משך פון לאַנגע צייט־אָפּשניטן.

עס איז אמת, אַז די געשעענישן פון לעצטן האַלבן יאָרהונדערט, אין דער ערשטער ריי די היטלעריסטישע קאַטאַסטראָפע, האָבן געשאַפן מעגלעכקייטן פאַר דער גרינדונג פון אידנשטאַט — מעגלעכקייטן, וועלכע מען האָט זיך נישט פאָרגעשטעלט אונטער נאָרמאַלע אומשטענדן. אָבער יעדע גרויסע אידייע דאַרף האָבן מזל, און פונקט אַזוי ווי גליק און אומגליק זיינען אויך ערגעץ־וואו פאַרבונדן מיטן כאַראַקטער פון מענטשן, אַזוי ליגט דאָס אויך אין וועזן פון אידייען צו האָבן גליק און אומגליק אין זייער פאַרווירקלעכונג.

דער זיגרייכער גאַנג פון דער ציוניסטישער אידייע האָט זיך אויסגעדריקט אין דריי ברייטע ספערן. דער אידייע איז געלונגען צו געווינען פאַר זיך די מערהייט פון אידישן פאָלק, נאָכדעם ווי אין אָנהויב איז הינטער הערצל׳ען געשטאַנען בלויז אַ קליינע מינדערהייט. עס איז איר געלונגען צו געווינען פאַר זיך די עפנטלעכע מיינונג פון דער וועלט, אין דער ערשטער ריי אירע פאָרגעשריטענע און הומאַניטאַרע טיילן. די דאָזיקעביידע דערפאָלגן האָבן דערמעגלעכט דעם דריטן דעצידירנדיקסטן דערפאָלג — די קאָנקרעטע פאַרווירקלעכונג פון דער אידייע דורך דער פּראָקלאַמירונג פון מדינת ישראל.

די גרויסאַרטיקע און פאָזיטיווע מאָמענטן פון אַט־דעם דערפאָלג זיינען זעלבסטפאַרשטענדלעך און אַזוי איינדרוקספול אין זייער מהות, אַז עס איז איבעריק אויף דעם זיך אויספירלעך אָפּצושטעלן. פיל וויכטיקער איז, לויט מיין מיינונג, צו באַטראַכטן די אַנדערע זייט פון דער מטבע און מיט אַ צוגאַנג פון זעלבסטקריטיק זיך ערלעך פרעגן: אויף ווי זייט זיינען די דאָזיקע דערפאָלגן סטאַביל און פערמאַנענט און וואָס פעלט נאָך צו זייער גאַנצקייט?

די ציוניסטישע אידייע האָט, ווי איך האָב שוין געזאָגט, איבערצייגט די מערהייט פון אידישן פאָלק. דערביי איז נישט וויכטיק צי די אַלע, וואָס האָבן אָקצעפּטירט דעם געדאַנק אָדער די רעאַליטעט פון אידנשטאַט, זיינען געוואָרן אָדער זיינען מיטגלידער פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. אָבער צי איז דען ווירקלעך גענוג צו זאָגן אין אַ גרינטלעכן און טיפערן זין, אַז די מערהייט פון פאָלק איז ציוניסטיש?

דער אידנשטאַט איז נישט געווען פאַר הערצל׳ען, אַזוי גוט ווי פאַר אַלע

אַנדערע טעאָרעטיקער פון ציוניזם, אַ ציל פאַר זיך זעלבסט. עס איז נישטאָ קיין גרעסערער אַבסורד ווי צו באַטראַכטן וועלכן ס׳איז שטאַט אַלס צוועק פאַר זיך אַליין. די גראַטעסקע אידייע, וואָס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן פון דעם פּרייסישסטן פון אַלע פילאָזאָפן, העגעל, איז נישט בלויז אַן אַבסורד, נאָר אַ לעבנס־געפערלעכער און קולטור־פיינטלעכער געדאַנק.

פון העגעל׳ן צו היטלער׳ן פירט אַ דירעקטער וועג. אויב דער שטאַט איז די העכסטע פאַרווירקלעכונג פון דער מענטשלעכער געשיכטע און אַ צוועק פאַר זיך זעלבסט, דאַן זיינען די טאָטאַליטאַרע אידייען פון נאַציזם און פון אַנדערע באַוועגונגען מאָראַליש און היסטאָריש באַרעכטיקט. אין אונזערע ציטן, בעת די גרעסטע געפאַר פאַר פרייהייט, אַנטוויקלונג און שעפערישער קולטור איז די אומבאַגרענעצטע מאַכט פון שטאַט מיט זיין טענדענץ צו הערשן איבער אַלע געביטן פון לעבן, אַפילו אין דעמאָקראַטישע מדינות, איז נישטאָ קיין וויכטיקערע זאַך, ספּעציעל פאַר אַזאַ פאָלק ווי דאָס אידישע, וואָס האָט אין זיין געשיכטע באַוויזן, אַז אידייען זיינען דויערהאַפטער און מעכטיקער ווי שטאַטן, — ווי ראַדיקאַל אָפּצוואַרפן די לעכערלעכע און באַרבאַרישע טעאָריע פון דעם שטאַט אַלס צוועק פאַר זיך אַליין.

קיין שום מדינה איז נישט אַ צוועק פאַר זיך אַליין, און דאָס זעלבע דאַרף געזאָגט ווערן אויך לגבי מדינת ישראל. שטאַטן זיינען אינסטרומענטן, בכדי צו אַנטוויקלען פעלקער און זייערע קולטורן, און נישט איינמאָל זיינען זיי אומפאַרטרעטבאַר פאַר אָט־דעם צוועק. אין אַ תקופה, אין וועלכער פעלקער זיינען אָרגאַניזירט אין נאַציאָנאַלע שטאַטן, האָט אויך דאָס אידישע פאָלק געמוזט האָבן אַ שטאַטלעכן אינסטרומענט, כדי צו זיכערן זיין צוקונפט. אָבער עס קענען נאָך קומען ציטן — און איך האָף, אַז זיי וועלן קומען — אין וועלכע דער סואווערענער נאַציאָנאַלער שטאַט וועט געהערן צו דער פאַרגאַנגענהייט; שוין היינט־צו־טאָג זעען מיר אַ באַדייטנדיקע טענדענץ צו רעגיאָנאַלע צוזאַמענפאַסונגען און אינטערנאַציאָנאַלע פאָרמען, וואָס ווינקען אין אָט־דער ריכטונג.

דער צוועק פון אידנשטאַט איז געווען צו דערהאַלטן דאָס אידישע פאָלק, וואָס איז געווען באַדראָט דורך דער עמאַנציפּאַציע און אַסימילאַציע און דורך זיינע לעבנס־פאָרמען אין גלות. ווער עס פאַרשטייט דעם ציוניזם אַלס אָט אַזעלכן, וועט מיט רעכט צווייפלען אין דער ריכטיקייט פון דעם פאַקט, אַז די מערהייט פון אידישן פאָלק האָט אַקצעפּטירט דעם ציוניסטישן געדאַנק. דער יעניקער טייל פון אידישן פאָלק, וואָס איז לויט זיין טראַדיציע און לעבנס־פאָרמען געווען ציוניסטיש, דאָס מזרח־אייראָפּעאישע אידנטום, איז

דורך די אַנטוויקלונגען פון די לעצטע צוואַנציק יאָר, אָדער פיזיש פאַרניכטעט געוואָרן, אָדער אָפּגעשניטן געוואָרן פון שעפערישן אידנטום.

די ערשטע העלפט פון הערצל׳ס פאָרמולע וועגן „פאָלק אָן לאַנד״, האָט זיך באַצויגן, רעאַליסטיש גענומען, אויף דעם מזרח־אייראָפּעאישן אידנטום, און דער טראַגישער פּאַראַדאָקס פון אונזער היינטיקער לאַגע דריקט זיך אויס אין דעם, וואָס אין מאָמענט, ווען מיר האָבן באַקומען דאָס לאַנד, איז שוין מער נישט געווען דאָס פאָלק פאַרן דאָזיקן לאַנד. די פּאָטענציעלע און וואַרשיינלעכע מיליאָנען אידן פאַר ישראל זיינען ליקווידירט געוואָרן דורך היטלער׳ן אין די פאַרניכטונגס־לאַגערן. דאָס וואָס איז פאַרבליבן פון אידישן פאָלק, איז נישט קיין „פאָלק אָן אַ לאַנד״ — אויף יעדן פאַל נישט אין זיין פּסיכאָלאָגישן באַוואוסטזיין. דער פאַרבליבענער טייל פון אידנטום אַקצעפּטירט דעם פאַקט פון מדינת ישראל און איז גרייט איר צו העלפן, אָבער עס האָלט נאָך נישט דערביי, אַז די מערהייט זאָל פאַרוואַנדלען די רעאַליטעט פון דער מדינה אין אַ טייל פון זייער אייגענעם לעבן.

***

עס איז נישט קיין איינפאַכער ענין צו וועלן לייזן די גורל׳דיקע פראַגע פון ציוניזם מיט דער פשוט׳ער פאָרמולע, אַז יעדער ציוניסט מוז עולה זיין קיין ישראל. שוין אָפּגעזען דערפון, וואָס אַזאַ פאָרמולע וועט רעדוצירן די באַוועגונג צו אַ קליינעם חלוצישן אָרדן, וועט זי אויף קיין האָר נישט העלפן לייזן דאָס היסטאָרישע פּראָבלעם, ווי אַזוי צו געווינען פאַרן ציוניזם דאָס אידישע פאָלק, ווי עס זעט אויס היינט־צו־טאָג, נאָך דער היטלער־קאַטאַסטראָפע. דאָס וויכטיקסטע פּראָבלעם איז צו פאַרבינדן מיט ישראל דעם אידישן יחיד און דאָס פאָלק אַלס גאַנצע, אָדער לכל־הפּחות די מערהייט פון אידנטום, נישט דורך רעזאָלוציעס און נדבות, נאָר אַלס טייל אַזוי גוט פון אינדיווידועלן ווי פון קאָלעקטיוון אידישן לעבן.

עס מוז געפונען ווערן אַ געוויסע לעבנס־פאָרם פאַרן אידישן פאָלק, אין וועלכער ישראל זאָל זיין אַווירקלעכער באַשטאַנדטייל. די דאָזיקע פאַרבונדנקייט קען זיך אויסדריקן אין אַ סך פאָרמען — פון דער אויבערפלעכלעכסטער מאַטעריעלער אונטערשטיצונג ביז צו דער שטאַרקסטער אידענטיפיצירונג דורך פּערזענלעכער עליה. עס מוז אָבער זיין קלאָר, אַז כּל־זמן די דאָזיקע פראַגע האָט נישט קיין קאָנסטרוקטיווע לייזונג, קען דער ציוניזם נישט באַהויפּטן, אַז זיין דערפאָלג צו דעראָבערן דאָס אידישע פאָלק איז פּערמאַנענט און פאַרפולקאָמט.

די אויפגאַבע צו פאַרבינדן דאָס וועלט־אידנטום מיט ישראל, גובר זיין זייער גלייכגילטיקייט, זייערע מורא׳ס און צווייפלען, איז נישט קלענער און נישט לייכטער ווי די ערשטע אויפגאַבע פון בויען ארץ־ישראל און שאַפן די מדינה. אויב דער ציוניזם זאָל נישט באַוויזן צו דערפילן אַט־די צווייטע אויפגאַבע, וועט אויך דער ערשטער דערפאָלג בלייבן הענגען אין דער לופט. מדינת ישראל מיט אַ באַפעלקערונג פון אַנדערהאַלבן מיליאָן אידן קען נישט עקזיסטירן, אויב זי זאָל זיין פאַרלאָזט פון אידישן פאָלק, פונקט אַזוי ווי דאָס אידישע פאָלק, נאָך דער פאַרניכטונג פון אייראָפּעאישן אידנטום, קען נישט האָבן קיין צוקונפט אויב ער זאָל זיין אָפּגעריסן פון ישראל.

פון הערצל׳ס גאַנצער ציוניסטישער אידייע האָבן מיר פאַרווירקלעכט בלויז דעם ערשטן טייל: מיר האָבן געשאַפן דעם אינסטרומענט — די מדינה. דער צוועק פאַר וועלכן אַט־דער אינסטרומענט איז געשאַפן געוואָרן — די פאַרזיכערונג פון קיום און צוקונפט פון אידישן פאָלק — איז נאָך ווייט נישט דערפילט געוואָרן. דאָס צו באַגרייפן און שטענדיק האָבן אין זינען אַט־דעם אומבאַקוועמען אמת איז אַ מאָראַלישער און הייליקער געבאָט — ספּעציעל אין די טעג, ווען מיר ערן דעם אָנדענק פון טעאָדאָר הערצל.

ווי האַלט עס מיטן צווייטן גרויסן דערפאָלג פון ציוניזם אין די ערשטע פופציק יאָר פון זיין געשיכטע — מיט אונזער ווירקונג אויף דער עפנטלעכער מיינונג פון דער וועלט? אָן דער סימפּאַטיע פון דער וועלט, יעדנפאַלס אָן דער סימפּאַטיע פון איר פאַרגעשריטענעם טייל, וואָלטן מיר נישט דערגרייכט דעם פּאָליטישן נצחון פון אידנשטאַט. דאָס דאַרף פאַר אונז אַלעמען זיין קלאָר. מיר האָבן געוואונען די דאָזיקע עפנטלעכע מיינונג, ווייל מיר האָבן איר אויפגעקלערט און באַוויזן די אומדערטרעגלעכע שוואַכקייט פון דער אידישער לאַגע, די אַנאָמאַליע פון אידישער היימלאָזיקייט און מיר האָבן איר צוגעזאָגט גובר זיין אַט־די אַנאָמאַליע. אויך יענע ניט־אידן, וועלכע האָבן נישט מסכים געווען מיט אונזער אַנאַליז פון דער אידנפראַגע, האָבן געמוזט מודה זיין אין איר ריכטיקייט, נאָכדעם ווי היטלער האָט פּראַקטיש באַוויזן דעו דאָזיקן טרויעריקן אמת דורכן מאָרד פון זעקס מיליאָן אידן. גלייכצייטיק האָבן מיר זיך אַליין און דער וועלט געזאָגט עפּעס אַנדערש. מיר האָבן געפאָדערט דאָס רעכט ווייטער צו אַנטוויקלען די גרויסע שעפערישע אידעאַלן פון אידישן עבר און אידישער קולטור, און וואָס איז נאָך וויכטיקער — זיי צו פאַרווירקלעכן. דער פאַקט, וואָס די עפנטלעכע מיינונג האָט אונז געשטיצט, האָט צום טייל אַרויסגעדרונגען פון דער אידישער נויט, אָבער אין נישט קיין קלענערער מאָס פון אונזער היסטאָרישער פּאָזיציע אַלס דאָס פאָלק פון

תנ״ך און די נביאים. דאָס וואָס מיר האָבן געוואָלט שאַפן איז געווען עפּעס מער ווי נאָך אַ קליינעם נאַציאָנאַלן שטאַט. אונזער ציוניזם האָט תמיד געהאַט פיל גרעסערע אַמביציעס, ווי בלויז צו ווערן אַ נאַציאָנאַליסטישע פּאָליטישע באַוועגונג, און קיינער האָט אין אָט־דעם זין נישט געהאַט קיין גרעסערע אַמביציעס ווי הערצל אַליין, וועלכער האָט אין זיין „אַלט־ניילאַנד" פאַרגעלייגט, הגם אַפּטמאָל דעם נאַאיוון, אָבער אין תוך גענומען, גרויס־אַרטיקן אידעאַל פון אַ נייער פאָרם פון אַ אידיש פאָלק אין זיין אייגענער מדינה.

אויך אין דער דאָזיקער הינזיכט איז פאַר אונז די מדינה געווען דער מיטל צום צוועק. מיר האָבן געוואָלט שאַפן דעם אינסטרומענט נישט בלויז בכדי צו געבן אַ היים די ליידנדיקע און הילפלאָזע אידן און דערמיט אַ סוף מאַכן צו זייער נע־ונד זיין, נאָר גלייכצייטיק כדי צו רעאַליזירן אין אַן אייגענער ווירקלעכקייט די גרויסע אידייען פון דער אידישער קולטור, וועלכע מיר האָבן דורות־לאַנג געפּרעדיקט. דער ציוניזם האָט דעריבער צוריקגעוויזן — און מיט רעכט — די ביליקע טעאָריע פון דער אידישער מיסיע, וואָס איז אויסגעטראַכט געוואָרן דורך דעם באַקוועמען רעפאָרמירטן אידנטום, אַז מיר דאַרפן גאָרנישט טאָן און דאָך האָבן אַ רואיקן געוויסן. אָבער אין אונזערע פאָרשטעלונגען און האָפענונגען, אַזוי גוט ווי אין די האָפענונגען פון אונזערע בעסטע פריינט אין דער וועלט, איז די אידישע מדינה תמיד אויפגעפאַסט געוואָרן אַלס עפּעס מער ווי בלויז אַ נאַציאָנאַלער שטאַט, אַלס אַ מדינה וואָס וועט דאַרפן זיך אונטערנעמען צו פאַרווירקלעכן גרויסע סאָציאַלע און הומאַ־ניטאַרע פּרינציפּן.

האָבן מיר דאָס רעכט צו זאָגן, אַז דער ציוניזם איז אין אָט־דער הינזיכט דערפילט געוואָרן? איך ווייס גאַנץ גוט, אַז עס וואָלט געווען קינדיש און לעכערלעך צו דערוואַרטן אַזעלכע פאַרווירקלעכונגען פון אַ אידישער מדינה, וואָס איז בלויז זעקס יאָר אַלט. פאַר דעם פאָדערן זיך דורות. אַזעלכע צילן קענען נישט דערגרייכט ווערן נישט דורך מיליטערישע דערפאָלגן און נישט דורך פּאָליטישע מאַנווערעס. דאָס פאָדערט שווערע אַרבעט אין פאַרלויף פון דורות, צענדליקער יאָרן פון געראַנגל און אָנשטרענגונגען, ווייל קיין שום זאַך פאָדערט נישט קיין לענגערן אָטעם, גרעסערע געדולד, באַשיידענערע מי, ווי צו מאַכן פון אידייען אַ היסטאָרישע ווירקלעכקייט. דער מעסטער פאַר אָפּשאַצן אָט־דעם אַספּעקט — דאָס וואָס מיר האָבן שוין דערגרייכט, אָדער נאָך נישט דערגרייכט אין דער הינזיכט — קען היינט נישט זיין די מאָס פון דער פאַרווירקלעכונג, נאָר די ריכטונג און דער ציל פון אונזער

שטרעבן צו פאַרווירקלעכונג. עס וואָלט אויך געווען נישט ריכטיק צו פרעגן: וועלכע גרויסע מענטשלעכע אַמביציעס פון ציוניזם זיינען שוין פאַרווירקלעכט געוואָרן אין ישראל — אין אַט־דעם ישראל, וואָס איז נאָך היינט־צו־טאָג פאַרנומען, און וועט נאָך זיין פאַרנומען לאַנגע יאָרן, מיט זיינע עלעמענטאַרע אויפגאַבן פון פּאָליטישער, עקאָנאָמישער און סאָציאַלער קאָנסאָלידאַציע, ספּעציעל נאָך דער ערשטער תקופה פון אומבאַגרענעצטער מאַסן־עליה. עס איז אָבער באַרעכטיקט און נויטווענדיק צו פרעגן וואָס ישראל וויל. גרויסע זאַכן צו פאַרווירקלעכן פאָדערט צייט, וואָס ישראל האָט נאָך ביז איצט נישט געהאַט. אָבער מען קען נישט פאַרווירקלעכן קיין גרויסע זאַכן, ווען מען וויל זיי נישט. היינט־צו־טאָג זיינען אין לעבן פון ישראל פאַראַן דערשיינונגען און געפאַרן, וועלכע מען טאָר בשום־אופן נישט פאַרקוקן. קודם־כל די געפאַר פון גייסטיקער באַפרידיקונג אין דעם געררויש און ענטוזיאַזם פון שאַפן די מדינה נאָך צוויי טויזנט יאָר שטאַטלאָזיקייט — אַ דערשיינונג וואָס לאָזט נישט איבער קיין פּלאַץ פאַר גרעסערע אַמביציעס. אויך דאָס איז פאַרשטענדלעך, אויב דאָס זאָל נישט פירן צו אַ באַשיידענער אַמביציע פון וועלן זיין נישט אַנדערש און נישט בעסער פון אַנדערע, ווייל צוליב איר געאָגראַפישער לאַגע קען זיך ישראל נישט דערלויבן צו פאַרגלייכן זיך מיט אַנדערע. דער ציוניזם איז נישט בלויז אַן אידייע; ער האָט געשטרעבט צו זיין די פאַרווירקלעכונג פון דער אידייע — נישט בלויז פּרעדיקונג, נאָר טאָטן; נישט בלויז טעאָריע, נאָר אויך אַ פּראַקטיק. און אין דעם ליגט דער חידוש, וואָס דער ציוניזם שטעלט מיט זיך פאַר אין דער אידישער געשיכטע.

דערפון דרינגט אויך אַרויס — און מיט רעכט — דאָס באַטאָנען די פּראַקטישע אויפבוי־אַרבעט: שאַפן פאַקטן, ברענגען עולים, בויען הייזער, אויפשטעלן קאָלאָניעס, גרינדן אינדוסטריע. מיר זיינען געווען און מיר זיינען מיט רעכט שטאָלץ מיט אַט־די פּראַזאַאישע רעזולטאַטן. נאָכדעם ווי מיר האָבן געלעבט הונדערטער יאָרן אין אַ וועלט פון ניט־געצוימטער טעאָריע און פאַרשוואונדענע אונזערע שעפערישע כוחות אין צוקונפט־טרוימען, איז די פּראַקטישע אַרבעט פון שאַפן פאַקטן און רעאַליטעטן געווען אַ היילנדיקע רעאַקציע. אָבער צו פאַרבלייבן אויסשליסלעך אין אַט־דער ריכטונג וואָלט באַדייט די זעלבסט־צעשטערונג פון דער ציוניסטישער אידייע. ישראל און דאָס אַלטע ארץ־ישראל זיינען אין כמות'דיקן זין קיינמאָל ניט געווען גרויס און וועלן אויך קיינמאָל נישט זיין. ווי גרויס די עליה קען ישראל זאָל נישט זיין, וועט דאָס לאַנד בלייבן אַ קליינע מדינה, ספּעציעל אין היינטיקע צייטן פון גיגאַנטישע וועלט־שטאַטן. די באַדייטונג פון ישראל האָט זיך אויסגעדריקט אין

איר כמות און איכות. און אַזוי וועט עס מוזן זיין אויך אין דער צוקונפט. עס איז אויסערגעוויינלעך וויכטיק, אַז מיר און ישראל זאָלן דאָס וויסן, און אויב אַפילו די איכות מוז אויף אַ וויילע זיין הינטערשטעליק לגבי דער כמות, דאַרפן מיר אָבער באַגרייפן, אַז קוואַנטיטאַטיווע דערפאָלגן האָבן אַ זין בלויז דאַן, ווען זיי שאַפן די אָביעקטיווע באַדינגונגען פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער איכות. פונקט ווי ביי מענטשן, אַזוי איז אויך ביי פעלקער דאָס וויכטיקסטע דער וועג אויף וועלכן ער פירט זיין לעבן. און אויב עס איז דאָ אַ גרונט פאַר זאָרגן און אַ פליכט די דאָזיקע זאָרגן אויסצודריקן, האַנדלט עס זיך נישט אַזוי וועגן דער איצטיקער פאַקטישער לאַגע אין ישראל, נאָר וועגן דער ריכטונג, אין וועלכער די מדינה האָט אָנגעהויבן צו גיין און אין וועלכער זי שיינט זיך אָפּטמאָל איינזייטיק צו אַנטוויקלען.

די איצטיקע פיזיאָנאָמיע פון ישראל איז גאַנץ אַנדערש ווי פאַר דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה און ווי בעת איר פּראָקלאַמירונג. מיר האָבן שוין דערפאַר באַצאָלט אַ הויכן פּרייז אין אונזער איינפלוס אויף די בעסטע טיילן פון דער עפנטלעכער מיינונג אין דער וועלט. ישראל שטייט נאָך אין דער גאַנץ פריער סטאַדיע פון איר אַנטוויקלונג און זי קען נאָך ענדערן איר פיזיאָנאָמיע. מיר און ישראל מוזן פאַרשטיין — און דאָס איז אויסערגעוויינלעך וויכטיק — אַז מיר טאָרן נישט אַוועקגעבן דעם מענטשלעכן אַספּעקט פון ציוניסטישן אידעאַל פאַרן פּרייז פון ביליקע נאַציאָנאַליסטישע מאַכט־טריאומפן פאַר דער אַזוי־גערופענער שטאַטלעכער סוּווערעניטעט און באַקוועמער קאַפּירונג פון פּאָליטישע מעטאָדן פון אַנדערע מדינות. איך ווייס גאַנץ גוט, ווי שווער עס איז צו קירעווען די געשיכטע פון ישראל אַפילו ווען זי וואָלט נישט געהאַט קיין גרעסערע אַמביציעס אויסער צו פאַרזיכערן איר שטאַטלעכע זעלבסטשטענדיקייט און איר פּאָזיציע אין דער ברויזנדיקער וועלט פון נאָענטן מזרח. אָבער אָן דעם אוטאָפּישן עלעמענט וואָלט דער ציוניזם נישט געווען מעגלעך, און דאָס צומישן אוטאָפּישע אידייען געהערט צום וועזן פון יעטוועדער גרויסער באַוועגונג, גרויסן פאָלק. ווען מען וויל זיך נישט באַנוגענען מיטן מינימום, מוז מען וועלן דעם מאַקסימום, אַפילו ווען מען קען אים נישט דערגרייכן. און איך בין נישט אַזוי זיכער — נישט אַריינגייענדיק אין די פּאָליטישע פראַגן פון טאָג — צי וואָלט נישט געווען אויך פון רעאַל־פּאָליטישן שטאַנדפּונקט בעסער, אַז ישראל זאָל אָפּהיטן און פאַרטיידיקן איר ספּעציעלן כאַראַקטער, אַנשטאָט צו ווערן אַ מדינה ווי אַלע אַנדערע מדינות. די לייזונג פון דער אידנפראַגע דורך דער שאַפונג פון אַ אידישן היימלאַנד איז געווען אַ פאַנטאַסטישע אידייע, ווען זי איז פּראַק־

לאָמירט געוואָרן דורך הערצל׳ען. די פּראָקלאַמירונג פון מדינת ישראל איז געווען אַ מוטיקער פאַנטאַסטישער אַקט, וואָס איז דערמעגלעכט געוואָרן דורך דער איינציקאַרטיקער סיטואַציע.

צו דערהאַלטן ישראל און זי צו זיכערן וועט, צוליב אַ סך טעמים, זיין אַ פיל שווערערע אויפגאַבע, ווי דאָס איז לגבי אַנדערע מדינות אָן אַ גלות, וואָס זיינען אַרומגערינגלט פון קרובה׳שע ראַסן און קאָנסאָלידירט דורך אַ לאַנגער געשיכטע. מיר האָבן דערגרייכט אין קורצע פופציק יאָר דעם איינציק־אַרטיקן דערפאָלג פון פאַרווירקלעכן אַ אידנשטאַט, ווייל דאָס אַלץ איז געווען אַזוי איינציקאַרטיק און פאַנטאַסטיש. איך בין איבערצייגט, אַז די זעלבע מעטאָדן, מיט וועלכע מיר האָבן דערגרייכט דעם ערשטן דערפאָלג, וועלן אויך זיין נויטווענדיק, בכדי צו פאַרזיכערן דעם דאָזיקן דערפאָלג. ישראל, אַלס נאָך אַ קליינע מדינה אין נאָענטן מזרח, האָט נישט קיין ווירקונג אויף דער פאַנטאַזיע און דעם גוטן ווילן פון דער וועלט. אָבער ישראל אַלס עפּעס ספּעציעלעס, אַלס דער ערשטער רעזולטאַט פון דער איינציקאַרטיקער, העראָ־אישער און טראַגישער געשיכטע פון אונזער פאָלק און אַלס דער ערנהאַפטער פאַרזוך צו פאַרווירקלעכן דעם צוועק פון אונזערע ליידן און פון אונזער שיקזאַל, אַזוי, אַז אונזערע ליידן און מאַרטירערטום זאָלן האָבן אַ זין, איז אַ גרויסע זאַך און קען מיט רעכט — ווי איך גלויב — און מיט דערפאָלג — ווי דער שיקזאַל האָט באַוויזן — רעכענען אויף דער סימפּאַטיע און אונטערשטיצונג פון די בעסטע טיילן פון דער עפנטלעכער מיינונג אין דער וועלט.

***

און איצט עטלעכע באַמערקונגען וועגן דעם דריטן דערפאָלג פון ציוניזם: די שאַפונג פון דער מדינה. ווי איך האָב שוין דערמאָנט, איז אויך די צווייטע העלפט פון הערצל׳ס פאָרמולע געווען קוים באַגרינדעט רעאַליסטיש. ווען מיר האָבן אָנגעהויבן אונזער ווערק אין ארץ־ישראל איז דאָס לאַנד ווייט ניט געווען קיין „לאַנד אָן אַ פאָלק״. הערצל האָט נישט געזען דאָס אַראַבישע פּראָבלעם צום טייל דערפאַר, וואָס הגם עס זיינען דאָן געווען אַראַבער, זיינען אָבער אין יענער צייט קוים געווען פּאָליטיש־אַקטיווע אַראַבישע פעלקער. די מאָדערנע אַראַבישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג האָט זיך ערשט אָנגעהויבן שפּעטער, און מען מוז מודה זיין, אַז זי האָט אויף איר שטייגער דערגרייכט שנעלע און גרויסע דערפאָלגן און האָט אין משך פון עטלעכע צענדליק יאָר געשאַפן אַ גאַנצע ריי אַראַבישע נאַציאָנאַלע שטאַטן.

אַז ארץ־ישראל איז נישט געווען קיין „לאַנד אָן אַ פאָלק" האָט די ציוניסטישע באַוועגונג נאָך הערצל׳ען גאַנץ גוט געפילט. און דאָס דאָזיקע פּראָבלעם איז נאָך נישט געליזט געוואָרן ביז צום היינטיקן טאָג. דאָס איז דאָס איינציקע פּראָבלעם, צוליב וועלכן דער גרויסער רעאַליסטישער דערפאָלג פון ישראל׳ס אַנטשטייאונג איז נאָך נישט פאַרפולקאָמט. אַזוי לאַנג ווי אָט־דאָס פּראָבלעם איז נישט געלייזט, בלייבט אויך נישט געליזט די פּאָליטישע פראַגע פון ישראל׳ס גורל. מען דאַרף זיך נישט שטערן דאָס אַרויסצוזאָגן. די אַראַבער ווייסן עס געווי ווי מיר — צי מען זאָגט זיי עס יאָ, אָדער ניט. די וועלט באַגרייפט דאָס אַלץ מער און מער, ווי די געשעענישן פון די לעצטע יאָרן האָבן באַוויזן. דאָס איז דאָס שווערסטע און דעצידירנדיקסטע פון אַלע אויסערן־פּאָליטישע פּראָבלעמען פון מדינת ישראל. עס איז נישטאָ קיין שום מאַגישע פאָרמולע עס צו לייזן. אין בעסטן פאַל וועלן נאָך אַוועקגיין יאָרן ביז די באַציאונגען צווישן ישראל און דער אַרומיקער אַראַבישער וועלט וועלן נאָרמאַליזירט ווערן. דאָס איז מער אַ פּסיכאָלאָגיש ווי אַ פּאָליטיש פּראָבלעם. די איינציקע פראַגן, אין וועלכע עס האַנדלט זיך — ירושלים, די גרענעצן פון דער מדינה און די אַראַבישע פליטים — זיינען נישט די דעצידירנדיקסטע עלעמענטן פונעם פּראָבלעם. מיטן גוטן ווילן פוןביידע צדדים איז, אָביעקטיוו גענומען, נישט אוממעגלעך צו לייזן אָט־די פראַגן.

די אַראַבישע מדינות מיט זייערע ריזיקע שטחים ליידן נישט פון מאַנגל אין באָדן און דאַרפן נישט האָבן קיין שטיקלעך פון ישראל׳ס טעריטאָריע, כדי צו פאַרזיכערן זייער צוקונפט. די אַראַבישע פליטים קענען געפינען אַ בעסערע עקאָנאָמישע צוקונפט און פּסיכאָלאָגיש לייכטערע לעבנס־באַדינגונגען אין די ליידיקע און פרוכטבאַרע געגנטן פון די שכנות׳דיקע אַראַבישע מדינות, ווי אין ישראל; און די אינטערנאַציאָנאַליזירונג פון ניי־ירושלים האָט נישט פאַר די מייסטע אַראַבישע לענדער קיין שום ממשות׳דיקע באַדייטונג. ווי אין די מייסטע פראַגן פון פּאָליטיק, ווערט די לייזונג באַשווערט דורך דעם צוגאַנג צום פּראָבלעם און נישט דורך זיינע אָביעקטיווע עלעמענטן. ביי אַ גוטן ווילן געפינען זיך לייכט קאָמפּראָמיסן; ביי אַ בייזן ווילן, ווערט יעדע איינצלהייט אַ שטערונג, וואָס קען נישט בייגעקומען ווערן.

די גרויסע פראַגע פון די ישראל־אַראַבישע באַציאונגען, איז קודם־כל אַ פּסיכאָלאָגישע, פון איין זייט, און פון דער צווייטער — האָט נאָך ישראל׳ס פונדאַמענטאַלער ווילן צו לעבן אַלס שכן און פריינט און אַלס אינטעגראַלער טייל פון נאָענטן מזרח, נישט געפונען זיינע זיכטבאַרע אויסדרוקס־פאָרמען. דאָס מאַכט פיל שווערער די גרייטקייט פון די אַראַבער צו גלויבן אין אָט־

דעם ווילן. ערשט ווען די איינציקע פסיכאָלאָגישע איינשטעלונג וועט בייגע־קומען ווערן און ווען די הונדערטער טויזנטער אַראַבער־פּליטים וועלן באַזעצט ווערן אין די אַראַבישע לענדער, וועט גילטן הערצל׳ס פאָרמולע פון פאָלק און לאַנד, אין וועלכן די אידן זאָלן ווערן אַווירקלעכקייט. די וועלט האָט אָנערקענט ישראל אַלס שטאַט און האָט אים אַלס אַזאַ אויפגענומען אין דער פעלקער־משפחה. אין אַנבליק פון דער קורצער צייט פון ישראל׳ס עקזיס־טענץ, איז דאָס אַן אויסערגעוויינלעכער דערפאָלג. וואָס עס דאַרף נאָך געשען איז, אַז ישראל זאָל אַקצעפּטירט ווערן אַלס שטאַט דורך דער וועלט פון נאָענטן מזרח. ערשט דאָס וועט עפענען פאַר ישראל די מעגלעכקייט זיך פּאָליטיש און עקאָנאָמיש צו קאָנסאָלידירן און דערמיט עפענען גרויסע פּערספּעקטיוון פון שעפערישע לייסטונגען פון אידישן פאָלק אין דעם ווידער־אויפבוי פון דעם דאָזיקן טייל פון דער וועלט, וואָס איז אַמאָל געווען איינע פון די גרויסע צענטערן פון דער מענטשלעכער קולטור. און אויב די אַלע סימנים זאָלן נישט פאַרפירן, וועט ער אין די קומענדיקע יאָרצענדליקער און תקופות ווידער ווערן אַ צענטראַלער געביט פון דער מענטשלעכער געשיכטע.

דער צוריקקער פון אידישן פאָלק קיין ארץ־ישראל, איז דער פּרעלוד צום צוריקקער פון פאָלק אין נאָענטן מזרח. דער ערשטער טייל איז שוין אין אָנהויב פון זיין פאַרווירקלעכונג; דער צווייטער טייל וועט זיך קענען אָנהויבן, ווען די אַנדערע טיילן פון נאָענטן מזרח וועלן זיין גרייט אויפצונעמען מדינת ישראל אַלס אַ גלייכבאַרעכטיקטן עלעמענט און אינטעגראַלן באַשטאַנד־טייל פון אָט־דער וועלט.

דער סך־הכול פון די דערגרייכונגען, און דאָס, וואָס דאַרף נאָך דערגרייכט ווערן אין די דריי ספערן, אין וועלכע דער ציוניזם האָט געפייערט זיינע נצחונות אין די ערשטע פופציק יאָר פון זיין עקזיסטענץ, באַווייזט וויפל עס איז שוין אויפגעטאָן געוואָרן, אָבער אויך וויפל עס דאַרף נאָך געטאָן ווערן. ווי איך האָב שוין געזאָגט, מאַכט איצט דער ציוניזם דורך דעם גרעסטן מאָראַלישן און גייסטיקן קריזיס אין זיין געשיכטע. אַזאַ קריזיס אַנטשטייט ביי אַלע גרויס־היסטאָרישע און רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען, ווען מען הויבט אָן צו זען די ערשטע זיכטבאַרע דערפאָלגן. די דאָזיקע דערפאָלגן ברענגען מיט זיך די געפאַר פון פאַרטוישן די ערשטע דערגרייכונגען מיט דעם ענד־גילטיקן דערפאָלג, צו גלויבן, אַז מען האָט וועזנטלעך דערגרייכט דעם ציל, צו פאַרלירן דעם גרויסן רעוואָלוציאָנערן דראַנג, צו ווערן צו־שטאָלץ מיט די דערגרייכונגען און זיך מאַכן לייכט דאָס לעבן און אָנהויבן געמיטלעך צו רוען.

די מייסטע היסטאָרישע באַוועגונגען זיינען צוזאַמענגעבראָכן געוואָרן

פון אינעווייניק אין אַט אַזעלכע קריזיסן. רעוואָלוציעס האָבן אָפט דערגרייכט זייער ערשטן ציל, האָבן אָבער מער נישט געהאַט די קראַפט זיך דורכצוברעכן צו ווייטערדיקע צילן, און געענדיקט האָט זיך עס דערמיט, וואָס דער אָנפאַנגס־ציל איז פאַרפעלשט און פאַרטושט געוואָרן און סוף־כל־סוף איז די רעוואָלוציע פאַרלוירן געגאַנגען. אין אַזאַ געפאַר שטייט היינט־צו־טאָג די ציוניסטישע באַוועגונג, גענומען פון אַ היסטאָרישער פּערספּעקטיוו. דעריבער איז פיל נויטווענדיקער צו זען דאָס, וואָס איז נאָך נישט דערגרייכט געוואָרן, ווי זיך צו באַגייסטערן מיט די ביז־איצטיקע דערגרייכונגען. אַ באַרעכטיקטע באַפרי־דיקונג מיט דער גרויסקייט פון דערפאָלג האָט אַ זין בלויז דאַן, ווען זי גיט דעם מוט זיך אַריינצוואַרפן אין דער פאַרווירקלעכונג פון דעם, וואָס איז נאָך נישט דערגרייכט געוואָרן, מיט דעם זעלבן שוואונג און שטאַרקן די אַנטשלאָסנקייט צו פאַרווירקלעכן די נאָכנישט־רעאַליזירטע טיילן פון דער אידייע. דאָס באַציט זיך אַזוי גוט צו ישראל, ווי צו דער ציוניסטישער באַוועגונג און דעם אידישן פאָלק. זאָל אונז אַלעמען קלאָר זיין, אַז די נאָכנישט־פאַרווירקלעכטע טיילן פון ציוניסטישן פּראָגראַם וועט, וואָרשיינלעך, זיין נאָך שווערער דורכצופירן, ווי די שוין־דערגרייכטע רעזולטאַטן.

# חיים ווייצמאַן

(טרויער־רעדע ביי דער דערעפענונג פון דער סעסיע פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט, אין ירושלים, אין נאָוועמבער 1952)

מיר זיינען נאָך צו־נאָענט צו דער דער לעבעדיקער געשטאַלט פון דר. חיים ווייצמאַן, כדי פאַרצושטעלן אַ פול בילד וועגן זיין פערזענלעכקייט. כ׳וועל דאָך פרואוון שילדערן די דריי וויכטיקסטע שטריכן פון זיין כאַראַקטער.

אַלס איד איז ווייצמאַן, ווייזט אויס, געווען איינער פון די פערפעקטסטע סינטעזן פון אונזער צייט, פון צוויי געאָגראַפיש־קולטורעלע זאַנעס, וואָס האָבן געשטאַלטיקט דעם כאַראַקטער פונעם איד אין אונזערע טעג — מזרח־ און מערב־אייראָפּע. קיין איין גרויסער איד פון אונזער צייט האָט אַזוי, ווי חיים ווייצמאַן, נישט צונויפגעגאָסן אין זיך אין אַזאַ אומגעווייינלעכער מאָס דאָס מזרח־אייראָפּעאישע אידנטום מיט דער מערב־אייראָפּעאישער קולטור. ער איז מיט זיין גאַנצן האַרצן און געדאַנק געווען פאַרבונדן מיטן לעבן און מיט דער טראַדיציע פון מזרח־אייראָפּעאישן אידנטום. זיין געבורט־שטאָט מאָטעלע און די שטאָט פּינסק, וואו ער האָט זיך דערצויגן, האָבן געבילדעט אַן אומ־צערייסבאַרן טייל פון זיין פערזענלעכקייט. ער האָט זיי תמיד דערמאָנט מיט אַ געפיל פון שטאָלץ. ער האָט זייער ליב געהאַט אידיש און האָט אין דער דאָזיקער שפּראַך אַרויסגעזאָגט זיינע בעסטע ווערטלעך און אויסדרוקן. אין מאָמענטן פון עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען האָט אים אידיש געדינט אַלס אויסדרוק.

ער איז נישט געווען קיין פרומער איד, פון רעליגיעזן שטאַנדפּונקט, אָבער ער האָט געהאַט אַ טיפן געפיל פאַר אַלע פאָרמען פון אידישער טראַ־דיציע. ס׳איז באַקאַנט די געשיכטע, וועלכע מען דערציילט וועגן אים אין די טעג פון „בליץ־קריג״ אין ענגלאַנד, ווען ער האָט אין שוץ־קעלער מיט־גענומען דעם תנ״ך און האָט אים שעה׳ן־לאַנג געלייענט. די דאָזיקע אויפפירונג זיינע איז נישט אַרויסגעדרונגען פון אַ גלויבן, וואָס איז פאַרבונדן מיט אַ טויט־געפאַר. ס׳איז געווען אַ כאַראַקטעריסטישער אויסדרוק פון זיין צוזאַמענ־בונד מיט דער אידישער טראַדיציע. אויך זיין טיפע ליבע צו זיין משפחה, וואָס איז אַזוי שיין געקומען צום אויסדרוק אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, איז אַ טייל פון זיין ליבע צו אַלע פאָרמען פון אונזער טראַדיציע.

דר. ווייצמאַן האָט געהאַט אַן אַנאַליטישן מוח, וואָס איז געווען טיף אין דענקען און וויסנשאַפטלעך אין פאָרשן. ער איז געווען אַ „חריף" און האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע בליץ־געדאַנקען אין אַ דיסקוסיע אָדער אַרגו־מענטאַציע. דאָס זיינען דאָך די וואָגיקע אייגנשאַפטן פון גייסטיקן קאַמף, וועלכע אונזער פאָלק האָט זיך דערוואָרבן במשך פון דורות־לאַנגן תלמוד׳ישן פלפול אין אַן אומגעווײנלעכער מאָס. ער האָט געקענט באַזיגן פּאָליטישע קעגנער, נאָר מיטן גרויסן כוח פון זיין לאָגיק.

אויך זיין שכל און זיין חוש פאַר הומאָר זיינען געווען כאַראַקטעריסטיש־אידישע, ווי ס׳איז בכלל די נייגונג צו אַ וויץ, וואָס כאַראַקטעריזירט אַזוי שטאַרק אַ סך גרויסע אידישע געשטאַלטן און וואָס שפּיגלט אָפּ די רייכע ירושה פון אַן אַלט פאָלק. ווייצמאַן איז געווען צו־קלוג, כדי זיך צו לאָזן באַווירקן פון אַ פאַרבייגייענדיקן גלאַנץ, פון אילוזאָרישע דערגרייכונגען און פון פאַרבייגייענדיקער גרויסקייט. ס׳האָבן זיך אין אים צונויפגעגאָסן צוויפל און טיפער גלויבן גלייכצייטיק. און דאָס איז ווידער אַ כאַראַקטער־ריסטישע אייגנשאַפט פאַר אידן אַלס פאָלק צו צווייפלען אין פאַרפירערישע כוחות, וואָס פאַרגייען מיט דער צייט און צו גלויבן פעסט אין אייביקע ווערטן.

ווען ווייצמאַן איז אַרומגעפאָרן צווישן די אומות העולם פּראָפּאַגירן דעם ציוניסטישן געדאַנק, איז ער דערשינען שטאָלץ און האָט זיך נישט איבער־גענומען מיט די טיטולן, ראַנגען און מאַכט פון די, מיט וועלכע ער האָט פאַרהאַנדלט, ווייל ער האָט גערעדט אין נאָמען פון אַ פאָלק, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו עקזיסטירן, אין דער צייט, ווען אַנדערע גרויסע נאַציעס זיינען אומגעקומען; אַ פאָלק, וואָס איז געווען אַן עדות פון אימפּעריעס, וועלכע זיינען זיך צעפאַלן, פון מלכים וועלכע זיינען דערגאַנגען צו דער מאַכט און שפּעטער טיף געפאַלן. דערפאַר האָט ווייצמאַן זיך געהאַלטן העכער פון די אַלע פּאָלי־טיקער און מושלים, העכער נישט אַלס מענטש, נאָר אַלס פאָרשטייער פון אַן אַלט אומבאַזיגבאַר פאָלק, וועמען ס׳איז געלונגען בייצושטיין במשך פון הונדערטער יאָרן רדיפות און דערנידערונגען.

ווייצמאַן האָט קיינמאָל נישט געצווייפלט אין ענדגילטיקן נצחון פון ציוניזם. „נצח ישראל לא ישקר" — איז פאַר אים געווען אַזאַ זיכערער עלעמענטאַרער אמת, ווי אַ מאַטעמאַטישע פאָרמולע. דאָס האָט אים אָנגעפילט מיט כבוד און זיכערקייט אַלס פאָרשטייער פון זיין פאָלק. אויך הערצל איז געווען אַ שטאָלצער מנהיג. אָבער זיין שטאָלץ איז געווען אַ פּערזענלעכער. דאַקעגן איז דער מקור פון ווייצמאַנ׳ס שטאָלץ געלעגן אין זיין אידישקייט. דער איד אין אים איז שטאָלץ געווען, און דאָס האָט אים אַזוי דערהויבן און

האָט געמאַכט אַזאַ איינדרוק אויף די ניט־אידישע פּאָליטיקער, מיט וועלכע ער איז געקומען אין קאָנטאַקט.

גלייכצייטיק איז ער אָבער געווען אַ מערב־אייראָפּעאישער איד און אַ גרויסער וויסנשאַפטלער. וואָלט ער נישט געווידמעט זיין גאַנצע ענערגיע דעם ציוניזם, וואָלט ער אָן ספק געווען איינער פון די גרעסטע כעמיקער פון אונזער צייט. ער האָט אין זיך איינגעזאַפּט אַלע אוצרות פון דער רוסישער, דייטשער, פראַנצויזישער און ענגלישער קולטור. דערמיט דערקלערט זיך די לייכטקייט פון זיין באַנעמונג מיט מענטשן פון אַזוי פיל לענדער. ער איז געווען אַ פראַנצויז מיט פראַנצויזן, אַן ענגלענדער מיט ענגלענדער, אָבער תמיד און אייביק, און אין דער ערשטער רייע איז דר. וויצמאַן געווען אַ איד.

אויב דער מאָדערנער ציוניזם איז געווען אַ דירעקטער רעזולטאַט פונעם סינטעז צווישן מזרח־אידנטום און דער מערב־קולטור, איז וויצמאַן געווען דער, וואָס האָט פערזאָניפיצירט די פאַרפולקאָמטע צונויפגיסונג פון די צוויי וועלטן. דעם דאָזיקן מיזוג האָט ער מיט זיך פאַרקערפּערט, מער ווי יעדער אַנדערער ציוניסטישער מנהיג, מער ווי הערצל, נאָרדוי, פּינסקער, אחד־העם, בראַנדייס און סטיפען ווייז. זיין ציוניזם איז אַרויסגעדרונגען פון זיין אידיש־קייט. ס׳איז שווער אַנצורופן אַ דאַטע, ווען זיין ציוניזם האָט זיך אָנגעהויבן; ער איז געבוירן געוואָרן אַ ציוניסט.

זיין ציוניזם איז קיינמאָל ניט געווען נאָר אַ פּאָליטישער. לויט אים איז ציוניזם אַ פאַרווירקלעכונג פון העכערע אידייען און פון דער טראַדיציע פון דער אידישער געשיכטע. די לערע פון די נביאים, די געבאָטן פון דער תורה זיינען געווען ביי אים אַזאַ אומצעטיילבאַרער טייל פון ציוניזם, ווי זיינע פּאָליטישע שטרעבונגען. ער האָט געשטרעבט נישט צו אַ מדינה פון אידן, נאָר צו אַ אידישער מדינה, וואָס זאָל איבערגעבן דער צוקונפט די גרויסע מאָראַלישע אוצרות פון אידישן עבר. ער האָט טיף געגלויבט אינעם כוח פון מאָראַלישע אידייען.

אמת, ער האָט מודה געווען, אַז אַ פּאָליטישער און פיזישער כוח זיינען אָבליגאַטאָרישע שותפים פאַרן פאַרווירקלעכן די אידייע אין דער שווערער געשיכטלעכער ווירקלעכקייט. אָבער ער האָט קיינמאָל נישט געהאַלטן, אַז די דאָזיקע אינסטרומענטן זיינען דעצידירנדיקע. ער איז געווען קעגן טעראָר, נישט צוליב פּאָליטישער באַקוועמלעכקייט אָדער צוליב דער מורא פאַרן שטאַרקערן בריטישן כוח, נאָר צוליב זיין אויפריכטיקן קאָמפּראָמיסלאָזן גלויבן אין דער העכערער קראַפט פון מאָראַל.

ער האָט קיינמאָל ניט מסכים געווען צו די טעאָריעס, וואָס זאָגן, אַז אַ

דערהויבענער ציל באַרעכטיקט נידעריקע מיטלען. ער האָט געקענט דעם גרויסן אמת, אַז אוממאָראַלישע מעטאָדן מוזן באַפלעקן און קענען אַפילו אומברענגען די אײדלסטע מאָראַלישע אידייען. אין ציוניזם האָט ער געזען אַ דעמאָנסטראַציע פון אידישן שאַפונגס־כוח. ער האָט פיינט געהאַט דעם גלות, ניט ווייל גלות באַדייט אַן אייביקע אידישע מינדערהייט, נאָר קודם־כל ווייל גלות האָט נישט דערלויבט די אידן צו האָבן דאָס געפיל פון זייער כוח און פון זייערע פולע מעגלעכקייטן. דערפאַר האָט ער נישט געוואָלט, אַז דער ציוניזם זאָל זיין אַ המשך פון גלות־לעבן אין די ראַמען פון אַ אידישער מדינה. דערפאַר איז ער געווען פאַר חלוצישן ציוניזם און האָט געשטיצט עבודה עברית, מושבים און קיבוצים. דאָס זיינען פאַר אים געווען נייע אידישע לעבנס־פאָרמען.

דער ציוניזם האָט איינגעשלונגען זיין גאַנץ וועזן. הגם ער האָט געפילט די עקזיסטענץ פון אַלע אַנדערע אידישע פּראָבלעמען, האָט ער אָבער קיינמאָל נישט מסיח־דעת געווען פון קאָנצענטרירן זיך אויף ציוניסטישע אויפגאַבן. מיט אַן אייגנשאַפט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ גאון, האָט ער זיין גאַנצע ענערגיע, אַלע זיינע פעאיקייטן געווידמעט דער דאָזיקער העכסטער שליחות. זיין וויסנשאַפטלעכע אַרבעט, זיינע געזעלשאַפטלעכע פאַרבינדונגען, זיינע פאַראינטערעסירונגען מיט אַ סך פּראָבלעמען — אַלץ האָט זיך ביי אים קאָנצענטרירט אַרום ציוניזם.

ווייצמאַן און ציוניזם — דאָס איז איין וועלט. און ווען ער איז געווען געצוואונגען, אין אַ געווויסן עטאַפּ פון זיין טעטיקייט, אָפּצוטרעטן זיין ראָלע אַלס פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, איז ער באַהערשט געוואָרן מיט אַן אומרו. ס'איז ניט געווען קיין צער צוליב אַ פּאָליטישן דורכפאַל און אויך ניט קיין געפיל פון אומגערעכטיקייט, וואָס איז לגבי אים באַגאַנגען געוואָרן. מיט זיין גאַנצן פאַרשטאַנד האָט ער ממש נישט געקענט באַגרייפן די באַזונדערע לאַגע, וואָס האָט זיך געשאַפן. אַזוי שטאַרק איז ער געווען פאַרבונדן און אידענטיש מיט דער ציוניסטישער באַוועגונג, אַז ער האָט נישט באַגריפן, ווי אַזוי קען זיך די באַוועגונג פון אים אָפּרייסן, אַפילו צייטווייליק. ער האָט זיך ניט געקענט פאָרשטעלן ווייצמאַנ'ען אָן ציוניזם, אָדער דעם ציוניזם אָן ווייצמאַנ'ען. דער פאַקט, וואָס ער איז געווען פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, איז געווען אַזוי נאַטירלעך ווי די פיר צייטן פון יאָר. אַנדערש האָט עס גאָרנישט געקענט זיין. אַפילו אַ סך פון זיינע קעגנער האָבן עס אָנגענומען פאַר נאַטירלעך. ווייצמאַן האָט דער־גרייכט אַ זעלטענע מדרגה פון פירערשאַפט, און במשך פון אַזאַ לאַנגער

תקופה. דאָס איז געווען די באַצאָלונג פאַר זיין פולשטענדיקער אידענטי־פיקאַציע מיט דער באַוועגונג, מיט וועלכער ער האָט אַנגעפירט.

און אַזוי גרויס ווי ווייצמאַן, דער ציוניסטישער פירער, איז געווען ווייצמאַן דער קינסטלער. אַפילו אין דעם ציוניסט חיים ווייצמאַן איז געווען ווייצמאַן דער קינסטלער. די אַלע, וואָס האָבן געהאַט דעם זכות צו אַרבעטן מיט אים, האָבן מיט אַ געפיל פון קדושה געזען זיין גרויסקייט. די גרויסקייט פון מענטש ליגט נישט בלויז אין זיינע מעשים און דערגרייכונגען, נאָר אין דעם, וואָס ער איז און וואָס ער שטעלט מיט זיך פאָר. חיים ווייצמאַן איז געווען אַ קינסטלער אַפילו אין דער וויסנשאַפט און אַן ספק אין זיין פּאָליטישער גאונות. וויסנשאַפטלער האָבן מיר געזאָגט, אַז זיינע גרויסע דערפאָלגן קומען נישט פון סתם אויסרעכענונגען, נאָר פון פּאַרויסזען. איך קען עדות זאָגן, אַז דאָס איז אויך ריכטיק לגבי זיינע פּאָליטישע דערגרייכונגען.

ווייצמאַן איז געווען אַ קינסטלער מיט שטימונגען, און איז געווען עמפּינדלעך אויף דער אַטמאָספערע, וואָס אַרום אים. ער האָט נישט גע־לעבט אין קיין קאַלטער, פּראַקטישער וועלט. ער האָט געמוזט האָבן אַרום זיך פריינט, וואַרעמקייט, פאַרשטענדעניש. ער איז געווען אַ מענטש פון געפיל; ער האָט געקענט פיינט האָבן און ליבן, זיין אין כעס און מוחל זיין. ער האָט פיינט געהאַט הינטערוועגן. אויב אַזאַ אייגנשאַפט באַצייכנט אַ פּאָליטיקער, פּאַסט פאַר אים נישט דער נאָמען פּאָליטיקער. ער פלעגט רעאַגירן אויפן אָרט און אָפט מיט שאָדן פאַר זיך אַליין. ווי אַלע קינסט־לער, איז ער געווען דער אַדעלמאַן, וואָס האָט געפאָדערט רעכט פאַר זיינע מעטאָדן און האָט זיך אַנטזאָגט פון צופּאַסן זיך צו די וועגן פון פּאַרטיי־אישער פּאָליטיק, אָדער זיך פאַרפּלאָנטערן אין פּאַרטיי־פּראָגראַמען. איך וועל זיך דערלויבן צוגעבן, אַז דאָס האָט באַשווערט דאָס לעבן פון זיינע פריינט און תלמידים.

נישט תמיד איז לייכט געווען מיט אים צו אַרבעטן. ס'איז נויטיק געווען זיך צוצופּאַסן צו זיינע שטימונגען. דאָס איז אויך כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ פּערזענלעכקייט פון אַ קינסטלער. אָבער דער קינסטלער, וואָס איז געווען אין ווייצמאַנ'ען, איז דער סוד פון זיין דערפאָלג. אַפילו זיינע פּאָליטישע דערפאָלגן זיינען געווען אַ רעזולטאַט נישט בלויז פון אויסרעכענונגען, נאָר פון זיין באַזונדערן חן. ער האָט געהאַט אַ ספּעציעלן חוש, צו דעם אָדער אַנדערן פּאָליטיקער, בכדי אים צו געווינען. ווען טשוירטשיל איז געווען געצוואונגען אין צווייטן וועלט־קריג צו פירן אַ ניט־ציוניסטישע פּאָליטיק, האָט ער זיך ניט געוואָלט טרעפן מיט ווייצמאַנ'ען, הגם ער האָט אים זייער געשעצט און

געליבט. און ווען מען האָט דאָס טשווירטשיל׳ן פאַרגעוואָרפן, האָט ער גע־ענטפערט: „איך האָב מורא אים צו זען, דאָס וועט מיר גורם זיין שלאָפלאָזע נעכט״.

זיין גרויסע פעאיקייט צו באַנעמען זיך מיט מענטשן דערקלערט דעם טיפן רושם, וועלכן ער האָט געמאַכט אויף די פּראָמינענטסטע פּערזענלעכקייטן פון אונזער צייט — באַלפור, לאָיד דזשאָרדזש, טשווירטשיל, רוזוועלט און אַנדערע.

ווייניק רעדעס פון גרויסע פירער האָבן איבערגעלאָזט אַזאַ שטאַנדהאַפּ־טיקן איינדרוק, ווי זיינע. ער איז אַלס רעדנער אויך געווען אַ קינסטלער. ער האָט געפּאַנגען זיינע צוהערער מיט אַ שפּריכוואָרט. דעם שטאַרקן איינ־דרוק האָט אָבער געמאַכט נישט זיין כוח־הדיבור, נאָר די פּערזענלעכקייט זיינע. אַ לאַנגע צייט נאָך דער רעדע, וועלכע איז אַריין אין געשיכטע, איז נאָך געבליבן דער ניט־פאַרבייגייענדיקער איינדרוק פון דעם מענטש, וואָס האָט די רעדע געהאַלטן. ס׳איז דערפאַר געווען אַן עונג־רוח צו זיין מיט ווייצמאַנ׳ען, זיך מיט אים צו טרעפן און שמועסן.

פאַר די, וואָס האָבן מיט אים מיטגעאַרבעט, איז יעדער טאָג, יעדער שמועס געווען אַ נייע אַנטפּלעקונג: ער האָט נישט געהאַט קיין געדולד פאַר אַ רוטינער אַרבעט, פאַר געזעצן און פּראָצעדור. איך האָב אים אַמאָל געזאָגט: „פאַר אייך איז יעדער טאָג בראשית, פאַר אייערטוועגן באַשאַפט זיך די וועלט פונדאַסניי יעדן טאָג״.

דערפאַר איז אויך אַזוי גרויס די אבידה, וואָס ער איז מיט אונז מער נישטאָ. דאָס לעבן איז שווערער און טונקעלער אָן אים. יעדערער פון אונז — מינדסטנס פון די, וואָס האָבן אים גוט געקענט — פילט, אַז זיין לעבן איז פאַר־יתומ׳ט געוואָרן מיט דעם, וואָס ווייצמאַן איז נישטאָ מער צווישן אונז.

פון היסטאָרישן שטאַנדפּונקט איז נישט נאָר אַוועק אַ גרויסער מנהיג פון דער באַוועגונג אין די לעצטע 30 יאָר, נאָר מיט זיין טויט האָט זיך פאַרענדיקט אַ תקופה פון דער אידישער געשיכטע.

הערצל איז געווען דער שעפער פון דער ציוניסטישער אידייע, ווייצמאַן — דער סימבאָל און דער שעפער פון פאַרווירקלעכונגס־ציוניזם, פון חלוצישן ציוניזם אין פולסטן זין פון דאָזיקן באַגריף. דערפאַר וועט ער אויף אייביק בלייבן דער העכסטער סימבאָל פון ציוניסטישן געדאַנק.

דער גרעסטער ווערט פון מענטש איז ניט אין דעם, וואָס ער האָט געטאָן אָדער אין דעם, וואָס ער איז געווען, נאָר אין דעם, וואָס עס האָט אַנטהאַלטן זיין פערזענלעכקייט. נאָר אין דעם זין פון מענטש אַלס סימבאָל קען מען

זוכה זיין צו אייביקייט. אַלס סימבאָל וועט חיים ווייצמאַן דינען פאַר די קומענדיקע דורות, פּונקט אַזוי ווי ער איז עס געווען פאַר זיין אייגענעם דור. לאַנג, לאַנג נאָך דעם, ווי די פיזישע געשטאַלט פון דער וואַרעמער פּערזענ־לעכקייט חיים ווייצמאַן וועט פאַרשוואונדן ווערן, וועט נאָך דויערן זיין אויסווירקונג אַלס סימבאָל. ער סימבאָליזירט דעם ציוניזם אין זיין בעסטן באַגריף, אַלס הויכוועדטיקע מאָראַלישע אידייע, וואָס האָט באַנייט דאָס לעבן פון פאָלק און אים פּאָליטיש באַפרייט.

נאָך לאַנגע יאָרן וועט ישראל זיך נויטיקן אין דעם דאָזיקן ווייצמאַן־סימבאָל, אַלס פאָרשטייער פון שאַפנדיקן ציוניזם, פון דער מאָראַלישער אַנטפלעקונג פון דער ציוניסטישער אידייע. קיין גרעסערע זאַך קענען מיר נישט ווינטשן אים און אונז אַליין, ווי דאָס, אַז מיר זאָלן האָבן אַ נוצן פון זיינע סימבאָלישע ווערטן. זאָל אונז דער סימבאָל ווייצמאַן דינען אַלס מוסטער און וועגווייזער אין אונזערע שטרעבונגען צו פאַרווירקלעכן — אין דער ברייטער ראַם פון דער סואווערענער ישראל — דעם לייכטנדיקן ציוניזם, וועלכן ער האָט פּראָפּאַגירט, וועלכן ער האָט מיטגעלעבט און האָט סימבאָ־ליזירט קאָנקרעטער, ווי יעדער אַנדערער ציוניסטישער מנהיג אין אונזער דור.

# אַלבערט איינשטיין

(רעדע ביי דער טרויער־פאַרזאַמלונג אין ניו־יאָרק, דעם 15־טן מאַי 1955)

אין מיין לעבן האָב איך, וואוינענדיק אין פיל לענדער און אַרומפאָרנדיק איבער דער וועלט, געהאַט די געלעגנהייט צו באַגעגענען אַ סך גרויסע פּערזענלעכקייטן, סיי אויפן סאָציאַלן, סיי אויפן פּאָליטישן, ווי אויך אויפן וויסנשאַפטלעכן געביט. איך האָב אָבער נישט געטראָפן קיינעם, וועלכער זאָל מיך האָבן אַזוי שטאַרק איבערראַשט יעדעס מאָל, ווען איך האָב גערעדט מיט אים, ווי דאָס איז געווען מיין דערפאַרונג מיט אַלבערט איינשטיין׳ען. ער האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך די קלאַסישע פאַרקערפּערונג פון אַ זשעני. מיר באַנוצן אין אונזער צייט צו־אָפט די באַגריפן גרויסקייט און זשעני, ביים כאַראַקטעריזירן באַרימטע מענטשן. דער אמת׳ער גאון איז איינע פון די זעלטנסטע דערשיינונגען אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט.

דער אונטערשיד צווישן טאַלאַנט און גאון איז נישט אין כמות, נאָר אין איכות. אַ טאַלאַנטירטער מענטש באַזיצט בלויז אין אַ העכערער מאָס געוויסע פעאיקייטן, וועלכע עס פאַרמאָגט אין תוך יעדער אינטעליגענטער בשר ודם. יעדער איינער קען ווי־עס־איז זיך אויסדריקן, אַ טאַלאַנטירטער רעדנער טוט עס בלויז אַביסל בעסער. יעדער איינער קען באַשרייבן זיינע געפילן און געדאַנקען, אַ טאַלאַנטירטער שרייבער טוט עס בעסער. אַ זשעני איז גאָר עפּעס אַנדערש. ער שטעלט מיט זיך פאָר, אַזוי צו זאָגן, אַן אַנדערע ראַסע, אַ גאָר אַנדערע קאַטעגאָריע פון אינטעלעקט און מוח. מיט אַ געניאַלן מענטש איז עס אַזוי, ווי ער וואָלט אַראָפּגעקומען אויף דער ערד פון אַן אַנדערער פּלאַנעטע. ער דרייט זיך אַרום אין אַן אַנדערער וועלט, ווי מיר. און זיין צוגאַנג צו זאַכן און פּראָבלעמען איז אינגאַנצן אַן אַנדערער, ווי פון דעם דורכשניטלעכן מענטש.

וואָס עס האָט אויף מיר תמיד געמאַכט אַן אומפאַרגעסלעכן איינדרוק ביים ריידן מיט אַלבערט איינשטיין׳ען, איז געווען זיין אייגנאַרטיקער און פּשוט׳ער אופן, אויף וועלכן ער האָט באַהאַנדלט די שווערסטע מעטאַפיזישע טערמינען און פּראָבלעמען פון אונזער קיום. איך האָב אים געזאָגט איינמאָל בעת אַ שפּאַציר אין בערלין: „איר רעדט וועגן צייט, רוים און טראַנספאָר־מאַציעס, ווי איינער פון אונז, פּשוט׳ע מענטשן, רעדט וועגן קאַרטאָפל אָדער

וועגן אַ טראַמוויי". ער האָט באַהאַנדלט די שווערסטע פילאָזאָפישע טער־מינען און קאָנצעפּציעס, ווי זיי וואָלטן געווען זיין טעגלעך ברויט, און זיי זיינען עס טאַקע געווען. ער האָט זיך אַרומגעדרייט אין די ספערן פון די דאָזיקע אַבסטראַקטע קאָנצעפּציעס וועגן דער עקזיסטענץ פון אוניווערס און זיינע מיסטעריעס, ווי ער וואָלט זיך געהאַט באַטייליקט אין שאַפן זיי. פאַר אים איז עס געווען אַזוי נאַטירלעך צו האַנדלען מיט די דאָזיקע אידייען, אַז עס איז אים געווען שווער צו באַגרייפן, פאַרוואָס אַנדערע קענען אים נישט פאַרשטיין.

איך דערמאָן זיך, ווי איך בין איינמאָל געקומען צו אים אין זיין שטודיע־קאַבינעט אין בערלין און האָב אים געפונען זיצן אַ שטאַרק פאַר׳דאגה׳טן. ער האָט געהאַט פאַר זיך אַן אַמעריקאַנער זשורנאַל, וועלכער האָט פאַר־געשלאָגן אַ פּרייז פון עטלעכע טויזנט דאָלאַר פאַר דעם, וועלכער וועט קענען דערקלערן די רעלאַטיוויטעט־טעאָריע אויף אַ פאַרשטענדלעכן אופן פאַר די לייענער, אין אַן אָפּהאַנדלונג, וואָס זאָל אַרומנעמען בלויז פיר אָדער זעקס זייטן. איינשטיין האָט זיך דאַן געפונען אין גרויסע פינאַנסיעלע שוועריקייטן. עס איז געווען די צייט פון דער שרעקלעכער דייטשער אינפלאַציע נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען זיין געהאַלט אַלס פּראָפעסאָר איז אַבסאָלוט נישט געווען גענוג פאַר אים אַנצוגיין מיט זיין לעבן.

„גיט נאָר אַ קוק" — האָט ער מיר געזאָגט — „דאָ האָב איך אַ געלעגנהייט צו מאַכן אַ פאַרמעגן, און איך האָב געפּרוּווט אָנצושרייבן אַזאַ אַרטיקל. אָבער איך בין זיכער, אַז די רעדאַקטאָרן וועלן זאָגן, אַז די לייענער וועלן נישט פאַרשטיין מיין אַרטיקל, כאָטש מיר ווייזט ער זיך אויס צו זיין אַזוי איינפאַך, אַז יעדער איינער דאַרף אים קענען פאַרשטיין".

די שווערסטע מאַטעמאַטישע פאָרמולע האָט געמיינט פאַר אים דאָס, וואָס עס איז פאַר אונז, אַז צוויי און צוויי זיינען פיר. און איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן, ווי איין טאָג, באַלד נאָך דער פאַרעפנטלעכונג פון זיין ערשטער באַרימטער בראָשור וועגן דער רעלאַטיוויטעט־טעאָריע, איז ער איינגעלאַדן געוואָרן צו האַלטן אַ רעדע אויף אַ זייער גרויסער פאַרזאַמלונג פון אַקאַדע־מיקער און אינטעלעקטואַלן אין בערלינער אוניווערזיטעט. מען האָט אים געוואָרנט, אַז ער וועט מוזן ריידן אויף אַ זייער פאַרשטענדלעכן און פּשוט׳ן אופן, ווייל זיין עולם וועט נישט באַשטיין פון וויסנשאַפטלער און פיזיקער. „איר וועט זען" — האָט ער צו מיר געזאָגט, איידער ער איז געגאַנגען צו דער פאַרזאַמלונג — „ווי פּשוט איך וועל היינט אַלץ דערקלערן, און יעדער איינער וועט פאַרשטיין". ער האָט אָנגעהויבן אין די ערשטע עטלעכע מינוט

צו ריידן אַזוי, ווי ער וואָלט געהאַלטן אַ לעקציע פאַר אינגלעך פון אַ מיטל־שול, דערקלערנדיק די עלעמענטאַרסטע זאַכן פון פיזיק און מאַטעמאַטיק. און מיטאַמאָל האָט ער אין עטלעכע סעקונדעס געמאַכט אַ גיגאַנטישן שפּרונג און איז אַריין אין דעם מיסטעריעזסטן געביט פון העכערער מאַטעמאַטיק. אַלץ איז געווען פאַר אים אַזוי איינפאַך און עלעמענטאַר, ווי ער וואָלט אָרגאַניש נישט געווען פעאיק צו באַגרייפן די גרענעץ־ליניע צווישן דעם, וואָס עס פאַרשטייט אַ דורכשניטלעכער אינטעליגענטער מענטש, און וואָס עס ווייסט אַ גרויסער מאַטעמאַטיקער.

דאָס, מיין איך, איז געווען דער הויפּט־שטריך פון זיין כאַראַקטער אַלס זשעני. ער וואָלט געווען דער זעלבער זשעני, ווען ער וואָלט נישט אַנטוויקלט די רעלאַטיוויטעט־טעאָריע, אָדער אַנדערע וויסנשאַפטלעכע טאַריעס. גאונות איז נישט אָן ענין פון דערגרייכונגען, נאָר פון אייגנשאַפטן און קוואַליטעט. מען קען זיין אַ זשעני, נישט האָבנדיק גאָרנישט געשאַפן. מער, ווי אין דעם, וואָס ער האָט דערגרייכט און אַנטדעקט, האָט זיך איינשטיינ׳ס גאונות אויסגעדריקט אין דעם אופן, אין וועלכן ער איז צוגעגאַנגען צו די טיפסטע פּראָבלעמען פון מענטשלעכן קיום און פון אוניווערס. ער איז געווען אַ בירגער פון דער דאָזיקער וועלט פון די העכערע פילאָזאָפישע און וויסנשאַפטלעכע קאָנצעפּציעס, און דאָרט האָט ער זיך געפילט אין דער היים, ווי בלויז גאונים פון זיין טיפּ קענען זיך פילן.

דאָס דערקלערט זיין פּשטות. גאונים זיינען תמיד איינפאַך, נאָר טאַלאַנטן זיינען קאָמפּליצירט. גאונים רעדוצירן אַלע פּראָבלעמען צו דעם עלעמענטאַרסטן אַספּעקט. און די גרויסע פּשטות פון איינשטיינ׳ס מוח איז געווען דאָס, וואָס האָט געמאַכט אין אים דעם שטאַרקסטן איינדרוק. דאָס זעלבע באַציט זיך צו זיין כאַראַקטער אַלס אַ בשר ודם. אויב מען קען באַנוצן דעם טערמין „די נשמה פון אַ זשעני", דאַרף מען עס זאָגן וועגן איינשטיינ׳ען. די גרויסע מעלות פון אַ מענטשלעכער נשמה זיינען אין אים געווען אַזוי דאָמינירנדיק און אַזוי נישט פאַרטונקלט און פאַרקריפּלט דורך די פאַרשידענע ניואַנסן און קאָמפּליקאַציעס, אַז ער האָט תמיד מיך איבערראַשט אַלס דער פאַרקערפּערטער פּראָטאָטיפּ פון די גרויסע מענטשלעכע אייגנשאַפטן, אַזוי ווי אַ מענטש דאַרף זיין. די גוטסקייט פון זיין האַרץ, די אומגלויבלעכע אינטעגריטעט און ערלעכקייט פון זיין כאַראַקטער, זיין נאַטירלעכע ליבע פאַר אַנדערע מענטשלעכע באַשעפענישן האָבן זיך אויסגעדריקט אין זיין נשמה און אין זיין פּערזענלעכקייט מיט אַ קלאַסישער ריינקייט. אויב מען קען זיך פאָרשטעלן די שאַפונג פון אַ מענטשלעך באַשעפעניש, וועמענס

כאַראַקטער און לעבן; וועמענס געפילן און האַנדלונגען ווערן באַשטימט אויסשליסלעך דורך די דאָזיקע אייביקע, עלעמענטאַרע און פשוט׳ע אייגנשאַפטן פון דער מענטשהייט — וואָלט אַזאַ בשר ודם געווען אַזוי, ווי איינשטיין איז געווען.

עס איז געווען כמעט אוממעגלעך צו געפינען אַ חסרון אין זיין כאַראַקטער. דאָס, וואָס אַלע רעליגיעס און ציוויליזאַציעס לערנען קינדער צו זיין, איז ער געווען. אַ גוטהאַרציקער, אַ טאָלעראַנטער, אַן ערלעכער — און אויך דערביי איז זיין פשטות געווען די גרעסטע פון אַלע זיינע מעלות. דאָס, וואָס ער איז געווען, איז ער געווען גאַנץ נאַטירלעך, און אָן שום אָנשטרענגונגען אַזוי צו זיין. ער האָט נישט געקענט פאַרשטיין, פאַרוואָס אַנדערע קענען נישט האָבן דעם זעלבן כאַראַקטער, וואָס ער האָט געהאַט. איך דערמאָן זיך, ווי איך האָב אַמאָל געמוזט אָנוועקגעבן עטלעכע שעה אויף אַ פּרואוו, אַז ער זאָל מוחל זיין איינעם פון זיינע קאָלעגן, וועלכער איז באַגאַנגען עפּעס אַזעלכעס, וואָס ער האָט באַטראַכט פאַר נישט ריכטיק. איך האָב זיך באַמיט צו געפינען אַן אַנטשולדיקונג פאַר יענעם, צו דערקלערן יענעמס מאָטיוון. אָבער איינשטיין האָט עס פשוט נישט געקענט פאַרשטיין. „פאַרוואָס האָט ער דאָס געטאָן?" — האָט ער געהאַלטן אין איין פרעגן און איבערפרעגן. „ווי אַזוי האָט ער דאָס געקענט טאָן?" ער איז נישט געווען ביכולת צו באַגרייפן, פאַרוואָס עס געפינען זיך מענטשן, וועלכע זאָגן אַ ליגן, אָדער זיינען פּחדנים, אומערלעך, אָדער ווילן נישט העלפן אַנדערע מענטשן. ער איז אַרומגעגאַנגען אויף דער וועלט ביז צו זיינע לעצטע טעג, ווי אַ גרויס קינד, אומבאַשעדיקט און נישט קאָרופּטירט דורך די דערפאַרונגען און ליידנשאַפטן פון אונזער לעבן.

די דאָזיקע מאָטיוון האָבן אים אויך געמאַכט פאַר דעם גרויסן אידן. ער איז נישט אויסגעוואַקסן אין דער סביבה פון אידישע טראַדיציעס. ער איז געקומען פון אַן אַסימילירטער ספערע. ער האָט קיינמאָל נישט געוואוסט קיין סך וועגן אידישער געשיכטע, אידישער ציוויליזאַציע, אָדער וועגן די קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען פון אידישן לעבן אין אונזער דור. ער איז געוואָרן אַ איד צוליב מענטשלעכע מאָטיוון, צוליב סאָלידאַריטעט מיט די ליידנדיקע אידן און אַלס רעאַקציע אויף דעם, וואָס אידן ווערן אַזוי שרעקלעך באַליידיקט, גע׳רודפ׳ט און דיסקרימינירט. פּונקט אַזוי ווי ער האָט אויסגע־דריקט זיין סאָלידאַריטעט מיט אַלע פאַרפאָלגטע, דערנידעריקטע און ליידנ־דיקע מענטשלעכע באַשעפענישן, אַזוי האָט ער באַטראַכט פאַר זיין נאַטיר־לעכער פליכט אָנצונעמען זיך פאַר זיין אידישן פאָלק, וואָס האָט אַזויפיל

געליטן אין זיין צייט. און ער האָט געוואָלט, אַז מען זאָל אים פאַררעכענען פאַר איינעם פון זיי, פאַר אַ זון פון אידישן פאָלק. ער איז געווען אַ ציוניסט איבער זיין פשוט׳ער רעאַקציע אויף דער אידן־פראַגע: אידן זיינען היימלאָז, פאַרוואָס זאָלן זיי נישט האָבן אַ היימלאַנד? אידן ווערן פאַרפאָלגט אין אַ סך טיילן פון דער וועלט, זאָלן זיי האָבן אַן אייגן לאַנד, וואו זיי זאָלן זיך קענען פילן זיכער און רואיק.

רעדט מען וועגן איינשטיינ׳ען, דערמאָנט זיך די אַלטע אידישע מסורה וועגן די ל״ו צדיקים, אויף וועלכע עס שטייט די וועלט, און וועלכע ווייסן אַליין נישט, אַז זיי געהערן צו אָט־די יחידי סגולה. איינשטיין איז קיינמאָל נישט געווען אַנאָנים, אָדער אומבאַקאַנט. קעגן זיין שטאַרקסטן איבערלעכן פאַרלאַנג איז ער געווען באַרימט. אָבער אויב עס איז אַמאָל געווען אַ מענטשלעך באַשעפעניש, וואָס איז באמת געווען ראוי צו ווערן פאַררעכנט פאַר איינעם פון די ל״ו־ניקעס, איז עס געווען איינשטיין. ער וואָלט שרעקלעך אויפגעבראַכט געוואָרן, ווען ער וואָלט געהערט, אַז מען רופט אים „צדיק״. אָבער אויב עס האָט זיך געפונען אַ הייליקער מענטש אין אונזער דור, איז עס געווען איינשטיין. זיין אַנוועזנהייט און קיום, אומאָפּהענגיק דערפון, וואָס ער האָט בייגעשטייערט פאַר דער וויסנשאַפט און פילאָזאָפיע, איז געווען איינער פון די גרעסטע פאַרמעגנס פון דער מענטשהייט אין אונזער תקופה.

אַז אין אונזער עפּאָכע, וואָס איז אפשר די ברוטאַלסטע, ציניששטע און כאַאָטישסטע אין דער געשיכטע, האָט געקענט לעבן אַזאַ מענטש און זיין מיט אונז — דאָס אַליין גיט אַ זין און אַ מאָראַלישן „רעזאָן ד׳עטר״ פאַר אונזער לעבן. אַלבערט איינשטיינ׳ס עקזיסטענץ איז געווען איינער פון די ווייניקע גרויסע מאָראַלישע פאַרמעגנס אין אונזער תקופה — אַנטקעגנאיבער דער גאַנצער גייסטיקער אָרעמקייט און שרעקלעכע אַנטוישונגען. עס איז נישט קיין גוזמא צו זאָגן, אַז דורך איינשטיינ׳ס טויט איז אונזער אַלעמענס לעבן געוואָרן אָרעמער, און אַז מיר האָבן פאַרלוירן איינעם פון אונזערע גרעסטע גייסטער, וועלכער האָט אונז באַלויכטן דעם שווערן לעבנס־וועג. דאָס, וואָס מיר האָבן געהאַט די זכיה אים צו פאַרמאָגן אין אונזער דור, סיי אין אידישן און סיי אין ניט־אידישן, איז געווען איינע פון די ברכות, וואָס זיינען אונז געגעבן געוואָרן אין אונזער תקופה, אויף וועלכער עס זיינען געפאַלן אַזויפיל קללות. און דאָס אַליין באַרעכטיקט די נויטווענדיקייט, אַז מיר זאָלן האַלטן לעבעדיק איינשטיינ׳ס אָנדענק. ער וועט לעבן אייביק אין דער וועלט פון וויסנשאַפט און פילאָזאָפיע. אָבער עס איז נאָך אַ סך וויכטיקער, אַז ער זאָל לעבן אייביק אין דעם זכרון פון דער מענטשהייט, אַלס

איינער פון די ווייניקעביישפּילן אין דער געשיכטע פון דעם, וואָס מענטש־לעכע באַשעפענישן קענען זיין; צו וואָס פאַר אַ הויך פון אינטעלעקט און כאַראַקטער זיי קענען דערגרייכן; און צו וואָסערע גרויסע אידעאַלן זיי קענען זיך דערהויבן. אַלבערט איינשטיין בלייבט אַ ליכטיקער ביישפּיל פאַר אונז און פאַר די קומענדיקע דורות.

## אַנדערע פעלקער און אונזער פאָלק

„הונדערטער פעלקער האָבן געהאַט זייערע מדינות, אָבער קיין איין פאָלק האָט ניט געהאַט אַזאַ געשיכטע ווי אונזער פאָלק מיט דעם געמיש פון מלוכה׳שאַפט און גלות, מיט זיינע טענדענצן פון טעריטאָריאַלער קאָנצענטראַציע און אַלוועלטלעכער דעצענטראַ־ליזאַציע, מיט זיין איינציק־אַרטיקן ריטם, מיט זיין איינציק־אַרטיקער גרויסקייט, מיט זיין איינציק־אַרטיקער טראַגעדיע און מיט זיין איינציק־אַרטיקן העראָאיזם.

האָבן מיר ניט דאָס רעכט און די פליכט צונויפצוזאַמלען דאָס אַלץ אין אונזער באַוואוסטזיין און צו זיין אַנטשלאָסן צו בויען אַ צוקונפט, וואָס זאָל זיך רעכענען מיט אונזער פאַרגאַנגענהייט און זיין ווירדיק אונזער עבר?"

(פון רעפעראַט ביי דער אידעאָלאָגישער קאָנפערענץ אין ירושלים, אין אויגוסט 1957, וואָס איז צונויפגערופן געוואָרן דורך דער עקזעקוטיווע פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע)

# יוסף שפרינצאַק

(טרויער־רעדע ביי דער סעסיע פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט
אין ירושלים, אין פעברואַר 1959)

ווען איך האָב אין דער שווייץ דער־האַלטן די ידיעה, אַז יוסף שפּרינצאַק איז געשטאָרבן — און די ידיעה איז געקומען ליידער צו־שפּעט פאַר מיר צו פאָרן צו דער לוויה, וואָס איך וואָלט עס געטאָן אַלס אַן אינערלעכע באַדערפעניש — בין איך נישט נאָר געווען דערשיטערט פון דעם פאַרלוסט, נאָר איך האָב עס כמעט ניט געוואָלט גלויבן. און איך ווייס פון אַ סך חברים פון חוץ־לאָרץ, וואָס האָבן עס נישט געגלויבט. און איך זאָג דאָס מיט כוונה צום אַנהויב, ווייל דאָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר שפּרינצאַק'ן און זיין פּאָזיציע אין אונזער לעבן. לאָגיש האָבן מיר אַלע געדאַרפט זיין גרייט פאַר דעם קלאַפּ, באַזונדערס זיינע נעענטע־רע פריינט, וואָס האָבן געוואוסט נישט נאָר, אַז ער איז 74 יאָר אַלט, נאָר אַז ער איז געווען האַרץ־ליידנדיק, האָט געהאַט אַן אַטאַקע מיט יאָרן צוריק, און האָט געהאַט אַ זייער שווערע אַטאַקע מיט אייניקע חדשים צוריק. ראַציאָנעל און לאָגיש האָט מען געמוזט זיין גרייט, אַז דאָס אומגליק קען יעדן טאָג פּאַסירן. פונדעסטוועגן האָט קיינער זיך נישט דערלויבט צו טראַכטן, אַז עס קען פּאַסירן. אַזוי ווי אַ קינד פאַרשטייט נישט, אַז זיין טאַטע קען שטאַרבן. ער קען אים זען טעגלעך שווער קראַנק, אָבער ער קען זיך נישט פאָרשטעלן, אַז איין טאָג וועט ער פאַרלירן דעם טאַטן.

ער איז געווען איינער פון די פונדאַמענטאַלסטע זיילן פון אונזער לעבן. דאָס האָט גאָרנישט צו טאָן מיט פּאָזיציעס, מיט טיטלען. וואָס עלטער איך ווער, אַלץ מער פאַרשטיי איך, וואָס פאַרא קנאַפּע באַדייטונג עס האָבן טיטלען און פּאָזיציעס. אַנטשיידנדיק איז דער מענטש און וואָס ער איז אָן טיטלען און אָן פּאָזיציעס. אין דעם קאָסמאָס, אין וועלכן מיר לעבן, אין דעם ציוניס־טישן קאָסמאָס, איז ער געווען איינער פון די זעלבסטפאַרשטענדלעכע אָרגאַ־נישע טיילן. און ווען איך האָב געזאָגט „קינד און טאַטע", ליגט אין דעם נישט נאָר אַ רעטאָרישער פאַרגלייך. עפּעס איז ער געווען, ווי אַ טאַטע פון דער באַוועגונג. דערפאַר האָבן מיר זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז ער קען אַרויסגעריסן ווערן פון אונז; הגם דער מוח האָט געדאַרפט וויסן, אַז עס קען זיין אַ וועלט, אין וועלכער עס איז נישטאָ דער טאַטע. אָבער מען

פאַרשטייט דאָס נישט, מען וואונדערט זיך אויף הקדוש ברוך הוא און אויף דער וועלט, אויף דעם שיקזאַל, אַז עס קען פּאַסירן. אָבער אַזוי ווי עס האָט פּאַסירט, איז אונזער וועלט נישט נאָר געוואָרן אָרעמער, עס איז קאַלטער געוואָרן, עס איז גרויער געוואָרן, עס איז ביטערער געוואָרן, עס פעלט אַ גרויסער עלעמענט פון מענטשלעכקייט אין דעם קאָסמאָס, וואָס מען רופט ציוניזם. מיר זיינען געוואָרן יתומים.

שפּרינצאַק איז געווען אַ מערקווירדיקער טיפּ פון אַ פירער. איך שטודיר פאַר מיר אַליין זינט יאָר־צענדליקער טיפּן פון אידישע און נישט־אידישע פירער אין זייערע פאַרשיידענע וואַריאַציעס. שפּרינצאַק איז נישט געווען אַ מענטש וואָס האָט געהאַט פון געבורט אָן, פון אָנהויב אָן די סימנים און די אייגנשאַפטן פון אַ פירער — שיין, גרויס און מעכטיק. אַז הערצל איז דערשינען, האָט מען אָן אַרויסצורעדן אַ וואָרט געזען, אַז ער איז אַ פירער. אַנדערע פירער זיינען געבוירן אין רייכטום, אין מאַכט, אין גרויסע פּאָזיציעס. שפּרינצאַק האָט נישט געהאַט די אייגנשאַפטן פון די פירער, פאַר וועלכע מען האָט מורא, וועלכע טעראָריזירן, ווערן אין כעס און גיבן באַפעלן; מ׳דערשרעקט זיך פאַר זיי, מען ציטערט פאַר זיי. אונזער צייט איז זייער רייך אין אַזעלכע טיפּן — אידן און נישט־אידן — פון טעראָריזירנדיקע פירער. ווען שפּרינצאַק איז געקומען אין אַ געזעלשאַפט, איז ער געווען אחד מעמו, אַ חבר, שטיל, באַשיידן, נישט אימפּאָנירנדיק. און פונדעסטוועגן איז ער געווען איינער פון אונזערע גרעסטע פירער.

עס איז דאָ אַ טיפּ פירער, וואָס איז, לויט מיין איבערצייגונג און דער־פאַרונג, גרעסער און ווירקזאַמער, הגם רואיק און שטיל, נישט אַזוי דראַמאַ־טיש, נישט מרעיש עולמות, אָבער אַ העכערער טיפּ פון אַ פירער, וואָס מען האָט נישט מורא פאַר אים, אָבער מען האָט אים ליב. דאָס איז אפשר די העכסטע פאָרם פון פירערשאַפט. ווייל די פּאָזיציע פון פירערשאַפט דער־גרייכט מען נישט תמיד דורך דערפאַלגן. מענטשן קענען האָבן אומגעהויערע דערפאָלגן און מען האָט פאַר זיי רעספּעקט. מען באַוואונדערט זיי. אָבער דערפאָלגן רופן נישט אַרויס קיין ליבע. מען דערוועקט נישט קיין ליבע דורך גרויסער אויטאָריטעט. אָפטמאָל געשעט להיפך: די פירערשאַפט, וואָס איז באַזירט אויף דער ליבע פון מענטשן צום פירער, דערגרייכט מען נאָר דאַן, ווען מען גיט אַליין ליבע. דאָס איז אַ ריין־פּערזענלעכער דערפאָלג פון אַ מענטש, ווען ער דערגרייכט צו אַזאַ שטופע פון אַ פירער. שפּרינצאַק׳ס פירער־פּאָזיציע האָט ער דערגרייכט נישט דורך זיינע דערפאָלגן, נאָר מיט זיין האַרצן, מיט זיין נשמה.

איך קען זייער ווייניק פירער אין דער ציוניסטישער וועלט — איך מעג זאָגן, אויך אין דער אידישער וועלט בכלל — וועלכע זיינען געווען אַזוי באַליבט — נישט אין דעם געוויינטלעכן זין — נאָר געליבט פון דעם גאַנצן פאָלק. אַ פאָלק האָט אַן אינסטינקט פאַר נשמה מער ווי פאַר אינטעלעקט, און רעאַגירט אויף די געפילן וואָס אַ פירער ברענגט אים אַנטקעגן. צו אינטעלעקט באַציט מען זיך מיט יראת־הכבוד, מיט באַוואונדערונג, מיט פורכט און יראה, אָבער גאַנץ זעלטן מיט ליבע. שפּרינצאַק האָט געהערט צו דער אויסדערוויילטער קאַטעגאָריע, וואָס מען באַציט זיך צו זיי מיט ליבע.

איך האָב פאַרזוכט זיך אַליין קלאָר צו מאַכן, וואָס עס זיינען געווען די כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפטן פון זיין פיגור. איך וויל דאָ אָנדייטן בלויז דריי, וועלכע שיינען מיר צו זיין די הויפּט־אייגנשאַפטן פון זיין פערזענלעכקייט. ער איז קודם־כל געווען אַ גרויסער חכם — דאָס איז אַ זייער־זעלטענע און מאַנכמאָל אַ זייער גרויסע קוואַליטעט. ביי אונז אידן שפּילן חכמה און חכמים אַ גרויסע ראָלע. חכם עדיף מנביא. דאָס איז אַ גרויס וואָרט פאַר אַ פאָלק, ביי וועמען די נביאים זיינען געווען די פונדאַמענטן פון זיין גייסטיקער און זיטלעכער קולטור. איך ווייס נישט, אויב אַזאַ וואָרט געפינט זיך ביי אַנדערע פעלקער. אָבער אידן מיינען, אַז מיר האָבן אַ סך חכמים. דער אמת איז, אַז מיר האָבן זייער ווייניק. חכמה הייסט נישט זיין כיטרע. עס הייסט נישט פקחות. עס איז אַ פיל־טיפערער ענין: איך ווייס נישט, אויב אַנדערע פעלקער רופן זייערע גרויסע מענטשן חכמים און צי זיי ריידן וועגן דברי חכמים מיט דער אומגעהויערער חשיבות, וואָס זיי האָבן ביי אונז. אפשר איז דאָס אַ באַווייז, אַז מיר האָבן נישט קיין סך פון אמת'ער חכמה. אַ פאָלק שעצט אַלעמאָל דאָס, וואָס איז אַ זעלטענע זאַך. חכמה איז אַ פיל־גרעסערע אייגנשאַפט, ווי נאָר אַן אינטעלעקטועלע פקחות. עס איז אַן אייגנשאַפט נישט ווייניקער פון דער נשמה ווי פון דעם אינטעלעקט. בלויז מיט דעם אינטעלעקט אַליין איז קיינער נאָך נישט געוואָרן קיין חכם. אַ פקח קען מען זיין בלויז מיט דעם אינטעלעקט. כיטרע, געשיקט, קען מען זיין מיט דעם אינטעלעקט, אָבער נישט קיין חכם.

אַ חכם מוז האָבן צוויי אייגנשאַפטן: ער מוז האָבן די אייגנשאַפט צו שטיין איבער די ענינים, נישט אין די ענינים. ווייל ווען ער שטייט אין די ענינים, ווערט ער דעטערמינירט אין זיין שיקול־הדעת דורך ליידנשאַפטן. אַמאָל איז ער ברוגז, אַמאָל אין כעס, אַמאָל איז ער ווילד, אַמאָל ליידנשאַפטלעך. ער מוז אָבער שטיין איבער די ענינים, איבער די מענטשן, איבער די פּאַרטייען, איבער די פּראָבלעמען. ער מוז האָבן אַ גלאָבאַלן קוק אויף זיי.

נאָר דאַן קען ער האָבן די סערעניטעט, די באַלאַנסירטקייט, וואָס איז דער ערשטער באַדינג פאַר אמת׳ער חכמה. און צווייטנס דאַרף ער פאַרשטיין וואָס דער אַנדערער צד טראַכט און פילט. דאָס איז אַן אַבסאָלוטע נויטווענדיקייט.

ביי אַן אַנדערער געלעגנהייט האָב איך געזאָגט: דער אונטערשייד פון אַ פּאָליטיקער ביז אַ שטאַטסמאַן איז, אַז דער פּאָליטיקער ווייסט נאָר וואָס זיינע אַנהענגער ווילן, אָבער דער שטאַטסמאַן פאַרשטייט וואָס זיינע קעגנער פאַרלאַנגען. אַ מענטש, וועלכער דאַרף אורטיילן וועגן סיטואַציעס און שווערע פּראָבלעמען, דאַרף זיך אַריינלעבן אין דעם, וואָס דער אַנדערער צד מיינט. דאָס פאַרשטייט מען נאָר דאַן, ווען מען האָט אַ מאָס פון סאָלידאַריטעט מיט דעם אַנדערן צד, אַפילו ווען מען איז נישט איינשטימיק מיט אים. מען מוז האָבן אַביסל סימפּאַטיע פאַר די קעגנער. מען מוז זיך קענען אַריינלעבן אין יענעמס נשמה, הגם מען נעמט נישט אָן זיין שטאַנדפּונקט. חכמה איז נישט בלויז אַן אינטעלעקטועלע אייגנשאַפט פון מוח, נאָר אויך אַ כאַראַקטער־אייגנשאַפט. עס איז אַ סינטעזע פוןביידע אייגנשאַפטן. שפּרינצאַק האָט ביידע אייגנשאַפטן געהאַט אין אַ גרויסער מאָס. דאָס איז געווען זיין ערשטע כאַראַקטעריסטיק.

מיט דעם קום איך צו שפּרינצאַק׳ס צווייטער מעלה. ער איז געווען אַן אומגעהויער גוטער מענטש. מיר באַרימען זיך, אַז מיר זיינען רחמנים בני רחמנים, אָבער אמת׳ע גוטסקייט איז אַ סך אַ זעלטענערע אייגנשאַפט, ווי מיר גלויבן. ווען מען פרעגט זיך אַמאָל, ווער עס זיינען די גרויסע פיגורן, די פירער־פיגורן אין אונזער געשיכטע, וועלכע האָבן אויפגעהאַלטן דאָס פאָלק, וועלכע האָבן גאַראַנטירט זיין קיום אין די אוממעגלעכע באַדינגונגען פון אונזער היסטאָריע — איז דער ענטפער, אַז עס זיינען דאָ צוויי קאַטעגאָריעס, צוויי צורות פון פירער־טיפּן: דער פאַנאַטיקער, דער קנאי, דער עקשן, וואָס זאָרגט נאָר פאַר אידייען. ביי אים מעגן מענטשן אונטערגיין. קומט אויס, אַז ביי אים איז די אידייע ברוטאַל און גרויזאַם. און עס איז דאָ דער אַנדערער טיפּ, דער שטילער, דער צדיק, דער גוטער, וואָס האָט ליב די מענטשן אפשר מער ווי די אידייען. ביידע זיינען נויטיק. דער אידישער קיום וואָלט אפשר נישט אויפגעהאַלטן געוואָרן, ווען עס וואָלטן נאָר געווען די צדיקים; אָבער זיכער וואָלטן מיר נישט געבליבן לעבן אַלס פאָלק, ווען מיר וואָלטן נאָר געהאַט די קנאים. די קנאים בויען וועלטן און צעשטערן וועלטן. די צדיקים האַלטן־אויף די וועלט. שפּרינצאַק האָט געהערט צו דער צווייטער קאַטעגאָריע, וואָס ביי אונז איז זי זעלטענער ווי די ערשטע. קנאים האָבן מיר אַ סך; גוטע מענטשן — ווייניק. דאָס אידישע לעבן איז זייער אַ האַרט

לעבן, באַזונדערס אין ישראל. דאָס איז נישט אַ לאַנד וואָס צייכנט זיך אויס מיט גוטסקייט. איך זאָג עס נישט קריטיש. עס איז אַ העראָאיש לאַנד. ס'איז שווער צו זיין גוט און העראָאיש, צו זיין אַ רחמן און הומאַן אין אַזעלכע שווערע סיטואַציעס. שפּרינצאַק האָט געהערט צו דער קליינער זעלטענער קאַטעגאָריע פון אידישע פירער, וועלכע זיינען געווען גוטע מענטשן.

ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט ליב דאָס אידישע פאָלק. דאָס קען באַדייטן אַ סך. מען קען ליבן אַבסטראַקט דעם קאָלעקטיוו, דעם איינציקאַרטיקן היסטאָרישן פענאָמען פון דעם אידישן פאָלק מיט זיין איינציקאַרטיקער געשיכטע און זיין איינציקאַרטיקן שיקזאַל. דאָס קען זיין אַן אַבסטראַקטע אינטעלעקטועלע ליבע. אָבער ווען שפּרינצאַק האָט געזאָגט, אַז ער האָט ליב דאָס אידישע פאָלק, האָט דאָס געהייסן, אַז ער האָט ליב געהאַט א ל ע מיליאָנען אידן. זעלבסטפאַרשטענדלעך האָט ער נישט געהאַט צו טאָן מיט יעדן איינצלנעם פון זיי. אָבער ווען עס איז געקומען צו אים אַן איינצלנער איד, איז ער געווען אין דעם מאָמענט פאַר אים שקול, אין אַ געוויסער מאָס, ווי דאָס גאַנצע אידישע פאָלק. איך האָב עס אָפט דערלעבט, ווען ער האָט מיר „גענודעט" וועגן אַ קליינער זאַך, וועגן אַן אלמנה, וועגן אַ קינד, אַז מען מוז עפּעס טאָן פאַר זיי. דאָס איז געווען אמת'ע גוטסקייט. ער האָט אַרומגענומען דאָס פאָלק אַלס גאַנצקייט, אָבער נישט אַלס אַבסטראַקטן, נאָר יעדן איינצלנעם, יעדן יחיד. דערפאַר איז זיין גאַנצע לעבנס־פילאָזאָפיע געווען — שלום און אַחדות, נאָכגעבן — און נישט זיין אַ קנאי, נישט אַרויסוויזן די אַראָגאַנץ פון פאַנאַטיזם און נישט גלויבן, אַז ביי דיר איז דער גאַנצער אמת. דאָס איז נישט נאָר געווען ביי שפּרינצאַק'ן אַ פּאָליטישע אויסרעכענונג, אַז אַ פאָלק מוז האָבן אַחדות און שלום; דאָס איז געלעגן טיף אין זיין האַרצן. ער איז אַמאָל אויך געווען ברוגז, ער איז נישט געווען מער ווי אַ מענטש, אָבער ביי אים איז עס שנעל פאַרגאַנגען. זיין טיפע פּסיכאָלאָגיע איז געווען — די גוטסקייט און די ליבע צו מענטשן בכלל און באַזונדערס צו אידן, וואָס ער האָט געפילט, אַז זיי דאַרפן האָבן די ליבע אין זייער לאַגע; באַזונדערס אין דער תקופה, וואָס ער און מיר זיינען פאַראורטיילט אין איר צו לעבן, צווישן די גרויזאַמע דערשיינונגען, דאַרף דאָס אידישע פאָלק האָבן מער ליבע ווי אַן אַנדער פאָלק. דערפאַר איז ער געווען פאָלקסטימלעך. חברים האָבן אים געזאָגט: וואָס גייסטו צו אַלע כינוסים און פאַרשווענדעסט דיין ענערגיע אויף אַזעלכע קלייניקייטן? ער האָט דאָס געטאָן, ווייל ער האָט ליב געהאַט צו זיין צווישן אידן. עס איז געווען פאַר אים אַ הנאה. ער האָט מיר אָפט געזאָגט: איך שעפּ פון דעם כוח, מיין נשמה פרייט זיך צו זיין צווישן אידן, בתוך עמי.

דאָס איז געווען עכט ביי אים, נישט קיין דעמאַגאָגיע פון זוכן פּאָפּולאַריטעט, נאָר דער אויסדרוק פון דער ליבע־באַציאונג צו יעדן אידן.

איך וויל זאָגן אין דעם צוזאַמענהאַנג אַ וואָרט, און איך האָף, אַז מיינע ציוניסטישע חברים וועלן מיך נישט שלעכט פאַרשטיין. זיין אומגעהויערע ליבע צו דער ציוניסטישער באַוועגונג איז געוואָרן גרעסער זינט דער עטאַב־לירונג פון דער מדינה. עס איז געווען ביי אים ווי די ליבע צו אַ קינד, וואָס מען דיסקרימינירט אים, וואָס האָט נישט די גלייכע פּאָזיציע ווי אַנדערע. אַ טאַטע האָט אַמאָל מער ליב אַ קינד, וואָס איז ווייניקער געראָטן ווי אַנדערע. דער קריזיס פון ציוניזם, ווי מען רופט אים, זינט דער עטאַבלירונג פון דער מדינה, איז גאָרנישט קיין ענין פון אידעאָלאָגיע, נאָר פון פּסיכאָלאָגיע. אַ סך פון די גרויסע פירער זיינען אַוועקגעגאַנגען צו אַנדערע געביטן, וועלכע זיינען דראַמאַטישער, אַטראַקטיווער און גלאַררייכער. שפּרינצאַק האָט געפילט, אַז איצט, מער ווי ווען עס איז, דאַרף ער בלייבן מיט דעם ציוניסטישן קינד. איך דערמאָן דאָס אַלס נאָך אַן אויסדרוק פון זיין גוטסקייט. דווקא, ווייל מען האָט געמיינט, אַז ציוניזם איז מער נישט נויטיק און מען האָט געוואָלט דעם ציוניזם פאַררוקן אין אַ זייט, האָט שפּרינצאַק געפילט, אַז ער דאַרף זיין מיט אים. אויף וויפל איך וויים, האָט ער קיינמאָל נישט אַריינגעלייגט אַזויפיל נשמה, האַרץ און ענערגיע אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, ווי אין די לעצטע צען יאָר.

אַ פּאָר ווערטער וועגן אַ דריטער אייגנשאַפט. דער איד יוסף שפּרינצאַק איז אויפגעוואַקסן אין גלות, נישט אין קיין אַריסטאָקראַטישע פאַרהעלטענישן, אָבער ער האָט געהאַט אַ טיפע ליבע צו שיינקייט. עס איז געווען אין אַ געוויסער מאָס אַן אומגליקלעכע ליבע. און אומגליקלעכע ליבעס זיינען אַמאָל די רירנדיקסטע ליבעס. עס איז געווען אַן אומגליקלעכע ליבע, ווייל ער האָט זיך נישט געקענט קיין סך אָפּגעבן מיט זיין שטרעבן נאָך שיינקייט. ער איז געווען באַשעפטיקט מיט דער פּאָליטיק און פאַרנומען מיט פּראָזאַאישע פּראָבלעמען, וועלכע זיינען אַזוי צענטראַל אין דעם לאַנד וואָס ברענגט עולים און דאַרף בויען אַ נייע רעאַליטעט. וואו איז דאָ פּלאַץ אין אונזער צייט פאַר שיינקייט און פאַר פייערונגען? אָבער ער האָט געהאַט אַ גרויסע בענקשאַפט נאָך דעם. דאָס איז אַ זעלטענע דערשיינונג צווישן אַ סך פון אונז. ער האָט געהאַט אַ מערקווירדיקן געפיל פאַר פאַרמען. אַ טייל פון אונז האָבן געגלויבט, אַז ער איבערטרייבט, און האָבן געמאַכט וויצן אויף דעם חשבון. איך האָב אַלעמאָל געהאַט גרויס רעספּעקט פאַר דעם. פאָרמען זיינען נישט אויסער־לעכקייטן. אידן האָבן אין די לעצטע יאָרהונדערטער זיך איינגערעדט, אַז

פּאַרמען זיינען נישט וויכטיק, נאָר אידייען, רעזאָלוציעס, פּראָגראַמען. שפּרינ־צאַק האָט אָבער געפילט, אַז פאָרמען זיינען קולטור, טאַקט, באַציאונג צווישן מענטשן, און אַז דאָס איז אַמאָל אַזוי וויכטיק ווי פּראָגראַמען און אידייען.

שפּרינצאַק האָט באַזונדערס פאַרשטאַנען, אַז אַ פאָלק, וואָס וויל בויען אַ מדינה און וואָס וויל אַרויסקריכן פון אַנאַרכישן כאַאָס פון זיין לעבן, מוז שענקען אויפמערקזאַמקייט צו פאָרמען. עס איז אַ טעות ווען מען מיינט, אַז אין געטאָ האָבן פאָרמען נישט געשפּילט קיין ראָלע. אין די גרויסע קאָנסטרוקטיווע צייטן פון דער אידישער געטאָ האָבן פּראָטאָקאָלן און פאָרמען, יחוס און עליות געשפּילט אַ גרויסע ראָלע. דאָס איז געווען אין די צייטן, ווען אידן האָבן געהאַט זייער פאָרמאַטיוון פּאָטערלאַנד אין געטאָ. נאָר אין דעם לעצטן יאָרהונדערט, ווען די געטאָ איז נישט געווען מער קיין געטאָ און אַלץ איז געווען אין אַ צושטאַנד פון איבערגאַנג, האָבן מיר פאַרלוירן דעם זין פאַר פאָרמען אין דעם אידישן לעבן. שפּרינצאַק האָט פאַרשטאַנען, אַז אַ פאָלק, וואָס וויל קומען צוריק צו זעלבסטשטענדיקייט און וויל אָרגאַניזירן זיין לעבן, מוז אויך אָרגאַניזירן זיינע לעבנס־פאָרמען.

און צוליב די אַלע אייגנשאַפטן איז ער געוואָרן, ווי מיר אַלע ווייסן, נישט דער פאָרזיצער פון דער אָדער יענער אָרגאַניזאַציע, נאָר ער איז געוואָרן דער פאָרזיצער. איך ווייס נישט, צי ער איז געווען אַ גוטער פאָרזיצער ביי די זיצונגען. דאָס איז נישט געווען דער הויפּט־מאָטיוו פאַרוואָס מיר האָבן אים באַטראַכט אַלס דעם פאָרזיצער, וועלכן מען דאַרף גאָרנישט ווילן, נאָר דאָס איז געווען צוליב די סיבות וואָס איך האָב אויסגערעכנט. ער איז געשטאַנען איבער די פּראָבלעמען, דאָרט וואו דער אידעאַלער פאָרזיצער דאַרף שטיין. עס איז נישט געווען וויכטיק, צי טעכניש האָט ער שטענדיק גוט געפירט אַ זיצונג; וויכטיק איז געווען זיין פעאיקייט צו קענען צוזאַמענהאַלטן אַ פאָלק, די מאַסן, די פּאַרטייען. די דאָזיקע אייגנשאַפט האָט אים געמאַכט אַלס דעם פאָרזיצער אין העכערן זין פון דעם וואָרט. ער איז געווען דער סימבאָל פון גאַנצקייט, ווען ער האָט געפירט דעם פאָרזיץ פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט, אָדער אין דער כנסת. ער האָט געהאַט די מענטשלעכע מעלות פאַר דעם, נישט דערפאַר וויל מיר האָבן אים געוויילט.

איך וויל אויך ריידן וועגן דער ירושה, וואָס ער האָט איבערגעלאָזן. ער איז געווען אַ קלאַסישער רעפּרעזענטאַנט פון ציוניזם אין זיין בעסטער פאָרם, פון דער אַמביציעזסטער פאָרם פון ציוניזם, וואָס איז מער ווי אַ נאַציאָנאַליסטישע אָדער נאַציאָנאַלע באַוועגונג און וואָס איז ווייט מער ווי נאָר אַ מלוכה׳שע באַוועגונג, וועגן וועלכער איך האָף, אַז זי וועט זיין אַ סך

מער ווי אַ אידישע אויפלאַגע פון אייראָפּעאישן נאַציאָנאַליזם פון 19טן און 20טן יאָרהונדערט, וואָס האָט געבויט וועלטן און וואָס האָט צעשטערט וועלטן. וואָס עלטער איך ווער, אַלץ מער הויב איך אָן זיך צו פרעגן, צי דער נאַציאָנאַליזם איז נישט אַ זייער צווייִדייטיקע באַוועגונג, וואָס קען זיין קאָנסטרוקטיוו און אויך דעסטרוקטיוו. מיר האָבן מיט צוויי וועלט־מלחמות באַצאָלט פאַר דער דייטשיש־דעסטרוקטיווער פאָרם פון נאַציאָנאַליזם. שפּרינצאַק איז געווען אַ פאַרטרעטער פונעם ציוניזם אין דער בעסטער אויסטייטשונג. ציוניזם איז געווען אַ גרויסע מענטשלעכע אידייע פאַר אים. ער האָט געוואָלט זען אַ מדינה נישט נאָר ווי אַלע מדינות, אַ נאַציע נישט נאָר ווי אַלע נאַציעס, נאָר אויסגעפילט מיט די סאָציאַלע אידייען און מיט אידעאַלן פון אונזער געשיכטע. ער האָט דאָס אָפט אויסגעדריקט. אָבער בנוגע אַזעלכע אידעאַלן איז נישט גענוג, ווען מען רעדט וועגן זיי. מען דאַרף זיך אויך באַמיען זיי צו רעאַליזירן, ווי קליין די פאַרווירקלעכונג זאָל נישט זיין. ביי אים איז דאָס געווען אמת און ערלעך. אין דער טאָג־טעגלעכער פּאָליטישער אַרבעט, אין זיינע באַציאונגען צו די פּאַרטייען, ביים באַהאַנדלען פּאָליטישע פּראָבלעמען האָט ער פאַרזוכט דאָס צו פאַרווירקלעכן. ער איז געווען אַ קלאַסישער פאַרטרעטער פון אידישן פאָלק און פון אידישן לאַנד. דערפאַר האָט ער ראַציאָנעל און אידעאָלאָגיש אַזוי געגלויבט אין די גרויסע אויפגאַבן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, איצט אפשר נאָך מער ווי פאַר דער עטאַבלירונג פון דער מדינה, כדי צו פאַרמיידן די געפאַר פון אַ שרעקלעכן ריס צווישן דער מדינה, וואָס גייט איין וועג, און פון גלות וואָס גייט אַן אַנדערן וועג. מיט זיין צוגאַנג צו די פּראָבלעמען, וואָס איז קודם־כל געווען ליבע צו אידן, איז פאַר אים דאָס פאָלק געווען הונדערט מאָל וויכטיקער ווי די מדינה. מען דאַרף קודם־כל ראַטעווען דאָס פאָלק. זעלבסטפאַרשטענדלעך איז די מדינה דער וויכטיקסטער אינסטרומענט דערפאַר. אָבער ס'איז אויך געווען ביי אים די ליבשאַפט צו די אידן אין גלות, און ער האָט פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון קולטור־אַרבעט אין גלות, פון חינוך, פון אַ טעאַטער־גרופּע אין וואַרשע, פון אַ כאָר, פון אַלץ וואָס איז אַ מיטל פאַר דעם הויפּט־צוועק, וואָס איז געווען דער קיום פון פאָלק, און נאָר דאָס פאָלק.

און דערפאַר האָבן מיר אַזויפיל פאַרלוירן מיט זיין אַוועקגיין. יעדער האָט פאַרלוירן אַ פריינט. דאָס איז נישט אַלעמאָל אַזוי ביי גרויסע פירער. עס זיינען דאָ גרויסע פירער, וואָס ווען זיי שטאַרבן, האָט דאָס פאָלק פאַרלוירן אַ מנהיג, אָבער דער יחיד האָט נישט פאַרלוירן. ווייל דער פירער איז געשטאַנען ווייט פון פאָלק, איבער דעם פאָלק, קעגן דעם פאָלק. עס איז

נישט געווען די אינטימע מענטשלעכע באַציאונג צווישן אים און דעם פאָלק. דער טויט פון שפּרינצאַק׳ן איז אַ פאַרלוסט פאַר יעדן איינעם; פאַר די מאַסן, וואָס האָבן אים נאָר איינמאָל געזען אין ריאָ־דע־זשאַנייראָ, אין בוענאָס־איירעס און אין שיקאַגאָ, און זיכער פאַר די, וואָס האָבן מיט אים געאַרבעט יאָרן־לאַנג.

מיר אידן שטעלן נישט קיין סטאַטועס פאַר גרויסע מענטשן. דאָס איז ריכטיק. אַ סטאַטוע באַדייט זייער ווייניק. די גרעסטע סטאַטוע וואָס אַ מענטש קען האָבן, איז אין האַרצן פון די וועלכע האָבן אים געקאַנט און האָבן אים געליבט. מיר אַלע וועלן טראָגן אין זיך דאָס בילד פון דעם מענטשן, שפּרינ־צאַק, פון זיין שמייכל, פון זיין גוטסקייט, פון זיין חכמה, פון זיינע אגב־אורחא־באַמערקונגען, מיט וועלכע ער האָט אָפט אויסגעטייטשט אַ פּראָבלעם מיט איין וואָרט, וואָס דאָס איז אמת׳ע חכמה.

דעם אמת׳ן דענקמאָל וועט ער, אין צוגאָב צו זיין גרויסער פּאָזיציע אין דער אידישער געשיכטע, האָבן ערגעץ־וואו אין אַ ווינקל פון האַרצן ביי יעדן פון אונז. דאָס איז זיין גרעסטער דענקמאָל, וואָס זייער ווייניק פירער, נישט קיין פינף און נישט קיין צען אידישע פירער, קענען דערויף אַספּירירן. אין מיין גאַנצן דור ווייס איך נישט קיין צען אידישע פירער, וואָס קענען האָבן אַזאַ דענקמאָל, וואָס שפּרינצאַק האָט אַליין זיך געשאַפן און וואָס וועט בלייבן. דאָס איז אפשר דער גרעסטער דענקמאָל, וועלכן אַ מענטש קען דערגרייכן דורך זיין לעבן, דורך זיין ווירקן, דורך זיין האַרץ און דורך זיין נשמה.

## אידישער גורל

„די געשיכטע אין אַלגעמיין דיקטירט, אַז גלות'ן ווערן דעזינ־טעגרירט און זיי פאַרשווינדן. אין די פיל וויכוחים, וואָס איך האָב געהאַט מיט מיין פריינט יעקב קליאַצקין, דעם אַממערסטן אויס־געהאַלטענעם, גלענצנדיקן און לאָגישן פאַרטיידיקער פון דער טעאָ־ריע, אַז עס וועט ניט קאָנען זיין קיין פערמאַנענטער גלות נאָכדעם, ווי דאָס אידישע היימלאַנד וועט געשאַפן ווערן, האָט ער טאַקע אַזוי אַרגומענטירט.

מיין ענטפער, וואָס איך האָב אים געגעבן במשך פון אַלע יאָרן, איז געווען, אַז די אַזוי־גערופענע געזעצן פון דער געשיכטע — אויב זיי עקזיסטירן בכלל, וואָס איז נאָך צווייפלהאַפט — קאָ־נען ניט תמיד אָנגעווענדעט ווערן בנוגע דער אידישער געשיכטע און אידישן גורל. איך האָב אים אַמאָל געזאָגט, אַז ווען אַ יעקב קליאַצקין וואָלט געלעבט אין דער צייט פון חורבן בית המקדש, וואָלט ער באַוויזן מיט דער זעלבער לאָגישער אויסגעהאַלטנקייט און קלאָרקייט, אַז עס איז ניטאָ קיין שום אויסזיכט פאַר דעם צעזייטן און צעשפרייטן אידישן פאָלק צו בלייבן לעבן אָן זיין צענטער. אָבער לאָגיק איז איין זאַך, און די גאונות פון פאָלק איז אַ צווייטע זאַך.

די אומגעווייגלעכסטע דערגרייכונג פון אונזער פאָלק איז געווען צו שאַפן אין די אוממעגלעכע באַדינגונגען פון גלות די פאָרמען פון לעבן, וועלכע האָבן — להיפוך צו אַלע היסטאָרישע געזעצן און אַלע 'נאָרמאַלע' אופנים — פאַרזיכערט אונזער נאַציאָנאַלן המשך".

(פון רעפעראַט ביי דער אידעאָלאָגישער קאָנפערענץ אין ירושלים, אין אויגוסט 1957, וואָס איז צונויפגערופן געוואָרן דורך דער עקזעקוטיווע פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע)

# אידן

# און דייטשן

דר. נחום גאָלדמאַן איז געווען דער איניציאַטאָר און פאַרווירקלעכער פון דער אַקציע פאַר באַקומען פון נאָך־מלחמה־דיקן דייטשלאַנד די „שילומים"־געלטער. ער איז פּרעזידענט פון דער קאָנפערענץ פאַר אידישע מאַטעריעלע תביעות צו דייטשלאַנד.

די דאָזיקע אַקציע איז געווען פאַרבונדן מיט א רייע קאָמפּליצירטע קאָנטראָווערסיעלע פּראָבלעמען, בעיקר וועגן דער באַציאונג צווישן אידן און דייטשן נאָכן צוזאַמענברוך פון היטלעריזם.

די דאָזיקע פּראָבלעמען ווערן באַהאַנדלט דורך דר. גאָלדמאַנען אין ווייטערדיקן טייל פון דעם בוך.

א. א.

# דירעקטע אידיש־דייטשע פאַרהאַנדלונגען

(דיסקוסיע־אַרטיקל, פאַרעפנטלעכט אין "Zionist Quaterly", ניו־יאָרק, 1952)

די עפנטלעכע דיסקוסיע וועגן דער פראַגע פון די אידישע פאָדערונגען צו דייטשלאַנד איז געוואָרן פאַרשאַרפט און פאַרפלאָנטערט איבער דעם, ווייל עס איז פאַראַן אַ טענדענץ ביי דער עפנטלעכער מיינונג צו פאַרמישן צוויי גאַנץ פאַרשידענע אַספּעקטן פון דעם אַלגעמיינעם פּראָבלעם פון די דייטש־אידישע באַציאונגען.

פון איין זייט איז דאָ די פראַגע וועגן דער באַציאונג צווישן אידישן פאָלק און דייטשן פאָלק, ווי אויך — אויף אַ מער קאָנקרעטן און פאָרמעלן אופן — וועגן דער באַציאונג צווישן מדינת ישראל און דער דייטשער מלוכה. דאָס דאָזיקע גרויסע און מאָראַלישע פּראָבלעם איז — ווי איך האָב שוין אָפּט באַטאָנט — נאָך נישט רייף פאַר אַ לייזונג. נישט דאָס ציילן די שטימען אין אַ קאָמיסיע, אויך נישט דער ווערדיקט פון אַ קאָנגרעס אָדער פּאַרלאַמענט, ווי רעפּרעזענטאַטיוו ער זאָל נישט זיין — קען נישט לייזן דאָס דאָזיקע פּראָבלעם. דער באַשלוס וועגן דעם איז אַ פראַגע פון צייט.

עס איז קלאָר פאַר אַלעמען: איידער דאָס אידישע פאָלק וועט זיין בכוח אָוועקלייגן אַן אַ זייט אַלע ביטערע זכרונות וועגן נאַצי־רעזשים און וועט זיין גרייט צו נאָרמאַליזירן זיינע באַציאונגען מיטן דייטשן פאָלק; איידער ישראל וועט קענען אָנקניפּן דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען מיט דייטשלאַנד, און איידער אידן וועלן קענען אָנהויבן צו קאָאָפּערירן מיט די דייטשן, ווי זיי טוען דאָס מיט אַנדערע פעלקער — וועט די צייט דאַרפן ברענגען טיפע ענדערונגען אין דעם דייטשן נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. די דייטשן וועלן דאַרפן זיך אָפּ־טרייסלען אויף שטענדיק פון די נעאָ־נאַצישע און אַגרעסיווע עלעמענטן, וועלכע דאָמינירן אַ סך געביטן פון זייער לעבן היינט־צו־טאָג. זיי וועלן דאַרפן באַווייזן, אַז זיי זיינען געטריי און לאָיאַל די דעמאָקראַטישע אידעאַלן, און אַז זיי רעספּעקטירן מענטשלעכע רעכט. ביז איצט האָבן אַ סך דייטשן נישט געגעבן דעם דאָזיקן באַווייז. די דייטשן וועלן דאַרפן מאַכן אַ סוף אויף שטענדיק צו זייער אַנטיסעמיטיזם. זיי וועלן דאַרפן דעמאָנסטרירן, נישט בלויז מיט ווערטער, נאָר מיט מעשים, אַז זיי האָבן זיך געענדערט אויף אַזוי פיל, בכדי זיי זאָלן איינזען, אַז נאַצי־דייטשלאַנד איז געווען *זייער* שונא, ווי דער שונא פון דער גאַנצער מענטשהייט.

איך וויל באַטאָנען מיט דער גאַנצער אַנטשלאָסנקייט, אַז עס איז קיינמאָל נישט געווען די כוונה, נישט פון דער ישראל־רעגירונג און נישט פון דער קאָנפערענץ פאַר די אידישע מאַטעריעלע תביעות צו דייטשלאַנד — די צוויי אָפיציעלע קערפּערשאַפטן, וועלכע האָבן צו טאָן מיט דעם פּראָבלעם פון די דייטשע אַנטשעדיקונגען — צו נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר „נאָרמאַליזירן" די דייטש־אידישע באַציאונגען. דאָס איז אַ פאַראַנט־וואָרטלעכקייט, וואָס קען אַרויפגעלייגט ווערן אויפן אידישן פאָלק, אַלס אַ גאַנצן, און קען נישט געטראָגן ווערן — ווי איך האָב שוין געזאָגט — דורך קיין שום גרופּע פון פירער, ווי רעפּרעזענטאַטיוו זיי זאָלן נישט זיין.

אָבער עס איז פאַראַן אַ גאָר אַנדערער אַספּעקט פון דער פראַגע, וואָס קען און מוז באַהאַנדלט ווערן גאַנץ באַזונדער פון דעם אַלגעמיינעם פּראָב־לעם וועגן די דייטש־אידישע באַציאונגען. דאָס האָט צו טאָן מיט דעם איינ־פאַכן פאַקט, אַז דער נאַצי־רעזשים האָט צוגערויבט ביי אידן איבער גאַנץ אייראָפּע ריזיקע פאַרמעגנס, סיי געזעלשאַפטלעכע און סיי פּריוואַטע. ווער קען פאַרלייקענען דאָס מאָראַלישע רעכט פון די אידן צו מאַכן אַלע אַנשטרענ־גונגען, בכדי צוריקצוקריגן וויפיל עס איז נאָר מעגלעך פון די דאָזיקע צוגערויבטע פאַרמעגנס ? דאָס דאָזיקע אומבאַשטרייטבאַרע מאָראַלישע רעכט האָבן די יחידים, וועלכע האָבן איבערגעלעבט דעם נאַצי־טעראָר און מאָנען איצט צוריק זייערע פּריוואַטע אייגנטומס. דאָס דאָזיקע רעכט האָבן די לעבן־געבליבענע יורשים פון די, וועלכע האָבן פאַרלוירן סיי זייערע פאַר־מעגנס און סיי זייערע לעבנס. דאָס דאָזיקע אומבאַשטרייטבאַרע רעכט האָבן אויך די אידישע געזעלשאַפטלעכע קערפּערשאַפטן, וועלכע רעדן אין נאָמען פון די מיליאָנען אידן, וואָס זיינען דער׳הרג׳עט געוואָרן און האָבן נישט געלאָזן קיין יורשים.

צו פאַרלייקענען דאָס דאָזיקע רעכט, אַנצונעמען די שטעלונג, אַז מיר ווילן נישט צוריקקריגן פון די דייטשן אונזערע פאַרמעגנס, וואָלט געווען, לויט מיין מיינונג, אַבסאָלוט אוממאָראַליש. דאָס אָננעמען אַזאַ שטעלונג וואָלט געמיינט, אַז מיר זיינען גרייט צו צאָלן אַ פּרעמיע פאַר מערדער און רויבער. דאָס האַנדלען אויף אַזאַ דאָן־קישאָטישן אופן וואָלט אפשר עסטעטיש געהאַט אַ געוויסן רייץ. אָבער אויב מען רעדט וועגן מענטשלעכע לעבנס און וואוילזיין, וועגן רעאַלע פאַקטן און אומשטענדן, וואָלט אַזאַ האַנדלונג געווען נאַריש און מאָראַליש נישט־באַרעכטיקט.

דאָס רעכט פון די אידן צו פאָדערן צוריק די אייגנטומס, וואָס זיינען פון זיי צוגענומען געוואָרן, איז שוין לאַנג אַנערקענט געוואָרן נישט בלויז

דורך דער עפנטלעכער מיינונג פון דער וועלט, נאָר אויף אַ פּראַקטישן אופן דורך די מערבֿ־מלוכות. די ערשטע אין דער הינזיכט צו האַנדלען איז געווען די אַמעריקאַנער רעגירונג, וועלכע האָט אויף דער פֿאָדערונג פון די אידישע אָרגאַניזאַציעס אַרויסגעגעבן אין דער אַמעריקאַנער זאָנע פון דייטשלאַנד אַ רייע פון רעגולאַציעס וועגן צוריקגעבן די צוגע׳גנבֿ׳עטע פאַרמעגנס צו זייערע אייגנטימער אָדער יורשים, און אין די פאַלן, ווען עס זיינען נישטאָ קיין יורשים — צו דער „דזשואיש רעסטיטיושן סוקסעסער אָרגאַניזיישן" („אירסאָ"). די דאָזיקע אַמעריקאַנער אַקציע איז אָנגעהויבן געוואָרן נאָך מיט פינף יאָר צוריק. ענלעכע שריט זיינען לעצטנס אונטערגענומען געוואָרן אין דער בריטישער און פראַנצויזישער זאָנעס פון דייטשלאַנד.

אין דער „דזשואיש רעסטיטיושן סוקסעסער אָרגאַניזיישן" זיינען פאַר־טראָטן די מערסטע פון די פירנדיקע אידישע אָרגאַניזאַציעס אין דער וועלט. די אַדמיניסטראַציע ליגט בעיקר אין די הענט פון דער אידישער אַגענטור פאַר ארץ־ישראל און פון אַמעריקאַנער „דזשאָינט", וואָס זיינען לויט אַ פאַר־שטענדיקונג די צוויי אָרגאַניזאַציעס, וועלכע באַנוצן זיך מיט די פאָנדן פון דער „אירסאָ". עס דאַרף באַמערקט ווערן, אַז די „אירסאָ" איז שוין טעטיק במשך פון אַ רייע יאָרן. „אירסאָ" האָט ביוראָס אין דייטשלאַנד. אירע פאָרשטייער האַנדלען דירעקט מיט די דייטשע באַאַמטע, ווען דאָס איז נויטיק. „אירסאָ" האָט שוין ביזן היינטיקן טאָג אויפגעמאָנט פאַרמעגנס אין ווערט פון מיליאָנען דאָלאַר. און זי האָט דאָס אַלץ דורכגעפירט אָן שום פּראָטעסט פון וועמען־עס־איז. להיפוך, איר אַרבעט איז מיטן גאַנצן האַרצן אונטערשטיצט געוואָרן דורך אַ טייל פון די, וועלכע טרעטן איצט אַרויס עפנטלעך אַזוי שאַרף קעגן דעם איינציקן פּראַקטישן וועג, וואָס איז פאַר אונז אָפן פאַר פאָדערן צוריק אונזערע פאַרמעגנס, וועלכע דערגרייכן צו זייער באַדייטנדיקע סומעס.

איצט קומען מיר צו אַ נייעם אַספּעקט פון דעם פּראָבלעם וועגן די דייטשע מאַטעריעלע אַנטשעדיקונגען. די „אירסאָ" און ענלעכע קערפּער־שאַפטן האַנדלען נישט מיט אַ נאַציאָנאַלער דייטשער רעגירונג, נאָר מיט די באַזונדערע רעגירונגען פון די דייטשע לענדער. אָבער דער גרעסטער טייל פון די אידישע פאַרמעגנס איז צוגענומען געוואָרן נישט דורך איינצלנע דייטשן, און נישט דורך די באַזונדערע דייטשע לענדער, נאָר דורך דעם דייטשן רייך, וואָס מיינט דורך דער פעדעראַלער רעגירונג. די פאַרמעגנס, וואָס זיינען צוגענומען געוואָרן דורך דער פעדעראַלער רעגירונג, קענען נאַטירלעך נישט געפאָדערט ווערן צוריק פון די רעגירונגען פון די באַזונדערע לענדער.

במשך פון דער גאַנצער צייט, זינט עס זיינען געשאַפן געוואָרן די נאָך־מלחמה׳דיקע צענטראַלע דייטשע רעגירונגען — אין מערב־דייטשלאַנד און אין מזרח־דייטשלאַנד — זיינען זיי אויפגעפאָדערט געוואָרן איינצופירן די זעלבע רעגולאַציעס פאַר צוריקגעבן די צוגענומענע פאַרמעגנס, וואָס די אָקופּאַציע מלוכות האָבן אַרויפגעלייגט אויף די באַזונדערע לענדער אין זייערע זאָנעס. דער ערשטער פּאָזיטיווער אָפּרוף איז געקומען פון קאַנצלער אַדע־נאַוער, אין פאַרגאַנגענעם מאָנאַט סעפּטעמבער, ווען ער האָט מיט דער צושטימונג פון פּאַרלאַמענט פון באָן, מיטגעטיילט וועגן דער גרייטקייט פון זיין רעגירונג צו פאַרהאַנדלען וועגן דעם ענין. דאָס איז געווען אַ דערקלערונג, וואָס האָט געדאַרפט געמאַכט ווערן מיט יאָרן צוריק. אָבער דער פאַקט, אַז די דערקלערונג איז געקומען שפּעט, פאַרקלענערט נישט איר גרויסע באַ־דייטונג. אין דער דאָזיקער דערקלערונג האָט די רעגירונג פון באָן, וואָס האָט זיך פּראָקלאַמירט אַלס דער לעגאַלער יורש פון נאַצי־רייך, עפנטלעך באַשטעטיקט די מאָראַלישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דייטשן פאָלק צו געבן מאַטעריעלע אַנטשעדיקונגען דעם אידישן פאָלק.

אַזוי־אַרום איז פאַר אונז געעפנט געוואָרן די טיר צו פאָדערן צוריק די צוגערויבטע גרויסע פאַרמעגנס, וועלכע געפינען זיך איצט, אין איין פאָרם אָדער אין אַן אַנדערער, אין דעם אויסשליסלעכן באַזיץ פון דער רעפּובליק פון באָן, און צו וועלכע מיר האָבן ביז איצט גאָרנישט געקענט צוקומען.

נאַטירלעך וואָלט עס געווען זייער איינפאַך און אָנגענעם צו האַנדלען מיט דער באָן־רעפּובליק, אַזוי ווי די „אירסאָ״ האַנדלט מיט די באַזונדערע דייטשע לענדער, ד. ה. דורך די אָקופּאַציע־אויטאָריטעטן. ווי פיין עס וואָלט געווען, ווען די דריי מערב־מלוכות (נישט מזרח־דייטשלאַנד און נישט סאָוועט־רוסלאַנד האָבן אָנגענומען דעם פּרינציפּ פון צוריקגעבן די צוגערויבטע פאַרמעגנס, און זיי קענען דעריבער נישט גענומען ווערן אין באַטראַכט בעת דער איצטיקער דיסקוסיע) וואָלטן אַרויפגעלייגט אויף דער באָן־רעפּובליק מיט צוואַנג די פליכט צו געבן אַנטשעדיקונגען! ווי אָנגענעם דאָס וואָלט געווען, ווען מיר וואָלטן געקענט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט, און זאָלן די דאָזיקע מערב־מלוכות אויפמאָנען פאַר אונז דאָס געלט!

ליידער ווייזן אָבער נישט אַרויס די מערב־מלוכות די גרייטקייט צו טאָן פאַר אונז די דאָזיקע אַרבעט. אין די לעצטע עטלעכע יאָר האָלטן זיי, אַז עס איז אין זייערע בעסטע אינטערעסן אַריינצומישן זיך וואָס ווייניקער אין דעם, וואָס זיי רופן־אָן דייטשלאַנד׳ס „אינערלעכע״ ענינים. זיי האַלטן איצט ביים אונטערשרייבן מיט באָן אַן אָפּמאַך, וואָס וועט צוריקשטעלן פאַרמעל

די דייטשע סאָווערעניטעט אין אַלע ענינים, אַ חוץ אין די, וואָס האָבן צו טאָן מיט דער אָקופּאַציע און מיט דער זיכערקייט פון מערב.

מיר דאַרפן אַפילו נישט טרעפן וועגן דעם, וואָס עס וועט זיין די שטעלונג פון די מערב־מלוכות אין דער פראַגע. עס זיינען שוין פאַראַן דאָקומענטן. ביי צוויי געלעגנהייטן האָט די רעגירונג פון ישראל געבעטן די שטיצע פון די מערב־מלוכות פאַר באַקומען אַנטשעדיקונגען פון דער צענטראַלער דייטשער מאַכט. אין בײדע פאַלן איז דער ענטפער פון די מערב־מלוכות געווען אַ פּאָזיטיווער בנוגע דעם מאָראַלישן ווערט פון דער אידישער פאָדערונג און אַ פולשטענדיק נעגאַטיווער וועגן דעם, אַז זיי, די מערב־מלוכות, זאָלן נעמען אויף זיך די ראָלע אויפצומאָנען פאַר ישראל די אַנטשעדיקונגען.

עס איז דעריבער אַבסאָלוט קלאָר, אַז דער איינציקער וועג, אויף וועלכן מיר קענען פאָדערן, אַז מען זאָל צוריקגעבן דעם גרעסטן טייל פון די פאַר־מעגנס, וואָס זיינען צוגערויבט געוואָרן ביי אידן, איז דורך אונזערע אייגענע אַנשטרענגונגען, דאָס הייסט דורך דער גרייטקייט פון דער רעגירונג פון ישראל און פון אידישע גרופּעס אין די תפוצות, וואָס זיינען אָרגאַניזירט אין דער קאָנפערענץ פאַר די אידישע מאַטעריעלע תביעות צו דייטשלאַנד, — צו פאַרהאַנדלען מיט די דייטשן.

אין אמת'ן וואָלטן דירעקטע פאַרהאַנדלונגען סוף־כל־סוף געווען אומ־פאַרמיידלעך, אויך ווען די מערב־מלוכות וואָלטן געווען גרייט צו נעמען אויף זיך די ראָלע פון „פאַרמיטלער". דער פאַקט, אַז אַמעריקע, פראַנקרייך און ענגלאַנד, יעדע איינע אין איר זאָנע, האָבן אויסגעטראַטן דעם וועג פאַר די טעטיקייטן פון „אירסאָ", האָט נישט באַזייטיקט די נויטווענדיקייט, אַז אידן זאָלן ריידן מיט דייטשן. דאָס געזעץ וועגן צוריקגעבן פאַרמעגנס, וואָס די אַמעריקאַנער מאַכט האָט איינגעפירט אין איר אָקופּאַציע־זאָנע, האָט נישט באַפרייט די פאַרשטייער פון „אירסאָ" פון דער נויטווענדיקייט צו האַנדלען דירעקט מיט די אינדיווידועלע דייטשן, מיט די דייטשע געריכטן און מיט די דייטשע רעגירונגס־באַאַמטע. להיפוך, דאָס געזעץ האָט געמאַכט אומ־פאַרמיידלעך די דאָזיקע דירעקטע פאַרהאַנדלונגען. און די דאָזיקע אונטער־האַנדלונגען האָבן, פון זייער זייט, דערמעגלעכט, אַז די „אירסאָ" זאָל דער־לידיקן אַ רייע תביעות מיט די רעגירונגען פון העסען, ווירטעמבערג און ברעמען, און וועגן דער רעגולירונג פון די מאָנונגען אין אַנדערע דייטשע לענדער ווערט איצט פאַרהאַנדלט.

קיין שום פּראָטעסט האָט מען קיינמאָל נישט געהערט קעגן די דאָזיקע פאַרהאַנדלונגען און דערליידיקונגען פון די תביעות. מען דאַרף דעריבער

שטעלן די פראַגע: פאַרוואָס איז דערלויבט צו פאַרהאַנדלען מיט דעם פינאַנס־מיניסטער פון העסען, אָדער פון בייערן, אָבער עס איז נישט דערלויבט צו פאַרהאַנדלען מיט דעם קאַנצלער פון דער רעפּובליק פון באָן?

לאָמיר, פונדעסטוועגן, אָננעמען בלויז לשם דיסקוסיע, אַז עס וועט זיין מעגלעך צו איבערצייגן די מערב־מלוכות צו פאַרהאַנדלען אין נאָמען פון די אידן מיט דער באָן־רעפּובליק וועגן אַ רעגולירונג פון די אידישע תביעות. יעדער אָפּמאַך, וואָס וועט אויף אַזאַ אופן געשלאָסן ווערן, וועט דאַרפן ווערן דורכגעפירט דורך אַ דירעקטן קאָנטאַקט צווישן ישראל און דער דייטשער מאַכט. ווייל עס איז אַ פאַקט, אַז דייטשלאַנד וויל נישט און קען נישט דער־פילן אירע פאַרפּליכטונגען דורך אויסשרייבן אַ טשעק און אַוועקשיקן אים מיט דער פּאָסט. ווען אַפילו דייטשלאַנד זאָל דאָס וועלן טאָן, וועלן די מערב־מלוכות, וועלכע לייגן אַריין מיליאָנען דאָלאַר אין דייטשלאַנד, פאַרווערן דער באָן־רעגירונג אַזוי צו האַנדלען. דאָס אויסצאָלן במזומנים וועט סוף־כל־סוף אַרויפלייגן אַ צוגאָב־לאַסט אויף די אַמעריקאַנער, ענגלישע און פראַנצויזישע שטייער־צאָלער.

די צאָלונגען וועלן דעריבער דאַרפן געמאַכט ווערן בעיקר אין סחורות. די דאָזיקע סחורות וועלן דאַרפן אויסגעקליבן ווערן אין פאַרהאַנדלונגען מיט דער דייטשער אינדוסטריע און מיט דייטשע רעגירונגס־באַאַמטע. מען וועט דאַרפן דורכקומען וועגן די פּרייזן פון די באַזונדערע סחורות. מען וועט דאַרפן אַראַנזשירן דעם טראַנספּאָרט פון די סחורות. מען וועט דאַרפן זיך פאַרשטענדיקן וועגן די אַן אַ שיעור איינצלהייטן פון אַזאַ ריזיקן טראַנספער פון סחורות, וואָס וועט אָנהאַלטן אַ לאַנגע צייט. דערוואַרט עמעצער, אַז די אַמעריקאַנער אָדער די בריטישע רעגירונג זאָלן איינשטימען אויפצו־שטעלן אַזאַ גרויסן אַפּאַראַט, וואָס איז נויטיק פאַר די דאָזיקע אָפּעראַציעס? אַזאַ אידייע איז פאַנטאַסטיש, און סוף־כל־סוף דאָן־קישאָטיש.

מיט צוויי יאָר צוריק האָב איך דערקלערט אין ישראל, אַז אין דעם דאָזיקן ענין וועלן ניט זיין קיין שבת־גוים. אָדער מיר וועלן אַליין דורכפירן דעם ענין, אָדער עס וועט וועגן דעם גאָרנישט געטאָן ווערן. אין אַנדערע ווערטער מיינט דאָס: מיר האָבן דעם אויסוואַל אָדער צו פאַרהאַנדלען מיט די דייטשן, אָדער איבערלאָזן די גאַנצע זאַך אין דייטשע הענט.

איך פאַרשטיי זייער גוט די עמאָציאָנעלע אַנטיפּאַטיע, וואָס אַ סך אידן האָבן קעגן דער אידייע וועגן פאַרהאַנדלען דירעקט מיט דייטשע באַאַמטע. אָבער, ווי איך האָב שוין אָנגעוויזן, איז דאָס איז שוין איינגעבראָכן געוואָרן אין דער היבזיכט. מיר אונטערהאַנדלען שוין מיט די דייטשן זינט יאָרן.

אויסער דעם גלויב איך נישט, אַז איבער דער דאָזיקער מאָראַלישער אַנטי־פּאַטיע זאָל מען מעגן אַוועקנעמען ביי די לעבן־געבליבענע קרבנות פון די נאַצישע פאַרפאָלגונגען דעם גרויסן נוצן, וואָס זיי קענען האָבן פון דעם צוריקקער פון אידישע פאַרמעגנס אין ווערט פון הונדערטער מיליאָנען דאָלאַר. וואָס פאַר אַ מאָראַלישער פּרינציפּ דיקטירט, אַז מען זאָל ביי אַ פאַרברעכער איבערלאָזן די אוצרות, וואָס ער האָט אַנגעראַבעוועט? מיט וואָס דינט מען דעם אידישן כבוד און דעם אידישן זעלבסט־רעספּעקט דורך דעם, וואָס מען נעמט אַוועק פון ישראל און פון היטלער׳ס לעבן־געבליבענע קרבנות די פאַרמעגנס, פון וועלכע זיי זיינען די פולבאַרעכטיקטע יורשים, נאָר דערפאַר ווייל אַ טייל פון אונז לאָזן זיך פירן דורך עמאָציע און ניט דורך שכל?

די אַרגומענטן, וואָס די לינקע עלעמענטן באַנוצן קעגן די פאַרהאַנדלונגען, זיינען בכיוון בייזוויליקע און אויך צו־נאַרישע, אַז מען זאָל זיי באַטראַכטן פאַר ערנסט. זיי זאָגן, אַז די דאָזיקע פאַרהאַנדלונגען זיינען „פאַראָרדנט" געוואָרן דורכן אַמעריקאַנער סטייט־דעפּאַרטמענט (אויסערן־מיניסטעריום). זיי טענה׳ן, אַז די דאָזיקע פאַרהאַנדלונגען וועלן העלפן דער דייטשער ווידערבאַוואָפענונג און וועלן צואיילן דאָס צוריקשטעלן די דייטשע סואווערעניטעט.

דער פאַקט איז, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די דייטשע ווידערבאַוואָפענונג וועט פאָרקומען גאַנץ אומאָפּהענגיק דערפון, צי די אידן וועלן באַשליסן צו פאַרהאַנדלען מיט דער באָן־רעגירונג, אָדער נישט. אויך וועט די עקזיסטענץ, אָדער ניט־עקזיסטענץ פון אידישע פאַרהאַנדלונגען בשום־אופן נישט ענדערן דאָס צוריקשטעלן די דייטשע סואווערעניטעט, וועגן וועלכער עס ווערט איצט פאַרהאַנדלט צווישן דער באָן־רעגירונג און די מערב־מלוכות. און וואָס איז שייך וועגן דעם, אַז דער סטייט־דעפּאַרטמענט האָט „פאַראָרדנט", אַז די אידן זאָלן פאַרהאַנדלען מיט די דייטשן, בין איך נישט אינגאַנצן זיכער, צי דער היפּוך דערפון איז נישט אמת. איך האָב דאָס געפיל, אַז אין זייער גלויבן אין דעם, אַז וואָס די דייטשן זאָלן נישט צוריקצאָלן די אידן, וועט דאָס סוף־כל־סוף קומען פון די טאַשן פון די אַמעריקאַנער שטייער־צאָלער, וואָלטן געוויסע באַאַמטע פון סטייט־דעפּאַרטמענט בעסער געוואָלט, אַז די דאָזיקע פאַרהאַנדלונגען זאָלן קיינמאָל נישט ווערן אָנגעהויבן.

איך וואָלט מער פאַרשטאַנען די אָפּאָזיציע פון אידן קעגן דירעקטע פאַרהאַנדלונגען, אויב עס וואָלט פאָרגעשלאָגן געוואָרן צו פאַרבינדן די פאַרהאַנדלונגען מיט מאָראַלישע קאָנצעסיעס צו דייטשלאַנד אין נאָמען פון ישראל און פון אידישן פאָלק. אָבער וועגן קיין שום קאָנצעסיעס אַזעלכע — נישט

וועגן קיין צוזאָגן מוחל צו זיין, און נישט וועגן קיין פאַרזיכערונג צו פאַר־געסן — האָט קיינמאָל נישט גערעדט און נישט דערמאָנט קיין איין אידישער פאַרשטייער, אין שייכות מיט דעם ענין פון די פאַרהאַנדלונגען. קיין שום קאָנצעסיעס אַזעלכע וועלן אויך נישט זיין. מיר פירן דאָ נישט קיין מקח־וממכר. קיינער זאָגט נישט צו די דייטשן: איר צאָלט אונז, און מיר וועלן איך פאַרגעבן. מיר זאָגן נישט צו גאָרנישט. מיר שלאָגן נישט פאַר גאָרנישט. מיר פאָדערן גאַנץ איינפאַך דאָס, וואָס עס קומט אונז מאָראַליש און געזעצלעך.

פאַראַן נאָך אַן אַרגומענט, וואָס ווערט אַרויסגערוקט דורך איבערגע־שפּיצט־קלוגע מענטשן, — אַז עס האָט נישט קיין שום זין צו פאַרהאַנדלען, ווייל סיי־ווי־סיי וועלן די דייטשן נישט אויספירן קיין שום אָפּמאַך, וואָס וועט געשלאָסן ווערן. ווער האָט דאָס רעכט מבטל צו מאַכן די מעגלעכקייט פון צוריקקריגן ריזיקע אידישע פאַרמעגנס איבער דעם, וואָס עמעצער גיט זיך אָפּ מיט טרעפן, וואָס עס וועט זיין. דאָס איז די גרעסטע אומפאַראַנטוואָרט־לעכקייט. געוויס וועט עס זיין די אויפגאַבע פון די אונטערהענדלער צו פאַרהיטן, אַז די געהעריקע גאַראַנטיעס פאַר דורכפירן דעם אָפּמאַך זאָלן אַריינגענומען ווערן אין דעם אָפּמאַך גופא, ווען ער וועט געשלאָסן ווערן.

איך פּרעטענדיר נישט צו זאָגן, אַז די אידישע פירערשאַפט האָט דעם מאָנאָפּאָל אויף חכמה. אָבער זיכער האָט עס אַ געוויסע באַדייטונג, וואָס די פירער פון די גרעסערע אידישע אָרגאַניזאַציעס אין דער וועלט, ציוניסטישע און ניט־ציוניסטישע — אַריינרעכענענדיק די אידישע אַגענטור, „דזשאָינט", „אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע", „בריטיש באָרד אָוו דעפּיוטיס", דעם אידישן אַרבעטער־קאָמיטעט — זיינען אַלע פאַר דירעקטע פאַרהאַנדלונגען. ביי דער באַראַטונג פון קאָמיטעט פון דער קאָנפערענץ פאַר אידישע מאַטעריעלע תביעות צו דייטשלאַנד, וואָס איז פאַרגעקומען דעם 20טן יאַנואַר (1952), האָבן זעכצן פירנדיקע אידישע אָרגאַניזאַציעס געשטימט פאַר דירעקטע פאַר־האַנדלונגען, איינע („אגודת ישראל") האָט געשטימט קעגן, און צוויי האָבן זיך אָפּגעהאַלטן פון שטימען. אָבער די דאָזיקע דריי אָרגאַניזאַציעס זיינען געבליבן אין דער קאָנפערענץ. האָבן נישט די פירער פון די אַלע אָרגאַני־זאַציעס קיין שום געפיל פאַר אידישן כבוד און אידישן זעלבסט־רעספּעקט? זיינען אידישער כבוד און אידישער זעלבסט־רעספּעקט געוואָרן דער עקסקלו־זיווער מאָנאָפּאָל פון מפ"ם, „חירות", פון אַ צאָל אידישע שרייבער און פון די אַלגעמיינע ציוניסטן אין ישראל (וועמענס פירער, דר. פּרץ בערנשטיין, איז באַקאַנט אַלס אַנהענגער פון פאַרהאַנדלונגען)?

צוליב די אַלע טעמים באַטראַכט איך דעם באַשלוס פון דער כנסת־

מערהייט אין ישראל אַלס אַ פּאַרנונפטיקן און שטאַטסמעסיקן. מלוכות און פעלקער קענען זיך נישט דערלויבן, אַז עמאָציע זאָל דיקטירן זייער פּאָליטיק. דערפאַר, ווייל מיר קענען קיינמאָל נישט פאַרגעסן, וואָס נאַצי־דייטשלאַנד האָט מיט אונז געטאָן, דאַרפן מיר נאָך נישט אָפּזאָגן זיך פון די גרויסע אידישע פאַרמעגנס, וועלכע קענען ברענגען אַזאַ שטאַרקן נוצן אין ישראל לטובת די געראַטעוועטע פון דעם זעלבן נאַצי־רעזשים. פּאַקטיש וואָלט אַזאַ פּאָליטיק פון „ברוגז" געבראַכט אונז מער שאָדן ווי די דייטשן, וועלכע וואָלטן באַוויזן, אַז זיי קענען צוריקקריגן זייער סואווערעניטעט אָן דעם, אַז זיי זאָלן נאָכקומען די אידישע פאָדערונגען.

אַלס יחידים זיינען מיר פריי אויסצוקלייבן די, מיט וועלכע מיר ווילן פאַרהאַנדלען. די פירער פון אַ פאָלק, אָדער פון אַ מדינה זיינען נישט אין אַזאַ באַקוועמער לאַגע. פון טאָג צו טאָג מוזן רעגירונגען האַנדלען מיט זייערע שונאים פון נעכטן און מיט — ווער ווייס? — זייערע שונאים פון מאָרגן. זיי קענען נישט מקריב זיין די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון זייערע פעלקער צוליב דעם, וואָס זיי פּערזענלעך געפעלן נישט די, מיט וועלכע זיי דאַרפן פאַרהאַנדלען. ווען עס איז בויטיק, זיצן זיי ביי איין טיש מיט רעגירונגען און מיט יחידים, וועלכע זיי האָבן פיינט און וועלכע זיי פאַראַכטן. דאָן־קישאָט איז איינע פון די גרויסע פיגורן אין דער וועלט־ליטעראַטור, אָבער די מדינה, וואָס וועט אים אויסקלייבן אַלס איר פירער, וועט לאַנג נישט אויסהאַלטן.

דעריבער פיר איך אויס, אַז די אַרגומענטן פון די, וועלכע וואָלטן זיך אָפּגעזאָגט פון באַקומען אַנטשעדיקונגען און צוריקקריגן די צוגערויבטע פאַרמעגנס פון דייטשלאַנד, האָבן נישט קיין שום מאָראַלישן ווערט. פונקט אַזוי אַנערקען איך נישט די מאָראַלישקייט פון די אַרגומענטן פון די, וועלכע זיינען גרייט צו נעמען די אַנטשעדיקונגען, אָבער באַשטייען אויף דעם, אַז אַנדערע זאָלן פאַר זיי איינקאַסירן די געלטער. איך פרעג אויך אָפּ די חכמה פון די, וועלכע טענה'ן: די דייטשן וועלן קיינמאָל נישט באַצאָלן, טאָ וואָס פאַר אַ זין האָט עס צו פאַרלאַנגען פון זיי? איך האַלט נישט דערפון, אַז רעגירונגס־פּאָליטיק דאַרף געפירט ווערן דורך אַסטראָלאָגיע.

נישט מדינת ישראל און נישט די קאָנפערענץ פאַר אידישע מאַטעריעלע תביעות צו דייטשלאַנד האָבן זיך סתם־אַזוי אַריינגעוואָרפן אין די דאָזיקע פאַרהאַנדלונגען. קיין שום שריט איז נישט געמאַכט געוואָרן, ביז קאַנצלער אַדענאַוער האָט דערקלערט, אַז די רעגירונג פון באָן איז גרייט צו פאַרהאַנדלען. אַפילו דעמאָלט האָבן מיר זיך צוריקגעהאַלטן, ביז דאַן, ווען עס איז נאָך דעם קאַנצלער'ס דערקלערונג געקומען די פאַרזיכערונג, אַז די פאַרהאַנדלונגען

ווען געפירט ווערן אויף דער באַזע פון ישראל׳ס פאָדערונג צו דייטשלאַנד וועגן אַ ביליאָן דאָלאַר אַנטשעדיקונגען (אַ חוץ די צוגאָב־פאָדערונגען פון דער קאָנפערענץ פון די אידישע אָרגאַניזאַציעס). בלויז, ווען די דאָזיקע פאַרזיכערונג איז געגעבן געוואָרן, האָט די רעגירונג פון ישראל פאַרלאַנגט און באַקומען פון דער כנסת די באַפולמעכטיקונג צו פירן די פאַרהאַנדלונגען. און בלויז נאָכדעם, ווי די רעגירונג פון ישראל האָט דורכגעפירט דעם דאָזיקן באַשלוס, האָט די קאָנפערענץ פון די אידישע אָרגאַניזאַציעס באַשלאָסן צו שטיצן ישראל׳ס פאָדערונג.

איך בין איבערצייגט, אַז ווען עס וועט דערגרייכט ווערן אַ פאַרשטענד־דיקונג, און די נויטיקע סחורות וועלן שטראָמען פון דייטשלאַנד קיין ישראל (די פאַרצווייפלטע לאַגע בנוגע דירות אין דער אידישער מדינה קען ראַדיקאַל געענדערט ווערן דורך די ליפערונגען פון טויזנטער דייטשע פרע־פאַברי־צירטע הייזער), וועלן אַ סך פון די, וועמענס אָפּאָזיציאָנעלע שטעלונג קעגן די פאַרהאַנדלונגען שטיצט זיך אויף אַן ערלעכער איבערצייגונג און נישט אויף פאַרטיי־דעמאַגאָגיע, ענדערן זייער מיינונג. עס וואָלט געווען אַן אַקט פון אומרייפקייט, ווען די דעפּוטאַטן פון ישראל־פּאַרלאַמענט, אָדער די מיט־גלידער פון דער קאָנפערענץ פון די אידישע אָרגאַניזאַציעס וואָלטן זיך דערלויבט צו ווערן באַהערשט פון עמאָציעס, אָדער — וואָס איז נאָך ערגער — פון די דעמאַגאָגישע לאָזונגען פון די עקסטרעמיסטישע גרופּעס.

איך לייקן נישט, אַז דער באַשלוס, וועלכן מדינת ישראל און דאָס אידישע פאָלק האָבן געדאַרפט אָננעמען, איז נישט געווען קיין פשוט׳ער. דער באַשלוס איז געקומען נאָך יאָרן פון שווערע ספקות, האַרץ־ווייטיקן און דיסקוסיעס. איך בין צופרידן, וואָס דער באַשלוס איז אַ פּאָזיטיווער. מיר האָבן באַוויזן, אַז נישט געקוקט אויף אונזער עמאָציאָנעלער נאַטור, זיינען מיר אַ רייף פאָלק, וואָס איז פעאיק צו נעמען זיין אייגענעם גורל אין זיינע אייגענע הענט און האַנדלען אין אונזערע אייגענע בעסערע אינטערעסן אַלס אַ פאָלק און אַלס אַ מדינה.

# ביים אויפדעקן דעם דענקמאָל
# אין בערגען־בעלזען

(רעדע ביי דער טרויער־ און אָנדענק־צערעמאָניע דעם 30־טן נאָוועמבער 1952)

דאָס געשעעניש, פון וועלכן מיר זיינען דאָ היינט עדות, איז פון אַ גרויסן היסטאָרישן פּאַרנעם און טיפער סימבאָלישער באַדייטונג. עס איז דער אָפּשלוס פון איינער פון די טראַגישסטע און העראָאישסטע עפּאָכעס אין דער געשיכטע פון אידישן פאָלק, און איך קען זאָגן, אַז אויך אין דער געשיכטע פון דער גאַנצער מענטשהייט. מיר דעקן היינט אויף דעם דאָזיקן מאָנומענט אויף אַן אָרט, וואו עס געפינען זיך די מאַסן־קברים פון צענדליקער טויזנטער אידישע קרבנות, און פון אומצייליקע ניט־אידישע קרבנות פון נאַצי־טעראָר. דער מאָנומענט באַערט דעם אָנדענק פון אַלע קרבנות פון נאַציזם. בערגען־בעלזען איז געווען איינער פון די גרעסטע קאָנצענטראַציע־לאַגערן און כאַראַקטעריזירט אַמטרויעריקסטן און אַמשווידער־לעכסטן די גרויזאַמע רציחות פון די נאַצי־הערשער.

די קאָנצענטראַציע־לאַגערן עקזיסטירן מער נישט. די, וועלכע האָבן איבערגעלעבט די פּייניקונגען און דעם טעראָר, האָבן זיך צוריקגעקערט אין זייערע היימען. די לעבן־געבליבענע אידן האָבן, אין זייער גרעסטן טייל, געפונען אין ישראל זייער ניי היימלאַנד. דורך אויפשטעלן דעם דאָזיקן מאָנומענט ציען מיר אונטער, סימבאָליש, דעם סך־הכול פון דער עפּאָכע פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. און אין דעם דאָזיקן זין האָט דער מעלאַנכאָלישער אַקט, פון וועלכן מיר זיינען דאָ היינט עדות, זיין היסטאָרישע באַדייטונג. דערפאַר איז עס פּאַסנדיק צו דערקלערן דאָ מער אויספירלעך די טיפערע באַדייטונג פון דעם געשעעניש.

דאָס היינטיקע געשעעניש האָט אַ פירפאַכע באַדייטונג: פון טרויער, פון מוט, פון וואָרענונג און פון גלויבן.

עס איז נאַטירלעך, אַז מיר זאָלן דאָ היינט זיין באַהערשט פון טיפן ווייטיק און אומגעהויערן טרויער נאָך די מיליאָנען, וועלכע האָבן געליטן און זיינען אומגעקומען פון נאַצישן טעראָר. מיר, אידן, האָבן באַצאָלט טייערער ווי אַלע אַנדערע, פאַר דער היטלער־הערשאַפט. אַ דריטל פון אונזער פאָלק איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך די טייוולאָניש־אויסגעפּלאַנטע און ווויסנשאַפטלעך־אויסגעאַרבעטע מיטלען פון נאַציזם. די וועלט־געשיכטע ווייס

ווען אַנדערע פֿאָלן, וואו גאַנצע גרופּעס מענטשן זיינען פֿאַרניכטעט געוואָרן און אויסגעהרג׳עט געוואָרן. דער טראַגישער אומקום פון גרעסטן טייל פון אייראָפּעאישן אידנטום אונטער דעם היטלער־רעזשים, איז אַ שוידערלעכער אויסנאַם פון אַלע אַנדערע פעלקער־אויסראָטונגען און רציחות מיט דעם, וואָס אָט דער מאַסן־מאָרד איז דורכגעפירט געוואָרן מיט אַזאַ קאַלטער אויסרע־כענונג, אויף אַזאַ סיסטעמאַטיש־געניויען און פּינקטלעך־אָרגאַניזירטן אופן. די רציחות, וואָס זיינען דורכגעפירט געוואָרן איבער די אידן אין אייראָפּע אין פאַרלויף פון אַ רייע יאָרן, זיינען נישט געווען קיין אויסברוך פון פּלוצ־לונגדיקער ווילדער שנאה און נישט קיין מיטאָמאַליקע כוואַליע פון היה׳שער דורשט נאָך מאָרד, אָדער די קאָנסעקווענץ פון אַ נישט־באַרעכנטער מאַסן־היסטעריע. דער נאַצישער מערדערישער פּלאַן איז אויסגעאַרבעט געוואָרן מיט אַן אָביעקטיווער גרינטלעכקייט און ביז צו דער קלענסטער איינצלהייט.

דערפאַר זיינען די דאָזיקע רציחות פון אַן איינציק־אַרטיקן כאַראַקטער. דערפאַר זיינען זיי אַן אויסנאַם־טראַגעדיע אַפילו אין דער געשיכטע פון אונזער פאָלק, וואָס איז אַזוי רייך מיט אומגליקן. מיר האָבן אין דעם איינעם יאָרצענדליק פאַרלוירן אַ גאַנץ דריטל פון אידישן פאָלק. דאָס איז אַ שוידער־לעכער פאַרלוסט, וואָס קען שוין נישט פאַרריכט ווערן, אַן אבדה שאינה חוזרת. און עס איז נאַטירלעך, אַז אַלע אונזערע מחשבות און געפילן זאָלן אין דער שעה זיין געווענדעט צו דעם טראַגישן גורל פון די זעקס מיליאָן אידן, וועלכע האָבן אַזוי מורא׳דיק געליטן, ווי ווייניק מענטשן האָבן געליטן אין דער גאַנצער געשיכטע; וועלכע זיינען געפייניקט געוואָרן אַזוי גרויזאַם, אַז מען קען זיך קוים פאָרשטעלן; און וועלכע זיינען אין די גאַז־קאַמערן און אַלע אַנדערע גענאָסיד־אינסטיטוציעס פון נאַצי־רעזשים אומגעבראַכט געוואָרן אויף אַ טייוולאָנישן אופן, וואָס האָט נישט זיין גלייכן אין דער וועלט־געשיכטע.

ריידנדיק דאָ אין נאָמען פון וועלט־אידנטום, דריק איך דאָ אויס ווידער־אַמאָל אונזער הייליקן און אומדערשיטערלעכן צוזאָג קיינמאָל נישט צו פאַרגעסן אונזערע מאַרטירער, וועלכע זיינען אומגעקומען נישט איבער קיין אַנדערער סיבה, ווי נאָר דערפאַר ווייל זיי זיינען געווען אידן. מיר גיבן אונזער הייליקן צוזאָג אָפּצוהיטן זייער זכרון אייביק אין אונזערע הערצער, און אין די הערצער פון אונזערע קינדער און קינדס־קינדער אין דער צוקונפט, מיט אָט דעם אומבאַגרענעצטן כוח פון געדענקען, וואָס האָט תמיד כאַראַק־טעריזירט אונזער פאָלק. די צענדליקער טויזנטער פון אונזערע קדושים, וועלכע ליגן דאָ אין די מאַסן־קברים, סימבאָליזירן פאַר אונז די מיליאָנען,

וועלכע האָבן געהאַט דעם זעלבן טראַגישן גורל אין אוישוויץ, אין טרעבלינקע, אין דאַכאַו, אין וואַרשע, אין ווילנע, אין ביאַליסטאָק און אין אומצייליקע אַנדערע ערטער.

געמישט מיט אונזער וויטיק און טרויער איז היינט דאָס געפיל פון באַוואונדערונג און פון גרויס דרך־ארץ, וואָס מיר האָבן פאַר דעם אומגעצוימטן מוט פון די דאָזיקע מיליאָנען אידן. גייענדיק צום טויט, האָבן זיי זיך אָפּגע־געבן דעם פולן דין וחשבון, אַז דאָס איז זייער גורל אַלס אידן. זיי זיינען געגאַנגען צום טויט שטאָלץ, מיט געהויבענע קעפּ, דעמאָנסטרירנדיק אַ הערויאישע לאָיאַליטעט צו זייער פאָלק און זייער אמונה. צענדליקער טויזנטער האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט דער ריזיקער מאַכט פון זייערע נאַצישע פייניקער און רוצחים. די אויפשטאַנדן אין די געטאָס פון וואַרשע און ווילנע, דער בונט אין ביאַליסטאָק און אין אַנדערע שטעט פון מזרח־איראָפּע זיינען צווישן די גלאָררייכסטע עפּאָפּייעס אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. די אידן, וועלכע האָבן אויפגעהויבן די פאָן פון רעוואָלט אין די געטאָס, האָבן זיך נישט געמאַכט קיין שום אילוזיע, אַז זיי וועלן זיגן. זיי האָבן זייער גוט געוואוסט, אַז זייער ווידערשטאַנד וועט זיי נישט ראַטעווען פון טויט, און אַז זיי זיינען אַ פאַר׳משפט׳ער פאַרפאָסטן אין אַ ווילדער וועלט, וואָס איז באַהערשט פון נאַציזם. און דאָך האָבן זיי מיט אַנטשלאָסנקייט און טרויעריקן מוט זיך אַנטקעגנגעשטעלט דער אומגעהויערער מאַכט פון די נאַצישע אַרמייען און האָבן מיט זייערע בלויזע פויסטן געקעמפט קעגן די שווידערלעכע וואָפנס פון דער מאָדערנער קריגס־פירונג.

דאָס איז געווען דער לעצטער טראַגישער זשעסט, וואָס די מענטשהייט טאָר קיינמאָל נישט פאַרגעסן, און פאַר וועלכן טיראַנען וועלן אייביק מורא האָבן. די העראָאישע קעמפער פון די אויפשטאַנדן האָבן געהאַט פאַר זיך דעם אויסוואַל: צו שטאַרבן צווישן די חורבות פון געטאָ אין פלאַמען, אָדער אומקומען אין די גאַז־קאַמערן. זיי האָבן אויסגעקליבן די ווירדע פון אויפשטאַנד. און דאָך האָבן אויך די אידן אין די טויט־לאַגערן פון אוישוויץ און טרעבלינקע אויפגעהאַלטן זייער איינגעבוירענע ווירדע, דעם צלם אלקים. די דאָזיקע ווירדע האָט אַרויסגעשטראַלט פון זיי, ווען זיי זיינען אַריינגע־שלעפּט געוואָרן אין די גאַז־קאַמערן. וואָלטן מיר, אידן, ניט פאַרמאָגט אין זיך דעם דאָזיקן גייסטיקן כוח, וואָלטן מיר ניט געקענט איבערלעבן די יאָרהונדערטער פון די גלות־באַדינגונגען און געטאָ־דערנידעריקונגען. און דאָך האָט אַפילו אונזער אידישע געשיכטע, די געשיכטע פון צרות און אויס־דויער, געהאַט ווייניק אַזעלכע ביישפּילן פון אומגליק און אַנטשלאָסנקייט,

גסיסה און גייסטיקן מוט, ווי פון די זעקס מיליאָן אומגעבראַכטע אידן אין אונזער צייט.

אין די פינסטערסטע שעה׳ן פון זייער טראַגישן גורל האָבן די דאָזיקע אומגליקלעכע אידן אַנטפּלעקט אין זיך טיפע אוצרות פון אידישקייט, פון וועלכע זיי האָבן אַליין פריער ניט געוואוסט. די פריער אָפּגעפרעמדטע אידן האָבן געפונען זייער וועג צוריק צו זייער פאָלק און צו זייער אמונה. די אידן, וועלכע האָבן זיך געהאַט דערוויטערט, האָבן אַנטדעקט אין געטאָ זייער געמיינזאַמע פאַרבינדונג מיטן אידנטום, מיטן אידישן פאָלק אין דער פאַר־גאַנגענהייט, אין דער קעגנוואַרט און אין דער צוקונפט. זייער שטאַרקער, אומדערשיטערלעכער גלויבן אין דער אויסלייזונג פון זייער פאָלק, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין זייערע האָפענונגען און תפילות פאַר אַן אומאָפּהענגיקער אידישער מדינה אין ארץ־ישראל, האָט זיי געגעבן דעם מוט צו באַגעגענען זייער גורל. און עס איז דעריבער ניט קיין כראָנאָלאָגישער צופאַל, וואָס די פאַרווירקלעכונג פון דעם דאָזיקן גרויסן חלום פון אונזער פאָלק, פון דעם חלום וועגן אַ ווידער־אויפגעריכטער מדינת ישראל, האָט זיך אָנגעהויבן גלייך נאָך דער דאָזיקער מורא׳דיקער טראַגעדיע.

דאַרף מען זיין אַ מיסטיקער צו ווערן איבערצייגט, אַז די דאָזיקע האָפע־נונגען, חלומות און תפילות פון אונזערע קדושים פאַר אַן אומאָפּהענגיקער אידישער מדינה האָבן געהאָלפן צו דער ווידעראויפריכטונג פון ישראל? עס קען זייער מעגלעך זיין, אַז די וועלט וואָלט קיינמאָל ניט פאַרשטאַנען די טראַגעדיע פון דער אידישער היימלאָזיקייט און וואָלט קיינמאָל ניט געגעבן איר צושטימונג אויף צוריקשטעלן די אידישע סואווערעניטעט, ווען זי וואָלט ניט געווען אַן עדות פון די גרויזאַמע רציחות, וואָס די נאַציס זיינען באַגאַנגען איבער אידן אין אונזער דור. אויב איר ווילט, זיינען די זעקס מיליאָן אומ־געקומענע אידן געווען מיטקעמפער אין דער מלחמה פאַר ישראל׳ס באַפריי־אונג, און יעדער איינער פון זיי געהערט, נאָכן טויט, צו די רייען פון דער אַרמיי פון ישראל, צבא הגנה לאומי. מיר וועלן תמיד האַלטן הייליק זייער אָנדענק און וועלן האָבן פאַר זיך אַלס ביישפּיל זייער מוט און זייער קרבנות־גרייטקייט. זייער ביישפּיל וועט זיין אַ לייכט־טורעם, וואָס וועט פירן אונז און די קומענדיקע דורות פון ישראל, עד סוף כל הדורות.

קיין זאַך קען ניט אַזוי פאַראייניקן און שטאַרקן אַ פאָלק, קיין זאַך קען ניט בעסער גאַראַנטירן זיין קיום, ווי דער זכרון וועגן זיין פאַרגאַנגענהייט, וועגן זיינע מאָראַלישע העלדן און זיינע מאָראַלישע היסטאָרישע געשעענישן. די זעקס מיליאָן אידישע לעבנס, וועלכע די נאַצי־מערדער האָבן אומגעבראַכט,

האָבן פאַרנומען זייער אָרט צווישן אומציילִיקע דורות פון אונזער אייביקער געשיכטע. זיי, די אומגעקומענע; זיי, אונזערע קדושים, האָבן פאַרזיכערט און וועלן ווייטער פאַרזיכערן אונזער קיום. דאָס איז די באַדייטונג פון זייער שטאַרבן על קידוש השם. דאָס איז זייער אייביקער כבוד, מיט וועלכן זיי זיינען אַריין אין אונזער געשיכטע. מיר וועלן תמיד טראַכטן וועגן זיי, ווי מיר טראַכטן וועגן זיי היינט, מיט יראת־הכבוד און באַוואונדערונג, ניט ווייניקער ווי מיט צער און ווייטיק. מיר האָבן זיי פאַרלוירן פאַר דעם אידנטום פון אונזער דור, אָבער מיר האָבן זיי געוואונען פאַר דער אידישער אייביקייט.

זיי, די מאַרטירער אונזערע, האָבן געבראַכט קרבנות, וואָס האָבן אַ באַדייטונג, וועלכע גייט אַרויס פון דעם בלויזן תחום פון דער אידישער געשיכטע. דערפאַרונגען ווייסן ניט פון קיין גרענעצן, און אַ פאָלק איז ניט קיין אינזל פאַר זיך אַליין. די היסטאָרישע דערפאַרונג פון יעדן פאָלק אַנטהאַלט אין זיך אַ מוסר־השכל פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. דער פאַרגאַנגענער יאָרצענדליק האָט זיכער געדאַרפט געבן דער גאַנצער וועלט אַ לעקציע וועגן די פאָלגן, פאַר אַלע מענטשן, פון דעם אומגעצוימטן נאַציאָנאַליזם און צעווילדעוועטן ראַסיזם. וואָס היטלער האָט געטאָן קעגן די אידן, האָט ער אין אַ קלענערער מאָס אויך געטאָן קעגן אַנדערע פעלקער. וואָלט זיין רעזשים אָנגעהאַלטן לענגער, וואָלט דער גענאָסיד, וואָס האָט אונז געטראָפן, זיך אויסגעשפרייט אויך איבער אַנדערע פעלקער. קיינמאָל ניט פריער האָט די פערמאַנענטע געפאַר פון דעם שענדלעכן ראַסיזם און צעבושעוועטן נאַציאָנאַליזם פאַר אַלע מאָראַלישע ווערטן זיך ניט אַרויסגעוויזן אַזוי שטאַרק און אַזוי מורא׳דיק, ווי דורך דעם אומקום פון די זעקס מיליאָן אידן. די געשיכטע זאָגט אונז, אַז מענטשן דאַרפן לערנען פון דערפאַרונג. אָבער צו־אָפט געשעט עס, אַז מענטשן נעמען זיך ניט אַראָפּ קיין מוסר־השכל פון דערפאַרונגען.

אַ סך האָבן געוואָרנט קעגן די סכנות, וואָס עס ברענגען מיט זיך דער אומגעצוימטער נאַציאָנאַליזם און דער זינלאָזער און ברוטאַלער ראַסיזם. אָבער עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז עס איז געווען נויטיק אַז היטלער זאָל זיך אַריינרייסן אין דער וועלט און זאָל זיין אויסראָטונגס־פּראָגראַם דורכפירן איבער דעם אידישן פאָלק, בכדי די וועלט זאָל פאַרשטיין אין וואָס פאַר אַ טיפן תהום די גאַנצע מענטשהייט וועט אַריינגעשליידערט ווערן, אויב זי וועט אָננעמען די היטלערישע טעאָריעס. אויב די מורא׳דיקע קרבנות, וואָס מיר, אידן, האָבן געבראַכט, האָבן אַ באַדייטונג, וואָס שפּרייט זיך אויס איבער דער גאַנצער וועלט און אויף אַלע צייטן, באַשטייט זי אין דעם, אַז פון דעם אומקום פון די זעקס מיליאָן אידן שרייט אַרויס אַן אומאויפהערלעכע, אומ־

פאַרגעסלעכע גורל׳דיקע וואָרענונג צו דער גאַנצער מענטשהייט. עס קען ניט זיין קיין גרעסערע געפאַר און קיין גרעסערער שוידער פאַר אונזער דור, ווי צו פאַרגעסן די דאָזיקע לעקציע און פאַרשטאָפּן די אויערן פאַר דער דאָזיקער וואָרענונג.

די דאָזיקע וואָרענונג איז געווענדעט קודם־כל צום דייטשן פאָלק, וואָס האָט אַרויסגעגעבן פון זיך דעם נאַציזם. איך ווייס, אַז עס זיינען פאַראַן אַ סך דייטשן — און דער פּרעזידענט פון דער דייטשער פעדעראַלער רעפּובליק, וואָס געפינט זיך דאָ היינט מיט אונז, איז זייער עלאָקווענטער פאַרשטייער — וועלכע האָבן געלאָזט הערן די דאָזיקע וואָרענונג און וועלכע וואָלטן געטאָן אַלץ, וואָס עס איז נאָר מעגלעך, בכדי צו פאַרהיטן דערפון, אַז דער נאַציזם זאָל צוריק אויפשטיין. עס זיינען אָבער פאַראַן אָפּשרעקנדיקע באַווייזן, אַז געוויסע טיילן פון דייטשן פאָלק האָבן ניט געוואָלט הערן די דאָזיקע וואָרענונג און האָבן זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען דעם שוידערלעכן פאַקט פון דער אויס־ראָטונג פון זעקס מיליאָן אידן.

אויך צווישן אַנדערע פעלקער זיינען פאַראַן עלעמענטן, וועלכע זיינען גרייט זיך אונטערצוואָרפן צו די פאַרפירערישע טעאָריעס און שוידערלעכע ליידנשאַפטן, צו דער ווילדער אַראָגאַנץ און גיפטיקע איינרעדענישן פון אומ־געצוימטן נאַציאָנאַליזם און פון משוגעתם, ראַסיסטישן נאַציזם. זאָל די דאָזיקע געלעגנהייט און דער געדענק־טאָוול, וואָס מיר ווען דאָ היינט באַלד אויפדעקן, דינען אַלס אַ שאַרפע און פּערמאַנענטע וואָרענונג צו די דאָזיקע אַלע עלעמענטן און גרופּעס, וועמענס זיג וואָלט דערפירט צום סוף פון אונזער ציוויליזאַציע און וואָלט צוריקגעשליידערט די מענטשהייט צו דער לאַגע און צו די באַדינגונגען פון בעסטיאַלישער דורשט נאָך מאַכט.

היטלער האָט נישט בלויז אומגעבראַכט זעקס מיליאָן אידן. ער האָט אומגעבראַכט זעקס מיליאָן מענטשלעכע באַשעפענישן און אַ סך מיליאָנען ניט־אידן. זאָל די גאַנצע מענטשהייט, סיי דייטשן און סיי ניט־דייטשן, האָבן די דאָזיקע שוידערלעכע לעקציע שטענדיק אין זכרון, און זאָל זי אָפּגעבן אַ הייליקע שבועה ניט צו דערלאָזן, אַז קיינמאָל זאָלן שוין מער ניט פאָרקומען אַזעלכע גרויזאַמקייטן. זאָל די גאַנצע מענטשהייט זיך באַשווערן פאַר אַלע צייטן, אַז זי וועט זיך מער ניט לאָזן באַהערשן פון די ליידנשאַפטן און אַמביציעס, וואָס קומען פון פאַרפירערישע דאָגמעס און דעגענערירטן נאַציאָ־נאַליזם. און זאָל די גאַנצע מענטשהייט באַגרייפן דאָס פשוט׳ע געזעץ, אַז קיין שום פאָלק קען ניט האָבן קיין גרעסערע פאָדערונג אויף עקזיסטענץ, ווי דאָס רעכט, וואָס עס אָנערקענט פאַר זיינע שכנים; אַז עס זיינען ניט

פאַראַן קיין פּריווילעגירטע לענדער; און אַז העכער פון נאַציאָנאַליזם, ווי לעגיטים ער זאָל ניט זיין, שטייט די אידייע פון דער ברידערלעכקייט פון מענטשן מיט איר לעגיטימקייט, גרויסקייט און מאָראַלישער הערלעכקייט.

דאָס איז די ענדגילטיקע באַדייטונג פון דער טראַגעדיע, וועלכע מיר דערמאָנען היינט. מיר, וועלכע געפינען זיך דאָ היינט, דאַרפן זיך ניט אונטער־געבן קיינעם און זיך ניט אָפּזאָגן פון אונזער גלויבן אין אַ מענטשלעכער צוקונפט און אין אַ מענטשלעכער מענטשהייט. איבערפּלייצט, ווי מיר זיינען היינט, דורך אומטאָלעראַנץ און האַס, דורך דער אויסשפּרייטונג פון טאָטאַ־ליטאַרער הערשאַפט און באַגרענעצונגען פון די רעכט פון מענטש, מוזן מיר געפינען אין זיך ריזיקע קוואַלן פון גלויבן און אָפּטימיזם, בכדי אויפצוהאַלטן אונזער גלויבן אין אַ בעסערער צוקונפט. אָבער אויב מענטשן און פעלקער וועלן פאַרלירן דעם דאָזיקן גלויבן, וועט אויפהערן דער מענטשלעכער פּראָג־רעס, און די מענטשלעכע געשיכטע וועט פאַרלירן איר באַדייטונג.

אָט־אָ דער גלויבן האָט באַהערשט און דורכגעדרונגען די זעקס מיליאָן אידן אין זייער אומבאַשרייבלעכער פּיין און שוידערלעכע מאַטערנישן אין די אינקוויזיציע־קאַמערן פון דער געשטאַפּאָ; אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אונטער דער גוואַלד־הערשאַפט פון די ס.־ס.; אין די מייז־פאַסטקעס, וואָס עס האָבן פאַרגעשטעלט מיט זיך די געטאָס פון אייראָפּע. מיטן כוח פון דאָזיקן גלויבן האָבן זיי אויפגעהאַלטן זייער ווירדע, ווען זיי זיינען געגאַנגען צום טויט. די דאָזיקע מאַרטירער זיינען געבליבן אומדערשיטערלעך אין זייער גלויבן ניט בלויז אין דער צוקונפט פון זייער פאָלק און אין דערגרייכן די אידישע סואווערעניטעט, נאָר אויך אין דער משיחישער אויסלייזונג פון זייער אייגן פאָלק און פון דער גאַנצער מענטשהייט. אויף דעם האָבן זיי מתפּלל געווען אין זייערע לעצטע תפילות צום באַשאַפער פון דער גאַנצער מענטשהייט, צום בורא עולם.

דער טויט פון די מיליאָנען אידן און די עפּאָכע פון די גרויזאַמע רציחות, פון וועלכע מיר זיינען נאָר־וואָס אַרויסגעקומען, מוזן אונז עפּעס לערנען, אויב מיר ווילן פאַרהיטן פון די שוידערלעכקייטן ניט בלויז דעם איצטיקן דור, נאָר אַלע קומענדיקע דורות. בלויז דער באַשטענדיקער גלויבן אין דער ברידערלעכקייט פון מענטשן און אין דער סאָלידאַריטעט פון דער מענטשהייט, קען געבן אַ זין צו אונזער ווייטערדיקן קיום נאָך די אַלע מורא׳דיקע געשעע־נישן, וואָס דער מענטשלעכער מוח איז ניט מסוגל צו באַגרייפן.

דאָ, אין די קברים, ליגן באַערדיקט מענטשלעכע באַשעפענישן פון פיל לענדער. אויף דעם געדענק־טאָוול, וועלכן מיר וועלן באַלד אויפדעקן, זיינען

פֿאַראַן אויפֿשריפֿטן אין 14 שפּראַכן. די דאָזיקע מענער און פֿרויען האָבן ביי זייער לעבן געהערט צו פֿאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן. אין זייערע קבֿרים געהערן זיי אַלע צו דער גאַנצער מענטשהייט. די טראַנסצענדענטאַלע ספֿערן פֿון מענטשלעכן קיום — געבורט און טויט, פֿרייד און צער, ליבע און פֿריינטשאַפֿט — ווייסן ניט פֿון קיין נאַציאָנאַלע, רעליגיעזע אָדער ראַסן־אונטערשידן. עס איז דעריבער פּאַסנדיק און עס האָט אַ באַזונדערע באַדייטונג דער פֿאַקט, וואָס אין דעם דאָזיקן דראַמאַטישן מאָמענט געפֿינען זיך דאָ פֿאַרשטייער פֿון פֿיל לענדער, וואָס זיינען באַהערשט פֿון איין און דעם זעלבן געמיינזאַמען געפֿיל. דאָ זיינען פֿאַרזאַמלט דייטשן און די אַליאירטע, אידן און ניט־אידן, און הגם עס איז פֿאַראַן אַ סך, וואָס טיילט אונז פֿונאַנדער, ליגט אָבער אַ פֿיל גרעסערע וויכטיקייט און זין אין דעם, וואָס פֿאַראייניקט אונז.

איך געפֿין זיך דאָ אַלס דער באַשיידענער פֿאַרשטייער פֿון דעם פֿאָלק, וואָס האָט געליטן אַ סך מער פֿון אַלע אַנדערע אונטער דעם נאַציסטישן רעזשים. רעדנדיק אין נאָמען פֿון דעם פֿאָלק, לייג איך אַוועק אָן אַ זייט די גאַנצע באַשיידנקייט און זאָג, אַז עס איז מיין רעכט און מיין פֿליכט צו דערקלערן, און אַז עס איז אייער פֿליכט צו הערן פֿאָלגנדיקע דערקלערונג: די פּיין, וואָס דאָס אידישע פֿאָלק איז אויסגעשטאַנען, איז געווען אָן אַ שיעור גרעסער, ווי אַלץ, וואָס עס האָבן דורכגעמאַכט די אַנדערע פֿעלקער, וועלכע זיינען דאָ פֿאַרטראַטן. און מיין פֿאָלק וועט קיינמאָל, קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן די דאָזיקע פּיין און די גרויזאַמקייטן. אין נאָמען פֿון דעם אַלטן אידישן פֿאָלק און פֿון זיינע גייסטיקע פֿירער, אין נאָמען פֿון דער געשיכטע פֿון אידישן פֿאָלק, וואָס האָט געגעבן דער מענטשהייט דעם גלויבן אין איין גאָט און דעם גלויבן אין מענטש, קומען די אידן מיט פֿאָלגנדיקער פֿאָדערונג צו אַלע פֿעלקער:

פֿאַרדאַמט און מאַכט אַ סוף צו אַלע ליידנשאַפֿטן און שווידערלעכע טעאָריעס פֿון ראַסיזם! זייט געטריי אייער פֿאַרלאַנג פֿאַר פֿרייהייט דורך אַרבעטן און באַמיען זיך כסדר פֿאַר דעם ציל, אַז פֿרייהייט זאָל קיינמאָל מער ניט אונטערגיין אין קיין שום ווינקל פֿון דער וועלט! שטעלט אַרויף העכער איבער די לעגיטימע רעכט פֿון מאָראַלישן נאַציאָנאַליזם דעם גלויבן אין איין מענטשהייט און אין דער קאָ־עקזיסטענץ און קאָאָפּעראַציע פֿון פֿעלקער! דער מוסר־השכל פֿון די געשעענישן אין דעם פֿאַרגאַנגענעם יאָרצענדליק, פֿאַר וועלכע מיר אַלע — יעדער אויף זיין אייגענעם וועג — טראָגט אַ געוויסע מאָס פֿון דער מורא׳דיקער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט, איז די פֿליכט אויפֿצוהויבן זיך פֿון די מאָראַלישע חורבות פֿון אונזער צייט און אינאיינעם שטרעבן צו אַ בעסערער צוקונפֿט!

# קיינמאָל ניט פאַרגעסן!

„דער ערשטער פרינציפּ צו רעגולירן אונזערע באַציאונגען מיטן דייטשן פאָלק איז דער הייליקער חוב ניט צו פאַרגעסן. און ווען איך האָב גע'עצה'ט דעם אידישן פאָלק ניט צו לאָזן זיך באַהערשן פון עמאָציעס און אָנהויבן רעדן מיט די דייטשן וועגן די „שילו־מים"־געלטער, האָב איך געזאָגט פון אָנהויב אָן, אַז רעדן צו די דייטשן מיינט ניט צו פאַרגעסן.

איך האָב געזאָגט דעם דייטשן קאַנצלער דר. אַדענאַוער'ן, אַז ניט נאָר וועלן מיר ניט פאַרגעסן, נאָר איר און אייער פאָלק, די דייטשן, וועלן האָבן יעדן גרונט אין דער וועלט צו קוקן אויף אונז מיט פאַראַכטונג, אויב מיר, אידן, וועלן זיך באַמיען צו פאַרגעסן. מיר וואָלטן געווען אַ פאָלק, וואָס פאַרדינט די שאַרפסטע פאַר־אַכטונג, אויב פון איצט אין צען, פופצן, צוואַנציק אָדער דרייסיק יאָר אַרום, און ווען־עס־זאָל ניט זיין אין דער צוקונפט, זאָלן מיר פאַרגעסן, וואָס דאָס דייטשע פאָלק האָט מיט אונז געטאָן.

אַ פאָלק טאָר בשום אופן ניט פאַרגעסן. איך האָב אַמאָל געזאָגט צו אַ גרופּע ישראלים, אין שייכות מיט דעם, וואָס עס איז פאַראַן פון צייט צו צייט אַ טענדענץ אין ישראל צו פאַרגעסן די טראַגישע געשעענישן פון דער גלות־געשיכטע: אויב אַ יחיד פּרוואווט פאַרגעסן די טראַגישע געשעענישן פון זיין אייגן לעבן, ענדיקט ער אויף דער סאָפע פון אַ פּסיכאָ־אַנאַליטיקער; און אויב אַ פאָלק פּרוואווט אַרויסרייסן תקופות פון זיין געשיכטע און זוכט צו אַנט־לויפן און פאַרגעסן, איז זיין גורל אַריינצופאַלן אין אַ טיפער פּסי־כאָלאָגישער נערוון־דערשיטערונג.

טראַגישע פאַקטן קאָן מען בייקומען נאָר דורך איבערלעבן זיי שאַפעריש און טאָן עפּעס קעגן זיי. און אויב דאָס איז ריכטיק וועגן יעדן פאָלק, איז עס טאָפּלט אמת בנוגע אונזער פאָלק. צי וואָלט אָן אונזער היסטאָרישן זכרון געווען היינט אַ אידיש פאָלק? צי קאָן אַזאַ פאָלק פאַרגעסן?"

(פון דער רעדע ביי דער הזכרה־פאַרזאַמלונג אין ניו־יאָרק נאָך די קרבנות אין אוישוויץ, דעם 20־טן מערץ 1960)

# דער אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ אין ליכט פון דער אידישער געשיכטע

(רעדע אין תל־אָביב, אין אַפּריל 1963, צום 20־טן יאָרטאָג פון אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ)

דער אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ איז אַ געשעעניש פון גרויסער און טיפער באַדייטונג אין דעם לעבן פון אונזער דור, — אַ געשעעניש, וועמענס זין און וויכטיקייט וועלן נאָך אינספּירירן אַ סך קומענדיקע דורות. ווי אַלע גרויסע היסטאָרישע פּאַסירונגען, האָט אויך דער אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ אַ טאָפּלטע באַדייטונג. דער אויפשטאַנד איז וויכטיק אַלס אַ קאַפּיטל פון דער טראַגישער און הערשאישער געשיכטע פון דעם דור, וואָס האָט דורכגעמאַכט די מורא׳דיקע קאַטאַסטראָפע. דער אויפשטאַנד איז אויך אַ סימבאָל פון דעם כאַראַקטער און פון די אומוואַנדלונגען פון דער גאַנצער אידישער געשיכטע.

קודם־כל דאַרף באַמערקט ווערן, אַז דער רעוואָלט פון וואַרשעווער געטאָ איז ניט געווען קיין איזאָלירטער פאַל אין יענער צייט. עס איז געווען דער גרעסטער און אַממייסטן געוואַגטער און אַנטשלאָסענער, דער אַממייסטן וויכטיקער אויפשטאַנד, אָבער דערביי אויך בלויז איין הערשאישער רינג אין דער קייט פון רעוואָלטן אין אַ גאַנצער רייע געטאָס.

אין משך פון די פאַרגאַנגענע עטלעכע יאָר זיינען די אידן פון פּוילן און פון אַנדערע לענדער קריטיקירט געוואָרן, אַז עס האָט זיי געפעלט די שטאַרקייט און דער מוט פון רעוואָלטירן קעגן דעם נאַציישן רעזשים פון חורבן און אויסמאָרדונג, און אַז זיי האָבן ניט פאַרמאָגט דעם קוראַזש און די אַנטשלאָסנקייט צו אָרגאַניזירן אויפשטאַנדן. אַפילו ביים פּראָצעס קעגן אייכמאַנ׳ען האָט זיך געהערט אַ נאָטע פון באַשולדיקונג, אָדער אפשר בלויז פון צערודערונג, איבער דער קליינער צאָל פון אויפשטאַנדן, און עטלעכע סאָציאָלאָגן אין אַמעריקע זיינען אַרויסגעקומען מיט ערנסטע אָנקלאָגעס.

די דאָזיקע אַלע באַשולדיקונגען האָבן ניט לחלוטין קיין שום יסוד. זיי זיינען באַזירט אויף דעם מאַנגל פון פּסיכאָלאָגישער פאַרשטענדעניש פאַר דער לאַגע פון די אידן אין די געטאָס אונטער דער נאַצישער הערשאַפט. איך קען זייער גוט באַגרייפן, ווי שווער עס איז פאַר אַ מענטשן, וועלכער לעבט אין דער פרייהייט, צו פאַרשטיין די באַדינגונגען און די געפילן פון די אידן אין די נאַצישע געטאָס. אָבער ווען מען האָט ניט די דאָזיקע דער־

פאַרונג, און ווען מען פאַרמאַגט ניט די פאַרשטענדעניש, וואָס זאָל זיך שטיצן אויף רעספּעקט און דרך־ארץ, האָט מען ניט קיין מאָראַליש רעכט צו מאַכן באַשולדיקונגען אָדער אַפילו אויסדריקן צווייפלען וועגן דער שטעלונג און אויפפירונג פון די אידן אין די געטאָס. וויפיל פּרואוון פון אָרגאַניזירטן רעוואָלט זיינען פאָרגעקומען ביי אַנדערע פעלקער, וועלכע האָבן געליטן פון די נאַצי־טיראַנען?

איך ווייס, אַז עס זיינען געווען פּרואוון פון ווידערשטאַנד אין עטלעכע לענדער. אָבער עס זיינען פאָרגעקומען זייער ווייניק קאָלעקטיווע רעוואָלטן. אין די מערסטע פאַלן האָבן די ווידערשטאַנד־באַוועגונגען אַרומגענומען קליינע גרופּעס צעזייטע איבערן לאַנד, און זייער הויפּט־ציל איז געווען צו מאַכן סאַבאָטאַזש. עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן נאַצי־רעזשים — דאָס איז גילטיק פאַר יעדן גרויזאַמען און דיקטאַטאָרישן רעזשים, אָבער גאָר באַזונדערס פאַר דער נאַצי־הערשאַפט, וואָס האָט איבערגעשטיגן אַלע אַנדערע מיט איר אכזריות — אַז ער האָט באַוויזן צו צעברעכן דעם גייסט פון ווידערשטאַנד דורך אַנצווינגען אַ שווידערלעכע דעמאָראַליזאַציע אויף די קרבנות. די ליטעראַטור וועגן דעם לעבן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן און וועגן דער פּסיכאָלאָגיע פון די געפאַנגענע באַשטעטיקט דעם אמת פון דער דאָזיקער טעאָריע. מיט עטלעכע אויסנאַמען האָבן די נאַציס באַוויזן צו צעברעכן כמעט אינגאַנצן דעם ווידערשטאַנד און אַנצווינגען אויף זייערע געפאַנגענע די פולשטענדיקע געהאָרכזאַמקייט און דאָס קאָמפּלעטע אונטערגעבן זיך, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר שאָף, וואָס ווערן געפירט צו דער שחיטה.

עס זיינען פאַראַן שאַקירנדיקע אילוסטראַציעס פון אַזעלכע באַהאַנדלונגען אונטער ברוטאַלע טאָטאַליטאַרע רעזשימען. מיר האָבן געזען אין סאָוועט־רוסלאַנד בעת די פּראָצעסן פון די קאָמוניסטישע פירער, ווען מענטשן פון אַן אומפאַרגלייכלעכן קוראַזש, וועלכע האָבן געקעמפט אַזוי העלדיש פאַר דעם רעוואָלוציאָנערן אידעאַל, זיינען דערנידעריקט געוואָרן און דערדריקט געוואָרן אַזוי שטאַרק, אַז זייער ווילן איז צעבראָכן געוואָרן, און זיי האָבן זיך מודה געווען אין די באַשולדיקונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן קעגן זיי און וואָס האָבן ניט געהאַט קיין שום יסוד. דאָס פאַרלירן דעם ווילן צו קעמפן און דאָס צעברעכן דעם גייסט פון ווידערשטאַנד האָט כאַראַקטעריזירט די מערהייט פון די קרבנות פון נאַציזם — סיי אידן און סיי ניט־אידן.

מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז די לאַגע פון די אידן אין די געטאָס איז געווען אַ סך מער פאַרצווייפלט און האָפענונגסלאָז, ווי פון אַנדערע פעלקער, וואָס האָבן געליטן פון די נאַציס.

דער רעזשים, וועלכער איז דורך די נאַציס אַנגעצוואונגען געוואָרן אויף די אידן אין מזרח־איירָאָפּע, איז געווען אַנדערש אין צוויי הינזיכטן. ראשית, זיינען די אידן, זייענדיק פאַרשפּאַרט אין די געטאָס, געווען פולשטענדיק איזאָלירט ניט בלויז פון דער ניט־אידישער באַפעלקערונג, נאָר אויך פון אַנדערע אידישע קהילות אין דעם זעלבן לאַנד. און וואָס קען זיין שרעקלע־כער פאַר וועלכער־עס־איז גרופּע מענטשלעכע באַשעפענישן, ווי אַזאַ איזאָ־לאַציע, די אוממעגלעכקייט צו שטעלן זיך אין פאַרבינדונג מיט פריינט, קרובים און מיט אַנדערע אידן? יעדע אידישע קהילה, וואָס איז געווען געפאַנגען אין איר געטאָ אין פּוילן אָדער ערגעץ־אַנדערש, האָט געלעבט אויף איר אייגענער פּלאַנעטע. אַזאַ קהילה האָט גאָרניט געוואוסט, וואָס עס קומט פאָר אין אַנדערע אידישע געמיינדעס, און האָט ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו קאָמוניקירן זיך מיט אַנדערע אידן, צו באַראַטן זיך מיט זיי און זיך פילן זיכערער אין דעם געמיינזאַמען גורל פון די אידן פון פּוילן, אונגאַרן אָדער אַנדערע לענדער.

די לאַגע פון די אידן איז געווען אַן ערגערע פון דעם צושטאַנד פון אַנדערע פעלקער איבער נאָך אַן אורזאַך: איבער דער טייוולאַנישער האַנדלונג פון די נאַציס אין באַציאונג צו אידן. די נאַציס האָבן באַנוצט אַלע מעגלעכע מיטלען צו שאַפן דעם איינדרוק צווישן די אידן, אַז עס איז איינגעפירט געוואָרן פאַר זיי אַ ספּעציעלער רעזשים, וועלכער איז ניט קיין סכנה פאַר זייער לעבן. די קאָנצענטראַציע־לאַגערן זיינען געשילדערט געוואָרן ווי אַר־בעטס־לאַגערן. די פאַרניכטונגס־קאַמערן זיינען באַשריבן געוואָרן ווי באָד־און שפּריץ־צימערן. די נאַציס האָבן אָרגאַניזירט אַ מין אידישע אויטאָנאָמע אַדמיניסטראַציע און האָבן געשאַפן „יודען־ראַטען". איך ווייס ניט, וויפיל אידן זיינען פאַרפירט געוואָרן און זיינען אַריינגעפאַלן אין דער פּאַסטקע פון די דאָזיקע טייוולאַנישע פּסיכאָלאָגישע מאַכינאַציעס, אָבער דאָס איז געווען בלויז די נאַטירלעכע רעאַקציע פון דעם אינסטינקט פון לעבן און אויס־האַלטן. אַ סך זיינען געווען גרייט אָנצונעמען די דאָזיקע אילוזיעס און אַרומטראָגן זיך מיט דער פוסטער האָפענונג, אַז איין טאָג וועט קומען אַ סוף צו זייערע ליידן, אַז זיי וועלן באַפרייט ווערן און באַקומען די מעגלעכקייט אָנצוהויבן פונדאַסניי זייער לעבן.

ביי אַזעלכע באַדינגונגען דאַרף מען זיך ניט וואונדערן אויף דער קליינער צאָל פּרואוון פון רעוואָלט. מיר קענען בלויז באַוואונדערן און בויגן אונזערע קעפּ אין טיפן דרך־ארץ פאַר די, וועלכע האָבן געפונען אין זיך דעם כוח און דעם מוט צו אָרגאַניזירן אַזעלכע ווידערשטאַנד־אַקציעס, ניט געקוקט

אויף די באַדינגונגען אין וועלכע זיי האָבן געלעבט. אַ חוץ דעם דאַרפן מיר אויך ניט אָננעמען, אַז דער מוט פון די אידן האָט זיך אויסגעדריקט נאָר אין די פּרוּוון פון רעוואָלט. עס זיינען געווען אַ סך פאַלן פון פּאַסיוון העראָאיזם מצד די, וועלכע האָבן געהאַלטן ביים אומקומען.

מיר וויסן פון אַ סך, וועמענס אויפפירונג אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, באַזונדערס אין זייערע לעצטע שעה׳ן, האָט אָפּגעשפּיגלט אַזויפיל שטאָלץ און ווירדע, אַז זיי האָבן אַפילו דורכגעשטאָכן די וואַנט פון ברוטאַלער קאַלטקייט און אומפילבאַרקייט פון די נאַצי־מערדער און האָבן זיי טיף גערירט. איך האָב אויך געהערט פון פריערדיקע געפאַנגענע אין די קאָנ־צענטראַציע־לאַגערן אַ סך געשיכטעס וועגן פרומע אידן, וועמענס טיפע אמונה איז ביי די דאָזיקע שוידערלעכע באַדינגונגען געווען אַ גרויסער קוואַל פון דערמוטיקונג פאַר אַנדערע, ווען זיי האָבן געלעבט און ווען זיי זיינען געגאַנגען צום טויט. איך באַדויער, וואָס ניט אַלע פון די געשיכטעס זיינען פאַרשריבן געוואָרן, ווייל נאָך אין אַ פּאָר יאָר אַרום וועלן די מקורות פון איבערגעבן וועגן די דאָזיקע פאַלן, פאַרלוירן גיין, און די לעצטע עדות פון דעם העראָאיזם פון הונדערטער טויזנטער אידן וועלן אַוועקגיין אויף אייביק.

עס איז ניט פאַראַן קיין שום מאָראַלישע אָדער גייסטיקע באַרעכטיקונג פאַר באַשולדיקן די געטאָ־אידן אין אָנמאַכט אָדער אין שוואַכקייט. אויב עס דאַרפן געמאַכט ווערן באַשולדיקונגען — און זיכער דאַרפן זיי געמאַכט ווערן — דאַרפן זיי זיין געווענדעט קעגן די אידן פון דער פרייער וועלט פאַר זייער אויפפירונג אין די יאָרן פון דער מורא׳דיקער קאַטאַסטראָפע. מיר אַלע, סיי די פירער און סיי די פּשוט׳ע אידן, האָבן ניט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען. און ווי איינער פון די, וועלכע האָבן געהאַט צו טאָן מיט די דאָזיקע פּראָב־לעמען, וועלכע האָבן געאַרבעט פאַר פאַרטיידיקן די אידישע רעכט אין דער עפּאָכע פון דער קאַטאַסטראָפע און ראַטעווען די, וועלכע מען האָט נאָך געקענט ראַטעווען, בין איך זיך מודה, אַז מיר זיינען אַלע דורכגעפאַלן.

איך מיין ניט דערמיט בלויז די פּאַקטישע רעזולטאַטן. עס פּאַסירט אַמאָל, אַז די רעזולטאַטן זיינען ניט אָפּהענגיק פון די פעאיקייטן און פון דעם ווילן פון די, וואָס האַנדלען, און מען קען אַזעלכע טוער ניט מאַכן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דורכפאַלן, וואָס זיינען אַ פּועל־יוצא פון אָביעקטיווע אורזאַכן. אונזער דורכפאַל איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס עס האָט אונז געפעלט די אומדערשיטערלעכע אַנטשלאָסנקייט און גרייטקייט אָנצונעמען די געהער־יקע מיטלען, לויט דער מאָס פון די מורא׳דיקע געשעענישן אין יענער צייט. אַלץ, וואָס עס איז געטאָן געוואָרן דורך די אידן אין דער פרייער וועלט,

און באַזונדערס דורך די אידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וואו עס זיינען געווען גרעסערע מעגלעכקייטן פאַר אַ געהעריקער אַקציע, ווי ערגעץ־אַנדערש, איז ניט אַרויסגעגאַנגען פון די גרענעצן פון אידישער פּאָליטישער האַנדלונג אין נאָרמאַלע צייטן. דעלעגאַציעס זיינען געשיקט געוואָרן צו פּרעמיער־מיניסטאָרן. ביטעס וועגן אינטערווענצן זיינען געמאַכט געוואָרן, און מיר האָבן זיך צופרידנגעשטעלט מיט די מאָגערע און מערסטנס פּלאַטאָנישע ענטפערס, וועלכע די דעמאָקראַטישע מלוכות זיינען געווען גרייט צו געבן.

דער סך־הכּול פון דער אויפפירונג פון די דעמאָקראַטישע מלוכות אין אייראָפּע און אין אַמעריקע אין דער צייט פון דער קאַטאַסטראָפע גיט ניט צו קיין גלאָריע זייערע פעלקער, אָדער דער מאָדערנער דעמאָקראַטיע. די געשיכטע פון זייער רעאַקציע אויף דעם אַנטיסעמיטיזם פון די נאַציס און אויף דעם נאַצי־רעזשים אין אַלגעמיין, ווען ער האָט פאַרשטאַרקט זיין מאַכט פאַר דער מלחמה, איז אַ טרויעריקער סך־הכּול פון איין מפּלה נאָך דער אַנדערער, פון קורצזיכטיקייט און מאַנגל פון פּאָליטישער פאַרשטענדעניש, און — איבער אַלעם — פון מאַנגל אין מוט. פאַר דער דאָזיקער רייע פעלערן פון די דעמאָקראַטישע פירער האָבן באַצאָלט זייערע פעלקער אין דער טראַגעדיע פון דער צווייטער וועלט־מלחמה דורכן פאַרלוסט פון מיליאָנען פון זייערע פיינסטע זין.

אָבער איך וויל ניט אַרויפלייגן די הויפּט־פאַראַנטוואָרטלעכקייט אויף אַנדערע פעלקער. לאָמיר זען, ווי עס האַלט מיט אונזער אייגענער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. אַפילו מיר האָבן ניט, אין גרעסטן טייל, באַגריפן די ערנסטקייט פון דער נאַצי־געפאַר ביי איר אָנהויב. אויך האָבן מיר ניט געהאַנדלט אויף אַן עקסטרעמען און ניט־אויסגעטראָטענעם וועג, ווען די געפאַר און די פאַרפאָלגונגען זיינען שוין געווען אין זייער שאַרפסטער פאָרם. איך ווייס ניט, צי די אַליאירטע גרויסמאַכטן האָבן געקענט פאַרהיטן פון דער אויסמאָרדונג פון מיליאָנען אידן בעת דער מלחמה, אָבער איך צווייפל ניט אין דעם (און איך בין געשטאַנען נאָענט צו דעם קאַמף און בין טאָג־פאַר־טאָג געווען באַקאַנט מיט די אַנטוויקלונגען), אַז טויזנטער און צענדליקער טויזנטער אידן וואָלטן געקענט געראַטעוועט ווערן דורך אַ מער אַקטיווער און אַ מער ענערגישער האַנדלונג מצד די דעמאָקראַטישע רעגירונגען.

אָבער, ווי איך האָב שוין געזאָגט, די הויפּט־פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַלט אויף אונז, ווייל מיר זיינען ניט אַרויסגעגאַנגען פון די גרענעצן פון דער געוויינלעכער רוטין צו שיקן פּעטיציעס און ווענדן זיך מיט ביטעס, און ווייל די

אידישע קיבוצים האָבן ניט געהאַט דעם קוראַזש און האָבן ניט געוואַגט אויס־צואיבן אַ דרוק אויף די דעמאָקראַטישע רעגירונגען דורך דראַסטישע מיטלען און דורך צווינגען זיי אָנצונעמען דראַסטישע מיטלען. איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן דעם טאָג, ווען איך האָב דערהאַלטן אַ טעלעגראַמע פון וואַרשעווער געטאָ, אַדרעסירט צו דר. סטיפען וויַיז'ן און צו מיר, מיט דער אָנפראַגע, פאַרוואָס האָבן די אידישע פירער אין די פאַראייניקטע שטאַטן ניט באַשלאָסן אָוועקצושטעלן זיך אויף די טרעפּ פון וויַיסן הויז און אַזוי שטיין טאָג־און־נאַכט, ביז דער פּרעזידענט וועט באַשליסן צו געבן אַ באַפעל צו באָמבאַרדירן די נאַצישע מאָרד־לאַגערן אָדער די טויט־צוגן. מיר האָבן זיך אָפּגעהאַלטן פון טאָן אַזאַ שריט, וויַיל די מערסטע פון די אידישע פירער האָבן דאַן געהאַלטן, אַז מיר טאָרן ניט שטערן די מלחמה־אָנשטרענגונגען פון דער פרייער וועלט קעגן נאַציזם דורך שטורמישע פּראָטעסטן.

דער איינציקער אידישער ישוב, וועלכער האָט געהאַט דעם מוט צו באַנוצן ניט־קאָנווענציאָנעלע מעטאָדן און שיקן פּאַראַשוטיסטן קיין מזרח־אייראָפּע, איז געווען דער ישוב אין ארץ־ישראל. איך צווייפל ניט אין דעם, אַז די אידישע געשיכטע וועט פאַראורטיילן דעם דור פון דער קאַטאַסטראָפע־עפּאָכע, וואָס האָט געלעבט אין די פרייע לענדער, און וועט אים געפינען שולדיק אין ניט־פאַרשטיין גענוג די נאַצי־געפאַר אין איר אָנהויב און אין ניט־באַקעמפן מיט דער געהעריקער דרייסטקייט און מיט פאַרצווייפלטע וואָפן די נאַצישע אויסראָטונג פון אידן, ווען די רוצחים האָבן געבושעוועט אין דער שרעקלעכסטער פאָרם.

לאָמיר דעריבער ניט לייגן די לאַסט פון דער שולד אויף די, וועלכע האָבן געליטן און וועלכע האָבן באַצאָלט מיט זייערע לעבנס. אויב עס איז פאַראַן וועלכער־עס־איז יסוד פאַר אַ היסטאָרישן „זש'אַקיז", לאָמיר האָבן דעם מוט אים צו ווענדן קעגן דעם טייל פון אונזער דור, וועלכער האָט געלעבט מחוץ פון די נאַצי־באַהערשטע לענדער און וועלכער האָט ניט דערפילט ווי געהעריק זיין פליכט לגבי די מיליאָנען פון אונזערע ברידער און שוועסטער, וועלכע זיינען אומגעבראַכט געוואָרן דורך דעם נאַצי־רעזשים.

דער אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ בלייבט אויף אייביק אַ דראַמאַ־טישער סימבאָל פון איינער פון די כאַראַקטעריסטישע הויפּט־ליניעס פון דער אידישער געשיכטע אין גלות, וואָס איז נאָך ניט גענוג פאַרשטאַנען געוואָרן און ניט גענוג אָפּגעשאַצט געוואָרן. דאָס איז אמת ניט בלויז וועגן דער באַציאונג פון ניט־אידן צו דעם היסטאָרישן געשעעניש, נאָר אויך וועגן אונז אַליין, און גאָר באַזונדערס וועגן דער באַציאונג פון יונגן דור אין ישראל.

עס איז אָנגענומען ביי אונז צו באַטראַכטן די גלות־אידן פון פאַר דער עמאַנציפּאַציע־תקופה, די אידן פון געטאָ און פון דער מעלאַ, פון צאַרישן תחום המושב, ווי אַ פולשטענדיק פּאַסיוו אידנטום, וואָס האָט קיינמאָל ניט רעוואָלטירט קעגן זיין גורל און האָט אָנגענומען זיין שווער, אומגליקלעך לעבן מיט שוואַכקייט און געדולד, אָן שום פאַרלאַנג צו ענדערן דאָס דאָזיקע לעבן. איך האָב זיך תמיד אַנטקעגנגעשטעלט דער דאָזיקער אָפּשאַצונג. זי איז ניט נאָר נאַריש און אומגערעכט. זי איז אויך ניט אמת און פאַרדרייט. די דאָזיקע אויפפאַסונג האָט ניט קיין שום יסוד אין דער רעאַליטעט פון דער אידישער גלות־געשיכטע. און איך פאַררוף זיך דאָ ניט בלויז אויף די אַקטן פון העלדישקייט און קידוש השם פון די אידן, וועלכע זיינען געגאַנגען אויף די אויטאָ־דאַ־פע׳ס פון דער אינקוויזיציע מיט שטאָלץ און מיט בראַווקייט, אָדער פון די אַנדערע אידן, וועלכע זיינען געשטאָרבן ווי מאַרטירער — און מיר ציילן אַ סך אַזעלכע קדושים אין אונזער געשיכטע. איך מיין דעם גרויסן רוב פון די אידן אין גלות. אויב עס וואָלט געווען בלויז איין קערנדל אמת אין די טענות, וואָס מען האָט צו זיי, אַז זיי האָבן זיך אונטערגעוואָרפן זייער גורל און האָבן זיך צוגעפּאַסט צו זייער סביבה אָן פּראָטעסט, דאַן וואָלט ניט געבליבן קיין שריד און פליט פון אידנטום אין אונזער וועלט.

עס איז ניט פאַראַן קיין היסטאָרישער באַווייז פון דער טעאָריע, און עס איז ניטאָ קיין אָביעקטיווע מעגלעכקייט, אַז אַ פאָלק, וואָס לעבט אין גלות און נעמט־אָן זיין גורל מיט שוואַכקייט, זאָל קענען אָנגיין מיט זיין פיזישן און גייסטיקן קיום. דאָס אידישע פאָלק וואָלט אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער געשיכטע הונדערטער יאָרן צוריק, ווען עס וואָלט אָנגענומען, אָדער ווען עס וואָלט זיך אונטערגעוואָרפן דעם גורל פון גלות. דער כאַראַקטעריס־טישסטער שטריך פון אידישן פאָלק — וואָס איז איין־און־איינציק אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט — איז זיין עקשנות און זיין אויסגעהאַלטענער, קאַטעגאָרישער אָפּזאָג אַראָפּצובויגן דעם קאָפּ און אָננעמען זיין גורל. דאָס איז דער פענאָמען, וואָס דערקלערט די פעאיקייט פון די אידן צו בלייבן אַ פאָלק אין משך פון די פיל הונדערטער יאָרן פון גלות, דורך די יאָרהונדערטער פון רדיפות און דיסקרימינאַציעס,ליידן און מאַטערנישן. אונזער פאָלק איז קיינמאָל ניט געווען גרייט אָנצונעמען די, וועלכע האָבן אים גע׳רודפ׳ט, אַלס זיינע הערשער און באַפעלער. אונזער פאָלק האָט תמיד געגלויבט אין זיין אייגענער מאָראַלישער סופּעריאָריטעט און האָט אַראָפּגעקוקט מיט פאַראַכ־טונג און מיט פולשטענדיקער פאַרדאַמונג אויף די, וועלכע האָבן אים אָנגעצוואונגען אַזאַ דערנידעריקנדיקן אופן פון לעבן.

אין דער וועלט־געשיכטע זיינען פאראן צאלרייכע פאלן פון פאסיוון העראאיזם — פון דעם אפזאג אונטערצואווארפן זיך דעם גורל. גרויסע פירער זיינען געווארן סימבאלן פון פאסיוון העראאיזם. דער גרעסטער פון זיי אין אונזער צייט איז געווען גאנדי. אבער קיינמאל איז ניט געווען קיין קאלעקטיווער פאסיווער ווידערשטאנד מצד א גאנץ פאלק, וואס זאל אנהאלטן יארהונדערטער איבער דעם מאנגל פון דער געלעגנהייט פאר אן אקטיוון ווידערשטאנד — ווי אונזער פאלק האט עס באוויזן אין משך פון לאנגע דורות. דאס איז אן עפאפעיע, וועלכע האט ניט איר גלייכן אין דער וועלט־געשיכטע.

מיר, אין דער ציוניסטישער באוועגונג און אין מדינת ישראל, האבן געלערנט דעם יונגן דור צו שאפן די באדינגונגען פאר דעם אקטיוון און שעפערישן העראאיזם און צו ווערן די באלעבאטים פון זיין אייגענעם היסטארישן גורל. מיר זיינען גליקלעך מיט דעם, וואס מיר האבן דערגרייכט די דאזיקע באדינגונגען. אבער דער רבונו של עולם זאל אונז אפהיטן דערפון, אז מיר זאלן אין אונזער שטאלץ מיט דעם אקטיוון העראאיזם פון אידישן פאלק ביי די איצטיקע באדינגונגען פארלייקענען דעם פאסיוון העראאיזם פון די אידן אין גלות. מיר וועלן ניט בלויז באגיין אן עוולה לגבי די פריערדיקע דורות, פאר אונז. מיר וועלן אויך פארדרייען און פארקריפלען דעם אמת פון אונזער אייגענער פארגאנגענהייט און וועלן זי בארויבן פון דער וואונדערלעכער און איינציק־ארטיקער באדייטונג, וואס האט אונז אויסגעטיילט פון אנדערע אין דער וועלט־געשיכטע.

איך וועל ניט פרואוון צו באשטימען, וואס עס איז די שווערערע פארם פון העראאיזם: צו טראגן אויף זיך דורות־לאנג די לאסט פון ליידן אין גלות און דאך אפזאגן זיך אנצונעמען דעם גורל און ממשיך זיין צו גלויבן טיף אין נצח ישראל; אדער ארויסצוגיין אין מלחמה, אויסשרייען קאמפס־רופן און זינגען קריגס־לידער. אבער יעדער פארזוך צו פארלייקענען דעם העראאישן כאראקטער פון דער גלות־געשיכטע איז א סימן פון עם־הארצות, אומטאלעראנץ, איבערגעטריבענער ארגאנטישקייט און אומגערעכטער שטעלונג לגבי דורות פון העלדן, וועלכע האבן געטראגן הויך די פאן פון רעוואלט אויף זייער אייגענעם אופן און ביי זייערע באזונדערע באדינגונגען.

איך גלויב דעריבער, אז דער אויפשטאנד פון ווארשעווער געטא דארף דינען אלס אן אייביקער סימבאל פון אונזער געשיכטע. עס איז א סימבאל פון אלץ, וואס איז העראאיש אין אונזער גלות־געשיכטע, א דראמאטישער אויסדרוק פון דעם שטאלץ און פון דער העלדישקייט פון די אידן אין גלות.

ווען מען וואלט מיך געפרעגט, וואס איז די אממייסטן כאראקטעריסטישע,

די איידלסטע אייגנשאַפט פון אונזער פאָלק אין זיין אויסנאַם־אַרט אין דער וועלט־געשיכטע, וואָלט איך אָנגעדייט אויף דעם נאָן־קאָנפאָרמיזם פון אידישן פאָלק. זינט די ביבלישע צייטן, זינט די טעג פון די מלכים און נביאים און דורך אַלע שפּעטערדיקע תקופות האָבן מיר זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען די מיינונגען פון דער מערהייט און צוצופּאַסן זיך צו די כוחות, וועלכע זיינען שטאַרקער פון אונז. מיר זיינען תמיד פאַרבליבן לאָיאַל צו אונזערע איבערצייגונגען און צו אונזער אייגענעם, באַזונדערן גורל. מיר האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו ווערן קאָנפאָרמירט. אָט דער דאָזיקער נאָן־קאָנפאָרמיזם, אונזער אַבסאָלוטע און עקשנות'דיקע ניט צופּאַסן זיך, האָט אויפגעהאַלטן אונזער אייגנאַרטיקן כאַראַקטער. דאָס איז די באַזונדערע אייגנשאַפט פון אונזער פאָלק, וואָס האָט כמעט ניט קיין גלייכן אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט.

אָבער אין אונזער איצטיקן דור זיינען מיר אין דער סכנה צו פאַרלירן די דאָזיקע אייגנשאַפט. מיר זוכן צו האָבן אַ לייכט לעבן, אָפּצוקומען מיט זייער ווייניק פון גייסטיקן שטאַנדפּונקט און זיך צופּאַסן צום לעבנס־וועג און צו די אידייען פון דער מערהייט. די דאָזיקע געפאַר, אין איר טיפסטן גייסטיקן זין, עקזיסטירט אין די מערסטע אידישע ישובים אין די תפוצות. און איז אויך פאַראַן אין מדינת ישראל. איך גלויב דעריבער, אַז ווען מיר באַערן דעם אָנדענק פון אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ, ווי דאָס גלאַררייכע און דערהויבענע געשעעניש פון אונזער צייט און ווי אַ סימבאָל פון היסטאָרישן העראָאיזם פון אידנטום, דאַרפן מיר זיך ניט באַגנוגענען בלויז מיט אָפּגעבן כבוד די העלדן פון רעוואָלט און די אומגעקומענע. לאָמיר ניט באַגרענעצן די באַדייטונג פון דעם געשעעניש דורך אויסדריקן אונזער באַוואונדערונג פאַר די און אַנדערע פאַרזוכן צו אָרגאַניזירן אויפשטאַנדן אין דער עפּאָכע פון אומקום און חורבן און דורך פאַרבויגן אונזערע קעפּ פאַר דעם אָנדענק פון גרויסן פּוילישן אידנטום און אַנדערע אידישע קיבוצים, וועלכע זיינען חרוב געוואָרן. לאָמיר ביים ליכט פון די פייער־זיילן פון די געטאָ־אויפשטאַנדן באַשליסן אָנצוהאַלטן ווייטער דעם העראָאיזם פון אונזער געשיכטע; אָפּזאָגן זיך פון אונטערוואַרפן זיך צו פיזישע כוחות, וועלכע זיינען שטאַרקער פון אונז; אָנצוגיין ווייטער מיט אונזער קיום אַלס פאָלק, וואָס וואַרפט אַראָפּ פון זיך די לאַסט פון אומגערעכטע און אוממאָראַלישע באַפעלן.

לאָמיר געפינען אין אונז דעם כוח אויפצוהאַלטן ווייטער דעם נאָן־קאָנפאָרמיסטישן כאַראַקטער פון דער געשיכטע פון אידישן פאָלק, וואָס פאַרנעמט אַן אייגנאַרטיק אָרט אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט.

# קיום
# און המשך
# אין אַ
# געענדערטער צייט

אין לעצטן טייל פון דעם בוך ווערן געבראַכט עטלעכע רעדעס און אָפּהאַנדלונגען פון דר. נחום גאָלדמאַן, וואָס ציִען אונטער דעם סך־הכול פון אונזער תקופה פון חורבן און גאולה און רירן־אָן די פּראָבלעמען פון דער נאָענטער און ווייטערער צוקונפט אין לעבן פון אידישן פאָלק.

גאָר באַזונדערס באַהאַנדלט דאָ דר. גאָלדמאַן דאָס קרי־טישע פּראָבלעם פון דער צוקונפט פון יונגן אידישן דור אין מדינת ישראל און אין די תפוצות.

א. א.

# פֿאַר דער רעטונג פֿון אונזער יונגען דור

## פּראָבלעמען פֿון אידישער דערציִאונג אין מדינת ישראל און אין די תּפוצות

(רעפֿעראַט ביי דער וועלט־קאָנפֿערענץ פֿאַר אידישער דערציִאונג אין ירושלים, דעם 12־טן אויגוסט 1962)

ווען די קאָמיסיע, וואָס האָט צוגעגרייט די וועלט־קאָנפֿערענץ פֿאַר אידישער דערציִאונג, האָט מיך מכבד־געווען מיט דער איינלאַדונג צו האַלטן דעם צענטראַלן רעפֿעראַט ביי דער דערעפֿענונגס־זיצונג, האָב איך געגלויבט, אַז זייער איינציקער לעגיטימער מאָטיוו פֿאַר דער איינלאַדונג איז געווען זייער געפֿיל, אַז אויף דער ערשטער וועלט־קאָנפֿערענץ פֿאַר אידישער דערציִאונג דאַרף דאָס דאָזיקע פּראָבלעם באַהאַנדלט ווערן נישט בלויז פֿון טעכנישן געזיכטס־פּונקט, נאָר אין דער ראַם פֿונעם היינטיקן אידישן לעבן בכלל. ווייל אַנדערש, האָב איך נישט די פּאַכמענישע פֿולמאַכט צו האַלטן אַזאַ רעפֿעראַט, ווייל איך בין נישט קיין דערציִער און האָב נישט געהאַט קיין געלעגנהייט זיך צו פֿאַרטיפֿן אין די פּראָבלעמען פֿון דער אידישער דערציִאונג אין גאַנג פֿון מיין אַרבעט. פֿון דער אַנדערער זייט, בין איך שוין זינט יאָרן טיף איבערצייגט, אַז אין אונזער היינטיקן דור איז נישטאָ קיין גרעסער, מער צענטראַלער און מער אַנטשיידנדיקער פּראָבלעם, ווי דער ענין פֿון דערציִאונג.

ביי אַ סך געלעגנהייטן האָב איך געבעטן ביי אידישע קהילות און אָרגאַניזאַציעס, אַז זיי זאָלן שטאַרקער אונטערשטרייכן די וויכטיקייט פֿון דער אידישער דערציִאונג, ווי זיי טוען עס היינט און ווידמען דעם ענין פֿיל מער באַמיאונגען, ווי זיי ווידמען היינט. דעריבער האָב איך פֿאָרגעשלאָגן מיט עטלעכע יאָר צוריק דער קאָנפֿערענץ פֿון אידישע אָרגאַניזאַציעס, אַז זי זאָל אונטערנעמען די איניציאַטיוו און אָרגאַניזירן דעם דאָזיקן וועלט־צוזאַמענפֿאָר. עס פֿרייט מיך, וואָס טראָץ די פֿיל שוועריקייטן, מיספֿאַרשטענדענישן און אַנטאַגאָניזמען צווישן די אָרגאַניזאַציעס, האָט די דאָזיקע קאָנפֿערענץ זיך פֿאַרזאַמלט, און ווי איך האָף, וועט זי ברענגען אַ בכבוד׳יקן בייטראָג, וואָס וועט אַרויפֿהויבן דעם ענין פֿון אידישער דערציִאונג צום שפּיץ פֿון די זאָרגן און באַמיאונגען ביי די אידישע אָרגאַניזאַציעס אין די תּפוצות.

די דאָזיקע קאָנפערענץ האָט דריי צילן:

ערשטנס, מאַכן אויפמערקזאַם אונזער פאָלק און זיין פירערשאַפט אויף דער צענטראַלער וויכטיקייט פון אידישער דערציאונג, כדי צו זיכערן די ווייטערדיקע עקזיסטענץ פון אונזער פאָלק.

צווייטנס, צו געבן אַן איבערבליק איבער דער לאַגע פון דער אידישער דערציאונג אין די פאַרשידענע טיילן פון אידישן לעבן, כדי צו באַקומען אַן אומפאַסנדיק בילד, אין וועלכן מיר גויטיקן זיך אויף דעם דערציאונגס־געביט. צוליב דעם און צוליב אַ סך אַנדערע טעמים באַדויער איך שטאַרק — און איך צווייפל נישט, אַז דאָס איז אויך אַלעמענס געפיל — וואָס די פאַרטרעטער פון די אידישע קהילות פון מזרח־אייראָפּע זיינען נישטאָ מיט אונז אויף דער קאָנפערענץ. עטלעכע פון זיי האָבן אַן אייגענעם אידישן שול־וועזן און זיי פאַרנעמען אַ לעגיטימען פּלאַץ אינעם אידישן לעבן. אַלע וואָלטן מיר זיך געפרייט, ווען מיר וואָלטן געקענט אויסהערן פון זיי באַריכטן און זיך צוהערן צו זייער מיינונג.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט מוז איך אויסדריקן אונזער טיפן באַדויערן, וואָס אין דער גרויסער אידישער קהילה, די צווייטע לויט איר כמות און וויכטיקייט אין אידישן גלות־לעבן, עקזיסטירט פּאַקטיש נישט קיין אידישע דערציאונג, אין וועלכער־נישט־איז פאָרם. איך מיין דאָ דעם אידישן קיבוץ אין ראַטנפאַרבאַנד. ווי אַזוי קען מען שאַפן באַדינגונגען פאַר אידישער דער־ציאונג אין ראַטנפאַרבאַנד? — דאָס איז איינס פון די גרויסע פּראָבלעמען נישט בלויז אויפן געביט פון דערציאונג, נאָר אויך אויפן געביט פון דעם אידישן לעבן בכלל. טראָץ אַלע שוועריקייטן און טראָץ דער היינטיקער ניט־צופרידנשטעלנדיקער לאַגע, בין איך זיכער, אַז מיר וועלן נישט אויפ־געבן די האָפענונג, אַז דער גרויסער אידישער קיבוץ אין ראַטנפאַרבאַנד וועט דערגרייכן וויניקסטנס די באַדינגונגען פאַר אידישער דערציאונג, וועלכע זיינען פאַראַן אין די אַנדערע אידישע קהילות אין די קאָמוניסטישע לענדער פון מזרח־אייראָפּע, און וועלכע זיינען געוועזן אויך אין ראַטנפאַרבאַנד מיט יאָרן צוריק, אונטער דעם זעלבן קאָמוניסטישן רעזשים.

דער דריטער ציל פון דער קאָנפערענץ איז — צו באַטראַכטן די מעג־לעכקייט צו שאַפן אינסטרומענטן פאַרן פאַרשריט פון אידישער דערציאונג און אויך שאַפן אַ צענטראַלן אַדרעס, וועלכער עקזיסטירט נאָך נישט, פאַר די דאָזיקע פּראָבלעמען אין דער צוקונפט.

עס איז קלאָר, אַז איך קען נישט ברענגען קיין ממשות׳דיקן בייטראָג צום צווייטן און דריטן ציל פון דער קאָנפערענץ. וואָס איז נוגע אינפאָרמאַציע

וועגן דער לאַגע פון אידישער דערציאונג אין די פאַרשידענע גלות־לענדער, זיינען מיר גליקלעך וואָס מיט אונז זיינען פאַראַן וויכטיקע דערציער און שול־טוער פון די אַלע קהילות, און זיי זיינען פיל מער ווי איך קאָמפּעטענט צו באַריכטן וועגן דער לאַגע אין זייערע קהילות. אויך וואָס איז נוגע שאַפן אינסטרומענטן פאַר באַהאַנדלען די פּראָבלעמען, זיינען דאָ פאַראַן אַ סך דעלעגאַטן, וועלכע קענען בעסער פון מיר די פּראָבלעמען פון נאָענט, און זייער ראָט איז מער אויטענטיש ווי מיינער.

בלייבט מיר דערפאַר איבער צו באַהאַנדלען דאָס פּראָבלעם פון אידישער דערציאונג אין אַלגעמיין אויף דעם הינטערגרונט פונעם היינטיקן אידישן לעבן, פונעם געזיכטס־פּונקט פון דער וויכטיקייט און פון דעם אַלגעמיינעם תכלית.

זאָל מיר קודם־כל דערלויבט זיין צו מאַכן עטלעכע באַמערקונגען בנוגע דער וויכטיקייט פון דער אידישער דערציאונג, אין דעם ליכט פון דער איצטיקער אידישער לאַגע אין דער וועלט נאָך די דראַמאַטישע און רעוואָ־לוציאָנערע ווענדונגען, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין רעזולטאַט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און פון דער נאַצישער עפּאָכע — פון איין זייט, און צוליב דעם אויפקום פון מדינת ישראל — פון דער אַנדערער זייט. דער אומפאַסנדיקסטער רעזולטאַט פון די דאָזיקע ווענדונגען איז דער פאַקט, וואָס די הויפּט־געפאַרן פאַר דער אידישער עקזיסטענץ שטאַמען היינט נישט פון דרויסן, נאָר פון אינעווייניק. דער הויפּט־אינהאַלט פון דעם, וואָס מען האָט אין די פריקע יאָרהונדערטער אָנגערופן אידישע פּאָליטיק, ד. ה. מאַכן אַ סוף מיט אַנטי־אידישער דיסקרימינאַציע, זיכערן גלייכע רעכט און באַקעמפן אַנטיסעמיטישע אָנגריפן אויף אונזער עקזיסטענץ — דער דאָזיקער אינהאַלט האָט היינט פאַרלוירן די דרינגלעכקייט און זיין ערשט־ראַנגיקייט אין אונזער לעבן. פאַקטיש איז אומעטום דערגרייכט געוואָרן גלייכבאַרעכטיקונג פאַר אידן, כאָטש נישט אומעטום אין אַ פולער מאָס. דער אַנטיסעמיטיזם וואָס עקזיסטירט נאָך און פאַרשטאַרקט זיינע דראָאונגען דווקא אין אונזערע אומ־רואיקע טעג, שטעלט נישט אין געפאַר די עקזיסטענץ פונעם רוב אידישע קהילות. די גרויסע געפאַר פאַר אונזער עקזיסטענץ איז נישט די געפאַר פון פיזישער פאַרניכטונג, פון פּאָליטישע אָדער עקאָנאָמישע דיסקרימינאַציעס, פּאָגראָמען אָדער מאָרד־אַקטן, נאָר די געפאַר פון צעברעקלונג און פון שטופּנ־וויזער פאַרשווינדונג פון גרויסע טיילן פון אונזער פאָלק, און קודם־כל פונעם יונגן דור.

די צוויי אַנטשיידנדיקע כוחות, וועלכע האָבן געזיכערט די אידישע

עקזיסטענץ און די אידישע אידענטיטעט אין די פּאַריקע יאָרהונדערטער: די קראַפט פון דער אידישער רעליגיע, וועלכע האָט דאָמינירט אינעם אַלגע־מיינעם אידישן לעבן פונעם יחיד און פון דער געזעלשאַפט — פון איין זייט, און דער פאַקט פון פיזישע פאַרפאַלגונגען און באַדראָאונגען, פון דער אַנדערער זייט — האָבן היינט פאַרלוירן זייער קראַפט און גילטיקייט. אַ גרויסער טייל פון דעם אידישן פאָלק ווערט שוין היינט מער נישט אינסטרואירט אינעם טאָג־טעגלעכן לעבן דורך די געזעצן און פאַרשריפטן פון דער אידישער רעליגיע. און אַ באַלדיקע פיזישע געפאַר פון פאַרפאָלגונגען עקזיסטירט נישט, ווי שוין געזאָגט, כמעט לגבי דעם גאַנצן אידישן פאָלק. אין אַזעלכע אומשטענדן איז עס נאַטירלעך, וואָס אַ גרויסער טייל, און אפשר דער גרעס־טער טייל, פונעם יונגן דור קען פאַרלירן זיין אידישע אידענטיטעט, נישט האָבנדיק קיין טרייב־כוחות, צוליב וועלכע ער דאַרף אויפהאַלטן זיין אידיש־קייט. די געפאַר באַשטייט נישט אין אַ דראַמאַטישן אַרויסטריט פון אידנטום, אָדער אין אַ באַוואוסטזיניקער פאַרלייקענונג פון זייער אידישער צוגעהעריקייט. דאָס איז אַן אומזעבאַרער און לאַנגזאַמער פּראָצעס פון עראָזיע, ווייל עס איז נישטאָ קיין ממשות׳דיקע טרייב־קראַפט און קיין זין צוליב וואָס צו בלייבן אַ איד. עס איז די געפאַר צו פאַרלירן דעם איבערגעבליבענעם גייסטיקן אינהאַלט און די קולטור־ווערטן. דאָס מוז ברענגען צו גלייכגילטיקייט, עם־הארצות און סוף־כל־סוף צו פאַרלירן אינגאַנצן דעם אידישן באַוואוסטזיין.

קעגן אָט דער דאָזיקער געפאַר עקזיסטירט בלויז איין און איינציקער וועג — אויפצובויען אַ ממשות׳דיקן אידישן שול־וועזן, וואָס זאָל באַוואָפענען דעם יונגן דור מיט טרייב־כוחות און מיט אַנרעגונגען, כדי זיי זאָלן וועלן בלייבן אידן. היות ווי די דאָזיקע געפאַר איז זייער אַ רעאַלע און מען קען דערביי נישט איבערטרייבן — כאָטש זי איז נישט אַזוי אַנזעעוודיק און הגם מען הערט נישט וועגן איר אַזוי שטאַרק אינעם טומל פון דער אידישער טעטיקייט כלפּי חוץ — איז דעריבער אַבסאָלוט באַרעכטיקט אַנצונעמען די ווערסיע, לויט וועלכער די אידישע דערציאונג איז דאָס ערשט־ראַנגיקע פּראָב־לעם פון אונזער היינטיקן דור. אידישע דערציאונג איז פיל וויכטיקער פאַר אונזער צוקונפט, ווי די צוויי הויפּט־פאַקטאָרן אינעם אידישן לעבן אין דער פאַרגאַנגענהייט: קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם און אידישע מאַטעריעלע הילף. די ביידע לעצטע פאַקטאָרן זיינען אויך ווייטער וויכטיקע ענינים, מיט וועלכע מיר דאַרפן זיך פאַרנעמען, אָבער זיי האָבן נישט קיין שום רעכט אויף פאָרצוג אין דעם אידישן לעבן. די אידישע קהילות און זייערע פירער דאַרפן ענדערן די רייע פון די פּריאָריטעטן אין אונזער געזעלשאַפטלעכן לעבן און געבן די

הויפּט־פּריאָריטעט דעם ענין פון אידישער דערציאונג, וועלכער האָט די זעלבע ערשט־ראַנגיקייט, וואָס דאָס זיכערן די עקזיסטענץ און צוקונפט פון מדינת ישראל.

דאָס איז אַ פּראָבלעם מיט אַ ריזן־מאַסשטאַב. דער עיקר איז, אַז מיר זאָלן צו אים צוטרעטן מיט דער גרעסטער ערנסטקייט און זיך נישט באַגנוגענען מיט „ערזאַצן" און מיט אַן אילוזאָרישער אידישער דערציאונג, מיט עטלעכע סימבאָלן און זשעסטן פון אידישן וויסן אונטער דעם מינימום, וועלכן מיר גיבן אידישע קינדער אין יונגן עלטער. געוויס איז דאָס בעסער ווי גאָרנישט, אָבער דאָס איז ווייט פון צו זיכערן די אידישקייט פון דעם יונגן איד. אויב מיר ווילן טאַקע ערנסט באַהאַנדלען די פראַגע און גובר זיין די געפאַרן פון צעברעקלונג און גלייכגילטיקייט, דאַרף מען טראַכטן וועגן אַן אַקציע פון גרויסן פאַרנעם פאַר אידישער דערציאונג, וואָס איר הויכפּונקט איז אַ פולע אידישע טאָג־שול. דאָס פאָדערט קאָלאָסאַלע מיטלען, טוער, לערערס, אָבער קודם־כל איז דערצו נויטיק די פאַרשטענדעניש פון די אידישע קהילות, אַז דערציאונג איז זייער ערשט־ראַנגיקע פליכט.

מיר דאַרפן נאָך איבערקומען אַ סך פּסיכאָלאָגישע שוועריקייטן, איידער עס וועט אונז געלינגען איינצופלאַנצן אָט דעם געדאַנק אין די הערצער פון די מאַסן־אידן. עס זיינען נאָך פאַראַן אַ סך גוטע אידן, וועלכע האָבן מורא פאַר אַ רעאַלן אידישן שול־וועזן, טאָמער קען עס אויסגעטייטשט ווערן ווי אַ קעגנזאַץ צו אמת'ער עמאַנציפּאַציע, צו גלייכבאַרעכטיקונג און ווי אַ פרוּוו צו שאַפן נייע מחיצות, צו פאַרשטאַרקן די אידישע אָפּגעזונדערטקייט און די געטאָיזאַציע. אויב עס וועט אונז נישט געלינגען גלייך און איין מאָל פאַר אַלע־מאָל זיך צו באַפרייען פון אָט דעם צוגאַנג, וועט אונז פעלן די פּסיכאָלאָגישע באַזע פאַר אַנטוויקלען אַ פולשטענדיקן אידישן שול־וועזן.

די קעגנערשאַפט צו אידישע שולן איז אַ רעזולטאַט פונעם לאַנגדויערנדיקן קאַמף פאַר אידישער באַפרייאונג, וואָס האָט באַהערשט אונזער געשיכטע אינעם ניינצנטן און אָנהויב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. קעמפנדיק פאַר גלייכע רעכט, האָבן אַ סך פון אונז געמיינט, אַז מיר וועלן דאַרפן דערפאַר מוותר זיין אויף אַ סעפּאַראַטן אידישן לעבן און אַנשטאָט דעם זיכערן אַ הונדערט־פּראָצענטיקע צופּאַסונג און איינגלידערונג אינעם לעבן און אין דער קולטור פון די מערהייטס־פעלקער, פון וועלכע מיר האָבן פאַרלאַנגט גלייכבאַרעכטיקונג. לויט מיין מיינונג, איז די דאָזיקע אויפפאַסונג באַזירט אויף אַ גרונט־פאַלשן באַגריף פון דעמאָקראַטיע און גלייכבאַרעכטיקונג. די דאָזיקע פאַלשע אויפפאַסונג איז קלאָסיש פאָרמולירט אינעם זאָג פון איינעם

פון די פראַנצויזישע רעוואָלוציאָנערן: „די אידן ווי מענטשלעכע באַשעפע־נישן קומט צו געבן אַלע רעכט, די אידן ווי אידן קומט גאָרנישט". די דאָזיקע אויפפאַסונג פון דעמאָקראַטיע איז נישט מאָראַליש און אויך נישט דעמאָקראַ־טיש, ווייל זי וויל נישט געבן קיין גלייכע רעכט פאַר גרופן און יחידים אַזוי ווי זיי זיינען, נאָר שטעלט זיי דעם באַדינג, אַז זיי זאָלן זיך אַסימילירן אין דער מערהייט.

די דאָזיקע אויפפאַסונג איז באַזירט אויף דער נאַאיווער און קינסטלעכער אויסטייטשונג פון דעם ראַציאָנאַליזם — דאָס קינד פון 18טן יאָרהונדערט — וואָס האָט נישט געטראַכט וועגן די מענטשלעכע באַשעפענישן ווי וועגן מענטשן; ווי וועגן פעלקער פון פאַרשידענע רעליגיעס און קלאַסן; ווי וועגן גרופן־מינדערהייטן און יחידים, — נאָר האָט זיי געזען אַבסטראַקט ווי מענטש־לעכע באַשעפענישן. אָבער באַשעפענישן בלויז אויפן גרונט פון זייער ריינער מענטשלעכקייט זיינען נישט מער ווי אַ פּראָדוקט פון אַ ראַציאָנאַליסטישער פאַנטאַזיע און עקזיסטירן נישט אין דערווירקלעכקייט. יעדע מענטשלעכע באַשעפעניש אונטערשיידט זיך פון דער צווייטער און געהערט צו פאַרשידענע גרופן: נאַציאָנאַלע, רעליגיעזע, סאָציאַלע, פאַמיליאַרע א. אַ. דעריבער האָט יעדער איינער דאָס רעכט אויף גלייכבאַרעכטיקונג נישט אַלס אַבסטראַקטע באַשעפעניש, וואָס האָט לויט זיין כאַראַקטער דעם זעלבן סטאַטוס ווי דער צווייטער. היינט־צו־טאָג שטייען מיר פאַר דער גרויסער געפאַר פון דער פאַרשטאַרקטער קינסטלעכער גלייכשאַלטונג דורך די געפערלעכע טענדענצן אין אונזער ציוויליזאַציע. די געפאַר פון דער איינהייטלעכקייט אין לעבן און אין דער קולטור — פון איין זייט, און די באַרבאַרישע אַלמעכטיקייט פון דער מדינה — פון דער אַנדערער זייט, אין זיי שטעקט די גרויסע געפאַר.

די היינטיקע ציוויליזאַציע — אויב מען וועט דערלויבן, אַז זי זאָל זיך פאַרשפּרייטן און פאַרשטאַרקן איר הערשאַפט — קען באַזייטיקן אַלע אונטער־שידן צווישן גרופּעס; דאַן אַרויפוואַרפן אַ קינסטלעכע און מעכאַנישע גלייכ־הייט אויף די מענטשלעכע כאַראַקטערן; און דאַן, פאַרשטייט זיך, צונעמען ביי יעדער מינדערהייט־גרופּע, אַזוי ווי אונזערע, יעדע מעגלעכקייט אויפ־צוהאַלטן איר סעפּאַראַטע עקזיסטענץ. פון שטענדיק אָן אין אונזער געשיכטע האָבן מיר געקעמפט קעגן דעם פּרואוו אויפצוצווינגען אונז דעם ווילן פון מערהייטס־גרופּן. אין משך פון טויזנטער יאָרן האָבן מיר צוליב דעם הערא־איש געליטן, ווייל מיר האָבן געוואָלט אויפהאַלטן אונזער אומאָפּהענגיקייט, אונזער פיזיאָגנאָמיע און האָבן געוואָלט בלייבן דאָס, וואָס מיר זיינען. אַן עמאַנציפּאַציע, וועלכע פאָדערט אויפצוגעבן אונזער דאָזיקע פאָדערונג, אַלס

דעם פּרייז פאַר גלייכהייט, איז גאָרנישט קיין עמאַנציפּאַציע. אויב מיר האָבן אַ היסטאָרישע אויפגאַבע אין דער היינטיקער וועלט, איז עס צו קעמפן קעגן דער דאָזיקער פאַלשער אויפפאַסונג פון דעמאָקראַטיע. אמת׳ע דעמאָקראַטיע מיינט, אַז יעדער איינער איז אָנערקענט ווי אַ גלייכער בירגער אַזוי ווי ער איז, פאַרשטייט זיך מיט איין באַגרענעצונג, אַז ער זאָל נישט שטעלן אין געפאַר דעם וואוילזיין פון זיינע שכנים און פון דער געזעלשאַפט. דער דאָזיקער פּרינציפּ איז נישט קיין באַזונדערע פּריווילעגיע פאַר אונז אַליין. ער איז גילטיק פאַר אַלע מינדערהייטן. און פּונקט ווי מיר זיינען אין 19טן יאָר־הונדערט געווען די פּיאָנערן פון דעם קאַמף פאַר גלייכבאַרעכטיקונג, פאַר טאָלעראַנץ און עמאַנציפּאַציע, אַזוי דאַרפן מיר היינט ווייטער זיין די פּיאָנערן פון די, וואָס קעמפן פאַר דעם רעכט פון גלייכע בירגער צו זיין פאַרשידנאַרטיק. דאָס איז איינע פון די גרויסע ענדערונגען אין אונזער לאַגע. אין 19טן יאָרהונדערט האָבן מיר געקעמפט כדי צו זיין גלייך, און אין 20טן יאָר־הונדערט דאַרפן מיר קעמפן פאַר דעם רעכט צו בלייבן אַנדערש, זייענדיק גלייך.

***

דערלויבט מיר איצט איבערצוגיין צו אַן אַנדערן אַספּעקט פון דעם פּראָבלעם — די צילן און אינהאַלטן פון אידישער דערציאונג אין די גלות־לענדער. איך וויל דאָ באַהאַנדלען די אַלגעמיינע צילן פון אידישן שול־וועזן, צו וועלכע די מערהייט פון די פאַרשידענע ריכטונגען וועלן קענען, מער אָדער ווייניקער, געבן זייער הסכמה, אויב מיר וועלן צוגעבן צו די דאָזיקע אַלגעמיינע צילן זייערע ספּעציפישע צילן און אידעאַלן.

דערציאונג האָט בדרך־כלל צוויי צוועקן: א) דערמעגלעכן דעם יונגן דור צו באַקומען דעם נויטיקן וויסן און די מיטלען, כדי ער זאָל קענען זיין אַ נוצלעכער מענטש און טאָן פּראָדוקטיווע אַרבעט. 2) געשטאַלטיקן דעם כאַראַקטער און די פּערזענלעכקייט פון די קינדער. מיין אויפגאַבע איז נישט דאָ צו באַהאַנדלען דעם ערשטן ציל, ווייל אַפילו אין די אידישע טאָג־שולן וועט דער דאָזיקער טייל פון די לימודים זיין דער זעלבער ווי דאָס אַלגעמיינע לערן־פּראָגראַם אין די פאַרשידענע לענדער. די ספּעציפישע אידישע לימודים באַציען זיך צום לערנען אידישע געשיכטע, די אידישע פאַרגאַנגענהייט און קעגנוואַרט. ריידנדיק וועגן דער אידישער פאַרגאַנגענהייט, וויל איך אונטער־שטרייכן — און מען דאַרף עס אונטערשטרייכן באַזונדערס אין ישראל — אַז די פאַרגאַנגענהייט דאַרף אַרומנעמען אונזער גאַנצע געשיכטע.

לעצטנס אַנטוויקלט זיך — באַזונדערס אין ישראל — אַ טענדענץ, וועלכע

פּרוואוט אָפּצושאַפן דעם טייל פונעם גלות אין אונזער געשיכטע און צו פאַר־בינדן דאָס היינטיקע אידישע לעבן אין זיין ישראל׳דיקן אַספּעקט דירעקט מיט דער הערגאַישער תקופה פון אונזער געשיכטע אין דער אַמאָליקער ארץ־ישראל. כ׳האָב שטענדיק געפילט, אַז די דאָזיקע טענדענץ איז אַ געפער־לעכע און אַז צוליב פאַרשידענע סיבות דאַרף מען זיך איר אַנטקעגנשטעלן. נישט קיין יחיד און נישט קיין פאָלק קען זיך דערלויבן צו אַנטוויקלען די געשטאַלט פון זיין לעבן לויט זיינע נייגונגען. אויב אַ יחיד פּרוואוט פאַר־שטויסן און דערוויטערן טיילן פון זיין פאַרגאַנגענהייט, ברענגט עס בדרך־כלל צו כל׳ערליי פּסיכאָלאָגישע שטערונגען און צו אַן אמת׳ן נעווראָז. נאָך מערער איז עס אַזוי לגבי אַ פאָלק. פעלקער דאַרפן אָננעמען זייער געשיכטע גאַנצערהייט, דאָס גוטע און שלעכטע צוזאַמען, די הערגאַיק און די חרפּה, זייערע נצחונות און דורכפאַלן, וואָס זיי האָבן געהאַט אין דער פאַרגאַנגענהייט. דאָס וואָס ניטשע האָט אַמאָל אָנגערופן „אַמאָר פאַטי״, ליבשאַפט צום אייגענעם גורל, איז אַ גרונט־באַדינג פאַר דעם פּסיכאָלאָגישן און נשמה־גלייכגעוויכט ביי יעדן פאָלק. און נאָך עפּעס: קיין שום זאַך וועט נישט ברענגען קיין גרע־סערן שאָדן, ווי קוקן אויף אונזער גלות־געשיכטע ווי אויף אַ נעגאַטיווער תקופה, מיט וועלכער מען דאַרף זיך שעמען, ווייל מיר זיינען געווען די אָביעקטן פון אונזער גורל און נישט זיינע טרעגער; ווייל מיר זיינען געווען אונטערגעוואָרפענע, דערנידעריקטע און פאַרפאָלגטע און האָבן נישט געקענט צוריקשלאָגן.

דער דאָזיקער גאַנצער צוגאַנג, וועלכער איז אָנגענומען אַזוי ווייט ביז צום אויסשטעלן אויף אַ געפאַר טיילן פון דער ישראל׳דיקער יוגנט, און וועלכער ווערט באַוואוסטזיניק און אונטערבאַוואוסטזיניק געשטיצט דורך גרויסע פּערזענלעכקייטן אין מדינת ישראל, איז, לויט מיין מיינונג, מאָראַליש אומגערעכט. עס ווערט דורך דעם באַגאַנגען אַ שווערע עוולה לגבי דער עפּאָכע אין אונזער געשיכטע, וואָס ווערט אָנגערופן גלות. ערשטנס, קען מען גאָרנישט פאַרשטעלן זיך אונזער גאַנצער געשיכטע אָן דעם עלעמענט פון גלות. אונזער געשיכטע האָט פאַקטיש זיך אָנגעהויבן אין גלות, און די עקזיסטענץ פון צוויי אַקסן — דער צענטער אין ארץ־ישראל און דער גלות — איז דער ספּעציפישער כאַראַקטער פון אונזער געשיכטע, וועלכער וועט אינ־גאַנצן פאַרקריפּלט ווערן, אויב מען וועט פּרוואוון אַנולירן איינע פון די ביידע אַקסן. צווייטנס, איז נישטאָ קיין שום גרונט זיך צו שעמען מיט דער גלות־געשיכטע. איך ווייס נישט ווען האָט אונזער פאָלק אַנטוויקלט מער הערגאַיזם, מער האַרט־נעקיקייט און גרעסערע עקשנות: אין די הערגאַישע מלחמות פון

דער תנ״ך־צייט, אין דער תקופה פון די מכבים, אָדער אין משך פון די פיל הונדערטער טראַגישע יאָרן פון העראָאישן קאַמף אין גלות. ליידן איז נישט ווייניקער העראָאיש ווי צוריקשלאָגן. גאַנץ אָפט דאַרף דער פאַרפאָלגטער און ליידנדיקער האָבן אַ גרעסערע מאָראַלישע קראַפט זיך נישט אונטערצוגעבן, ווי אַ באַטאַליאָן זעלנער, וואָס מאַרשירט צו דער שלאַכט מיט געזאַנג.

אויב מיר ריידן פונעם שעפערישן און קולטורעלן געזיכטס־פונקט, דאַרפן מיר זיך פרעגן, נישט פאַרקלענערנדיק אויף אַ האָר די קאָלאָסאַלע שאַפונג פון תנ״ך: צי זיינען מיר גרייט צו פאַרגעסן די קאָלאָסאַלע בייטראַגן פונעם גלות צו אונזער אידישער ציוויליזאַציע און צו דער וועלט? דעריבער דאַרף דאָס לערנען די פאַרגאַנגענהייט שטרעבן אַרומצונעמען זי אין איר פולער גאַנצקייט, אַלץ וואָס מיר האָבן געשאַפן אין די אַלטע צייטן אין ארץ־ישראל און אויך אַלץ, וואָס מיר האָבן געשאַפן אין גלות בבל און אין גלות־אייראָפּע, סיי אין אונזער אייגענער ראַם און סיי דורך אונזער בייטראָג צו די קולטורן פון אַזויפיל פעלקער.

אָבער דאָס דערוווערבן קענטענישן, דאָס לערנען פאַקטן און געשעענישן איז בלויז אַ טייל — און אין צוזאַמענהאַנג מיט אונזער פּראָבלעם, אַפילו נישט קיין וויטאַלער טייל — פון דערציאונג. וויסן אַליין דערציט נישט קיין פאָלק. דאָס איז נישט מער ווי אַ וויכטיקע באַזע, אויף וועלכער עס שטיצט זיך די אמת׳ע דערציאונג. דער הויפּט־ציל — און בפרט ווען עס האַנדלט זיך וועגן אידישער דערציאונג אין גלות — איז צו באַאיינפלוסן דעם געדאַנקען־גאַנג און די נשמה פון דער יוגנט, אַריינצובריינגען אין איר דעם ווילן צו בלייבן אידן און געבן איר די טרייב־כוחות פאַר דעם דאָזיקן ווילן. דאָ שטייען מיר פאַר אַ פּראָבלעם, וואָס אפשר קיין שום אַנדער פאָלק האָט נישט. פאַר דעם ענגלענדער, פראַנצויז, אָדער פּאָליאַק איז עס נאַטירלעך, אַז ער בלייבט פאַראַנקערט באַוואוסטזיניק אין זיין פאָלק. דאָס זעלבע איז מיט דעם איד אין ישראל. די שול דאַרף בלויז פאַרשטאַרקן און פאַרטיפן דעם דאָזיקן נאַטירלעכן פאַקט. אַנדערש איז עס אָבער לגבי דעם יונגן איד אין גלות, וועלכער לעבט מער נישט אין געטאָ, נאָר האָט זיך צוגעפּאַסט צום לעבן פון אַנדערע פעלקער; ליידט מער נישט בדרך־כלל פון פאַרפאָלגונגען און איז נישט פאַרוואָרצלט אין דעם לעבנס־שטייגער, אין וועלכן די אידישע רעליגיע האָט דאָמינירט. פאַר אים איז בלייבן אַ איד נישט קיין נאַטירלעכע זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט; מען דאַרף אָט דעם באַוואוסטזיין איינפלאַנצן אין זיין נשמה און אים אַנטוויקלען.

דאָס גרויסע און קאָלאָסאַלע פּראָבלעם פון אידישער דערציאונג היינט־

צו־טאָג איז — צו באַשטראַלן דעם יונגן דור מיט דער דאָזיקער אינספּיראַציע, און באַוואָפענען אים מיט די בויטיקע סטימולן און אָנרעגונגען, צוליב וועלכע ער זאָל בלייבן אַ איד. ווייל די הויפּט־מאָטיוון פון דער פאַרגאַנגענהייט — רעליגיע פון איין זייט, און פאַרפאָלגונגען פון דער אַנדערער — זיינען היינט שוין מער נישט עפעקטיוו.

דאָס דאָזיקע פּראָבלעם איז, פאַרשטייט זיך, ווייניקער שווער לגבי יענע ריכטונגען אין דער אידישער דערציאונג, וועלכע שטיצן זיך אויף דעם צוגאַנג פונעם אָרטאָדאָקסישן אידנטום. אידישע קינדער, וועלכע זיינען אויפ־געוואַקסן און דערצויגן געוואָרן אין אַ שול מיט דער אַטמאָספערע פון אָרטאָ־דאָקסישן אידנטום, האָבן לכתחילה אַ שטאַרקע באַזע פאַר זייער אידישקייט. איך שטעל זיך אָפּ דאָ אויף יענעם טייל פון אידישער דערציאונג, וואָס האָט צו טאָן מיט דער לעבעדיקער אידישער יוגנט, וועלכע ווערט דערצויגן אויסער דער ראַם פונעם אָרטאָדאָקסישן אידנטום.

דאָס דאָזיקע פּראָבלעם קען באַטראַכט ווערן פון דריי אַספּעקטן. די אינספּיראַציע פאַר אָט דעם טייל פון אונזער יוגנט קען קומען פון דריי מקורות: דער ערשטער מקור איז אונזער פאַרגאַנגענהייט; דער צווייטער שטיצט זיך אויף דער איצטיקער לאַגע, און דער דריטער — אויף אונזער אויפפאַסונג פון דער צוקונפט און אונזער גלויבן אין איר.

וואָס שייך דער פאַרגאַנגענהייט, שיינט מיר, אַז דער הויפּט־צוועק דאַרף זיין צו געבן דעם יונגן דור די פאַרשטענדעניש פון דעם אייגנאַרטיקן כאַראַק־טער, וועלכן עס טראָגט אונזער געשיכטע. מיר האָבן נישט קיין גלייכן און קיין ביישפּיל צו אונז. מיר זיינען אַן אייגנאַרטיקע דערשיינונג אין דער מענטשלעכער געשיכטע. אַלע פּרואוון צו דעפינירן אונז אין נייע טערמינען, זיינען דורכגעפאַלן און וועלן דורכפאַלן. מיר זיינען אַ סך מער ווי אַ רעליגיע און געוויס נישט סתם נאָך אַ ראַסע. מיר זיינען אַ פאָלק, וועלכן מער קען נישט פאַרגלייכן מיט אַנדערע פעלקער. מיר לעבן אין אונזער גרויסער מערהייט צעזייט און צעשפּרייט איבער גאָר דער וועלט. עס איז נישט אומ־מעגלעך איינצופלאַנצן אינעם יונגן דור דעם גרויסן חוש פון שטאָלץ צוליב דער דאָזיקער אייגנאַרטיקייט פון אונזער עקזיסטענץ און געשיכטע. מיר זיינען איינער פון די עלטסטע פעלקער אין דער וועלט. וואָס פאַר אַ פאָלק, אויסער די כינעזער, איז אַזוי לאַנג געבליבן לעבן און געוועזן שעפעריש אין אַלע עפּאָכעס פון דער געשיכטע? משפחות שטאָלצירן מיט זייערע עלטערן און אור־עלטערן, פעלקער שטאָלצירן מיט זייער פאַרגאַנגענהייט. צי האָבן מיר נישט דאָס רעכט צו שטאָלצירן מיט אונזער געשיכטע פון טויזנטער יאָרן —

אַ געשיכטע, וואָס עס האָבן זייער ווייניק אַנדערע פעלקער אין דער וועלט? איז פאַראַן נאָך אַ פאָלק, וואָס קען אָנווייזן אויף קאַפּיטלעך פון אַזעלכע ליידן אין צעשפּרייטקייט, איבער וועלכע ער איז שוין פון לאַנג געווען פאַר־משפּט, לויט אַלע נאַטירלעכע געזעצן, אויף צעברעקלונג און אָפּגעווישט צו ווערן? און נאָך דעם, ווי גרויסע טיילן פון אונזער פאָלק זיינען אומגעקומען און פאַרלוירן געגאַנגען, לעבט ווייטער אונזער פאָלק. און עס איז אים געלונגען נישט בלויז אויפצוהאַלטן זיין עקזיסטענץ, נאָר, נישט געקוקט אויף אַלע רדיפות און די אומבאַשרייבלעכע ליידן, האָט ער קיינמאָל נישט אויפ־געהערט צו שאַפן, סיי אין דער ראַם פון דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע און סיי אין דער קולטור פון נאָענטן מזרח. ס'איז כמעט נישטאָ קיין קולטור פון קיין איין פאָלק, צו וועלכער אידן האָבן נישט בייגעטראָגן זייער ביי־שטייער אויף דעם אָדער אַן אַנדערן וועג. צי איז נישט דער דאָזיקער אייגנ־אַרטיקער און מערקווירדיקער עפּאָס פון דער אידישער געשיכטע אַ לעגיטימער קוואַל, וואָס גיט אַ טיפן געפיל פון שטאָלץ פאַר דעם יונגן איד, נאָכדעם ווי מען שטעלט פאַר אים פאַר דעם עפּאָס אויף אַ ריכטיקן אופן און נאָכדעם ווי ער באַקענט זיך מיט דער אייגנאַרטיקייט פון אונזער געשיכטע?

וואָס איז נוגע דער קעגנוואַרט, דאַרף מען קודם־כל אַנטוויקלען אין די הערצער און נשמות פון די יוגנטלעכע דאָס געפיל פון סאָלידאַרישקייט צווישן אַלע אידן. אין קיין שום עפּאָכע אין אונזער געשיכטע איז דאָס געפיל פון אַחדות נישט געווען אַזוי שטאַרק באַדראָט, ווי איצט נאָך דער עמאַנציפּאַציע. די געפאַר פון איזאָלאַציע פאַר קהילות, וועלכע פאַרלירן זייער אַחריות־געפיל כלפי דעם גאַנצן אידישן כלל, איז היינט גרעסער ווי ווען־עס־איז, און זי וועט אין דער צוקונפט ווערן נאָך שאַרפער. עס איז דעריבער נויטווענדיק — און דאָס איז איינער פון די הויפּט־צילן פון דער אידישער דערציאונג — צו פאַרפלאַנצן אין די הערצער פון דעם יונגן דור דאָס געפיל פון סאָלידאַ־רישקייט מיט אַלע אידישע קהילות, — אַ געפיל, וואָס באַזירט זיך אויף דער איבערצייגונג, אַז טראָץ דער גלייכבאַרעכטיקונג, פון וועלכער מיר געניסן, איז זייער צוקונפט נישט געזיכערט. קיין שום אידישע קהילה, אַפילו די שטאַרקסטע, קען זיך נישט פילן זיכער, אַז זי וועט נישט דאַרפן אָנקומען צו שטיצע און צו סאָלידאַרישקייט פון אַנדערע קהילות. אין אונזערע טעג האָבן מיר געזען, ווי אַזוי בליענדיקע אידישע קהילות זיינען אין איין נאַכט רואינירט געוואָרן און האָבן געדאַרפט אָנקומען נאָך שטיצע און הילף מצד אַנדערע קהילות. דער צווייטער וויטאַלער ציל פון אידישער דערציאונג היינט־צו־טאָג איז צו באַקענען דעם יונגן דור מיט דער קאָמפּליצירטער לאַגע

פונעם גאַנצן אידישן פאָלק, וואָס איז צעוואָרפן איבער גאָר דער וועלט, און מיט די פּראָבלעמען פון יעדער באַזונדערער קהילה.

און איצט — וועגן דער צוקונפט. קיין שום פאָלק האָט נישט קיין עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג — אַפילו אַ פאָלק וואָס האָט אויפגעטאָן קאָלאָסאַלע זאַכן אין דער געשיכטע — און קיין שום פאָלק וועט נישט קענען עקזיסטירן, אויב ער וועט נישט זיין דורכגענומען מיט אַ טיפן גלויבן אין זיין צוקונפט. דאָס איז דער שטאַרקסטער קוואַל, פון וועלכן פעלקער שעפּן דערנערונג און אינספּיראַציע אין זייער קאַמף פאַרן קיום. אין אונזער פאַל איז קלאָר, אַז דער גלויבן אין דער צוקונפט פון אונזער פאָלק, וואָס איז אַמאָל געווען פאַרוואָרצלט בעיקר אין דער מיסטיש־רעליגיעזער אמונה פון נצח ישראל, וועט פון איצט אָן זיך באַזירן אויף דער עקזיסטענץ פון מדינת ישראל. דאָס איז באַזונדערס ריכטיק לגבי די יעניקע, וועלכע פאַרמאָגן מער נישט די אַמאָליקע מיסטישע אמונה.

זאָג איך נישט, אַז אָן אַט דעם גלויבן בלייבט אונזער פאָלק חלילה אָן אַ צוקונפט; עס וואָלט אָבער געווען פילפאַכיק שווערער צו גלויבן על־פּי־שכל אין אַזאַ צוקונפט, ווען מדינת ישראל וואָלט נישט אויפגעקומען.

אַזוי־אַרום דערגיי איך צום דריטן וויטאַלן ציל פון דער היינטיקער אידישער דערציאונג — צו פאַרבינדן דעם יונגן דור מיט מדינת ישראל און מיט דער נייער קולטור, וואָס ווערט אין איר געשאַפן. דער דאָזיקער קשר דאַרף שלאָגן די טיפסטע וואָרצלען, אַ סך טיפערע ווי די פאַרבינדונג בלויז דורך געבן הילף פאַר דער אידישער מדינה. די דאָזיקע פאַרבינדונג פאַרלירט איר וויכטיקייט ביים יונגן דור און בפרט אויפן געביט פון דערציאונג. דער אמת'ער קשר מיט ישראל דאַרף זיך באַזירן אויף די טיפע, גייסטיקע, עמאָציאָנעלע און עטישע יסודות, אויף דעם געפיל פון סאַטיספאַקציע און שטאָלץ מיטן אויפקום פון דער אידישער מדינה און אויף דעם ווילן אָנטייל צו נעמען, מעג עס זיין אַפילו אומדירעקט, אין די שפּעפערישע דערגרייכונגען פון דער מדינה, באַטייליקן זיך אויף וועלכן־עס־איז אופן אין איר נייער קולטור.

דער ערשטער באַדינג דערפאַר איז צו קענען די העברעאישע שפּראַך. איינער פון די הויפּט־צילן פון היינטיקן און צוקונפטיקן גייסטיקן אידישן לעבן דאַרף זיין: מאַכן פון העברעאיש די צווייטע שפּראַך פון יעדן איד אין יעדן גלות־לאַנד. מיר זיינען באַקאַנט אַלע שטערונגען אויף דעם דאָזיקן וועג; איך זע אָבער נישט קיין אָפּהאַלט, פאַרוואָס מיר זאָלן דערצו נישט שטרעבן. כ'וויל דערביי קלאָר מאַכן, אַז די דאָזיקע שטרעבונג באַדייט נישט קיין

שטעלונג קעגן אידיש. לויט מיין מיינונג, איז היינט נישטאָ קיין פּלאַץ און קיין זין פאַר אַ קאָנקורענץ און קאַמף צווישן די ביידע שפּראַכן. איך שטיץ די עקזיסטענץ פון אידיש ווי ווייט מעגלעך, אַלס איינעם פון די אויסדרוקן פון אונזער קולטור, אין וועלכן עס זיינען געשאַפן געוואָרן קלאַסישע ליטעראַרישע שאַפונגען. אָבער צום טיפן באַדויערן האָט די נאַצי־עפּאָכע, פאַרניכטנדיק אַזויפיל גייסטיקע אידישע ווערטן, אויך צוגענומען די אויסזיכטן פאַר אידיש צו בלייבן אַ פּערמאַנענטער פאַרמעגן פון אונזער גייסטיק לעבן נאָך דעם חורבן פון אייראָפּעאישן אידנטום. מיר דאַרפן אידיש אויפהאַלטן און דערמוטיקן ווי ווייט מעגלעך לענגער. אָבער זי קאָנקורירט נישט מיט העברעאיש, וועלכע איז מיטן אויפקום פון מדינת ישראל געוואָרן נישט בלויז די שפּראַך פון דער מדינה, נאָר אויך דער גרעסטער אינסטרומענט, אין וועלכן עס וועט קומען צום אויסדרוק די אידישע שאַפונג אין דער צוקונפט.

אָט צוליב דעם איז אַזוי לעבנס־וויכטיק צו קענען העברעאיש אין גלות. פאַראַן אויך אַנדערע פעלקער צוויי־שפּראַכלעכע און צייטנווייז דריי־שפּראַכלעכע. פאַרוואָס זאָל אַזאַ קולטורעל און געבילדעט פאָלק, ווי דאָס אידישע, נישט קענען זיך באַנוצן מיט העברעאיש, ווי מיט זיין צווייטער שפּראַך, און אַזוי אַרום דערמעגלעכן אַלעמען אַ ממשות׳דיקע באַטייליקונג אינעם קולטור־לעבן פון ישראל? אויב עס וועט נישט געשאַפן ווערן אַזאַ נעענטערע און ענגערע צוגעבונדנקייט צו ישראל, דראָט אַ גרויסע געפאַר, אַז די קומענדיקע דורות וועלן מאַכן שוואַכער דעם קשר, און אַז זייער אינטערעס פאַר מדינת ישראל וועט פאַלן. די שטאַרקע איבערלעבונג פון פאַרווירקלעכן אַ דורות־לאַנגן חלום דורך דער גרינדונג פון דער מדינה, וואָס האָט עמאָציאָנעל אויפגערודערט אונזער היינטיקן דור, וועט נישט האָבן די זעלבע השפּעה אויף דעם מאָרגנדיקן דור, פאַר וועלכן די עקזיסטענץ פון ישראל ווערט אַ זעלבסט־פאַרשטענדלעכקייט. נאָך דורך איינפלאַנצן אינעם צווייטן דור געפילן, וועלכע זאָלן אים איינגלידערן אין דעם פּערמאַנענטן פּראָצעס פון דער ישראל־שאַפונג, אַז ער זאָל זיך באַטייליקן אין טראָגן די אַחריות פאַר דעם גאַנצן אידישן גורל, וועלן מיר קענען פאַרבינדן דעם גלות מיט ישראל און מאַכן פון ישראל איינעם פון די גרויסע קוואַלן פאַר זיכערן די אידישע עקזיסטענץ.

פאַר דעם צוועק דאַרפן מיר איין מאָל פאַר אַלע מאָל באַפרייען אַ סך אידן פון דער מורא, אַז די באַהעפטונג מיט ישראל איז כלומרשט אין אַ סתירה צו זייער לאָיאַליטעט לגבי די מדינות, אין וועלכע זיי לעבן. כל־זמן מיר וועלן זיך נישט באַפרייען פון דער אומזיסטער מורא פאַר דער דאָפּלטער לאָיאַליטעט — וועלכע איז שטאַרק פאַרשפּרייט און אַ סך זיינען פון איר

באַאיינפלוסט, ווען אַפילו זיי האָבן נישט דעם מוט אין דעם זיך מודה־צו־זיין — איז נישטאָ קיין לייזונג פאַר דער ספּעציפישער פראַגע פון דעם קשר צווישן גלות און ישראל. די דאָזיקע פראַגע איז אין אַ געוויסער מאָס פאַרבונדן אויך מיט דעם, וואָס איך האָב פריער געזאָגט לגבי דער אמת׳ער באַדייטונג פון דעמאָקראַטיע און פון די רעכט פון מינדערהייטן צו זיין אַנדערש, ווי די מערהייט. קיין שום מדינה קען נישט פאָדערן פון אירע בירגער עקסקלוזיווע לאָיאַליטעט; דאָס איז די קלאַסישע אויפפאַסונג פון דעם טאָטאַליטאַריזם אין זיין ערגסטער פאָרם. די מדינה איז איינער פון די גרויסע אינסטרומענטן פון דער ציוויליזאַציע און איינער פון די פיל אויסדרוקן פון דער מענטשלעכער קולטור. פאַראַן אויך אַ סך אַנדערע אינ־סטרומענטן, וועלכע זיינען אין הינזיכט פון מאָראַל און גייסט נישט ווייניקער לעגיטים ווי די מדינה, ווי צום ביישפּיל: די רעליגיע, די פאַמיליע א. אַ. נישטאָ קיין גרעסערע נויטווענדיקייט פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער מענטש־הייט אין אַלגעמיין און פאַר דער עקזיסטענץ פון מינדערהייטן, בפרט פון דער אידישער מינדערהייט, ווי אָפּשאַפן די דאָזיקע פאַרגעטערונג פון דער מדינה און קעגנשטעלן זיך מיטן גאַנצן כוח דער פאָדערונג פון טאָטאַליטאַרער און עקסקלוזיווער לאָיאַליטעט. דאָס אידישע פאָלק וועט נישט קענען עקזיס־טירן אין אַ וועלט פון עקסקלוזיווער און טאָטאַליטאַרער לאָיאַלקייט צו דער מדינה, סיידן אין דער קאַריקאַטור־פאָרם פון אַ אידישער עדה, וואָס האָט נישט קיין שום אינהאַלט און באַדייטונג.

אויב מיר ווענדן זען די פראַגע אין איר ברייטערן צוזאַמענהאַנג, וועלן מיר צוריקקומען צו דעם, וואָס קען זיין אין אַ געוויסער מאָס דער אַנטשיידנ־דיקסטער בייטראַג פון אונזער פאָלק צו דער מענטשלעכער קולטור און דער טיפסטער זין פון זיין ספּעציפישער געשיכטע — דאָס איז דער קאַמף פאַר דעם כבוד פון יעדער מענטשלעכער באַשעפעניש און פאַר דעם רעכט פון יעדער גרופּע צו עקזיסטירן און פירן איר פולשטענדיקן אייגענעם לעבן. קיין שום פאָלק אין דער געשיכטע האָט נישט געקעמפט און נישט געליטן אין דעם דאָזיקן קאַמף ווי מיר, קעגנשטעלנדיק זיך דעם ווילן פון די מערהייטס־גרופּן אַריינצוזאַפּן אונז אין זיך און אויפצווינגען אונז זייער לעבנס־וועג. אונזער גרעסטער ערן־טיטל אין דער געשיכטע איז, לויט מיין מיינונג, וואָס מיר זיינען געווען די גרעסטע באַן־קאַמפּאַרמיסטן, די רעוואָלוציאָנערן מיט „ה׳ הידיעה" אין אונזער גאַנצער געשיכטע. היינט דראָט אונז די געפאַר, אַז מיר זאָלן פאַרלירן דעם דאָזיקן טיטל. איינע פון די שאַרפסטע און אומ־פאַסנדיקסטע ווענדונגען אין אונזער פּאָזיציע אין די מערסטע לענדער באַשטייט

אין דעם, וואָס אויב אין משך פון הונדערטער יאָרן זיינען מיר געווען אין די ערשטע רייען פון די אָרעמע, אונטערדריקטע און פאַרפאָלגטע, און זיינען דעריבער אויך געשטאַנען אין די ערשטע רייען פון די, וועלכע האָבן גע־פאָדערט גערעכטיקייט, גלייכהייט, טאָלעראַנץ און ברידערלעכקייט, — געפינען מיר זיך היינט צווישן די פאַרמעגלעכע און רייכע, וועלכע סימפּאַטיזירן מיט די קאָנסערוואַטיווע עלעמענטן. דאָס איז ווירקלעך אַן ערנסטע און באַדייטונגספולע ווענדונג, וועלכע פאַרשאַפט נישט קיין סך נחת. זי ווירקט געוויס אַ סך אויף די פּראָבלעמען, וועלכע מיר באַהאַנדלען.

איינע פון די גרויסע שוועריקייטן צו זיין לאָיאַל צו אונזער פאָלק, וואָס באַמערקן זיך ביי דעם יונגן אידישן דור, און באַזונדערס ביי די מער אידעאַליסטישע עלעמענטן, קומט פון דעם פעלן פון אַן אידעאַל, פון וועלכן זיי זאָלן קענען שעפּן אינספּיראַציע און ענטוזיאַזם. יוגנטלעכע זיינען שטאַרק עמפּינדלעך און געניוגט באַאיינפלוסט צו ווערן פון גרויסע אידעאַלן, פון עקסטרעמע אויפפאַסונגען, פון רעוואָלוציאָנערע דערשיינונגען און וויזיעס. אונזערע יוגנטלעכע נויטיקן זיך אין אַ חלוצישן גייסט, סיי לגבי ישראל, סיי לגבי דעם אַלגעמיינעם אידישן לעבן און סיי לגבי אונזער פּאָזיציע אין דער וועלט און אין דער היינטיקער געזעלשאַפט. מיר לעבן אין איינער פון די רעוואָלוציאָנערסטע עפּאָכעס אין דער געשיכטע. מיר דאַרפן דערפילן אַן אויפגאַבע און ברענגען אַ ביישטייער כדי צו באַזייטיקן די געפאַרן, וועלכע באַדראָען מיט פאַרניכטונג פון אונזער קולטור. מיר דאַרפן בויען אַ בעסערע געזעלשאַפט, וואָס שטרעבט צו גערעכטיקייט און צו שלום. מיט אַזעלכע אידעאַלן אין גייסט פון אונזער פאַרגאַנגענהייט און היסטאָרישער דערגריי־כונג, מעגן מיר האָפן, אַז עס וועט אונז געלינגען אויפצוהאַלטן די יוגנט, אַז זי זאָל בלייבן ביי אונז.

מיר דאַרפן זיך צוריקקערן צו אונזער קלאַסישער פּאָזיציע אין דער געשיכטע; קעמפן פאַר די גרויסע געדאַנקען פון אונזערע פאָרגייער; קעגנ־שטעלן זיך די טענדענצן פון יענע מערהייט־גרופּן, וואָס ווילן אונז אַסי־מילירן. און מיר דאַרפן פּראָקלאַמירן אונזער רעכט, ווי אויך דאָס רעכט פון אַלע אַנדערע מינדערהייטס־גרופּן צו בלייבן אַזוי ווי זיי זיינען. נאָר אינעם איינפלאַנצן פון די דאָזיקע אידעאַלן אין די יונגע הערצער שטעקט די האָפענונג און די אויסזיכט, אַז מיר וועלן גובר־זיין די קאַלאָסאַלע כוחות, וואָס פירן צו צעברעקלונג און אַסימילאַציע, און אַז מיר וועלן קענען איבער־געבן אונזער אייגנאַרטיקע פאַרגאַנגענהייטס־ירושה צו די קומענדיקע אידישע דורות.

# דער יונגער דור אין ישראל און זיין באַציאונג צום וועלט־אידנטום

(עסיי, פאַרעפנטלעכט אין זאַמל־בוך לכבוד דר׳ ישראל גאָלדשטיינ׳ס
60־טן געבוירנטאָג, ניו־יאָרק, 1957)

פאַראַן אַן אַספּעקט פון דער פּסיכאָלאָגישער און אינטעלעקטועלער אויפפירונג פון דער באַפעלקערונג פון מדינת ישראל, וואָס ווייזט זיך מיר אויס צו זיין פון גאָר גרויסער באַדייטונג פאַר דער אַנטוויקלונג פון כאַראַקטער פון דער אידישער מדינה און איר באַציאונג צום וועלט־אידנטום. איך קען באַהאַנדלען דאָס דאָזיקע פּראָבלעם בלויז זייער בקיצור אין דאָזיקן עסיי. איך מיין וועגן דער שטאַרקער, טיף־איינגעוואָרצלטער טענדענץ צווישן אַ סך ישראלים, בפרט צווישן די סאַבראַס, וועלכע זיינען געבוירן און אויפגעוואַקסן אין ישראל — און באַזונדערס צווישן דער יוגנט — צו זיין גלייכגילטיק און אַפּט אויך צו סטימולירן אַן אומוויסנקייט בנוגע אונזער מורא׳דיקער טראַגעדיע אין דער נאַצי־עפּאָכע, ווען עס איז אומגעבראַכט געוואָרן אַ דריטל פון אונזער פאָלק.

זיכער איז עס ניט די שטעלונג פון ישראל׳ס אָנערקענטע פירער און פאַרשטייער, פון וועלכע כמעט אַלע זיינען אויפגעוואַקסן אין איירָאָפּע און אויף דער אידישער קולטור פון אַלטן קאָנטינענט. כמעט אַלע האָבן זיי אויך פאַרלוירן זייערע פריינט און קרובים אין די נאַצי־רציחות אין איירָאָפּע. דער חורבן אין דער נאַצי־עפּאָכע וועט פאַרבלייבן אויף אייביק אַ הערשנדיקער עלעמענט אין זייערע מחשבות און געפילן. אָבער די ישראל׳דיקע יוגנט, אַריינרעכענענדיק די קינדער פון די אָנערקענטע פירער, ווייזן אַרויס אַן אויסדריקלעכן אומווילן צו קענען די שוידערלעכע פאַקטן פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט. עס זעט אויס, אַז זיי זיינען אַנטשלאָסן צו פאַרטרייבן די דאָזיקע פאַקטן פון זייער זכרון.

אַ כאַראַקטעריסטישע אילוסטראַציע איז די שטעלונג פון ישראל׳ס יוגנט צו דער אינסטיטוציע פון „יד ושם״, וואָס ווערט פינאַנסירט טיילווייז דורך דער ישראל־רעגירונג און דער אידישער אַגענטור, און טיילווייז דורך דער קאָנפערענץ פאַר אידישע מאַטעריעלע תביעות צו דייטשלאַנד. די אויפגאַבע פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע איז צו זאַמלען, אָפּהיטן פון דער פאַרגעסנקייט, פאָרשן און אַנאַליזירן די גאַנצע דאָקומענטאַציע וועגן דער נאַצי־עפּאָכע און

איבערגעבן צו די קומענדיקע דורות די באַוויז־מאַטעריאַלן וועגן דער שרעק־לעכסטער טראַגעדיע אין דער אידישער געשיכטע. די וויסנשאַפטלער פון העברעאישן אוניווערזיטעט אין ירושלים, וועלכע פירן־אָן מיט „יד ושם״, האָבן זיך פאַר מיר ניט איין מאָל באַקלאָגט, אַז ניט געקוקט אויף די באַדייטנ־דיקע סובסידיעס און האָנאָראַרן, ענטפערן ניט פשוט די יונגע אידישע געלערנטע און סטודענטן פון געשיכטע אויף די איינלאַדונגען צו פאַרנעמען זיך מיט די דאָזיקע פאָרשונגען. עס האַנדלט זיך וועגן יונגע מענטשן, וועלכע ווילן ווידמען זייערע לעבנס פאַר שטודירן אידישע געשיכטע. דאָך זיינען זיי, ווי עס ווייזט אויס, לגמרי ניט פאַראינטערעסירט צו פאָרשן די דאָזיקע תקופה, וועלכע איז נאָך פריש אין זכרון פון אונזער דור. נאָר אַ זייער שטאַרקער צו־להכעיס׳דיקער אונטערבאַוואוסטזיין, אַ פאַרלאַנג צו אַנטלויפן פון דעם שוידערלעכן אמת פון דער טראַגעדיע קענען דערקלערן די דאָזיקע איבער־ראַשנדיקע און אומנאַטירלעכע דערשיינונג.

די דאָזיקע האַנדלונג ווייזט זיך מיר אויס צו זיין מער, ווי אַ צופעליקע. זי האָט טיפע אינטעלעקטועלע און עמאָציאָנעלע וואָרצלען. טעאָרעטיש קען מען אַרגומענטירן, אַז אַ פאָלק, וואָס שאַפט זיין נייע מדינה און הויבט־אָן אַ פולשטענדיק נייע היסטאָרישע קאַריערע, וואָס איז ראַדיקאַל אַנדערש פון דעם אופן פון זיין לעבן אין די פאַרגאַנגענע צוויי טויזנט יאָר — אַז אַזאַ פאָלק קען זיין אַנטי־היסטאָריש, ווי יונגע פעלקער זיינען אין אַלגעמיין. זיי קוקן מיטן פנים צו דער צוקונפט און שאָקלען זיך אָפּ מיטן רוקן פון דער פאַרגאַנגענהייט. דאָס איז אָבער ניט אמת וועגן דער ישראל׳דיקער יוגנט. להיפוך, איינע פון אירע ספּעקטאַקולערע אייגנשאַפטן איז איר טיפער און ליידנשאַפטלעכער אינטערעס פאַר דער אַלטער אידישער געשיכטע. דער פּאָפּולערסטער צייט־פאַרטרייב פאַר די יונגע ישראלים איז, אַ חוץ טאַנצן און זינגען, אַרכעאָלאָגיע. דאָס איז געוואָרן די „האָבי״ פון טויזנטער יונגע מענטשן אין ישראל. די פריערדיקע אידישע דורות האָבן זיך מער פאַרנומען מיטן תלמוד און תלמודישער ליטעראַטור, ווי מיטן תנ״ך. פאַר די קינדער אין מדינת ישראל, אַפילו פאַר די, וועלכע האָבן ניט קיין רעליגיעזע סענטימענטן, האָט דאָס לערנען תנ״ך באַקומען דעם טיפסטן אינטערעס און שטאַרקסטע צוציאונג. דורך לערנען תנ״ך באַפרידיקן זיי זייער שטאַרקן פאַרלאַנג צו ווערן איינגעוואָרצלט טיף אין דעם באָדן פון לאַנד, פאַראייניקן זיך מיט דעם לאַנד ניט בלויז דורכן לעבן אין דער מדינה און באַאַרבעטן איר ערד, נאָר אויך דורך שאַפן אַ מין דירעקטן קאָנטאַקט מיט דער עלטסטער פאַרגאַנגענהייט און מיט דער מסורה פון די אָבות.

װעלכע האָבן באַװױנט דאָס לאַנד. דער טיפער פאַרלאַנג צו באַשטעטיקן זייער ירושה דורך צוריקגעפינען די שפּורן פון דעם עבר פון זייער פאָלק איז איינע פון די אַממייסטן סטימולירנדיקע און שאַפערישע דערשײַנונגען. עס איז אַן אָנשטרענגונג פעסטצושטעלן דעם אַריסטאָקראַטישן יסוד פאַר זייער צוריקקומען אין אידישן היימלאַנד און פאַר באַשטעטיקן זייער יחוס אַלס די יורשים פון די אַמאָליקע מלכים און נביאים פון ישראל.

אָבער ביים זוכן ליידנשאַפטלעך און מיט גרויס מי די דירעקטע פאַר־בינדונג מיט דעם דאָזיקן טייל פון דער אידישער געשיכטע, װאָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אויף ישראל׳ס ערד, שפּרינגען זיי אַריבער אַ צייט־דויער פון צוויי טויזנט יאָר צו די תקופות פון די מלכים, נביאים און די מאַקאַבעיער, ווי די פיל דורות פון גלות װאָלטן געװען אַ מין „אַנטראַקט״, װאָס מען דאַרף פאַרגעסן, אויב מען קען אים ניט אינגאַנצן אויסמעקן. עס זעט אויס אַזוי, ווי זיי װאָלטן דורך דעם דאָזיקן שפּרונג פון דער קעגנוואַרט צו דער אור־אַלטער פאַרגאַנגענהייט זיך אָפּגעזונדערט פון דער לאַנגער נאַכט פון דער גלות־דערנידעריקונג.

לאָמיר װידעראַמאָל ברענגען די נאַצי־עפּאָכע אַלס אַ קאָנקרעטן ביישפּיל. אין דער ליידנשאַפטלעכער דיסקוסיע אַרום דעם אָפּמאַך מיט דייטשלאַנד וועגן די „שילומים״־געלטער האָט אונז, איך מיין די, װעלכע זיינען געוועזן אָנהענגער פון די פאַרהאַנדלונגען מיט דייטשלאַנד, באַוויזן די מאָראַלישע פאַרפליכטונג צו פאַרלייכטערן די װידעראויפריכטונג פון די קרבנות פון היטלער׳ן. אָבער די סאַבראַ־קעגנער פון די פאַרהאַנדלונגען זיינען געוועזן באַהערשט, בעיקר, פון זייער שנאה קעגן די נאַציס, די שולדיקע אין דער טראַגעדיע, און זיי האָבן ניט געזאָרגט וועגן דעם גורל פון די לעבן־געבליבענע אידן.

דאָס איז אַ פאַרשטענדלעכע טענדענץ. מדינת ישראל מיינט פאַר זיי דער סוף פון רדיפות, פון ליידן, פון דערנידעריקונגען.. האָבנדיק דערגרייכט נאָך צוויי טויזנט יאָר אַ מערהייט אין זייער אייגן לאַנד, האָבן זיי זיך אָװעק־געלאָזט מיט אַן אומגעהויערן טעמפּאָ אויפן וועג פון באַקומען אַלע אַטריבוטן פון אַ „נאָרמאַל״ פאָלק, װאָס לעבט אויף זיין אייגענער ערד. ישראל׳ס פּאָליטיק און אַנדערע האַנדלונגען דעמאָנסטרירן אָפּט דעם ליידנשאַפטלעכן פאַרלאַנג פון די ישראלים צו באַווייזן, אַז זיי זיינען די באַלעבאַטים פון זייער אייגענעם גורל, און אַז קיין שום אויסערלעכע פאַקטאָרן קענען זיך ניט אַריינ־מישן אין זייער לעבן און אין זייערע שטרעבונגען. ישראל איז פאַקטיש אַ רעוואָלוציע און ניט אַן עוואָלוציע; אַ שפּרונג, און ניט אַ בהדרגה׳דיקער

פֿאַרשריט. די ישׂראלים ווילן ניט, אַז מען זאָל זיי דערמאָנען, אַז זיי זיינען ווען־עס־איז געווען אַ מינדערהייט; אַז זיי, די היינטיקע באַלעבאַטים, זיינען צוויי טויזנט יאָר געווען שקלאַפֿן. און דערפֿאַר, וואָס זייער פֿאַרשקלאַפֿונג איז קיינמאָל ניט געווען אַזוי שרעקלעך, און זייער שפלות איז קיינמאָל ניט געווען אַזוי מורא׳דיק, ווי בעת דער נאַצי־עפּאָכע, טאָקע דערפֿאַר זוכן זיי צו פֿאַריאָגן די דאָזיקע תקופה פֿון זייער באַוואוסטזיין. אַ יונגער ישׂראל־וויסנשאַפֿטלער, מיט וועמען איך האָב איינגעטענה׳ט, אַז ער זאָל אונטערנעמען אַ פֿאָרשונג פֿון דער נאַצי־עפּאָכע, האָט פֿאַרענדיקט אונזער וויכוח מיט דער דערקלערונג, אַז ער איז גרייט צו מאַכן אַ שטודיע וועגן אַנטיסעמיטיזם פֿון 19טן יאָרהונדערט ביז צו דער נאַצי־תקופה, אָבער ניט פֿאָרשן די דאָזיקע עפּאָכע גופֿא.

דאָס פֿאַרשטיין די מאָטיוון פֿון דער דאָזיקער האַנדלונג מיינט נאָך ניט, אַז מיר דאַרפֿן מיט איר מסכּים זיין. אויב מיר וואָלטן געקענט זיין זיכער, אַז דאָס איז בלויז אַ צייטווייליקע דערשיינונג, כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דעם איצטיקן דור אַליין, וואָלטן מיר זי באַטראַכט פֿאַר אַ געזונטער אָנשטרענגונג צו באַקומען אַ פּסיכאָלאָגישע אַנטשעדיקונג פֿאַר די יאָרהונדערטער פֿון דעם סטאַטוס פֿון שפלות. איך האָב אָבער מורא, אַז דאָס איז ניט אַזוי. די אינטעלעקטועלע און עמאַציאַנעלע האַנדלונגען פֿון יונגע מדינות און פֿעלקער האָבן אַ טענדענץ צו באַפֿעסטיקן זיך און איבערצולאָזן אַ דויערנדיקע השפּעה. וואָס עס איז אַמוויכטיקסטן אין דעם לעבן פֿון אַ פֿאָלק און אַ לאַנד, איז דער אָנהייב, די ערשטע ווענדונג. דאָס באַרימטע וואָרט פֿון גטעטע: „דאָס געזעץ, מיט וועלכן דו האָסט אָנגעהויבן" — באַציט זיך נאָך מער אויף פֿעלקער, ווי אויף יחידים. עס איז פֿאַראַן די סכּנה, אַז דאָס דאָזיקע גייסטיקע אַנטלויפֿן, דאָס אונטערבאַוואוסטזיניקע אַוועקטרייבן אין אַ זייט צוויי טויזנט יאָר געשיכטע, די נאַאיווע און געפֿערלעכע אילוזיע, אַז די נייע מדינת ישׂראל קען אָנהייבן דאָרט, וואו די אַלטע אידישע מלוכה האָט געענדיקט — קען ווערן אַ פּערמאַנענטער עלעמענט פֿון דער פּסיכאָלאָגישער און אינטעלעקטועלער אויספֿירונג פֿון ישׂראל אין דער צוקונפֿט. אַזאַ אַנטוויקלונג קען פֿירן צו אַן אינטעלעקטועלער און מאָראַלישער קאַטאַסטראָפֿע.

פֿעלקער, ווי יחידים, צאָלן אַ שרעקלעכן פּרייז פֿאַר פֿאַרזוכן פֿון „פֿאַרדרענגונג", פֿון פֿאַרגעסן די טיפֿע וואונדן פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט. איינער פֿון די יסודות פֿון דער מאָדערנער פּסיכאָלאָגיע איז דער כּלל, אַז פֿאַקטן, וואָס ווערן באַהאַלטן אין אונטערבאַוואוסטזיין, מוזן אַרויסגעבראַכט ווערן אָפֿן. אויב ניט וועלן זיך אַנטוויקלען פֿון זיי צערודערונגען און נערוון־

דערשיטערונגען, וועלכע זיינען צעשטעריש פאַר דעם גייסט און פאַר דער נשמה. דער זעלבער פרינציפּ איז נאָך מער גילטיק בנוגע גרופּעס און פעלקער. בכדי צו זיין שאַפעריש מוז אַ פאָלק זיך שטיצן אויף דעם פולן סך־הכול פון זיינע דערגרייכונגען, אויף זיין גאַנצער פאַרגאַנגענהייט. אַנדערש פאַרלירט ער זיין כבוד און זיין היסטאָרישן רעזאָן ד׳עטר. דורך אויסטיילן זיך פון זיין גאַנצן היסטאָרישן בילד, פאַרקריפּלט אַ פאָלק זיין פּרצוף אין דער וועלט־געשיכטע. דאָס איז אמת וועגן יעדן פאָלק. און וואָס עלטער עס איז דאָס פאָלק, אַלץ ריכטיקער איז דער דאָזיקער כלל. דעריבער איז עס דאָפּלט אמת בנוגע דעם אידישן פאָלק. אונזער גלות־תקופה אַליין, אַ צייט פון צוויי טויזנט יאָר, איז לענגער פון דער געשיכטע פון די מאָדערנסטע פעלקער. און אויסמעקן די דאָזיקע תקופה פון אונזער זכרון וואָלט געמיינט צו צעשטערן און פאַרקרומען די גאַנצע אידישע געשיכטע און רעדוצירן זי צו אַן אַבסורד.

אונזער געשיכטע האָט זיך אָנגעהויבן מיט גלות מצרים. אַ טייל פון אונזערע גרעסטע אויפטוען האָבן מיר דערגרייכט אין גלות בבל. נאָך וועלכן עס איז — נאָך אַ צווישן־תקופה — געקומען דער דריטער גלות, וואָס האָט אָנגעהאַלטן צוויי טויזנט יאָר. די פראַגע איז ניט, צי גלות איז גוט אָדער שלעכט. דערפאַר ווייל היסטאָרישע אַנטוויקלונגען זיינען ניט קיין ענין, וואָס מען קלייבט זיך אויס, קען מען ניט וועגן זיי אַזוי אורטיילן. אַ מדינת ישראל, וואָס וועט אויסשטרייכן דעם גלות פון איר זכרון און פון איר טאָג־טעגלעכן לעבן, וועט זיך אַליין אויסשליסן — עקסטרעם גערעדט — פון דער געשיכטע פון אונזער פאָלק. אַזאַ אַנטוויקלונג וועט פירן צו אַ פאַרלעצונג פון דעם היסטאָרישן פאַקט פון דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה און וועט סוף־כל־סוף זיך אויסלאָזן מיט דעם, אַז ישראל וועט זיך אָפּרייסן פון דעם אַנדערן טייל פון אידנטום. אַזאַ אַנטוויקלונג וועט רעדוצירן ישראל צו דער ראָלע פון אַ קליין לאַנד אין מיטעלן מזרח, אַרומגערינגלט דורך אַן אָקעאַן פון אַראַבער, און וועט עווענטועל טראַנספאָרמירן די אידישע מדינה אין אַ סאַטעליט פון דער אַראַבישער וועלט. דער עלעמענט, וואָס מאַכט מדינת ישראל פאַר אַן אייגנאַרטיקן און גרויסן שטאַט, איז איר אינטימע קרובה־שאַפט מיט דעם גאַנצן אידישן פאָלק.

ישראל איז אַ קליינע מדינה אין געאָגראַפישע טערמינען. זי איז אָבער גרויס און קען ווערן נאָך גרעסער דורך אויפהאַלטן איר מגע ומשא און אינטימע פאַרבינדונג מיטן אידישן פאָלק, וואָס איז פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, און דורך ביישטייערן — טאַקע דורך דער פאַרמיטלונג פון גאַנצן

אידישן פֿאָלק — צו די מאָדערנע אַנטוויקלונגען אין דער גאָרער וועלט. די געאָגראַפֿישע גרענעצן פֿון מדינת ישראל קענען זיין, אַזוי ווי זיי זיינען, אָבער אירע גייסטיקע גרענעצן קענען אַרומנעמען די גאַנצע וועלט. אַ ישראל־פֿאָלק, וואָס וועט זיך אָפּרייסן פֿון די צוויי טויזנט יאָר פֿון זיינע דערגרייכונגען אין גלות, וועט פֿאַרלירן די דאָזיקע ווערטפֿולע מעגלעכקייטן און וועט, אין סך־הכּול, אויספֿאָרמירן עפּעס אַזעלכעס, וואָס האָט ניט קיין שייכות מיט אונזער טראַדיציע און וואָס קען זיך אינגאַנצן ניט אַריינפּאַסן אין דער אידישער ציוויליזאַציע.

די קעגנוואָרט פֿון אַ פֿאָלק איז אַ רעזולטאַט פֿון זיין גאַנצער פֿאַרגאַנגענהייט. אַ פֿאָלק איז שאַפֿעריש נאָר דעמאָלט, ווען עס איז ממשיך זיין פֿאַרגאַנגענהייט, סינטעטיזירנדיק די טויזנטער שטרעמונגען און טענדענצן פֿון אַלע תּקופֿות פֿון זיין געשיכטע אין דער געשטאַלטונג פֿון זיין צוקונפֿט. אַריבערצושפּרינגען צו דער קעגנוואָרט דירעקט פֿון די מאַקאַבעיער און נביאים איז אַן אונטערנעמונג, וואָס איז לכתּחילה פֿאַר׳משפּט צו אַ דורכפֿאַל. אין דעם ליגט די סכּנה פֿון דעם ווילן צו אַנטלויפֿן פֿון דער גלות־געשיכטע.

די דאָזיקע געפֿערלעכע טענדענץ איז ערשט אין איר אָנהויב־סטאַדיע. ישראל׳ס לעבן האָט זיך נאָך ניט קריסטאַליזירט. מען האַלט נאָך אין זוכן און אין עקספּערימענטירן, ניט האָבנדיק גענומען אויף זיך פֿאַרפֿליכטונגען, וועלכע מען זאָל ניט קענען בטל מאַכן. דעריבער איז עס אַזוי וויכטיק צו וואָרענען קעגן דער דאָזיקער געפֿערלעכער טענדענץ, כּל־זמן זי האָט נאָך ניט אַרויפֿגעלייגט קיין פֿעסטן חותם אויפֿן ישראל׳דיקן לעבן. דער שטאָלץ פֿון די ישראלים מיט זייער באַפֿרייען זיך פֿון גלות, איז אַ געזונטער און באַרעכטיקטער. דאָס איז די רעאַליזירונג פֿון דעם תּוך פֿון ציוניזם. אָבער ישראל האָט דעם מאָראַלישן חוב ניט צו פֿאַרגעסן די ביטערע צייטן פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט. און דער אינסטינקט פֿון אויפֿהאַלטן זייער גייסטיקן קיום דאַרף דיקטירן די ישראלים צו באַטראַכטן זיך ניט בלויז אַלס די גייסטיקע קינדער פֿון די נביאים און אַלס די פּאָליטישע נאָכפֿאָלגער פֿון די מאַקאַבעיער און גרויסע מלכים פֿון יהודה, נאָר אויך אַלס די יורשים פֿון די מאַרטירער און העלדן פֿון גלות, פֿון משנה און תּלמוד, פֿון רמב״ם און יהודה הלוי, פֿון שפּינאָזאַ און איינשטיין, פֿון ביאַליק און מענדעלע מוכר ספֿרים. נאָר דורך איינזאַפּן אין זיך די גאַנצקייט פֿון אונזער געשיכטע, סיי די דערגרייכונגען און סיי די דערנידעריקונגען, סיי די גלאָריע און סיי די אַנטוישונג, וועט ישראל קענען לייגן די יסודות פֿאַר אַ נייער צוקונפֿט, אין הסכּם מיט דער גרויסקייט און אייגנאַרטיקייט פֿון דער געשיכטע פֿון אונזער פֿאָלק.

ישראל דאַרף לערנען דערפון, וואָס ניטשע האָט אַמאָל אָנגערופן „אַמאָר פאַטי" — די ליבע פאַרן גורל. איינע פון די פונדאַמענטאַלע פּרעראָגאַטיוון פון יחידים און פעלקער איז דאָס רעכט און די פעאיקייט צו באַשטימען און געשטאַלטן דעם אייגענעם וועג און נוסח פון לעבן. איינער פון די קאַרדינאַלע פּרינציפּן פון דער אידישער טראַדיציע, באַזונדערס פון דער רעליגיעזער, איז — אַז דער מענטש דאַרף אָננעמען באהבה, וואָס דער גורל האָט באַשטימט פאַר אים, אָבער אַז ער האָט אויך די אייגענע בחירה צו באַשליסן און מיטבאַטייליקן זיך אין געשטאַלטן זיין צוקונפט. ישראל טאָר ניט אָפּוואַרפן דעם דאָזיקן פּרינציפּ. מיר זיינען געבליבן לעבן אַלס פאָלק אַ דאַנק דעם, וואָס מיר האָבן אַקצעפּטירט סיי די טראַגעדיעס און סיי די טריאומפן פון אונזער געשיכטע, און האָבן מיט דעם, וואָס דער גורל האָט פאַר אונז באַשטימט, געשאַפן אונזער אייגנאַרטיקן כאַראַקטער. ישראל מוז אַריינגיין אין איר צוקונפט מיט דער שטעלונג פון „אַמאָר פאַטי" בנוגע איר פאַרגאַנגענהייט. נאָר דעמאָלט וועט מדינת ישראל קענען שאַפן די היסטאָרישע ראַם, וואָס וועט אָנגענומען ווערן דורך די קומענדיקע דורות פון גאַנצן אידישן פאָלק.

# אַמעריקאַנער אידנטום נאָכן אידישן חורבן אין אייראָפּע

(רעדע ביי דער פייערונג פון 50־יאָריקן יובליי פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד אין אַמעריקע, דעם 3־טן יאַנואַר 1963, אין ניו־יאָרק)

איך בין געקומען זיך צו באַטייליקן אין אייער 50־יאָריקער יובליי־פייערונג, בכדי אויסצודריקן נישט בלויז די אַפּיציעלע, נאָר אויך מיין פּערזענלעכע אָנערקענונג פאַר דעם, וואָס דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד אין אַמעריקע האָט געטאָן און שטעלט מיט זיך פאָר אין וועלט־ציוניזם און אין אידישן לעבן. איר זענט איינע פון די ווייניק־פאַרבליבענע ניט־קאָנפאָרמיסטישע גרופּעס אין אַמעריקאַנער אידנ־טום. דער אַמעריקאַנער אידישער קיבוץ ווערט וואָס אַ מאָל מער איינהייטלעך, אויף אַ מין מעכאַנישן אופן. ער ווערט אָנגעפירט דורך אַ גרויסער ביוראָ־קראַטיע פון וועלכער עס שטייען אין שפּיץ עקזעקוטיוו־דירעקטאָרן, וואָס באמת אונטערשיידן זיי זיך ניט צווישן זיך אין קיין שום אידעאָלאָגישן שטאַנדפּונקט. די מערסטע פון זייערע אָנשטרענגונגען זיינען קאָנצענטרירט אויף געלט־זאַמלונגען און אויף זוכן פּרעסטיזש פאַר זייערע אָרגאַניזאַציעס. אייער אָרגאַניזאַציע, דער פאַרבאַנד, האָט זיך נאָך ניט אַוועקגעלאָזן אויף דעם וועג.

דער „פאַרבאַנד" פאַראייניקט אין זיך די בעסטע טראַדיציעס פון אייראָ־פּעאישן אידנטום און פון אייראָפּעאישן ציוניזם, באַזונדערס פון מזרח־אייראָפּעאישן ציוניזם, מיט די נייע טראַדיציעס, וועלכע איר האָט נאַטירלעך דערוואָרבן אין דער אַמעריקאַנער סביבה און אונטערן איינפלוס פון דער אַמעריקאַנער ציוויליזאַציע. איר האַלט־אָן אייער אומאָפּהענגיקן צוגאַנג צו אַ סך פּראָבלעמען פון אַמעריקאַנער אידנטום. איך וויל דעריבער אויסנוצן די געלעגנהייט אויסצודריקן פון אייער פּלאַטפאָרם עטלעכע געדאַנקען וועגן דעם אידישן קיבוץ אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

און בעת איך וועל רעדן וועגן דעם אַמעריקאַנער אידישן קיבוץ אַלס אַ גאַנצן, זיינען די אויפגאַבן, וואָס איך וועל דאָ אָנוויזן, בעצם די זעלבע וואָס דער אַמעריקאַנער ציוניזם דאַרף נעמען אויף זיך. איך האָב אָפט געזאָגט, אַז דער עקזאַמען, וועלכן דער אַמעריקאַנער ציוניזם דאַרף אָפּגעבן, וועט באַשטיין ניט נאָר אין דעם, וואָס ער טוט פאַר ישראל, נאָר אויך אין

דעם וואָס ער טוט, אָדער איז גרייט צו טאָן אין אַמעריקאַנער אידישן לעבן.

מיר האָבן דערגרייכט צו אַ פּאָזיציע, וואו די גרעסטע מערהייט פון אידן איז אינדיווידועל און קאָלעקטיוו גרייט צו העלפן אין אויפבוי פון מדינת ישראל. אין דער דאָזיקער הינזיכט איז ניט פאַראַן מער קיין ספּעציפישער אונטערשיד צווישן ציוניסטן און אַנדערע אידן. וואָס עס וועט כאַראַקטעריזירן דעם ציוניזם און אים אויסטיילן פון אַנדערע אידישע באַוועגונגען אין דער איצטיקער תקופה פון דער אידישער געשיכטע, וועט זיין די מאָס פון זיינע דערגרייכונגען, זיין דערפאָלג אָדער דורכפאַל אין די אידישע קיבוצים חוץ־לארץ, ווילאַנג די דאָזיקע קיבוצים עקזיסטירן. אידעאָלאָגיש האָט דער ציוניזם אַ ספּעציפישן צוגאַנג צו די אידישע פּראָבלעמען אין די תפוצות, אַ גאַנץ אַנדערן צוגאַנג, ווי די ניט־ציוניסטן אָדער אַנטי־ציוניסטן.

מיט דעם גאַנצן כבוד, מיט וועלכן מיר באַציען זיך צו עטלעכע זייער וויכטיקע קלענערע אידישע קיבוצים, ווי אין ענגלאַנד, פראַנקרייך, אַרגענטינע און קאַנאַדע, איז קלאָר, אַז די צוקונפט פון אונזער פאָלק איז אָפּהענגיק קודם־כל פון די צוויי גרויסע ישובים אין מדינת ישראל און אין די פאַראייניקטע שטאַטן. וואָס עס געשעט אין די צוויי ישובים, איז דעריבער וויכטיק ניט בלויז פאַר זיי אַליין, נאָר פאַר אונזער גאַנצן פאָלק אין וועלט־פאַרנעם. וואָס עס קומט פאָר אין אַמעריקאַנער אידנטום, וועט אָן ספק האָבן אַן איינפלוס אויפן אידישן המשך בכלל.

עס איז זעלטן־ווען געווען אַ תקופה אין דער אידישער געשיכטע, ווען אונזער פאָלק האָט זיך געפונען אין אַ בעסערער עקאָנאָמישער לאַגע, ווי היינט־צו־טאָג, אָדער ווען דאָס אידישע לעבן זאָל זיך האָבן אַנטוויקלט אַזוי ברייט און אַזוי רייך, ווי איצט. אָבער מיר דאַרפן זיך ניט לאָזן פאַרפירן פון דעם פּאַסאַד. די געשיכטע פון אַ פאָלק ווערט ניט באַשטימט דורך דעם, וואָס עס קומט פאָר אויף דער העל־באַלויכטענער סצענע, וואו די גרויסע אַקטיאָרן פון דער געשיכטע, די פּאָליטיקער, די גענעראַלן, די שטאַטסלייט, די רעדנער טרעטן אַרויס פאַר די אויגן פון פּובליקום. גיכער זיינען עס די אַנאַנימע כוחות, וואָס באַשטימען דעם גאַנג פון דער געשיכטע און דאָס לעבן פון אַ פאָלק.

אויב איר וועט אַנאַליזירן די גרויסע אַנאַנימע כוחות, וועלכע אָפּערירן אין דער איצטיקער זייער אומרואיקער תקופה פון דער וועלט־געשיכטע, וועט איר דערזען די גרויסע געפאַרן, וואָס אָט די כוחות ברענגען מיט זיך אַריין אין אידישן לעבן. עס איז פאַראַן אַן אונטערערדישער שטראָם פון אַנטי־סעמיטיזם אין פיל טיילן פון דער וועלט. עס גייען־אָן רעוואָלוציאָנערע פּראָצעסן, וועלכע קענען רואינירן אין אידישן ישוב נאָכן אַנדערן, ניט בלויז

אויף אַנדערע קאָנטינענטן, נאָר אויך אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט. עס איז פאַראַן די גרויסע געפאַר פון אַסימילאַציע פון גרויסע מאַסן אידן און פון אינערלעכער דעזאינטעגראַציע, באַזונדערס זינט די אידישע רעליגיע האָט שוין ניט די אַבסאָלוטע הערשאַפט אין אידישן לעבן און האַלט שוין איצט ניט צוזאַמענגעשמידט אונזער פאָלק אַלס אַ סעפּעראַטע אײנהײט.

אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ווי אין פיל אַנדערע לענדער, האָבן אידן פאַר זיך דאָס פּראָבלעם צו לערנען, ווי אַזוי צו פאַרזיכערן דעם אידישן המשך, ניט אין שלעכטע באַדינגונגען, נאָר אין גוטע. זינט צוויי טויזנט יאָר איז די גאַנצע נאַציאָנאַלע גאונ׳ישקייט פון אידישן לעבן אַנגעווענדעט געוואָרן פאַר אַנטוויקלען מעטאָדן איבערצולעבן פאַרפאָלגונגען, אינקוויזיציעס, פּאָג־ראָמען. אָבער ווי אַזוי צו פאַרבלייבן אידן, בעת מען געניסט פון אַ גרויסער שפע, ווען מען האָט פולע גלייכבאַרעכטיקונג אין דער אַלגעמיינער געזעל־שאַפט; ווי אַזוי צו ווערן אינטעגרירט אין דער דאָזיקער געזעלשאַפט און דערביי בלייבן אַ איד — דאָס איז זייער אַ גרויס פּראָבלעם, פאַר וועלכן מיר האָבן נאָך ניט געפונען קיין לייזונג.

דערפאַר וועלן דאָס, וואָס געשעט איצט אין אַמעריקאַנער אידנטום, און דער כאַראַקטער פון דער פירנדיקער ראָלע, וואָס אַמעריקאַנער אידן וועלן שפּילן אין לעבן פון וועלט־אידנטום — זיין אַנטשיידנדיק ניט בלויז פאַר דער צוקונפט פון די אַמעריקאַנער אידן, וואָס מיינט אַ העלפט פון אידישן פאָלק היינט־צו־טאָג, נאָר אויך פאַר אַלע אַנדערע אידן. און לויט מיין פעס־טער איבערצייגונג וועט דאָס אויך האָבן אַ דירעקטע השפעה אויף דער צוקונפט פון דער אידישער מדינה, ווייל ישראל וועט ניט קענען אויסהאַלטן און בלייבן עקזיסטירן אָן דעם אידישן פאָלק אין דער וועלט.

דער אידישער ישוב אין אַמעריקע האָט אין די פופציק יאָר פון דער עקזיסטענץ פון „פאַרבאַנד" זיך אויסגעצייכנט מיט גרויסע און וואונדערלעכע אויפטוען. דאָס אַמעריקאַנער אידנטום האָט דורכגעפירט אַ ריזיקע אַרבעט אין פילאַנטראָפּיע — אַ באַגריף, וואָס איך האָב ניט ליב, און צו וועלכן איך וועל זיך נאָך צוריקקערן שפּעטער — דורך וועלכער די אידן אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן האָבן געשיקט הילף אין ווערט פון הונדערטער מיליאָנען דאָלאַר צו די אידן אין אייראָפּע, צו דער שארית הפליטה נאָך דער מלחמה און פאַר ישראל. דער אידישער ישוב אין אַמעריקע האָט געשפּילט אַ לעבנס־וויכטיקע ראָלע אין אַ קריטישער תקופה, ווען ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן די פאָדערונגען פון דער ציוניסטישער באַוועגונג פאַר דער גרינדונג פון מדינת ישראל. און אין די פאַרגאַנגענע פופצן יאָר איז דאָס אַמעריקאַנער

אידנטום כסדר געקומען צו הילף דער אידישער מדינה אויף וועגן, וועלכע שטייגן אַריבער פילאַנטראָפּיע.

איך קען דאָ ניט אַריינגיין אין פּרטים פון די אַנדערע וויכטיקע דער־גרייכונגען, פאַר וועלכע דאָס אַמעריקאַנער אידנטום פאַרדינט געלויבט צו ווערן. אָבער אויף איין דעצידירנדיקן געביט האָט דער אידישער ישוב אין אַמעריקע נאָך ניט דערפילט זיין פליכט. דאָס אַמעריקאַנער אידנטום האָט ניט איבערגענומען די ווירקלעכע ראָלע פון פירערשאַפט פון אידישן פאָלק אין די תפוצות.

דאָס איז די ראָלע, וואָס ישראל קען ניט שפּילן פאָרמעל און אָרגאַני־זאַציאָנעל, כל־זמן די וועלט איז איינגעטיילט אין אַזוי־גערופענע סואווערענע מדינות, וועלכע דערלאָזן ניט, אַז אַנדערע מלוכות זאָלן זיך אַריינמישן אין דעם לעבן פון זייערע בירגער.

וואָס עס איז נויטיק איצט, איז אַ פאַראייניקטע אַקציע פון די אידישע ישובים, וועלכע זאָלן האַנדלען צוזאַמען. און עס איז ניט פאַראַן קיין אַנדערער אידישער קיבוץ, וועלכער זאָל קענען איבערנעמען די פירערשאַפט פון דער דאָזיקער אַקציע אַזוי גוט, ווי דאָס קען טאָן דאָס אַמעריקאַנער אידנטום, וואָס ציילט כמעט זעקס מיליאָן נפשות, איז מאַטעריעל רייך און איז פּאָטענציעל אויך שטאַרק גייסטיק.

איינע פון די ברוטאַלסטע קאָנסעקווענצן פון די נאַצישע שחיטות אויף אידן איז די צעשטערונג פון די גרויסע אידישע ישובים, וועלכע זיינען אין משך פון יאָרהונדערטער געווען די באַזע און די פעסטונג פון אידישן לעבן. פון אַ היסטאָרישן שטאַנדפּונקט איז דער דאָזיקער חורבן פּונקט אַזוי גרויזאַם, ווי דאָס אויס׳הרג׳ענען די זעקס מיליאָן אידן. די דאָזיקע ישובים זיינען געווען די יורשים פון די גרויסע אידישע טראַדיציעס. זיי האָבן געשמידט אידישע געשיכטע אין משך פון יאָרהונדערטער. זיי האָבן געשאַפן די גייסטיקע ווערטן, מיט וועלכע דאָס אַמעריקאַנער אידנטום האַלט זיך אויף ביזן היינטיקן טאָג און מיט וועלכע אויך ישראל לעבט איצט. ניט ישראל און ניט דאָס אַמעריקאַנער אידנטום האָבן נאָך ניט געשאַפן אַ נייע אידישע ציוויליזאַציע, וואָס זאָל קענען פולשטענדיק פאַרטרעטן די גייסטיקע ירושה פון די צוויי טויזנט יאָר גלות און פון די קולטור־ווערק, וואָס דאָס מזרח־אייראָפּעאישע אידנטום האָט געשאַפן אין משך פון יאָרהונדערטער.

אָבער די דאָזיקע אידישע ישובים עקזיסטירן ניט מער. און דער הויפּט־צענטער האָט זיך אַריבערגעטראָגן צום אַמעריקאַנער אידנטום, פּונקט ווי פאַר

אַלגעמיינע וועלט־פּראָבלעמען זיינען די פּאַראייניקטע שטאַטן געוואָרן דער צענטער.

ווען איר רעדט צו דער אַזוי־גערופענער פירערשאַפט פון אַמעריקאַנער אידנטום און איר פּאָדערט זיי אויף, אַז זיי זאָלן קומען און איבערנעמען די נאַציאָנאַלע פירערשאַפט פון אידישן פאָלק, אַז זיי זאָלן נעמען אויף זיך די אַחריות פאַר דער פּאָליטישער גלייכהייט פון אידן אומעטום און פאַר די אידישע לעבנס אין די פאַרשידענע לענדער — הויבן־אָן די דאָזיקע אַמע־ריקאַנער אידישע פירער צו ציטערן. אַ טייל פון זיי זיינען גרייט צו העלפן. אָבער בלויז אַלס — אַזוי צו זאָגן — פּראָטעקטאָרס. זיי זיינען גרייט צו גיין צום סטייט־דעפּאַרטמענט, צו אינטערווענירן הינטער די קוליסן. אָבער זיי באַגרייפן ניט, אַז די צייט פאַר אַזאַ מין אַקטיוויטעטן איז שוין פאַרביי. וואָס עס איז נויטיק היינט־צו־טאָג, איז אַ גוט־פונקציאָנירנדיקע אינטערנאַציאָנאַלע אידישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל רעפּרעזענטירן דאָס אידישע פאָלק און האַנדלען אין האַרמאָניע און קאָאָפּעראַציע. אָבער דאָס איז עפּעס אַזעלכעס, וואָס די אַמעריקאַנער אידישע פירער זיינען נאָך ניט גרייט צו אַקצעפּטירן.

אין דער דאָזיקער הינזיכט געפינט זיך דאָס אַמעריקאַנער אידנטום אין דער זעלבער פּאָזיציע, ווי דאָס גאַנצע אַמעריקאַנער פאָלק איז געווען מיט בערך צוואַנציק יאָר צוריק. איר ווייסט גוט, וואָס פאַר אַ קאַמף פרענקלין ד. רוזוועלט האָט געדאַרפט פירן קעגן די איזאָלאַציאָניסטישע כוחות אין אַמעריקע. און ווער ווייסט, צי ער וואָלט געוואונען דעם דאָזיקן קאַמף, ווען ניט דער יאַפּאַנעזישער אָנפאַל אויף אַמעריקע. זאָל אונז גאָט אָפּהיטן, אַז אַ אידישער פּוירל האַרבאָר זאָל דאַרפן צווינגען די אַמעריקאַנער אידן אָנצו־הויבן גיין אין דער געהעריקער ריכטונג. אָבער ווילאַנג נאָך קען מען דערלויבן, אַז עס זאָל אָנהאַלטן דער דאָזיקער רעאַקציאָנערער איזאָלאַציאָניזם פון דער אַמעריקאַנער אידישער פירערשאַפט?

אַמעריקע, די מעכטיקסטע מדינה אין דער וועלט, קען באַשטימען זיך אָנצושליסן אין דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער און צונויפ־מישן איר אידענטיטעט אין דער דאָזיקער אַנאָנימער קערפּערשאַפט פון איבער הונדערט און צען מלוכות, וועלכע זיינען אַלע גלייכע מיטגלידער און יעדע איינע האָט די זעלבע שטים־רעכט. אָבער די אַמעריקאַנער אידן קענען זיך ניט אָנשליסן אָן אַרגענטינער, קאַנאַדער, פראַנצויזישן און אַנדערע אידישע ישובים, צו האַנדלען פאָרמעל און אָרגאַניזאַציאָנעל אַלס איין קערפּערשאַפט. ווייל יעדע אַמעריקאַנער אידישע אָרגאַניזאַציע, אַ גרויסע צי אַ קליינע, וויל

אויפהאַלטן איר אייגענע אידענטיטעט, מאַכן אירע אייגענע דערקלערונגען און באַקומען איר אייגענע „פובליסיטי״.

דערפאַר זאָג איך, אַז די גרויסע אויפגאַבע פון דעם איצטיקן דור פון אַמעריקאַנער אידן איז צוצוגעבן צו זיינע גרויסע פילאַנטראָפּישע דערגריי־כונגען און צו דער אַרבעט פאַר ישראל דעם דאָזיקן ענדגילטיקן און אַנטשיידנ־דיקן שריט — צו זיין גרייט איבערצונעמען די פירערשאַפט פון וועלט־אידנטום אין פולער קאָאָפּעראַציע מיט אַנדערע אידישע ישובים.

בכדי דאָס דורכצופירן דאַרף דאָס אַמעריקאַנער אידנטום ענדערן זיין אידעאָלאָגישן צוגאַנג. אַמעריקאַנער אידן דאַרפן פאַרשטיין, אַז פילאַנטראָפּיע פאַרנעמט ניט מער דאָס ערשטע אָרט אין אידישן לעבן. זיכער זיינען פאַראַן אָרעמע אידן, ווי עס זיינען דאָ אָרעמע אַמעריקאַנער. אָבער בדרך־כלל איז דאָס אידישע פאָלק היינט־צו־טאָג ניט קיין אָרעם פאָלק. די גרויסע מערהייט פון אידישן פאָלק ליידט ניט היינט פון קיין מאַטעריעלער נויט, אַפילו ניט אין די מזרח־איראָפּעאישע לענדער הינטערן אייזערנעם פאַרהאַנג. אידישער המשך היינט־צו־טאָג איז ניט אָפּהענגיק פון מאַטעריעלע באַדערפענישן, נאָר פון אידישער דערציאונג, פון אידישער קולטור און פון אידישער גייסטיקער שעפערישקייט.

די גרויסע שפּיטאָלן און מושב־זקנים׳ס, וועלכע ווערן געבויט דאָ און אין אַנדערע לענדער, וועלן ניט פאַרזיכערן דעם המשך פון אידישן פאָלק. וואָס עס איז נויטיק היינט־צו־טאָג, איז צו גרינדן אידישע שולן, ישיבות און אוניווערזיטעטן. עס זיינען נויטיק אַ נייער אויפשוואונג פון דער אידישער ליטעראַטור און די פאַרשפּרייטונג און פאַרשטאַרקונג פון אידישן וויסן. דאָס פאָדערט אַ פולשטענדיקע ענדערונג אין דער גאַנצער אויפפאַסונג פון די איצטיקע פּראָבלעמען פון אידישן לעבן. און בלויז אַ קליינע התחלה איז געמאַכט געוואָרן אין דער דאָזיקער ריכטונג. איך מינימיזיר ניט דעם פאַקט, וואָס אַפילו דער ראַט פון די אידישע פעדעראַציעס און צדקה־פאָנדן האָט אָנגעהויבן ערנסט צו דיסקוטירן די פראַגע וועגן אַריינגיין אין געביט פון אידישער דערציאונג, אָבער דאָס ווערט געטאָן לאַנגזאַם. אַ פיל גיכערער טעמפּאָ איז נויטיק, און דאָס דאַרף געטאָן ווערן אין אַ סך אַ גרעסערן פאַרנעם.

צווייטנס, דאַרף דאָס אַמעריקאַנער אידנטום אָנהויבן צו פאַרטיפן און פאַרשטאַרקן זיין באַציאונג צו ישראל. אַזוי לאַנג, ווי אַמעריקאַנער אידן וועלן באַטראַכטן זייער הילף פאַר ישראל אַלס אַ פילאַנטראָפּישע אַקטיוויטעט, און אַזוי לאַנג ווי עס וועט אָנהאַלטן די דאָזיקע זינלאָזע טערמינאָלאָגיע, וועט ניט זיין קיין ריכטיקע פאַרשטענדעניש פאַר די אמת׳ע באַציאונגען צווישן אַמערי־

קאַנער אידנטום און ישראל. איר קענט ניט בויען אַ לאַנד, אַ מדינה, אַ היימ־לאַנד מיט פילאַנטראָפּיע. מיט פילאַנטראָפּיע קענט איר בלויז העלפן אַ אידן, וועלכער ליידט פון נויט, אָדער אַ זקן. איך בין ניט מבטל די וויכטיקייט פון דער דאָזיקער הילף. אָבער בכדי צו בויען אַ לאַנד און לייזן די פּראָב־לעמען פון דעם קיום פון אַ פאָלק, דאַרף מען האָבן אַן אַנדערן צוגאַנג און אַנדערע מעטאָדן, ווי פילאַנטראָפּיע.

דאָס אַמעריקאַנער אידנטום דאַרף ווערן אַ פולער שותף מיט די אַנדערע אידישע ישובים און מיט ישראל. וואָס איז שייך ישראל, איז ביי מיר ניט פאַראַן קיין שום ספק, אַז — ניט געקוקט אויף די אומאַנגענעמע רייד, וואָס מען הערט פון דאָרט, פון צייט צו צייט — וועט מען אין דער אידישער מדינה שטאַרק און וואַרעם באַגריסן די גרייטקייט פון אַמעריקאַנער אידנטום צו נעמען אויף זיך אַ טייל פון דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט ביים אַנטקעגנקומען די פיל גרעסערע געפאַרן, פאַר וועלכע ישראל וועט געשטעלט ווערן אין דער צוקונפט, אַ סך מער ווי אין די פאַרגאַנגענע יאָרן.

איז דאָס אַמעריקאַנער אידנטום גרייט צו זאָרגן פאַר יעדער פאָזע פון ישראל׳דיקן לעבן — איצט און אין דער צוקונפט? אויב די אידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן וועלן דאָס ניט טאָן, וועט די באַציאונג צווישן די תפוצות — וועלכע דאַרפן געפירט ווערן פון אַמעריקאַנער אידנטום — און ישראל ניט קענען ווערן קיין נאָרמאַלע.

און שליסלעך דאַרף דאָס אַמעריקאַנער אידנטום — בכדי איבערצונעמען זיין פירערשאַפט־ראָלע, וואָס די געשיכטע לייגט אויף אים אַרויף — ענדערן זיין אייגענע אינערלעכע אָרגאַניזאַציאָנעלע סטרוקטור. דאָס קען ווערן איינע פון די אַנטשיידנדיקסטע פּראָבלעמען אין אַמעריקאַנער אידישן לעבן. הגם אויבן־אויף קען עס אויסזען צו זיין בלויז אַן אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגע, דאַרפן מיר פאַרשטיין, אַז סיידן עס זיינען פאַראַן די דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס און מיטלען פאַר באַטראַכטן און דיסקוטירן פּראָבלעמען און קומען צו געמיינ־זאַמע באַשלוסן, איז ניט פאַראַן קיין וועג פאַר לייזן די דאָזיקע פּראָבלעמען.

די אידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען דער אַממייסטן אָרגאַני־זירטער און אין דער זעלבער צייט דער אַממייסטן דעזאָרגאַניזירטער אידישער ישוב אין דער וועלט. פאַר יעדער אויפגאַבע, וואָס דאַרף דורכגעפירט ווערן, זיינען פאַראַן ניט איינע נאָר צען אָרגאַניזאַציעס. פאַר יעדער פּאָזיציע איז פאַראַן ניט איין פּרעזידענט, נאָר צוואַנציק. געביידעס, אַמטן, עקזעקוטיוו־דירעקטאָרן און אַפּאַראַטן האַלטן כסדר אין פאַרמערן זיך. איך וואָלט געוואָלט, אַז עס זאָל דורכגעפירט ווערן אַ פאָרשונג וועגן דעם, וויפיל די דאָזיקע

מולטיפליקאַציע קאָסט דעם אַמעריקאַנער אידנטום ניט נאָר אין געלט, נאָר אויך אין מענטשלעכע כוחות, וואָס זיינען אַ סך ווערטפולער ווי געלט, און אין פאַרלוירענער ענערגיע. וויפיל געלט און אָנשטרענגונגען ווערט פאַרשווענדעט אין דעם קאַמף פאַר פּאָזיציעס און פאַר אַביסל „פּובליסיטי"!

איך בין ניט אַזאַ דאָן־קישאָט אַרויסצוקומען מיט דער פאָדערונג צו שאַפן אַ פּאַרלאַמענט פון אַמעריקאַנער אידן פון פאַרשטייער, וועלכע זאָלן ווערן אויסגעקליבן דורך דעמאָקראַטישע וואַלן. איך קען גענוג דאָס אַמעריקאַנער אידישע לעבן, בכדי צו וויסן, אַז עס איז ניט פאַראַן קיין מעגלעכקייט דערפאַר היינט־צו־טאָג. אָבער — צי דאַרפן מיר כסדר זיך אונטערגעבן דער כלומר'שטער אוממעגלעכקייט צונויפצובריינגען די פירער פון אַמעריקאַנער אידישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע פּרעטענדירן צו זיין אַזעלכע גרויסע דעמאָקראַטן, אַרום איין טיש און לכל־הפחות איין מאָל אַ יאָר דיסקוטירן די געמיינזאַמע פּראָבלעמען, אויסאַרבעטן די בשותפות'דיקע ריכט־ליניע פאַר האַנדלונגען און אויסדריקן שטאַנדפּונקטן, אַפילו אָן דעם, אַז מען זאָל דורכפירן אָפּשטימונגען און אָננעמען מיט אַ מערהייט שטימען באַשלוסן, וואָס זאָלן זיין בינדנדיק פאַר אַלעמען? צי מוז טאַקע פּלוראַליזם שטענדיק מיינען אומאייניקייט אין אַמעריקאַנער אידישן לעבן?

אָבער ביזן היינטיקן טאָג איז נאָך ניט געמאַכט געוואָרן קיין ערנסטער פּרואוו צו גרינדן באמת דעמאָקראַטיש־קאָנסטיטואירטע לאָקאַלע געמיינדעראַטן און אַ צענטראַלע אינסטיטוציע פון אַמעריקאַנער אידנטום פון גאַנצן לאַנד, וואו עס זאָלן זיין רעפּרעזענטירט אויב ניט אַלע אידישע אָרגאַניזאַציעס, איז לכל־הפחות אַ גרויסע מערהייט פון זיי.

דאָס זיינען עטלעכע פון די גרויסע אויפגאַבן, וואָס שטייען פאַרן אַמעריקאַנער אידנטום אין איצטיקן מאָמענט. און איך באַטראַכט זיי אַלס פונדאַמענטאַלע אויפגאַבן פון אַמעריקאַנער ציוניזם, אויב דער ציוניזם וויל זיין אַ לעבנס־וויכטיקער כוח אין אידישן לעבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. די פראַגע היינט־צו־טאָג איז ניט, צי מיר נויטיקן זיך אין ציוניזם אָדער ניט, נאָר אַ סך מער, צי מיר קענען האָבן אַ לעבנס־פעאיקע און שטאַרקע ציוניסטישע באַוועגונג, וועלכע איז גרייט אויפצונעמען די פּראָבלעמען און די פאָדערונגען פון איצטיקן אידישן לעבן.

וואָס עס וועט אין דער נאָענטער צוקונפט געשען אין דער ציוניסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע, וועט אָנטשיידן וועגן דער צוקונפט פון ציוניזם בכלל, און אין דער הינזיכט, אויך וועגן דער צוקונפט פון אידישן פאָלק אין דער גאָרער וועלט. אַמעריקאַנער ציוניסטן דאַרפן אָוועקלייגן אין אַ זייט

זייערע באַזונדערע אָרגאַניזאַציאָנעלע טעמים. זיי דאַרפן זיך פּאַראייניקן אויף אַ געמיינזאַמער פּלאַטפאָרם און האָבן דעם מוט אויפצופאָדערן דאָס אַמעריקאַנער אידנטום צו באַהאַנדלען די פּראָבלעמען, וועגן וועלכע איך האָב נאָר־וואָס גערעדט.

מיט מיין גאַנצער קריטיק, באַוואונדער איך טיף די פּאָטענציעלע מיטלען און מעגלעכקייטן פון אַמעריקאַנער אידנטום. עס איז אַ וואונדערלעכער אידישער ישוב. ער איז אַ סך בעסער, ווי פיל פון זיינע פירער. איך גלויב באמת, אַז דער אַמעריקאַנער אידישער ישוב באַזיצט די פעאיקייט צו באַרייכערן גייסטיק זיין אייגענע צוקונפט, צו פאַרזיכערן די צוקונפט פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג און — וואָס עס איז פיל וויכטיקער — צו פאַרזיכערן די צוקונפט פון אידישן פאָלק אין זיין פאַרבינדונג מיט ישראל.

# סך־הכול און אויספירן פון 50 יאָר

(אָפּהאַנדלונג, פאַרעפנטלעכט אין 50־יאָריקן יובילײ־נומער פון „טאָג־מאָרגען זשורנאַל״
אין ניו־יאָרק דעם 6־טן מערץ 1964)

די פופציק יאָר, אין וועלכע דער „טאָג״ האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין אינפאָרמירן די אַמעריקאַנער אידישע עפנטלעכע מיינונג וועגן די גרויסע פּראָבלעמען פון אידישן לעבן, זיינען געווען די דראַמאַטישסטע און גורל׳דיקסטע תקופה אין דער אידישער געשיכטע.

עס וואָלט פאַרנומען צופיל אָרט צו אַנאַליזירן די דאָזיקע תקופה אין אירע פּרטים. וועל איך דעריבער אין מיין באַגריסונג צום יובל פון „טאָג״ זיך באַגרענעצן מיט אונטערציען דעם סך־הכל פון די הויפּט־ענדערונגען, וואָס די דאָזיקע תקופה האָט אַריינגעבראַכט אין דער פּאָזיציע פון אידישן פאָלק — ענדערונגען, וועלכע זיינען געווען פון אַ רעוואָלוציאָנערער נאַטור און וואָס מוזן געבן אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער די ווייטערדיקע האַנדלונגען פון אידישן פאָלק און די מעטאָדן צו פאַרזיכערן דעם אידישן המשך.

די דריי גרויסע פּראָבלעמען, וועלכע האָבן דאָמינירט אין אידישן לעבן אין 19טן יאָרהונדערט, זיינען געווען: 1) דער קאַמף פאַר גלייכע רעכט אַלס בירגער, פאַר עמאַנציפּאַציע, און אין מזרח־אייראָפּע אויך פאַר דער אָנער־קענונג אַלס גלייכבאַרעכטיקטע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן; 2) די אָנשטרענ־גונגען צו פאַרלייכטערן די אידישע עקאָנאָמישע נויט, באַזונדערס אין מזרח־אייראָפּע, וואו מיליאָנען אידן האָבן נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו פירן אַ בכבוד׳יק לעבן איבער דער אַנטיסעמיטישער פּאָליטיק פון דיסקרימינאַציע; און 3) ביים סוף פון 19טן יאָרהונדערט — דער אָנהויב פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און דאָס אָנערקענען, אַז אָן אַ אידיש היימלאַנד קען די אידן־פראַגע נישט געלייזט ווערן.

איצט, אין דער צווייטער העלפט פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, האָבן די אַלע דריי פּראָבלעמען זיך אינגאַנצן געענדערט:

1) דער קאַמף פאַר אידישער עמאַנציפּאַציע איז פּראַקטיש געוואונען געוואָרן כמעט אין אַלע לענדער פון דער וועלט. נאַטירלעך זיינען נאָך אַלץ פאַראַן איבערבלייבענישן פון אַנטיסעמיטיזם, און זיי וועלן נאָך וואַרשיינלעך אָנהאַלטן אַ לאַנגע צייט. אָבער אין פאַרגלייך מיטן צאַרישן, פּוילישן און

רומענישן אַנטיסעמיטיזם פאַר דער מלחמה, און באַזונדערס מיטן באַרבאַ־רישסטן אויסברוך פון אַנטיסעמיטיזם אין דער נאַצי־עפּאָכע, האָבן נישט די דאָזיקע איבערבלייבענישן פון אַנטיסעמיטיזם קיין גרויסע באַדייטונג און זיי שטעלן ניט פאָר מיט זיך קיין צענטראַלן פּראָבלעם אין אידישן לעבן.

2) די אידישע אָרעמקייט און די נויטווענדיקייט צו מאַכן גרויסע פילאַנטראָפּישע אָנשטרענגונגען, האָבן שוין אויך נישט מער די באַדייטונג, וואָס זיי האָבן געהאַט אין 19טן יאָרהונדערט. געוויס זיינען נאָך פאַראַן אָרעמע אידן אין פאַרשיידענע טיילן פון דער וועלט. אָבער עס איז פאַראַן אַ סך אָרעמקייט אַפילו אין אַזעלכע רייכע לענדער, ווי אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אין אַלגעמיין איז דאָס אידישע פאָלק איצט אין אַ גוטן עקאָנאָמישן צושטאַנד אין די מערסטע מערב־אייראָפּעאישע און אַמעריקאַנער לענדער. און אידן ליידן איצט נישט פון קיין הונגער און נויט אין מזרח־אייראָפּע. דעריבער דאַרף שוין נישט מער דאָס פּראָבלעם פון הילף און פילאַנטראָפּיע פאַרנעמען דעם אויבן־אָן צווישן די גרויסע אויפגאַבן אין אידישן לעבן.

3) וואָס איז שייך דעם ציוניסטישן אידעאַל, איז געשען דער גרויסער נס, און די אידישע מדינה איז ווידער אויפגעשטאַנען, ווערנדיק אָנערקענט דורך די מערסטע פעלקער פון דער וועלט און זייענדיק רעספּעקטירט און אַפילו באַוואונדערט פון אַ סך — דער נס, וועלכער האָט אַ סך צווישן אונז אַריינגעפירט אין אַ טעות צו גלויבן, אַז דער ציוניזם איז שוין פאַרווירקלעכט געוואָרן, און אַז אַ שטאַרקע ציוניסטישע באַוועגונג איז שוין מער נישט נויטיק.

אַלס רעזולטאַט פון די דאָזיקע ראַדיקאַלע ענדערונגען אין דער סטרוקטור פון אידישן לעבן און אין דער פּאָזיציע פון אידישן פאָלק, דאַרפן באַטירלעך די צילן פון דער אידישער פּאָליטישער אַרבעט און געזעלשאַפטלעכקייט פולשטענדיק רעווידירט ווערן.

דעם אויבן־אָן דאַרף פאַרנעמען די פראַגע וועגן פאַרזיכערן דעם המשך פון אידישן פאָלק, פון וועלכן די מערהייט לעבט נאָך אין די תפוצות. דאָס פאַרזיכערן דעם המשך איז היינט־צו־טאָג מער אַ פּראָבלעם פון אינערלעכן אידישן לעבן, ווי פון דעם קאַמף פאַר גלייכע רעכט. די געפאַר פאַרן אידישן המשך קומט נישט איצט פון די אַנטיסעמיטישע אַטאַקעס אויפן אידישן פיזישן קיום, נאָר פון די שווערקייטן, וואָס ווערן אין דעם יאָרהונדערט פון לידנשאַפטלעכן נאַציאָנאַליזם — און פון דער גרויסער אומטאָלעראַנץ, וואָס ווערט אַרויסגערופן דורך זיין שאַרפן כאַראַקטער — געמאַכט אַלע מינדער־הייטן אין אַלגעמיין, און דער אידישער מינדערהייט באַזונדערס, פאַר אויפ־האַלטן זייער ספּעציפישע אידענטיטעט און לעבן זייער אייגן לעבן. דאָס איז

די צענטראַלע פראַגע פון די דריי מיליאָן אידן אין רוסלאַנד. און דאָס זעלבע פּראָבלעם עקזיסטירט, אפשר אין אַ ווייניקער ספּעקטאַקולערער פאָרם, אין פיל אַנדערע טיילן פון דער וועלט, אַריינרעכענענדיק געוויסע דעמאָקראַטישע לענדער.

ווי איך האָב אָפּט געזאָגט, איז אונזער אויפגאַבע אין 20טן יאָרהונדערט נישט מער, ווי זי איז געווען אין 19טן, צו קעמפן פאַר גלייכע רעכט, נאָר צו פאַרזיכערן זיך דאָס רעכט צו זיין אַנדערש, זייענדיק גלייכבאַרעכטיקט.

די געפאַר נומער איינס פאַר דעם אידישן המשך היינט־צו־טאָג זיינען נישט פּאָגראָמען אָדער ברוטאַלער אַנטיסעמיטיזם, נאָר גלייכגילטיקייט, דעז־אינטעגראַציע און אַסימילאַציע, באַזונדערס פון דעם יונגן דור. דעריבער איז אידישע דערציאונג היינט־צו־טאָג דאָס פּראָבלעם נומער איינס אין אידישן לעבן, אין צוגאָב צו דעם קאַמף פאַר דעם רעכט אויפצוהאַלטן אונזער ספּעציפישן כאַראַקטער אַלס אַן אייגנאַרטיקע און באַזונדערע גרופּע אין דער געשיכטע.

וואָס איז נוגע ישראל, באַשטייט נישט מער דאָס פּראָבלעם אין שאַפן די אידישע מדינה, נאָר אין פאַרזיכערן איר קיום. דאָס דאָזיקע פּראָבלעם וועט בלייבן לעבנס־וויכטיק און שווער אַזוי לאַנג, כל־זמן די אַראַבישע שכנים פון ישראל וועלן נישט זיין גרייט צו אַקצעפּטירן דעם פאַקט פון דעם קיום פון דער אידישער מדינה און וועלן נישט דערלאָזן, אַז ישראל זאָל זיך אינטעגרירן אין דער משפחה פון די מלוכות פון נאָענטן מזרח אַלס אַ גלייכבאַרעכטיקטער פּאַרטנער.

די געפאַרן, וועלכע באַדראָען די אידישע מדינה פון דרויסן, וועט זי קענען בייקומען נאָר אין אַן ענגער קאָאָפּעראַציע מיטן אידישן פאָלק, וואָס איז און וועט בלייבן ישראל׳ס הויפּט־פאַרבינדעטער. די קאָאָפּעראַציע פון אידישן פאָלק איז דער נויטיקסטער באַדינג, וואָס וועט געבן דער אידישער מדינה די מעגלעכקייט צו באַזייטיקן די געפאַרן.

דאָס צווייטע גרויסע פּראָבלעם, וואָס איז נוגע ישראל, איז צו שאַפן דעם קשר צווישן די תפוצות און מדינת ישראל, נישט אויף דער באַזע פון פילאַנטראָפּיע און נישט בלויז אויפן יסוד פון הילף אָדער פּריוואַטע אינוועסטירונגען, נאָר אַלס אַ שותף, וועלכער טיילט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם אויפבוי און פאַר דער צוקונפט פון דער אידישער מדינה. נאָר אַזאַ קעגנזייטיקע באַציאונג וועט געבן ישראל די מעגלעכקייט צו ווערן דער הויפּט־צענטער פאַר אידישן המשך און אַרויסרופן אַ נייעם לעבנס־אינטערעס ביי דעם יונגן דור. נאָר אַזאַ ישראל וועט קענען דערפילן איר הויפּט־

אויפגאַבע — צו ווערן דער הויפּט־אינסטרומענט פאַר פאַרזיכערן די צוקונפט פון אידישן פאָלק. דאָס דערפילן די דאָזיקע אויפגאַבע איז דער עיקר וואָס באַרעכטיקט די עקזיסטענץ פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

מיר האַלטן נאָך זייער ווייט פון האָבן געלייזט דאָס דאָזיקע פּראָבלעם, וואָס אַ סך אין ישראל און מחוץ דער אידישער מדינה באַגרייפן נאָך אַפילו נישט ווי געהעריק. און אָן דער לייזונג פון דעם פּראָבלעם וועט די צוקונפט פון ישראל זיין אַ שווערע, און די צוקונפט פון די תפוצות קען אַפילו ווערן אַ האָפענונגסלאָזע.

איך האָב דאָ געפּרואווט אָנצואווייזן בקיצור אויף דעם הויפּט־כאַראַקטער פון די פאַרגאַנגענע פופציק יאָר און אויף די עיקר־פּראָבלעמען אין אידישן לעבן, ווי זיי שטעלן זיך פאַר היינט־צו־טאָג אַנדערש פון די הויפּט־פראַגן מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק.

איך וויל שליסן מיט ווינטשן דעם „טאָג" — וואָס האָט אַזוי פיל געטאָן אין די פופציק יאָר, כדי צו באַקענען דעם גרויסן אַמעריקאַנער ישוב מיט די עיקר־פּראָבלעמען פון אידישן לעבן — און אָן אַ פולער פאַרשטענדעניש פאַר די פּראָבלעמען קען נישט זיין קיין האָפענונג זיי צו לייזן — ווינטש איך דעם „טאָג" נאָך אַ סך יאָרן און יאָרצענדליקער פון דערפאָלג, באַזונדערס אין פאַרשטעלן און אויפקלערן פאַרן אַמעריקאַנער אידנטום די נייע גרויסע פּראָבלעמען פון אידישן קיום און אין מאַכן ווייטער זיין וויכטיקעביישטייע־רונג פאַר דער לייזונג פון די פּראָבלעמען.

# פּאַרגאַנגענהייט, קעגנוואַרט, צוקונפט

(פון דער רעדע ביים באַנקעט, איינגעאָרדנט דורך די אַמעריקאַנער פריינט פון העברעאישן אוניווערסיטעט, דעם 23־טן אָקטאָבער 1956, אין ניו־יאָרק)

מדינת ישראל וועט דערפילן איר היסטאָרישע שליחות אויפן קולטורעלן, גייסטיקן און מאָראַלישן געביט אונטער איין־איינציקן באַדינג. און ווען איך וואָלט געוואָלט, נאָכטוענדיק דעם ביישפּיל פון הלל׳ן, דעפינירן דעם דאָזיקן באַדינג על רגל אחת, וואָלט איך באַנוצט איין־איינציק וואָרט. דאָס וואָרט איז: אינטעגראַציע. ישראל׳ס כאַראַקטער און איר גאַנג אין דער געשיכטע וועלן באַשטימט ווערן דורך דעם דערפאָלג פון אירע אָנשטרענגונגען צו דערגרייכן אַ דרייפאַכע אינטעגראַציע: די אינטעגראַציע אַלס אַ גלייכער צווישן גלייכע אין דער משפחה פון די מדינות אין מיטעלן מזרח; די אינטעגראַציע אין דעם כסדר׳דיקן שטראָם פון דער אידישער געשיכטע; די אינטעגראַציע אין אידישן לעבן אין דער גאָרער וועלט.

אינטעגראַציע אין דער משפחה פון מדינות אין מיטעלן מזרח וואָלט געמיינט דאָס איינשטעלן נאָרמאַלע באַציאונגען צווישן ישראל און אירע אַראַבישע שכנים. עס וואָלט געדאַרפט זיין מער ווי אַ נאָרמאַלער שלום־אָפּמאַך. עס וואָלט געדאַרפט זיין די באַציאונג, וואָס איז אַ פועל־יוצא פון לעבן אונטער דעם זעלביקן הימל און אין דעם זעלביקן קלימאַט, באַלאַסטעט פון די זעלביקע פּראָבלעמען און זוכנדיק די זעלביקע טריומפן. עס וואָלט געדאַרפט זיין אַ פילפאַכיקע און פאַרשידנאַרטיקע באַציאונג, וואָס דריקט זיך אויס אין דער טעגלעכער אַרבעט און מסחר; אין פּאָליטישער קאָאָפּעראַציע אויף לאַנגע תקופות; אין דעם כסדר׳דיקן אויסטויש פון אידייען און ווערטן; אין דער פאַראייניקטער און פערמאַנענטער אָנשטרענגונג ווידער אויפצובויען דעם מיטעלן מזרח און פאַרוואַנדלען אים אין דעם ראַיאָן פון דער וועלט, וואָס ער איז געווען אַמאָל — אין איינעם פון די גרעסטע קולטור־צענטערס פון דער ציוויליזאַציע.

ס׳איז קלאָר, אַז ישראל איז ניט אינגאַנצן קיין נייע מדינה, וואָס זאָל זיין געבוירן אין אַ היסטאָרישן וואַקואום און זאָל ניט האָבן אַרויסגעקומען פון ערגיץ. ישראל פאַרמאָגט אַ גרויסע גייסטיקע ירושה, און אויף דער דאָזיקער ירושה, אויף דעם תמצית פון די מאָראַלישע נייגונגען און אינטעלעקטועלע פּרעדיספּאָזיציעס פון אידישן פאָלק דאַרף ישראל באַזירן איר איצטיק לעבן און איר צוקונפטיקע אַנטוויקלונג. אַלס אַ נייע רעוואָלוציאָנערע פאַזע

אין דעם גאַנג פון דער אידישער געשיכטע, קאָן ישראל ווערן די קרוין פון אונזער געשיכטע, דער נאַבלסטער אויסדרוק הײנט־צו־טאָג פון דעם תמצית פון אידנטום. האַנדלענדיק און פירנדיק זיך אויף דעם דאָזיקן אופן, קאָן ישראל דערגרייכן די פּאָזיציע פון אַן עליטע צווישן די פעלקער פון דער וועלט, און בלויז צוליב איר קולטורעלער העכערקייט און מאָראַלישער אַמביציע. אינטעגראַציע אין אידישן לעבן מיינט, אַז ישראל דאַרף עמאָציאָנעל און אינטעלעקטועל זיין צונויפגעמישט מיטן אַלוועלטלעכן אידנטום און דאַרף ווערן אַן אומאָפּטיילבאַרער עלעמענט פון דעם פּריוואַטן לעבן פון די מיליאָנען אידן, וועלכע וועלן בלייבן לעבן מחוץ דער אידישער מדינה און וועלן קוקן אויף דעם קליינעם לאַנד, מיט זיין הויפּטשטאָט צווישן די בערג, ווי אויף דעם הויפּט־קוואַל פון זייער מאָראַלישער אינספּיראַציע און אינטעלעקטועלער סטימולירונג — איצט, ווען די גרויסע אידישע ישובים אין אייראָפּע זיינען ליידער אַריין אין דער געשיכטע. אויב ישראל זאָל ניט דערפילן די דאָזיקע ראָלע, וועט דאָס אידישע פאָלק ווערן אָפּגעריסן פון זיין היסטאָרישער אַקס און טראַנספאָרמירט ווערן אין אַ „פאַרשטיינערטן איבערבלייבעכץ" אַנשטאָט אין אַ פאָלק, ווי טאָיינבי האָט אונז געפּרוּווט צו באַצייכענען.

יעדע פון די דאָזיקע אָנשטרענגונגען פאַר אינטעגראַציע איז שווער און קאָמפּליצירט. ישראל׳ס אינטעגראַציע אין מיטעלן מזרח פאָדערט אַ פונדאַמענטאַלע ענדערונג פון דער שטעלונג פון אַראַבישן פאָלק, פון דער איבערוועגנדיקער מערהייט פון דער באַפעלקערונג פון מיטעלן מזרח. עס פאָדערט אַן ענדערונג אין די הערצער און אין די מוחות פון די מיליאָנען אינדיווידועלע אַראַבער, אין זייער באַציאונג צו דעם אומצעשטערבאַרן פאַקט פון דעם קיום פון מדינת ישראל. דאָס פאָדערט אויך, אַז די אידן אין מדינת ישראל זאָלן באַגרייפן טיף דעם זין פון זייער גאולה, אַז זייער צוריקקער אין מיטעלן מזרח איז אַ פולער צוריקקער צו דעם מקור און צו דער באַזע פון זייערע אבות. דער העברעאישער אוניווערסיטעט אין ירושלים האָט שוין זייער אַ סך בייגעשטייערט, און וועט נאָך דאַרפן ביישטייערן אין דער צוקונפט פיל מער, פאַר דעם ציל פון דער דאָזיקער אינטעגראַציע. דער העברעאישער אוניווערסיטעט, דער צענטער פאַר שטודיעס פון לאַנדווירטשאַפט, מעדיצין, וויסנשאַפט, יורי, שפּראַכן, געשיכטע, ציוויליזאַציע און טראַדיציעס פון מיטעלן מזרח, מוז ווערן אין דעם ברייטסטן און פולסטן זין אַן אויסגעברייטערטער צענטער פון לערנען פאַר אַלע פעלקער פון מיטעלן מזרח, פאַר דער אינטעלעקטועלער עליטע פון אַלע מדינות אין דעם ראַיאָן — פאַר ישראלים, אַראַבער, דרוזן, קורדן, פערסיער און פיל אַנדערע.

אינטעגראַציע אין דער אידישער געשיכטע מיינט ביישטייערן צו דעם אופן פון דער אידישער היסטאָרישער אַנטוויקלונג אינטעגרירנדיק דאָס בעסטע פון דער העברעאישער רעליגיעזער, וויסנשאַפטלעכער און מאָראַלי־שער טראַדיציע, צופּאַסנדיק זיך צו די באַדינגונגען פון היינטצייטיקן לעבן און פאַרוואַנדלענדיק די ישראל׳דיקע געזעלשאַפט אין דער קולמינאַציע פון די גרויסע דערגרייכונגען און צילן פון דער פאַרגאַנגענהייט. דאָס איז אַ שווערער פּראָצעס. דאָס פאָדערט אינטעלעקטועלע אָנשטרענגונגען און פּסי־כאָלאָגישע צופּאַסונג. אין משך פון יאָרהונדערטער האָט אונזער פאָלק גע־לעבט אין די באַדינגונגען פון אַן אָנגעצוואונגענער סכיזאָפרעניע. מיר האָבן געלעבט גלייכצייטיק אין צוויי וועלטן: אין דער וועלט פון דער פאַרגאַנגענ־הייט און צוקונפט, פון איין זייט; און פון דער צווייטער זייט אין דער וועלט פון דער קעגנוואַרט, — פון געטאָס, פון רדיפות, אויסגעשטעלט אויף דער סכנה פון אומקום. די דאָזיקע נויטווענדיקייט צו לעבן אין דער זעלביקער צייט אין צוויי וועלטן האָט אין אונז אַנטוויקלט געוויסע אומגעזונטע כאַ־ראַקטער־שטריכן. דערפון נעמט זיך אונזער נייגונג פון צייט צו צייט צו עקסטרעמיזם, צו אַבסטראַקטן דענקען, צו חלומ׳ען אין מיטן העלן טאָג, צו אַסימילאַציע פון איין זייט און איזאָלאַציע פון דער אַנדערער זייט. אין משך פון יאָרהונדערטער האָט אונזער פאָלק זיך געוואָרפן צווישן דער גלאָריע און ריזיקן שוואונג פון די חלומות וועגן משיח׳ס צייטן און די דערנידעריקונגען פון דעם טעגלעכן קאַמף פאַר דעם פיזישן לעבן.

דער ציל פון ציוניזם און דער ציל פון ישראל איז געווען און איז אויס־צוהיילן די דאָזיקע אומנאָרמאַלע באַדינגונגען, צוזאַמענצושליסן די צוויי וועלטן, אַריינצופּאַסן די אידישע פאַרגאַנגענהייט, קעגנוואַרט און צוקונפט אין דעם איין־איינציקן שטראָם פון המשך; צו שאַפן היינטצייטיקע רעאַלי־טעטן, וואָס זאָלן זיך שטיצן אויף די דערגרייכונגען פון דער פאַרגאַנגענ־הייט; צו געבן פאָרם און קאָליר צו דער גלאָריע פון אונזער געשיכטע אויף דער ערד פון מדינת ישראל און צו די הימלען איבער איר; אָנצוואווענדן דאָס טעכנאָלאָגישע וויסן פון מאָדערנעם מענטש צו דעם קלימאַט און אַט־מאָספערע, וואָס האָט געגעבן די שפּראַך צו די נביאים.

די שווערסטע פון אַלע אינטעגראַציעס קאָן זיין די אָנשטרענגונג צו אינטעגרירן ישראל׳ס נייע ציוויליזאַציע אין דער געשטאַלטונג פון אידישן לעבן איבער דער גאָרער וועלט. ישראל מוז באַווייזן דאָס צו דערגרייכן, וויל אַנדערש וועט די מדינה בלייבן אַ קליין לאַנד אין יעדער הינזיכט. איר גייסט וועט זיין באַשרענקט דורך אירע גרענעצן און זי וועט שטענדיק זיין אָנגעוויזן אויף דעם חסד פון אירע שכנים. דאָס וועט, פון דער צווייטער

זייט, האָבן טראַגישע קאָנסעקווענצן פאַר די אידן איבער דער גאָרער וועלט. מיר קאָנען ניט בלייבן אַ פאָלק אָן אַ צענטער פון גייסט. אויב ישראל קאָן דאָס ניט ווערן — טאָ ווער וועט עס ווערן? די שוועריקייט באַשטייט אין דעם, וואָס מיר האָבן וויניק פּרעצעדענטן, לויט וועלכע מיר זאָלן זיך קאָנען ריכטן. מיר מוזן פאָרשן און זוכןביישפּילן פון אונזער פאַרגאַנגענהייט, אין ענלעכע תקופות, ווען גרויסע תפוצות ישראל האָבן זיך געפונען אַרום דער סואווערענער אידישער מדינה. אין דער פאַרגאַנגענהייט איז רעליגיע געווען דער קשר און די טראַדיציע, די דיסציפּלין וואָס האָט פאַראייניקט אידן אין און מחוץ דער אידישער מלוכה. וואָס פאַראייניקט אונז היינט־צו־טאָג, ווען די רעליגיעזע טראַדיציע איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן? וואָס וועט מאַכן די אידן פון מדינת ישראל און די אידן פון חוץ לארץ פאַר איין לעבעדיק און שאַפעריש אידיש פאָלק? פילאַנטראָפּישע הילף און רעטאָרישע סאָלי־דאַריטעט זיינען ניט קיין דויערנדיקער קשר. אויב דאָס אידישע פאָלק זאָל אויפהאַלטן זיין גאַנצקייט און איינקייט, מוז דאָס סאָציאַלע און אינטעלעק־טועלע לעבן פון די אידן אין ישראל ווערן אַ טייל פון דעם לעבן פון די אידן מחוץ דער מדינה, באַשטראַלנדיק און רעפלעקטירנדיק די אַמביציעס, האָ־פענונגען, וויזיעס און פּרינציפּן פון דער אידישער געשיכטע. מיר וועלן דאַרפן געפינען נייע וועגן און נייע מעטאָדן. העברעאיש, די שטאָלצע שפּראַך פון אונזער גרויסער קולטור אין דער פאַרגאַנגענהייט און פון דער באַנייטער אידישער מדינה אין מיטעלן מזרח, דאַרף ווערן די צווייטע שפּראַך פון די אידן אומעטום, וואו זיי וואוינען. אידן אומעטום דאַרפן קענען די הויפּט־יסודות פון ישראל׳ס קולטורעלער אַנטוויקלונג און דאַרפן צו איר ביישטייערן. אונזער פאָלק פאַרמאָגט אַן אייגנאַרטיקע און וואונדערלעכע גאונישקייט פון המשך, און איך בין זיכער, אַז די דאָזיקע גאונישקייט אונזערע וועט אַנט־פּלעקן וועגן און מיטלען, מיט וועלכע ישראל און די אידן אומעטום וועלן ווייטער זיין איין פאָלק.

און אין דעם קאָן דער העברעאישער אוניווערסיטעט שפּילן אַ גרויסע ראָלע. מיט דער הילף פון די אידישע קהילות איבער דער גאָרער וועלט — און איך האָב ניט אין זין בלויז די פינאַנציעלע הילף — קאָן דער העברע־אישער אוניווערסיטעט אין ירושלים זיך אַנטוויקלען אין אַ נאָך גרעסערער אינסטיטוציע. דער ציל און די אויפגאַבע פון העברעאישן אוניווערסיטעט דאַרפן זיין צו ווערן מער ווי אַן אוניווערסיטעט פאַר דער באַפעלקערונג פון ישראל. ער דאַרף ווערן דער אוניווערסיטעט, דער אינטעלעקטועלער צענ־טער פון אַלע אידן.

דאָס זיינען גרויסע אַמביציעס. אָבער קיין שום ציל איז ניט צו־הויך,

קיין שום צוועק איז ניט צו־ווייט, און עס איז ניט פֿאַראַן קיין גרענעץ פֿאַר אַמביציע אויפֿן געביט פֿון גייסטיקער שאַפֿערישקייט. אַלץ, וואָס גייסטיקע אַמביציעס דאַרפֿן האָבן, איז אַ פּראָגראַם, אַנטשלאָסנקייט און איבערצייגונג.

שטאַרק באַזאָרגט, ווי מיר זיינען אָפֿט, אין שווערע טעג פֿאַר ישראל׳ס קיום איבער די געפֿאַרן, וואָס לויערן אויף איר, אין איר פּאָליטישער איזאָ־לירונג, וואָלט איך פֿונדעסטוועגן געוואָלט אַריינבליקן אין דער וויטערער צוקונפֿט. דאָס אַריינקוקן אין דער צוקונפֿט איז תּמיד געווען דער קוואַל פֿון אַלע היסטאָרישע אָנשטרענגונגען. אַמעריקע׳ס גרויסער דיכטער וואָלט וויט־מאַן האָט געהאַט אַן אינספּירירנדיקע וויזיע וועגן אַ גרויסער דעמאָקראַטיע און האָט גערעדט וועגן דעם אויך אין די אומרואיקע טעג פֿון אַמעריקע׳ס בירגער־קריג. אויך איך — און איך זאָג דאָס מיט דער גאַנצער באַשיידנ־קייט — האָב אַ וויזיע, וואָס פֿליסט אַרויס פֿון מיין טיפֿסטן גלויבן אין דער היסטאָרישער מיסיע פֿון ציוניזם און פֿון די אידן. איך זע, ווי פֿון הר הכרמל; פֿון די בערג אין גליל; פֿון די זאַמדן אין נגב; און פֿון די בערג, וואָס רינגלען אַרום ירושלים, הויבט זיך אויף די אידישע מדינה, וואָס איז איינ־טעגרירט אין מיטעלן מזרח, ווי אַ פֿולער מיטגליד פֿון דער משפּחה פֿון די לענדער אין דעם ראַיאָן און וואָס גיט אירביישטייערונג צו דעם גרויסן רענעסאַנס פֿון דער געגנט, וועלכע איז אַמאָל געווען אַזוי פֿרוכטבאַר אין אידייען, אין וויזיעס, אין מאָראַלישע קאָנצעפּציעס. איך זע די אידישע מדינה, וואָס גיט די שפּראַך פֿאַר נייע מאָראַלישע פּרינציפּן; וואָס פֿאַרעמט־אויס אירע רעאַליטעטן פֿון די אידייען און מאָראַלישע ווערטן, מיט וועלכע אונ־זער פֿאָלק איז געווען דורכגעדרונגען אין די צייטן פֿון זיין מאַרטירערטום. איך זע די אידישע מדינה, ווי זי איז געוואָרן דער גייסטיקער און קולטורע־לער צענטער פֿון די אידן אומעטום; די אידישע מדינה, וואָס שטעלט־צו דעם דינאַמיזם פֿאַר דעם אידישן גייסטיקן שאַפֿן און פֿאַרזיכערט דעם גייס־טיקן המשך פֿון אונזער פֿאָלק. און אין דעם דאָזיקן בילד זע איך דעם העברע־אישן אוניווערסיטעט אין ירושלים, ווי אַ דערגרייכונג און אינספּיראַציע, אַ רעאַליטעט און אַ סימבאָל, געבנדיק זיין דויערנדיקע ביישטייערונג צו אַ נייעם און גלאָררייכן קאַפּיטל אין דער געשיכטע פֿון אונזער פֿאָלק, און פֿאַרווירקלעכנדיק די נבואה „כי מציון תצא תורה ודבר ה׳ מירושלים“.